STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08468

www.libtool.com.cn

# MASLYANSKI'S ZIKHROYNES

Zvi Hirsch Masliansky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מאַסליאַנסקי'ם זכרונות

פיערציג יאָהר לעבען און קעמפפען

פון

צבי הירש מאַסליאַנסקי

פאַרלאַג „זרבבל"

ניו יארק
די טורבערג פרעס
תרפ"ד

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

*Copyright, 1924, by the Author.*

---

נאָכדרוק שטרענג פארבאָטען

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn



צבי הירש מאַסליאַנסקי

www.libtool.com.cn

# MASLIANSKY'S MEMOIRS

*Forty Years of Life and Struggle*

by

H. MASLIANSKY

Published by "Zerubabel"

1924

*The* TURBERG PRESS, *Inc.*

35-37 ROSE STREET, NEW YORK

www.libtool.com.cn

געווידמעט צו מיין ליעבע
פרוי און קינדער

www.libtool.com.cn

# פון די אַרויסגעבער

אין אונזער אידישער ליטעראַטור האָבען מיר זעהר ווייניג ביכער פון „זכרונות“, באַזונדערס פעלט כמעט אין גאַנצען דער צווייג פון „רייזע ערינערונגען“, טראָץ וואָס אונזער פאָלק איז מעהר רייזענדער און וואַנדערער פון אַלע פעלקער, און פערמאָגט אין דעם הינזיכט מעהר מאַטעריאַל פון אַלע נאַציאָנען איבער'ן גאַנצען ערדבאַל; עס גיט כמעט ניט קיין איין לאַנד, אין וועלכער עס זאָל ניט זיין קיין אידען; און יעדער טייל פון זיי האָט פאר זיך אויסגעאַרבייט זיין איינענעם אַרט לעבען; זיינע זיטען, זיינע מנהגים, זיינע האָפענונגען, זיינע שטרעבונגען מיט זיינע אָריגינעלע אידעען און אידעאַלען, ווי אין פרט, אַזוי אין כלל, און דאָך זיינען זיי אין אונזער ליטעראַטור כמעט ניטאָ.

די אורזאַכע פון דעם איז גאָר א פשוט'ע, ווייל „רייזע זכרונות“ פאָדערען פון דעם שרייבער דריי נויטיגע פונקטען:

ערשטענס, רייזען, און זעהר פיעל רייזען, יאָהרען לאַנג איבער פאַרשיעדענע לענדער, אין וועלכע עס געפינען זיך מאַסען פון דעם אידישען פאָלק.

צווייטענס, בעאָבאַכטונג קראַפט, דער רייזענדער זאָל שטודירען און בעאָבאַכטען ווי אין דעם אידישען אינדיווידועלען לעבען אַזוי אין זייער קאָלעקטיווען, און איבערהויפט ער זאָל געווג צייט האָבען צו אַריינדרינגען פסיכאָלאָגיש אין אַלעם, וואָס איז נוגע צו זייער קולטור.

דריטענס, מוז ער זיין בעגנאַדיגט מיט טאַלאַנט צו שרייבען שעהן, דייטליך און פערשטעהנדיג אַלעס, וואָס ער זעהט און הערט, ער זאָל קאָנען פאַרשטעלען לעבעדיג זיינע רייזע בילדער.

אָט די אַלע דריי אומבעדינגטע פונקטען טרעפען זעהר, זעהר זעלטען ביי איין מענשען; איז איינער פון אונז א רייזענדער, איז ער א קליינער בעאָבאַכטער און ער האָט זיינע אייגענע געשעפטען, וועלכע זיינען דער הויפט צוועק פון זיין רייזע, און ער קאָן ניט נעהמען זיך גענוג צייט צו באַטראַכטען דאָס לעבען פון זיינע ברידער אין פערשיעדענע לענדער. און ווען ער פאַרמאָגט שוין יאָ די צוויי אייגענשאַפטען — רייזען און בעאָבאַכטען, האָט ער אָבער ניט גענוג ליטעראַרישע קרעפטען צו באַשרייבען ריכטיג אין וואָרט בילדער אַלעס, וואָס ער האָט צו דערצעהלען.

אָבער דער בוך: מאסליאַנסקי'ס „זכרונות“ פערמאָגט אַלע דריי אייגענשאַפטען; זיין לעבענס שיקזאַל האָט איהם באַשטימט מיט אַלע גאָטעס גענאַדען, צו זיין אַ וואַנדערער, נאַציאָנאַלער רעדנער צו זיין וואַנדער־פאָלק פאר צעהנדליגע יאָהרען איבער אַלע אייראָפּעאישע און אמעריקאנישע לענדער, אין וועלכע זיינע ברידער געפינען זיך.

פערציג יאָהר, פון דעם יאָהר 1881 — תרמ"א — ביז דעם יאָהר 1921 — תרפ"א, פערנעמען די ארבייט פון די „זכרונות“, דורכגעלעבט און דורכגעקעמפפט די

גאַנצע תקופה פון דעם געבורט פון „ח ב ת צ י ו ן“ ביז זי האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין דעם מאָדערנעם פּאָליטישען ציוניזמוס ביז היינטיגען טאָג. דאָס הייסט פון דר. לעאָן פינסקער, דורכגעמאַכט דעם גראנדיאָזנעם נאציאָנאלען שטורעם פון דר. הערצל, ביז דר. חיים ווייצמאַן; רעדענדיג פון הונדערטע פּלאַטפאָרמס אין פערשיעדענע הונדערטע שטעדט און שטעדטלאך אין אייראָפּא און אמעריקא, דורכרייזענדיג פון אדעסא ביים שווארצען ים ביז דעם אַטלאַנטישען אָקעאן און אריבער ביז שיקאגאָ, דורך די לענדער: רוסלאַנד, פּוילען, עסטרייך, דייטשלאַנד, בעלגיען, האָלאנד, ענגלאנד, פראנקרייך און די פעראייניגטע שטאַטען פון אמעריקא, און נאכהער א רייזע פון זיעבען טויזענד מייל איבער די צוויי ימים נאָך ארץ ישראל, דאָס הייסט פון ניו יאָרק נאָך ירושלים און צוריק.

פיער צעהנדליג יאָהר צ י י ט און איבער צעהן טויזענד מאָל ר ו י ם האָבען באשאפען די „ז כ ר ו נ ות“ דורך די בעאָבאכטונג און דעם טאלאנט פון דעם גרויסען פאָלקס-רעדנער.

מיר האָפען, אונזערע געהערטע לעזער, אז די וואונדערפולע מעמוארען וועלען אייך מאכען פיהלען און פערשטעהען, אז דער גרויסער פאָלקס-אָראטאָר מר. מאסליאנסקי האָט ניט נאָר אויפגעשריבען די „זכרונות“ נאָר ער האָט זיי דורכגעלעבט און דורכגעקעמפּפט, ווי א פאָלקס העלד, ניט איין מאָהל און ניט צעהן מאָהל איז ער געווען ארעסטירט אונטער די פינסטערע טיראַניי פון רוסלאנד, ביז ער האָט זיך ארויסגעריסען פון דעם „בור השבי“ נאָך די לענדער פון מערב אייראָפּא, און אין זיין וועג האָט ער פערזעהט די זריעה פון ציוניזמוס אין די הערצער פון זיינע מיליאָנען ברידער.

מיר ווילען אויפמערקזאם מאכען די קאָלעגען פון דעם גרויסען פאָלקס רעדנער, אז זיי זאָלען לעזען דעם בוך מיט מעהר אויפמערקזאמקייט, וועלען זיי געפינען פיעל האמעלעטישע קערנער און אָראטאָרישע פונקען, וועלכע וועלען זיי פיעל נוצען ברייגנען.

הונדערטע שטעדט, הונדערטע מענשען כאראקטערע וועלען פאַר אייך דורכגעהן לעבעדיגע; הונדערטע פאַקטען היסטאָרישע, פערשיעדענע עפּיזאָדען וועלען אייך בעלערנען און אַמוזירען אין דער גרויסער שטורמישער וועלט רייזע.

זרובבל.

www.libtool.com.cn

# א בריעף צו צבי מאסליאנסקי

ליבער פריינד מאסליאנסקי:

איך האב מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און מיט גרויס אינטערעס איבער־געלעזען אייערע זכרונות אין העברעאיש, וועלכע האבען זיך מיט איניגע יאהר צוריק געדרוקט אינ׳ם „העברי“ און יעצט, אין אידיש, אין דעם בוך וועלכען איהר געהט ארויסגעבען.

איך ווייס אז איהר האט איבערגעגעבען נור איין גאנץ קליינעם טייל פון אייערע זעהר־רייכע איבערלעבונגען. פיעל מעהר פון דעם וואס איהר דער־צעהלט אין דער עפענטליכקייט איז נאך פארבליבען אין אייער זכרון, אדער ריכטיגער: אין די טיפענישען פון אייער נשמה, אין אייער קודש־קדשים. ניט אלץ קאן מען, ניט אלץ דארף מען און זאל מען פילייכט דערצעהלען דער וועלט.

אייערע זכרונות האבען פאר מיר אלס איינפאכען לעזער געהאט א באַ־זונדערען און א לעבעדיגען אינטערעס.

אייערע זכרונות האבען אין מיר זעלבסט דערוועקט, לעבעדיג געמאכט, א לאנגע גאלעריע פון פערזאנען און פערזענליכקייטען. איהר האט אין מיר ארויסגערופען די עראינערונגען וועגען א לאנגע רייהע פון עראייגעניסען און געשעהענישען וואס זיינען איינג פארבונדען מיט דער אינטערעסאנטעסטער עפאכע פון אונזער גלות־געשיכטע: מיט דער תקופה פון תחית העם, תחית הלשון ותחית הארץ. כמעט די אלע פערזאנען וואס איהר דערמאנט אדער באשרייבט, אין אייערע זכרונות, זיינען אויך מיר גוט געוועזען פערזענליך באַ־קאנט אדער באפריינדעט. עס איז מיר גענוג געוועזען צו געפינען וועגען מאנכע פון זיי נור איין שורה אין אייערע זכרונות, דאס זייער אויסערליכער געשטאלט און זייער גייסטיגע פיזיאנאמיע זאלען פאר מיר לעבעדיג ווערען.

דעם אמת זאגענדיג, זיינען מאנכע פון די פערזאנען, נאציאנאלע און ציוניסטישע עסקנים, אידעאליסטען און קעמפער פאר דער אידישער אויפלע־בונג, ניט נור פון דעם גרויסען אידישען עולם פארגעסען געווארען, אבער — את חטאי אני מזכיר היום — אויך פון מיין זכרון ווי פארגעסען געווארען, יעדענפאלס אין הינטערגרונד פארוקט געווארען, אין ערגיץ א פארוואָרפענעם ווינקעל פון דער נשמה. און ווען איך האב געפונען זייערע נעמען אדער באַ־

שרייבונגען, אין אייערע מעמואַרען, האָב איך אויסגערופען: ברוך מזכיר נשכחות! פאַר יעדען פון זיי האָט איהר אַ פריינדליכען וואָרט, אָנגעזאַפּט מיט ליבע און אָנערקענונג.

איך בין אינגער פון אייך, אָבער איך האָב אויך זעהר פיעל, פיליייכט צו פיעל און צו אינטענסיוו, איבערגעלעבט פאַר די לעצטע פערציג יאָהר. עס איז געווען אַן עפּאָכע פול מיט באַוועגליכקייט, איבעראַשונגען, גייסטיגע און מאָראַלישע סענסאַציעס. אַן עפּאָכע אין וועלכע אידישע בלוט האָט זיך געגאָסען ווי וואַסער, די שנאה צום אידישען פאָלק, צו דער אידישער תורה און צו דעם אייגענטימליכען אידישען גייסט האָט דערגרייכט איהר העכסטען און געפעהרליכסטען פונקט. די טויט־שנאה צום אידישען פאָלק, צו זיין געניוס און צו זיינע רייכע שאַפענדע כחות, — דיעזע שנאה איז געוואָרען אַ מין וועלט־טעאָריע, אַ מין משונה'דיגע וויסענשאַפט, אַ רויב־טיהרישער אינסטינקט ביי אַ גרויסען טייל פון דער מענשהייט. אָבער עס איז ניט געבליבען ביי דער טעאָריע אָדער ביים אינסטינקט אַליין. דער שנאת עולם לעם עולם האָט אין אונזער עפּאָכע זיך אויסגעדריקט אין אַ גוואַלטיגער פּראַקטיק: פּאָגראָמען, גזרות, רדיפות, אַרויסטרייבונגען, וואַנדערונגען פון לאַנד צו לאַנד א. אז. וו.

אָבער די זעלביגע בלוטיגע עפּאָכע איז אויך געווען איינע פון די ליכטיגסטע, פון די שעפערישע אין אונזער געשיכטע.

אין דער צייט ווען די אַסימילאַציאָנס־מגפה האָט געבושעוועט אין די ערשטע רייהען פון אונזער פאָלק, ווען אונזערע באַגאַבטעסטע און אידעאַלסטע קינדער האָבען פאַרלאָזען מיט פאַראַכטונג און גרינגשעצונג אונזער אייגענע מחנה און זיינען אַריבערגעלאָפען אָהן אינערליכען שמערץ אין די מחנות פון אונזערע פיינד, אין דער צייט ווען דער נר־תמיד פון אונזער גייסט האָט געהאַלטען, ווי מאַנכע האָבען געגלויבט, פריינד און פיינד, ביים אויסלעשען, אין יענער צייט האָט אויפגעפלאַקערט דער גרויסער געדאַנק פון דער אידישער אויפלעבונג, פון דער אויפלעבונג פון זיין לאַנד און פון זיין קולטור.

עס איז געווען איין רעטונגס־געדאַנק, איין: דערלייזונג־געדאַנק. עס האָט זיך דערוועקט דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ־געפיהל. דער נביאים־גייסט, דער נביאים־רוח האָט זיך אָנגעהויבען פלוצלונג פיהלען אין דער לופט.

דיעזער גרויסער געדאַנק האָט פריהער אויפגעבליצט נור אין די מוחות פון איינצעלנע, פון געוועהלטע, פון יחידי סגולה. עס האָבען זיך אָבער געפאָדערט אויך שעפערישע גייסטער צו פאַרטיפען, צו פאַרמענשליכען און צו פאַרשפרייטען דעם דערלייזונגס־געדאַנק, צו געווינען פאַר איהם די גרויסע מאַסען, צו פאַרשאַפען איהם אַ צוציהונגס־קראַפט צווישען דער שטודירענדער־יוגענד, צווישען דער האַלב אָדער גאַנץ אַסימילירטער אידישער אינטעליגענץ. און נאָך מעהר — און דאָס איז דאָס וואונדערליכסטע: מען האָט געמוזט שאַפען

א צוגאנג פאר דעם רעיון־הגאולה, פאר דעם אידישען שטאָלץ, פאר דעם קאמף געגען דער אסימילאציע אויך צווישען די אָרטאָדאָקסען, צווישען די יראים וחרדים, צווישען די היטער פון דער אלטער אידישער טראַדיציאָן.

www.libtool.com.cn

עס האָבען זיך געברויכט נאַציאָנאַלע קעמפענדע שריפטשטעלער, נאַציאָ־נאַלע קעמפענדע רעדנער, אגיטאַטאָרען, נייע טאַלאַנטען, נייע פרישע נאַציאָ־נאַלע כוחות, יוגענד מיט שטאָלץ און אונדערשראָקענעם מוטה. דער געדאַנק פון דער אידישער אויפלעבונג — וואָס נור ער האָט געקאָנט רעטען די אידישע מאַסען און די אידישע יוגענד פון פארצווייפלונג, פון פאַראַטה און פון אונ־טערגאַנג — דיעזער געדאַנק האָט געמוזט באַגרינדעט ווערען מיט דער הילף פון אונזערע אלטע גייסטיגע אוצרות, מיט דער אידישער טראַדיציאָן, מיט דער אידישער געשיכטע אום צו מאַכען איהם פאָפולער אין דעם פאָלק. צו גלייכער צייט האָט מען געמוזט דיעזען גרויסען געדאַנק מאָדערניזירען, פארמענשליכען און צו פארשמעלצען איהם מיט'ן גייסט פון דער נייער צייט. מען האָט גע־מוזט אויסגעפינען די מאַגנעטישע קראַפט וואָס איז באַהאַלטען אין דער משיח־אידעע, אין דעם אלטען געדאַנק וואָס איז נאָך געבוירען געוואָרען אויף די חורבות פון ירושלים אום צו געווינען די אינטעליגענטע אידישע יוגענד וואָס זיינען געשטאַנען ביים שוועל פון דער אסימילאַציאָן, אום זיי זאָלען זיין די ערשטע חלוצים צו פארווירקליכען דיעזען געדאַנק אין מעשים, אין פראַקטישע פיאָנער־ארבייט.

* * *

עס האָבען זיך געפאָדערט צויבער־קרעפטע פאר די פארטיפונג און פאר־שפרייטונג פון דעם גרויסען געדאַנק. פון וואַנען וועלען זיי קומען? ווי זאָלען זיי געשאַפען ווערען? ווער וועט אויפהויבען מיט שטאָלץ און אָפּפערווילליגקייט די נייע נאַציאָנאַלע פלאַג?

און וואונדער איבער וואונדער: ווי דורך א צויבער־קראַפט האָבען זיך אָנגעהויבען באַווייזען די ערשטע נאַציאָנאַלע רעדנער, שריפטשטעלער און דיכטער. עס האָט זיך דערהערט אין אונזער ליטעראַטור א נייער טאָן, א שטאָלצער און ערנסטער טאָן פון קעמפפער פאר א גרויסער נאַציאָנאַלער אי־דעע. דער האָריזאָנט פון דעם אידישען געדאַנק, פון דער אידישער צוקונפט איז געוואָרען העכער און ווייטער. נייע פערספעקטיווען האָבען זיך ענטפלעקט. אָבער עס האָט געפעלט נאָך דער פאָלקס־רעדנער, דער פלאַם־פייערדיגער אגי־טאַטאָר פאר דעם רעיון־הגאולה. עס האָט געפעלט יענע גרויסע קראַפט פון דעם מאָדערנעם נביא, וואָס קאָן אָנצינדען די הערצער, אויפלעבען די גרויסע האָפ־נונג, דעם ווילען צום לעבען, די ענערגיע צו נייע טהאַטען, וואָס פיהרען צו דער דערלייזונג אין די הערצער פון פארשקלאַפטע מיט גוואַלד, אָדער פרייוויי־ליג־פארשקלאַפטע, פון די אונטערדריקטע, פארצווייפעלטע, אָדער אין די הער־

צער פון די זאַטע, איבערזאַטע, פאַרהאַוועטע און פאַרשמייעטע — און דיזע קראַפט האָט זיך אויך ווי דורך א וואונדער געפונען. דיזע אונגעוועהנליכע געטליכע קראַפט האָט זיך פאַרקערפּערט אין איהר פּערזאָן.

אין די אכציגער יאהרען פון דעם פאַריגען יאהרהונדערט האָב איך געלעבט אין מאָסקווע אלס איינער פון דעם סטודענטישען קרייז „בני־ציון“. די מייסטע חברים פון די „בני־ציון“ איז נאכהער בעשערט געווען צו פאַרנעה־מען די ערשטע פּלעצער אין דער רייהע פון די גייסטיגע פיהרער אין דעם אידישען לעבען, אין דער נאַציאָנאַלער און דער ציוניסטישער באַוועגונג, אלס טעאָרעטיקער און אלס פּראַקטיקער, אלס קעמפּפער און אלס פיהרער.

און אין יענעם קרייז פון די „בני ציון“, דער קרייז פון אידישע טאַלאַנ־טען, אידישער שאַרפזין, אידישער גייסט און דער ריינסטער אידישער אידעע־אַליזמוס, — אין יענעם קרייז איז באקאנט געוואָרען דער וואונדער: א גרוי־סער, גלענצענדער פאָלקס־רעדנער, א מאַן מיט אויסערגעוועהנליכער אויסער־ליכער שעהנהייט און איבערליכער גייסטיגער קראַפט, באַרייזט די גרויסע אי־דישע צענטערען אין רוסלאנד, און טרעט אויף אין די בתי־מדרשים אלס אגי־טאַטאָר פאַר׳ן ציון־געדאַנק, פאַר די אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק און אידישען גייסט. עס איז באקאנט געוואָרען, אז איהר ציהט נאָך זיך פון איין זייט די אָרטאָדאָקסען, די רבנים, די אידישע בעלי־בתים און גבירים און פון דער אנדער זייט — די אידישע אינטעליגענץ, די אידישע יוגענד און אויך די מאַסען.

איך שרייב דאָ ניט איהר ביאָגראַפיע, און ניט דאָ איז דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלען אויף איהר פרוכטבארער נאַציאָנאַלער טעטיגקייט אלס פאָלקס־רעדנער, אלס פריינט און חבר פון יעדען אידישען טאַלאַנט און פון יעדער טע־טיגקייט פאַר די נוצען פון דעם אידישען פאָלק.

איהר קאָנט צוריקבליקען מיט שטאָלץ און צופרידענהייט אויף איהר פאַרגאַנגענהייט. איהר האָט אין איהר צייט געשאַפען די שוהלע פאַר די אי־דישע פאָלקס־רעדנער. מיט איהר גרויסער באַגייסטערונג, מיט איהר רעדנער קראַפט, מיט די קינסטלערישע בילדער, וואָס איהר האָט געמאָהלט פון אונזער געשיכטע און פון אונזער געגענוואַרט, מיט איהרע אונצעהליגע דרשות און רעדעס, וועלכע זיינען שטענדיג געווען דורכגעזאַפּט מיט דעם עכט אידישען גייסט, אָנגעפּיהלט מיט די פּערעל פון אונזער אַלטער ליטעראַטור און צוגלייך מיט דער מאָדערנער קינסטלערישער פאָרם, אין וועלכער איהר האָט אויסגע־דריקט איהרע געדאַנקען און געפיהלען — מיט דעם אלעם האָט איהר געדיענט אלס ביישפּיעל פאַר איהרע תלמידים.

ניט נאָר אויף דער בימה האָט איהר באַוזען די וואונדערבארע קראַפט זיך אליין און אנדערע צו באַגייסטערען, אָבער אויך אין איהר פּריוואַטען



www.hbtool.com.cn

לעבן, אלס פריינד און חבר, האט איהר אימער פארשטאנען אריינצוטראגען באגייסטערונג, ליבענסווירדיגקייט, עכט מענשליכע און אידישע געפיהלען אין אייער פארקעהר מיט פריינד, אייערע פריינד, אדער די פריינד פון אונזער קולטור.

www.libtool.com.cn

ניט דא איז דער פלאץ צו באדאנקען אייך פאר אייערע אויפריכטיגע פריינדשאפט, וואס איהר האט ארויסגעוויזען מיינער ווייניגקייט, זייט איך בין געקומען קיין אמעריקא, און פאר אייער פריינדשאפט, וואס איהר האט שטענדיג ארויסגעוויזען דער העברעאישער באוועגונג אין דיזעם לאנד.

מיין עיקר כוונה אין מיין בריעף צו אייך, איז געווען אייך צו זאגען, דאס אייערע זכרונות, וועלכע איהר פארעפענטליכט, איז א בייטראג צו דער געשיכטע פון דעם ציוניזמוס און פון דער נאציאנאלער באוועגונג.

איהר האט א גרויסען חסד געטהאן מיט פיעלע אידעאלע נפשות, וואס זיינען געווען צווישען די ערשטע בויער פון דעם ציוניזמוס, וועלכע האבען געבראכט פיעל אפפער אונזער גרויסען אידעאל, וואס איהר האט זיי מיט אזוי פיעל ליעבע דערמאנט און איהר האט איינגעקריצט זייער נאמען אויף די לוחות פון אונזער נייער געשיכטע.

מיין גרעסטער וואונש איז דאס איהר זאלט זוכה זיין נאך צו פארעפענט־ליכען ביי אייער לעבען אייערע מעמוארען פון דעם אמעריקאנעם לעבען ביז אויף היינטיגען טאג.

* * *

און איך וויל אייך נאך זאגען, פריינד מאסליאנסקי: איך האב ליעב ליטעראטור, — זעלבסטפארשטענדליך דאס, וואס עס פארדינט אנגערו־פען צו ווערען מיט'ן נאמען ליטעראטור — אין אלע איהרע איידעלע פארמען און אריגינעלע ערשיינונגען, אבער אמליעבסטען איז דאך מיר געווען די מע־מוארען־ליטעראטור. יעדע ערשיינונג אויף דיזען געביט האב איך שטענדיג פריידיג באגריסט. דען דער גרויסער מאנגעל פון מעמוארען אין דער העב־רעאישער ליטעראטור, אדער אין אנדערע ליטעראטורען, וואס אידען האבען זיך מיט זיי באדיענט, האט גורם געווען, דאס פיעלע אינטערעסאנטע עפאכען פון אונזער לעבען אין די גלות לענדער, זיינען ביז אויף היינטיגען טאג זעהר מאנגעלהאפט באשריבען געווארען. און דארום האב איך אייך יעדען מאהל אין אונזערע פריינדליכע געשפרעכען אויפמערקזאם געמאכט אויף די וויכ־טיגקייט און די נויטווענדיגקייט, דאס איהר זאלט פארעפענטליכען אייערע זכרונות. איהר האט זוכה געווען, אין דעם פארלויף פון מעהר ווי א מענש־ליכען דור, צו זיין דער ליבלינג פון די גרויסע אידישע מאסען פון איין זייט, און פון דער נאציאנאלער אידישער אינטעליגענץ פון דער אנדער זייט. איהר

האט געלעבט מיט'ן פאלק און פאר'ן פאלק, איהר האט אנטייל גענומען אין אלע גרויסע גרינדונגען און אינסטיטוציאנען, וואס דאס אמעריקאנישע יו־דענטהום האט אין לעצטען דור אויפגעטהאן אויף דעם געזעלשאפטליכען און נאציאנאלען געביט. אייער עקזיסטענץ איז מיט טויזענדער פעדים פארקניפט און פארוועבט מיט אלעם, וואס דאס אידישע פאלק האט אין די לעצטע צעהנ־דליגע יאהר געשאפען — און דארום האבען אייערע זכהונות אזא ווערט אין מיינע אויגען.

אייער,

**ראובן ברײנין.**

ניו־יארק, ד' אייר, תרפ"ד.



www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# ערשטער קאַפּיטעל

**מיין** ערשטע דרשה פאַר קינדער, איינגעהילט אין אַ שבת־דיגען טישטוך. — די פּאָגראָמען פון 1881 און די חובבי ציון. — איך רעד אין די פּינסקער שוהלען. — מיין באַגעגעניש מיט אוסישקינען אין יעקאַטערינאָסלאַוו. — אָדעס, די וואונדער־שטאָדט. — פּינסקער׳ס טויט און די הספּדים נאָך איהם. — אָדעסער רוסישע צייטונג מסר׳ט מיך אַז איך וויין אין די שוהלען. — דער גראַדאָנאַטשאַלניק זעליאָני שיקט מיך ארויס פון אָדעס.

---

נאָך אַלס קינד האָט מיך געצויגען צו דער בימה. ווען איך בין אַלט געווען 7 יאָהר און איך בין שוין קלאָר געווען אין גאַנץ תנ״ך, האָב איך איינמאָל אין אַ שבת ביי טאָג געבראַכט מיינע חברים אין אונזער הויף און מיר האָבען זיך, ווי געוועהנליך, געשפּיעלט. פּלוצלינג איז מיר איינגעפאַלען אַ נייע שפּיעל: איך בין שטילערהייט אריין אין הויז, אראָפּגענומען דאָס שניי־ווייסע טישטוך פון טיש און זיך איינגעוויקעלט אין דעם ווי אין אַ טלית. אַזוי בין איך ארויסגעקומען צו מיינע חברים און איך האָב זיך אוועקגעשטעלט האַלטען פאַר זיי אַ דרשה. איך האָב גערעדט מיט פייער, מיט דער גאַנצקייט און התלהבות פון מיין קינדערשער נשמה און אָנגעוואָרפען אַ מורא אויף מיינע צוהערער, וואָס זיינען אַלע געווען קינדער אין מיינע יאָהרען.

געווען איז עס אין די ניין טעג, אידען זיינען שוין ארומגעגאַנגען תשעה־באָב׳דיג, ניט מרה־שחורה׳דיג, נאָר ערנסטער ווי אַ גאַנץ יאָהר, עס האָט זיך שוין געפיהלט די חורבן־שטימונג. האָב איך גע׳דרשנ׳ט פאַר מיינע חברים וועגען דעם חורבן בית המקדש. איך האָב גענומען דאָס לעצטע קאַפּיטעל פון מלכים ב״, וואו עס ווערט דערצעהלט פון חורבן בית ראשון. איך האָב געמאָהלען אין קרעפטיגע בילדער, ווי אַזוי נבוכדנאצר מלך בבל האָט בעלאַגערט מיט זיינע חיילות די אידישע קרוינשטאָדט ירושלים און ווי דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט אויף די גאַסען פון דער שטאָדט. איך געדיינק עס ווי היינט, ווי לעבעדיג איך האָב פאָרגעשטעלט דאָס גרויסע אומגליק, ווי איך האָב געשילדערט דעם גרויזאַמען הונגער. די קינדער האָבען געוויינט הויך אויפ׳ן קול און איך האָב מיט זיי מיטגעוויינט.

ווען איך בין צוגעקומען צום רב־טבחים נבוזראדן, ווי ער האָט צעהאַקט אויף שטיקער די גילדענע זיילען ״יכין״ און ״בועז״ און דער גאַנצער בנין פון בית המקדש איז איינגעפאַלען, האָבען די קינדער זיך אַזוי צעיאָמערט, אַז מיין זעליגער פאָטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שבת־ביי־טאָגיגען שלאָף. דער פאָטער מיינער איז געווען אַ גרויסער למדן, אָבער אַ טרוקענער מתנגד. ער איז ארויסגעקומען אַ צע׳כעס׳טער און האָט צעטריבען מיין עולם. מיך אַליין האָט

www.libtool.com.cn

ער גוט מכבד געווען פאר שטערען איהם דעם שלאף און נאכמעהר פאר אפּדעקען דעם שבת׳דיגען טיש, וועלכער איז געגליכען צום מזבח.

ווען איך בין עלטער געווארען, בין איך געווארען א ליידענשאפטליכער צוהערער צו די מגידים, וועלכע פלעגען דורכרייזען די שטאדט סלוצק. איך פלעג זיי נאכמאכען זייערע העויות, נאכזינגען זייערע הארציגע נגונים און מבינים האבען אויף מיר נביאות געזאגט, אז איך וועל זיין אמאל א „מגיד נפלא בישראל”. אפילו דער גרעסטער מגיד אין זיין צייט, טאקי מיינער אן אייגענער, דער סלוצקער מגיד, רבי צבי הירש דיינאוו, האט אויך זיך אמאל אויסגעדריקט, ווען ער האט מיך געהערט איהם נאכמאכענדיג, אז איך וועל נאך אמאל ממלא מקומו זיין.

אבער היבשע עטליכע יאהר זיינען פערשוואונדען ביז איך בין ארויס „אויף דער וועלט”, און די וועלט מיינע איז געווען די שטאדט פינסק. איך בין דארט געווען א לעהרער, און יעדען שבת האב איך געלערנט תהלים פאר א גרויסען עולם אין די שוהלען, אבער ניט פאר געלד חלילה.

די גאנצע וואך האב איך געארבייט אלס העברעאישער לעהרער, און די שבתים האב איך געלערנט מיט׳ן עולם.

אין יאהר תרמ״א, 1881, האט געטראפען א צופאל, וועלכער האט פערזיגעלט מיין גורל אויפ׳ן גאנצען לעבען. דאס איז געווען שבת אינמיטען זומער, ווען אלכסנדר דער צווייטער איז ערמארדעט געווארען פון די רוסישע ניהיליסטען, און אלכסנדר דער דריטער איז ארויף אויפ׳ן טראהן. עס האבען זיך אנגעפאנגען די שרעקליכע פאגראמען און איגנאטיעוו דער דאמאלסדיגער אינערען מיניסטער, איז ארויס מיט זיינע פינסטערע גזירות אויף אידען. דער ערשטער פאגראם האט אויסגעבראכען אין יעליסאוועטגראד. ווען איך האב געלייענט די נייעס „א שחיטה אויף אידען אין יעליסאוועטגראד”, האט זיך אזוי ווי א פייער אנגעצונדען אין מיר און א ברענענדיגע ליידענשאפט צום רעדען האט זיך אין מיר פאנאנדערגעפלאקערט. איך האב פשוט זיך קיין ארט ניט געפונען, איך בין געלאפען פון שוהל צו שוהל צו געפינען אן עולם, ביז איך בין געקומען אין דער גרויסער שניידערשער שוהל, וואו דער גרויסער מגיד רבי אהרן דוד פלעגט זאגען. די שוהל איז געווען פול, דער מגיד האט מסיים געווען זיין דרשה און איך בין צוגעלאפען צו איהם מיט פערוויינטע אויגען און געבעטען רחמים ער זאל מיר ערלויבען ארויפגעהן אויף זיין בימה צו רעדען עטוואס צו זיין עולם. רבי אהרן דוד האט פשוט רחמנות געהאט אויף מיר און האט מיר ערלויבט. די הפטרה פון יענעם שבת איז געווען „ותאמר ציון עזבני ד׳”. איך האב געברויכט פאר מיין טהעמא בלויז דעם ערשטען פסוק און איך האב גערעדט מיט פייער ביז איך מיט׳ן גאנצען עולם האבען זיך צוואויינט. אויך דער קאלטער חקירה׳שער רבי אהרן דוד ז״ל האט געוויינט.

www.libtool.com.cn

פון יענעם שבת אן בין איך געווארען א מטיף ביי אידען. יעדען שבת האט מען מיך גערופען אין אן אנדער שוהל צו דרשנ׳ען און איך בין געגאנגען, ווייל אין מיין הארצען האט געברענט א פייער, וואס האט מיך פארצעהרט. די אידישע צרות, די בלוטיגע פאגראמען, די פינסטערע גזרות האבען באשטימט מיין גורל, אבער איך האב געהאט די זכיה באלד צו קומען צו מיינע צוהערער ניט נאר מיט צרות, נאר אויך מיט האפנונגען, מיט די אייביגע האפנונגען פון אידישען פאלק אויפצובויען דאס אידישע לעבען אין אידישען לאנד.

אין יענע פינסטערע טעג איז געבוירען געווארען דער געדאנק פון חבת ציון און מיט׳ן גאנצען פייער פון מיין יונגער נשמה האב איך איבערגעגעבען דעם הייליגן רעיון. דער אידעאל האט אויסגעלייזט מיין נשמה, האט מיר געצייכענט א ליכטיגען וועג אין דער פינסטערניש. אין פינסק האט זיך געגרינדעט א חברה חובבי ציון מיט׳ן קארלינער רב, ר׳ דוד פרידמאן בראש. איך בין געווען א חבר אין דער אגודה און איך פלעג אין מיינע דרשות אין די שוהלען מעורר זיין די אידען צום אידעאל פון ציון׳ס אויפלעבונג. מיין מטיפות האט באקומען א הייליגען זינן, רעדענדיג וועגען די צרות, האב איך אנגעוויזען דעם וועג צו אונזער לאנד, דעם וועג צו אויסלייזונג.

אין יאהר תרמ״ה האב איך פערלאזט פינסק און בין געפאהרען קיין יעקאטערינאסלאו. אויך דארטען האב איך זיך ערנעהרט פון לעהרעריי און די שבתים און ימים טובים האב איך גערעדט אין די שוהלען, פרעדיגענדיג חבת ציון. צוזאמען מיט רבי מיכאל מיידאנסקי, וויטאל לעוואנדא, רש״י סטאניסלאווסקי און שפעטער איז אויך צוגעקומען מנחם מענדעל אוסישקין, האבען מיר געגרינדעט א צענטער פון חובבי ציון. נאך 4 יאהר ארבייט האבען מיך מיינע חברים צוגערעדט איך זאל ארויספאהרען איבער די גרעסערע שטעדט צו פראפאגאנדירען די ציוניסטישע אידעע און פערשטארקען די בעוועגונג. איך האב מסכים געווען און זיך ארויסגעלאזט איבער׳ן לאנד.

א נייע וועלט האט זיך פאר מיר אנטפלעקט אין דער שעהנער שטאדט אדעס, וואוהין איך בין געקומען צוערשט אויף מיין רייזע. א נייער הימעל, א נייע ערד, נייע מענשען, גרויסע מענשען מיט שעהנערע מאניערען און פיינערע מנהגים. איך בין בעצויבערט געווארען פון איהרע ברייטע גאסען מיט די גראנדיאזנע געביידען און די מענשען — לעבעדיגערע, פרעהליכערע, ריינערע, און לעבען טאקע ווי ״גאט אין אדעס״. בעזאנדערס בין איך ענטציקט געווארען פון דער דעריבאסאווסקי גאס, וועלכע בעפוצט דעם גראנדיעזען ברעג פון שווארצען ים.

איך האב גלייך בעזוכט אונזערע גרויסע אידען אין אדעס: דעם זיידען מענדעלע (שלום יעקב אבראמאוויטש), ״אחד העם״ (אשר גינזבורג), דער שפאגעל־נייער דענקער און שרייבער, וועלכער איז אין יענער צייט ארויסגעקו־

www.libtool.com.cn

מעו מיט זיין ערשטען מאמר אין "המליץ" "לא זו הדרך", און האט געמאכט א רעש אין דער העברעאישער וועלט, דעם קאלטען, לאגישען פובליציסט משה ליב ליליענבלום.

דעם ראש הועד, דר. פינסקער, דער פערפאסער פון קליינעם-גרויסען בוך "זעלבסט עמאנציפאציאן", וואס האט בעשאפען א ציוניסטישע עפאכע, האב איך ליידער ניט געקאנט זעהן, ווייל ער איז שוין דאן געלעגען קראנק.

זיצענדיג איינמאל צוזאמען מיט'ן אדעסער רב ר' דוד שלמה סלושץ — דער פאטער פון דר. נחום סלושץ — אין דעם בית הועד פון די חובבי ציון און רעדענדיג וועגען דר. פינסקער, וועגען זיין גרויסקייט און זיין איבערגעבענהייט צום רעיון פון חבת ציון, איז אריינגעקומען א מאן און אנגעזאגט אונז די פינסטערע בשורה אז דאקטאר פינסקער איז געשטארבען.

מיט צובראכענע הערצער זיינען מיר גלייך געגאנגען צום גרויסען נפטר'ס הויז. מיט אראפגעלאזענע קעפ, פול מיט עהרפורכט האבען מיר געקוקט אויף זיין שעהנעם לייבען-קאפ, וועלכער האט איצט אויסגעזעהן אזוי קעניגליך רוהיג. זיינע מקורבים, זיינע קאלעגען דאקטוירים, וועלכע האבען געהאט די עהרע צו שטעהן ביי זיין יציאת נשמה, האבען דערצעהלט, אז א פאר מינוטען פאר זיין לעצטען אטהעם-צוג, האט ער געעפענט די אויגען און האט זיך שטארק איינ-געקוקט אויף די וואס זיינען געשטאנען ארום זיין בעט און האט צו זיי געזאגט מיט א וויינענדיגען קול: "מיר איז יעצט פיעל לייכטער, מיינע שמערצען האבען מיך אפגעלאזען, אבער מיין פאלק, מיין פאלק, דאס אומגליקליכע"... און מיט דעם לעצטען ווארט איז ער אויסגעגאנגען.

אין אדעס האב איך פערבראכט איינינע וואכען, איך האב גערעדט דארט אין זיבעצעהן פערשיעדענע שוהלען. מיינע רעדען האבען געמאכט א שטארקען רושם אויף אלע, אלטע און יונגע, רייכע און ארימע, פרומע און פרייע. די רוסישע צייטונגען האבען וועגען מיר געשריבען כמעט טעגליך, און דאס האט מיך פשוט ארויסגעטריבען פון אדעס, ווי איך וועל אייך ווייטער דערצעהלען.

איינמאל אין אן אוונט זיינען מיר געזעסען א קליינע צאהל חובבי ציון ביי משה ליב ליליענבלום ביי א גלאז טהעע. מיט אונז איז אויך געווען דער "מטיף הלאומי", יעווזעראוו און מיר האבען גערעדט וועגען פינסקער'ס טויט און וועגען הספדים נאך איהם וואס דארפען איינגעארדענט ווערען וואס שנעלער, ווייל די צווייטע וואך וועט זיין חנוכה און מיר וועלען ניט מאכען קיין הספדים.

פלוצלינג שטעהט אויף ליליענבלום, מיט דער צייטונג "אדעסקי ליסטאק" אין האנד, און זאגט צו מיר: "יא, מיין פריינד מאסליאנסקי, דער היינטיגער אוונט איז אייער לעצטער אוונט אין אדעס".

"וואס איז דאס"? האבען מיר אלע אויסגעשריען.

www.libtool.com.cn

ליליענבלום האט איבערגעלייענט פאר אונז א גאנצען ארטיקעל אין "ארעסקי ליסטאק" וועגען מיר און וועגען מיינע רעדען, וועלכע ווירקען אויף מיינע צוהע־רער ניט אין דעם זינן ווי די רעגירונג וויל, און זאגאר די יונגע הערער, די סטודענטען וויינען הערענדיג מיינע שילדערונגען פון אונזער לעבען אין רוסלאנד, א. ז. וו.

"זייט זיכער — האט געזאגט ליליענבלום, — אונזער גראדאנאטשאלניק, גענעראל זעליאני, וועט לייענען דעם ארטיקעל און ער וועט באלד געבען א באַ־פעהל ארויסצושיקען אייך פון אדעס".

מאנכע האבען געלאכט פון ליליענבלום׳ס פעסימיזם און פון זיין רייכער פאנטאזיע, אבער איך האב אויפריכטיג געפיהלט, אז דאס איז ריכטיג.

ארום האלבע נאכט האב איך זיך געזעגענט מיט דער פערזאמלונג און איך בין אוועקגעגאנגען צו מיין "האטעל אלכסנדר". ווי איך בין נור אריינגעקומען אין האטעל, איז צוגעגאנגען צו מיר א פריסטאוו מיט צוויי זשאנדארען און מיך געפרעגט:

"ביזטו דער פראפאווערניק מאסליאנסקי?"

"יא", האב איך געענטפערט מיט א געמאכטען שטאלץ.

"עפען גלייך דיין צימער, מיר זיינען געשיקט געווארען צו דיר אין נאמען פון זיין האהייט דעם גראדאנאטשאלניק".

איך האב געעפענט מיין צימער, האב אנגעצונדען א ליכט, און זיי זיינען גלייך אנגעפאלען ווי הונגעריגע וועלף אויף מיינע טשעמאדאנען מיט די זאכען. זיי האבען אויפגעקליבען מיינע אלע דאקומענטען, פערשידענע פאפירען, און זיי האבען פערזיגעלט מיט דער רעגירונגס־זיגעל און צוגענומען. מיר האבען זיי אנגעזאגט אז איך בין ארעסטירט אין מיין צימער איבערנאכט, איך טאר אין ערגיץ ניט געהן און מארגען, ניין אין דער פריה, מוז איך זיך שטעלען פאר דעם גראדאנאטשאלניק גענעראל זעליאני.

די ערשטע שלאפלאזע נאכט אין מיין לעבען האב איך פערבראכט צוליעב מיין ערשטער באגעגניש מיט דער רוסישער פאליציי, און ווי לאנג און שרעקליך איז מיר געווען די נאכט. ניט איין מאל האב איך געפרעגט ישעיה׳ס פראגע: "שומר מה מליל? שומר מה מליל?!"

באגינען האב איך געשיקט אנזאגען ליליענבלום׳ען אז זיין נבואה איז מקוים געווארען, און גלייך זיינען געקומען צו מיר דער מטיף יעווזעראוו און אברהם אליהו לובארסקי.

פונקט 9 א זייגער בין איך שוין געווען אין דער קאנצעלאריע פון דעם גראדאנאטשאלניק. דארט האב איך געפונען די פרעזידענטען און די בעאמטע פון

www.libtool.com.cn

די אלע שוהלען אין וועלכע איך האָב גערעדט, און דעם קאָזיאַנער ראבינער דר. פּאָמעראַנץ. די פּאָליציי האָט אונז צושטעלט אין צוויי שורות, און מיר האָבען געוואַרט אויף דעם ארון הגדול.

א טהיר האָט זיך געעפענט און דער גענעראל, אָנגעטהאָן אין זיין גאַנצער גלאַנץ, איז אריין. אין זיין האַנד האָט ער געהאַלטען די צייטונג ״אָדעסקי ליסטאָק״, וואו דער ארטיקעל איבער מיר איז געווען געדרוקט.

״יעוורעאי!״ האָט ער זיך געווענדעט צו די אַלע פערזאַמעלטע, ״ווער איז דאָס פון אייך דער ״פּלאַקסון״ (דאָס הייסט דער ״מקונן״) וועלכען איהר האָט אויסגעשריבען פון יעקאַטערינאָסלאַוו צו באַקלאָגען אייער לאַגע?״

״איך!״ האָב איך געענטפערט, ארויסגעהענדיג פון דער רייה. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטען מיט א בייזען בליק פון קאָפּ ביז די פיס און האָט זיך צושריען מיט א געמאַכטען כעס: ״ווײַנען און מאַכען ווײַנען ביזטו געקומען אהער! איך וועל דיך נאָך היינט ארויסשיקען פון שטאָדט און דו וועסט שוין מעהר ניט ווײַנען דאָ״.

באַלד האָבען צוויי זשאַנדאַרען זיך אַוועקגעשטעלט פון מיינע ביידע זייטען.

און צו די פּרעזידענטען מיט דעם ראבינער האָט ער געזאָגט מיט א שרעקליכער חוצפּה:

״ווײַנען ווילט זיך אייך. אידען, מען טאָר ניט ווײַנען! ראַדאָוואַטסיאַ נאַדאָ! איהר דאַרפט זיך פרעהען, ווייל כל זמן איך וועל זיין מיט אייך דאָ, וועט ניט זיין קיין פּאָגראָמען. פערשטעהט איהר וואָס איך רעד צו אייך, אידען? אייער פּלאַקסון האָב איך שוין פערזאָרגט מען זאָל איהם נאָך היינט פון שטאָדט ארויסשיקען, און אויב איהר וועט ווייטער ווײַנען אין אייערע שוהלען וועל איך אייך אלעמען ארויסשיקען פון שטאָדט. געהט אהיים״.

אלע זיינען ארויסגעגאַנגען מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ, און מיך האָבען די זשאַנדאַרען אַוועקגעפיהרט צו מיין האָטעל.

איך האָב בעצאָהלט אין האָטעל און זיי האָבען מיך מיט מיין געפּעק אַוועקגעפיהרט צום וואָקזאַל.

דאָרט אויף דער פּלאַטפאָרם האָב איך געפונען די אַלע פאָרשטעהער פון די חובבי ציון. זיי זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט מיר. דער גלאָק האָט געקלונגען צום ערשטען מאָל, די זשאַנדאַרען האָבען מיך אריינגעפיהרט אין וואַגאָן און דער עלטערער פון זיי האָט מיר איבערגעגעבען מיין פּאַספּאָרט מיט מיין פּעקעל שריפטען און האָט מיר אין אויער גאַנץ שטיל אריינגערוימט: ״פּאָהר געזונד, פּראָפּאָווידניק. דו האָסט דאָס רעכט צו קומען מאָרגען צוריק

www.libtool.com.cn

צו אונז אין אדעס, מיר ווייסען אז דו ביזט ניט קיין פערברעכער, נאר מיר מוזען אויספיהרען דעם באפעהל פון אונזער משוגענעם גראדאנאטשאלניק״.

דער צוג האט זיך גערוהרט און מיינע בעגלייטער האבען אויסגערופען: ״ד׳ יצליח דרכך!״

## צווייטער קאפיטעל

## די ארגענטינער בעוועגונג

די בעסאראבער אידען מאכען אויף מיר א מאדנעם איינדרוק מיט זייער פעסטען געבוי און פרעהליכקייט. — באראן הירשים אגענטען ווייזען אויף מיט פסוקים און מדרשים אז משיח וועט קומען פון ארגענטינא. — חובבי ציון קעמפפען געגען די פאלקס פארפיהרער. — גובערנאטאר שיקט מיך ארויס פון בעסאראביע און הייסט מיר האנדלען מיט הערינג.

פון אדעס, פון וואנעט איך בין ארויסגעשיקט געווארען מיט אזא פאראד, בין איך געפאהרען קיין בעסאראביע. איך מוז זיך מודה זיין, אז די רייזע איז מיר ניט געווען צום הארצען. בעסאראביע איז אין דער ליטע קיינמאל ניט געווען באליבט. די ליטוואקעס, וועלכע זיינען שטאלץ אויף זייער לומדות, האבען זיך שטענדיג געהאלטען פאר בעסערע אידען און האבען געקוקט אויף די בעסאראביער אידען פון אויבען ארונטער. דער בעסאראביער איז ביים ליטוואק געווען פאררעכענט פאר א געזונטען אידען מיט ברייטע אקסלען, שטארקע פויסטען, מיט א רויטען פול־בלוטיגען קארק און אין לעבען האט ער בלויז צוויי אידעאלען — מאמעליגא און וויין. עס איז מיר געווען פריקרע צו קומען צו אפגעגעסענע אידען און רעדען צו זיי וועגען ציון, וועגען דעם גלות ישראל און גלות השכינה, און נאך אזעלכע ענינים, וואס זיינען ווייט פון מאמעליגא און וויין.

אבער קומענדיג אין די בעסאראבישע שטעדט, בעקאנענדיג זיך נעהענטער מיט די דארטיגע אידען און צוקוקענדיג זיך צו זייערע מנהגים אין לעבען, איז מיין שרעק אינגאנצען פערשוואונדען. איך האב געפונען אז דער ליטווישער קימא־לן וועגען די בעסאראביער אידען איז קיין קימא־לן ניט. איך האב גע־פונען צווישען די בעסאראביער אידען א סך משכילים, בני תורה, לומדים און טיעפע דענקער. פיעלע פון זיי האבען זיך אינטערעסירט אין דער חבת ציון באוועגונג און זיי זיינען געווען איבערגעגעבען צו דער אידעע מיט דעם גאנצען פייער פון זייער נשמה. זייער שטארקער קערפערליכער געבוי און זייער הילבר גיבען זיי צו חן און מען מוז זיי ליעב בעקומען.

www.libtool.com.cn

איך בין דורכגעפאהרען איינינע בעסאראביער שטעדט און איבעראל האב איך געהאט א גרויסען עולם צו מיינע רעדען, און זעהר פיעל אגדות חובבי ציון זיינען דאן געגריינדעט געווארען.

אין יענער צייט איז נפטר געווארען דער בעוואוסטער גאון רבי מרדכי גימפעל פון רוזינאי, איינער פון די גרעסטע רבנים אין דער ציוניסטישער באוועגונג, און ווען איך האב מספיד געווען דר. פינסקער, האב איך איהם אויך מספיד געווען, און די צוויי גרויסע נפטרים האבען צוגעצויגען אלע קלאסען אידען.

אין קעשענעוו האב איך געפונען די ציוניסטישע בעוועגונג אין איהר פולער קראפט, קעמפפענדיג מיט דער מעכטיגער באוועגונג אויסצואוואנדערען קיין ארגענטינא.

די ארגענטינא־באוועגונג איז געשאפען געווארען אין פעטערבורג דורך באראן הירש׳ס אגענטען זונענטהאל און פיינבערג. ווי א שטורם האט זי זיך דורכגעטראגען איבער די אידישע שטעדט אין דער טשערטא, וואו אידען איז ערלויבט געווען צו וואוינען. באראן הירש איז געווארען פלוצלינג א גואל ומושיע ביים אידישען המון, זיינע בילדער האבען בעציערט אלע אידישע הייזער, זיין נאמען איז געבענשט געווארען פון אלע קלאסען. ארגענטינא, וועמעס נאמען אידען האבען קיינמאל ניט געהערט, האט באקומען א שם פאר אן ״ארץ זבת חלב ודבש״.

א לעגענדע האט זיך פערשפרייט איבער אלע שטעדט און שטעדטלעך, אז באראן הירש איז דער גרעסטער ביליאנער אין דער וועלט און ער וויל ארויס־נעהמען אלע אידען פון פאגראמען־לאנד און באזעצען זיי אין ארגענטינא, וואס געהערט אין גאנצען צו איהם. מען וועט געבען פערטיגע מאיאנטקעס און יעדער איד וועט פשוט זיצען ״תחת גפנו ותאנתו״.

א שטארקע פראפאגאנדא איז אנגעפיהרט געווארען פאר ארגענטינא. הונ־דערטער טויזענדער בראשורען האט מען פערשפרייט אין וועלכע עס איז דער־צעהלט געווארען פון דער רייכקייט און פעטקייט פון ארגענטינער באדען, איהר געזונטען קלימאט און פרוכטבארקייט. די ראזיגע בראשורען זיינען גע־לעזען געווארען אין די הייזער און אין די גאסען, אין די שולען און אין די בתי מדרשים, ביחידות און בצבור. מיט איין ווארט — ארגענטינא איז געווארען דער צענטער פון דעם אידישען געדאנק, מאסען אידישע ארבייטער האבען אוועקגעווארפען די ארבייט און פלעגען זיך ארומדרעהען אויף די גאסען. עס פלעגען זיך צוזאמענקלייבען הונדערטער אידען ביי די וואהנונגען פון די ארגענ־טינער פארשטעהער צו דערגעהן אויף ריכטיג ווען די ערשטע גרופע וועט פאר־לאזען רוסלאנד. די אגענטען האבען געטהאן זייער ארבייט: מיט זייערע אראטארישע קרעפטען האבען זיי פארגעשטעלט די גליקען פון דער נייער

www.libtool.com.cn

ארץ ישראל, וואו עס איז נשתנה געווארען דער סדר העולם, אנשטאט נאכט איז דארט טאג, אנשטאט ווינטער איז דארט זומער, א גאט געבענשט לאנד, וואס קיין קראנקהייט איז דארט ניטא. מאנכע רעדנער האבען נאך באוויזען פון פסוקים אין תנ"ך, פון פערשידענע מאמרים אין מדרש, אז דאס איז די ריכ־טיגע גאולה, און דער פסוק "כי הנני בורא שמים חדשים וארץ חדשה", אדער דער מאמר "עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות", זיינען פון זייערע ליפען ניט ארונטער. דאס פאלק האט דורכגעלעבט א נייע שבתי צבי תקופה, די מקובלים און די בעלי הגימטריאות האבען אויך ניט געשוויגען מיט זייערע סודות׳דיגע פאנטאסטישע נייע קצים, וועלכע זיי האבען טאג־טעגליך בעשאפען.

פון רייד זיינען זיי אריבער צו טהאט. זיי האבען געעפענט קאנטארען צו פערשרייבען דעם עולם. זיי פלעגען בלויז נעהמען דרייסיג קאפיקעס פון יעדען איינעם פאר דעם פערשרייבען זיין נאמען אין דער "רשימת הנוסעים", און גליקליך האט זיך געשעצט יענער, וואס האט זוכה געווען צו זיין שוין א פער־שריבענער. נאכהער האבען זיי אנגעפאנגען צו נעהמען דרייסיג קאפיקעס וועכענטליך פון יעדען פערשריבענעם, און דער עולם האט געצאהלט מיט חשק, זאגאר סוחרים, מיטעל־קלאס מענשען האבען פערלאזען זייערע געשעפטען און צוגעשטאנען צו די פערשריבענע צו פאהרען קיין ארגענטינא.

די איינציגע, וועלכע האבען זיך מיט אייפער אפען געשטעלט געגען דער ארגענטינא־באוועגונג זיינען געווען די חובבי ציון. זיי האבען געזעהן אין איהר ניט נאר א קאנטראסט צום ציוניסטישען אידעאל, נאר אויך א פערראטה און אן אפלייקענונג פון דער אידישער האפנונג אויף ארץ ישראל. ביי די חובבי ציון איז עס געווען אנגענומען, אז ווען אידען פערלאזען רוסלאנד און זייערע גלות־בעשעפטיגונגען און בענייען זייער לעבען צו בעזעצען זיך אויפ׳ן לאנד אלס ערד־ארבייטער, מוז דאס זיין נאר אין ארץ ישראל און בשום אופן ניט קיין אנדער לאנד. עס זיינען נאך געווען אזעלכע, וועלכע האבען נביאות געזאגט גאר אין אנפאנג, אז דער ישוב אין ארגענטינא וועט זיין א שרעקליכער דורכפאל.

די חובבי ציון האבען געפרואווט עפענען דעם פאלק די אויגען עס זאל זיך ניט לאזען פערפיהרען פון די דעמאגאגען, וועלכע האבען געוואלט פארשלעפען די מאסען אין א ווייטען וויסטען לאנד.

אזוי איז דאס פאלק צעטיילט געווארען אין צוויי טיילען: ארגענטינצעס און פאלעסטינצעס. די מחלוקת׳ן צווישען די צוויי כתות האבען אפט געבראכט צו קריעג און געשלעג, ביז עס איז דערגאנגען צו דער רעגירונג, וועלכע איז געווען פריינדליך צו די ארגענטינצעס, ווייל דאס איז געווען פערבונדען מיט די מיליאנען פון באראן הירש. אלעקסאנדער דער דריטער האט די ארגענטינישע בעוועגונג בעשטעטיגט אלס לעגאלע און האט אונטערגעשריבען די לעגאליזאציע אום תשעה באב.

www.libtool.com.cn

דער אינצידענט, וואס די ערלויבניש איז געגעבען געווארען אין אונזער נאציאנאלען טרויער־טאג, האט אויך געדיענט אלס פראפאגאנדא־מיטעל פארביידע פארטייען. די חובבי ציון מטיפים האבען דאס אנגערופען דער דריטער חורבן, אזוי ווי די היסטאריקער האבען מיט 400 יאהר צוריק צוגערעכענט צו תשעה באב טאג דעם גירוש ספרד.

די ארגענטינישע פאלשע נביאים און דרשנים ווידער האבען באוויזען מיט מאמרים פון מדרשים און ילקוטים, אז דער אנפאנג פון דער גאולה מוז קומען אום תשעה באב. ביידע שטרעמונגען אין אידישען לעבען האבען צווישען זיך אנגעפיהרט א ביטערען קאמפף און די דערשלאגענע אידען זיינען געשטאנען צווישען צוויי פייערען.

אין דער דאזיגער קאכיגער צייט ביז איך געקומען קיין קעשענעוו. איבער־געבענע ארבייטער פאר חבת ציון האב איך דארטען געפונען. דער ראש האגודה איז געווען דער בעוואוסטער דאקטאר כהן־בערנשטיין און זיינע צוויי העלפערס, דער העברעאישער שרייבער שלמה דובינסקי און שלמה בערליאנד. די צוויי שלמה׳ס האבען מיט זייער יונגען נאציאנאליסטישען פייער געארבייט אין דער באוועגונג. זיי האבען געגרינדעט א חברה "דורשי תושיה" מיט דעם צוועק צו לערנען דאס פאלק און צו פערשפרייטען דעם ציוניסטישען געדאנק.

די ערשטע רעדע האב איך געהאלטען אין דער גרויסער שוהל, אין וועל־כער עס האט נאך קיינמאל קיין דרשן ניט געזאגט, ווייל דארטען האט גע־דאווענט און גע׳דרשנ׳ט דער קדוש רבי חיים, דער פערפאסער פון "באר מים חיים" און ביי חסידים איז דאס פאררעכענט פאר א חלול הקדש צו שטע־לען א פשוט׳ען בשר ודם אויף זיין ארט. נאר פאר מיר האבען זיי געמאכט אז אויסנאהם, אבער אין מיטען מיין רעדע איז געווארען א שרעקליכע מהומה אין דער ווייבערשער שוהל וואו עס איז געווען א גרויסע ענגשאפט. דער טומעל איז געווארען אלץ שטארקער און אומזיסט האב איך אנגעווענדעט מיין גאנצע קראפט איינצושטילען דעם עולם. איך האב געמוזט ארונטער פון דער בימה און די חסידים האבען דאס צוגערעכענט פאר נאך א מופת פון דעם הייליגען רבי חיים...

אין מיינע רעדען האב איך באריהרט די ארגענטינישע פראגע, און איך האב איהר דן געווען לכף חוב. איך האב געווארענט דאס פאלק ניט צו לאזען זיך פערפיהרען פון דעם בעראנס אגענטען, די דעמאגאגען. איך האב זיי עבֿ־קלעהרט די געפאהר, וואס עס שטעהט פאר זיי פאר אין ווייטען ווילדען לאנד. איך האב זיי געגעבען צו פערשטעהען דעם אונטערשיעד פון ארץ ישראל, וועלכע איז אנגעזעטיגט מיט׳ן בלוט פון אונזערע עלטערען אין די פופצעהן הונדערט יאהר וואס זיי האבען געלעבט דארט א פאליטיש לעבען, ביז א פרעמד ווייט

www.libtool.com.cn

ווילד לאנד, פון וועלכען מיר האבען קיינמאל נים געוואוסט און מיר ווייסען נאך פון דעם נים ביז היינט.

זעלבסטפערשטענדליך, אז די רעדעס האבען שטארק דערצערענט די אר־געגטינער גענז און זיי האבען געזוכט מיטלען מיך צו באזייטיגען.

זיי האבען געזוכט און געפונען.

א קאמיטע פון זיי האט זיך געווענדעט צו דעם בעסאראביער גובערנאטאר און פשוט גע׳מסר׳ט, אז איך בונטעווע דאס פאלק געגען ארגענטינא, און ווייל די בעוועגונג איז דאך א באשטעטיגטע פון דער רוסישער רעגירונג און דער צאר האט דאך אונטערגעשריבען דעם באראן הירש פראיעקט, ביז איך דאך א מורד במלכות, א בונטאוושטשיק, נים מעהר און נים וויניגער...

דער גובערנאטאר האט געטהאן זיין לאיאלע פליכט און האט ארויס־געגעבען א באפעהל צו ארעסטירען מיך.

דריי טעג בין איך געווען ארעסטירט און קעשענעוו האט געקאכט ווי א קעסעל. די ציוניסטישע פיהרער האבען זיך מיט אלע זייערע קרעפטען משתדל געווען צו בעפרייען מיך, אבער עס איז זיי נים געלונגען, ווייל דער גובערנאטאר האט מיך געהאלטען פאר א פאליטישען פארברעכער.

ווי א מלאך מושיע איז דאמאלסט געווען צו מיר דער אידישער גענעראל, דאקטאר בלומענפעלד, א גוטער נאציאנאלער איד, ער איז געווען דער גו־בערנסקער דאקטאר. ער איז געגאנגען נים איין מאל צום גובערנאטאר ביז ער האט מיר די פרייהייט געגעבען מיט דעם באדינג איך זאל איהם אויפשרייבען מיינע רעדעס אין רוסיש.

איך האב אזוי געטהאן און ערקלעהרט איהם פערזענליך, אז נאך מיין מיי־נונג איז ארגענטינא אן אומגליק פאר מיין פאלק, און איך, אלס פאלקס־רעדנער, האב געפיהלט אז עס איז מיין הייליגע פליכט צו ווארענען דאס פאלק.

דער גובערנאטאר האט מיר געהייסען באלד פערלאזען קעשענעוו און גאנץ בעסאראביע. ער האט מיר געזאגט אויף א פריינדליכען אופן: ״וואראף אוועק, יונגערמאן, דיין אראטארסטווא, עס איז גלייכער פאר דיר צו האנדלען מיט הערינג, אדער מיט ציבעלעס, איידער צו זיין אין רוסלאנד א רעדנער. דו פער־שטעהסט, יונגערמאן, רוסלאנד איז א לאנד פון שוויגען, נים פון רעדען״...

www.libtool.com.cn

# דריטער קאפיטעל

## בעסאראבישע שטעטלאך

קאזיאָנער ראבינער, וואָס לייגט תפילין אום יום טוב. — איזמאיל פיהרט ארויס די גאנצע תבואה. — רומעניש היגט אויף יענער זייט דונאי. — קיליא, די בבל פון בעסאראביע. — דייטשען און אידען אין טארוטינא.

איינינע מאָנאטען האָב איך פערבראכט אין די בעסאראביער שטעדט און שטעדטלאך. אין די אבענדען האָב איך גערעדט און אין די טעג האָב איך בע־אבאכטעט דאָס לעבען פון אונזערע ברידער אין יענער געגענד, וואס איז ביז דאן מיר געווען פרעמד. וואס טיעפער איך האָב אריינגעדרונגען אין לאַנד, אלץ מעהר האָב איך געזעהן די גייסטיגע אָרימקייט פון די אידען אין די דאָזיגע שטעדטלאך. א שרעקליכע עם הארצות, א מוראדיגע גלייכגילטיגקייט צום אידישען וויסען האָט דאָרט געהערשט. דער יונגער דור איז אבסאָלוט געווען ווייט פון אידישקייט אין העכערען זינן. דער עלטערער דור איז געווען פארנומען מיט הדריי זאכען: וויין, קארטען־שפיעל און פאהרען צום רבי'ן אויף ימים נוראים. נייז טעפ פון עם הארצות האבען צוגענומען די קאזיאָנע ראבינער. קיין איינער פון זיי האָט ניט פארשטאנען קיין העברעאיש. זיי זיינען געווען ווייטער פון אידענטהום ווי פון גריכענטהום מיט איהר קולטור.

מערקווירדיגע צוויי עפיזאָדען, וועלכע זיינען בעוואוסט איז גאנץ בע־סאראביע, קאָנען אילוסטרירען די געלעהרזאמקייט פון יענע קאזיאָנע־ראבינער:

דר. א. פ. איז אויסגעקליבען געוואָרען אין דער שטאָדט איזמאיל אלס ראבינער. דעם ערשטען יום טוב נאָך זיין באקומען די ראבינער־שטעלע איז ער געקומען אין שוהל דאוונען. ער איז ארויפגעגאנגען אויבען־אָן אין מזרח־זייט, האָט זיך איינגעוויקעלט אין זיין טלית און האָט ארויסגענומען זיינע תפילין צו לייגען. דער שמש פון שוהל האָט דאָס באמערקט און האָט איהם געגעבען צו פארשטעהען אז יום טוב לייגט מען קיין תפילין ניט.

"מיינסטו ווירקליך, — האָט ער געענטפערט דעם שמש, — אז מיר דאָק־טוירים זיינען ניט קיין אידען און מיר לייגען ניט קיין תפילין?!"

דעם שמש איז אָנגעקומען זעהר שווער איבערצוצייגען דעם ראבינער אז ער דאַרף קיין תפילין ניט לייגען אום יום טוב.

דער צווייטער פאל ווערט דערצעהלט אויף נאָך א גרעסערען תלמיד חכם א ראבינער: איינמאָל איז געקומען צו איהם א יונגע מיידעל נאָך אן ערלויבניש מקבר צו זיין איהר אלטען פאטער. נאכדעם אז דער ראבינער האָט ביי איהר

www.libtool.com.cn

צוגענומען די 4 רובעל פאר זיין טרחה, האט ער איהר אויפגעשריעבען אין העברעאיש: ״לקבר את המוכ״ז״. צופעליג איז די מיידעל געווען א ליטווישע און האט פערשטאנען העברעאיש, איז זי געבליבען שטעהען א פארציטערטע און האט אנגעקוקט דעם ראבינער שטומערהייד. דער ראבינער האט ניט פער־שטאנען פארוואס זי קוקט אזוי אויף איהם, ביז א שכן זיינער איז אריין און האט איהם ערקלערט וואס מיינט דאס ווארט ״המוכ״ז״. די ארימע יונגע מיידעל איז נאך יונג און וויל נאך לעבען...

מיינע רעדען אין די שטעדטלעך האבען אריינגעבראכט א נייעם לעבען אין די עצמות היבשות. מיט מיין גאנצער קראפט און ענערגיע האב איך זיי אויפגעוועקט פון זייער לעטארגישען שלאף און כמעט אין יעדער שטאדט האבען זיך געגרינדעט ״אגודת חובבי ציון״, און אויך שעורים פאר תנ״ך און אידישער געשיכטע. יונגע לייט פלעגען נאך מיין רעדען צוגעהען צו מיר און דאנקען מיט טרעהרען אין די אויגען און האבען מיר פערשפראכען צו לערנען און שטודירען אידישע לימודים.

ווען איך האב פערבראכט אין איזמאיל, האב איך בייגעוואוינט א מערק־ווירדיגע סצענע. אין דעם יאהר איז געווען א שרעקליכער הונגער אין די אינערע גובערניעס פון רוסלאנד. די פויערים זיינען געפאלען פון הונגער און עפידעמישע קראנקהייטען האבען געבושעוועט. אין געגענטהייל, אין דרום רוס־לאנד, איז געווען א ברכה איבער אלע פעלדער און זעהר פיעל תבואה פלעגט ארויסגעשיקט ווערען נאך אויסלאנד.

אום צו מאכען א סוף צו דעם אוננארמאלען צושטאנד, האט די רעגירונג פארווערהט דעם תבואה־עקספארט נאך אויסלאנד און האט באשטימט נאך 24 שעה צו ענדיגען ארויסצושיקען די לעצטע שיפען מיט דער אנגעלאדענער תבואה. דער באפעהל איז אנגעקומען קיין איזמאיל, וואו עס איז געווען צו־געגרייט פיעל געטריידע צום עקספארט און האט געמאכט אן איבערקעהרעניש אין שטאדט. די תבואה־הענדלער זיינען פערציטערט געווארען פון צאר׳ס אוקאז און זיי זיינען אומגעלאפען איבער דער שטאדט צו זעהן טראנספארטירען זייער תבואה וואס מעהרער און וואס שנעלער צום פארט. אין איין שעה זיינען אלע קארעטעס, די אריסטאקראטישע פוהרען, פערוואנדעלט געווארען אין אייג־פאבע שלעפ־וועגען, און די שטאלצע קוטשארעס אין פשוט׳ע בעלי עגלות. דעם גאנצען טאג האבען זיך געצויגען איבער די גאסען קאראוואנען מיט אנגעלאדע־נער תבואה פון די מאגאזינען צום פארט פון שווארצען ים.

דאס איז געווען א בילד, וואס איך קען נאך ביז היינט ניט פארגעסען.

פון איזמאיל בין איך געפאהרען קיין קיליא.

די גאנצע נאכט בין איך געפאהרען הארט ביים ברעג פון טייך דונאי, וועלכער טיילט אפ רוסלאנד פון רומעניען. מיט א צובראכען הארץ האב איך

www.libtool.com.cn

געקוקט אויף דער אנדערער זייט טייך, אויף דעם טיראנישען לאנד, וואס דריקט בארבאריש אונזערע אומגליקליכע ברידער. דאס איז דאך די פינסטערע רומעניע, פון וועלכער איך האב זיך אזוי פיעל אנגעלעזען און אנגעהערט, פון איהר אכזריות און מעשים תעתועים, וואס זי טהוט צו די אידען. רומעניען, דאס איז דאך דאס בארבארישע נידריגע פאלק, וואס האט נים זיין אייגענע געשיכטע, נאר זיי זיינען די קינדער פון די רוימישע מערדער און פערברעכער, וועלכע די רוימישע רעגירונג האט אהער פערטריבען אפצוקומען דא פאר זייערע פאר־ברעכענס. און דא אין זייער גלות־לאנד האבען זיי זיך אויסגעמישט מיט די שווארצע ציגיינער, וועלכע זיינען געקומען פון דעם אריענט, און פון דעם מישמאש, רוימישע מערדער מיט די שווארצע ציגיינער, האבען זיך ענטוויקעלט די היינטיגע רומעניער, וועלכע טרעטען מיט זייערע פיס אויף די קעפ פון די קינדער פון ישראל סבא...

מיט אזעלכע טרויעריגע געדאנקען ביז איך געזעסען אין שליטען די גאנצע נאכט און פון וויטען, אויף יענער זייט דונאי, האב איך געזעהען די קליינע פייערלאך פון די קליינע רומענישע הייזלעך. איך האב צומאל געהערט דאס בילען פון די רומענישע הינט, וועלכע האבען געבילט אויף דער לבנה — דיזעלבע הינט מיט דעם זעלבען הינטישען כאראקטער ווי די רוסישע הינט, קיין אונטערשיעד...

עס איז טאג געווארען און איך בין געקומען אין קיליא.

אין דעם דאזיגען קליינעם בעסאראבישען שטעטעל בין איך בעקאנט געווא־רען מיט א קריסט, איינער פון די חסידי אומות העולם, און דוקא א פאליאק. דר. לובאזינסקי, האט ער געהייסען. ער איז געווען אן אמת׳ער אוהב ישראל. ער האט גענומען א נאהענטען אנטהייל אין די אידישע צרות, פלעגט פיהרען ויכוחים מיט די צוררי ישראל אין דער פרעסע אין פערשידענע שפראכען, אויפווייזענדיג זיי ווי נאריש זיי זיינען מיט זייער האס צו א פאלק, וואס האט געשאפען אזוי פיעל גייסטיגע אוצרות פאר דער גאנצער וועלט. איך האב פיעל פערגעניגען גע־האט צו פערברייינגען מיט איהם, בעזאנדערס בין איך ענטציקט געווארען פון זיין גענויער בעקאנטשאפט מיט דער אידישער געשיכטע. איך האב איהם גע־שאנקען פרוג׳ס שירים אין רוסיש און ער האט זיי פשוט פערשלונגען. ביי מאנכע ליעדער האט ער איינפאך געוויינט.

איך האב א נאמען געגעבען קיליא „בבל הקטנה", ווייל דארט איז א שרעקליכער שפראכען־געמיש. די איינוואוינער רעדען 7 שפראכען : רומעניש, בולגאריש, אידיש, רוסיש, טערקיש, דייטש און פראנצויזיש. מערקווירדיג איז געווען, אז אונזערע אידען האבען גערעדט די אלע שפראכען, נאר קיין העברעאיש האבען זיי נים געקענט.

www.libtool.com.cn

פון קיליא בין איך געפאהרען נאך רעני. דאס איז ווירקליך א וואונדער־בארע שטעטעלע. אויף איהר איז מקוים געווארען דער וואונש פון "אגור בן יקה", "ראש ועושר אל תתן לי". עס איז דארטען ניט געווען קיין רייכע לייט, אבער קיין ארימע לייט אויך ניט. זיי האבען דארטען זאגאר ניט געוואוסט פון מעות חטים אויף פסח, ווייל זיי האבען ניט געהאט ווער עס זאל ביי זיי נעהמען.

דער טאג איז געווען א וואונדער־שעהנער, די זונן האט בעלויכטען מיט איהרע שטראהלען די בעסאראביער שווארצע פעטע פעלדער און איהרע ווייג־גערטנער, וועלכע שפרייטען זיך אויפ׳ן וועג פאהרענדיג נאך גאלאץ. א בייגקעניש האט זיך מיר אין מיין הארץ אריינגע׳גנב׳עט, ווען איך האב בעטראכט, אז איך זיץ אין וואגאן צווישען פערשיעדענע מענשען פון פערשיעדענע פעלקער: רוסען, פאליאקען, רומעניער, בולגארען און סערבען, נאר איך בין געווען איין איד. די אלע האבען דאס רעכט צו זיצען אין דעם לאנד און לעבען, אויסער איך ניט; פלוצלינג הער איך א געשריי "זשידאן", וואס איז געקומען פון א גראב־בייכיגען רומעניער, וועלכער איז געזעסען אנטקעגען מיר. איך האב זיך איינגעהאלטען און האב איהם ניט געענטפערט, נאר גלייך איז אויפגעשטאנען אן עסטרייכער אפיציער, אנגעטהאן אין זיין פולער יוניפארם, הויך געוואקסען, שטארק געבויט, מיט צוויי פלאמענדע אויגען, און אין א רייכער רומענישער שפראך האט ער איהם געענטפערט, פארווארפענדיג איהם פאר זיין גראב־יונגישען אויסדרוק.

דאס געשפרעך האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אלע רייזענדע אין דעם וואגאן און באלד האבען זיך גרופירט צוויי רוסישע גייסטליכע מיט די לאנגע בערד פון פארענט און מיט די גרויסע צעפ פון הינטען, איינער א דירעקטאר פון א רוסישער גימנאזיע, און א פאר בולגארען און זיי האבען אנגעפאנגען א היציגע דעבאטע. מאנכע האבען געגאסען פעך און שוועבעל אויף אידען און אנדערע האבען זיי פערטהיידיגט, אבער דער עסטרייכישער מיליטערישער מאן האט זיי אלעמען אפגעענטפערט מיט קרעפטיגע ארגומענטען.

דער צוג האט זיך צוגעשטעלט ביי דער סטאציאן לייפציג. די פאסאזשירען זיינען ארויס און דער עסטרייכישער אפיציער איז צוגעגאנגען צו מיר. ער האט מיר דערלאנגט העפליך זיין האנד און זאגט צו מיר אין העברעאיש; "יהודי אני כמוך, בן עמי, ושמי פ. לאנבערג, יליד טשערנאוויטש, פקיד בחיל אוסטריא".

מיר האבען אנגעקוקט איינער דעם צווייטען ווי צוויי ברידער וועלכע בעגעגענען זיך נאך א שווערער שלאכט.

מארוטינא איז א דייטשע קאלאניע און בלויז דריי הונדערט אידען וואוינען דארט צווישען די טויזענדער דייטשען, און מערקווירדיג, זיי לעבען זיך צוזאמען רוהיג, די קריסטען מיט די אידען, קיין שפור פון אנטיסעמיטיזם בעמערקט מען דארט ניט. צוזאמען לערנען זייערע קינדער אין די אלגעמיינע שולען און זיי

www.libtool.com.cn

רעדען אלע אידיש עטוואס פערדייטשט. עס זיינען אפילו דא קליינע קריסטעלאך וועלכע וויסען אונזערע תפילות. ווען איך האב מיינע רעדען געהאלטען אין טארוטינא, זיינען פיעלע קריסטען געקומען מיך הערען און פערשטאנען.

בעת די פאגראמען האבען די אידען מיט די קריסטען צוזאמען ארגאניזירט אייגענע מיליטער צו היטען גאנצע נעכט די קאלאניע פון אן איבערפאל. אין אלגעמיין האט די געבענשטע רוהיגע קאלאניע געמאכט אויף מיר א וואונדערליכען איינדרוק, און הלואי וואלט זי געווען א ביישפיעל פאר אלע איהרע שכנות קאלאניעס.

לײדער אבער איז דאס ניט אזוי דער שיקזאל פון אונזערע אידען אין יענע נאהענטע דערפער, וועלכע זיינען אם מעהרסטענס באזעצט מיט רומעניער. אין דעם גרויסען דארף קאמענדאר וואוינען צוויי טויזענד בולגארישע פאמיליעס און צווישען זיי האבען געוואוינט פינף הונדערט אידישע געזינדען, איז פון זיי מעהר ניט פארבליבען אין דער צייט, ווען איך בין דאס דארף דורכגעפאהרען, ווי צוואנציג אידישע משפחות. זיי זיינען אלע ארויסגעטריבען געווארען, און זיי וואנדערען ארום ווי דאס גאנצע אידישע פאלק. נאך אין יענער נאכט, ווען איך בין דורכגעפאהרען דאס דארף קאמענדאר, האט אן אוריאדניק ארויסגעטריבען א אידישע פאמיליע. דער פראסט האט געברענט, א שטורמדיגער שניי האט פערדעקט די ערד ווי מיט תכריכים, קיין הונד האבען די פויערים אין גאס ניט ארויסגעלאזט, און דער מערדערישער אוריאדניק האט מיט געוואלד ארויסגעשלעפט די קליינע אידישע קינדערלעך פון ווארימען אויווען און האט זיי אריינגעווארפען אין די וועגען, וועלכע זיינען געשטאנען גרייט אויף דער גאס. עס איז געווען שרעקליך צו הערען דאס געוויין און דאס געבעט וואס די ארימע אומגליקליכע מוטער פון די קינדערלעך, א פינסטערע עלענדע אלמנה, האט זיך געבעטען ביי דעם מערדער. אפילו די בולגארען האבען רחמנות באקומען און האבען געבעטען דעם אוריאדניק ער זאל זיי לאזען זיצען אין דארף ביז דער ווינטער וועט זיך ענדיגען. עס האט אבער ניט געהאלפען. די וועגען, פול אנגעלאדען מיט קישענס און צודעקע, די קינדערלעך פון אויבען, דאס געשריי האט זיך צום הימעל דערלאנגט, אזוי זיינען זיי פארשוואונדען אין דער ווינטערדיגער נאכט.

אין זיך האב איך אויסגעשריען: ״למה ד׳ תעמוד מרחוק, למה תעלים לעתות בצרה ? !״

www.libtool.com.cn

## פערטער קאפּיטעל.

כּשר'ע ״ממזרים״. — א צוריסען לעבען פון א צוגעבונדען פּאָר־פּאָלק. — אקערמאַן און אָדעס. — די גאנצע חכמה פון דיעזער שטאָדט איז געלעגען אין איהר באָד. — אין יעליסאוועטגראד. — מיין באגעגעניש מיט א געבילדעטען שניידער און מיט דעם מחבר פון ״גן שעשועים״. — ״ביבלישע ברידערשאפט״.

## אין דער שטעדטעל ליאָוואָ

אין דער שטעדטעל ליאָוואַ האָב איך זיך דערוואוסט פון א טראגי־קאָמי־שען פאקט, וועלכער קען נור טרעפען א אידען און ניט קיין אנדערען מכל אומה ולשון.

איין אבענד בין איך געזעסען אין מיין אכסניא און האָב גערעדט מיט מיין בעל הבית און מיט זיין פרוי,ביידע יונגע אנשטענדיגע מענשען, פלוצלינג הער איך ווי דער מאן פרעגט זיין פרוי:

וואו זיינען דאָס אונזערע ממזרים?

די מאָדנע פראגע האָט מיך איבערראשט און איך האָב אויף'ן פּאָר פּאָלק א קוק געטהאָן מיט פערוואונדערונג. זיי האָבען אָבער באלד די זאך פאר מיר קלאָר געמאכט: די מוטער פון די קינדער איז א געבאָרענע א רומענערין, איהר מאן איז געבאָרען געוואָרען אין אלט־בעסאראביען, און אזוי האָבען זיי זיך געלעבט אין דעם הויז וואָס זי האָט בעקומען בירושה נאָך פון איהרע על־טערענס עלטערען און אלעס איז געווען כשר כל זמן דער גאנצער געגענד האָט נאָך בעלאנגט צו רומעניען, אָבער אזוי שנעל ווי דער טייל רומעניען איז פער־וואנדעלט געוואָרען אין נייע־בעסאראביען האָבען זיי גלייך אָנגעוואָרען דאָס רעכט צו זיצען דאָרט, דאָס הייסט, ווען זי זאָל נאָך געווען זיין א מיידעל וואָלט זי נאָך דאָרט געקענט וואָהנען, נאָר אזוי ווי זי בעלאנגט יעצט צום מאן, און זי האָט שוין מיט איהם צוויי קינדער, האָבען זיי געמוזט אלע פערלאָזען דאָס הויז. אָבער וואו נעהמט מען פרנסה פאר אזא געזינדעל?

איז קיין אנדער עצה ניט געווען ווי צו שיידען זיך אויף'ן געזעצליכען אופן. דאן האָט זי ווידער בעקומען איהר מיידעלשע רעכט צו בלייבען זיצען אין איהר הויז, און דער מאן מיט די צוויי קינדער זיינען אוועקגעפאָהרען צו זיינע עלטערען אין אלט־בעסאראביען. פון דאמאָלסט אָן זיינען זיי געווען פאָר־מאל צושיידעט; נור צוויי מאָל אין וואָך פלעגט ער קומען אהער אויף דעם יאריד — האנדלען איז געווען ערלויבט — און זיך אגב זעהן מיט זיין פרוי, און דאָס איז שוין אזוי געווען א געשיכטע פון איינינע יאָהר, און זי האָט אין דער צייט געבוירען נאָך צוויי קינדער. דער רעזולטאט איז געווען, אז די ערשטע

www.libtool.com.cn

צווי קינדער זיינען געווען כשר׳ע, אנערקענטע פון דער רעגירונג אויף זיין נאמען, און די לעצטע צווי זיינען געווען פרעמדע, "ממזרים", ניט אויף זיין נאמען, אבער דערפאר האבען די לעצטע דאס רעכט צו וואהנען אין ניי־בעסא־ראביען גלייך מיט אלע "רומענישע ממזרים".

## אקערמאן

אקערמאן איז איינע פון די אויזערנע שטעדט אין בעסאראבער גובערניע; אבער ווי פערשידען זיינען איהרע איינוואוינער פון די געוועהנליכע בעסאראביער אידען. עס איז פשוט שווער צו גלויבען אז זיי זיינען זייערע לאנדסלייט. דער חסידיזמוס, וועלכער געוועלטיגט אין דער בעסאראבער גובערניע האט זיין זי־געל אויף די אקערמאנער אידען ניט ארויפגעלייגט, זייער ארט לעבען, זייערע מנהגים, זייערע קליידער זיינען קאפירט פון זייער גרויסע שעהנע שכנה אדעס, די קרוין פון דרום רוסלאנד. אדעס האט פערשפרייט איהר פליגלען אויף איהר קליינע שוועסטער אקערמאן און האט זי אפגעשטעמפעלט מיט איהר איירא־פע־אישען זיעגעל און האט קיין שפור פון בעסאראביען אין איהר ניט געלאזען.

אבער דאס אלעס איז נור א פאלשער גלאנץ, נור פון אויבען אויף, ביי דעם ערשטען בליק; אבער ווען מען קוקט זיך צו אביסעל טיעפער זעהט מען, אז אקערמאן האט נור געלערענט פון אדעס אביסעל הפקרות אראפצואווארפען פון זיך דעם יאך פון רעליגיאן, דעם אלטען אידישען שטאט מיט אלע גוטע פרומע מדות, די הייליגקייט פון שבת און יום טוב, די ריינע כשר׳ע צניעות אין אידישען פאמיליע לעבען. די אלע פרייהייטען, נעגאטיוועו, האבען זיי זיך גוט אויסגעלערענט פון אדעס. אבער דאס גוטע, פאזיטיווע פון דער אידישער אדעס, אנשטאלטען, שוהלען, בילדונג, דעם טריב צו לערנען, צו שטודירען, נאציא־נאלע אינסטיטוציעס, דאס אלעס האבען זיך די אקערמאנער געפוילט איבער־צונעהמען פון די אדעסער, און די עם הארצות געוועלטיגט אויף זיי מיט דער אייגענער מאס ווי אין אלע בעסאראביער שטעדט.

ווען איך בין נאך א חדר אינגעל געווען בין איך געוואהנט געווען צו הע־רען צווישען די פערשיעדענע אידישע שימפף־ווערטער אויך דעם ווארט "בע־דער". צו האלטען א באד איז געווען ניט פון די זעהר נאבעלע פרנסות, און ווי פערוואונדערט בין איך געווארען ווען איך האב געפונען אז דער אקערמא־נער בעדער איז ניט קיין קלענערע פערזאן ווי דער גרויסער העברעאישער לי־טעראט און דער אויסגעצייכענטער סטיליסט ווי מר יעקב שמואל הלוי טראכט־מאן, דער מחבר פון די ספרים "אור תורה" און "סכת דוד הנופלת", און ווען איך האב איהם בעזוכט האט ער מיך זעהר העפליך אויפגענומען און האט מיר געזאגט:

"ווען איהר וועט אורטיילען איבער די היגע בעלי בתים נאך זייערע בעדער נאך וועט איהר זעהר א גרויסען טעות מאכען".

www.libtool.com.cn

און דאָס איז זעהר ריכטיג: די אקערמאַנער האָבען זייער גאַנצע חכמה און וויסענשאַפט דערטרונקען אין זייער באָד און זיי האָבען עס איבערגעגעבען אין גאַנצען צו זייער איינציגען געלעהרטען מאַן, רבי יעקב שמואל הלוי טראכט־מאַן.

## יעליסאַוועטגראַד

נאָך א רייזע איבער די בעסאראביער שטעדטלאַך בין איך אַנגעקומען אין יעליסאַוועטגראַד, און איך האָב גלייך געפיהלט, אַז איך געפין זיך אין אן אנדער אַט־מאָספערע, אַז אנדער לעבען מיט אנדערע פערלאַנגען אין לעבען. אנשטאַט די בעסאראביער חסידישע טערמינאָלאָגיע, וועגען רביים, גוטע אידען, וועלכע זיי לאָזען ניט ארויס פון זייער מויל: "דער בעהושער זאָל לעבען", "דער סאַדע־גערער זאָל מאריך ימים זיין", "דער ראַכמעסטריווקער", "דער נעסכיזשער", אָדער וועגען פערשיעדענע וויינען: "דער וויסער וויין", "דער רויטער", "דער געקאָכטער" "דער ווימאַראַזער", אנשטאַט די אַלע נעמען האָב איך פלוצלונג דערהערט פון די יעליסאַוועטגראַדער נעמען פון פערשיעדענע טענץ און טענצער, נעמען פון פערשיעדענע טהעאַטערע און פאָרשטעלונגען, דראַמען, קאָמעדיען, טראַגעדיען, אַקטיאָרען און אַקטריסעס, פּרימאַדאָנאַס, קאָמיקער. נעמען פון פערשיעדענע קאָרטען־שפּיעלען; בעזונדערס האָבען זיי דאַמאָלסט געהאַלטען פון די מאַלאָראָסיסקי פאָרשטעלונגען פון קראָפּאָווניצקי. אָט אין דעם סאָרט לעבען זיינען זיי פערטיעפט געווען די אידישע קינדער פון דער שטאָדט יעליסאַ־וועטגראַד, וועלכע איז געווען די ערשטע געטראָפען צו ווערען אין די ערשטע פּאָגראָמען פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען.

ווי א נידערגעשלאָגענער בין איך געזעסען אין מיין צימער, בעטראַכטענדיג דעם אינדיפערענטיזם וואָס בעהערשט אונזערע ברידער, וועלכע פיהלען ניט און ווילען ניט וויסען פון דער שרעקליכער אידישער לאַגע.

פּלוצלונג עפענט זיך די טיר און די צוויי גוטע "חובבי ציון" זיינען אריין צו מיר: שלמה דובינסקי פון קישינעוו, וועלכער האָט זיך פּשוט פערליעבט אין מיר און איז געקומען ספּעציעל צו זעהן זיך מיט מיר און מר. ה. ריסאָטא, איינער פון די בעסטע אידעאַליסטען אין יעליסאַוועטגראַד; מיט זיי צוזאַמען האָב איך שפּעטער בעזוכט דעם הערר סמילאַנסקי.

א וואונדערבארער מאַן איז דער לעצטער געווען. קומענדיג צו איהם אין זיינע צימערען האָב איך געזעהן אויף זיין טיש ליגען פערשיעדענע שעהרען, פּרעסען און אנדערע געצייג וואָס בעלאַנגען צו שניידעריי; פון דעם צווייטען צימער האָבען מיר געהערט דעם געררויש פון נעה מאַשינען. גלייך איז אריין צו אונז א מיטעלער מאַן מיט זעהר אַן אינטעליגענטען פּנים, מיט א שניידערשע מאָס אויף זיינע שולטערען, און אין דעם שניידער האָבען מיר באַלד געפונען

www.libtool.com.cn

א זעהר גרויסען געבילדעטען מענשען, אן אָריגינעלען דענקער און א מאן וואָס איז גוט בעקאנט מיט די רוסישע און העברעאישע ליטעראטורען. מיט דעם מערקווירדיגען מאן האָבען מיר פערבראכט ביז האלבע נאכט וועגען פערשיעדענע ליטעראַרישע פראגען, און מיר האָבען זעהר פיעל געלערענט פון איהם.

אויף מאָרגען האָבען מיר בעזוכט דעם בעקאנטען העברעאישען שרייבער מר. ראָזענפעלד, דער מחבר פון דעם ספר "גן־שעשועים". פון דעם געשפרעך וואָס מיר האָבען געהאט מיט איהם, האָבען מיר זיך דערוואוסט אז דער זעל־בער ראָזענפעלד איז דאָס דער שרייבער פון פערשיעדענע ארטיקלען אין "המליץ" אונטער וועלכע עם זיינען אונטערגעשריבען די פסעוודאָנימען "בלק", "פאָרן" און "זרזיר". א מערקווירדיגער מאן, ווי גרוים זיין קראפט איז געווען אין זיין פעדער אזוי שוואך איז ער אין זיין רעדענס־קראפט. און מיט גרוים שוועריגקייט האָבען מיר עטוואס ארויסגעקראָגען פון זיין מויל. "איך וועל אייך בעסער שרייבען איידערריידען", האָט ער אונז אָפט ווידערהאָלט אין אונזער געשפרעך.

גאָר א שפּאָגעל נייע בעוועגונג האָב איך געפונען אין יעליסאַוועטגראד. א בעוועגונג וועלכע איך האָב פון איהר קיין שפּור געפונען אין קיין אנדער שטאָדט און דאָס איז: "די ביבלעיסקאָיע בראטסטוואָ".

די "ביבלישע ברידערשאפט" איז א נייע קריסטליכע סעקטע אין יודענ־טהום. דער גרינדער איהרער איז געווען דער בעוואוסטער יעקב גאָרדין, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען א אידישער דראמאטורג. די נייע סעקטע האָט געפונען אין אָנפאנג פיעל אנהענגער אין זיד רוסלאנד, נאכהער, אז גאָרדין איז אוועק־געפאָהרען נאָך אמעריקא, האָט זיין שטעלע אין דער נייער בעוועגונג פערטראָ־טען דער יעליסאַוועטגראדער אדוואָקאט בערנשטיין, און פון דער שטאָדט איז דאָס ארוים די נייע תורה וואָס איז א מין צוזאמענזעצונג פון דעם אלטען און דעם נייעם טעסטאמענט.

זעלבסטפערשטענדליך אז איך האָב געפונען אלס מיין פליכט ארויסצוגעהן מיט מיין פולער קראפט געגען דער נייער סעקטע און ווען איך האָב גערעדט איבער די פערשיעדענע סעקטען, וואָס זיינען ענטשטאנען אין׳ם יודענטהום, האָב איך אָנגערופען די ניי־געבאָרענע סעקטע מיט דעם נאָמען "די נייע פלאָגע אויף דעם אלטען ישראל". ווי איך האָב נור אויסגעדריקט דעם וואָרט, איז גע־וואָרען א טומעל אין דעם פובליקום, און א יונגע דאמע מיט דעם נאָמען פ. האָט מיך אויפגעפאָדערט אויף אן עפנטליכע דעבאטע. איך האָב איהר ניט ענטזאגט, און עס איז בעשטימט געוואָרען די דעבאטע זאָל שטאטפינדען דיענסטאָג, כ"ו טבת תרנ"ב, טאקי ביי מאדאם פ. אין זאל.

די דאָזיגע נאכט איז אין מיין זכרון טיעף איינגעקריצט געוואָרען אלס

www.libtool.com.cn

"ליל שמורים" און איך וועל איהר ניט פערגעסען ביז מיין לעצטען אטהעם־צוג. דער שעהנער גרויסער זאל איז געווען פול מיט דער גאנצער יעליסאוועטגראדער אינטעליגענץ, די אלע ברידער און שוועסטער פון דער "בראטסטווא", צווישען זיי דאקטוירים, יוריסטען און אינזשענירען. אין מיטען איז געשטאנען א קליינער טיש, אויף איהם איז געלעגען א תנ"ך און א "ברית חדשה".

הערר בערנשטיין, דער פארשטעהער פון דער בעוועגונג, האט געעפענט דעם ויכוח. מיט עהרעפורכט האט ער אויפגעהויבען די צוויי ספרים, און מיט א קלאהרע שטימע האט ער פראקלאמירט פאר דאס פובליקום: "די צוויי הייליגע ביכער זיינען אונזער הייליגער אידעאל, און אויף זיי האבען מיר געגרינדעט אונזער הייליגע רעליגיאן". נאכהער האט ער געגאסען שוועבעל און פעך אויף דעם תלמוד, פון די תנאים ביז די לעצטע רבנים. נאך איהם האט די שוועסטער, מאדאם פ. גענומען דאס ווארט און האט זיך געמאכט לוסטיג מיט כלומרשטען הומאר פול מיט גיפט צו די אידען און דאס יודענטהום, האט געווארפען שמוץ, האט אנגפאנגען פון שמעיה ואבטליון און געענדיגט מיט רבי יצחק אלחנן׳ען.

מיין הארץ האט געקאכט ווי א קעסעל, הערענדיג ווי בורים מופקרים. עמי הארץ, וועלכע האבען גארניט געלערענט און קיינמאל ניט געזעהן די ליכט פון תלמוד, ווארפען שמוץ אויף אלעס וואס ביי אונז איז פערהייליגט פון טויזענדער יאהר. מיט אלע מיינע קרעפטען האב איך זיך צוריקגעהאלטען, און רוהיג, לאגיש האב איך אין קורצען ווי ווייט מעגליך זיי ערקלעהרט דעם צוזאמענהאנג פון תורה שבכתב, אין וועלכע זיי גלויבען אויך, מיט דער תורה שבל פה, וועלכע זיי הויבען ניט אן צו פערשטעהן. איך האב זיי איבערצייגט אז די מאראל, די עטהישע לעהרען און אלע הויכע אידעאלען, וועלכע זיי האבען אויפגעכאפט פון זייער פערהייליגטען עוואנגעליזם, און אלעס וואס גוטעס איז, זיינען ארויסגענומען פון דעם גרויסען אוצר פון תלמוד און מדרשים. עס איז אמת, האב איך אויסגעשריען מיט ענטוזיאזמוס, אז דער קריסטענטהום האט זעהר פיעל געווירקט אויף דער היידנישער וועלט און אויף די גריכישע מיטאלאגיע — ווי אונזער רמב"ם זאגט אין די ענדע פון "הלכות מלכים" — אז דער נוצרי און מחמד האבען פערשפרייט ליכט ביי די געצענדינערישע פעלקער, אבער ניט פאר די אייניקלאך פון אברהם, וועלכער איז געווען דער ערשטער גרינדער פון מאנעטאיזמוס מיט צוויי טויזענד יאהר בעפאר דער יונגער איסי פון גליל איז געבארען געווארען. די קינדער פון די נביאים ברויכען ניט צו לערנען תורה און אמונה פון דעם סטאליאר׳ס זוהן מיט זיינע אפאסטאלען. האט איהר ווען געזעהן אז בראדסקי, דער גרויסער פאבריקאנט פון צוקער, זאל קויפען צוקער אין א קליינע שפייז קרעמעל, וואו עס ליגט א האלבע היטעל צוקער צווישען הערינג, דזשעגאכץ און טאבאק? עפענט אייערע אויגען און לעזט מיט א קריטישען

www.libtool.com.cn

אויג, וועט איהר זעהן, אז דער גאנצער עוואנגעליום האט נאר דעם כאראקטער פון א קליינעם שפייז קרעמעל גענגען דעם גרויסען הייליגען מאגאזין מיט דעם נאמען תלמוד. מעהר ווי ניין צעהנטעל אין "ברית חדשה" איז פערנומען מיט נארישע בבא מעשיות, מיט רוחות, שדים און נארישע זאגען, פול מיט קליינע נסים ונפלאות פיר אלטע נארישע פרויען און אבערגלויבישע קליין-קעפיגע מענשען.

אזוי האב איך גערעדט און געמאלען פערשיעדענע בילדער פון דעם אידי-שען שבת און אידישען ריינעם פאמיליען לעבען נאך דעם תלמוד נאך. איך האב צושטערט זייערע ארגומענטען, זייערע פאלשע חלומות, אויך זייערע נארישע האפנונגען אויף שפעטער. איך האב זיי פארגעשטעלט דעם חורבן וואס זיי האבען געמאכט מיט זייערע נארישע פאנטאסטישע לעהרען און אפעלירט צו זיי אין דעם נאמען פון דעם גאנצען אונגליקליכען אידישען פאלק זיי זאלען אויפהערען צו פראפאגאנדירען די נייע בעוועגונג, וועלכע פיהרט צום אונגליק. אזוי האב איך גערעדט שטונדען לאנג ביז 4 אוהר פארטאג. זיי זיינען פשוט באנקראט געבליבען און זיי האבען מיר ניט געהאט וואס צו ענטפערען.

זאגאר דער אדוואקאט בערנשטיין און די מאדאם פ... וועלכע זיינען שוין ניט געווען אין קיין שול 12 יאהר זיינען געגאנגען הערען מיינע ציוניסטישע רעדען די גאנצע צייט וואס איך בין געווען אין יעליסאוועטגראד.

איך האב בעזוכט דעם הערר וולאדימיר טיאמקין, דעם בעוואוסטען חובב-ציון פיהרער און ליידער האב איך איהם געפונען צובראכען און שלאף פון זיין גרויסע ארבייט און די מסירות וואס מען האט אויף איהם געמאכט בעת ווען ער איז געפאהרען נאך קאוונא און די בני לשכה השחורה האבען גע׳מסר׳ט און צושטערט זיינע פלענער.

זעהר פיעל האט דער הערר טיאמקין אויפגעטהאן אין יעליסאוועטגראד פיר "חבת ציון" ביי דער יוגענד.

www.libtool.com.cn

# פינפטער קאפּיטעל

די קהל׳שע קיך אין קרעמענטשוג. — די אידישע קאָלאָניע „פּערעשטשע פּענא״. — איך קום אין כארקאָוו. — מיין פּאספּאָרט און כאבאר גיט מיר וואוינרעכט אויף צעהן טעג. — איך רייד אין שוהל.

## קרעמענטשוג — כארקאָוו

צווישען יעליסאוועטגראד און יעקאטערינאסלאוו געפינט זיך די אידישע שטאָדט קרעמענטשוג. די שטאָדט איז פערבונדען מיט די צוויי שטעדט אין מסחר און דאָך איז זי אין גאנצען אנדערש פון זיי, גאָר א בעזונדער טיפּ. און ווען דו געהסט אריין אין איהר, און דו בעטראכסט איהרע אידען, וועסטו ניט פיהלען, אז דו געפינסט זיך אין זיד־רוסלאנד, נאָר דיר דאכט זיך, אז דו ביזט אין איינע פון די ליטווישע אָדער די ווייס־רוסישע שטעדט. אין קרעמענ־טשוג געפינסטו זעהר פיעל ליבאוויטשער חסידים, חב״דניקעס, וועלכע שטו־דירען דעם „תניא״ די „לקוטי תורה״ און אויף די ווענט זעהסטו איבעראל דאָס בילד פון דעם לאדיער רב, דעם פערפאסער פון די חסידישע ספרים, און אפילו די מתנגדים גרופּירען זיך אין חברות „ש״ס״, „משניות״ און „חיי אדם״, און דער אידישער אָרטאָדאָקסישער גייסט הערשט איבער דער גאנצער שטאָדט מיט דער פולער קראפט.

איך האָב בעזוכט די גרויסע קהל׳שע קיך. ארום די גרויסע טישען זיינען געזעסען זעהר פיעל אידישע סאָלדאטען און אזוי אָרימע לייט, שטאָטישע און דורכרייזענדע, צווישען זיי אויך הונדערטע תלמוד תורה קינדער. ווי עס ווייזט אויס האָבען די קרעמענטשוגער כלל טהוער ניט פערשטאנען, אז דאָס איז ניט דער צוועק פון ערציהונג, אוועקצוזעצען קליינע אָרימע קינדער צוזאמען מיט סאָל־דאטען און סתם פערשידענע אָרימע לייט ביי איין טיש, ווייל אויף די יונגע קינדערשע מוח׳לאך קען משפּיע זיין דער שנאָררישער גיפט; דער בעגריף ווייזט אויס איז געוועזען צו הויך פאר זיי אין יענער צייט.

די תלמוד תורה איז א צדקה־אנשטאלט און די וואָלוועלע קיך איז אויך א צדקה־אנשטאלט, און די פּיהרער פון תלמוד תורה זיינען די זעלביגע פון דער קיך, היינט ווארום זאָלען זיי דאָס צוטיילען? דאָס איז זייער פאלשע לאָגיק.

פון קרעמענטשוג נאָך כארקאָוו בין איך דורכגעפאָהרען דעם מערקווירדיגען דאָרף „פּערעשטשעפּענא״. פערציג אידישע פאמיליען וואוינען דאָרטען און די מעהרסטע פון זיי זיינען מענשען משכילים. אַן אויסגעצייכענטער לעהרער און א פּעדאגאג, הערר ישראל איסר קאצאָוויץ לערנט זייערע קינדער מיט פיעל טאקט און געשמאק.

www.libtool.com.cn

די גאנצע אידישע קאָלאָניע לעבט אַן אידעאַלען לעבען, און דאָס האָט מיך דערמאָהנט אָן דער פאנטאסטישער קאָלאָניע, וועלכע אברהם מאפו שילדערט מיט זיין רייכער פאנטאזיע צום סוף פון זיין ספור „עיט צבוע".

מר. קאצאָוויץ, דער לעהרער, דאָס איז דער נחמיה דער אידעאַלער לעהרער ביי מאפו, וועלכער פלעגט פּרעדיגען פאר די אידישע ערד־ארבייטער יעדען שבת און זיי ערוועקען צו ליעבען די ארבייט. איך האָב עקזאמינירט די תלמידים מיט די תלמידות, פּערציג אין צאָהל, און אלע פון זיי האָבען ציעמליך גוט געוואוסט דעם תנ״ך מיט דקדוק; מאנכע קינדערלעך, אינגעלעך, מיידעלעך, מיט זעהר שעהנע שטימעלעך, האָבען געזונגען אין כאָהר העברעאישע שירים; פריידען טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין מיינע אויגען, און מיין פאנטאזיע האָט מיך אוועקטראָגען ווייט, ווייט אין דעם מזרח־לאנד, דעם וויגעלע פון אונזער פאָלק. און איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אז איך געפין זיך יעצט אין איינער פון אונזערע הייליגע קאָלאָניעס אויף די בערג פון יהודה. אַ, הלואי וואָלט דער קליינער דאָרף געווען א סימבאָל פאר די אלע אידישע גרויסע שטעדט.

אויב אין די אלע שטעדט, וועלכע איך האָב בעזוכט אין דעם אידישען קרייז — טשערטא אסעדלאסט — האָב איך ניט געפיהלט, אז איך בין א איד, אזוי ווי איך האָב ניט געפיהלט אז איך בין א לעבעדיגער מענש אויף גאָטעס ערד, איז באלד ווי איך בין אריינגעפאהרען אין כארקאָוו, האָט זיך אין מיר ערוועקט מיין אידישער זעלבסטבעוואוסטזיין און אויף יעדען טריט און שריט האָב איך דערפיהלט, אז איך בין א איד. כארקאָוו, ווי בעקאנט, איז אויסער דער טשערטא, וואו אידען האָבען דאָס רעכט צו זיצען און אטהעמען לופט, אין איהר איז נאָר ערלויבט צו וואוינען די יעניגע, וועלכע זיינען האנדעלס לייט פון דעם ערשטען ראנג, אָדער די, וואָס האָבען פּראָפעסיעס פון העכערען קלאַס, ווי דאָקטוירים, אדוואָקאטען, אינזשענירען און דאָס גלייכען. און אזוי ווי איך האָב ניט זוכה געווען צו זיין איינער פון די צוויי, איז פאר מיר פערוועהרט צו זיין אין כארקאָוו. און ווי איך בין נאָר ארונטער פון וואָגען ביי דעם האָטעל, איז ארויסגעשפּרונגען אזוי ווי פון דער ערד, א פּאָליציייסקער בעאמטער, און אָהן א גוט מאָרגען גלייך געפרעגט, אויב איך האָב א פּאספּאָרט. ווי א געניטער אידישער רייזענדער האָב איך איהם דערלאנגט מיין פּאספּאָרט צוזאמען מיט א רוסישען צעהן רובעל שטיק. דער פּאָליצייסקער האָט צוגענומעןביידע דאָקומענטען און מיט א ליעבליכען שמייכעל און מיט א פרעהליכען פאלשען בליק האָט ער מיר געזאָגט:

„ווי איך זעה האָסטו צוויי פּאספּאָרטען, איינעם א אידישען און דעם צווייטען אן אלגעמיינעם. יאָ, מיין פריינד, דער צווייטער ערלויבט דיר צו זיין ביי אונז אין כארקאָוו צעהן טאָג בלויז, איין רובעל פאר יעדען טאָג. דו זעהסט, אז צו יעדער קראנקהייט איז דאָ א רפואה. אָט, צום ביישפּיעל, א איד קומט צו

www.libtool.com.cn

פאָהרען צו אונז אין כארקאָוו פרייטאג פארנאכט. דער איך בלייבט צווישען צוויי פייערען. נאָך אייער זאקאָן טאָר ער ווייטער ניט פאָהרען צוליעב אייער שבת; נאָך אונזער קייזערליכען זאקאָן טאָר ער דאָ אפילו ניט איבערנעכטי־גען, וואָס זאָל ער טהאָן? צו דעם האָבען מיר די אלגעמיינע פאספּאָרטען פון דעם סאָרט, וואָס דו האָסט מיר געגעבען, און די שוועריגקייט געהט אהנטער!"...

די צעהן טעג, וועלכע איך האָב פערבראכט אין כארקאָוו, האָב איך זעהר פיעל אויפגעטהאָן, כמעט יעדען אווענד גערעדט, און ביי טאָג האָב איך פער־בראכט צוזאמען מיט מיין פריינד יצחק אייזענשטאט, א גרויסער תלמיד חכם, א געבילדעטער, מיט זעהר א גרויסמוטיגען כאראקטער, מיט דוד סמעליאנסקי, א יונגער מאן מיט א ברענענדיגען אידישען נאציאָנאלען הארץ און מיט אן אפּע־נער האנד אויף אלץ וואָס אידיש איז, און מיט דעם לעהרער משה שאכנעוויץ, וועלכער איז געווען א לעבעדיגע ביבליאָטעק. אָט מיט די דריי וואוילע אידען האָב איך געמאכט בעזוכען צו די לייטע, וועלכע מיר האָבען גערעכענט פאר גוטע רעקרוטען צו דער ציוניסטישער אידעע; זעהר ריהרענד איז געווען צו זעהן, ווי דער גרויסער חסידישער רב ארלאָזאָראָוו, דאָקטאָר שליאפּעצניקאָוו, דער רע־דאַקטאָר פון "מבשרת ציון", און מיט זיי צוזאמען גרויסע לומדים, פייערדיגע חסידים, פיעל סטודענטען פון כארקאָווער אוניווערזיטעט זיינען געקומען אין שוהל אריין צו הערען מיין פּאָרטראג איבער "דעם אומגליק פון אסימילאציאָן פאר דעם יודענטהום".

פיער שטונדען האָב איך גערעדט מיט פייער. איך האָב זיי פאָרגעשטעלט אין בילדער די גרויסקייט פון ישראל סבא, ווען ער האָט געלעבט אין זיין לאנד פופצעהן הונדערט יאָהר א פּאָליטישען לעבען פול מיט גלאנץ פון זיינע מלכים, דעם פּראכט און הייליגען שטאָלץ פון זיינע נביאים, און זיין שרעקליכען נאציאָנאלען בראָך היינט; ער איז פול אין אלע לענדער און האָט קיין לאנד ניט, רעדט אין אלע שפּראכען און האָט קיין שפּראך ניט, איז פול אין אלע ליטעראטורען, און פון זיין אייגענער ווייס ער ניט; בעת אלערליי חיות מפריסי פרסה, הינט און קעץ, מעגען פריי אטהעמען לופט און טרעטען אויף גאָטעס ערד, און איהם איז פערבאָטען. "אָט דער מאן וועלכער שטעהט פאר אייך און רעדט יעצט, — האָב איך אויסגעשריען מיט א שטימע פון א מארטירער, — האָט דאָך ניט דאָס רעכט צו זיין דאָ מיט אייך צוזאמען. איך גיב דאָך שוחד צו די רעגירונגס הינט פאר מיין יעדען אטעמצוג ביי אייך אין כארקאָוו!"...

עס האָט זיך דערהערט א וויינען צווישען עולם...

נאָך איניגע מינוטען שטיל שווייגען, האָב איך זיך געמוטיגט, און אין א פרעהליכען טאָן האָב איך זיי געטרייסט און איבערצייגט, אז אונזער האָפנונג איז נאָך ניט פערלאָרען, ווען מיר וועלען נאָר פערשטארקען אונזער נאציאָנא־לען געפיהל אין אונזער קומענדען דור.

www.libtool.com.cn

דער פּאָרטראַג האָט געמאכט א שטאַרקען רושם אויף אַלע קלאַסען פון מיינע הערער, און עס איז ווירקליך שעהן געווען צו זעהן ווי חסידים און סטו־דענטען דריקען מיר די האַנד טיעף גערירט פון דאנקבארקייט. און תיכף האָ־בען זיי פערשטאַרקט זייער נאַציאָנאַלע טהעטיגקייט און פיעלע האבען זיך אַנ־געשלאָסען אַן די עקזיסטירענדע חברות.

וואונדערבאר איז דאָס, וואָס אין דער שטאָדט, וואו איך האָב קיין רעכט ניט געהאט צו וואוינען און בין געווען אַנגעוויזען אַן דעם "חסד" פון דעם גוטען פּאָליציי־בעאַמטען,— אין דער שטאָדט האָט מיט מיר געטראָפען א גרויסע פּאסירונג אין מיין לעבען, וועלכע האָט משפיע געווען אויף מיין גייסט און אויף מיין געדאַנקען־גאַנג מיין גאַנץ לעבען.

אין כאַרקאָוו בין איך געוואָרען א מיטגליעד פון דער "חברה בני משה", דער געהיימער אגודה, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען פון "אחד העם", און וועמעס חברים זיינען געווען פון די בעסטע קרעפטען אנשי שם, וואָס אונזער פאָלק פערמאָגט.

איך האָב געהערט זעהר פיעל וועגען דער אגודה, וועגען איהרע סודות און איהר הויכען נאַציאָנאַלען מאָראַלישען צוועק, אָבער איך האָב נאָך ניט זוכה געווען צו וויסען אַלץ. עס איז געווען ביי מיר באמת א הייליגער יום טוב, ווען די חברים פון די "בני משה" האָבען איינגעשטימט אריינצונעהמען מיך פאַר א מיטגליעד. דער טאָג איז גראד אויסגעקומען דעם זיבעטען אדר, דעם געבורטס־טאָג און דער יאָהרצייט פון משה רבנו.

דער אָבענד איז איינגעקריצט טיעף אין מיין מאַרך און איך וועל איהם קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

ביי הערר אייזענשטאַט אין הויז האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען די אַלע "בני משה" פון כארקאָוו, א טיעפע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם זאַל, מיין הארץ האָט געקלאַפּט שנעל און איך בין געווען אין א בעזונדערער שטי־מונג, אזוי ווי איך וואָלט געווען גרייט אריינצוגעהן אין א צויבער־פּאַלאַץ און צו זעהען און הערען זאכען, וועלכע קיין אויג קען דאָס ניט זעהן און קיין אויער קען דאָס ניט הערען...

דער ראש האגודה, הערר שאַבעוויטש, האָט איבערגעהאַקט די שטילקייט און האָט אָנגעפאַנגען מסדר צו זיין די "קדושים" מיט די ווערטער אין א ריינער העברעאישער שפּראַך:

"מיין הערר "צבי בן חיים היצהרי", דו האָסט אונז ארויסגעזאָגט דיין וואונש אריינצוגעהן אין אונזער אגודה און צו נעהמען אויף זיך אַלע איהרע פליכטען; נאָך איינינע מינוטען קומסטו אריין אין איהר בונד און דו וועסט זיך רעכענען צו איינעם פון איהרע פאַהן־טרעגער, נאָר איידער דו וועסט מאכען

www.libtool.com.cn

דעם דאזיגען שריט, וועל איך דיר אויסזאגען דעם נאמען פון אונזער אגודה און וועל צו דיר ריידען נאך איניגע זאכען וועגען איהרע פרינציפען און איהרע יסודות און די פליכטען פון איהרע חברים״.

״אונזער אגודה האבען מיר א נאמען געגעבען ״בני משה״, ווייל מיר האבען דעם נאמען פון אונזער גרויסען געזעץ־געבער גענומען פאר אונזער סימבאל, כדי מיר זאלען זיך בעמיהען צוגלייכען זיך צו איהם; יעדער מענש קען זיין ווי משה, האבען אונז געלערנט אונזערע חכמים; יעדערער פון אונז מוז מאכען זיין צוועק אין לעבען צו טהאן גוטעס צו די קינדער פון אונזער פאלק. מיר זאגען אזוי, ווי ער איז געווען דער עניו פון דער גאנצער מענשהייט, אזוי מוזען מיר אויך זיך בעמיהען צו זיין בעשיידען און צו דערוויטערען זיך פון דער מיאוסער מדה־גאוה, און אזוי ווי ער איז ארוים פון זיין גרויסקייט צו זעהען און צו שטודירען די לאגע פון זיינע אומגליקליכע ברידער, און האט געווידמעט זיין גאנץ לעבען צו העלפען און צו בעפרייען זיי, אזוי ליגט אויך אויף די גרויסע פון אונז דער חוב צו פערגעסען יעדער זיין הויכע מעמד און נעהמען אנטהייל אין דעם פאלקס ליידען און העלפען איהם; אזוי ווי ער האט זיך ניט ענטזאגט צו פיהרען אונזערע עלטערען צו דעם הייליגען לאנד, הגם ער האט געוואוסט, אז ער אליין וועט אהין ניט אריינקומען; אין דער לאנד מואב וועט ער בעהאלטען ווערען, און קיינער וועט צומאל ניט וויסען וואו זיין קבר איז, זיין ארט וועט אן אנדערער פארנעהמען, זיינע קינדער וועלען איהם ניט ירש׳ענען, — אזוי אויך טארען מיר ניט אויפהערען צו ארבייטען פאר דעם גליק פון אונזער פאלק, אומצוקעהרען איהם צו זיין לאנד, ווען אפילו מיר אליין וועלען ניט זוכה זיין צו זעהען דאס לאנד, ווייל אונזער ארבייט מוז זיין ניט פאר אונז, נאר פאר אונזערע קינדער, פאר די שפעטערע דורות״.

״די פרינציפען פון אונזער אגודה לערנען אונז, אז דער גאנצער וועג איהרער איז נאר מאראל, און דאריבער דארפען מיר זעהען, אז אונזערע אלע חברים זאלען זיין מאראליש אויף דער העכסטער שטופע; און דאס איז איינע פון די אורזאכען, וואס מיר האבען געפונען פאר נויטיג צו בעהאלטען דעם נאמען פון אונזער אגודה און אונזערע טהאטען פון דער וועלט, כדי עס זאל ניט אריינדרינגען צו אונז קיין אנמאראלישע מענשען, וועלכע בעזיצען שלעכטע מדות, ווי קנאה, שנאה, מחלוקת, שטארקען עגאאיזם, רודפי כבוד, אדער מענשען מיט א נייגונג צו אסימילאציע״.

״מיר מוזען אונטערזוכען יעדען מיטגליעד זיין כאראקטער, זיין אויפפיהרען זיך מיט מענשען, זיין נאציאנאלען בעוואוסטזיין, אום ער זאל זיך אריינפאסען אין אונזער געזעלשאפט, און ער זאל ווערטה זיין צו טראגען אויף זיך דעם ערהאבענעם נאמען ״בן משה״.

״די ערשטע פליכט פון יעדען חבר איז, ער זאל זעהען פארבעסערען זיין

www.libtool.com.cn

גייסטיגען לעבען, זיין אויפפיהרונג, און ער מוז תמיד געדענקען, אז ער איז א "בן משה", א זוהן צו אונזער טרייען פיהרער, וועלכער האט ארויסגענומען זיין פאלק פון שקלאפעריי, אבערגלויבען, געצענדיענעריי, צו א גייסטיגער פרייהייט, צו א ריינער הייליגער אמונה".

"יעדער פון אונזערע חברים מוז זיין צוגעבונדען מיט זיין גאנצער נשמה צו דעם רעיון: "תחית ישראל בארץ ישראל", און זאל זיך ניט ענטמוטהיגען פון צו ארבייטען פאר דעם רעיון, ווען אפילו ער איז איבערצייגט, אז עס איז ניטא קיינע האפנונג אויסצופיהרען אונזער געדאנק אין אונזער דור, אדער אפילו אין דעם צווייטען דור נאך אונז".

"יעדער פון אונז מוז זיין איבערצייגט, אז כל זמן מיר וועלען ניט בעקומען צוריק אונזער פאטערלאנד, וועלען מיר קיין רוהע ניט געפינען אין די אלע פרעמדע לענדער, נידעריגע, פערשקלאפטע, אונטערדריקטע, וועלען מיר זיין, אזוי ווי מיר זיינען געוועזן אין אונזער צוויי טויזענד יאהריגען גלות; מיר טארען קיינמאל ניט פערגעסען, אז דאס לעבען, וועלכען מיר געבען איבער אונזערע קינדער און אונזערע קינדער צו זייערע קינדער ביז אייביג, וועט זיין ארים, אומגליקליך, פול ערנידערונג און גייסטיגער שקלאפעריי, און יעדער דור וועט זאגען "נוח לו שלא נברא משנברא", און ער וועט זעהען, אז ער איז רעכטלאז, שוצלאז, און קיינער וויל איהם ניט ראטעווען".

"כל זמן ישראל וועט זיך ניט אומקעהרען צו זיין לאנד, און זיינע קינדער וועלען זיין צושפרייט צווישען די פעלקער, אזוי ווי מיר היינט, וועלען אונזערע שונאים אלץ טרעטען אונז מיט די פיס און וועלען אונז טיעף ערנידעריגען. דיזער בעוואוסטזיין, דאס אויב מיר וועלען ניט פאר אונז, וועלען מיר זיין געגען אונז. וועט אין אונז אריינבלאזען א נייעם לעבענסגייסט און וועט אונז אויפהויבען צו דער מדרגה פון א לעבעדיג פאלק".

"נאך מזרח, נאך מזרח לאמיר אויפהויבען אונזערע אויגען, דער טוי פון בארג חרמון, וועלכער נידערט אראפ אויף די ציון בערג, וועט זיין פאר אונז דער לעבענס טוי אויפצולעבען אונזערע טרוקענע ביינער, און פון די הייליגע בערג וועט אונזער מארגענשטערען ערשיינען מיט אן אייביגע שיינענדע ליכט, אזוי ווי די ליכט וועלכע האט בעלייכטעט אונזערע עלטערענס אויגען פון דעם בארג חורב דורך משה׳ן דעם געטליכען מאן".

www.libtool.com.cn

## זעקסטער קאַפּיטעל

**אין** דער רוסישער שטאָדט כּארקאָוו, וואו איך האָט געדארפט געבען שוחד דעם פּאָליציייסקי איך זאָל מעגען בלייבען דאָרט עטליכע טעג, בין איך אריינגענומען געוואָרען אין דער הייליגער אגודה. — די רעדע פון ראש האגודה איז פערבליבען אויף אייביג אין מיין זכרון.

# איך ווער א חבר אין "בני משה"

ווען דער ראש האגודה האָט גערעדט די לעצטע ווערטער מיט דעם גאנצען ברען פון זיין נשמה, האָבען מיינע אויגען טרערען געגאָסען און אויך אלע חברים זיינען געווען גערירט.

נאכהער האָב איך געענטפערט מיט מיין הבטחה:

"מיט מיין טיעפען גלויבען און אין דעם נאָמען פון אלעם וואס איז טהייער און הייליג פאר מיר, בין איך מבטיח אָפּצוהיטען אלע געזעצען פון דער אגודה, אין וועלכער איך קום היינט אריין. איך בין מבטיח צו ערפילען אלע געזעצען אין יעדען אָרט און אין יעדער צייט, ווי ווייט איך וועל נור קענען, און אויך צו בעהאַלטען דעם סוד פון דער אגודה, ווען אפילו איך וועל ארוים פון איהר. אָט דאָס אלעם בין איך מקבל אויף זיך מיט מיין גאנצען הארצען אָהן שום פאלשקייט, אָדער וועלכען תנאי און הינטערגעדאנק. עדות זייט איהר אלע, מיינע ברידער, וועלכע שטעהען דאָ מיט מיר, און דאס וועט זיין פאר אייך מיין גאנצע איבערגעבענהייט מיט דעם פריעדענס-בונד, אמן!"

אלע חברים האָבען אויסגערופען "בואך לשלום, אחינו!" און דער ראש האגודה, הערר שאכעוויטש, האָט ווידער גערעדט צו מיר אָט די ווערטער:

"בואך לשלום, אחינו! געבענשט זאָלסטו זיין צו גאָט און צו זיין פאָלק ישראל; געבענשט זאָלסטו זיין צו אונז אלעמען פאר דיין געבען דיין האנד צו אונז צו ארבייטען צוזאמען די הייליגע ארבייט, ישראל'ס ארבייט; געבענשט זאָלסטו זיין און געבענשט זאָל זיין דיין נייער וועג אויף וועלכען דו האָסט זיך יעצט געשטעלט. דיין וועג איז א לאנגער און שווערער, און אויף יעדען טריט איז ער פול מיט פערשיעדענע שטרויכלונגען. פיעל קרעפטען זיינען נויטיג אָפּצוראמען זיי, אבער עס איז ניטאָ קיין הייליגערער וועג פאר א אידען. דער וועג פיהרט נאָך מזרח, נאָך ציון, צו ישראל'ס ווידער אויפלעבונג, אין ארץ ישראל!"

"אויף די טייכען פון בבל, דאָרט זיינען געזעסען אונזערע עלטערען; זיי האָבען געוויינט, ווען זיי פלעגען זיך דערמאָהנען אָן ציון; זיי האָבען דערמאָנט

www.libtool.com.cn

דעם שטאָלץ פון זייער פאָלק און זיין פראכט פון אמאָל, זיין פיין און זיין ער־נידערונג היינט, און זיי האָבען יאָמערליך געוויינט. דאמאָלס האָבען זיי גע־שוואָרען אז אויף אייביג וועלען זיי ניט פערגעסען ציון זייער אידעאַל און אויף אימער זאָלען זיי בלייבען טריי צו זייער לאַנד.״

״קלינגט נאָך אין דיינע אויערען, דו, זייער ווייטער זוהן, דער ווידער־קלאַנג פון יענעם שרעקליכען געוויין זייערען? הערסטו איהם נאָך דורך די טויזענדער יאָהרען, וועלכע האָבען פון יענער צייט פערפלאָסען, דורך די ימים, די ווייטע לענדער, וועלכע שיידען פאַנאַנדער צווישען דיר און זיי? הערסטו נאָך די שרעקליכע שטימען, וועלכע קומען פון די ברענענדיגע שייטערהויפענס און דערלאַנגען ביז צו די הימלען? קענסטו מיט זיי צוזאַמען אויסשרייען: ״אויב איך וועל דיך פערגעסען, ירושלים, זאָל מיין רעכטע האַנד פערגעסען ווערען; מיין צונג זאָל זיך צו מיין גומען צוקלעפּען אויב איך וועל דיך ניט געדיינקען! ?

״דו ביזט איינער פון דעם פאָלק ישראל, א זוהן פון דעם גרויסען פאָלק, וועלכער וואַלגערט זיך שוין טויזענדער יאָהרען איבער דער גאַנצער ערד און נאָך היינט אויך שטעהט ער אין געפאַהר ביי דעם שרעקליכען תהום פון פער־ניכטונג; הויב אויף דיינע אויגען צו אַלע פיער עקען פון דער וועלט אין איהר לייננג און אין איהר ברייט, וועסטו זעהן דיין אונגליקליכע אומה צושפּרייט איבעראַל. זי האָט ניט קיין בעשטימטען אָרט.

״פון איין זייט זעהסטו די טייכען בלוט און טרעהרען גיסען זיך און פלייצען פון יאָהר צו יאָהר, פון יובל צו יובל און עס נעהמט קיין ענדע ניט; דו זעהסט ווי דער איד וואַגלעט זיך מיט זיין טאָרבע און זיין וואַנדערשטאָק, אַז ערני־דעריגטער, אונטערדריקטער און פערהאַסטער פון אַלעמען. פון דער אַנדער זייט זעהסטו זיינע זיהן און זיינע טעכטער זיינען איבערגעגאַנגען צו אַנדערע פעלקער, און שעהמען זיך מיט זייער אַלטער מוטער; פרעמדע ווייגערטנער היטען זיי, גרויסע קרבנות גיבען זיי אוועק פאַר זיי און זייער איינענער ווייַנ־גאָרטען איז מיט דערנער פערוואַקסען און פערווילדעט און פערלאַזען אויף אייביג...

״אַן אָרימע, פערוויסטע, רואינירטע, ניט קיין געטרייסטע ליעגט אונזער מוטער ציון אין פרעמדע הענד, און אויף איהר הייליגער ערד טרעטען פרעמדע פיס.

״אויב דו וועסט דאָס אַלעס פערשטעהן — ניין עס איז נאָך וועניג — אויב דו פיהלסט דאָס אַלעס אין דיין הארץ, אין דיין נשמה, אין דיין גאַנצען לע־בען ביז דיין לעצטען טראָפּען בלוט, דאמאָלס ביזטו אונזערער. דאַן גיב אונז דיין האַנד און זיי געבענשט. און דו זאָלסט וויסען היינט, אַז ווען דו שטעהסט

פאר אונז, אז די מינוטען זיינען גרויסע און הייליגע אין דיין לעבען; דו גיסט דיין האנד צו דער אגודה, וועלכע טראגט אויף איהר פאן דעם נאמען פון דעם געטליכען מענש משה, וועלכע איהר הויפט פרינציפ איז **די ווידערלעבונג פון פאלק ישראל אויף ארץ ישראל**; און פון היינטיגען טאג און ווייטער ביזטו א **כהן** צו דער הייליגער אידעע, אויף איהר **מזבח** זאלסטו אפפערען דיינע בעסטע קרעפטען, קערפערליכע און גייסטיגע, ווען דו זיצט אין דיין הויז, ווען דו שטעהסט אויף און וואו דו ווענדעסט זיך קעהרען און ווענדען זאל דיך תמיד די אידעע בעגלייטען, זי זאל זיין ווי א שאטען ביי דיין רעכטע האנד, אימער זאלסטו זיין גרייט צו איהר רוף מיט אלעם וואס דו וועסט קע-נען טהאן.

„אונזער ברודער! דעם גרויסען שריט, וועלכען דו האסט היינט גע-מאכט, ווערענדיג א חבר צו די „בני משה", איז גרוים און הויך ווי פאר דיר אזוי אויך פאר דיינע קינדער נאך דיר. דו מוזט ריכטען פון היינט אן דיין גאנץ לעבען אין דער שיטה. אונזערע הייליגע ביכער, פון אונזערע נביאים און משוררים, אונזערע חכמים און לעהרער זאלען שטענדיג זיין אפען פאר דיר, לערן זיי און שעפ פון דעם ריינעם קוואל דעם ריכטיגען גלויבען, אז אונ-זער גאט לעבט, אז דער אידישער שטערען וועט נאך ווידער אויפגעהן און שיי-נען. און דו זאלסט מיט אלע דיינע מעגליכקייטען איינפלאנצען דעם הייליגען אידעאל אין דיינע קינדער אום דו זאלסט זיין זיכער אז זיי זאלען אויך זיין איבערגעגעבען און טריי צו זייער פאלק, לאנד, תורה און שפראך, און זיי וועלען זיין גאט׳ס געבענשטע קינדער פון ישראל, קינדער פון ציון מיט זייער הארץ, נשמה און גייסט.

„געדיינק און היט: אז איינע פון דיינע האפנונגען און דיינע שטרעבונ-גען אין לעבען, די הייליגסטע, שעהנסטע און ערהאבענסטע איז — ציון.

„געדיינק און היט, אז דו ביזט א „בן משה" און אום דו זאלסט ווערטה זיין צו טראגען אויף זיך דעם נאמען און דו זאלסט קענען זיין א ביי-שפיעל פאר אנדערע, מוזטו זעהן אז דיינע וועגען אין לעבען זאלען זיין רו-היגע און פריעדליכע, צו געפינען חן ביי גאט און מענשען צוזאמען.

„**אמת, צדק, משפט, שלום, ענות-רוח, גדל לבב, טהר נפש** און אלע גוטע זיטען זאלען דיר בעלויכטען דיין לעבען, אום דאס פאלק זאל וויסען אז די איבערגעגעבענע צום ציון אידעאל זיינען אויך די בעסטע פון פאלק ישראל, און זיי זיינען ווערטה צו זיין לעהרער ביים פאלק און צו ווייזען איהם וואס גוט איז און וואס עס זיינען זיינע פליכטען.

„די צוקונפט פון דעם אידישען פאלק זאל זיין דער פונדאמענט פון דיין גאנצען לעבען. דארום מוזטו זיך אויפפיהרען אין אלגעמיין ווי א ריכטיגער איד, געהן מיט דיין פאלק, ליעב האבען איהם און קענען איהם, טייער האל-

www.libtool.com.cn

טען זיינע זכרונות, זיינע גוטע מנהגים וועלכע שטאמען פון זיין טראדיציאן, פון זיינע עלטערען, פון זיין גליקליכער צייט און זיין געשיכטע.

״ברודער אונזערער! אט די און נאך אזעלכע זיינען דיינע פליכטען צו דיין פאלק און צו ציון בכלל, און דיין הארץ, דאס אידישע הארץ, וועט דיך לערנען צו וויסען יעדער זאך אין זיין צייט ווי צו פיהרען זיך אין לעבען ווי איינער פון די ״בני משה״, צו וועלכע דו האסט זיך היינט איבערגעגעבען.

״פערגעס ניט, אז אין דער צייט וואס עס ווערט בעהאנדעלט א הויכע ערהאבענע וועלט אידעע, דאמאלס שפיעלט דער פרט קיין ראלע ניט, דאן זיינען מיר אלע פון קליין ביז גרוים מחויב איינבויגען אונזערע קעפ און צו זיין שקלאפען צו דעם רעיון, וואס מיט זיין ליכט ווערען מיר בעלויכטען און געהייליגט און אויף זיין מזבח מוזען מיר זיך מקריב זיין אהן שום פניות.

״ברודער אונזערער! הארטנעקיג זיינען מיר געווען נאך פון אמאל אז, און ביים אורשפרונג, אלס נייגעבארען פאלק, האט זיך שוין אונזער גרויסער הייליגער פיהרער פערקלאגט אויף אונזער קשיות עורף, אז אין דער צייט ווען פון אויסווייניג ווערען מיר געטראטען ווי ווערים און מיר פראטעסטירען ניט, איז אינעווייניג וויל יעדערער פון אונז זיין דער ראש וראשון, און שנאת חנם. עגאאיזם און עהרגייציגקייט האבען אונז פערדארבען און געמאכט צו שאנד. אט מיט די אונזערע נאציאנאלע פעהלערען מוזען מיר ״בני משה״ קעמפפען ווי ווייט מיר וועלען קאנען; דאס איז דער אנפאנג פון אונזער ערלייזונג, דא־רום מוז יעדער ״בן משה״ איינגעוואהנען זיך צו א לעבען פון אחדות, ניט פון שנאה, קנאה, און די אלע שלעכטע גלות־זיטען, וועלכע האבען זיך אין אונז איינגעגעסען, און נאר דאן איז דא האפנונג צו אונזער ערלייזונג.

״ווען דו פערשטעהסט און דו פיהלסט אט די אלע זאכען און דו נעהמסט אויף זיך פרייוויליג אלס א הייליגע פליכט צו ערפילען טריי אונזערע אלע תנאים — ביזטו אונזער ברודער. און אין נאמען פון אונזערע אלע חברים פון דער אגודה פון נאהענטען און פון ווייטען גיבען מיר דיר אונזער האנד, אז דו זאלסט זוכה זיין צו זעהן די טרייסט פון דיין פאלק, אז נאך פאר דיין לעבען זאל ער פערפלאנצט ווערען אויף זיין הייליגען באדען, און דער אי־דישער שטערען זאל ווידער אנפאנגען צו שיינען — אמן! אמן! אמן!״

עס איז אונמעגליך פארצושטעלען דעם איינדרוק, וועלכען די רייד האבען אויף מיר געמאכט אין יענעם הייליגען אווענט. איך האב מיך געפיהלט ווי אין אנדער וועלט, א וועלט פון גייסטיגקייט, פון ליכט מיט שיין. ווי א צוגעשמידעטער בין איך געשטאנען די גאנצע צייט אויף מיין ארט, מיינע אויגען זיינען געווען אויפגעהויבען צום ״ראש האגודה״, זיין שטימע האט זיך געהערט

www.libtool.com.cn

ווי פון א ווייטען וואלקען... מיין נשמה האט איינגעשלונגען ווארט נאך ווארט, און דאס הארץ איז פול געווארען מיט הייליגע געפיהלען.

גלייך האבען זיי מיר איבערגעגעבען דעם צייכען פון דער "אגדת בני משה", ווי איינער זאל זיך בעקענען מיט'ן צווייטען ווען זיי בעגעגענען זיך. איינער האט געזאגט צום צווייטען: "לא ולא", און דער צווייטער האט געענטפערט: "לא כהתה עינו ולא נס לחו".

פון דאמאלסט אן בין איך געווארען אן אנדער מענש. כמעט אויף יעדען טראט האט מיך בעגלייט די איבערצייגונג, אז איך בין ניט קיין סתם איד, נאר א "בן משה", דאס הייסט, מיינע פליכטען זיינען גרויס צו מיין פאלק און צו מיין לאנד.

## זיעבעטער קאפיטעל

יעקאטערינאסלאוו, די גרויסע דרום-רוסישע שטאדט. — די אידען און דער אידישער חנוך דארטען. — אידישע קינדער קענען ניט קיין עברי. — דער אלטער אידישער כלל-טוער מיכל מיידאנסקי, זיין הדרת פנים און די גייסטיגע שלמות. — חיים (וויטאל) לעוואנדא, וועלכער איז פריהער געווען אן אסימילאטאר און איז דער-נאך געווארען א חובב ציון. — רש״י סטאניסלאווסקי.

א בעזונדערען איינדרוק האט געמאכט אויף מיר די שטאדט יעקאטע-רינאסלאוו. זי האט דעם כאראקטער פון איינע פון די גרויסע רוסישע שטעדט, די רוסישע שפראך הערשט דא איבעראל אין הויז און אין גאס, זאגאר אונ-זערע אידען רעדען צווישען זיך בלויז רוסיש, און דאך האב איך אין איהר געפונען פיעל נאציאנאלע אידען, וועלבע זיינען איבערגעגעבען מיט זייער גאנצער נשמה דעם אידענטהום בכלל און דעם ציוניסטישען רעיון בפרט.

יעקאטערינאסלאוו איז איינע פון די גרויסע שטעדט אין דרום רוסלאנד. זי איז געבויט געווארען אין אכטצעהנטען יאהרהונדערט פון דער קייזערין יעקאטערינא די צווייטע, און די שטאדט טראגט איהר נאמען. א קופערנער מאנומענט אין איהר געשטאלט מיט איהר נאטירליכער גרויס און שעהנקייט שטעהט אין מיטען דעם בולוואר ביי דעם גרויסען פאטיאמקינס פאלאץ. דער דניעפער האט אויך פיעל צוגעהאלפען צו מאכען איהר בעריהמט דורך דעם ריעזיגען אימפארט און עקספארט. די שטאדט לעבט, די בעוועגונג איז גרויס און די איינוואהנער מאכען זעהר א שעהנעם לעבען, און ניט אומזיסט האט מען איהר דעם נאמען געגעבען "די צווייטע אדעס".

www.libtool.com.cn

מיט גרויס פערגעניגען האב איך געשפּאצירט פריי איבער איהרע בול־ווארען, מערק און די ברייטע גאסען, בעטראכט דאס קאכיגע לעבען, געשטודירט דאס לעבען פון אונזערע אידען און זייער מאטעריעלישען און גייסטיגען צושטאנד, און איך האב ניט געפונען פאר נויטיג צו אויסמיידען די פּאליציי מיט די זשאנדארען ווי איך האב געמוזט טהאן אין כארקאוו. איך האב מיך געפיהלט פריי אויף מיין יעדען טריט, ווייל איך האב געוואוסט אז איך געפין זיך אין א אידישער שטאדט. אבער דיעזען גליקליכען געפיהל האט ניט יעדערער, מען מוז פריהער פערזוכען דעם טעם צו לעבען אין איינער פון די "פערבאטענע" שטעדט, צו וואהנען דארט און צו קויפען דאס רעכט צו אטעמען ביי דער פערפלוכטער פּאליציי, נאר דאן קען מען פיהלען דעם טעם פון אומגעהן פריי אהן שרעק און אטעמען פריי, ווי יעדער בריאה אויף גאט׳ס וועלט...

ווינטערצייט בין איך געקומען נאך יעקאטערינאסלאוו. מיינע רעדען, וועלכע איך האב גערעדט אין די לאנגע ווינטערדיגע אווענטען פאר איבער־געפילטע שוהלען, האבען געמאכט א גרויסען רושם אויף מיינע טויזענדער צוהערער. דעם גרעסטען טהייל פון מיינע רעדען האב איך געווידמעט דער אידישער ערציהונג, ווייל איך האב דארט געפונען דעם חנוך זעהר פערלאזען; דאס רוב אידישע קינדער האבען צום מאל ניט געקענט קיין עברי, און ווען עס איז געקומען פסח און די פארשטעהער פון דער גרויסער "קאר־שול" האבען מיך געבעטען צו רעדען פאר "הזכרת נשמות", האב איך גערעדט מיט פיעל ביטערניש איבער דער ערציהונג, וועלכע פערדארבט די יונגע קינדערשע נשמות, דערוויטערט זיי פון זייער פאלק, פון דער תורה, ביז זיי ווערען אפּ־געריסענע אברים פון אידישען פאלק. "ניט מזכיר נשמות זיין פון אונזערע טויטע עלטערען ברויכען מיר דא — האב איך אויסגעשריען — נאר די לעבעדיגע נשמות פון אונזערע קינדער, וועלכע שטארבען אפּ פון אונז. "א נייעם "יזכור" מיט א נייעם נוסח דארפען מיר זאגען: "יזכור אלהים את נשמות בנינו!..."

צווישען די אידישע פיהרער האב איך געפונען פיער גרויסע אידען, וועלכע האבען זעהר פיעל אויפגעטהאן פאר דער אידישער געזעלשאפטליכקייט דארטען און נאך מעהר פאר׳ן רעיון פון חבת־ציון.

דער ערשטער איז געווען דער שעהנער, גוטער אלטער מר מיכל מיידאנסקי. דער מוטהיגער פיהרער איז געווען איינער פון די גרויסע שעהנע אידישע טיפּען פון דעם פאריגען יאהרהונדערט, וואס זיינען היינט א יקר המציאות. ער איז ווירקליך געווען א נאציאנאלע פיגור. ווען ער פלעגט שפּאצירען איז גאס, האט ער צוגעצויגען ווי מיט א מאגנעטישער קראפט די פארבייגעהער, אידען און קריסטען, מיט זיין שעהנער הויכער פיגור, מיט זיין ליכטיגען גע־

www.libtool.com.cn

זיכט, שטראהלענדע אויגען, פול מיט יונגען פייער, און מיט זיין ווייסער לאנ־גער בארד און לאנגע ווייסע האר אויף זיין ריעזיגען קאפ.

און ווי שעהן און ריין ער איז געווען קערפערליך, אזוי הויך און ערהא־בען איז ער געווען גייסטיג. קלוג, שארפזיניג, צוגעלאזען און פריינדליך צו אלעמען. ער פלעגט פשוט בעצויבערען די אלע, וועלכע פלעגען קומען אין בע־ריהרונג מיט איהם. מיט זיין שארפזין, הומאר און רייכע אנעקדאטען פון אמת אידישען לעבען. אויסער זיין בילדונג אין אייניגע שפראכען איז ער אויך געווען א גרויסער העברעער און תלמודיסט. זיין הויז איז געווען אפען פאר אלע רבנים, חכמים און משכילים, עצות־פרעגער, דורכרייזענדע, וועלכע האבען געברויכט מאטעריעלע שטיצע. ער איז געווען צימליך רייך, פערנעהמענ־דיג די שטעל פון דירעקטאר אין דער שטאטישער באנק. ער איז געווען בעפריינ־דעט מיט די גובערנאטארען און די אלע קייזערליכע בעאמטע, און זיי האבען איהם קיינמאל ניט ענטזאגט ווען ער פלעגט פון זיי פערלאנגען א טובה פאר דעם אדער פאר יענעם אידען, און טובות פערלאנגער האט ער געהאט איבער גענוג.

אין יעקאטערינאסלאווער גובערניע איז שוין געווען בעוואוסט אז אין אן עת צרה מוז מען זיך ווענדען צו מיכאיל וולאדימיראוויטש מיידאנסקי, און ער וועט שוין די זאך גוטמאכען, וועיל ער איז געווען דער אמת׳ער בייגער אידישער שתדלן פון דעם בעסטען אידעאליסטישען סארט. ווען אלעקסאנדער דער דריטער האט איינגעלאדען א אידישע קאמיסיע פון די אלע גובערניעס, וואו אידען האבען געהאט דאס רעכט צו וואהנען, צו בעראטען זיך מיט זיי וועגען דער אידישער פראגע, איז דער הערר מיידאנסקי בעשטימט געווארען דורך דעם גובערנאטאר צו זיין איינער פון דער קאמיסיע. ווען דער קייזער האט איהם דערזעהן, האט ער איהם מיט א בעזונדער אכטונג אויפגענומען און האט זיך ספעציעל מיט איהם אונטערהאלטען וועגען דער אידישער לאגע אין יעקאטערינאסלאוו.

דער צווייטער צו איהם איז געווען דער בעריהמטער אדוואקאט חיים (וויטאל) לעוואנדא, א ברודער פון דעם בעוואוסטען רוסיש־אידישען ראמא־ניסט לייב לעוואנדא. ער איז געווען איינער פון די תלמידים פון דער היסטא־רישער ווילנער ראבינער שול, און, ווי דער רוב פון דעם סארט תלמידים פון דער תקופת ההשכלה, איז ער געווען אין אנפאנג א ברענענדיגער אסימילא־טאר גלייך מיט זיין טאלאנטפאלען ברודער. אבער נאך די פאגראמען איז אלעקסאנדער דעם דריטענס צייט האבען זיך ביידע ברידער איבערגעגעבען צו זייער פאלק און האבען זיך ביידע געווידמעט דעם רעיון פון ״חבת ציון״. אזוי ווי זיין גרויסער ברודער האט ער אויך געשריבען פלאמענדע ארטיקלען

www.libtool.com.cn

אין דער רוסיש־אידישער פּרעסע און האָט אנגעפיהרט א העפטיגען קאמפף מיט זיינע געוועזענע חברים די אסימילאטארען.

א גרויסען נאָמען האָט ער זיך ערוואָרבען מיט זיין בוך וועגען די אידישע בעגרענצונגען אין רוסישען קאָדעקס אונטער דער הערשאפט פון די ראָמאַ־נאָווס. ער האָט פיעל געלייסטעט פאר אידען אין דעם רוסישען געריכט און אלע ריכטער און בעאמטע פלעגען איהם עהרען פאר זיין וויסען און נאָך מעהר פאר זיין נאָבעלען און אָרענטליכען כאראקטער.

צווישען זיי איז געווען דער בעוואוסטער ליטעראט רש״י סטאניסלאווסקי, דער אידעאליסטישער שרייבער, וועלכער האָט זיין גאנצען לעבען געווידמעט צו יודאאיקא און האָט געשריבען וויסענשאפטליכע מאמרים אין רוסיש, דייטש און העברעאיש. ער האָט אויך פיעל מיטגעהאָלפען דער ״חובבי ציון״ בעוועגונג און ער איז געווען איינער פון די פלייסיגע עסקנים. ער איז געווען בעליעבט און געשעצט אין דער גאנצער שטאָדט פאר זיין גוטען און אויפריכ־טיגען כאראקטער און פאר זיין צוגעלאזענקייט צו די ארימע לומדים און משכילים.

## אכטער קאפּיטעל

מנחם מענדיל אוסישקין. — אין זיין יוגענד נאָך האָט ער ארויסגעוויזען זיין אוי־סערגעוועהנליכען טאלאנט. — דער יונגער אינזשעניר האָט מיט זיין שטארקען כאראקטער, אָרגאניזאטאָרישער קראפט און גראדען שכל איבערגענומען די גאנצע בעוועגונג אין זיינע הענד. — אוסישקין׳ס חתונה מיט דער טאָכטער פון אפּיקורס און אסימילאטאָר סערגעי פּאוולאָוויטש פּאליי. — ווי דער אפּיקורס איז חוזר בתשובה און ווערט א חובב ציון.

ער איז נאָך דאמאָלס געווען זעהר יונג, נאָר וואָס געענדיגט אין מאסקיוא אלס ״גארנער אינזשעניר״, אבער תיכף ווי ער איז אנגעקומען נאָך יעקאטע־רינאָסלאוו, האָט ער באלד בעוויזען זיין אונגעוועהנליכען טאלאנט אלס פיה־רער. שוין דאמאָלסט האָט מען אין איהם געזעהן די סמנים פון זיין שטארקער פערזענליכקייט, זיין אונגעוועהנליכע ווילענסקראפט און זיין שטארקען גייסט. מיט זיין גאנצער יונגער ברענענדיגער אידישער נשמה האָט ער זיך איבער־געגעבען צו דעם נאציאנאלען געדאנק און ער איז געוואָרען דער ראש וראשון אין דער גאנצער בעוועגונג. אלע חברים האבען געפיהלט אז דער יונגער אינ־זשעניר וועט אמאָל שטעהן אין דער אנפיהרונג פון דער ציוניסטישער בעווע־גונג אין רוסלאנד.

www.libtool.com.cn

ווי שטארק די ״חבת ציון״ בעוועגונג אין די אכציגער יאהרען האט געווירקט אויף די יונגע לייט, וועלכע האבען זיך דערווייטערט פון אידענטהום, קען אונז דיענען דער איינער עפיזאד, וועלכער איז נוגע צו אוסישקין׳ס ביאגראפיע.

אוסישקין איז בטבע געווען א פרומער, האט זיך אויפגעפיהרט אין אוניווערזיטעט אין מאסקווא אזוי ווי ער האט זיך אויפגעפיהרט ביי זיינע פרומע עלטערען אין הויז אין שקלאוו, דריי מאל א טאג געדאווענט, געגעסען כשרות, שבת געהיט ווי אלע גוטע פרומע אידען. ער איז געווען רבי שמואל מאהליווער׳ס ליעבלינג און אויך פון די אלע רבנים, וועלכע זיינען געווען נאהענט צו די חובבי ציון. אויך די יעקאטערינאסלאווער פרומע חובבי־ציון זיינען שטאלץ געווען מיט איהם פאר זיין פרומקייט. פלוצים האט זיך פערשפרייט א קלאנג אז אוסישקין האט זיך מתחתן געווען מיט דעם אינזשעניר פאליי און האט זיך פער׳קנס׳ט מיט זיין טאכטער. דיעזער רומאר האט געטראפען אלע פרומע אידען ווי א דונער אין א לויטערען שעהנעם טאג.

סטייטש, ווי קען דאס געמאהלט זיין? דער אינזשעניר סערגיי פאוולאוויטש פאליי איז בעוואוסט פאר א פאלקעמענעם פריידענקער, אן אמת׳ען אסימילאטאר פון דעם טיפ פון א מומר להכעיס, וועלכער האסט אידען מיט אידישקייט ווי א איד האסט דעם ״מפרים פרסה״. זיין פאטער, דער אלטער רבי פייטעל פאליי, איז א חב״ד׳נער חסיד מיט פאות׳ן און מיט א שטריימעל. זיין תכשיט, דעם בן יחיד שמריה׳ן האט ער ערצויגען על דרך התורה והחסידות. ווען ער איז נאך געווען א קינד, שמערעלע, האט ער שוין דעם ״תניא״ און ״לקוטי תורה״ געלערענט. נאר פלוצלונג רחמנא לצלן, איז דער יונגער שמעריל נתפקר געווארען און האט ארויסגע׳גנב׳עט פון זיין רייכע חסידישען טאטען א היבשען בייטעל מיט געלד, און האט זיך אליין אויך ארויסגע׳גנב׳עט פון פאטער׳ס הויז, און איז אוועק נאך מאסקווא שטודירען. זעקס יאהר זיינען פערגאנגען און פון שמריה רבי פייטעל׳ס זוהן איז געווארען סערגיי פאוולאוויטש פאליי. ער האט זיך אומגעקעהרט פון מאסקיוער פאליטעכניקום אלס אינזשעניר, אנגעטהאן אין א יוניפארם, מיט א גאלדענעם שטערען אויף זיין הוט. ער האט זיך בעזעצט אין יעקאטערינאסלאוו, זייז געבורטסשטאדט, אלס גרויסער געשעפטסמאן. מיט זיין פאטער האט ער זיך ניט בעגעגענט, ווייל דער פאטער האט איהם ניט געוואלט זעהן, און פון גרוים שנאה צו זיין בן יחיד האט ער נאך רודף געווען אלע משכילים און חובבי ציון אויך. דער אלטער פאליי פלעגט אויסמיידען ניט צו געהן נעבען זיין זוהן׳ס הויז, ווייל עס שמעקט דארטען — זאגט ער — חזיר פלייש. דער יונגער האט געווייכט פון פאטער׳ס הויז, ווייל ער קען ניט ליידען דעם קוגעל־צימעס ריח פון זיין טאטענ׳ס הויז. פלוצלונג איז בעוואוסט געווארען, אז דער יונגער פרו־

www.libtool.com.cn

מער אינזשעניר אוסישקין איז פער׳קנס׳ט געווארען מיט דעם אסימילאטא־רישען אינזשעניר פאליי׳ס טאכטער.

הימלען עפענט זיך! די חובבי ציון אין יעקאטערינאסלאוו זיינען גע־גאנגען מיט אראפגעלאזענע קעפ, מען האט זיך מיט זיי געריייצט: זעהט, אייער גרויסער נאציאנאליסט, אייער צדיק, וועלכער פריידיגט רעליגיאן און טראדיציאן, האט זיך פערקויפט פאר געלד. אבער עס האט קיין פיעל צייט ניט גענומען און עס האט זיך דערהערט אין שטאדט, אז סערגיי פאוולאוויטש פאליי האט מטהר געווען זיין גאנצע הויז, מזוזות אין די טירען אריינגעשטעלט; די טרפה כלים אויסגעראמט, די גוי׳אישע קעכין ענטזאגט, נייע געפעס גע־קויפט, און א כשר׳ע אידישע קעכין אריינגענומען, אידישע ספרים מיט א גרוי־סען ווילנער ש״ס מיט רמב״ם אריינגעשטעלט אין זיין ביבליאטעק און איז געווארען א פאלקאמענער ״בעל תשובה״. נאכהער איז געפייערט געווארען די חתונה. אלע רבנים זיינען געווען אנוועזענד און זיי האבען נהנה געווען פון דער ״סעודת מצוה״, זיי האבען משמח געווען חתן־כלה און געקושט זיך מיט דעם בעל תשובה, זאגאר דער אלטער רבי פייטעל פאליי האט זיך איבערגע־בעטען נאך צעהנדליגער יאהרען פון צארן און האס. פון גרוים שמחה האט דער אלטער פאטער געוויינט און האט געמאכט ״שהחיינו״ מיט ״שם״ און ״מלכות״, וואס ער האט זוכה געווען אויף דער עלטער צו זעהן זיין בן יחיד ווידער א אידען. ער איז ארויסגעפאלען פון פיעל התרגשות הנפש אויף אוסיש־קין׳ס האלז און האט אויסגעשריען: דו, מיין קינד, האסט אין זיך פונקען פון אליהו הנביא׳ס נשמה, דו האסט משיב געווען מיין פאטערליכע הארץ צו מיין זוהן און מיין זוהנס הארץ צו מיר.

און פון דאמאלס אן איז דער אלטער חסיד, רבי פייטעל, געווארען א ווארימער ״חובב ציון״, און האט מיטגעהאלפען דער בעוועגונג.

אין יעקאטערינאסלאווער גובערניע געפינען זיך אידישע קאלאניעס, וואו עס ארבייטען געזונדע אידישע פויערים. די קאלאניעס זיינען נאך געגרינדעט געווארען אין ניקאלאי׳ דעם ערשטענס צייט. דאס איז געווען אין דער צייט פון גרויסען הונגער, וואס עס האט אויסגעבראכען אין זאמוט און אין ליטא. דאן האט די רוסישע רעגיערונג ארויסגענומען הונדערטער אידישע פאמיליען פון דעם הונגער געגענד און האט זיי בעזעצט אין יעקאטערינאסלאווער און כערסאנער גובערניעס. די אידישע קאלאניעס ליידער האבען ניט בעגליקט צו ערציהען א דור פון ערד ארבייטער. די טיראנישע רוסישע בעאמטע האבען ניט דערלאזען דערצו. זיי האבען זיי דאס לעבען פערביטערט און זיי האבען זיי ניט געלאזען ענטוויקלען זיך נארמאל. די פאמיליעס, וועלכע זיינען נאך פערבליבען דארט, לעבען זעהר א שווערען לעבען און די קינדער זייערע פער־לאזען די קאלאניעס און צושפרייטען זיך איבער דער גרויסער וועלט.

www.libtool.com.cn

אבער, די ארימע אידישע קאלאניסטען האבען מזכה געווען דאס אידישע פאלק מיט צוויי גרויסע ליכט, צוויי גרויסע פאעטען: **שמעון פרוג** און **שאול טשערניכאווסקי**. די צוויי שטערען שיינען מיט גלאנץ אין דער העבּרעאישער, רוסישער, אידישער ליטעראטורען. זיי האבען אין זייערע ליעדער אריינגעבראכט א נייעם טאן, וואס איז אונז געווען פרעמד טויזענדער יאהרען: דעם "ריח השדה", דער גערוך פון פעלד. אין זייער פאעזי הערען מיר דאס ווידער־קול פון דעם נאטור־לעבען. מיר פיהלען אין זייערע ליעדער דאס פייער פון דער דרום־זון און מיר הערען דעם גערויש פון די שטארקע וועלען פון שטורעמדיגען דניעפער...

## 9טער קאפיטעל

קיעוו, די הייליגע רוסישע שטאדט. — דער פינסטערער מיטעלאלטער שוועבט פאר מיינע אויגען ווען איך זעה די גאלדענע דעכער פון די קלויסטערס און איך הער דעם גלאקען־געקלאנג. — קיעווער פאליציי האט א גוטען זכרון. — איך האב געזעהן ווי מען האט ארויסגעטריבען הונדערטער אידען, וועלכע האבען ניט געהאט קיין וואוינרעכט אין קיעוו. — די בלעכענע פושקעס אין ביעלאיא ציערקאוו און מיין גערעכטער צארן אויף זיי.

פון יעקאטערינאסלאוו בין איך געפאהרען מיט'ן דניעפר נאך קיעוו. קיעוו, די "הייליגע" שטאדט, די הייליגקייט איהרע האב איך גלייך געפיהלט נאך איידער איך בין אריינגעקומען אין איהרע גרעניצען. צוזאמען מיט מיר אויף דעם פאראכאד זיינען געפאהרען עטליכע הונדערט רוסען "עולי רגל" נאך קיעוו, צו קניהען און מתפלל זיין אויף די הייליגע קברים פון די אפאסטאלען, וועלכע ליגען דארט אין די היילען פון די "לאווראס" נאך פון די צייטען פון דעם הייליגען וולאדימיר, דער קניאז, וועלכער האט אנגענומען פאר די רוסען די גריכיש־קאטוילישע רעליגיאן.

וואס נעהענטער איך בין צוגעקומען צו קיעוו, האב איך אלץ בולט'ער דערזעהן די הויכע קירכען מיט די גאלדענע דעכער און גרויסע צלמים. מיינע אויערען האבען דערהערט די קלינגערייען פון די גרויסע שווערע גלעקער, וועלכע ווארפען א שרעק מיט זייער גערויש. זיי עראינערען אן די שווארץ־געקליידעטע גלחים, די שווארצע ברענענדיגע ליכט מיט'ן רויכענדיגען ווייררויך — די אינקוויזיטארען פון מיטעלאלטער. די אלע "הייליגע" סימנים האבען מיך דערמאהנט, אז איך קום איצט אין א שטאדט, וואו א איד ווי איך האט ניט קיין רעכט, אפילו צו אטהעמען אין איהר טאר איך ניט און ווער ווייס אויב עס וועט

www.libtool.com.cn

מיר העלפען דער "אלגעמיינער פאספארט", וועלכער האט מיר געהאלפען אין כארקאוו ? ווייל איך בין דאך יעצט אין דער "אמת׳ער היילינער" שטאדט קיעו וואו באגדאן כמעלניצקי׳ס מאנומענט שטעהט מיט אזא שטאלץ...

וועגען די בעגראבענע היילינע אין קיעוו ווערט דערצעהלט אן עפיזאד, אז ווען אלעקסאנדער דער צווייטער איז געקומען אין קיעוו, האבען די פאר־שטעהער פון די היילינע לאווּרעס זיך געווענדעט צו איהם מיט א ביטע, ער זאל ארויסטרייבען אלע אידען פון קיעוו, ווייל די היילינע ווילען זיי ניט ליידען.

דער קייסער האט געענטפערט מיט א שמייכעל, אז די היילינע קענען אין אמת׳ען ניט ליגען אין זייערע קברים צוליעב די אידען און זיי פערלאנגען ארויס־צוטרייבען פאמיליעס און מאכען זיי היימלאז, גלויבט ער אבער ניט, אז זיי זאלען צוליעב דעם פערלאזען זייערע קברים, ווייל קיין בעסערע און שעהנערע שטאדט ווי קיעוו וועלען זיי ניט געפינען אין גאנץ רוסלאנד...

באלד ווי איך בין נאך אריין אין שטאדט, האב איך גלייך דערזעהן דעם שרעקליכע מענשען־געיעג פון די בעוואוסטע קיעווער נאכטיגע איבערפאלען (אבלאוועס) אויף אידען, וועלכע האבען ניט קיין רעכט צו וואהנען אין דער היילינער שטאדט. איך האב געזעהן ווי צעהנדליגער פאליציאנטען, מיט די בלויזע שווערדען אין זייערע הענד, פיהרען א מחנה אידען, מענער, פרויען, אלטע און יונגע, מאנכע יונגע פרויען מיט קליינע קינדער ביי די ברוסטען, אלע זיינען צונויפגענומען געווארען פון די פערשידענע טהיילען פון שטאדט און איצט זיינען זיי געפיהרט געווארען אין צענטער פון פאליציי, און פון דארט וועלען זיי, ווי ארעסטאנטען, אפגעשיקט ווערען, יעדערער צו זיין שטאדט, וואו ער אדער זי איז געבארען געווארען.

די שרעקליכע סצענע האט אויף מיר געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק און ניט ווילענדיג האב איך אויסגעדריקט מיט ביטערניש : "הבט משמים וראה, כי היינו לעג וקלס בגוים, נחשבנו כצאן לטבח יובל !" "א, גאט פון הימעל, זעה ווי מיר זיינען געווארען צו שאנד און צו שפאט, מיר זיינען געגליכען צו א סטאדע שאף וועלכע ווערט געפיהרט אין שלאכטהויז !"...

נאך פיעל שתדלנות האב איך בעקומען אן ערלויבניש צו בלייבען אין קיעוו צוויי וואכען און בפירוש איינגעשריבען אין פאספארט, אז אין דעם טאג ווען עס וועט זיך ענדיגען די צוויי וואכען, מוז איך פערלאזען די שטאדט.

אין די צוויי וואכען האב איך פיעל גערעדט אין פערשיעדענע שוהלען. איך האב בעזוכט די אלע קיעווער משכילים, די רבנים, חכמים, און דעם פאעט יה"לל, וויסבערג, וועלכער איז געווען אן אויסגעצייכענטער העברעאישער פובליציסט ; אהרן צייטלין, דער "אוטשאני יעוריי" ביי דעם גענעראל־גובערנאטאר ; דעם דאקטאר בענדערסקי, אן איבערגעגעבענער חובב ציון ; קאראסיק, דער צענזאר ;

www.libtool.com.cn

די קויפלייט פאליקאווסקי און מארשאק און פריוואלסקי, און צוזאמען האבען מיר בעזוכט דעם אלטען העברעאישען ליטעראט אליעזר שולמאן. דער שרייבער האט אויף מיר געמאכט א בעזאנדערען איינדרוק, ער איז געווען זעהר הויך, שטארק געבויט און רייך — אזעלכע מעלות, וועלכע געפינען זיך גאנץ וויייניג צווישען משכילים און שרייבער. ער האט גערעדט טאקטיש, בעזאנדערס האט ער ליעב געהאט צו ריידען וועגען היינע׳ן און בערנע, דער דייטש־אידישער ליטעראַרישער צווילינג וועגען וועלכע ער האט געשריבען זיין בוך ״ממקור ישראל״.

די צוויי וואכען זיינען מערקווירדיג גיך פערלאפען און די קיעווער פאליציי האט געהאט א גוטען זכרון, און אין דעם זעלבען טאג האט מען מיך פון קיעוו ארויסגעשיקט און איך בין אוועקגעפאהרען נאך ביעלא־ציערקאוו.

מיט דריי נעמען אין דריי פערשידענע שפראכען רופט מען די דאזיגע אוקראינער שטאדט: די העברעער רופען איהר ״שדה־לבן״; די רוסען: ביעלאיא ציערקאוו און די חסידישע אידען רופען איהר ניט אנדערש ווי ״שווארץ־טומאה״, דאס איז א סארקאסטישע איבערזעצונג פון ״ביעלאיא־ציערקאוו״ די ״ווייסע קירכע״. אין דעם איבערזעצטען נאמען ליגט דער ביטערסטער פראַטעסט פון אונזערע עלטערן געגען דעם קריסטענטהום און פיעל פון די קריסטען, וועלכע פערשטעהן אידיש, זיינען ענטריסטעט אויף דעם סארקאסטישען נאמען.

דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען איז מיר אויסגעקומען צו רעדען אין א ריכטיגער גרויסער חסידישער קלויז. די תנועות זייערע ביים דאווענען, דאס איבערגעטריבענע התלהבות, דאס ווארפען זיך און שאקלען זיך, האבען ניט געקענט מאכען קיין גוטען רושם אויף א געבארענעם און ערצויגענעם מתנגד אין א הונדערט פראצענטיגער מתנגד׳ישער שטאדט, ווי סלוצק, די שטאדט, וועלכע איז פערשאלטען פון בעל שם טוב אז קיין חסיד זאל זיך אין איהר ניט געפינען.

ווען איך האב זיך געשטעלט רעדען אין דער דאזיגער חסידישער קלויז, האב איך געזעהן אז אויף די ווענט ארום און ארום זיינען אנגעקלאפט בלעכענע פושקעס. פריהער ביים דאווענען האב איך געזעהן ווי די חסידים טונקען אלע מאל איין זייערע הענד אין די דאזיגע פושקעס.

איך האב זיך ניט געפוילט און געכאפט א קוק אין די דאזיגע בלעכענע פושקעס און איך האב געזעהן אז זיי זיינען אויף העלפט אנגעפילט מיט וואַסער, גרין פארראסטעטע וואסער. דער מתנגד אין מיר האט ווידער אויפגעקאכט און אין מיין דרשה האב איך גע׳מוסר׳ט די חסידים פאר דער אומ־ריינקייט צו האלטען וואסער אין אזעלכע כלים, וועלכע זיינען דורכגעגעסען פון ראסט און טראגען אין זיך סם. איך האב זיי אויך געבראכט ראיות פון דער

www.libtool.com.cn

גמרא אז מען טאָר ניט מתפלל זיין אין אומריינקייט, און איך האָב זיי געבע־טען זיי זאָלען אומבייטען די בלעכענע פושקעס.

מיינע רייד האָבען געווירקט און באלד האָבען די יונגעליים ארונטערגעריסען די פושקעס פון די ווענט. די עלטערע חסידים זיינען אויך איבערצייגט געווען אין מיין גערעכטיגקייט און זיי האָבען דערפאר געשוויגען ווען די יונגע האָבען געמאכט דעם פאָגראָם אויף די בלעכענע פושקעס.

אויף מאָרגען זיינען געקומען די גבאים פון דער קלויז און האָבען געזאָגט צו מיר בזה הלשון: ״נו, שוין, איהר האָט שוין די אלטע פושקעס ארויסגע־וואָרפען, אָבער וואָס זאָלען מיר איצטער טהאָן אָהן פושקעס?״

איך האָב געהייסען זיך שיקען דעם שמש און צוזאמען מיט איהם בין איך געגאנגען אין מארק, וואו איך האָב איינגעקויפט עטליע צעהנדליג גלעזער, אויבען ברייט און אונטען שמאָל. דערנאָך בין איך געגאנגען מיט איהם צו א בלעכער און באשטעלט ביי איהם בלעכלאך צו די גלעזער און רינגען צו זיי און אזוי האָבען מיר זיי דערנאָך צוגעשלאָגען צו די ווענט. די גלעזער האָבען זיך געקענט לייכט ארויסנעהמען פון די בלעכלאך און די קלויז האָט פון דאמאלס אָן געהאט ריינע וואסער.

די דאָזיגע פושקעס האָט מען אין ביעלאיא ציערקאוו א נאָמען געגעבען ״מאסליאנסקי׳ס פושקעס״.

איך האָב דערצעהלט דעם דאָזיגען עפיזאָד, ווייל ער כאראקטעריזירט דעם דאמאלסדיגען צושטאנד אין די אידישע שטעדט און שטעדטלעך. עס איז נויטיג געווען אריינצובריינגען ליכט אין אלע ווינקעלעך פון לעבען, יעדע קליינע פארבעסערונג איז געווען א ווייטערער פאָרטשריט און דער פאָלקס־רעדנער, דער וואָס איז געווען איבערגעגעבען דעם אידישען פאָלק און האָט געוואָלט זעהן ווי דאָס אידישע לעבען ווערט דערהויבען, לייטערט זיך און ווערט בעגליקזעליגט, האָט געדאַרפט אומקוקען זיך אויף אזעלכע קלייניגקייטען ווי פארראסטעטע בלעכלעך אין א חסידישער קלויז.

www.libtool.com.cn

# 10טער קאַפּיטעל

אומאַן, די שטאָדט, וואָס פאַרמאָגט אַ וואונדערליכען פּאַרק. — צווישען בוימער, בלומען און גריכישע סטאַטועןדערמאָהן איך זיך אָן כמעלניצקי׳ס פּאָגראָמען, וועלכע האָבען חרוב געמאַכט אומאַן. — באַרדיטשעוו, די שטאָדט, וואו די פּאָליציי רעדט אידיש און די בעל־עגלות טענה׳ן זיך אוים מיט זייערע פערד אויף האַלב אידיש און חצי העברעאיש. — באַרדיטשעווער אונטערגעסלאַך.

אומאַן איז זעהר אַ שעהנע און ריינע שטאָדט. די גאַסען זיינען ברוקירט, צוויי שטאָקיגע הייזער אומעטום און זי האָט מיך עראינערט אָן די שטעדט פון טאַוורישער גובערניע.

בעזונדערס שעהן איז דער שטאָדט־גאַרטען "סאָפיא", וועלכער איז בעקאַנט איבער גאַנץ רוסלאַנד. ער איז ווירקליך איינער פון די וואונדערבאַרסטע גערטנער צוליעב זיין נאַטירליכער שעהנקייט. זיינע בערג, די באַדעקטע מיט גרינעם גראָז, הויבען זיך צו די וואָלקענס מיט גלייכע שטאָלצע בוימער, אַרום זיי רוישען קליינע קלאָרע טייכלאַך, וועלכע צוגיסען זיך איבער דער לייננ און ברייט פון דעם גאַנ־צען גאַרטען. הויכע פעלזען מיט פאָנטאַנען אויף זייערע שפּיצען וואָס שפּריצען מיט שטראָמען וואַסער, שיינענדיגע, בליצענדיגע ווי בריליאַנטען, און די זונען־שטראַהלען, זיי פערפלייצען דעם גאַרטען מיט אַ ים ליכט, אין די שעהנע קליינע טייכעלאַך שווימען אום קליינע גאָלדענע פישעלעך; צופוסענס די בערג זיינען פערפלאַנצט בייטען מיט פערשיעדענע בלומען און רויזען און פילען אָן מיט זייער פיינשמעקעדיגקייט די שטילע סודות׳דיגע אַלעען. די סטאַטוען פון דער גריכישער קונסט זיינען צושטעלט אומעטום, אויף אַלע וועגען און שטעגען. זינג־פויגעלעך זינגען און צווישצערען, פליהענדיג פון צווייג צו צווייג; יונגע לייט מיט יונגע דאַמען פילען אָן די אַלע הויפּט שפּאַציער־אַלעען; אין קוואַ־דראַטנע פלעצער אַרומגעצאַמט מיט שעהנע צוימען, שפּיעלט זיך די קליינוואַרג און זייערע פּנים׳לעך שיינען געגען דער זון מיט נאַאיווער קינדערשער פרייד. איך בין בעצויבערט געוואָרען פון דעם פּראַכטפאָלען בילד אַרום מיר.

פלוצלינג האָט מיך אַ שוידער געטהאָן. איך האָב זיך דערמאָהנט אַז איך בין יעצט אין דער אידישער היסטאָרישער שטאָדט אומאַן, אין דער שטאָדט, וואו מיט אַן ערך דריי הונדערט יאָהר צוריק האָט זיך געגאָסען טייכען אידישע בלוט, בערג הרוגים פון מיינע ברידער און שוועסטער, די קדושים, וועלכע האָבען זיך אויפגעאָפּפערט אויף קידוש השם, האָבען זיך דאָ געוואַלגערט, און ווער וויים אויב זייער בלוט און מאַרך האָבען ניט פעט געמאַכט דעם באָדען, וואו עס בליהען יעצט די שעהנע רויטע ראָזען? און ווער וויים אויב ניט דער שעהנער

www.libtool.com.cn

צעצווייגטער בוים וואקסט ניט אויף א קבר פון איינעם פון יענע קדושים אין באגדאן כמעלניצקי׳ס צייט ?...

תורה און גדולה האב איך געפונען אין דער עכט־אידישער פאטריארכאלי־שער הויז פון רבי יצחק מאיר שאפירא, אן אפשטאם פון דעם גרעסטען חסידישען יחוס. אן אוראייניקעל פון די סלאוויטער קדושים, די מארטירער אין ניקאלאי דעם ערשטענס צייטען.

עס איז ווירקליך געווען א גייסטיגער פארגעניגען צו בעטראכטען דעם ארט לעבען און די הייליגקייט פון דעם אמת׳ן ריינעם אידישען גייסט, וואס האט געשוועבט אויף דער כשר׳ער פאמיליע. ריינע אמונה מיט ריכטיגער וויסענ־שאפט צוזאמען גענומען, א פאלקאמענער איד אין הויז און אין גאס, ניט ווי די תורה וואס עס האבען אונז געלערנט די משכילים פון די זעכציגער יאהרען, אז מיר זאלען זיין אידען בלויז אין הויז, און מענשען אין גאס. אט די נארישע תורה האט אונז פערפיהרט צו לעבען א פאלשען, היפאקריטישען מה יפית׳דיגען לעבען, ניט צו גאט און ניט צו לייט. די קינדערלעך, שאפירא׳ס אינגעלעך און מיידעלעך האבען גוט געלערנט און פערשטאנען די העברעאישע שפראך, די עלטערע האבען געלערנט פלייסיג דעם תלמוד, אויפגעצויגענע אין דעם פולען אידישען גייסט, מיט פיעל ליעבע און אכטונג צום פאלק, רעליגיאן און טראדיציאן. הלואי וואלטען זיי געווען א מוסטער צו די אלע גוטע אידישע קינדער פון איין זייט און צו די זאגענאנטע אריסטאקראטען פון דער אנדערער זייט, דאן וואלטען מיר ניט געלי־טען פון נארישען אבערגלויבען מיט ווילדער הפקרות צוזאמען, וועלכע פערניכטען אונז, און רואינירען אונזער נאציאנאלען שטאלץ.

גאר אן אנדער גייסט האט אויף מיר א ווען געטהאן ווען איך בין געקומען נאך בארדיטשעוו, די ירושלים פון וואהלין, אין בארדיטשעווער לופט האב איך זיך געפיהלט ווי א פיש אין וואסער ; איך האב געפיהלט אז איך געפין זיך צווי־שען מיין פאלק, מיינע ברידער, די אמת׳ע אידען, און דאס דאזיגע געפיהל איז באזונדערס אנגענעהם ווען דו קומסט, נאך פיעל וואגלונגען איבער פרעמדע גוי׳שע שטעדט, אדער אפילו פון פער׳גוי׳שטע אידען.

בארדיטשעווער אידען זיינען הונדערט פראצענטיגע אידען, אהן פרעטענ־ציאנען און אהנע אסימילאטארישען אונטערשלאג מיט השכלה׳שע חקירות. אין בארדיטשעוו קאנסטו דורכגעהן אייניגע גאסען און דו זאלסט ניט באגעגענען קיין איין גוי, אידען, פשוט׳ע אידען פון א גאנץ יאהר, אפילו די בארדיטשעווער פא־ליציי רעדט אידיש, און בעלי עגלות רעדען צו זייערע פערד אידיש געמישט מיט העברעאיש, צום ביישפיעל : ״יעמוד תכשיט !״ שטעלט זיך דער פערד. ״הולך שוין פגירה !״ געהט ער אוועק, ״ריהר זיך מיין סוס ורוכבו !״ הויבט שוין דער סוס אן צו לויפען, און די בארדיטשעווער פערד פערשטעהען גוט דעם פער־דישען העברעאיש פיעל מעהר פון זייערע בעלי בתים דעם ריינעם העברעאיש.

www.libtool.com.cn

אפשר, ווען רבי יהודה הלוי וואלט געקענט באַרדיטשעוו, וואלט ער געזונגען אויף איהר אויך זיין בעוואוסטע פּאָעטישע פראזע „בה חיה ועוף חכמא!“

אייניגע טעג האָב איך אַפּגעגעבען צו זעהן און שטודירען באַרדיטשעוו, און איך האָב איהר געזעהן מיט אַלע איהרע פעהלערן. איך האָב געזעהן די אַלטע שטאָדט מיט איהרע שוהלען, די ענגע און די פינסטערע. איך האָב געזעהן איהר טייך, דעם שמוציגען מיט זיין שעהנעם נאָמען, וואָס כאַראַקטעריזירט איהם „גאַלאָפּיאטאָוואָסקא“, ער פּאַסט פאַר זיין נאָמען און זיין נאָמען פּאַסט פאַר איהם. ער גיט וואסער פאַר אַלעם וואָס לעבט אין דער שטאָדט און נעהמט אַריין אין זיך אַלע נבלות ופגרים פון די פערד ביז די הינט מיט די קעץ. איך האָב געזעהן די גרויסע קלויז, די הייליגע, היסטאָרישע, מיט די אָרימע בחורים און די בטלנים, וועלכע וואַלגערן זיך אין איהר טאָג און נאַכט און קיין פונק לעבען שטראַהלט ניט אַרויס פון זייערע מיעדע אויגען. איך האָב געזעהן ווי די חסידים געהען אַרויס פון בית הטבילה ביי דער שוהל און ווענט פון שוהל, אויף וועלכע עס איז אָנגעשריבען מיט אותיות מרובעות „אסור ל...“ **איך האָב געזעהן די** ענגע פינסטערע תלמוד תורה, וועלכע איז פול געווען מיט אָרימע אידישע קינ־דערלעך, אָפּגעריסענע, פערשמוצטע, אויסער זייערע אויגעלאַך וואָס לייכטען מיט דעם אידישען פייערל, און זייערע מלמדים געהען האַלב נאַקעט מיט אָפענע העמ־דער און האַלטען שטעקענס און רימענס, מיט וועלכע זיי ערציהען די הייליגע שע־פעלאַך. איך האָב געזעהן און געזעהן, נאָך און נאָך, — און איך האָב געטראַכט: „אַ, דו גאָט פון דעם פאָלק ישראל! זייענען דאָס די קינדער פון אונזערע הייליגע ריינע אבות? איז דאָס דער עם סגולה, וועלכען דו האָסט געלערנט נאָך מיט איבער דריי טויזענד יאָהר צוריק, „והיה מחנך קדוש“, דיין לאַגער זאָל זיין זויבער, ריין און הייליג?“...

יאָ, מיט איין זאַך קאָנען די באַרדיטשעווער שטאָלצירען: מיט זייער זעל־טענער קראַפט צו לעבען און עקזיסטירען אָהן לופט און אָהן וואסער!

איך מוז זיך מודה ומתודה זיין, אַז איך האָב ביז דאַמאָלס ניט פערשטאַנען די פאַרלוימדונגען פון אונזערע שונאים פאַר דער אומריינליכקייט און אומאָרדנונג אונזערער. איך האָב אימער געגלויבט, אַז דאָס זייענען בלויז בלבולים אויסגע־קלעהרטע ווי זייער גרויסער פאַלשער בלוטיגער בלבול „עלילת דם“. אבער דאָ אין באַרדיטשעוו האָב איך זיך ליידער איבערצייגט, אַז אונזערע אידען באַמיהען זיך מיט אַלע זייערע קרעפטען ריינצוואַשען אונזערע שונאים פון ליגען זאָגען, און באָדען זיך אין שמוץ איבער׳ן האַלז.

צוויי געסט האָב איך אין איין אָווענט געהאַט, צוויי בעוואוסטע העבראַאישע ליטעראַטען האָבען מיך בעזוכט. איינער, דער בעוואוסטער זשורנאַליסט בן **דוד** דער גרינדער פון דער „אגודת שפה ברורה“, און דער צווייטער איז געווען יהושע מזח. און ווי ווייט זיי זיינען געווען איינער פון דעם אַנדערען אין זייערע כאַראַק־

www.libtool.com.cn

טערע, דער ערשטער איז געווען אַן אידעאַליסט פון דעם ערשטען ראַנג, מיט ליטעראַרישען שטאַלץ און ריינליכקייט, און דער צווייטער נעביך, זעהר אַ גרויסער אָרימאַן וועלכער פלעגט זיך אומטראָגען מיט זיינע חיבורים צו זוכען בעלנים אויף זיי איבער די אידישע הייזער.

ווי מיט אַ מעסער האָט בן דוד געשניטען מיין הארץ אין מזח׳ס געגענוואַרט מיט זיין קריטיק אויף די מחברים, וועלכע זיינען מחזירים על הפתחים מיט זייערע חיבורים. דער אָרימער מזח האָט אַלעם רוהיג אויסגעהערט, און אַם ענדע האָט ער געענטפערט:

— טו וואָס זאָל איך טהאָן?!

אָרימער מחבר!

## 11טער קאַפּיטעל

די מלחמה צווישען עלטערען און קינדער אין זשיטאָמיר. — מיין ערשטע באַגעגעניש מיט ביאַליק׳ן. — דער דיכטער איז אַריינגעקומען צו מיר אַ שעמעוודיגער, באַשיידענער, נאָר איך האָב איהם דעקלאַמירט אויף אויסוויינינג זיין ליעד ״אל הצפור״. — די שטאָדט, וואו דער דובנער מגיד האָט געלעבט איז פול מיט עם הארצים. — קרעמעניץ, דאָס שטעטעל צווישען הויבע פעלזיגע בערג. — דאָס הויז וואו יצחק בער לעווינזאָהן האָט געלעבט, איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שענק־הויז.

ווי איך וואָלט אַרויס פון פינסטערניש צו ליכטיגקייט, אַזוי האָב איך זיך געפיהלט ווען איך בין געקומען פון דער העסליכער שטאָדט בערדיטשעוו אין דער שעהנער ריינער שטאָדט זשיטאָמיר. די געלערנטע פּריילין בערטאַ פלעקסער און דער משכיל ישראל כּאַראַדיצקי האָבען זיך גלייך אַרויסגערופען מיר צו העלפען. נאָך אונזער באַזוכען די פּאַרשטעהער פון דער ליטווישער געמיינדע, הרב בנימין עפּשטיין, בן ציון בערכין און דעם ראַבינער בערענשטיין, האָב איך בעקומען די ערלויבניש צו רעדען אין אַלע זשיטאָמירער שוהלען.

בעטראַכטענדיג דאָס לעבען פון די וואָהלינער אידען אין אַלגעמיין און די פערהעלטניסע צווישען עלטערען און קינדער בפרט, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז וואָהלין שטעהט אין איהר קולטור איצט ווי ליטאַ איז אַמאָל געשטאַנען אין איהר השכלה׳שע פּעריאָדע אין די זעכציגער און אין די זיבעציגער יאָהרען. אַ קאַמפּף געהט אָן צווישען די צוויי דורות, דעם יונגען מיט דעם אַלטען. די קינדער גנב׳ענען זיך שטילערהייט אַריין אין השכלה־טעמפּעל, מיט זייערע יונגע פליגעלאַך הויבען זיי זיך אויף און פליהען אונטער די מליצה־הימלען, זיי בעזינגען

www.libtool.com.cn

די זון מיט דער לבנה צוזאמען מיט דער "הימעל־טאכטער", די השכלה; לערנען תנ"ך מיט מענדעלסאנס באור, פאלען אן אויף די "פלעדערמייז", וועלכע פער־שטעלען די ליכט. און די עלטערען מאכען באפאלען די יונגע און זוכען בייטאג אין זייערע שטענדערס אין בית המדרש, אדער אין דער ישיבה, און אין זייערע געלעגער׳ס ביינאכט, און אז זיי זוכען, געפינען זיי מאפו׳ס און שולמאנ׳ס ביכער און אמאל טאקי דעם "התועה בדרכי החיים", און אפטמאל פערברענט מען זיי מיט א חסידישען פאראד.

דאך זיינען דא יחידי סגולה, ווי דער גביר גאטעסמאן און נאך אזעלכע, וועמעס קינדער עס לערנען פריי תנ"ך און דקדוק ביי דעם פאעט טולסקי, נאר די זיינען יוצאים מן הכלל, ווייל זיי זיינען רייך, און א גביר מעג אלעס.

איינער פון די גרויסע רוסישע קריטיקער, דער רעדאקטאר פון דעם רוסישען זשורנאל "רוסקאיא מיסל", חיים פלעקסער (וואלינסקי איז זיין פסעוודאנים), א ברודער צו דער דערמאנטער בערטא פלעקסער, האט מיך בעזוכט אין מיין האטעל. שטונדען לאנג האב איך מיט איהם פערבראכט, און איך האב ווירקליך פיעל געלערנט פון דעם גרויסען דענקער. טיעפע געדאנקען און דאך פאפולער, האט ער מיר ערקלעהרט וועגען שפינאזא און קאנט, וועגען רמב"ם, קרשקש און שלמה מיימון, די אלע זייערע גרויסע ווערק האט ער אין רוסיש איבערזעצט.

ווען ער רעדט, בליצען שטראהלען פון זיינע שעהנע פייערדיגע אידישע אויגען. די שטונדען זיינען ביי מיר אין מינוטען פערוואנדעלט געווארען. אבער עס האט מיר זעהר לייד געטהאן וואס דעם גרויסען געלערנטענ׳ס ידיעות אין אונ־זער ליטעראטור אין העברעאיש זיינען מאגערע און אלע זיינע ידיעות וועגען יודענטהום מוז ער שעפען פון פרעמדע קוועלען. איך האב זיך ניט געשעהמט פאר איהם און איך האב איהם ערקלעהרט מיין צער, און ער האט מיר פערשפראכען, אז ער וועט מיט אלע זיינע קרעפטען נעהמען לערנען און שטודירען די העברעאישע ליטעראטור אין אריגינאל. הלואי וואלט ער מקיים זיין די הבטחה זיינע, דאן וואלט ער געווען א ציערונג פאר אונזער פאלק.

שפאצירענדיג אין דעם שטאטישען בולוואר, האב איך באמערקט א שעהנע גראנדיעזע געביידע, וועלכע האט געהאט דאס רעכט צו שטאלצירען מיט איהר שעהנקייט זאגאר אין קיעוו אויף דעם באריהמטען קרעשציאטאק. אויף מיין פראגע ביי מיין באגלייטער, וואס איז דאס פאר א געביידע? האב איך בעקומען דעם אנטווארט, אז דאס איז דער געוועזענער אידישער ראבינער סעמינאר, איי־נער פון די צוויי בעוואוסטע סעמינאריומס אין רוסלאנד. דער ערשטער איז אין ווילנא. די לעהרער אין דעם סעמינאר זיינען געווען זעליג סלאנימסקי, אברהם בער גאטלאבער, חיים צבי לערנער און נאך גדולי ישראל פון דעם לעצטען דור. די געביידע איז געבויט געווארען פון אידען פאר אידען, מיט אידישע געלד

www.libtool.com.cn

און אידישער ענערגיע. און היינט ? היינט איז פון איהר געווארען א רוסישע גימנאזיום אין וועלכע אידען ווערען ניט צוגענומען, בלויז צעהן פראצענט...

אן אמת׳ער "ליהודים" איז געווען ביי די זשיטאמירער אידען בפרט און ביי אלע וואהלינער אידען אלגעמיין, ווען זיי האבען דערהערט פון דער גוטער בשורה, אז דער וואהלינער גובערנאטאר איז געשטאנבען פאהרענדיג קיין ווארשא קורירען זיך. דאס איז געווען דער בעוואוסטער צורר היהודים, וועלכער האט ארויסגעטריבען טויזענדער אידען פון די אלע וואהלינער דערפער, און האט זיי אומגליקליך געמאכט. אלע, אלע, זאגאר די קריסטען האבען זיך געפרעהט וואס זיי זיינען באפרייט געווארען פון דעם שלעכטען רעגירער. קריסטען און אידען האבען גראטולירט איינער דעם צווייטען מיט דער גוטער בשורה. אז עלף יעהרי־גער אידישער אינגעלע, מיט דעם נאמען ל. דאווידסאן האט פערפאסט ווענען דעם א העברעאישען שיר, און ער איז פערשפרייט געווארען אין שטאדט.

א, מיין אומגליקליכעם פאלק, ווי גרויס דיין טרויער איז און ווי קליין זיינען דיינע שמחות !...

פאר מיין אוועקפאהר איז אריינגעקומען צו מיר א יונגערמאן, ארים געקליי־דעט, מיט א בלייכ׳ן געזיכט, נאר א פאר אויגען, פייערדיגע, האט ער פערמאגט, צו בעוואונדערען. מיט בעשיידענער עהרפורכט איז ער צו מיר צוגעגאנגען און האט זיך פארגעשטעלט :

"מיין נאמען איז חיים נחמן ביאליק".

"עס פרעהט מיך זעהר צו זעהען אייך, מיין פריינד ביאליק. איהר זייט דאס דער יעניגער, וועלכער האט אויפגעשריבען דעם שיר "אל הצפור" ?

— יא, דאס בין איך, — האט געענטפערט בעשיידען דער יונגער פאעט, — איז אייך געפעלען מיין שיר ? פרעגט ער מיך ווייטער.

— זעהר, זעהר, — האב איך איהם געענטפערט, — און א סימן האט איהר, אז איך האב איהם אויסגעלערנט אויסוועניג. און איך האב איהם גלייך דעקלא־מירט. יא, מיין פריינד, איהר זייט א פאעט פון גאט׳ס גנאדען...

און ניט איך, און ניט ער, און ניט אט די אלע, וואס זיינען געווען דערביי, האבען געפיהלט אז דער ארימער בעשיידענער יונגערמאנטשיק איז דער צוקונפ־טיגער ריעז, דער משורר פון די "שירי הזעם" "ומגלת האש"...

מיט דעם נאמען "דובנא רבתי", האט די שטאדט אנגערופען אונזערע על־טערען אמאל אין דער אלטער רבני׳שער ליטעראטור. די "חכמי דובנא" האבען אמאל געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דעם אלטען אידישען לעבען אין פוילען. א קראנץ מיט לויב־געזאנג האט אויף איהר ארויפגעלייגט דער גרויסער לאנדסמאן

www.libtool.com.cn

איהרער רבי יעקב קראנץ, וועלכער איז באקאנט אונטער׳ן נאמען ״דער דובנער מגיד״, אדער דער ״אידישער עזאפוס״, מיט זיינע בעוואוסטע משלים.

מיט איין ווארט: דובנא איז געווען בעריהמט ביי אידען, ווי ווילנא איז היינט. אז איך האב איהר בעזוכט, האב איך אין איהר גאר ניט געפונען, בלויז א קליינע וואהלינער שטעטעלע מיט געוועהנליכע פשוט׳ע בעלי בתים, מיט ניט ווייניג עם הארצים. א לעטארגישער שלאף ליגט אויף זייערע געזיכטער. די אידען דארטען אינטערעסירען זיך ניט מיט קיין זאך. די אלטע לייט האבען א גרויסע ״חברה תהלים״, האלטען אין איין זאגען, ניט ווייסענדיג וואס, און די יונגע לייט האלטען אין איין שפאצירען מיט זייערע מיידלאך. קיין שולען, קיין ביבליאטעקען, קיינע בעוועגונגען — אזוי ווי די וועלט באריהרט זיי ניט. קיין צייטונגען לעזען זיי ניט און אינטערעסירען זיך ניט צו וויסען וואס עס טהוט זיך מיט זייער פאלק.

ווי אן עלטערער בוים אין דער מדבר זיצט דארט דער ראבינער, חיים מרגליות, א שוויגערזאהן פון דעם באריהמטען ליטעראט נפתלי קעללער. ער זיצט טאג און נאכט אין זיין גרויסען פריוואט ביבליאטעק און קיינער באזוכט איהם ניט. בלויז דער איין־און־איינציגער משכיל און משורר, זלמן אשכנזי, אן אור־אייניקעל פון דעם גאון ״יעבץ״.

און אזוי ווי דובנא, אזוי איז אויך ראוונא, איהר שוועסטער־שטאדט, לעטארגיש פערשלאפען. די אלטע אונטער דעם מאנטעל פון אבערגלויבונג, בלומרשט׳דיגע חסידות און יראת שמים, און די יונגע אונטער הפקירות און אומוויסענהייט. קיין גייסטיג לעבען, קיין שטרעבען, קיין שפור פון וועלכער עס איז באוועגונג. גופים אהן נשמות באוועגען זיך אין זייערע גאסען. איך האב זיי שנעל פארלאזען און איך בין אוועק נאך קרעמעניץ.

קרעמעניץ איז א וואונדערבארע שטעדטעל אין טאפאגראפישען זינן. הויכע, שעהנע בערג רינגלען איהר ארום, און איהרע שמאלע גאסען שליינגלען זיך אויף צווישען די בערג. איהרע הייזער טראגען אויף זיך א גראהע אלטקייט פון דורות און דורות, און זי דערמאהנט די גרויסע שטאדט קיעוו מיט איהרע בערג.

איך האב גלייך באזוכט דעם קרעמעניצער משכיל און כלל טהוער, צבי פרילוצקי. אין זיין הויז האב איך געטראפען דעם דר. פינעס, מיט די צוויי אויסגעצייכענטע גוטע העברעער און נאציאנאליסטען האב איך פריינדליך פערבראכט די פאר טעג וואס איך בין געווען אין קרעמעניץ.

ווי צו זיין אין רוים און ניט באזוכען דעם וואטיקאן, אזוי איז צו זיין אין קרעמעניץ און ניט צו באזוכען דאם הויז, אין וועלכער דער רוסישער מענדעלסאן, דער פאטער פון דער תקופת ההשכלה, דער גרויסער געלעהרטער און פערפאסער פון די אומשטערבליכע קלאסישע ספרים, ווי דעם ״תעודה בישראל״,

www.libtool.com.cn

"זרובבל", "אפס דמים", און נאך, רבי יצחק בער לעווינסאהן, אדער ווי דאס פאלק רופט איהם, דער קרעמעניצער. מיט עהרפורכט בין איך געגאנגען מיט מיינע פריינד צו בעזוכען דאס הויז, וואו ער האט געלעבט און געשאפען זיינע גרויסע ווערק, דאס הויז, וואו עס האבען איהם באזוכט די גרויסע רוסישע בעאמטע און ער האט מיט זיי דיסקוטירט וועגען דער לאגע פון זיין אומגליקליכען גלות־פאלק. מיט הייליגע געפיהלען בין איך צוגעגאנגען צו דער קליינער אלטער הייז־קעלע, און פינסטער איז מיר געווארען זעהענדיג און איבערלעזענדיג אן אלטע רוסישע שילד:

**"דא ווערט פערקויפט וואדקא און אלע שטארקע געטראנקען צו ביליגע פרייזען".**

איך עפען די טהיר, איך הער שיכור'ע ווילדע קולות. אין א פשוט'ער ביליגער שמוציגער שיינק־הויז פאר די נידריגסטע עלעמענטען איז פערוואנדעלט געווארען דאס הויז פון רבי יצחק בער לעווינסאהן!

א, מיין גלות פאלק, ווי וויט דו ביזט דערנידעריגט געווארען צו לאזען פארשוועכען דיינע הייליגטהימער, דיינע היסטארישע מאנומענטען אין שיינקען פערוואנדעלט.

## 12טער קאפיטעל

איך קום צוריק אין מיין היימשטאדט סלוצק, וועלכע איך האב פארלאזען ווען איך בין אלט געווען צעהן יאהר. — עראינערונגען פון מיינע קינדער־יאהרען פאנגען מיך, ווען איך בלאנדזשע אום אויף די סלוצקער גאסען און הינטערגעסלאך. — דער שאלקער גוט און מיין פעטער ישראל שאלקער. — רב איסערלינ׳ס בית המדרש און דער גאון רב מענדעלי סלוצקער. — די צעהן תלמידי חכמים און דער ראש הישיבה.

נאך בעסאראביען, וואהלין און זיד־רוסלאנד, האב איך בעזוכט ליטע, דאס לאנד פון ליעבע צו תורה און שנאה צו עם הארצות, רבנים - גאונים, ישיבות און פרושים תלמידי חכמים, ארימקייט און שרעקליכער דלות. דער ליטוואק בעגנ־גענט זיך מיט א שטיקעל טרוקען ברויט און הערינג פון זונטאג ביז שבת און פערלאנגט מעהר ניט ווייל אין דער הייליגער תורה שטעהט ניט, אז מען מוז עסען פלייש אויסער שבת.

נאך גאר אין אנפאנג פון מיין רייזע האב איך געפיהלט אויף יעדען טריט און שריט דעם געוואלדיגען אונטערשיעד צווישען בעסאראביען און ליטע. דארט

www.libtool.com.cn

האב איך געזעהן ארום מיר געזונטע אידען, פול־בלוטיגע, רויטע געזיכטער מיט דיקע קארקען; אידען, וועמעס פנים׳ער עס זאגען עדות אויף זיי, אז די תורה האט ניט אפגעשוואכט זייער כח, און אין תעניתים מיט סגופים האבען זיי זייער לעבען ניט פערבראכט. אין ליטע זעה איך איינגעבויגענע, אויסגעדארטע אידען מיט בלייכע געזיכטער און געקנייטשטע שטערנס, אבער זייערע אויגען זיינען גאר אנדערע, פול מיט ליכט פון תורה און חכמה, עפעס אזוי ווי די שכינה שטראהלט ארוים פון זיי און בעשיינקט זיי מיט א מין נשמה יתירה.

די ערשטע שטאדט אין דער ליטע, וועלכע איך האב בעזוכט איז געווען סלוצק, מיין געבורט־שטאדט.

אין יענער צייט, — אין דעם יאהר 1893, תרנ״ג — איז נאך קיין אייזענבאהן ניט געווען דארט, און מיין רייזע האב איך געמאכט מיט דעם טיפישען ״בעל עגלה״ מיט זיין היסטארישע בויד און זיינע ״אדלער־פערד״.

געטראגען אויף די ״כנפי נשרים״, בין איך געקומען גאנץ פריה נאך סלוצק. א ים פון זכרונות האט מיך פערפלייצט באלד ווי איך בין אין שטאדט אריין. יערע גאס און געסעל, יעדער הויף און הינטער־געסעל, יעדער אלטער צובראכענער בנין איז פאר מיר געווען אן אוצר פון עראינערונגען. איך האב דערקענט די ערטער, אויף וועלכע איך האב נאך געטראטען אלס קינד, די פלעצער וואו איך האב זיך געשפיעלט מיט מיינע קליינע חברים׳לעך, די שוהל, אין וועלכער מיין פאטער האט מיך נאך געפיהרט פאר מיין הענטעל צום דאוונען און אין דער צווייטער הענטעל האב איך געהאלטען מיין נייעם קליינעם סידור מיט א רויטען איינבאנד. מיין הארץ איז פול געווארען מיט פרייד, און איך בין ווידער אמאל געווארען א קליין קינד, און ווען איך וואלט זיך ניט שעהמען, וואלט איך פון וואגען אראפגעשפרונגען און וואלט צוגעפאלען צו יעדען שטיין און יעדען קערענדעל זאמד און וואלט זיי געקושט.

א, קינדערשע זכרונות, זכרונות פון דער גאלדענער צייט, ווי הייליג און טהייער איהר זייט, געבענשט זאלט איהר זיין!

מיין אלטיטשקע קלוגע מוטער, מיינע אנקעלס, טאנטעס און די גאנצע פאמיליע זיינען געקומען צו מיר, און צווישען זיי האב איך דערקענט מיין גרייזגרויען רבי׳ן, רבי צבי הירש פאליאק, ביי וועלכען איך האב גאנץ תנ״ך געלערנט. מיין גוטער רבי האט אזוי גוט געקענט געבען צו פערשטעהן זיינע יונגע תלמידים די הייליגקייט, די שעהנקייט פון די נביאים, און מאכען ליעב און טהייער זייערע רייד אויף זייער גאנץ לעבען. אט פון דעם גוטען רבי׳ן האב איך גע׳ירש׳עט מיינע ידיעות אין תנ״ך און מיין אייביגע ליעבע צו איהם, זאל זיין אנדענק זיין געבענשט!

עס איז פאר מיר געווען דאס גרעסטע גליק פלוצלינג צו געפינען זיך צווי־

www.libtool.com.cn

שען דער אייגענער פאמיליע נאך צעהנדליגער יאהרען ניט זעהן זיך מיט זיי. יעדער קוש און ארומנעהמונג, יעדער ווארט און בעריהרונג האבען מיך דערקוויקט און דערוואַרעמט מיין הארץ און בעגייסטערט מיין נשמה.

נאכדעם ווי איך האב זיך אפגערוהט אביסעל פון וועג, בין איך ארויס שפא־ציערען אליין איבער די גאסען, וועלכע איך האב פערלאזען אלס צעהן יאהריג קינד, א פערטעל יאהר הונדערט צוריק. אבער איך האב זיי דערקענט, שטונדען לאנג בין איך געגאנגען פון איין גאס אין דער צווייטער, פון איין געסעל אין דער אנדרער, און איך האב געפיהלט, אז איך בין גאר אין אנאנדער וועלט, אין דער קינדערשער וועלט. איך האב זיך דערזעהן אלס זעקס יאהריג קינד, איך לויף אום איבער די גאסען מיט מיינע חברים און שפיעל זיך מיט זיי אין פערשידענע אידישע קינדערשע שפיעלען. אט געה איך אין א ווינטערדיגען אווענט פון חדר אהיים מיט מיינע קליינע חברה־לייט און מיר זינגען פערשיעדענע ליעדעלאך, וועלכע דערקוויקען אונזערע קליינע אומשולדיגע נשמה׳לעך. און אזוי געהענדיג, בין איך ארוים מיט דעם שעהנעם, גלייכען שאסיי הינטער דער שטאדט.

די זון איז געווען אין מיטען הימעל און האט באגאסען מיט א ווארעמען שיין דעם גאנצען האריזאנט, די בערג, די טאהלען, די קליינע טייכעלעך, די שעהנע גערטנער מיט זייערע אנגעלאדענע בוימער פול מיט עפעל, בארען, פלוימען און קארשען — די פרוכט, מיט וועלכע די שטאדט סלוצק שטאלצירט. די ״שאפּאזא־קעס״, ״פאנעס״, ״באבעס״, ״ציקרויקעס״ און איבערהויפּט די ווינטערדיגע בארען, די ״בערעס״, וועלכע איהר קענט אפילו אין קאליפארניא ניט קריגען, — אט דאס אלעס האט אין מיר ארייגעגאסען א מין שברות, א גייסטיגע און א קינ־דערשע פרעהליכקייט, און איך האב אנגעפאנגען צו שפּרינגען ווי א קינד אויף דעם הויכען וואל הינטער דער שטאדט. דארט האב איך דערקענט די אלע ערטער, וואו מיר האבען זיך געשפּיעלט אין מלחמות, ווען איך בין געווען דער גענערבאל ״יהושע בן נון״, און מיר האבען בעלאגערט די שטאדט ״יריחו״, און מיר האבען זיך בעהאלטען אין די ״מערות״ אזוי ווי די ״אורבים״, און מיר האבען גענומען די שטאדט מיט שטורעם. דארט האב איך דערקענט דעם בערגעל, וועלכען מיר האבען א נאמען געגעבען ״גלבוע״, און דארט האבען די ״שונאים״ אונזערע, די קליינע פלשתים פון ״קאפּוליער גאס״ גע׳הרג׳עט אונזער ליעבען קליינעם שעה־נעם הויך־געוואקסענער שאול, און מיר האבען איהם דארט בעוויינט מיט זיין זוהן יהונתן. און די ווערטער: ״שאול ויהונתן הנאהבים והנעימים״, האבען נאך אפּגעקלונגען אין מיינע אויערען פון פינף־און־צוואנציג יאהר צוריק.

אט די אלע קינדערשע הייליגע זכרונות האבען זיך דא לעבעדיג און פארביג אויפגעלעבט פאר מיר, זיי האבען מיין הארץ געפאנגען. איך בין אינגאנצען געווען אין זייער מאכט.

איך בין אראפּ פון בארג און זיך געלאזט מיט׳ן וועג צו ״שאלקע״, דאס איז

www.libtool.com.cn

דער קליינער שעהנער "מאיאנטאק", וועלכער האט בעלאנגט צו מיין פעטער רבי ישראל שאלקער. קומענדיג צום הויף, האב איך גלייך דערקענט דעם גרויסען עפעל־בוים, וועלכער האט יאהר איין יאהר אויס געגעבען פאפיראוווא עפעל מיט א צארטער הויט אויף זיי, מיט צוויי קאלירען, פון איין זייט טונקעל רויט און דער אנדערער זייט העל־געל, און א זיסען ריח האבען זיי, אז דו ווערסט פער־שכור׳ט. איך האב איהם געפונען דעם אלטען בוים, נאך גרין און פריש, רייך אין צווייגען און אין בלעטער. מיר האט זיך געדוכט, אז ער בעגריסט זיך מיט מיר מיט א שמייכעל פון אן אלטען מאן. איך האב זיך אוועקגעלייגט אונטער זיין שאטען אפצורוהען, און מיינע אויגען זיינען געפאלען אויף דעם ברייטען געדיכטען קארען־פעלד, וואו קינדערווייז האב איך ליעב געהאט — און איך בין נאך פערליעבט אין זיי עד היום — די קליינע בלויע בלומעלאך, וועלכע וואקסען אימער צווישען די קארען־זאנגען.

מיט גרויס פערגעניגען האב איך זיך אויפגערעדט מיט מיין גוטען נאאיווען אנקעל ר׳ ישראל, דער אייגענטהימער פון דעם גוט שאלקע. דער אנקעל מיינער איז געווען א וואונדערבארער אידישער טיפ, שטיל, פרום, גוט און בעשיידען. יעדען פריהמארגען, ווען אלע זיינען נאך געווען פערזונקען אין זייער שלאף, פלעגט דער גוטער אידישער "פריץ" ארויספאהרען אין שטאדט אריין, פון זיין הויף מיט זיין וואגען, פול מיט ברויט, מעהל, ארבעס, בעבלאך, און צוטיילען זיינע ארימע לייט, שטילערהייט, קיינער זאל נים וויסען פון זיין געבען און זייער נעהמען.

דער טיפ איד איז שוין לאנג, לאנג פערשוואונדען פון אונז, און ווער ווייס אויב ער וועט זיך נאך אמאל אומקעהרען צו אונז?!

מיט א בייענקעניש אין הארצען האב איך פערלאזען דעם קליינעם שעהנעם גוט שאלקע, זיינע פעלדער, בוימער, בערגלאך און טאהלען, צו וועלכע מיין קינ־דערשע נשמה איז געווען צוגעבונדען מיט טויזענדער פעדימלאך, און איך האב זיך צוריקגעקעהרט אין שטאדט אריין. איך האב גלייך בעזוכט איסערלינס בית המדרש, אין וועלכען איך האב געדאווענט מיט מיין גוטען פרומען פאטער. דארט האב איך געלערנט תלמוד און פוסקים ביי דעם גרויסען תלמודיסט רבי ארעלע, רבי מענדעל׳ם זוהן. דער גאון עולם, רבי מענדעלי סלוצקער, האט פיינט געהאט רבנות און ער האט זיך נים בענוצט מיט איהר; ער איז געזעסען צעהנדליגער יאהר אין איסערלינס בית המדרש אלס ראש הישיבה צוזאמען מיט זיינע צוועלף אלטע תלמידי חכמים און האט פאר זיי טעגליך געזאגט א שיעור גמרא, און זיי אלע האבען זיך ערנעהרט פון דעם פאנד וועלכען דער אלטער גביר, ר׳ שכנא איסערלין, האט איבערגעלאזען אויף דור דורות פאר דעם הייליגען צוועק — א פאנד פאר צוועלף זקנים תלמידי חכמים, מיט א דרייצעהנטען, א ראש הישיבה איבער זיי. מיט דעם נאמען "צוועלפטעל" האט מען זיי גערופען.

www.libtool.com.cn

רבי מענדעלע איז געווען זעהר קליין אין זיין קערפערליכען וואוקס. ער איז געווען דער קלענסטער פון זיינע תלמידים, אבער זיין גרויסער שעהנער קאפ, מיט זיינע שיינענדע קלוגע אויגען, זיין שעהנע ווייסע באָרד, זיין פרעהליכע שטימונג, זיין בריליאנטענער כאראקטער, זיין בעשיידענהייט, וועל איך קיינמאהל ניט פערגעסען. ווען ער פלעגט נאָר עפענען זיין מויל צו זאָגען זיין שיעור, פלעגט ווערען א הייליגע שטילקייט אין דעם גרויסען בית המדרש. די צוועלף אלטע לייט זיינען געזעסען ארום זיין גרויסען טיש אויבען־אָן און אלע יונגע לייט, גרויסע לומדים, פלעגען זיך צושטעלען מיט זייערע שטענדערס הינטער זיי און קלייבען די פערעל, וועלכע עס האבען זיך געשאָטען פון זיין מויל; קיין קשיות האבען זיי ניט געפרעגט ביז ער האָט געענדיגט דעם שיעור, אבער נאכהער איז געווען ערלויבט יעדערען צו פרעגען, און ער האָט אלעם פארענטפערט אהן פלפולים מיט שארפע פשט׳לעך, נאָר מיט טיעפער לאָגיק און ריינעם פערנונפט.

איך בין נאָך געווען צו יונג דאמאלס צו פערשטעהען אלעס וואָס מען האָט געלערנט, אבער דאָך בין איך מיט גרויס חשק געזעסען טעגליך ביי דעם שיעור און איך האָב פיעל געלערנט פון איהם.

איסערלינס בית המדרש איז געווען דער צענטער פון תורה אין סלוצק און, פארשטעהט זיך, אז ער איז אויך געווען די מתנגדישע פעסטונג געגען חסידות, ווייל סלוצק איז געווען בעוואוסט פאר א ריינער מתנגדישער שטאָדט און זאָגאר א לעגענדע איז געדרוקט אין "שבחי בעל שם טוב' אז ער אליין, דער בעש"ט זצ"ל האָט פערשאָלטען סלוצק, אז עס זאָל קיין איין חסיד ניט זיין אין איהר, און א סימן א חסידישער איז דאָ אויף די מתנגדישע שטעדט — "כר"פס", דאָס הייסט די ראשי תיבות: כוסיבא, רוזינאיא, פרוזינא און סלוצק, דאָס זיינען די פערשאָלטענע שטעדט, אין וועלכע קיין חסידישע נשמה האָט זיך ניט געקענט ענטוויקלען.

www.libtool.com.cn

# 13טער קאפיטעל

דער בעהאלטענער חסיד אין סלוצק. — דער משולח פון דער מירער ישיבה און ר׳ מענדעלי גאון. — די ״קאלטע שוהל״ און די טהרה-ברעט אין פאליש. — איך געזעגען זיך מיט מיין פאטערס קבר. — אויף די קברים פון גדולים און בעלי-צדקה. — רפאל-יוסף דער שניידער, פאר וועמען ר׳ יוסף-בער סאלאווייטשיק פלעגט אויפשטעהן.

איך געדיינק אז איך האב אין מיין קינדהייט נים געזעהען קיין חסידישען סידור; איך האב בלויז געהערט אז דארט קומט אוים ״הודו״ פאר ״ברוך שאמר״, נאר גלויבען האב איך דאס נים געקענט. ערשט פלוצלינג האט זיך פאנאנדער געטראגען א קלאנג אין שטאדט, אז איינער פון די צוועלף רבי מענדעלי׳ס תלמידים, רבי שלמה נתן, האט מען איהם געבען, איז גוטה שטילערהייט צו דער שיטה פון חסידות, און יעדע נאכט לערנט ער דעם ״זוהר״. די בייעס האט געמאכט א רושם אויף דער גאנצער שטאדט און אלע האבען גערעדט וועגען רבי שלמה נתן׳ען ווי ער וואלט חלילה ארוים ״לתרבות רעה״.

איינמאל, האלבע נאכט — אין א משמר נאכט — האב איך זיך שטילער-הייט צוגע׳גנב׳עט צו רבי שלמה נתן׳ען און איך האב געזעהן ווי ער לערנט מיט גרוים כונה און מיט א שטילען, אבער זעהר א הארציגען ניגונ׳דעל, דעם זוהר, זיין פנים האט דאמאלס געלויכטען און עפעס א פרעהליכער גייסט האט גע-שוועבט אויף איהם; פון דאמאלס אן האב איך מיט גרוים דרך ארץ געקוקט אויף דעם דאזיגען סלוצקער האלבען חסיד.

א שטענדיגער מנהג איז געווען ביי רבי מענדעלי׳ן מיט זיינע תלמידים, אז יעדען טאג, בין מנחה למעריב, פלעגען זיי אלע ארייגעהן צו דעם גביר רבי איסר איסערלין אין הויז טרינקען טיי, און רבי מענדעלי זעלבסט פלעגט משמש זיין און דערלאנגען אלעמען טיי, און נאכהער האט ער אליין געטרונקען.

ויהי היום, איז געקומען נאך סלוצק א משולח פון דער מירער ישיבה, רבי פרץ, האט מען איהם גערופען. צופעליגער ווייזע איז דער משולח אריין צום גביר אין הויז אין דער צייט פון טרינקען. ער איז געווען א גרויסער איד און זעהר א לײדענשאפטליכער טיי טרינקער. ער האט זיך געזעצט צום טיש מיט אלעמען גלייך, און זעהענדיג ווי דער קליינער אידעלע, רבי מענדעלי, בעדיענט אזוי פלייסיג דעם עולם, האט ער זיך אויך געווענדעט צו איהם ווי צו א משרת און האט איהם געהייסען דערלאנגען א גלאז נאך א גלאז. אלע האבען זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערען מיט וואונדער אויף דער פרעכהייט פון דעם גאסט צו שאפען זיך מיט רבי מענדעלי׳ן ווי מיט א אינגעל, אבער קיינער האט איהם נים

www.libtool.com.cn

געקענט און מען האט איהם ניט אויפמערקזאם געמאכט. זיי האבען אלע געבע־כענט, וואהרשיינליך איז ער איינער פון די גדולי הדור.

שבת אין דער פריה פלעגען אלע מתפללים געהען קידוש מאכען נאך דעם דאווענען צו דעם גביר, און, אז אלע האבען זיך צוזעצט ארום די טישען, פלעגען אריינגעהן איסערלין מיט רבי מענדעלי׳ן געארעמט און דער גאנצער עולם פלעגט אויפשטעהן און אפגעבען "גוט שבת" דעם גאון מיט דעם גביר. דער משולח, רבי פרץ, איז אויך געווען צווישען דעם עולם און, ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען, ווען ער האט דערזעהן אז דער קליינער אידעלע, דער "משרת", מיט וועמען ער האט זיך געשאפט, געהט געארעמט מיט דעם גביר און ביידע זעצען זיך אויבען־אן.

— ווער איז דאס דער אידעלע? — האט ער א פרעג געטהאן ביי די ארומיגע.

— דער איז דאך אונזער רבי, רבי מענדעלי, — האט מען איהם געענטפערט.

פינסטער איז איהם געוואָרען, דעם משולח, אין די אויגען און מיט שרעק איז ער צוגעגאנגען צו רבי מענדעלי׳ן און מיט טרערען האט ער איהם געבע־טען: "זייט מיר מוחל, רבי, איך האב ניט געוואוסט, און איך האב דאס גע־טהאן בשוגג..."

רבי מענדעלי האט איהם אנגעקוקט מיט זיינע גוטע מילדע אויגען און איהם געפרעגט: "אין וואס באשטעהט אייער חטא? איך פארשטעה ניט. איהר האט געוואלט טרינקען און איך האב אייך דערלאנגט טיי גלייך מיט אלע־מען. איהר האט מיך מזכה געווען מיט א מצוה און איך דארף אייך דאנקען"...

אום איהר זאלט האבען א באגריף פון רבי מענדעלי׳ס גרויסקייט אין דער תלמודישער וועלט צווישען די גאונים אין זיין צייט, וועל איך אייך דערצעהלען דעם פאלגענדען פאקט:

איינינע יאהר נאך דער פטירה פון דעם גאון, רבי יאסעלע פיימער, איז אין סלוצק קיין רב ניט געווען. אלע סלוצקער האבען געדיינקט זייער גרויסען רב דעם תלמיד פון רבי חיים וואלאזשינער, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אויסער זיין גרויסקייט אין תורה, אויך מיט זיין וואונדערבארע הדרת פנים. זיי האבען נאך געדיינקט זיין לויה וואס די גאנצע שטאדט, אידען און קריסטען, האבען איהם בעגלייט, אלע ווי אבלים, אויך דעם גרויסען שניי, וואס איז געווען דאמאלס אין ראש חדש אייר. זיי האבען ניט געקענט געפינען איינינע יאהר קיין רב אויף רבי יאסעלעס פלאץ, ביז זיי האבען זיך געווענדעט צו רבי יוסף בער סאלאווייטשיק, דער וואלאזשינער ראש הישיבה, אז ער זאל אננעהמען די רבנות. מען האט איהם גלייך ארייננעשיקט א כתב רבנות אויף זיין גאנץ

www.libtoob.com.cn

לעבען, און, הערט דעם ענטפער וועלכען ער האט געענטפערט צו די סלוצקער ראשי הקהל:

״ארי רובץ בבית המדרש של הגביר איסערלין אצלכם ואתם קוראים לשועל למלוך עליכם! אתמהה!״...

דאס הייסט: ״א לייב הויערט ביי אייך אין איסערלינס בית המדרש און איהר רופט א פוקס צו קעניגען אויף אייך! מיך וואונדערט!״

די מנהיגים האבען באלד פערשטאנען וואס ער מיינט און זיי האבען גלייך געבעטען רבי מענדעלי׳ן און ער האט איהם געשריבען א פערזענליכען בריעף: רבי יוסף בער איז גלייך געקומען נאך סלוצק, און רבי מענדעלי מיט זיינע תלמידים האבען איהם מקבל פנים געווען.

איך האב אויך בעזוכט די גרויסע שוהל, אדער ווי מען רופט זי אין סלוצק, די קאלטע שוהל. איך האב גלייך דערקענט די טהרה־ברעט, וועלכע איז נאך געשטאנען אויף איהר זעלבען ארט אין דעם פארהויז פון דער שוהל. די ״ריינע״ ברעט וואס האט געווארפען א פחד אויף אונז קינדער, ווען מיר האבען געמוזט דורכגעהן אין שוהל אריין אלע שבת מיט דעם באהעלפער, צו ענטפערען ״אמן יהא שמיה רבה״ און זאגען ״ברכו״ און ״קדושה״ אלע קינדערלעך מיט איין קול. איך האב דערזעהן דעם גרויסען שעהנעם ״כסא אליהו״, אויף וועלכען מען פלעגט מאכען די ברית׳ן אין שוהל ווען זיי פלעגען אויספאלען אין שבתים און ימים טובים. איך בין פשוט בעגייסטערט געווארען פון מיינע קינדערשע זכרונות און איך האב זיך געפיהלט לעבעדיג, גרינג, פלינק און בויגזאם, אזוי ווי א קינד, און איך בין ארויפגעלאפען געשווינד ווי א קינד אויף די ״שווינדעל־טרעפ״, די געדרעהטע טרעפ, וועלכע פיהרען אין דער הויך אויף דעם בוידעם. דארט גע־פינט זיך א גאנצע ״עגיפטישע גניזה״ פון אלטע ספרים, ספרי תורה, מגילות, שופרות, אוראלטע פרוכת׳ן און נאך תשמישי קדושה. און נאכהער אויף דעם דאך, פון וועלכען מען זעהט די גאנצע שטאדט. די שוהל איז זעהר הויך, די העכסטע געביידע אין סלוצק, און זי ווערט געזעהן מיילען־ווייט הינטער דער שטאדט.

וועגען דער הויכקייט פון דער סלוצקער קאלטער שוהל איז דא א לעגענדע, אז אלעקסאנדער דער צווייטער איז אמאל פארבייגעפאהרען סלוצק און א קאמי־טעט פון רוסישע גייסטליכע האבען איהם מקבל פנים געווען. אין זייערע רייד צום קיסר האבען זיי זיך שטארק בעקלאגט אויף דעם ״חלול הקודש״ פון די רוסישע צערקאווען מיט דעם וואס די אידישע שוהל איז העכער פון זיי.

דער מאנארך האט געענטפערט מיט א גוטען שמייכעל: ״מיינע הייליגע הערען, אין דער לייגע און אין דער ברייט בין איך דער בעל הבית, אבער איז

www.libtool.com.cn

דער הויך איז נאר דער אלמעכטיגער גאט דער בעל דעה, ווענדט זיך צו איהם מיט אייער קלאגע!...״

די גייסטליכע זיינען געבליבען שטום פון גרויס חרפה.

איך האב בעזוכט די איבריגע שוהלען אויף דעם גרויסען שוהל־הויף, צווישען זיי אויך די קצב׳ישע שוהל, וועלכע האט אין מיר דערוועקט בעזונדערע זכרונות, ווייל אלס קינד האב איך אין איהר געהערט די דרשות פון דעם בעריהמטען מגיד, רבי צבי הירש דיינאוו, אדער ווי דאס פאלק האט איהם גערופען ״דער סלוצקער מגיד״. זיין טאלאנט האט געמאכט א געוואלדיגען רושם אויף מיין קינדערשען מוח און, ווער ווייס, אויב ניט ער מיט זיינע רייד, די פייערדיגע, און מיט זיינע בילדער די מערקווירדיגע, אויב ניט ער האט דער ערשטער אנגעצונדען אין מיר דעם פונק, אז איך זאל זיין צו מיין פאלק דאס וואס איך בין?

איך געדיינק איינמאל האט ער מיך גענומען מיט פיעל ליעבע און צערטליכקייט, האט מיך אויף זיינע קניה אוועקגעזעצט, און האט מיך געבעטען אז איך זאל איהם איבערזאגען איינע פון זיינע דרשות. איך האב אזוי געטהאן און איך האב פאר איהם איבערגעזאגט זיינע א דרשה ווארט פאר ווארט זאגאר מיט זיין ניגון; ער איז שטארק נתפעל געווארען, ער האט מיך א קוש געטהאן און האט געזאגט:

״איך בין זיכער, אז דו וועסט זיין א מגיד ביי אידען און דו וועסט אמאל ממלא מקומי זיין!״

צוויי וואכען האב איך פערבראכט אין סלוצק און זיי זיינען געווען אין מיינע אויגען ווי צוויי טעג. איך האב זיך נאך ניט אנגעזעטיגט פון זעהן איהרע הייזער, הויפען און די גאסען, וועלכע זיינען געווען מיר בעקאנט פון מיינע קינדערשע יאהרען. אין יעדען שטיין, אין יעדען ציגעל האב איך געפיהלט קינדערשע חבר׳שאפט, ווי זיי פרעהען זיך מיט מיר און גיבען מיר אווארעמען שלום עליכם.

דעם לעצטען טאג איידער איך האב פערלאזט די שטאדט, בין איך געגאנגען צוזאמען מיט מיין נייע יאהריגען זוהן צום ״בית עולם״ אפצושיידען זיך מיט מיין פאטער׳ס קבר. ביי אן איינפאכער פשוטע מצבה, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט די ווערטער:

״פה נטמן הר״ ר׳ חיים ב״ר צבי״

בין איך געבליבען שטעהן דורכגענומען פון הייליגע געפיהלען. דער קברות־מאן האט מיר דערלאנגט אן אלטען ״מעבר יבוק״ צו זאגען די געוועהנליכע תפלות; איך האב איהם דאס ספר אפגעגעבען צוריק מיט א דאנק. ער האט ניט פערשטאנען, דער פשוט׳ער מענשעלע, אז אין אזא הייליגען מאמענט, איז מיין הארץ און מיין מארך פול געווען מיט הייסערע, הארציגערע תפלות ווי ״מעבר יבוק״.

א האלבע שעה בין איך געשטאנען ביי מיין פאטערס קבר פון מיינע אויגען זיינען שטראמען טרעהרען געפלאסען, און פון מיין מויל זיינען ווערטער געפלא־סען, ווערטער נייע, פרעמדע, וועלכע זיינען ארויס פון דער טיעפער טיעפעניש פון מיין הארץ.

מיט עהרפורכט האב איך אפגעטראטען פון קבר און איך האב געוואלט געהן אהיים. פלוצלונג האב איך דערזעהן ווי מיין קליינער זוהן, פנחס, שטעהט פון ווייטען און ציטערט, זיין געזיכט איז בלייך. איך רוף איהם געהן אהיים, אבער ער האט זיך צעוויינט.

"וואָרום וויינסטו ?" — פרעג איך איהם.

ער ענטפערט ניט און וויינט נאך שטארקער און וויל בשום אופן ניט זאגען פארוואס ער וויינט אזוי ביטער.

איך האב אנגעשריען אויף איהם און איך האב איהם באפוילען ער זאל מיר זאגען וואָרום ער וויינט.

מיט א פארשטיקטען קול האט ער מיר געענטפערט :

"ווען דו ביזט געשטאנען ביי דיין פאטערס קבר האב איך זיך דערמאהנט, אז עס וועט קומען א צייט ווען איך וועל שטעהן ביי דיין קבר !..."

ווען איך בין געשטאנען ביי די טויערען פון בית עולם ארויסצוגעהן, האב איך מיך עראינערט אז איך האב ניט דערפילט מיין פליכט צו די אלע גרויסע רבנים, גאונים, כלל טהוער, וועלכע האבען געלעבט און געשאפען אין דער שטאדט סלוצק פאר דורות און דורות. איך האב זיך גלייך אומגעקעהרט צו די קברים און איך האב אנגעפאנגען אומצוגעהן פון שורה צו שורה, פון קבר צו קבר. איך האב געלעזען די אפגעמעקטע אלטע אותיות פון די איינגעבויגענע מצבות, אויף וועלכע עס איז שוין מאך אנגעוואקסען און א גאנצע וועלט האב איך דערזעהן. אט ליגען מענשען, גרויסע חשוב׳ע מענשען, בעוואוסטע אין זייער דור, רבנים, מורי הוראה, פרנסים, לומדים, מחברים, כלל טהוער, גבירים, נדיבים, און יעצט שלאפען זיי אלע רוהיג דעם אייביגען שלאף. מיר האט זיך פארגע־שטעלט, אז דער גאנצער פאריגער דור האט זיך איבערגעקליבען אהער, פון שטאדט צום בית עולם. דארט, א האלבע מייל ווייט, איז די יונגע סלוצק, די לעבעדיגע סלוצק, און דא איז די אלטע סלוצק, די פארצייטיגע. אט איז דא דער רב, דער חזן, דער שמש, דער גבאי און דער גאנצער עולם ארום זיי, די גאנצע פולע שטאדט סלוצק, און אלע ליגען זיך צוזאמען רוהיג און ווארטען אויף דעם גרויסען טאג, אין וועלכען זייערע קברים וועלען זיך עפענען און זיי וועלען אלע אויפשטעהען אויף זייערע פיס און וועלען זיך אומקעהרען אין שטאדט אריין...

פארטיעפט אין דער דאזיגער פארשטעלונג, האב איך זיך דערזעהן שטע־



www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

הענדיג פאר אן איינפאכער מצבה, אויף איהר זיינען אויסגעקריצט די איינפאכע ווערטער:

"פה נטמן הרב רבי יוסף פיימער, וועלכער איז געזעסען אין סלוצק אויף דער כסא הרבנות פופציג יאהר".

רבי יאסעלע׳ס קבר! — האב איך א ציטער געטהאן, דער קבר פון דעם גרויסען גאון און צדיק, וועלכער איז געווען בעוואוסט איבער דער גאנצער וועלט. איך האב געפיהלט, אז דאס ארט וואס איך שטעה אויף דעם, איז הייליג און איך האב עטליכע מאל געלייענט די אויפשריפט: "דא ליעגט דער רב... ניט גאון, ניט צדיק, נאר פשוט א רב, וועלכער איז געזעסען פופציג יאהר אויף דעם כסא הרבנות". וויפיעל תמימות, עניוות און פשטות!

און מיר דאכט זיך אז איך זעה ווידער דעם לעבעדיגען רבי יאסעלען. זיין הויכע פיגור, זיין שעהנעם ליכטיגען פנים, זיינע גרויסע פייערדיגע אויגען מיט זיין לאנגער רייגער ווייסער בארד. ווען ער פלעגט געהן אין גאס, פלעגען אלע פארבייגעהער אפשטעלען זיך אום א קוק טהאן אויף דעם גרויסען מענשען, און איינמאל, ווערט דערצעהלט, איז געקומען נאך סלוצק איינער פון די גרויסע קינסטלער־מאהלער פון פעטערבורג צו מאהלען פון איהם א בילד אלס אן אריגינעלען אידישען טיפ...

און ניט ווילענדיג האט זיך פון מיינע ליפען אויסגערעדט זיך די תלמודישע פראזע:

"חבל על האי שפרא דבלי בארעא"...
ווען איז צו דער שעהנקייט וואס פוילט אין דער ערד!

ניט ווייט פון רבי יאסעלעס קבר האט מיין אויג געכאפט אן איינפאכע היל־צערנע מצבה און אויף איהר איז דער אויפשריפט:
"פה נטמן רבי רפאל יוסף".

די איינציגע ווערטער האבען אין מיר דערוועקט ווידער א ים זכרונות, און זיי האבען פאר מיר ארויסגעבראכט א באזאנדערען הייליגען טיפ. רבי רפאל יוסף איז געווען א פשוט׳ער שניידער. ווען ער איז אלט געווארען צוואנציג יאהר, האט ער זיך מקדיש געווען צו תורה און עבודה. ער איז געווען אן עסקן במצוות, ער האט מבקר חולים געווען, מנחם אבלים, ער פלעגט טעגליך געהן איבער די הייזער און ביי נאכט ברייגנען שטיצע צו די בכבוד׳יגע ארימע לייט וואס אליין האבען זיי ניט געקענט בעטען קיין נדבות. אלע האבען איהם גערופען דער הייליגער "שניידער". מען דערצעהלט, אז רבי יוסף בער סאלאווייטשיק פלעגט אויפ־שטעהן פאר רבי רפאל יוסף׳ן ווען ער פלעגט קומען צו איהם. איך געדיינק, אז ווען איך בין אלט געווען פינף יאהר, פלעגט מיין מוטער מיך טראגען יעדען פרייטאג צו דעם הייליגען מאן און מיט מיינע קליינע הענטלאך פלעג איך איבער־

www.libtool.com.cn

געבען די ליכט, וועלכע מיין מוטער האט מנדב געווען אין שוהל, און ער פלעגט ארויפלייגען זיינע הענט אויף מיין קאפּ און מיך בענשען.

נאך איניגע טעג האב איך פערבראכט אין מיין געבורטשטאדט, און אפּ־זעגענענדיג זיך מיט מיין גאנצער פאמיליע, און בעזאנדערס מיט מיין זעליגער מוטער, וועלכע איז שוין אלט געווען איבער אכציג יאהר און זי האט געפיהלט טיעף אין איהר מוטער־הארץ, אז זי זעהט מיך דעם לעצטען מאל אין איהר לעבען. זי, די ארימע, גוטע מוטער, האט ניט געוויינט אויפ׳ן קול, זי האט בלויז איהרע אלטע אויגען אנגעשטעלט, אויף מיין געזיכט, מיט טרעהרען אין זיי, און זי האט געקוקט אויף מיר מיט מוטערליכע בליקען, וועלכע איך וועל געדיינקען אויף מיין גאנצען לעבען.

## 14טער קאפּיטעל

דער אלטער מגיד, ר׳ ישראל דער גראָדנער, וועלכער האט א קראנקער און א בלינדער זיך געוואלגערט אין א שוהלכעל לעבען אלטען בית הקברות. — די באוועגונג אין מינסק צו בויען טעמפּלען און מיין משל פונים שוטה דעם מוזיקער. — די פּאָליציי ארעס־טירט מיך שבת בייטאג אינמיטען רעדען אין גרויסען בית המדרש.

מינסק איז א שעהנע ריינע שטאדט. די גאסען ברייטע, די הייזער הויכע, בעזאנדערס דער הויכער מארק, וואו דעם גובערנאטארס וואוינונג איז געשטא־נען און דער שטאדט־גארטען איז געווען. אבער אין דער אידישער געגענד האט מיר לאנג ניט גענומען צו פיהלען אז איך בין אין א ליטווישער שטאדט. איך האב געזעהן די ליטווישע אידען, ארים געקליידעט, גופים איינגעבויגענע, געזיכ־טער בלייכע און די ארימקייט שלעפּט זיך זיי נאך. דערפאר איז מינסק איבער־פילט מיט שוהלען און ישיבות, לומדים און גדולים. דאס איז ליטע, וועלכע איז מאטעריעל ארים, אבער גייסטיג רייך.

אין מינסק האט נאך דאמאלס געלעבט דער בעוואוסטער גרויסער מגיד "רבי ישראל דער גראדנער". איך האב געפיהלט פאר מיין חוב צו בעזוכען דעם אלטען, בעריהמטען דרשן, וועלכער האט זיך ערווארבען א גרויסען נאמען איבער גאנץ רוסלאנד. מיט מיין פריינד נפּה, דער דירעקטאר פון דער ארבייטער שולע, בין איך געגאנגען צו באזוכען איהם אין איינעם פון די קליינע בתי מדרשים, לעבען דעם אלטען בית הקברות. דארט, אויף א הארטער באנק, הינטער דעם אויווען, האב איך געפונען ליגענדיג דעם אלטען חולה, איינגעוויקעלט אין צורי־

www.libtool.com.cn

סענע בגדים, און אלטע נשים צדקניות פלעגען איהם אויסהאלטען מיט זייערע טעפעלאך געקעכטס.

איך בין פערציטערט געווארען זעהענדיג דאס שרעקליכע בילד, און די אלטע טרויעריגע פראגע איז מיר גלייך ארויף אויף מיין געדאנק „זו תורה וזו שכרה ?...“

איך האב גערעדט מיט איהם אייניגע מינוטען וועגען דרשנות ביי אידען און איך בין ענטציקט געווארען פון זיין גלייכען שכל און זיין טיעפער לאגיק, נאך גאר ווי א יונגער מאן. אונזער געשפרעך האט איהם פיעל ערמוטהיגט. ער האט אונז בעדאנקט פאר אונזער בעזוך, נאר ער האט זיך שטארק מצער געווען וואס ער האט מיך ניט געקענט זעהן, וויל ער איז שוין געווען בלינד, און טרעהרען האבען זיך באוויזען אין זיינע פערלאשענע אויגען.

ביים זעגענען זיך האב איך זיך אויסגעדריקט, אז עס איז ניט פאר זיין כבוד צו ליגען עלענד אין בית המדרש, ער האט מיר געענטפערט מיט א סאר־קאסטישען שמייכעל אויף זיינע ליפען :

„יא, מיין פריינד, איהר זעהט דאך אז דער בית המדרש איז גאר ניט ווייט פון דעם בית הקברות, טהו איך דאך מיט דעם א חסד של אמת צו דער חברה קדישא, אז זי זאל זיך ניט שטארק מטריח זיין צו טראגען מיך ווייט...“

פיינע בעזוכער האב איך געהאט אין מיין האטעל : דער בעוואוסטער אדוואַ־קאט שמעון ראזענבאום, מיין יוגענד פריינד ; יהושע סירקין ; יהושע בענענסאָן ; דער ליטעראט גאָלדבערג „יכנה“ז, מר. בריל „איוב“ און דער ראבינער אברהם חנה׳לעס, רבי נפתלי משכיל לאיתן און דער „אוטשאָנער יעוורעי“ ביים גובער־נאטאר, יוסף הורעוויטש. מיר האבען געהאט אן אינטערעסאנטען ליטעראַרישען אָוונט. יעדער פון די געסט איז געווען גרויס אין זיין פאך. ראזענבאום, דער אדוואקאט, האט גערעדט וועגען תלמודישע און רוימישע משפטים און האט איבערצייגט, אז די תלמודישע דינים שטעהען פיעל העכער און זיינען עלטער פון די רוימישע, און אז זיי האבען ביי אונז גענומען, ניט מיר ביי זיי, ווי די קריסטליכע געלעהרטע זאגען. יהושע סירקין האט פאר אונז געשילדערט זיין לעצטען בעזוך ביי דעם „נדיב הידוע“, באראן עדמאנד ראטשילד, אין פאריז, און אז ער האט אין איהם געפונען א ווארימען איבערגעבענעם חובב ציון. דער רב חנה׳לעס האט זיך שטארק בעקלאגט אויף דער גייסטיגער עפידעמיע וואס האט זיך פערשפרייט צווישען די מינסקער אידען און האט פערגיפטעט זייערע נשמות, געטויט זייערע אידעאלען און גענומען צו ביי זיי זייער צייט, געלד, ענערגיע און מוטה — דאס איז די פערפלוכטע קארטען־שפיעל. דער געעהרטער ראבינער האט גערעדט מיט פייער וועגען דער עמאראליזאציע וואס ס׳האט זיך פערשפרייט איבער דער גאנצער שטאדט צוליעב דער ליידענשאפטליכער קארטען־שפיעל.

www.libtool.com.cn

אין יענער צייט האט זיך אנגעפאנגען די בעוואוסטע באוועגונג פון די "פארגעשריטענע", וועלכע איז געווען א מין נאכאהמונג נאך דער דייטשישער רעפארם, צו בויען אנשטאט די אלטע אידישע שוהלען, טעמפלען, אין וועלכע דער ארון קודש מיט דער בימה זאלען זיין צוזאמען, דער חזן מיט דעם כאר זאלען זיין געקליידט אין שווארצע יוניפארמע, ווי דער "מנהג אשכנז". די באוועגונג האט פערכאפט אויך די שטאדט מינסק. די ראשי העדה, די ערענסטע פון זיי, האבען מיך געבעטען איך זאל די פראגע בעריהרען אין מיינע רעדען. איך האב זיי געפאלגט. איך בין ארויס זעהר שטארק געגען דער בעוועגונג מיט דעם אלטען פראטעסט פון דעם נביא בן־בארי ווי ער האט זיך אויסגעשריען: "וישכח ישראל את עושהו — ויבן היכלות", "ווען דאס פאלק ישראל פערגעסט זיין בעשעפער, דאן פאנגט ער אן צו בויען טעמפלען". אין דער צייט ווען זייערע צעהנדליגער טויזענדער ברידער זיינען אין א שרעקליכען צושטאנד, היימלאזע, וואגלען זיי אום איבער דעם גאנצען לאנד צו געפינען א מקום מנוחה, ליגט אייך, מינסקער אידען, אין זינען טעמפלען מיט געזאנגען. דאן האב איך געזאגט מיין בעוואוסטען משל וועלכע אלע מטיפים און מגידים האבען דערנאך אויסגענוצט, מיט דעם נאמען: "באווייגען דעם טאטען מיט נאטען"...

דער משל איז געווען פון א זוהן, וועמען די עלטערען האבען געשיקט קיין פעטערבורג שטודירען מוזיק, אבער ער איז געווען א גרויסער נאר, מחילה. דערווייל איז זיין פאטער געפעהרליך קראנק געווארען און מען האט איהם טעלעגראפירט ער זאל באלד אהיימקומען, ווייל דער פאטער זיינער קען נאך, חלילה, שטארבען. איידער דער זוהן איז געקומען, איז דער פאטער דערווייל געשטארבען און די משפחה האט, ווי עס פיהרט זיך ביי אידען, ביטער געוויינט. דעם ברמנן האט באוויינט די מוטער, צוויי עלטערע טעכטער, דריי קליינע אינגלעך און גלאט שכנות, קרובים און גוטע פריינט.

דער זוהן איז געקומען אין א שווארצען צילינדער־הוט, ווייסע האנדשוה און א ברייטען שווארצען מאנטעל. ווי נאר ער איז אריינגעקומען, האט ער ארויסגעכאפט דעם קאמערטאן, געפרואווט איהם צווישען די צייהן און אויסגעשריען: ווארט, ניט ריכטיג, איהר נעהמט א פאלשען טאן...

"מינסקער אידען — האב איך אויסגעפיהרט מיין משל — אייער פאלק לעבט איבער אזא שווערע אונגליקליכע צייט, גירושים, נגושים, דערנידערונגען, און איהר זייט ווי יענער נארישער מוזיקער, וועמען עס איז געלעגען אין זינען דער קאמערטאן ביי זיין פאטער׳ס לויה. טעמפלען, מוזיק, כאר און הארמאניע פעהלען אייך בלויז..."

דער משל האט געווירקט און די בעוועגונג צו בויען א נייעם טעמפעל איז איינגעשלאפען.

www.libtool.com.cn

די רוסישע פּאָליציי האָט מיך נאָכאַנאַנד פערפאָלגט, און זאָגאַר אין דער אידישער שטאָדט מינסק האָט זי אַרויפגעלייגט אויף מיר איהר שווערע לאַפּע און זי האָט מיך אַרונטערגענומען פון בימה אינמיטען מיין רעדע אין דעם גרויסען מינסקער בית המדרש, וועלכען דער גרויסער רבי זיסעל ראַפּאָפּאָרט האָט אויסגעבויט.

א געזעץ איז געווען אין דעם גרויסען בית המדרש, אז קיין דרשן אָדער רב האָט דאָרט ניט געטאָרט ריידען. בלויז דער שטאָדט־רב, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען אין מינסק, דער ״גדול״, האָט גערעדט צוויי שבתים אין יאָהר,שבת שובה און שבת הגדול. פאַר מיר האָט מען געמאַכט אַ אויסנאָהמע מיט דעם הסכם פון דעם פאָרשטעהער רבי וואָלף ראַפּאָפּאָרט.

דער בית המדרש איז געווען איבערפילט. מיט גרויס שוועריגקייט בין איך אַרויף צום ארון קודש. איך האָב גערעדט דאָן מיין רעדע ״העצמות היבשות״. צוויי שעה האָב איך גערעדט. דער עולם איז געווען שטאַרק פער־אינטערעסירט. איך האָב זיי אוועקגעשטעלט אין דער ״בקעה״ ביי די בערג טרוקענע ביינער און זיי האָבען געזעהן דאָס בילד ווי דער נביא יחזקאל האָט זיי לעבעדיג געמאַכט. פּלוצלונג האָבען זיך אַריינגעריסען זשאַנדאַרען מיט אַ פּאָליציי־בעאַמטען און אין נאָמען פון דעם רוסישען געזעץ האָבען זיי מיר געהייסען אויפהערען רעדען און אַרונטערגעהן פון דער בימה. ווען איך בין אַרונטערגעגאַנגען, האָבען מיך די זשאַנדאַרען אַרויסגעפיהרט פון בית המדרש. גנבים האָבען זיך בענוצט מיט דעם טומעל און האָבען גענומען רייסען די אויער רינגען פון די פרויען אין דער עזרת נשים, און אום צו מאַכען דעם טו־מעל נאָך גרעסער, האָט איינער אַ געשריי געטהאָן ״פייער!״ מיט גרויס שווע־ריגקייט האָט די פּאָליציי מיך דורכגעפיהרט צווישען דעם גרויסען עולם, וועל־כער האָט אָנגעפילט די גאַסען אַרום, און זי האָט מיך אוועקגעפיהרט אין פּאָ־ליציי־הויז.

אין אַ קליין בעזונדער צימער האָבען זיי מיך פערשפּאַרט. עלענד, מיעד פון מיין אַרבייט, דורשטיג און הונגעריג, בין איך געזעסען פערשפּאַרט. מיין האַרץ איז פערשטיינערט געוואָרען, בלויז אַ ביטערער פּראָטעסט האָט אין מיר אויפגעבראַוזט: פאַר וואָס?!...

האַלבע נאַכט זיינען געקומען צו מיר די פני העדה, צווישען זיי מיינע פריינד יהושע סירקין, רב חנה׳לעס, נופּד און אויך דער פּאָליציימייסטער, וועלכער האָט מיך בעפרייט אויף דעם תנאי אז מאָרגען פריה זאָל איך קומען צו איהם אין זיין קאַבינעט.

דריי טעג האָב איך בעזוכט צוזאַמען מיט דעם רב חנה׳לעס די פּאָליציי. איך האָב געמוזט איבערזעצען מיינע רעדען, וועלכע איך האָב געהאַלטען אין די מינסקער שוהלען, אין רוסיש. נאָכהער, ווען אַלעס איז געווען פערטיג

www.libtool.com.cn

האט ער, דער פאליציימייסטער, קאנפיסקירט אלע מיינע שריפטען און האט מיר פערזאגט צו פערלאזען מינסק אין פערלויף פון 24 שעה.

די בני משה מיט די חובבי־ציון פיהרער האבען געמאכט פאר מיר א שעהנעם אווענט. בעגייסטערטע רעדען זיינען געהאלטען געווארען. א פרע־זענט האבען זיי מיר געגעבען דעם "מדרש תנחומא", באבער׳ס, געבונדען אין סאמעט און זיידענם מיט אן אויפשריפט אין גאלד, מיט צעהנדליגער אונ־טערשריפטען.

בעגינען האב איך זיך צושיידט מיט מיינע גוטע פריינד. און בעגלייט פון הארציגע ברכות האב איך פערלאזען מינסק און אוועק נאך ווילנא.

## פופצעהנטער קאפיטעל

ווילנא, די עיר ואם בישראל. — דער אלטער משכיל און מחבר קלמן שולמאן. — פארוואס דער ווילנער קאזיאנער ראבינער האט גערעדט העברעאיש. — דער יונגער ווילנער שטאדט-מגיד פרעגט אן א שאלה ביי זיין אלטען פאטער ר׳ יצחק אלחנן און אן אלטער סוחר דארף אנקומען צו זיינע יונגע קינדער וועגען מסחר. — שבת אין ווילנא. — א קעלער, וואו 4 משפחות וואוינען. — צוויי קינדער עסען מיט איין לעפעל.

ווילנא האט אין מיר אויפגעוועקט גאר בעזונדערע געפיהלען. מיט יעדער מינוט, וואס איך האב זיך דערנעהענטערט צו דער גרויסער שטאדט, וועלכע איז פול מיט גרויסע תלמידי חכמים און משכילים, די "ירושלים שבליטא", האט מיין הארץ אלץ שטארקער געקלאפט אין מיר און א מין יראת הכבוד האט מיך איבערגעוועלטיגט. פון איין זייט האט זיך מיר שטארק געוואלט זעהן די בעריהמטע היסטארישע אידישע שטאדט, די "עיר ואם בישראל", זעהן איהרע היסטארישע פלעצער, דעם ווילנער גאון׳ס קלויז, דעם קבר פון גר צדק פאטאצקי, איהרע אלטע מנהגים זיינען פול מיט שעהנהייט און טראַ־דיציע, פון וויטענס האב איך געהערט וועגען די גרויסע אידען אין ווילנא און איך האב געוואלט זיי קענען, אבער פון דער אנדערער זייט האט מיר א שרעקליכער ספק געברענט דעם מארך: ווער ווייס אויב איך בין פעהיג צו רעדען אין ווילנא? צי איך וועל מיט מיינע דרשות ניט אויסקוקען ווי דער וואס וויל ארייננברענגען "תבן לעפרים", אדער אייז אויפ׳ן נארד־פאל?...

www.libtool.com.cn

נאר מיין שרעק איז געווען אומזיסט. ווילנער גדולים און משכילים האָ־בען מיך פיין אויפגענומען און מיינע רעדען האָבען דאָרט געפונען טויזענדער הערער. יעדע שוהל, וואו איך פלעג זאגען, איז געווען איבערגעפּאקט און טוי־זענדער מענשען פלעגען אוועק צוריק, ווייל זיי האָבען ניט געקענט אריינקו־מען.

און יעצט קען איך אויסזאָגען א סוד און דערצעהלען פון ניט קיין ״שעהן שטיקעל ארבייט״. וואָס די ווילנער חובבי־ציון האָבען געטהאָן צוזאַמען מיט די גבאים פון די שוהלען. אום צו פערמיידען די ענגשאַפט ביי מיין זאגען, האָבען זיי געמאכט טאָפּעלטע מודעות. אין איינער פלעגען זיי געבען צו וויסען דעם עולם, אז איך וועל רעדען אין איין זייט פון שטאָדט און אין דער אַנ־דערער האָבען זיי געשריבען, אז איך וועל זאגען אין א צווייטער זייט, און א שמש פלעגט שטעהן און פלעגט פערטרויען דעם סוד צו די יחידי סגולה.

אין ווילנא האָבען מיינע רעדען געמאכט א געוואַלדיגען רושם. מיין טעמא איז געווען: ״דער גלות און ארץ ישראל״. ווען איך האב פארגעשטעלט אונזער לעבען אין גלות מיט זיין גאנצער שפלות, אונזערע צוריסענע גלות־נשמות, פלעגט דער גאנצער עולם פיהלען אויף זיך דאָס שווערקייט פון גלות. אבער דערנאָך, אז איך האָב זיי אויפגעהויבען פון גלות און אַנגעפאַנגען חלום׳ען וועגען אונזער ליכטיגער צוקונפט אין ארץ ישראל, דאן איז די שטימונג גע־וואָרען א פרעהליכע, און איך מיט׳ן גאנצען עולם האָבען געשלאָסען די רעדע, אלע מיט איין אויסרוף, מיט דער אלטער נאציאָנאלער שבועה, וועלכע אונ־זערע עלטערען האָבען געשוואָרען ביי די טייכען פון בבל: ״אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני!״ איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבען ניט פערגעסען ווי דער אלטער נאַציאָנאלער העברעאישער ליטעראט, קלמן שולמאַן, וועלכער איז געווען צווישען מיינע הערער, איז ארויפגעפאַלען אויף מיין האלז נאך מיין זאגען, האט מיך הארציג געקושט און האט געמאכט ״שהחיינו״, וואָס ער האט זוכה געווען צו הערען אויף זיינע עלטערע יאָהרען פון א אידישען רעד־נער נאַציאָנאלע דרשות איבער ארץ ישראל. ״דאָס זיינען דאָך מיינע חלומות — האט ער אויסגעשריען — וועלכע איך האב גע׳חלום׳ט אין מיינע ווערק...״

פון שוהל האט מיך הערר שולמאַן איינגעלאַדען צו זיך אהיים. ער האט געוואוינט זעהר אָרים, אבער פערגעניגען האב איך געהאט אין די פּאָר שטונ־דען, וואָס איך האָב פערבראכט ביי איהם. פיעל מעהר ווי איך וואָלט זיך גע־פונען אין איינעם פון די רייכסטע פּאַלאַצען. דער אלטער ליטעראט האט מיך פערטראָגען צוריק מיט א דור פריהער, דער בעריהמטער השכלה־דור, אין וועל־כען עס האָבען געלעבט זיינע עלטערע חברים. א סך אנעקדאָטען האט ער מיר דערצעהלט פון זיי און וועגען זיי. ער האט די אלטע משכילים גערופען מיט זייערע ווילנער אידישע נעמען, ווי, למשל, בערקע און מיכעע, דער טאטע

www.libtool.com.cn

מיט׳ן זוהן — אדם הכהן און מיכל זיין זוהן; מאטקע און אידעלע — רבי מרדכי פלונגיאנער און אידיל שערשעווסקי; מרדכי ארלען — מרדכי אהרן גינזבורג און אברעמעלע קאוונער — אברהם מאפו... רעדענדיג פון זיי, האט ער מיט בייגקשאפט דערמאהנט יענע אלטע גוטע טעג מיט די גרויסע משוררים און שרייבער, וועלכע זיינען פערשוואונדען און האבען אויף זייערע ערטער קיינעם ניט איבערגעלאזען...

נאר אין איין זאך געפינט ער זיין טרייסט: אין דער גרויסער נאציא־נאלער בעוועגונג חבת ציון, וועלכע שטארקט זיך פון טאג צו טאג.

איך האב בעזוכט אלע ווילנער אנשטאלטען, די שוהלען. בעזונדערס בין איך ווי פער׳כשוף׳ט געווארען, ווען איך בין אריין אין דעם גאון׳ס קלויז און איך האב דערזעהן דאס ארט, אויף וועלכען דער תלמודישער ריעז, דער גרעס־טער גאון פון אלע גלות־צייטען און אלע גלות־לענדער, איז געזעסען און גע־לערענט און געשאפען זיינע ספרים אין אלע פאכען פון נגלה, נסתר, דקדוק און מאטעמאטיק. אויף דעם ארט זיצט קיינער ניט און א גרויסער אויסגע־קריצטער מארמערנער שטיין אויף דער וואנט, מיט גרויסע ווערטער דער־צעהלט: ״פה עלה אליהו בסערה השמימה.״

די תלמוד תורה, פאר תורה און מלאכה, וואס איז אנגעפיהרט געווארען פונ׳ם דאמאלסט־בעריהמטען העברעאישען און רוסישען שרייבער בן דוד, דער גרינדער פון דער בעוועגונג שפה ברורה, איז א זעלטענער אנשטאלט. די גע־ביידע איז הויך, שעהן און ריין ווי א פאלקאמענע רוסישע גימנאזיע, די שי־לער פערשטעהען זייערע געגענשטאנדען, הכלל, תורה מיט דרך ארץ צוזאמען געוועלטיגען אין דעם גרויסען אינסטיטוט, וואס דער אונפערגעסליכער הער־גערשטיין האט איהם געגרינדעט.

עטוואס ווי קוריאז איז מיר אויסגעקומען, אז איך האב געהערט צום ערשטען מאל דעם ווילנער קאזאניער ראבינער, דר. גארדאז, רעדענדיג העב־רעאיש אין שוהל פאר׳ן עולם. אין יענער צייט, מיט דרייסיג יאהר צוריק, איז דאס ווירקליך געווען א וואונדער. דאמאלסט האט מען נאך קיין העברעאיש רעדען ניט געהערט אין די שוהלען, אויסער אין די חברות שפה ברורה, צווי־שען די נאציאנאלע יונגע לייט. און דא איז ווילנא שטעהט א ראבינער אויף דער בימה און רעדט העברעאיש צו אז עולם, וועלכער פערשטעהט איהם גאנץ ווענינ!... אבער נאכהער האב איך זיך דערוואוסט די סבה דערפון: דער רב איז געביך ניט שולדיג אין דעם, ער טהוט דאס על פי גזית, ער האט שטודירט ראבינער אין דייטשלאנד, דארט האט ער בעקומען זיין טיטול דאקטאר, קיין רוסיש פערשטעהט ער ניט, דייטש איז איהם פער׳ועהרט צו רעדען פון דער רוסישער רעגיערונג, מוז ער נעבאך ניט ווילענדיג רעדען העברעאיש.

www.libtool.com.cn

ארימער ראבינער!

ווילנער שטאדט־רב, אדער ווי זיי רופען איהם, דער שטאדט מגיד, איז דאמאלסט געווען רבי הירש ראבינאוויץ, דער זוהן פון רבי יצחק אלחנן. אוי־סער זיין גרויסקייט אין לערנען, איז ער נאך געווען זעהר קלוג, א ליעבליכער מענש, בעליעבט ביי אלע קלאסען, זיין הויז איז געווען אפען פאר אלע נויט־בערערפטיגע. אין יענער צייט איז געווען דער שרעקליכער גירוש אויף אידען פון קרים. די מגורשים, וועלכע זיינען געווען אין זייער היים פערמעגליכע אי־דען, זיינען יעצט פעראַרימט גשוואַרצע און זיי האבען אנגעפילט ווילנא. די אונגליקליכע האבען געפונען פיעל טרייסט און הילף ביי דעם דערמאהנטען רב.

איך קען זיך ניט צוריקהאלטען פון צו דערמאהנען אן עפיזאד, וואס איך האב בייגעוואוינט ביי רבי הירש׳ן אין הויז. איינמאל בין איך מיט איהם גע־זעסען און פערבראכט א פאר שעה. מיר האבען גערעדט וועגען דער טרויערי־גער לאגע פון אונזער פאלק, און בעזונדערס וועגען די מגורשים. קומען אריין אייניגע מורי הוראה מיט א שאלה פון א היתר עגונה. ווי עס ווייזט אויס, איז די שאלה געווען א שווערע. דער רב נאך פיעל נאכקלערען, און נאכזוכענ־דיג אין די ספרי הפוסקים, האט געזאגט צו די מורי הוראה, אז נאך אין איי־ניגע טעג וועט ער זיין ביי זיין פאטער רבי יצחק אלחנן, אין קאוונא, וועט ער פארלייגען די שאלה פאר איהם.

בשעת מעשה האב איך זיך דערמאהנט תיכף וואס האט מיט מיר גע־טראפען מיט א טאג פריהער אין ווילנא. איך בין געזעסען ביי אן עלטערען וויל־נער גביר, א גרויסער סוחר, און אייניגע סוחרים זיינען אריינגעקומען פרעגען איהם אן עצה וועגען א מסחר. דער אלטער סוחר האט זיי געענטפערט, אז איהם איז שוין שווער דורכצודריינגען דעם מסחר, ער וועט פרעגען ביי זיינע קינדער.

ניט ווילענדיג איז מיר ארויף אויפ׳ן זינען דער מאמר חז״ל: ״זקני תלמידי חכמים כל מה שמזקינים דעתם מתישבת עליהם, וזקני עמי־הארץ, כל זמן שמזקינים, דעתם מטורפת עליהם״. דאס הייסט: אלטע, געלערנטע מענ־שען, וואס זיי ווערען עלטער, שטארקט זיך זייער פערשטאנד; אלטע עמי־הארצים, וואס זיי ווערען עלטער, ווערען זיי נארישער...

דער יונגער ווילנער רב שיקט אפ א שווערע שאלה צו זיין אלטען פאטער; דער אלטער סוחר שיקט אפ א שווערע פראגע צו זיינע יונגע קינדער...

אויב אין די מיטענוואָך־טעג ווייזט ווילנא אויס אביסעל צו וואכעדיג, דער מארק־טומעל פון די קליינע הענדלער, איבערהויפט די ווילנער מארק־פרויען, די בעוואוסטע שרייערינס, און אויך איז די שטאדט ניט איבעריג ריין,

www.libtool.com.cn

אבער ווי עס קומט אן דער הייליגער שבת, ווערט ווילנא א פרינצעסין. און ווער עס האט ניט זוכה געווען צו זעהן ווילנא א שבת׳דיגע, האט ניט געזעהן דעם אמת׳ן מנוחת שבת מיט זיין גאנצער הייליגקייט. מען פיהלט פשוט די נשמה יתירה אויף איהרע גאסען. ווען עס קומט פרייטאג פארנאכט און אלע געשעפטען שליסען זיך צו מיט איין מאל און אלע ווילנער אידען, פון קליין ביז גרויס, פון אלט ביז יונג, מענער און פרויען, אלע ארומגעוואשענע, איבערגעטאנענע אין שבת׳דיגע קליידער, ציהען זיך צום ווילנער שולהויף.

איינמאל, פרייטאג צו־נאכט, נאך מעריב, בין איך ארונטערגעגאנגען אויף דער אידישער גאס טיעף אין א קעלער, אום צו זעהן דאס לעבען פון דעם ארימען ווילנער אידען. אין אלע פיער ווינקלען פון קעלער זיינען געשטאנען פיער געגרייטע טישען און אויף זיי שבת׳דיגע ליכט. אין דעם דאזיגען קעלער האבען געוואוינט 4 משפחות. ביי יעדען טיש זיינען געזעסען דער פאטער און מוטער און די קליינוואַרג. די ערד אין קעלער איז געווען אויסגעשאטען מיט א העלען געלען זאמד, די ווענט זיינען געווען העל ווייס געקאלכט און אין דער לופט האבען פשוט געשוועבט די מלאכי השלום, מלאכי עליון. די געזיכטער האבען געלויכטען, די אויגען האבען געבליצט, און די נשמה יתירה האט זיך געלאזט דערקענען אפילו אויפ׳ן קליינוואַרג.

איין קוריאז, וואס איך האב דארט געזעהן, מוז איך דא דערצעהלען: ביי איין טיש זיינען געזעסען אכט מענשען און זיי האבען מעהר ניט געהאט ווי זיבען לעפעל. ביים ברעג טיש זיינען געזעסען א אינגעלע מיט א מיידעלע, א זעקס־יאהריגער צווילינג. זיי האבען געגעסען בייטענדיג זיך מיט איין לעפעל, אבער אזוי שנעל האבען זיי דאס געמאכט, אז זיי האבען איבערגעיאגט די גרויסע.

די סצענע האט מיך געמאכט צו לאכען מיט טרערען...

איך האב נאך אין מיין גאנצען לעבען ניט געזעהן אזא גוטהערציגען פשוט׳ען המון ווי אין ווילנא. ער שטעהט העכער אין מאראל און אין כאראקטער פון אלע אידישע שטעדט, וועלכע איך האב אויף מיין רייזע בעזוכט. דו געהסט אין גאס און דו פרעגסט ביי א פארבייגעהער אויף אן אדרעס, נעהמט ער דיך גלייך ביי דער האנט און פיהרט דיך אוועק צום ארט וואו דו ברויכסט, און לאזט זיך צומאל ניט בעדאנקען פאר זיין טרחה. בכלל איז שווער צו געפינען א ווילנער אידען אן עם הארץ, א פרק משניות לערנען קען יעדער טרעגער און האליץ־העקער. ניט אומזיסט איז ווילנא געקרוינט געווארען מיט׳ן נאמען ירושלים שבליטא.

www.libtool.com.cn

# 16טער קאפּיטעל

ביאַלאָסטאָק, די "עיר ובת בישראל". — ר' שמואל מאָהליווער, די גרויסע ליכטיגע פּערזענליכקייט. — ער איז ניט געווען קיין ביאַלאָסטאָקער רב, נאָר א רב וואָס וואוינט אין ביאַלאָסטאָק, האָט מען זיך געווערטעלט אין ביאַלאָסטאָק. — דער 82־יעהריגער העברעאישער דיכטער און משכיל אברהם בער גאָטלאָבער, וועלכער איז געוואָרען א "חסידישער עילוי".

אויב ווילנא רופען די העברעער מיט דעם נאָמען "עיר ואם בישראל", מעג ביאַלאַסטאָק גערופען ווערען "עיר ובת בישראל". ביאַלאַסטאָק איז ניט אזוי גרויס ווי ווילנא און איז ניט אזוי אלט ווי זי; זי פערמאָגט ניט דעם גלאַנץ פון דער פערגאַנגענהייט, און די פערשיעדענע לעגענדעס, מיט וועלכע די געשיכטע האָט בעשאָנקען ווילנא; ביאַליסטאָק איז ניט בעוואוסט מיט איהרע גאונים, ניט מיט איהרע משכילים, ניט מיט איהרע פּרנסים און חזנים; זי האָט ניט קיין אלטע קלויזען, קיין אלטע בתי קברות און ניט קיין אור־אַלטע פּנקסים — ביאַלאַסטאָק איז פערהעלטניסמעסיג נאָך א נייע שטאָדט, זי איז דעם לעצטען יאָהרהונדערט גרויס געוואָרען דורך איהר אינדוסטריע פון גרויסע וועב־פאַבריקען, אָבער זי פערמאָגט פיינע אידען חכמים, ליטעראַטען און סוחרים פּראַקטישע מענשען, בני תורה און פרייגיביגע. ביאַלאַסטאָק איז בעוואוסט מיט איהרע קאַלאָסאַלע אנשטאַלטען, מיט וועלכע זי קאָן שטאָלצירען געגען איהרע שוועסטער־שטעדט אין גאַנצען לאַנד. אין דער לעצטער צייט איז זי בעזונדערס בעקאַנט געוואָרען איבער גאַנץ רוסלאַנד אלס דער צענטר פון דער נייער פּאָלקס־בעוועגונג חבת־ציון, און די צעהנדליגער טויזענדער אויגען פון אלע "חובבי ציון" זיינען געווענדעט צו איהר און צו איהר רב, דער נאַציאָנאַלער גאון, רבי שמואל מאָהליווער, וועלכער איז געוואָרען דער ניט־אָפּיציעלער פיה־רער און דער לעבעדיגער גייסט אין דער גרויסער נאַציאָנאַלער בעוועגונג — מיט איין וואָרט, אויב ווילנא איז די "ירושלים שבליטא", איז ביאַלאַסטאָק די "יפו שבליטא".

ווען איך האָב זיך אביסעל אָפּגערוהט פון מיין רייזע, בין איך גלייך גע־גאַנגען בעזוכען דעם רב, רבי שמואל מאָהליווער. איך מוז זיך מודה זיין, אז געהענדיג צו דעם גרויסען רב, האָט מיין הארץ אנגעפאַנגען שטאַרקער צו קלאַ־פּען און א יראת־הכבוד'יגע שטימונג האָט מיך ארומגענומען. דער נאָמען רבי מאָהליווער איז געווען פערהייליגט ביי אלע "חובבים" צוליעב זיין אונערמיעד־ליכער ארבייט פאַר ישוב ארץ ישראל, זיין רייזע נאָך ארץ ישראל, זיין איינפלוס אויף דעם פאַריזער באַראָן עדמונד ראָטשילד, דער "נדיב הידוע", זיין אָפענער

www.libtool.com.cn

קאמפף פאר די ערשטע קאלאניסטען אין ארץ ישראל, — אט די אלע זאכען האבען איהם בעריהמט געמאכט און געשטעלט איהם העכער פון אלע זיינע קאלעגען אין זיין צייט. מיט אומגעדולד האב איך געווארט אויף דער גליקליכער שעה, ווען איך וועל איהם זוכה זיין צו זעהן.

איך האב איהם געזעהן און איך בין פול געווארען מיט הייליגע געפיהלען. מיט פיעל ליעבע האב איך גערדיקט זיין האנט וואס ער האט מיר דערלאנגט מיט פריינדשאפט, אזוי ווי ער וואלט מיך קאנען שוין פון לאנגע יאהרען. איך האב מיינע אויגען ניט געקאנט ארונטערנעהמען פון זיין ליעבענסווירדיגער געזיכט. פאר מיר איז געשטאנען א הויכער איד מיט א ווייס געזיכט; א ברייטער, הויכער שטערן פול מיט קנייטשען, העלע, בלויע, גרויסע, ליכטיגע אויגען מיט א טיעפען מעלאנכאלישען בליק, א לאנגע, ווייסע בארד, רייז און שעהן געקליידעט. ער האט מיך באלד אבגעקויפט, ווען ער האט נאר ארויסגערעדט זיינע ערשטע עטליכע ווערטער. מיט איין ווארט, איך האב פאר זיך געזעהן דעם אידישען אריסטאקראט, דעם אמת׳ען גרויסען תלמוד חכם.

אייניגע שטונדען האב איך מיט איהם פערבראכט און זיי האבען מיר פערשאפט פיעל פערגעניגען. זעלבסטפארשטענדליך האבען מיר גערעדט וועגען ״חבת ציון״ און וועגען די קאלאניעס אין ארץ ישראל, וועלכע ער האט געזעהן מיט זיינע אויגען. זיין בלייכער פנים האט געשיינט, בעלויכטען פון א הייליגען פייער. עס איז געווען קאנטיג אז דער רעיון פון ישוב ארץ ישראל איז דער שורש פון זיין גרויסער נשמה און נאר אין דעם וואונש האט ער אריינגעטיעפט זיינע גרויסע פעהיגקייטען און זיינע גייסטיגע קרעפטען.

ניט איין מאל האט דאס געטראפען אז ער פלעגט לאזען ווארטען די נכבדים פון ביאלאסטאק אין זיין גרויסען ווארט־צימער און אליין פלעגט ער פערברייינגען אין זיין פריוואט צימער מיט א יונגען מאן, איינער פון די ציוניסטישע עסקנים; די ביאלאסטאקער בעלי בתים האבען דאס געוואוסט און זיינען שוין צוגעוואוינט געווארען צו דעם; נאר צווישען זיך פלעגען זיי זיך בעקלאגען, און א ווארט איז ביי זיי ארומגעגאנגען, אז ״רבי שמואל איז ניט דער ביאלאסטאקער רב, נאר ער איז א רב וואס וואוינט אין ביאליסטאק״...

מיט זיין צויבערדיגער פערזענליכקייט און מיט זיין טיעפען פערשטאנד האט ער משפיע געווען אויף די אלע ביאלאסטאקער משכילים און די פעהיגערע פון זיי האבען זיך קאנצענטרירט ארום איהם און זיי האבען איהם פיעל געהאלפען אין זיין ארבייט. צווישען זיי האבען זיך געפונען אזעלכע, וועלכע האבען נאכהער געשפיעלט א גרויסע ראליע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג.

צווישען די ״מקורבים״ זיינען געווען: דער בעריהמטער גרויסער העברעאישער ליטעראט א״ש הערשבערג; דער איבערגעבענער ציוניסט ליטמאן ראַ־

www.libtool.com.cn

זענטאל; דר. יוסף חזנוביץ און דוד סוכאוואלסקי. דער לעצטער איז געווען דער אויסגעצייכענטסטער פון זיי אלעמען מיט זיין פלייסיגקייט צו דער ארבייט און מיט זיין בעשיידענהייט. ער איז געווען ווירקליך איינער פון די וואונדער־בארע אידישע בעהאלטענע טיפּען, שטיל, רוהיג, גוט און פלייסיג; דעם גאנצען טאג פלעגט ער ארבייטען אלס בוכהאלטער ביי איינעם פון די ביאלאסטאקער באנקירען און ביינאכט פלעגט ער ארבייטען ביי רבי שמואל׳ן אלס מזכיר און קארעספּאנדענט צו ענטפערען די מאסען בריעף, וועלכע פלעגען אנקומען פון גאנצען לאנד אין דעם ״מרכז״. שבת פלעגט ער אויפקלייבען צו זיך אין הויז יונגע לייט און יונגע מיידלאך און פלעגט זיי פּארטראגען אידישע געשיכטע און העברעאישע ליטעראטור.

אין ביאלאסטאק האב איך בעזוכט דעם אלטען העברעאישען פּאעט אברהם בער גאטלאבער. ער איז שוין דאן געווען שטארק אלט, צוויי און אכציג יאהר. זיינע אויגען זיינען שוין פארלאשען געווארען און דאך איז ער נאך געווען שעהן. דער קערפּער גלייך און שטאלץ, דאס געזיכט האט געלויכטען און האט נאך ליעב געהאט צו זאגען שארפע וויצען. ווען איך האב איהם געפונען עסענדיג זיין מאגערען מאלצייט און האב איהם געוואונשען ״מיט גוטען אפּעטיט״, האט ער מיר געענטפערט: ״ווינשט מיר בעסער גוטע שפּייז, אפּעטיט האב איך צופיעל, נאר עסען האב איך ליידער וועניג״... מען האט דערצעהלט אין ביאלאסטאק, אז ווען ער איז בלינד געווארען, האט ער געזאגט: ״ניט אומזיסט האב איך זיך געגעבען מיין פּען־נאמען א. ב. ג., דאס מיינט ניט מיין נאמען אברהם בער גאטלאבער, דאס מיינט ״אלטער בלינדער גוי״.

א היבשע צייט האב איך פערבראכט מיט דעם אלטען פּאעט. איך האב מיט איהם גערערט וועגען דער ״תקופת ההשכלה״, פון וועלכער ער איז געווען איינער פון די פּאקעל־טרעגער. ער האט זיך נעבאך בעקלאגט וואס אויף זיינע אלטע יאהרען האט ער דערלעבט די שרעקליכע אנטיסעמיטישע בעוועגונג, ער האט זיך מודה געווען, אז די משכילים אין זיינע צייטען האבען געמאכט דעם גרעסטען טעות אין דעם וואס זיי האבען געגלויבט אין פּראגרעס מיט דער ציוויליזאציאן. ער האט פּאר מיר דעקלאמירט זיין גרויסע אידישע ליעד ״דער בידנער ישראל״, וועלכע ער האט פערפאסט אין דער צייט פון די פּאגראמען אין זיד־רוסלאנד. בעזונדערס האט ער גערעדט פערביטערט וועגען דעם אנ־טיסעמיטישען עפּיזאד וואס האט אין יענער צייט געטראפען אין ביאלאסטאק:

א קריסטליכער דאקטאר מעדיציו מיט דעם נאמען גראנאוווסקי האט גע־כאפּט ביי זיך אין גארטען א אידישען אינגעל, וועלכער האט אראפּגעריסען אן עפּעל פון א בוים. ער האט דעם ארימען יונגען קינד געבונדען מיט שטריק און מיט א ברענענדיגען שפּיז אויסגעקריצט אויף דאס קינד׳ס געזיכט א צלם און דאס ווארט ״גנב״ אין רוסיש. דער עפּיזאד האט דאן אויפגעשטורמט גאנץ

www.libtool.com.cn

ביאלאסטאק און דער ראבינער מארקוס מיט דעם דאקטאר חאזאנאוויטש זיינען ארוים אין דער פרעסע מיט א שטארקען פראטעסט געגען דעם אנטיסעמיט. דער סוף פון דעם איז געווען אז די רוסישע צארישע גערעכטיגקייט האט ניט נור ניט בעשטראפט דעם ווילדען אנטיסעמיטישען מערדער, נאר זי האט ארויס־געשיקט פון ביאליסטאק אויף צוויי יאהר צייט דעם ראבינער מיט דעם דאק־טאר חאזאנאוויטש און זיי האבען זיך ניט געטארט געפינען אין די דריי ליט־ווישע גובערניעס גראדנא, ווילנא און מינסק.

ווען איך האב זיך געשיידט מיט דעם אלטען העברעאישען דיכטער, האט ער מיר געזאגט די ווערטער: איהר ווייסט, מיין יונגער פריינד, אז נאך אין צוויי טעג ארום וועל איך אייך קאנען צייגען א וואונדערבארע ערשיינונג, נעמ־ליך: "א חסידישען עילוי". ביי מתנגדים זעהט מען זיי אפט, אבער ביי חסידים איז דאס א זעלטענהייט, און איהר ווייסט ווער דאס איז? דאס בין איך זעלבסט. נאך צוויי טעג ווער איך אלט צוויי און אכציג יאהר, בגימטריא "חסיד", און מיינע אויגען זעהען שוין ניט, דאס זיינען די ראשי תיבות פון "עילוי" "עינים להם ולא יראו", אלזא האב איך דערלעבט צו זיין אויף דער עלטער א חסידישער עילוי"...

אין די טעג, וואס איך האב בעזוכט ביאלאסטאק, האט זיך אנגעפאנגען די ארבייטער בעוועגונג אין דער ליטא, און אין ביאלאסטאק האט אויסגעבראכען דער ערשטער סטרייק צווישען די וועבער אין די געוואנט־פאבריקען. דער סטרייק האט געמאכט א גרויסען רושם אין דער גאנצער שטאדט; די ארבייטער האבען זיך געהאלטען פעסט ביי זייערע פאדערונגען. אומזיסט האט זיי גע־סטראשעט דער פאליצמייסטער מיט תפיסה: די ארבייטער האבען איהם ניט געענטפערט. ביז די פאבריקאנטען האבען זיך אונטערגעגעבען און האבען ער־פילט זייערע פאדערונגען. דער סטרייק איז געווען דער ערשטער סיגנאל צו דער בונדיסטישער בעוועגונג אין דעם יאהר 1892, וועלכער האט זיך נאכהער פערשפרייט איבער גאנץ ליטא און פוילען, און ביאלאסטאק איז געווען איינע פון די בונדיסטישע פעסטונגען.

אייניגע וואכען האב איך פערבראכט אין ביאלאסטאק און האב גערעדט אין איהרע אלע שוהלען פאר גרויסע פערזאמלונגען; ווען איך בין אריין צו רבי שמואל'ן נעהמען אפשייד, האב איך געפונען אויף זיין טיש דעם בעוואוסטען ספר "שיבת ציון", וועלכער איז נאר וואס ארויס פון דרוק. דער פערפאסער זיינער איז געווען דער בעוואוסטער א. י. סלוצקי. ער האט אויפגעזאמעלט פון הונדערטער רבנים בריעף און מאמרים וועגען דער שבח פון ארץ ישראל, און זיי האבען אויפגעוויזען, אז "ישוב ארץ ישראל" איז א "מצוה מדאוריתא".

www.libtool.com.cn

איך האב דורכגעבלעטערט דעם ספר און האב אויסגעדריקט מיין מיינונג, אז גלייכער וואלט געווען ווען אזא ספר זאל גאר ניט ערשיינען.

„ווארום ?" — האט רבי שמואל מיך געפרעגט פערוואונדערט.

„ווייל ביז אהער האב איך געוואוסט, אז מיר האבען נאר „מצוות התלויות בארץ", אזוי ווי יובל, שמיטה, בכורים א. ז. וו., אבער פון „ארץ התלויה במצוות" האב איך קיינמאל ניט געהערט. נאך דעם ספר מיט זיינע פלפולים קומט אויס, אז אונזער „ארץ איז גאר תלויה במצוות", דאס הייסט אז אויב דער ישוב איז א מצוה מהאוריתא, דארפען מיר געהן אין ארץ ישראל, און אויב חלילה דאס איז נור מדרבנן, מוזען מיר פערפאלען ווערען אין גלות אויף אייביג"...

## 17טער קאפיטעל

מיין ליטווישע שרעק, פאהרענדיג קיין ווארשע. — די צעריסענקייט פון די פוילישע אידען. — דער אלטער חיים זעליג סלאנימסקי קלאגט זיך וואס פון זיין „הצפירה" איז געווארען א צייטונג ניט קיין וויסענשאפטליכער ארגאן. — דער יונגער נחום סאקאלאוו, וועלכער איז א קוואל פון וויסען און חכמה. — שפ"ר און אנדערע גרויסע אידען אין ווארשע. — ווי דאס צושליסען פון דער וואלאזשינער ישיבה האט געווירקט אויף דעם גאון נפתלי צבי יהודה בערלין.

פון ביאלאסטאק בין איך געפאהרען נאך ווארשע און, ווי עס איז מיר געווען שווער צו געזעגענען זיך מיט דער ליעבער ליטווישער ביאלאסטאק, איז מיר נאך שווערער צו פאהרען נאך דער גרויסער פוילישער ווארשע, ווייל איך האב געוואוסט דעם כאאס, די צומישעניש וואס הערשט אין דעם אידישען ווארשעווער לעבען. גוט האט זיך אויסגעדריקט דער גאון רבי יוסף בער סאלאווייטשיק: „ווארשע איז ניט קיין גרויסע שטאדט, נאר א צוזאמענגעגאסענע פון א הונדערט קליינינקע שטעדטלאך, וועלכע שטעהען איינע לעבען די אנדערע".

די אידען אין ווארשע זיינען צושיידט און צוריסען צווישען זיך, קיין גאנצער אבר איז דארטען ניטא.

די ערשטע זיינען די ריכטיגע איינגעבוירענע „אידישע פאליאקען", דאס הייסט פאליאקען, וועלכע האלטען אן דעם גלויבען פון תורת משה. דאס זיינען די ריכטיגע אסימילאטארען וועלכע ווילען אבסאלוט ניט וויסען פון אידישען

www.libtool.com.cn

פאלק מיט זיין ליטעראטור, שפראך, קולטור און טראדיציעס. זיי איגטערע־סירען זיך ניט מיט דעם גורל פון זייערע מיליאנען ברידער און זיינען איבערגע־געבען מיט זייער גאנצען גייסט און נשמה צו דעם פוילישען פאלק און ווערען הייזעריג זינגענדיג דעם "יעשצא פאלסקא ניע זגיניעלא". זיי פערהייליגען און פערגעטערען אלעס וואס טראגט אויף זיך דעם פוילישען כאראקטער...

די צווייטע זיינען די פוילישע חסידים, די וועלכע גלויבען אין זייערע הייליגע רביים ווי אין גאט אליין. זיי פאהרען צו זיי אויף יעדען יום טוב, לאזען זיך בענשען פון זיי און לעבען נאר מיט זייער זכות פון וויגעלע ביז זייער קבר. זיי געהען געקליידעט ווי אין דעם מיטעל־אלטער: לאנגע קליידער ביז דער ערד, פלאכע שיך, לאנגע זאקען, קורצע הויזען ביז די קניע, פערוויל־דעטע לאנגע בערד מיט לאנגע דיקע פאות, געקרייזעלטע ביז די אקסלען, קליינע סאמעטענע היטעלאך אויף זייערע שפיץ קעפ. זייער שפראך איז א בעזונדער דיאלעקט, וואס פאר א געוועהנליכען אידען איז שווער צו פערשטעהן וואס זיי רעדען. זייערע זיהן בעקומען אן אלט־מאדישע ערציהונג אהן א שום סיסטעם, און זייערע טעכטער בעזוכען די פוילישע שולען און גימנאזיעס און בעקומען א פאלקאמענע אייראפעאישע ערציהונג, אבער פון אידענטום ווייסען זיי אב־סאלוט גארניט. די מעהרסטע פון זיי זיינען רייצענד שעהן און מען קאן זיך לייכט פארשטעלען די הארמאניע צווישען די יונגע פאר־פאלקלאך, די אומווי־סענדע און אומערצויגענע יונגע חסידימלאך מיט די אינטעליגענטע שעהנע, רייצענדע, יונגע פוילישע טעכטערלאך. די יונגע לייטלאך פאהרען צום רבי'ן אויף הביקות און יחידות, און די יונגע דאמען פאהרען נאך די פערשיעדענע קור־פלעצער: נאך קארלסבאד, מאריענבאד און פראנצעסבאד.

ניט ווייניג קאמעדיעס און טראגעדיעס שפיעלען זיך אפ צווישען די יונגע פרישע אידישע טעכטער, ווען זיי בעגעגענען זיך מיט די רוסישע און דייטשע אפיצערען אין די קור־פלעצער, און עס איז גאר קיין וואונדער ניט, עס איז נאר צום בעדויערען, ווייל דאס איז נאר די שולד פון דער ערציהונג, וואס זיי האבען בעקומען. זיי געפינען מעהר אינטערעס און מעהר אונטערהאלטונג אין זייערע געשפרעכען מיט די יונגע געבילדעטע אפיצערען ווי מיט זייערע מענער, מיט די אראפגעלאזענע פארנעבעלטע אויגען, ווען זיי רעדען אמאל יא מיט זיי... זאגאר וועגען די טעכטער פון די הייליגע "גוטע־אידען" זעלבסט ווערען דערצעהלט אין דער חסידישער וועלט אזעלכע געשיכטען, וועלכע גיבען מאסען מאטעריאל פאר די ראמאנען־שרייבער.

די דריטע זיינען די פערוואָרפענע ליטוואקעס, וועלכע דער שיקזאל האט ארויסגעריסען פון זייער היימאט און האט זיי פערשליידערט נאך פוילען. דער ליטוואק פיהלט זיך נעבאך עלענד און פרעמד צווישען די ביידע. ניט די פוי־לישע אריסטאקראטען און ניט די חסידים ליעבען איהם. פאר די ערשטע איז

www.libtool.com.cn

ער א ווילדער פאנאטיק און פאר די צווייטע איז ער פארפלוכטער אפיקורס, וועלכער גלויבט נאר אין גאט און ניט אין דעם רבי׳ן. און זאגאר נאך זיין טויט קאן דער ארימער פרעמדער ליטוואק ניט געפינען קיין רוה אויף דעם ריכ־טיגען ווארשעווער בית עולם, נאר ער ווערט אריבערגעפיהרט איבער דער ווייר־סעל נאך פראגא... און דארום ניט ווילענדיג מוזען די ליטוואקעס אין ווארשע בילדען א בעזונדער גרופע פאר זיך זעלבסט.

אט דאס אלעס האט איך געוואוסט נאך איידער איך בין געקומען נאך ווארשע, אז איך וועל מיינע רעדען ניט קאנען האלטען ביי די אידישע פאליאקען און ביי די פוילישע חסידים, ווייל נאציאנאליזם און ״חבת ציון״ וועלען זיין ביי די ערשטע א ״פערראט״ געגען פוילישען פאטריאטיזם, און ביי די צווייטע — אן אפיקורסות געגען חסידות, און איך וועל זיך מוזען בענוגענען מיט דעם קליינעם דריטען טייל — מיינע ברידער, די ארימע ליטוואקעס, וועלכע געפינען זיך אין ווארשע. אנדערש האב איך ניט געקענט טהאן.

מיין ערשטען פארטראג האב איך געהאלטען אין דער שוהל ״אהל משה״, אויף דעם נאמען פון דעם גרויסען אידען, רבי משה מאנטעפיארע. איך האב ווידער אפגעלעבט, ווען איך האב פאר זיך דערזעהן א גרויסען אינטעליגענטען עולם, צווישען זיי בעוואוסטע שרייבער און געבילדעטע יונגע לייט, סטודענ־טען פון פערשיעדענע פאקולטעטען, דאקטוירים, יוריסטען און אינזשענירען, און בעלי בתים לומדים מופלגים. איך האב זיך איבערצייגט אז איך האב אין ווארשע אויך בעקומען א ברייטע, גרויסע פעלד פאר מיין נאציאנאלע ציוניסטישע זריעה, און עס איז דא גרויסע האפנונג צו פאנאנדערבלאזען דעם ציוניסטישען פונק זאגאר אין די הערצער פון די רעכטע און די לינקע צוזאמען.

איך האב געפונען מיין פליכט צו בעזוכען די גרויסע אידען אין ווארשא און צו בעקאנען זיך מיט זיי. דעם ערשטען האב איך בעזוכט דעם עלטסטען און געלעהרסטען רבי חיים זעליג סלאנימסקי, דער ארויסגעבער פון דער ״הצפירה״.

איך האב איהם געפונען זיצענדיג ביי א גרויסען טיש פול מיט פערשיע־דענע גרויסע ספרים און קלענערע ביכער. זיין גרויסער קאפ מיט שנעע־ווייסע האר, זיין לאנגע ווייסע באָרד מיט דעם ברייטען, געקנייטשטען שטערען, מיט זיינע לאנגע ברעמען אויף די ליכטיגע, שטראהלענדע אויגען האבען איהם גע־געבען א שעהנעם פאטריארכאלישען אויסזעהן. ער האט אויסגעקוקט אין דעם מאמענט ווי אן אלטער רב, וועלכער זיצט און לערנט מיט גרוים התמדה. ער האט מיך ווארים עמפפאנגען און באלד אריין מיט מיר אין א געשפרעך וועגען דער אידישער ליטעראטור, אדער פינקטליכער געזאגט וועגען זיין דאמאלס־דיגער פאלעמיק איבער דעם ״פך השמן״ פון חנוכה, וועלכע האט דאמאלסט אויפגעשטורעמט די רבנישע וועלט. ער האט מיר גלייך דערלאנגט זיין בראָ־

www.libtool.com.cn

שורע וועגען דעם עניז און ער האט זיך ביטער אויסגעדריקט וועגען זיינע געגנער, וועלכע זיינען ארויס געגען איהם מיט זידלעריי און שימפעריי.

„מיין גאנץ לעבען האב איך זיך בעשעפטיגט מיט תורה און חכמה; איך האב זיך בעמיהט צו לערנען מיין פאלק וויסענשאפט און יעצט, אויף מיינע אלטע יאהרען, — האט ער זיך בעקלאגט פאר מיר, — זיינען זיי אנגעפאלען אויף מיר מיט חירופים וגידופים!"...

אט א די רייד זיינען ארויס פון זיין טיעפען הארץ, פון אן אלט פערוועה־טאגט הארץ.

איך האב איהם אביסעל בערוהיגט און איך האב מיט איהם אנגעפאנגען א געשפרעך וועגען דער „הצפירה", וועלכער איז שוין אין יענער צייט געווען רעדאגירט פון נחום סאקאלאוו.

סלאנימסקי האט געגרינדעט די „הצפירה" בלויז אלס וויסענשאפטליכע צייטונג און ער האט געדרוקט אין איהר זיינע מאמרים וועגען דעם טעלעגראף, מאגנעטיזם און „כוכבי דשביט" אום צו פערשפרייטען וויסענשאפט צווישען פאלק. דער אלטער געלעהרטער האט ניט געקענט דולדען צו זעהן זיין וויסענשאפטליכע „הצפירה" זאל זיך וואכעדיג מאכען און בעשעפטיגען זיך מיט וואכעדיגע אלטעגליכע פראגען. ביי איהם איז דאס אויסגעקומען, נאך זיין אלטען בעגריעף נאך, אלס „חילול הקודש" און ער האט זיך שטארק בעקלאגט אויף דעם יונגען סאקאלאוו, וועלכער האט גענומען די ממשלה אין זיין האנד און בעגעהט זיך אין דער צייטונג אזוי ווי זי וואלט געווען זיינע אן אייגענע. דאך האט ער נאך געהאט האפנונג אז ער וועט נאך דערלעבען די צייט און די „הצפירה" וועט איבערוואנדלען ווערען א גוטע וויסענשאפטליכע צייטונג ווי זי איז געווען אמאל...

גאר אן אנדער איינדרוק האט געמאכט אויף מיר דער בלוט־יונגער און ענערגישער נחום סאקאלאוו. דא שטעהט פאר מיר אן אייראפעאישער יונגער מאן מיט אן אריסטאקראטישען געזיכט, פול מיט לעבען, רעדט רוהיג, געלא־סען און פול מיט טאקט. אויף דעם ערשטען בליק קאנסטו איהם אננעהמען פאר א פראנצויזישען אדער אן ענגלישען זשורנאליסט, אבער ווי דו געהסט נאר אריין מיט איהם אין א געשפרעך און דו ריהרסט אן וועלכע פראגע פון לעבען, דאן דערזעהסטו פאר זיך דעם אמת'ען אידישען תלמיד חכם, דעם גרויסען חריף ובקי גאר פון דעם אלטען בית המדרש. און ווען דו פערברייננגסט מיט איהם א פערטעל שטונדע, ווערסטו א צומישטער, א צוטומעלטער און דו ווייסט אליין ניט וואס מעהרער צו בעוואונדערען אין איהם: צי זיינע גרויסע בקיאות אין דער אידישער און אין די אלגעמיינע ליטעראטורען, צי גאר זיין אידישען טיעפזיניגען הומאר, וועלכער קוועלט ארויס פון יעדען ווארט זיינעם.

www.libtool.com.cn

ער ציטירט א מאמר חז״ל און פלעגט איהם גלייך אריין אין א פילאזאפישען ווארט, אדער ער נעהמט א היסטארישען עפיזאד און פערבינדט איהם מיט זיינער אן אייגענער עראינערונג פון זיין קינדהייט, און דו זיצסט און הערסט, דו זיצסט און זאפסט איין אין זיך, אזוי ווי א שוואם, די געדאנקען מיט גע־שליפענע אריגינעלע אויסדריקען, און ניט ווילענדיג ווערסטו אנשוויגען און דו וואלסט וועלען זיצען אט מיט דיעזען וואונדערמאן אייניגע שטונדען צייט און דיינע אויערען זאלען הערען די ווערטער, וואס זיינען פול מיט קינסטלע־רישען קראפט.

איך האב בעזוכט דעם בעוואוסטען העבראישען ליטעראט שאול פנחס ראבינאוויץ — שפ״ר — דער ארויסגעבער פון דעם גרויסען זשורנאל ״כנסת ישראל״ און איבערזעצער פון גרעטץ׳ס היסטאריע. איך האב איהם געפונען ביי זיין גרויסער ארבייט, איבערזעצענדיג די תקופות פון די גאונים. אויף זיין שרייב־טיש זיינען געלעגען בערג מיט ביכער אין פערשיעדענע שפראכען און ער האט געארבייט ווי א ביהן אויף בלומען, ארויסנעהמענדיג פון זיי דעם מאטעריאל, וועלכען ער האט געברויכט צו זיינע ״הערות״ אין זיין איבערזעצונג. געשריעבען, געמעקט און געלעזען און געדיינקט און זיך פערטראכט מיט א גרויסער התמדה. און שטאלץ איז ער געווען מיט זיין ארבייט, דער ארימער מאן, וואוינענדיג אין זיין קליינער ארימער וואוינונג.

צוזאמען מיט שפ״ר׳ן האב איך בעזוכט דעם בעוואוסטען געלעהרטען יונה סימכאוויץ, א גרויסער תלמודיסט און דענקער, א זוהן פון דעם בעוואוסטען גביר און גאון רבי שמואל סימכאוויץ דער סלוצקער. א גייסטרייכען אווענט האבען מיר פערבראכט ביי איהם.

צוזאמען מיט מר פרת איש יהודי ספרא האבען מיר געמאכט א וויזיט דעם געלעהרטען תלמודיסט און יוריסט, פילאלאג און מוזיקער, הרב יוסף רא־זענטאל דער סובאלקער. איך בין ענטציקט געווארען פון זיין ליכטיגען געזיכט מיט זיינע ברענענדיגע אויגען. גרויס איז ער געווען, דער מאן, אין אלע צוויי־גען פון דער וויסענשאפט, און נאך גרעסער איז ער געווען אין דער תלמודישער ליטעראטור. מיט פיעל דרך ארץ האבען אויף איהם געקוקט די אלע גרויסע ווארשעווער געלעהרטע און זיי האבען זיך שטארק גערעכענט מיט זיינע מיי־נונגען, פון די פרימסטע רבנים ביז די פריידענקענדע משכילים. מיט זיין גרוי־סען וויסען איז ער פול געווען מיט הומאר, עס איזווירקליך געווען א גייסטיגער פערגעניגען צו פערברענגען אן אווענט מיט דעם גרויסען אידען.

איך צו פוילען האבען דערגרייכט איגנאטיעוו׳ס מערדערישע געזעצען ווע־גען אידען, און אין דער צייט וואס איך בין געווען אין ווארשע, האבען די רו־סישע בעאמטע אנגעפאנגען צו טרייבען אידען פון די דערפער און די קליינע

www.libtool.com.cn

שטעדטלאך, וועלכע מען האט זיי ספּעציעל אין דערפער פערוואנדעלט, אום מען זאל קאָנען די אידען ארויסטרייבען פון דאָרטען, ניט קוקענדיג וואס זיי זיינען דאָרט געבאָרען געוואָרען. שרעקליך איז געוועזען די לאַגע פון די מגורשים, אין ווינטער־צייט אין די גרויסע קעלט מיט שנעע. מען האט זיך ניט דערבאַרעמט זאָגאָר אויף די קליינע קינדער, אויף שוואכע פרויען, אויף קראַנקע אלטע לייט; דער צארישער צאָרן האט זיך אויסגעגאָסען אויף דעם כלל ישראל. ניט ווייט פון ווארשע אין א דאָרף האט מען ארויסגעטריבען א פאמיליע אין א קאַלטען טאָג און די מוטער, א קימפּעטאָרין מיט איהר ניי־געבאָרענעם קינד, זיינען ביידע אומגעקומען פון קעלט און דער מאן איז פון יסורים פון זינען אראָפּ. די צרות און ליידען פון די ארויסגעטריבענע זיינען בעריכטעט געוואָרען צום „הצפירה״, אבער דער צענזאָר האט דאס ניט דערלאָזען צו פערעפענטליכען און זיי זיינען ניט ארויסגעקומען פאר דער וועלט.

א גרויסע וויכטיגע אספה פון חובבי ציון איז פאָרגעקומען אין ווארשע אין יענער צייט. ביי דער אספה זיינען געוועזען אלע ווארשעווער „חובבים״ און אויך פון די ארומיגע שטעדט און שטעדטלאך. איך בין אויך איינגעלאַדען געוואָרען. אז איך בין אריין אין זאל, האב איך גלייך דערזעהן דעם גאון נפתלי צבי יהודה ברלין, דעם נציב פון וואָלאָזין, דער ראש הישיבה פון דער בעריהמטער הים־טאָרישער וואָלאָזינער ישיבה. ער איז געזעסען אויבען־אן אויף דער פּלאַטפאָרם. פאר מיר איז דאס געווען אן איבערראשונג, ווייל איך האב ניט געוואוסט אז דער גאון געפינט זיך אין ווארשע; ער האט מיך גלייך דערקענט, ער האט מיך ליעבליך מקרב געווען און מיך אוועקגעזעצט ביי זיין רעכטער האנט. ערשט פיער יאהר אז איך האב זיך מיט איהם געזעהן אין אדעס, און ווי שרעקליך ער איז פערענדערט געוואָרען. דאמאָלסט האב איך איהם געזעהן א הויכען, פרישען און לעבעדיג און פול מיט מוטה און ענערגיע. ער, דער אלטער, האט מיך געמוטהיגט און געשטאַרקט צו טהאן מיין ארבייט מיט פליים. און היינט זיצט פאר מיר אן אלטער, שוואכער, נידערגעשלאָגענער מאן, דאס געזיכט בלייך, דער קאָפּ איינגעבויגען און דער גאנצער קערפּער דריקט אויס מיעדקייט און מוטה־לאָזיגקייט, און די פערלאָשענע אויגען זיינע זיינען פול מיט טרערען. איך האב אבער געוואוסט די סבה וואס האט געמאכט די שרעקליכע ענדערונג אין דעם נציב׳ס ריעזיגען קערפּער: אין דעם משך פון די פיער יאהר האט איהם געטראָפען דער שרעקליכער אומגליק, וועלכער האט חרוב געמאכט זיין בית המקדש און האט איבערגעריסען דעם פאדים פון זיין גרויסער נשמה — עס איז פערשלאָסען געוואָרען די גרויסע וואָלאָזינער ישיבה און עס האט זיך איבער־געריסען די גאָלדענע קייט וואס האט זיך געצויגען פון רבי חיים׳ן אן, דער תלמיד מובהק פון ווילנער גאון, און די גרויסע ברייטע הארץ האט קיין קרעפטען ניט געהאט איבערצוטראָגען אט דעם גרויסען אומגליק.

www.libtool.com.cn

נאך דער אספּה האבּען מיר גערעדט צוזאמען, און געזעגענענדיג זיך, האט ער מיך ארומגענומען און האט מיך געקושט אין דער געגענווארט פון די אלע פערזאמעלטע און האט מיר געזאגט די ווערטער:

„איך וויים, מיין קינד, אז איך וועל ניט זוכה זיין צו געהן מיט אייך נאך אונזער הייליג לאנד; דער גאט פון ציון וועט אייך העלפען צו קומען דארט, אבער מיין וואונש איז, אז ווען איהר וועט זוכה זיין צו געהן אהין, זאלט איהר מיטנעהמען מיינעביינער מיט אייך.״

מיר האבען זיך צואווייגט.

דאס איז געווען דאס לעצטע מאל וואס איך האב זוכה געווען צו זעהן דעם גרויסען גאון און צו הערען זיינע ווערטער.

פאר מיין פערלאזען ווארשע האבען זיך צוזאמענגעקליבען די ווארשעווער פארשטעהער פון די חובבי ציון צו מר. זאב גלוסקין אין הויז, בעזונדערס די „בני משה״, און זיי האבען מיר דערלאנגט א פרעזענט די פינף טייל „דור דור ודורשיו״, ספּעציעל געבונדען און מיט א שעהנעם העברעאישען אויפשריפט.

## 18-טער קאפּיטעל.

איך קום קיין לאדז מיט מיין „וואארע״. — די שטאדט פון שפּראכען, פעלקער און קאלירען. — א מסירה׳לע אויף מיר אז איך בין א ניהיליסט. — דער אלטער רב באפרייט מיך פון תפיסה. — מיין באגעגעניש מיט דעם ראש-ישיבה פון דער מירער ישיבה. — איך דערמאהן איהם ווי ער האט מיך אמאל געפּאטשט פאר לערנען תנ״ך.

נאך ווארשע איז לאדז די צווייטע וויכטיגע שטאדט אין פּוילען.

ניט אומזיסט האט מען דער שטאדט א נאמען געגעבען „די פּוילישע מאנטשעסטער״, ווייל זי צייכענט זיך אויס פון אלע פּוילישע שטעדט מיט איהר אינדוסטריע, מיט איהרע געשעפטען און מיט איהר פּיעלשפּראכיגקייט. זי איז א פּרעמדע פלאנצונג אויפ׳ן פּוילישען פעלד. איהר אינדוסטריע איז ניט קיין הויזליכע, ווי אין ווארשע, נאר א מאדערנע אייראפּעאישע, גרויסע פאבריקען, וועלכע הויבען זיך אויף מיט שטאלץ איבער אלע הייזער מיט זייערע קוימענס וואס שפּייען ארוים פון זיך זיילען רויך. דער מסחר איהרער איז א רוישיגער, מאדערנער, ער שטראמט און פלייצט אוועק ווייט איבער דער גרוי־סער וועלט. איהרע איינוואהנער זענען פּיעל־פּארביגע: פּאליאקען פון די אלטע „יאסנאוועלמאזשנע פּאנעם״ ביז די איינפאכע שליאכטעם, דייטשען פון אלע

www.libtool.com.cn

דייטשע פראווינצען, גרויסרוסען פון דער וואלגא, קליינרוסען פון ביי דעם דניעפר, ווייסרוסען און איבער זיי אונזערע אידען פון אלע שאטירונגען — חסידים, ליטווישע לומדים, משכילים. דו געהסט דורך די לאנגע פעטריקאווסקע גאס און דיינע אויערען הערען א מיש־מאש פון פערשיעדענע שפראכען און פערשיעדענע דיאלעקטען. אט הערסטו די גראציעזע וויכע פוילישע שפראך, אינמיטען רייסט זיך אריין דער רוסישער "ריש־אר", גלייך מיט איהם די טיעפקייט פון דעם דייטשען "כ" און דער געגרייזעלטער פויליש־אידישער דיאלעקט. אפטמאל דערהערסטו די אונטערנאזיגע פראנצויזישע שפראך, און אויך דעם "טי אייטש" מיט דעם "דאבעליו", די ענגלישע "מזיקים", און דאס אלעס מאכט דיך פיהלען אז דו ביסט אין דעם מאדערנעם "בבל" אין א ווייטע שטאדט ערגעץ אויף דער אנדערער זייט ים.

נאך איידער דו דערגרייכסט די שטאדט לאדז, נאך איידער דיינע אויגען דערזעהען די גרויסע פאבריקען מיט זייערע הויכע קוימענס, פיהלסטו שוין אז דו ביסט גאר אין אן אנדער אטמאספערע, אן אנדער וועלט, א וועלט פון בלויז וואל, בוימוואל, זומער־וואארע, ווינטער־וואארע, געוואנט, לינען. דו זיצסט אין וואגאן פון דער ווארשע־וויענער אייזענבאהן און דאס גאנצע געשפרעך פון די אלע רייזענדע ארום דיר דרעהט זיך נאר ארום טוך, וואל און לייוואנד. ביי דיין רעכטער האנד זיצט א איד א ליטוואק, א שווארץ־חנ׳עוודיגער מיט א קליין פערפוצטער בארד, ער קומט פון א קליין ליטוויש שטעדטעל, יעהרליך פאהרט ער נאך לאדז איינקויפען זיין וואארע, און ער ארבייט מיט פערשיעדענע מיטלען ארויסצוקריגען ביי זיין שכן, וועלכער זיצט לעבען איהם, צי עס איז אמת וואס ער האט געהערט זאגענדיג אז דאס יאהר איז ביליגער סחורה אין לאדז. אנטקעגען זיצט א דיקע פרוי, א אידענע פון א יאהר פינף און פערציג, א היימישע "אשת חיל", וועלכע האט איבערגעלאזען איהר קראם אויף איהר מאן, און זי פאהרט קיין לאדז נאך סחורה; דארט אין ווינקעל זיצען צוויי לעבעדיגע לוסטיגע יונגעלייט, אייראפעאיש געקליידעט, ריין געגאלטע — וואיאזשארען — פאהרען יעצט פון טיעף רוסלאנד און רעדען צווישען זיך וועגען די הונדערטער שטיקער וואארע וועלכע זיי האבען פערקויפט אין די רוסישע שטעדט, וועגען דיסקאונט פון פערשיעדענע וועקסלען און באנקען. די אלע געשפרעכען מישען זיך אויס צוזאמען מיט דעם רויך פון די ציגארען און פאפיראסען וואס דעקט צו ווי א וואלקען דעם גאנצען וואגאן מיט די רייזענדער צוזאמען.

אין אנפאנג בין איך געוועזן ווי א צוטומעלטער, ווי איך וואלט אריינגעפאלען אין א ווילד־פרעמדער וועלט צווישען פרעמדע מענשען, וואס זייער שפראך און זייערע אויפפיהרונגען זיינען פרעמד צו מיר. אבער ביסלעכווייז האב איך זיך בערוהיגט און איך האב זיך אנגעפאנגען צו אינטערעסירען אין זייער געשפרעך אויף אזוי ווייט, אז עס האט זיך מיר אויסגעדאכט אז איך בין

www.libtool.com.cn

איינער פון זייערע, אז איך בין אויך א רייזענדער אגענט פון לאָדזער פאבריקאנ־טען און, אויב ניט פון לאָדזער וואארע, בין איך אן אגענט פון כל־ישראל׳ס וואארע, פון דעם נאציאנאלען גערדאנק, פון דעם אידישען רענעסאנס.

קומענדיג אין לאָדז, האָב איך אָנגעפאנגען גלייך ״פּערקויפען מיין וואארע״ — איך האָב גערעדט אין דער גרויסער שוהל פאר טויזענדער פערזאמעלטע. איך האָב ביי זיך גערעכענט אז אין אזא מאָדערנער שטאָדט ווי לאָדז וועל איך געווים געפינען הונדערטער אידען, אויף וועלכע איך וועל משפיע זיין מיט מיינע רייד און איך וועל באשאפען א גאנצע מחנה ״חובבי ציון״. איך האָב גערעדט מיט התלהבות, איך האָב געמאָלען בילדער פון דעם גייסטיגען גלות, וואס ברייגנט מעהר צרות און ליידען ווי דער מאטעריעלער גלות. איך האָב אויפגע־רעקט די גאנצע שמוץ פון דער אסימילאציע פון איין זייט, און פון דעם אומ־געלומפּערטען אבערגלויבען פון דער אנדער זייט. איך האָב זיי גערועקט צו נאציאנאליזם.

און פּלוצלינג האָט מיך געטראָפען דאס וואס איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אז אין דער מאָדערנער לאָדז זאָלען זיך געפינען פאנאטיקער וועמען מיינע רייד, אָדער מיינע קליידער זאָלען ניט געפעלען ווערען. זיי זיינען ארוים געגען מיר מיט זייערע אַלטע כלי־זין, מיט מסירה. זיי זיינען פּשוט אוועק צום פּאָליציימייסטער און איהם געזאָגט אז איך בין א געפעהרליכער ניהיליסט, אז איך פּרעדיג אין די אידישע שוהלען רעוואָלוציע. אין יענע טעג איז דאָס געווען גענוג צו ארעסטען מיך און צו פערשיקען אין ווילדען סיביר.

איין אָווענט, צוועלף טעג אין שבט, אין יאהר תרנ״ג (1893), ווען איך האָב גערעדט פאר א גרויסער פערזאמלונג שטעהענדיג ביים ארון קודש אין טלית, האָבען זיך אריינגעריסען אין שוהל דריי זשאנדארען מיט א פּאָליציי־בעאמטען, זיי האָבען פון מיר דעם טלית ארונטערגענומען, מיך ארעסטירט און אוועקגעפיהרט אין דער פּאָליציי.

מיין ארעסט האָט געמאַכט א רושם אין דער גאנצער שטאָדט, גלייך האָבען זיך צוזאמענגעקליבען אַלע פּאָרשטעהער, אָן דער שפּיצע איז געווען הערר אַקסעלראָד, איינער פון די מאַסקווער ארויסגעטריעבענע. נאָך זייער בעראטהען זיך, האָבען זיי ערוועהלט א קאָמיטעט צו געהן צום פּאָליצמייסטער, אָבער ער האָט זיי ענטזאָגט ווייל די מסירה אויף מיר איז געווען אזוי גיפטיג, אז ער האָט באמת געמיינט אז ער האָט געפאַנגען איינעם פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערען.

דעם גאנצען אָווענט בין איך געזעסען פערשפּאַרט אין א קליינעם, קאַלטען, פינסטערען צימער, און טרויעריגע געדאנקען האָבען מיין מאָרך געעגבערט, מיין הארץ פערוואונדעט. איך האָב זיך שוין געהאט אָפּגערוהט פון די צארישע פערפאָלגונגען פון מינסק אָן, און יעצט האָט דאָס מיך ווידער געטראָפען, און וואו? אין לאָדז, אין דער מאָדערנער ציוויליזירטער לאָדז!...

www.libtool.com.cn

און לאנג איז געווען פיר מיר די דאזיגע נאכט... א ווינטער נאכט... דער שטאדט זייגער שלאגט איינס... און צוויי... גרויס איז מיין צער און ביטער און שווער איז מיר.

פלוצלינג עפענט זיך די טיהר און דער פאליצמייסטער קומט אריין מיט דעם אלטען לאדזער רב, רבי אליהו חיים מייזעל.

„דו ביזט פריי!" —— רופט אויס צו מיר דער פאליצמייסטער, — „באלד אז דער רב זאגט אז דו ביזט אן ארענטליכער מאן, און דו, פרעדיגער, פערצייהע מיר פאר דער אונאנגענעהמליכקייט וואס איך האב דיר פערשאפט. דיינע ברידער די אידען זיינען שולדיג".

איך האב בעדאנקט דעם פאליצמייסטער און איך בין ארויס צוזאמען מיט דעם ווירדיגען רב און טיעף איינגעאטעמט די פרישע קאלטע ווינטער לופט.

עס איז געווען א העלע ווינטער נאכט; דער הימעל לויטער בלוי, א פולע לבנה, ווייסער אומשולדיגער שנעע. נאך איינציגע שטונדען זיין פערשפארט אין א דעמפיגען קליינעם צימער, זיינען מיר טהייער געווען די פרייהייט מיט דעם ברייטען ליכטיגען הארייזאנט.

מיר האבען זיך אריינגעזעצט אין א לייכטען שליטען און מיר זיינען גע־פאהרען שנעל צו מיין האטעל. דער שליטען האט זיך געגליטשט אויף דעם ווייכען ווייסען שנעע און מירביידע זיינען געזעסען איינגעהילט און געשוויעגען פערטיעפט יעדערער אין זייערע געדאנקען. די מחשבות פון דעם אלטען גאון האב איך ניט געוואוסט, אבער איך האב ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף זיין בעלויכטענעם שעהנעם געזיכט, אויף זיינע אויגען, וועלכע האבען געשטראלט מיט גוט־הערציגקייט און זויבערקייט פון זיין גוטער נשמה, אויף זיין ווייסער לאנגער בארד וואס איז נאך ווייסער געווארען פון דער מילדער לבנה ליכט. איך האב דערפיהלט אז לעבען מיר.זיצט א גרויסע אידישע פערזענליכקייט.

דער שליטען האט זיך אפגעשטעלט ביי מיין האטעל, איך בין ארונטער, ארויסגענומען געלט צו באצאהלען דעם פוהרמאן, פלוצלינג דערפיהל איך ווי רבי אליהו חיים'ס הענד האלטען מיך פעסט, און מיט א ציטערדיגען קול זאגט ער צו מיר: „אזא זאך זאלט איהר מיר טאן... מיין גאנץ לעבען האב איך זיך מצער געווען וואס איך האב ניט זוכה געווען מקיים זיין די מצוה פון פדיון־שבויים און יעצט, אז די הייליגע מצוה איז מיר צום האנט געקומען, ווילט איהר זי ביי מיר צונעהמען..".

איך האב זיך פשוט פערשעהמט פאר דעם אלטען גאון און איך האב איהם קיין ווארט ניט געענטפערט, ער האט בעצאהלט דעם פוהרמאן נאך מעהר ווי ער האט פערלאנגט און ער האט זיך מיט מיר געזעגענט מיט א ליעבליכער וואר־רימער האנד דריקונג.

www.libtool.com.cn

איך האב יענע נאכט ניט געקאנט איינשלאפען. דעם גאון׳ס געשטאלט האט זיך מיר פארגעשטעלט, און זיין מערקווירדיגער גייסטרייכער נאבעלער כאראקטער האט ערוועקט אין מיר פיעלע פערשיעדענע געדאנקען.

אויף מארגען האב איך געפונען מיין פליכט צו באזוכען דעם גוטען רב און צו בעדאנקען איהם פאר זיין בעפרייען מיך פון געפענגעניש. אריינקו־מענדיג צום רב אין הויז, האב איך גלייך דערקענט מיין אלטען רבי׳ן, דעם ראש־הישיבה פון דער בעוואוסטער מירער ישיבה, ביי וועמען איך האב געלערנט אין מיין קינדהייט. דער רב האט אונז ביידען פארגעשטעלט איינעם פאר דעם אנדערען, און אונזער שמחה איז געווען גרויס. א פערטעל יאהרהונדערט איז פערשוואונדען זינט מיר האבען זיך ניט געזעהען...

רבי חיים ליב האט זיך געווענדט צו מיר און געזאגט מיט פריינדשאפט: ״איך בין שטאלץ אויף דיר, מיין תלמיד, איך האב פיעל גוטעס געהערט וועגען דיר, דו טהוסט דאך עפעס אויף וואונדער מיט דיינע דרשות!״.

איך האב אנגענומען מיט דרך ארץ מיין רבי׳ס האנט און געזאגט: ״ערלויבט מיר, רבי, צו האלטען אייערע הענט, וועלכע זיי האבען מיך אמאל מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק גוט אנגעפאטשט, ווייל ״נאמנים פצעי אוהב״ און איהר זייט געווים אויסען געווען מיין טובה דאן״.

מן הסתם ביסטו ווערטה געווען, מיין קינד, אז איך האב דיך געקאנט פאטשען, קאנסטו מיר ניט זאגען אין וואס איז דאמאלסט דיין פערברעך גע־ווען?״ פרעגט מיך רבי חיים ליב נייגיעריג.

״רבי, איך געדענק דאס גוט און איך וועל דאס קיינמאל ניט פערגעסען. דאס איז געווען אן ״עבירה בזמנה״, דאס הייסט, אין יענע יאהרען איז דאס געווען א פערברעך, אבער היינט, גלויב איך, וואלט דאס ביי אייך קיין פער־ברעך ניט געווען. די מעשה איז אזוי געווען: דאן איז געווען ביי אייך אין ישיבה אונטער אייך א משגיח, מיט׳ן נאמען רבי פרץ, א בייזער איד און דוקא מיינער א קרוב, און ער האט מקיים געווען ״ובקרובי אקדש״. איינמאל בין מנחה למעריב האט ער מיך געכאפט אין מיין ״סטאנציע״ לעהרנענדיג מיט צעהן ישיבה לייט תנך — און איך געדענק נאך זאגאר דעם קאפיטעל אין ישעיה, וועלכען איך האב דאמאלט געזאגט מיט א שעהנעם נגון פאר מיינע חברים — ״הוי החוקקים חקקי און״ און מיר זיינען אלע געווען אזוי פערטיעפט אין אונזער לערנען, אז מיר האבען גאר ניט באמערקט ווי רבי פרץ שטעהט לעבען אונז. ער האט אונז גאר נישט געזאגט, ער האט נאר גלייך אייב בער־צעהלט און איהר האט מיך געשיקט רופען און פאר אלעמען אין די אויגען גוט אויסגעפאטשט, און צו מיר געזאגט: ״פון היינט אן און ווייטער זאלסטו ביז מנחה למעריב זיין אין דער ישיבה און לערנען גמרא!...״

www.libtool.com.cn

רבי חיים ליב מיט רבי אליהו חיים׳ן האבען זיך ביידע צולאכט.

מיט גרויס פרייד האב איך ממלא געווען דעם רצון פון רבי אליהו חיים׳ן און איך האב געהאלטען א פארטראג פאר דעם נוצען פון דער חברה "ביקור חולים". עס איז אריינגעקומען א פיינע סומע פאר דער חברה און די ראשי העיר מיט דעם פרעדיגער יעלסקי האבען זיך מיט מיר שעהן געזעגענט. זיי האבען מיך פרעזענטירט אין דעם נאמען פון דער לאדזער קהלה מיט א גוטען גאלדענעם זייגער

## 19-טער קאפיטעל.

"בדפוס ווילנא והוראדנע" האבען ביי מיר געשאפען דעם איינדרוק אז די צוויי שטעדט זענען א צווילינג. — גראדנע די קליינשטעדטעלדיגע און ווילנע די גרויס-שטאדטישע. — דער פאליצמייסטער לאזט מיך גאר אינגאנצען קיין מויל ניט עפענען. — איך דערשלאג זיך צום גובערנאטאר און קריעג אן ערלויבעניש. — רבי נחום שמש, וועגען וועמען עס ווערען דערצעהלט אין גראדנע וואונדערליכע לעגענדעס.

די צוויי ליטווישע שטעדט ווילנא און גראדנע זיינען שטענדיג געווען ביי מיר אין פאנטאזיע אזוי ווי א צווילינג איינע נאהענט צו דער צווייטער, נאך פון מיין קינדהייט זיינען איינגעקריצט געווארען אין מיין יונגען מארך די רויטע בוכשטאבען וואס זיינען געווען אויף דעם שער־בלאט פון דער גמרא: "בדפוס ווילנא והוראדנא". ווי איך פלעג נאר עפענען די גמרא "בבא קמא", פלעגען די רויטע אותיות טאנצען פאר מיינע אויגען און א פאנטאסטיש בילד ווערט פארגעשטעלט פאר מיר: איך בלאנדזשע אויף די ווילנער און גראדנער גאסען; איך געה אריין אין זייערע גרויסע בתי מדרשים, און איך זעה פאר זיך גרויסע פאליצעס פול מיט ספרים איבער אלע זייערע ווענט; איך זעה זייערע גרויסע שוהלען, הויכע מיט שפיציגע דעכער, דארט וואו די מתים זאמלען זיך אויף יעדע נאכט צו דאווענען בצבור... און מיין קינדערשע פאנטאזיע שפיעלט זיך פאנאנדער, און ווען מיר האלטען אין דער שווערער שיטה פון "מכליא קרנא" און דער רבי ארבייט נעבעך אויף אלע זיינע כלים צו פערענטפערען דעם "כלומר" אין רש"י, בין איך דאמאלסט געווען אין מיין פאנטאזיע אין דער ווילנער גרויסער דרוק, געזעהן גרויסע מענשען, רויטע פנים׳ער מיט פערקאשערטע ארבעל דרעהען א גרויסע ראד פון א מאשין, פון וועלכער עס פאלען ארויס לאנגע דיקע גמרות און אויף זייערע שער־בלעטער שיינען די רויטע ווערטער "בדפוס ווילנא והוראדנא"...

www.libtool.com.cn

און דערנאָך, אז איך בין עלטער געוואָרען און איך האָב שוין געוואוסט די געאָגראַפישע וויכטיגקייט צווישען די צוויי שטעדט, אז זיי זיינען גאָר בעזונדערע צוויי גובערניעס, אונטער צוויי בעזונדערע גובערנאַטאָרען און יעדער פון זיי מאַכט בעזונדערע גזירות אויף זיינע אידען, איז, אויך דאַן האָב איך זיי אין מיין פאַנטאַזיע ניט געקענט אָפּזונדערען איין שטאָדט פון דער אַנ־דערער און זיי זיינען ביי מיר אויסגעקומען ווי איין שטאָדט אין זייער אינערליכען לעבען.

ווען איך בין אָבער אריינגעפאָהרען אין גראָדנע, האָב איך זיך איבער־צייגט, אז ווילנע שטעהט העכער פון איהר ניט נאָר אין איהר פערגאַנגענהייט, נאָר אויך אין איהר געגענוואַרט. ווילנע איז א כרך, מיט איהר טומעל און גערויש, און גראָדנע איז בלויז א גרויסע שטעדטעל, דער פּראָווינציאַלער רוהיגער גייסט שוועבט איבער איהר. אויף איהרע גאַסען איז ניטאָ קיין בעוועגונג, די דורכגעהער געהען זיך רוהיג, שטיל מיט דער זיכערקייט פון קליינשטעדטעל־דיגע, וועלכע איילען זיך ניט, ווייל זיי האָבען ניט וואָס צו פאַרשפּעטיגען. דאָ און דאָרט שלעפּט זיך א וואַגען, דער בעל־העגלה דרעמעלט אויף זיין זיץ ווען דאָס פערד מאַכט זיך געצעהלטע טריט, שטיל און רוהיג. ער פיהלט אז ער איז א גראָדנער פערד און ער האָט זיך ניט וואָס צו איילען. די הייזער זיי־נען גאַנץ שעהנע, די גאַסען זיינען געברוקירט; פּאַנאַרען אויף יעדען ווינקעל־גאָס, אָבער אַזוי ווי אַן אומעטיגער נעבעל הילט זיי איין, א מין טרויער, א ליטווישער, קליינשטעדטעלדיגער פּאַלט אויף דיר ווען דו געהסט איבער דער שטאָדט.

אָבער דער אומעט, וועלכער איז אויף מיר אָנגעפאַלען, פאַהרענדיג פון וואָקזאַל צו מיין האָטעל, איז גלייך פערשוואונדען געוואָרען, ווייל נאָך אין דעם זעלבען טאָג האָב איך זיך איבערצייגט, אז איך געפין זיך אין א גובערנסקער שטאָדט, וואו עס געפינען זיך פּאָליציאַנטען, זשאַנדאַרען און גרעסערע טשי־נאָווניקעס איבער זיי און זיי אלע קוקען מיט זיעבען און זיעבציג אויגען אויף יעדען דורכרייזענדען.

איך האָב נאָך ניט אָנגעפאַנגען צו רעדען און דער גראָדנער פּאָליצמייסטער האָט שוין געוואוסט פון מיר און ער האָט מיר שוין פערבאָטען צו רעדען איז די שוהלען ביז איך וועל ניט האָבען אַן ערלויבנים פון דעם גובערנאַטאָר. די גזירה האָט דעם אומעט פון מיר פערטריעבען און עס האָט מיך אָנגעפילט מיט צער און צאָרן. דער טאָג פון מיין ערשטער רעדע איז שוין געווען באַשטימט און אין די שוהלען זיינען שוין געווען צוקלעפּט מודעות, און דאָ קומט דער פּאָליציי־סקער שטן און האָט איבערגעקעהרט מיין שיסעל מיט דער דעק אַרויף. קריגען אַן ערלויבנים פון דעם גובערנאַטאָר איז ניט געווען קיין קלייניגקייט, ניט יעדערער איז זוכה פאַרצושטעלען זיך פאַר דעם גובערנאַטאָר אָהן הויבע

www.libtool.com.cn

בעזאנדערע רעקאמענדאציעס. איך בין געווען אין א פערלעגענהייט. די "חובבי ציון" אין גראָדנע האבען פיעל געארבייט פאר דער ערלויבניס, עס האט אבער גאר ניט געהאָלפען.

נאך איינינע טעג האב איך זיך דערוואוסט אז דער גראָדנער גובערנאטאר באטוישקאוו איז דער זעלבער וועלכער איז געווען גובערנאטאר אין יעקאטערינאסלאוו, אין דער צייט וואס איך האב דארט געוואוינט און אז מיין פריינד מיכל מיידאנסקי איז געווען בעפריינדעט מיט איהם. איך האב זיך גלייך געווענדעט מיט א טעלעגראם צו מיידאנסקי׳ן און ער האט מיר געענטפערט אז ער האט שוין געשריבען וועגען מיר צו באטוישקאוו׳ען און ער איז זיכער אז איך וועל באקומען אן ערלויבונג פון איהם.

אויף דעם דריטען טאג בין איך געקומען צום גובערנאטאר. אין א גרויסען זאל האב איך געפונען א סך פערשיעדענע מענשען, צווישען זיי אויך אידען און ליטווישע פויערים, פוילישע שליאכטיצעס, יעדער שטעהט אין דער רייה, מיט זיין ביטע־שריפט אין האנט און ווארט אומגעדולדיג אויף דער ערשיינונג פון דעם אדון הגדול. איך האב זיך אויך געשטעלט אין דער רייה מיט מיידאנסקי׳ס טעלעגראמע ביי מיר אין האנט און געווארט גלייך מיט אלע ווארטער...

א שרעקליכע שטילקייט האט איינגעהילט דעם זאל ווען א זייטיגע טיהר האט זיך פלוצלינג געעפענט און דער גובערנאטאר מיט זיין סעקרעטער זיינען אריינגעקומען. ער איז פערבייגעגאנגען יעדען איינעם, האט אויסגעהערט יעדענס פערלאנג, האט דורכגעקוקט שנעל די ביטע־שריפטען, און דער סעקרעטער האט געצייכענט אויף יעדען שריפט דעם גובערנאטאר׳ס אנטווארטען: מאנכע ענטזאגט, מאנכע גלייך ערפילט זייערע פערלאנגען, און מאנכע האט ער געהייסען קומען נאך א מאל. ער איז צוגעקומען צו מיר, איבערלעזענדיג מיידאנסקי׳ס טעלעגראמע, האט ער א ליעבליכען שמייכעל געטאהן, געגעבען מיר די האנט פריינדליך און האט אנגעזאגט דעם סעקרעטער צו אָרדערען דעם פאליצמייסטער צו געבען מיר זיין ערלויבונג און צו מיר האט ער געזאגט: "יא, פרעדיגער, איך ערלויב אייך צו רעדען, אבער זייט פארזיכטיג מיט אייערע רייד".

די פרעהליכע נייעס האט זיך ווי א בליץ פערשפרייט איבער דער גאנצער שטאדט און דאס איז געווען דער געשפרעך פון טאג, ווייל עס האט נאך קיינמאל ניט פאסירט אז דער גובערנאטאר זאל ערלויבען א אידישען רעדנער צו רעדען.

אבער די גראָדנער פאליציי איז נאך אלץ ניט געווען איבערצייגט גענוג אין מיין כשרות, אפילו נאך דער גובערנאטארסקער ערלויבונג, און איינער פון

www.libtool.com.cn

די געהיים־פּאָליציי איז געקומען אין שוהל צו הערען מיין ערשטע רעדע, צי עס איז חלילה ניטאָ אין איהר עטוואָס געגען דער רוסישער רעגיערונג. זעלבסט־פערשטענדליך אז איך בין געווען געגוג פּאָרזיכטיג...

זייענדיג אין גראָדנע, האָב איך זיך געפונען פערפּליכטעט צו בעזוכען דעם אַלטען בעוואוסטען מגיד, רבי משה יצחק, מיט דעם בעקאַנטען נאָמען: "דער קעלמער מגיד", וועלכער האָט דאמאָלסט געוואוהנט אין גראָדנע. איך האָב גע־וואָלט זעהען דעם וועלט־דרשן, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען א גרויסען קאַפּי־טעל אין דער געשיכטע פון "דרשות בישראל", איך האָב געוואָלט דערלערנען דעם טיף פון דעם בעגאַבטען רעדנער, וועלכער האָט בעצויבערט זיינע טוי־זענדער צוהערער מיט זיינע ברענענדיגע רייד און זיינע שרעקליכע בילדער וואָס ער האָט פאר זיי קינסטלעריש פאָרגעשטעלט די בילדער פון דעם גהינום, ווי ער וואָלט באמת דאָרט זיין און מיט זיינע אויגען זיי געזעהען. די משכילים און די מבקרים פון זיין צייט האָבען ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט אָט דעם גרויסען פאָלקס־רעדנער, וועלכער איז געווען בעגאַבט מיט א גרויסען טאַלאַנט. זיי האָבען ניט פערשטאַנען, אַדער זיי האָבען נידערשעצט זיין וואונדערבארען טאַלאַנט, אזוי ווי זיי האָבען בכלל אין יענער צייט ניט פערשטאַנען דאָס שעהנקייט פון אידישען לעבען. זיי האָבען נאָר געזעהען די העסליכקייט, נאַ־רישקייט און די שווערמעריי פון דעם גאַנצען אידישען לעבען.

דער "קעלמער מגיד" האָט מיך זעהר פריינדליך מקבל פּנים געווען און מיט א ציטערדיגער שטימע האָט ער זיך צו מיר געווענדעט: "איך האָב גע־הערט אייער נאָמען, איך בין נאָר וואָס געקומען פון לאָדז און דאָרט האָט מען מיר דערצעהלט אז איהר האָט געמאַכט צום וויינען דעם עולם מיט אייערע וואַרימע ווערטער און אז איהר בענוצט זיך ניט ווי איך מיט דעם גיהנום שרעק. איך קאָן דאָס ניט. גאָט האָט אייך געשיקט אויף מיין אָרט צום נייעם דור, וועלכער גלויבט ניט אין שכר ועונש. יעדער דור מיט זיינע מוכיחים! גאָט זאָל אייך העלפען!"

אָט די רייד, וועלכע זיינען געזאָגט געוואָרען בתמימות פון דעם אמת׳ן פרומען גרויסען אידישען מוכיח, האָבען מיך גערירט ביז טרערען.

צווישען די אָרטאָדאָקסיש־אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען אין גראָדנע האָט זיך אויסגעצייכענט באַזונדערס די פאַמיליע יפה, די קינדער פון דעם גאון רבי מרדכי גימפּל פון רוזינאָי. רבי דוב־בער יפה איז דער אמת׳ער, שעהנער אי־דישער טיפּ, נעהמט אַן אַנטייל אין אַלע אידישע אינטערעסען. זיין זוהן, בצלאל יפה, איז איינער פון די בעסטע קרעפטען אין דער חבת־ציון באַוועגונג און זיין יונגער זוהן, ליב יפה, באַזיצט א פּאָעטישען טאַלאַנט אין דער רוסי־שער שפּראַך, אָבער ער לערענט פלייסיג העברעאיש, און עס איז דאָ גרויסע

www.libtool.com.cn

האפענונגען אז מיט דער צייט וועט ער זיין איינער פון די גוטע העברעאישע פאעטען.

די פאמיליע יפה האט געוואהנט אין א פארשטאדט ביי גראדנע הארט ביי דעם טייך ניעמאן. פון ביידע זייטען טייך הויבען זיך אין דער הויך שעהנע גרינע בערג. איך האב שטארק ליעב געהאט צו פארברייינגען דארט אין דער צייט פון זון־אונטערגאנג, ווען די בערג פלעגען זיך אנצינדען פון די לעצטע רויטע זונען־שטראהלען און דער ניעמאן צווישען זיי האט געפלאסען רוהיג ווי א העל־ווייסע זילבערנער טייך — דאס איז ווירקליך א צויבער־בילד.

איינער פון די וואונדערבארע הייליגע טיפען, וועלכע גראדנער אידען האבען ארויסגעגעבען איז, אהן צווייפעל, רבי נחום, אדער ווי זיי רופען איהם "רבי נחום שמש". איך האב ניט זוכה געווען צו זעהן דעם גרויסען מענשען ביי זיין לעבען, ווייל ווען איך בין קיין גראדנע געקומען, האט ער שוין צו די לעבעדיגע ניט געהערט, אבער די פערגעטערונג פונ׳ם פאלק און די וואונדערשעהנע מעשיות וואס ווערען דערצעהלט וועגען איהם, די הארציגע לעגענדעס וועלכע האבען זיך ארויסגעשפונען ארום זיין פערזאן, אבוואהל עס איז ערשט איניגע יאהר נאך זיין טויט, אט דאס האט מיך איבערצייגט, אז דער מאן איז ווירקליך געווען איינער פון די גרויסע אונשטערבליכע טיפען און די שטאדט גראדנע מעג שטאלצירען מיט איהם.

זעהר פיעל אנעקדאטען ווערען דערצעהלט אין גראדנע וועגען רבי נחום׳ן, אבער צוויי פון זיי וועל איך איבערגעבען פאר די לעזער, כדי זיי זאלען האבען א בעגריעף פון דעם הייליגען טיפ.

איינמאל אין א ווינטערדיגער נאכט, דער פראסט האט פשוט געברענט, א שניי־שטורם האט געבושעוועט, עס איז אונמעגליך געווען ארויסצוגעהן פון הויז. די מנהיגי העדה זיינען יענע נאכט געווען ביי א שטאדטישער אספה און ארום צוויי אזייגער ביינאכט זיינען זיי געפאהרען אין א שליטען יעדערער צו זיך אהיים. פאהרענדיג, האבען זיי באמערקט ווי א מאן קריכט מיט שוועריגקייט אין די גרויסע בערג שנעע, זיי האבען גלייך געהייסען דעם פוהרמאן בלייבען שטעהן און האבען צוגערופען דעם פוסגעהער. ער איז צוגעקומען נאהענט צו זיי, און ווי ערשטוינט זיינען זיי געווארען אז זיי האבען דערקענט רבי נחום׳ען וועלכער האט געציטערט פון קעלט, פערשאטען פון קאפ ביז די פיס אין שנעע און געהאלטען ביי זיך אין בוזים צערטליך א קליין הינטעלע.

"רבי, רבי נחום, וואצו ברויכט איהר דעם הינטעל?" רבי נחום ענטפערט בתמימות:

"מיינע א שכנה, א קריסטין, האט א קינד געבוירען מיט איניגע טעג צוריק. דאס ניי־געבוירענע קינד איז זעהר א שלאפינקער און קאן ניט נעהמען

www.libtool.com.cn

די ברוסט צום זויגען. און די קינפעטאַרין ליידעט שטאַרק פון די צוגעקומענע מילך, איהרע יסורים זיינען נעביך גרויסע און זי שרייט פון שמערצען די גאַנצע נאַכט. מיין פרוי האַט מיר געזאַגט אַז איין מיטעל איז פאַראַן צו שטילען איהרע שמערצען, מען זאָל בעקומען אַ ניי־געבוירענעם הינטעל, ער זאָל אָפּציהען פון איהר ברוסט די מילך, וועט איהר לייכטער ווערען. ביין איך געגאַנגען צו מיינעם אַ בעקאַנטען קריסט און איך האָב באַקומען ביי איהם דאַס קליין כלב׳ל, און איך וועל איהם אָוועקטראָגען צו מיין שכנה"...

די אידען האָבען זיך שטאַרק פערוואונדערט און האָבען אַנגעקוקט איינער דעם אַנדערען, און האָבען אַלע אויסגעשריען:

"רבי נחום! סטייטש, אין אַזאַ קאַלטער נאַכט, ווי אַזוי זייט איהר גאָר פון אייער הויז אַרויסגעגאַנגען?"

"ווייסט איהר ניט, ברידערלאַך, — האָט געענטפערט רבי נחום, — אַז "ורחמיו על כל מעשיו" בפרט אויף אַן אומגליקליכער פרוי, אַ קינפעטאַרין. אַט דעם גרעסטען נחת וועל איך האָבען אַז באַלד וועט דער כלב׳ל שטילען איהרע שמערצען און זי וועט קאָנען רוהיג אַנטשלאָפען ווערען.

די מנהיגי העדה האָבען געפיהלט אַז אַן איש קדוש רעדט צו זיי און זיי האָבען איהם גלייך אָפּגעפיהרט צו איהם אהיים.

ווידער דערצעהלט מען אַז רבי נחום׳ס דרך איז געווען צו געהן אין די ווינטער נעכט איבער די אַלע אידישע אכסניות, איינפאָהר־הייזער, וואו מען פלעגט שפּיעלען אין קאָרטען, און וויפיעל געלט ער פלעגט געפינען אויף דעם קאָרטען טישעל, פלעגט ער צונעהמען פאַר צדקה־אַנשטאַלטען, פאַר קראַנקע, אָרימע, אָהן אונטערשיעד פון אידען ביז קריסטען, וועלכע ער פלעגט אויסהאַלטען מיט שפּייז, קליידער און האָלץ צום הייצען.

די קאָרטען־שפּיעלער האָבען שוין גוט געקענט רבי נחום׳ען און זיי פלעגען גוטמוטהיג איהם אָפּגעבען דאָס געלט נאָך מיט אַ דאַנק, און זיי פלעגען איהם רופען "אונזער פרומער שותף אין קאָרטען־שפּיעל".

ויהי הלילה, און רבי נחום איז אַריינגעגאַנגען אין אַ נייער אכסניה, אין וועלכע מען האָט איהם נאָך ניט געקענט. רבי נחום האָט זיך געטהון ווי זיין שטייגער איז געווען און איז צוגעגאַנגען צום טיש נעהמען דאָס געלט, איז אויפגעשטאַנען אַ צוהיצטער יונגערמאַן און האָט דערלאַנגט רבי נחום׳ען אַ פּאַטש. רבי נחום איז ניט אין כעס געוואָרען, ער האָט נור געזאָגט צו דעם פּאַטשער די ווערטער:

"דאָס האָסטו, יונגערמאַן, געגעבען מיר, אָבער וואָס וועסטו געבען פאַר די יתומים און אלמנות?"

www.libtool.com.cn

איינער איז דארט געווען, וועלכער האט דערקענט רבי נחום׳ען און האט אנגעפאנגען צו שרייען צו זיינע קאמעראדען: ״אוי, וועה איז צו אונז! איהר ווייסט ווער דאס איז, דאס איז דאך רבי נחום? רבי נחום גראָדנער...״

מען קען זיך פאָרשטעלען די מהומה וואס איז דארט געוואָרען, דער פאטשער איז געפאַלען אויף די קניה פאר רבי נחום׳ען, האט געקושט זיינע פיס און האט איהם געבעטען ער זאָל איהם מוחל זיין, און די אלמנות מיט די יתומים האבען שוין בעקומען א פיינעם חלק...

ווען עס איז געווען רבי נחום׳ס לויה, דערצעהלט מען, זיינען נאכגעגאנגען נאך זיין ארון הונדערטער אָרימע־לייט, אלמנות און יתומים, קריסטען און אי־דען און אלע האבען זיי באוויינט זייער שפייזער און שטיצער.

## 20-טער קאפיטעל.

דרוזגעניק די רוסישע קארלסבאד. — רייכע, זאטע פאציענטען און אָרימע, הונגעריגע וואָס קומען אויף גאָט׳ס באראָט. — מיין צווייטע באגעגעניש מיט ר׳ שמואל מאָהליווער. — דער גרויסער רב חלומ׳ט ביי די ברעגען פון ניעמאן וועגען ארץ־ישראל. — די אספה, אויף וועלכער עס איז געגרינדעט געוואָרען די אגודה ״מזרחי״.

עטליכע מייל פון גראָדנע ליגט דאס שטעדטעל דרוזגעניק, וועלכע איז בע־קאנט איבער גאנץ רוסלאנד מיט איהרע מינעראלע וואסער־קוואלען וואס היילען די רהומאטיזם־קראנקע. ווען דו געהסט איבער׳ן שטעדטעל, דוכט זיך דיר אז דו ביזט אין קארלסבאד אָדער אין מאריענבאד; אויף יעדען טריט און שריט בעגעגענסטו מענער רייך געקליידעטע אריסטאָקראטישע פרויען אנגעטאהן נאך דער לעצטער מאָדע, בעהאנגען מיט ציערונג. זיי געהען זיך רוהיג, טריט ביי טריט, טרינקען די מינעראל וואסער אין א בעשטימטער שטונדע ווי אין די בעוואוסטע קור־פלעצער. נאר צוזאמען מיט זיי זעהסטו אויך א סך אָרימע אונגליקליכע פאציענטען; זיי פערמעגען ניט צו בעצאהלען פאר די בעדער, אָבער זיי ווייסען אז אידען זיינען רחמנים בני רחמנים און זיי וועלען זיי ניט לאזען פאלען...

איך האב ניט געזעהן קיין איין אָרט וואס זאָל אזוי צוזאמענגנעהמען די עשירות מיט דעם דלות, די ביידע עקסטרעמען, ווי דרוזגעניק. דו זעהסט פאר זיך אָפגעגעסענע דיקע מענער און פרויען, רייך געקליידעט מיט דעם גרעסטען לוקסוס און גלייך מיט זיי אָרימע, אָפגעריסענע, אויסגעדארטע, בלייכע גע־

www.libtool.com.cn

זיכטער, אזוי ווי טויטע וואלטען אומגעהן צווישען די לעבעדיגע, און קיינער וואונדערט זיך ניט אויף דעם קאנטראסט, אלע קוקען אויף דעם ווי אויף א גע־וועהנליכער זאך. בעזאנדערם איז אינטערעסאנט צו זעהען דעם פערשיעדענעם פובליקום אין די רעסטאראנען ביי די מאלצייטען. דארט זעהסטו א מיש־מאש, וועלכען דו קענסט ניט זעהן ניט אין די גרויסע שטעדט און ניט אין די קליינע שטעדטלעך. אין די קליינע שטעדטלעך איז ניטא קיין רייכע און אין די גרויסע שטעדט טיילען זיי זיך אפ: די רייכע געהען אין די רייכע פלעצער, די ארימע־לייט — אין די ארימע. דא אבער זעהסטו ביי איין טיש זיצענדיג א פאאר רייכע חסידים, פוילישע אידען, אין זיידענע בגדים, לאנגע, מיט לאנגע גארטלען, לעבען זיי צוויי רוסישע סטודענטען מיט זייערע בעקאנטע מיידלאך געקליידעט נאך דער לעצטער פאריזער מאדע, וויטער אייניגע אלטע ארימע פרויען מיט פארוקען אויף זייערע קעפ. אין ווינקעל זיצט א חסידישער רבי מיט זיינע גבאים, און געגען זיי א פאר יונגע דאקטוירים מיט אייניגע לעבעדיגע יונגע־לייט מיט ענטבלויזטע קעפ, זיי רעדען נור רוסיש צווישען זיך, און א טומעל פון פערשיעדענע שפראכען און דיאלעקטען.

איך בין געקומען נאך הרוזגעניק ניט צו היילען זיך, נאר צו היילען אנ־דערע פון זייערע גייסטיגע קראנקהייטען, פון זייער גלייכגילטיגקייט, נאכלע־סיגקייט, ביטול היש, הארט־הערציגקייט און פינסטערער עקשנות צום גורל פון זייער פאלק. און ווען איך בין ארויף אויף דער בימה צו רעדען, האב איך דערזעהן פאר זיך א געמישטען עולם, פוילישע חסידים, ליטווישע מתנגדים, אלטע, יונגע, רייכע, ארימע, פרומע און פרייע, צווישען זיי דער ראזינער רבי מיט זיינע גבאים, און דר. דעמבא מיט זיינע אנהענגער.

רבי יוסף, דער אדמו״ר פון ראזין, איז דער זוהן פון דעם גרויסען רבי׳ן רבי גרשון העניך, דער ״ערפינדער״ פון דעם ״חלזון״, צו פראדוצירען די ריכ־טיגע ״תכלת״, וואס האט געמאכט אין זיין צייט א רעש אין דער רבנישער ליטעראטור און דער זוהן שטאלצירט מיט זיין פאטער׳ם גרויסקייט, און איז מבטל אלע רבנים און גאונים בתכלית הבטול, און, ווען די רבנים האבען ארויס־געגעבען אן איסור אויף קארפירער אתרוגים, איז ער, להכעים, ארוים מיט א פראטעסט געגען זיי און האט געהייסען זיינע חסידים צו בענטשען נאר אויף קארפירער אתרוגים־ממזירים, ווי דער מלבים האט זיי א נאמען געגעבען.

דאקטאר דעמבא האט זיך געמאכט אן אונשטערבליכען נאמען מיט זיין קאמפף פאר דער אידישער שחיטה וואס די רוסישע רעגיערונג האט געוואלט פארווערען. זיין נאמען איז דאמאלסט געווען פאפולער איבער דער גאנצער אידישער וועלט. איך האב איהם בעזוכט און איך האב איהם געפונען זיצענדיג מיט דעם רב ראבינזאהן פון ראטניצע לערנענדיג דעם ״טור יורה דעה״, וואו ער האט פלייסיג שטודירט די ״הלכות שחיטה״, ווייל ער האט דאס געברויכט

www.libtool.com.cn

צו זיין קאמפף מיט די אנטיסעמיטישע געלעהרטע, וועלכע זיינע אנגעפאלעז אויף דער שחיטה אונטער דער מאסקע פון "צער בעלי חיים".

ער האט מיך פריינדליך אויפגענומען און האט מיר מיט א מערקווירדיגער אידישער התלהבות ערקלערט אז פון דעם מעדיצינישען שטאנדפונקט גיט קיין לייכטערער טויט פאר בהמות, ווי שחיטה. און ער איז געווען ערשטוינט ווי וויים אונזערע תנאים און אמוראים מיט די פוסקים האבען געוואוסט און גרינדליך עס פערשטאנען.

אין דער צייט, וואס איך האב פערבראכט אין דרוזגעניק, האב איך זיך איבערצייגט אין דער גרויסער ארבייט וואס דאקטאר יצחק דעמבא האט אויפ־געטאהן אין דעם ענין פון שחיטה און "הפלת הבהמות". זאגאר זיצענדיג דא אין א באד־פלאץ, האט ער נים גערוהט. אויסער זיינע וויסענשאפטליכע אר־בייטען וואס ער האט געהאט טעגליך צו טהון, האט ער געמוזט שרייבען פיעל רוסישע ארטיקלען אין די רוסישע זשורנאלען און פיהרען א געוואלדיגע קארעס־פאנדענץ מיט די גרויסע רבנים פון פערשיעדענע שטעדט איבער דעם גאנ־צען לאנד. און דאס אלעס האט ער געטהאן מיט צופריעדענהייט און מיט נאציאנאלען שטאלץ. ער האט זיך פאר מיר בעקלאגט אויף זיינע קאלעגען דאקטוירים, וועלכע האבען זיך דערווייטערט פון זייער פאלק און זיינען גלייכ־גילטיג צו זיינע אינטערעסען און ארבייטען אין פרעמדע ווייגגערטנער...

א גרויסער גאסט איז אנגעקומען אין דרוזגעניק און דאס איז דער ביאלא־סטאקער רב, רבי שמואל מאהליווער, דער בעליעבטער פיהרער פון די "חובבי ציון". זעלבסטפערשטענדליך אז די אלע געסט, וועלכע זיינען געווען מעהר אדער ווייניגער נאהנט צו דער פאלקס־בעוועגונג, האבען איהם גלייך מקבל־פנים געווען. און פון יענעם טאג אן איז דער גאסטהויז, וואו רבי שמואל איז איינגעשטאנען געווארען דער צענטער פון די אלע "חובבים", יעדערער איז געקומען געבען שלום דעם ליעבען גאון און הערען פון איהם א ווארט וועגען דער בעוועגונג.

ווער עס האט נים געזעהן רבי שמואל מאהליווער זיצענדיג און רעדענדיג וועגען "חבת ציון", האט קיינמאל ניט געזעהן קיין פריידיג מענשליך געזיכט. ווען ער פלעגט נאר אנפאנגען צו רעדען וועגען דעם ישוב בכלל און די קאָ־לאניעס בפרט, פלעגען זיינע אויגען אנפאנגען צו שיינען ווי עלעקטרישע ליכט. און זיינע בליקען זיינען געווען פול מיט חלומות, זיין שטימע איז געווארען שטארק און פרעהליך און דו וואלסט קיינמאל נים געגלויבט אז ער איז א זיעב־ציג ־ יאהריגער מאן, נאר דו האסט צו טאהן מיט א יונגען מאן פול מיט לעבען און קרעפטען.

אין דער צייט וואס מיר האבען פערבראכט אין דרוזגעניק, פלעג איך איהם באזוכען יעדען טאג. מיר פלעגען שטענדיג לאנג שפאציערען אין

www.libtool.com.cn

דרוזגעניקער וואלד הארטביים ברעג פון דעם טייך ניעמען. רבי שמואל האט זעהר ליעב געהאט די שעהנקייט פון דער נאטור, איבערהויפט נאך די דרוזגעניקער נאטור. דער הימעל דארט איז טיעף־בלאה איבער דעם הויכען געדיכטען סאס־נאוועו וואלד; ווילדע דופטיגע בלומען און רויטע רויזען האבען ארויסגעשיינט פון דעם געדיכטען גרינעם גראז, ביי דער זייט די גראנדיאזנע סקאלען, אז וועל־כע די וועללען פון דעם שטראמענדען ניעמאן פלעגען זיך אפשלאגען. די פויגלען זינגען און פליהען פון איין בוים צום צווייטען; קליינע שיפעלעך שווימען אום איבער דעם ניעמאן, געטריבען פון פרעהליכע יונגע לייט.

אין דעם געבענשטען פלאץ האט רבי שמואל פערבראכט טעגליך שטונדען לאנג, פאנטאזירען און רעדען וועגען ארץ ישראל מיט איהרע פראכטפאלע שעה־נע געגענדען אין גליל ביים ים כנרת, ביים ירדן און ביים כרמל הארט ביים מיטעללענדישען ים.

„יא, מיין פריינד, — פלעגט ער צו מיר זאגען, — דא איז די נאטור שעהן, אבער ווי קומט דאס צו יענע שעהנקייט, עס איז גאר קיין פערגלייך נים, עס איז אלעס אנדערש, אן אנדער הימעל, אן אנדער ערד, אן אנדער זון, אן אנדער לבנה מיט אנדערע גרעסערע שיינענדערע שטערען, מיט אן אנדער לופט. איך קען אייך גאר נים פארשטעלען, א, גאט, ווי דערלעבט מען שוין אז דאס לאנד זאל ווידער זיין אונזערע!"

איינמאל זיינען מיר צוזאמען געזעסען פארנאכט ביים ברעג פון דעם ניעמאן. די לעצטע שטראהלען פון דער זון האבען בערויטעלט און באגאלדעט די ווייסע זילבערנע כוואליעס פון טייך; אין וואלד איז געווען שטיל, ווי ער וואלט זיך געגרייט צום שלאף. רבי שמואל איז געווען פערטיעפט אין א געשפרעך וועגען דער שמיטה פראגע וואס האט דאמאלס ארויסגערופען א שטורעם אין דער רבנישער וועלט. די רבנים־חובבים, ווי רבי שמואל, רבי מרדכי עליאסבערג, רבי יצחק אלחנן און רבי נפתלי צבי יהודה ברלין, האבען מתיר געווען, אבער געגען זיי זיינען ארויס די רבנים מחמירים און גע׳אסר׳ט. רבי שמואל האט זיך פלוצלינג אויפגעהויבען פון זיין ארט, און מיט זיין הויכען וואוקס איז ער דאמאלס אויסגעקומען אונטער די לעצטע שטראהלען פון דער זון, ווי צוויי מאל אזוי הויך, ווי א געטליכער נביא. און זיין געזיכט האט געשטראהלט פון אויפ־רעגונג. ער האט צו מיר א געשריי געטהאן:

„איך פערשטעה זיי נים, אט די חברים רבנים מיינע, די מחמירים, וועלכע ווילען חרוב מאכען דעם גאנצען ישוב אין ארץ ישראל, וואס דענקען זיי, אז דא ביי דעם ניעמאן זאל אלעס זיין ווי אין פומבדיתא?! . . ."

זיין שטימע האט דאמאלס אזוי געטליך אפגעקלונגען אין דעם הויכען וואלד, אז מיך האט דורכגענומען א געפיהל פון עהרפורכט.

www.libtool.com.cn

רבי שמואל, ווי אלט אין יאהרען ער איז געוועזן, אזוי יונג איז ער געוועזן אין זיין גייסט און זיצען אין דרוזגעניק און גאר ניט טהאן פאר חבת ציון, האט ער ניט געקענט, ווייל דאמאלס אין יענער צייט איז געווען זעהר פיעל ברענענדיגע פראגען אין דער בעוועגונג. דאן האט ער צונויפגערופען א גרויסע לאנד־פערזאמלונג אין דרוזגעניק. אין איין וואך צייט זיינען געקומען דעלעגאטען פון גאנצען לאנד. צווישען זיי זיינען געווען אלכסנדר צעדערבוים פון פעטערס־בורג, דער ארויסגעבער פון דעם "המליץ", יהושע סירקין פון מינסק; אברהם יעקב סלוצקי; "בן עמי" מרדכי ראבינאוויץ פון אדעסא; הרב רבי פינחס ראזאווסקי פון סווענציאן; אליהו קאפלאן פון סקאפין; בצלאל יפה פון גראדנא און נאך פיעלע בעוואוסטע חובבים פון פערשיעדענע שטעדט. די אסיפה איז פארגעקומען שבת ביי נאכט, ז׳ אלול, תרנ״ג, 1893. רבי שמואל האט גע־עפענט די פערזאמלונג מיט א הארציגער רעדע פון דער הפטרה: "אנכי הוא מנחמכם". די פערזאמעלטע זיינען בעגייסטערט געווארען פון זיינע פלא־מענדע ווערטער. נאכהער איז פערהאנדעלט געווארען פערשיעדענע פראגען. עס איז באשלאסען געווארען צו גרינדען א "מרכז" אין ביאליסטאק מיט דעם נאמען "מזרחי", און פון דעם צענטער זאל ארויס די ארדנונג פון דער באַ־וועגונג נאך ווארשא און אדעסא.

דער נאמען פון דעם מרכז איז נאכהער געווארען א וועגווייזער פאר די גרינדער פון "מזרחי".

## 21טער קאפיטעל

קאָוונע, וואו מאפו האט געשאפען זיינע גרויסע ווערק. — אויף די בערג, וואו דער דיכטער פלעגט אויסטרוימען זיינע היסטאָרישע ראָמאנען. — ר׳ יצחק אלחנן דרעמעלט אונטער א בוים מיט׳ן חושן משפט אין דער האנד. — די מוסר־ניקעס און דער קאמפף געגען זיי. — ר׳ יצחק אלחנן היטט מיר פאָהרען קיין אמעריקא, ווייל "דאָס גאנצע פאָלק פאָהרט אהין".

פון די אלע שטעדט, וואָס איך האָב בעזוכט אויף מיין רייזע, בעסאראביע, פאָראליען, וואָהלין, פוילען און ליטא, האט די שטאָדט קאָוונא געמאכט אויף מיר גאָר א בעזונדערען איינדרוק. באלד, ווי דו קומסט נאָר אריין אין שטאָדט, פיהלסטו גלייך אז דו ביזט גאָר אין אנדער געגענד. כאטש דיא רוסישע שפּראך און די רוסישע גזזעצען געוועלטיגען דאָרט מיט דער פולער קראפט. דו זעהסט פאר זיך אנדערע אידען נייע פנים׳ער, אויף וועלכע עס זענען ניטאָ די

www.libtool.com.cn

שרעקליכע סמנים פון דעם ליטווישען דלות, די מגושם׳דיגע בענעמונג פון די בעסאראביער אידען און דער ווילדער פאנאטיזם פון פוילען. עפעס א מין חן און עדעלער אריסטאקראטישער גייסט איז אויסגעגאסען אויף די קאוונער אידען. אפילו די פּרוסטע אידען געהען אייראפעאיש געקליידעט, די בערד געפוצטע, די קראגענס ווייסע מיט שעהנע שניפּסען. עס קען זיין אז די אורזאכע איז ווייל קאוונא איז ניט ווייט פון דער פּרייסישער גרעניץ, אבער עס איז א פאקט אז קאוונער אידען צייכענען זיך אויס מיט זייער ריינליכקייט און איידעלע מאניערען.

אויך די שטאדט זעלבסט מאכט א שעהנעם איינדרוק מיט איהר ריינ־קייט אין איהרע גאסען, מיט איהרע הייזער און מיט דער נאטירליכער פּראכט. ארום איהר זענען הויכע גרינע בערג און געדיכטע וועלדער. קאוונער אידען דער־צעהלען אז דער גרויסער העברעאישער שרייבער אברהם מאפו האט ליעב גע־האט צו זיצען אליין אויף די שפּיץ בערג צווישען די צוויי שטעדט קאוונא און אלעקסיאט און דארטען שרייבען זיינע אונשטערבליכע ווערק. די מילדע רייכע לופט, די וועלדער, פעלדער מיט די גרינע לאנקעס, די צוויי טייכען דער ניעמאן און די ווילייא מיט זייערע קלארע וועלען, די פּאלקאמענע שטילקייט ארום און ארום, פלעגען ווירקען אויף זיין הויכער פאנטאזיע און זיי פלעגען איהם אויפ־הויבען און אוועקטראגען וויט ווייט אין אריענט און דאמאלס פלעגט ער זעהען מיט זיינע גייסטיגע אויגען די שעהנקייט פון לבנון און כרמל, דעם טהאל שרון, דעם בארג חרמון, און ירושלים די שטאדט פון מויערען.

וואונדערבאר איז צו זעהן פון דער הויך ווי די צוויי טייכען דער ניעמאן מיט דער ווילייא גיסען זיך צוזאמען און ווערען איין מעכטיגער טייך.

צווישען די בערג, וואס רינגלען ארום די שטאדט, איז פאראן א טהאל וואס טראגט אויף זיך דעם היסטארישען נאמען "מיצקעוויטשעס טהאל" ווייל אין דעם טהאל האט דער גרויסער פּוילישער דיכטער מיצקעוויטש געשריעבען זיינע שירים וועלכע זיינען פול מיט דער נאטור שעהנקייט.

מאפו און מיצקעוויטש — ביידע האבען זייערע ליעדער געזונגען אויף דעם קאוונער שעהנעם באדען, דאס הייסט אין דער פרעמדע, ווייל זיי זיינען ביידע געווען קינדער פון גלות פעלקער. און דאך איז א גרויסער אונטערשיעד צווישען זיי; דאס ארט, אויף וועלכען מיצקעוויטש איז געזעסען, איז פאר די פּאליאקען היסטאריש און פעראייביגט זייער דיכטער׳ס נאמען און דאס ארט, אויף וועלכען מאפו האט געשריעבען, ווייס פון איהם קיינער ניט.

עס איז דא א גלות פאלק, און עס איז דא א גלות אין גלות.

באלד ווי איך בין געקומען קיין קאוונא, האב איך געפונען פאר מיין פליכט צו בעזוכען איהר גרויסען בעריהמטען רב דעם אלטען גאון רבי יצחק אלחנן

www.libtool.com.cn

ספעקטאר. איך האב פיעל געהערט וועגען איהם, זיין מערקווירדיגער פערזענליכ־קייט זיין גוט הארץ און זיינע מעשים טובים פאר דעם כלל און פאר דעם פרט. ער איז דאמאלס ניט געווען אין שטאדט, ער האט פערבראכט אויף א זומער וואהנונג אין א ווילא ארום קאוונא. צוזאמען מיט זיין גרויסען זוהן רבי צבי הירש, דער ווילנער רב, בין איך געגאנגען בעזוכען איהם, מיר האבען איהם געפונען ליגענדיג אונטער א גרויסען בוים דרעמלענדיג. א מילדער ווינטעלע האט געבלאזען און געגלעט זיין פולען ווייסען פנים, זיין ווייסע לאנגע ריינע בארד, און ווי א מיסטישע רוהיגקייט האט גערוהט אויף איהם. ביי זיין רעכטער זייט איז געלעגען א קליין ספר׳ל, ווי עס ווייזט אויס, האט ער אין איהם אריינגעקוקט פאר זיין שלאף, און יעצט שטיפט איבער דעם ספר דער מילדער ווינט און בלע־טערט רוהיג זיינע בלעטעלעך.

איך בין צוגעגאנגען א פאר טריט און האב געזעהען אז דאס ספר איז גע־ווען א קליינער חושן משפט...

מיר האבען פערזאמט א פאר מינוטען ביז ער האט זיך אויפגעוועקט פון זיין לייכטען שלאף, ווי ער האט אונז בעמערקט, איז ער גלייך אויפגעשטאנען, אפגעריבען די הענד אויף דעם גראז און האט אונז "שלום" געגעבען. ווען רבי הירש האט מיך פארגעשטעלט פאר איהם, איז זיין געזיכט בעלויכטען געווא־רען און ער האט מיך מיט א בעזונדערער צופריעדענהייט איינגעלאדען אין הויז. געהענדיג מיט איהם, האב איך געוואלט האבען דעם כבוד צו נעמען פון זיין האנד די קליין קישעלע, וועלכע ער האט געטראגען און צובריינגען צום הויז, אבער ער האט שטארק פראטעסטירט, און האט געזאגט: "ניין, איהר זייט ניט קיין משרת ביי מיר, לאזט בעסער מיין זוהן מקיים זיין די מצוה פון "כיבוד אב"... און ער האט איבערגעגעבען די קישעלע צו רבי הירש׳ן.

עפענענדיג די טהיר פון הויז, האט דער אלטער גאון אויסגעשריען: "רבצין ־ רבצין! מיר האבען גוטע געסט, גרייט דעם טיש". אין די פאר שעה, וואס מיר זיינען געווען איניאיינעם, האב איך זיך איבערצייגט אז ניט אומזיסט פערגעטערט דאס פאלק א מענשען, ניט אומזיסט ווערט דערמאנט דער נאמען רבי יצחק אלחנן, פון יעדען אידען מיט ליעבע און דרך ארץ. מיר האבען גע־האט אין דעם דור גרויסע רבנים גאונים, פיעלייכט נאך גרעסערע פון איהם, אבער קיין איינער פון זיי האט ניט זוכה געווען דעם כתר שם טוב פון דעם גאנ־צען פאלק, פון אלע קלאסען אידען ווי דער קאוונער רב, ווי ער איז אימער געווען בעשעפטיגט מיט פערשיעדענע "שאלות ותשובות" פון דער גאנצער אי־דישער וועלט, דאן איז ער קלאר געווען אין גאנצען אידישען לעבען אין אלע פערשיעדענע לענדער, האט זיך אינטערעסירט אין זייער לאגע און האט פיעל מיטגעהאלפען צו פערלייכטערען זייער לאגע. ער האט זיך ניט מצמצם געווען אין די דלד אמות של הלכה ווי די מעהרסטע אונזערע גאונים, נאר וואו עס

www.libtool.com.cn

איז געקומען אויף אַן עדה אידען אָדער אויף איין אידען אַ צרה, אַ גירוש, אַ בלבול, איז ער באַלד געווען אויף דער וואַך — אַ ״שומר ישראל״.

די אַלע כלל זאַכען האָבען איהם שטענדיג בעשעפטיגט און ער האָט גע־ווידמעט זיין צייט מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען. ווען ער האָט נאָר גערעדט וועגען דעם אידישען מצב האָט זיך אַ טרויער פערשפּרייט אויף זיין ליכטיגען געזיכט און יעדעס וואָרט איז אַרויס פון זיין טיעפען האַרץ.

בעטראַכטענדיג זיין שעהנעם געשטאַלט, הערענדיג זיינע רייד, זעהענדיג ווי ער האָט אויפגענומען זיינע געסט, האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט, אַז איך זעה פאַר זיך הילל הנשיא.

אין דער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע פּאָלעמיק אין דער אידישער לי־טעראַטור וועגען די מוסר׳ניקעס. עס איז אַרויסגעטראָטען מיט ברענענדיגע מאמרים אין ״המליץ״ דער בעוואוסטער פּובליציסט ש. ראָזענפעלד נעגען די גרינדער פון די מוסר קלייזלעך. ער האָט אויפגעוויזען מיט פאַקטען אַז זייי פערפיהרען די יונגע אידישע קינדער אין אַ פערווירטער מיסטישער לעהרע און זיי פּראָדוצירען פון זיי האַלבע משוגעים און גייסטיגע קריפּעלס. זייענדיג אין קאָוונא, האָב איך זיך גענומען צייט צו שטודירען דעם גאַנצען ענין. צוזאַמען מיט דעם יונגען גרויסען תלמודיסט הרב אהרן מיכאל באַרוכאָוו, בין איך גע־גאַנגען זעהען די ישיבה פון מוסרניקעס. אַ שרעק האָט מיך אָנגעכאַפּט ווען איך האָב דערזעהען אַ הונדערט יונגע קינדער שטעהען אויף זייערע פיס יעדערער ביי זיין שטענדער, האַלטענדיג אַ גמרא, אָדער אַ מוסר ספר און אַלע שרייען מיט ווילדע אונגעלומפּערטע קולות מאַכען ווילדע תנועות, מיט זייערע קערפּערס און געזיכטער, אַ ווילדער פייערל בליצט פון זייערע יונגע אויגען, די קערפּערס דאַרע אויסגעקרימטע און אונציטיגע אַלטקייט שוועבט איבער זיי. מיר האָבען געפּרואווט פערהערען אייניגע פון זיי, אָבער וויניגע פון זיי האָבען פערשטאַנען וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין לערנען.

ניט אומזיסט זיינען רבי יצחק אלחנן מיט רבי הירש׳ן, זיין זוהן, אַרויס מיט אַ שטאַרקען פּראָטעסט נעגען דער נייער סעקטע ״אסיים״ מיט זייערע פינסטערע אידעען.

אין קאָוונא האָב איך זיך בעקענט מיט׳ן שרייבער יעקב ליפשיץ, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער לשכה השחורה, וועמעס אויפגאַבע עס איז גע־ווען צו קעמפּפען געגען דער בעוועגונג פון חבת ציון.

ליפשיץ איז געווען אַ פעהיגער מענש, פול מיט ענערגיע, אָבער אַן עקס־טרעמער קנאי, אַ שטאַרקער פאַנאַטיקער און דאָס האָט איהם געבראַכט צו האַ־סען די נייע ליטעראַטור, די העברעאישע שרייבער, די ציוניסטען. ער האָט גע־שריעבען און גערעדט געגען זיי מיט גיפט און האַס. ער איז געווען אונטער דער

www.libtool.com.cn

השפעה פון רבי רפאל הירש׳ס ספרים. ער האט געשטרעבט צו גרינדען איז רוסלאנד אן ארטאדאקסישע בעוועגונג אזוי ווי די דייטשע פראנקפורטער, אבער זיין שטרעבונג איז געבליבען בלויז א חלום, און זיין קעמפפען געגען חבת ציון האט איהם פיעל כבוד ניט פערשאפט.

א קאמיטע איז מיך געקומען איינלאדען צו האלטען א רעדע אין דער ״דייטשער שוהל״, אין וועלכער קיין איין אידישער מגיד האט נאך ניט געהאט די זכיה צו רעדען, בראש פון דער קאמיטע זיינען געווען דער ראבינער שניט־קינד און די צוויי יונגע טאלאנטפאלע סטודענטען בראמסאן.

צוויי שעה צייט האב איך גערעדט פאר אן ענטהוזיאסטישען עולם אין דער דייטשער שוהל. מאסען פון די ״פרושים״ און די ארטאדאקסישע אידען זיינען אויך געווען, און דאס איז געווען איינע פון די גרעסטע וואונדער אין קאוונא צוזאמענצונעהמען די ביידע עלעמענטען.

צוזאמען מיט דעם בעוואוסטען ליטעראט מר. אהרנזאהן, דער איבערזעצער פון ״החורב״ און די בעוואוסטע בריעף פון רבי רפאל הירש פון פראנקפורט, בין איך געגאנגען זיך געזעגענען מיט דעם קאוונער רב רבי יצחק אלחנן.

זעהר פריינדליך האבען מיר פערבראכט מיט איהם א פאר שטונדען; איך האב מיינע אויגען ניט געקענט ארונטערנעהמען פון זיין שעהנעם געזיכט, זיין גראנדיאזנער וואוקס, און זיינע הענד דורכזיכטיג ווייס, און בעזונדערס זיינע אויגען פול מיט ליעבע און רחמנות.

פלוצלונג אין מיטען אונזער געשפרעך האט ער מיך געבעטען ענטשולדיגונג אויף 10 מינוטען און איז אריינגעגאנגען אין זיין חדר מיוחד.

אין צעהן מינוט ארום איז ער אריין צוריק צו אונז מיט א בריעף אין דער האנד און רופט זיך אן צו מיר:

״נעמט פון מיר די געשריעבענע עטליכע ווערטער ווענען אייך און אייער טאלאנט וואס גאט האט אייך געגעבען, זיי וועלען אייך צונוץ קומען, איך וועל דאך אייביג ניט לעבען, איך בין שוין אלט, און איהר זייט נאך יונג און פעהיג צו ארבייטען פאר אונזער פאלק, אונזער אמונה און אונזער תורה. ווי איך פער־שטעה וועט איהר פאהרען קיין אמעריקא, דאס גאנצע פאלק פאהרט אהין, פאהרט מיט זיי און מוטהיגט זיי, זאגט זיי אין מיין נאמען, אז זיי זאלען היטען אונזער הייליגע תורה ווייל זי איז אונזער לעבען און זי האלט אונז ביים לעבען שוין טויזענדער יאהר״.

מיט טרעהרען אין אונזערע אויגען האבען מיר זיך הארציג צוקושט. און איך האב פערלאזען קאוונא.

www.libtool.com.cn

# 22-טער קאפיטעל

בריסק דארף זיין ליטא און איז גאָר א פּוילישע שטאָדט מיט אלע פּישטשעווקעס. — מיינע דרשות האָבען א ווירקונג און עס ווערען געשאפען אגודות פון חובבי ציון. — דער בריסקער רב, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, מיט וועמען איך פלעג קינדוויז זיך שפּיעלען בין מנחה למעריב. — ר׳ שלום מנשה און אנדערע אינטערעסאנטע טיפּען.

איידער דו קומסט אריין אין דער שטאָדט בריסק דליטא, דענקסטו אז דו וועסט געפינען אין איהר א פאָלקאָמענע ליטווישע שטאָדט מיט אלע סמנים, זיטען און מנהגים ווי אין אלע ליטווישע שטעדט. אבער ווי דו געהסט נאר אריין אין איינע פון איהרע גאסען, איבערצייגסטו זיך אז דו האסט א טעות געמאכט, אז איהר נאָמען האָט דיך פערפיהרט, אז ניט אין א ליטווישער שטאָדט ביזטו געקומען, נאר דו געפינסט זיך אין א פּוילישער שטאָדט "בכל פרטיה ודקדוקיה", מיט אלע איהרע פּינטעלעך. די אידען געהען געקליידעט אזוי ווי די ווארשע־ווער, גערער און קאָצקער, די אידישע פּוילישע היטעלעך אויף די קעפּ, זייערע פּאות און די בערד לאנגע ניט בעריהרטע, חלילה, פון קיין שער, און זייער שפּראך איז אויך נעהענטער צו דער פּוילישער ווי צו דער ליטווישער.

בריסק, אין איהר גייסטיגען לעבען, איז א חסידישע פעסטונג. דאס רוב פון איהרע אידען זיינען חסידים מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות, און דארום איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס דער חבת־ציון אידעאל האט זיך אבי־סעל פערשפּעטיגט צו קומען צו איהר. אין דער צייט וואס ביאלאסטאק, איהר נאָהענטע שכנה, איז שוין לאנג געוואָרען דער צענטער פון חבת ציון, האט זיך נאך אין בריסק ניט בעוויזען קיין צייכען פון דער בעוועגונג און עס איז נאך ניט געווען קיין איין אגודה.

קומענדיג אהין, בין איך כמעט פערצווייפעלט געוואָרען, און די אלטע משה רבינו׳ס פראגע "והן לא ישמעו לי?" — זיי וועלען דאך ניט הע־רען מיך? — האט געעבבערט מיין מח. איך האב פשוט מורא געהאט אז איך וועל קיין בימה ניט בעקומען אין איהרע שוהלען פאר מיין נאציאנאלער אר־בייט.

איך האב מורא געהאט אז מיינע נאציאנאליסטישע קערנער, וועלכע איך וועל פערזייען, וועלען זיך ניט צונעהמען צו דעם חסידישען קאלטען שטיי־נערנעם באָדען, אבער מיין שרעק איז געווען אינגאנצען פאלש. די טויזענדער בריסקער אידען האבען אָנגעפילט די גרויסע בריסקער שוהלען, און האבען גע־הערט מיט גרויס חשק מיינע רעדען, און מיט א גוואלדיגען אפּעטיט האבען

www.libtool.com.cn

זיי געשלונגען יעדער ווארט און אגודות האבען זיך געגרינדעט. און אין איין חודש צייט האב איך בעזיעגט די פוילישע־ליטווישע פעסטונג, און זי איז גע־ווארען ווירקליך א גייסטיגע שוועסטער צו איהר שכנה ביאליסטאק.

איינער פון די גרעסטע גייסטיגע אוצרות, וועלכען די שטאדט בריסק־דליטא האט פערמאגט, איז געווים געווען דער רב איהרער, וועלכער איז בע־וואוסט מיט זיין נאמען "רבי חיים׳קע בריסקער", אדער רבי חיים סאלאוויי־טשיק. אויסער וואס ער איז געזעסען אויף זיין גרויסען פאטערס שטוהל, רבי יוסף בער סאלאווייטשיק, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט, האט ער פערמאגט געגוג "יחוס עצמו". זיין שארפער שכל, זיין טיעפע לאגיק און זיין גאונישע קראפט, מיט וועלכער ער האט בעזיעגט דעם ים התלמוד. נאך אין זיינע יונגע יאהרען, זייענדיג א ראש הישיבה אין וואלא־זשין צוזאמען מיט זיין שווער׳ם ר׳ רפאל׳ס שוויגער־פאטער, דעם "נציב", האט מען איהם געקרוינט אין דער תלמודישער וועלט פאר א גאון הגאונים. זאגאר גרויסע געלערהרטע, בעוואוסטע שרייבער און ליטעראטען, האבען בעוואונדערט זיינע פעהיגקייטען און זיינע גייסטיגע קרעפטען.

מיט זיין אויסערליכען געשטאלט האט ער זיך ניט אויסגעצייכענט. נידע־ריג געוואקסען, די בארד שפיציג, דיא אויגען שארפע, נאר זיין קאפ, זיין קאפ, איז געווען גרויס, און ווער עס האט איהם דערזעהן, האט גלייך דערקענט אז אין דעם גרויסען קאפ איז דא א גרויסער אונגעוועהנליכער מארך, וועלכער דענקט טיעף און הויך.

און ווי גרויס זיין קאפ איז געווען, אזוי גוט און מילד איז געווען זיין כא־ראקטער, אזוי ברייט איז געווען זיין גרויסע אידישע הארץ. רבי חיים האט זיך קיינמאל ניט געפוצט מיט זיין הלבשה ווי אנדערע רבנים, ער האט זיך געקליידעט ווי א פשוט׳ער בעל הבית, ער האט זאגאר קיין רבנישען שטאט ניט געפיהרט ביי זיך אין הויז. איהר האט איהם געקענט געפינען ליעגענדיג אויף זיין סאפע אין זיין שפייז צימער, האלטענדיג דעם רמב״ם, אין דער גע־גענווארט פון די בריסקער גבירים, וועלכע פלעגען איהם אפט בעזוכען וועגען שטאדטישע ענינים, אדער ער פלעגט אומגעהן איבער׳ן צימער מיט זיין פריינד רבי שמחה־ זעליגען, וועלכען ער האט זעהר געליעבט, זיין האנד אויף רבי שמחה־זעליג׳ס אקסעל, און ריידען מיט איהם וועגען פערשיעדענע תלמודישע סוגיות, ווי זיין אלטע געוואהנהייט נאך פון וואלאזשינער ישיבה.

מען דערצעהלט אויף דעם גאון רבי נפתלי־צבי יהודה בערלין, אז ווען ער פלעגט זעהן רבי חיים׳ן האלטענדיג זיין האנד אויף איינעם פון די וואלאזשינער תלמידים׳ס אקסעל, פלעגט ער זאגען אלס וויץ: "רבי חיים על צווארו ויעסוק בתורה". דאס איז א פאראדיע פון דעם תלמודישען בע־וואוסטען זאץ "רחיים על צווארו ויעסוק בתורה".

www.libtool.com.cn

רבי חיים בריסקער האט קיינמאל קיין שאלות ניט גע׳פסק׳ענט, און ווען עס האט זיך געמאכט א שאלה ביי איהם אין הויז, האט די רבי׳צין געמוזט שיקען פרעגען צו איינעם פון די בריסקער מורי הוראה. בלויז די שאלות וואס האבען געהאט א שייכות צו בריאת הגוף האט ער גע׳פסק׳ענט. מען דער־צעהלט אז איין מאל איז געקומען צו איהם זעהר א בלייכער אינגעלע און האט איהם געפרעגט אויב ער מעג עסען פלייש אין די ניין טעג? האט איהם רבי חיים גלייך געענטפערט: „געה, מיין קינד, זאג דיין מאמען אז איך חיים איהר, אז זי זאל אויך עסען פלייש אין די ניין טעג". און אז די ביישטעהענדע האבען איהם געפרעגט: וואס מיינט ער מיט דעם? — האט ער געענטפערט גאר פשוט, אז אזא בלייבער און שלאפער אינגעלע ווערט ניט געבוירען ביי קיין געזונטער מוטער...

און מערקווירדיג, ווי גוט און מילד ער איז געווען אין הויז, אזוי הארט און פעסט איז ער געווען ווי א פעלז אין די שטאדטישע ענינים, און עס איז א פאקט אז ער איז אמאל אפען ארויסגעטראטען געגען דעם בעוואוסטען בריס־קער כלל־טהוער, מאנדעלבלאט, וועלכער איז געווען דער ממונה פון שטאדט אויף דעם רב׳ס שבירות, און רבי חיים האט ניט געוואלט ליידען מאנדעל־בלאט׳ס אויפפיהרונג אין דער חברה „לינת הצדק", איז ער אפען ארויס געגען איהם, ניט קוקענדיג אויף זיין אייגענער פרנסה.

אויך אין כלל־זאכען איז ער געווען שטארק אין זיין כאראקטער און האט זיך ניט געלאזט בויגען אויף איין האר אפילו פון זיינע אייגענע חברים די גרעסטע רבנים און גאונים פון זיין צייט. ווען מען האט געפייערט דעם יובי־לעאום פון דעם בעוואוסטען פראפעסאר דניאל כוואלסאן און אין נאמען פון אידישען פאלק האבען די גרויסע כלל־טהוער מיט מאנכע רבנים געשיקט צו כוואלסאן׳ען א בעגריסונג, האט רבי חיים בשום אופן ניט געוואלט חתמ׳נען זיין נאמען. ער האט געענטפערט קורץ און שארף: „איך גיב ניט קיין ברכות צו א משומד, ער מעג זיך זיין דער גרויסער פראפעסאר כוואלסאן". און ער, כוואלסאן, איז דאך געווען פעררעכענט פאר אן אוהב ישראל, מיט זיין בוך, וועלכען ער האט פערפאסט געגען עלילת דם און מיט זיין בעוואוסטער פראזע: „ועכשיו שנוצרתי כאילו לא נוצרתי". רבי חיים האט גאר ניט געוואלט הערען די אלע ארגומענטען, און האט איין מאל פאר אלע מאל געזאגט: „איך האב מיט משומדים ניט וואס צו טהאן".

רבי חיים איז געווען, ווי זיין פאטער, א גרויסער בעל צדקה און האט אי־מער געגעבען פאר אלעמען און אויך אלעם מיט אן אפענער האנד. און אז מען האט איהם געפרעגט: „רבי, וואו וועט איהר נעהמען צו צאהלען אייערע חובות?" — האט ער געענטפערט:

www.libtool.com.cn

„אין בריסק זיינען נאך פאראן געווען גבירים, וועלכע האבען בכח צו דער־קען די הוצאות וואס איך גיב אוים אויף זייערע ארימע לייט" — דאס איז געווען זיין געוועהנליכער ענטפער.

איך האב געקענט רבי חיים׳ען נאך אלס קינד — ער איז בלויז געווען עלטער פון מיר מיט פיער יאהר — ווען איך האב געלערענט מיט איהם אין דעם זעלבען בית מדרש אין סלוצק, וואו זיין גרויסער פאטער איז רב געווען. ניט איין מאל האט ער מיך קינדרוויים געשלאגען, שטיפענדיג בין מנחה למעריב, ווייל ער איז געווען א לעבעדיגער אינגעל און א גרויסער שטיפער. איך האב געפונען פאר מיין חוב, גלייך ווי איך בין געקומען נאך בריסק, צו בעזוכען איהם.

מערקווירדיג, ווי איך בין נאר אריינגעגאנגען צו איהם, האט ער מיך גלייך דערקענט. ער איז מיר געפאלען אויפ׳ן האלז און האט מיך גלייך געפרעגט: „דו ביזט דאס הערשעל רבי חיים מאשקעס? איך בין זעהר צופריעדען וואס מיר זעהען זיך נאך פינף און דרייסיג יאהר צייט. יעצט אז דו ביזט ביי מיר אין הויז, וועל איך דיר עטוואס בעטען, לאמיר זיך אומקעהרען צו אונזערע קינ־דערשע יאהרען אויף איינינע מינוטען און לאמיר זיך ניט איהרצען. איך וועל דיך רופען הערשעלע און דו מיך חיים׳קע. אה, ווי געשמאק די יוגענד איז!"

„יא, רבי — האב איך איהם גלייך געענטפערט — איהר האט פולע רעכט צו רופען מיך ווי איהר פערלאנגט און איך וועל געווים פערגעניגען האבען גלייך מיט אייך און פיעלייכט נאך מעהר, אבער איך אייך מוז רופען רבי, איהר זייט בריסקער רבי".

„אויב אזוי, וואס מאכט איהר רבי הירש מאסליאנסקי?" האט ער באלד אויסגערופען מיט זיין פריינדליכער שטימע, און מיר האבען פערבראכט אין פערשיעדענע עראינערונגען פון אונזערע קינדערשע יאהרען איינינע שטונדען.

אן אויסגעצייכענט מערקווירדיגען טיפ פון די איבערגעבליבענע פון דעם אלטען דור, וועלכע האבען ניט זייער גלייכען אין אונזער דור, האב איך געפו־נען אין בריסק. רבי שלום מנשה האט ער געהייסען. ער איז קיין מאל קיין רב ניט געווען, ער איז איינער פון פאלק, נאר א גרויסער תלמיד חכם און אן אמת׳ער צדיק. זיבען מאל אין וואך האט ער געלערענט דעם שיעור אין בית המדרש פאר תלמידים אומזיסט, און די איבעריגע צייט פלעגט ער פשוט געהן איבער די הייזער צו זאמלען געלד פאר אלמנות, יתומים, אביונים און פער־שיעדענע נצרכים, וועלכע ער האט אויסגעהאלטען. ער איז געווען בעליעבט ביי אלע קלאסען. דער המון האט איהם פשוט פערגעטערט, און ביי וועמען עס האט געטראפען אן אונגליק אין דער פאמיליע, האט ער זיך גלייך געווענדעט צו רבי שלום מנשה, און אויך די וועלכע האבען זיך געווענדעט צום רב רבי חיים, פלעגט יענער גלייך אפשיקען צו רבי שלום מנשה.

www.libtool.com.cn

„ער איז פרימער פון מיר, ער איז גרעסער פון מיר, געהט צו איהם" — דאס איז געווען דעם רב׳ס ענטפער.

רבי שלום מנשה איז א פראטאטיפ פון רבי נחום גראדנער, און, לײדער, אזעלכע טיפען קענען מיר שוין ניט האבען אין אונזער לעבען פון קולטור און ציוויליזאציאן.

רבי העשיל בראמבערג פון בריסק איז אויך געווען איינער פון די אמת׳ע יראים וחסידים, וועלכע האבען זייער לעבען פערבראכט אין צדקות און מעשים טובים. ער האט געטראגען אויף זיינע שולטערען דעם יאך פון אלע בריסקער קראנקע, וועלכע האבען געברויכט צו פאהרען נאך די באדע פלעצער ווי טשע־כאטשינעק פאר שקראפעל קראנקע און דרוזגעניק פאר רומאטיזם. צעהנ־דליגער פון זיי זיינע געהיילט געווארען דורך דער מיה פון דעם וואונדערבארען אידען.

איינינע שטונדען האב איך געהאט דעם גרויסען פערגעניגען צו פער־ברייננען מיט דעם גרויסען חכם און פילאלאג הרב רבי אריה ליב פיינשטיין. איך האב געזעהן זיין גרויסען ביבליאטעק פון פערשיעדענע ליטעראטורען. גרויס איז געווען את דער אלטער תלמיד חכם, וועלכער איז אימער געזעסען איבער זיינע פערשיעדענע ליטעראַרישע ארבייטען, איינזאם און אפגעזונדערט פון די בריסקער אידען, וועלכע האבען איהם ווענינ געקענט און געשעצט.

## 23־טער קאפיטעל

די יונגע שטאדט דינאבורג־דווינסק. — די ערשטע פרידלאנדם וועלכע זיינען שפעטער פעראַרימט געוואָרען. — די נייע נגידים ווילען ניט וויסען פון אידען. — אנטי־סעמיטישע דאנקבארקייט פאר אידישע מתנות. — וואס עס איז געוואָרען פונ׳ם ראגאטשאָווער עלוי, רבי יוסף ראָזען. — דער הספד אויף צעדערבוים אין ווילנא.

די שטאדט מיט דעם יעצטיגען נאמען דווינסק און מיט איהר פריהערדי־גען נאמען דינאבורג, איז נאך גאר א יונגע שטאדט. עס פעהלט נאך איינינע יאהר צו איהר יאהרהונדערט. ווען דו קומסט אריין אין שטאדט און דו שפא־צירסט דורך איהרע הויפט גאסען, דו זעהסט איהרע שעהנע געביידען, וועלכע זיינען געבוים מיט דעם פולען אייראפעאישען געשמאק, דערקענסטו גלייך, אז זי איז נאך גאר פריש און יונג.

דאס רוב איינוואהנער איהרע זיינען אידען, וועמעס עלטערען עס האבען זיך דא בעזעצט אין ניקאלאי דעם ערשטענס צייט, אין אנפאנג פון דעם נייג־

www.libtool.com.cn

צעהנטען יאהרהונדערט, ווען ער האט געבויט די גרויסע דענענבורגער פעסטונג. די בעריהמטע פאמיליע פרידלאנד איז געווען די ערשטע, וועלכע איז געווארען רייך און בעריהמט דורך דער אונטערנעהמונג פון בויען די פעסטונג. די פאמיליע האט זיך שנעל ענטוויקעלט אין איהר רייכקייט און איהר בערוף צווישען די רו־סישע אידען, און די ברידער פרידלאנסקי, אדער פרידלאנדע, האבען זיך אריבער־געצויגען נאך פעטערסבורג. זיי האבען פיגורירט מיט זייער טהעטיגקייט און זייער איינפלוס איבער אלע זייערע אידישע ברידער אין דער גאנצער לאנד כל זמן אלכסנדר דער צווייטער האט רעגיערט איבער רוסלאנד.

ווען אלכסנדר דער צווייטער איז געפאלען אין דעם יאהר 1881, האט פרידלאנד׳ס פאמיליע אנגעפאנגען אונטערצוגעהן. יאהר נאך יאהר זיינען זיי געזונקען ביז זיי זיינען אבסאלוט אונטערגעגאנגען און פערשוואונדען געווארען אין דעם ים פון דעם רוסישען אידישען דלות.

די גאנצע שטאדט, ווי די אידען אזוי די קריסטען, בעדויערען עד היום דעם אומגליק פון דער פאמיליע פרידלאנד. אן אייביגען זכרון האבען זיי נאך זיך געלאזען אין דינאבורג־דווינסק: זייער שוהל און די אנשטאלטען, וועלכע זיי האבען אויסגעבויט און זיי טראגען נאך זייער נאמען אויף זיך ביז היינטיגען טאג.

עס איז אמת, אז דווינסק פערמעגט היינט נייע גבירים, פיעל רייכער נאך רייכערע פון די געוועזענע פרידלאנדס, אבער ניט מיט זייער כאראקטער. זיי אינטערעסירען זיך בלויז מיט זיך זעלבסט, זיי קימערט ניט דער גורל פון זייער פאלק; זיי לעבען מיט פיעל לוקסוס, זיי פאהרען ארוים אין טייערע קארעטען, זייערע פרויען זיינען בעדעקט מיט ציערונג און מיט דעם רייסען זיי אויף די אויגען פון די אנטיסעמיטען, און דאס ארימע פאלק ליידט פיעל פאר זייערע חטאים. איינער בלויז איז דא א רייכער מאן מיט דעם נאמען רבי שלמה זאקס, וועלכער אינטערעסירט זיך אין אונזער ליטעראטור און איז אן אקטיווער חבר פון דעם אדעסער קאמיטעט פאר חבת ציון.

הארט ביים ברעג פון טייך דווינא ביז איך געגאנגען שפאצירען אויף דעם וועג, וואס פיהרט צו דער פעסטונג. איך האב זיך בעגעגענט מיט א גרויסען פראכט וואגען אנגעלאדען מיט אייזערנע בעטען, וועלכע זיינען געמאכט געווא־רען אין דער אידישער ארבייטס שול, וועלכע טראגט אויף זיך דעם נאמען פריד־לאנד. אויף דעם וואגען צוזאמען מיט דעם טרייבער איז געזעסען מיינער א פריינד, איינער פון די הויפט לעהרער פון דער ארבייטס שול.

"וואוהין פיהרט איהר אזוי פיעל בעטען?" האב איך געפרעגט דעם לעה־רער.

"דאס זיינען די בעטען, וועלכע דער גרויסער גביר מ. וויטענבערג האט

www.libtool.com.cn

ביי אונז געמאכט און ער פּרעזענטירט זיי צו דעם אנשטאַלט פאַר בראַדיאַגעס, וואָס געפינט זיך אין דער פעסטונג."

איך האָב געשפּאַצירט גלייך נאָך דעם וואָגען ביז מיר זיינען געקומען צו דעם אנשטאַלט.

דער בעאַמטער פון דעם אנשטאַלט איז אַרויס אונז אנטקעגען און מיט א פערביסענעם סאַרקאַסטישען טאָן האָט ער צו אונז געזאָגט:

"זעהט נאָר די אידישע פרייגיביגקייט "זשידאָווסקאַיא בלאַגאָדעטעלסטוואָ" מיט זייער גוטהאַרציגקייט, נאָר צו בעקומען מעדאַלען פון דער רעגיערונג. עס איז זיי נאָך וועניג זייערע אוצרות געלד, וועלכע זיי האָבען ביי אונז אַנגעראַבירט, ווילט זיך זיי נאָך גאָלדענע מעדאַלען, פּיאַווקעס!"

הערענדיג דעם שעהנעם דאַנק פון דעם רוסישען בעאַמטען פאַר דער אידישער מתנה, האָב איך זיך עראינערט אָן די תלמוד תורה קינדער, די הונגעריגע און די אָפּגעריסענע, וועלכע איך האָב נעכטען בעזוכט, און איך האָב געטראַכט: "אָה, נידעריגע רייכע מנוולים, פאַר אייער בלוט און פלייש קימערט אייך גאָר ניט, און נאָר אייער עהרען־גייציגקייט צו ערפילען, דאָס איז אייער גאַנצער אידעאַל, מה יפית זינגער, רוט־קושער, איהר פיהלט ניט און זעהט ניט דעם שוואַרצען וואָלקען, וועלכער קומט אויף אייך!"

איך האָב בעזוכט דיביידע דווינסקער רבנים, דעם מתנגדישען רבי מאיר שמחה כהן און דעם חסידישען רבי יוסף ראָזין, ביידע בעוואוסטע גאונים. דעם ערשטענס געשטאַלט האָט מיך עראינערט אָן רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק, דער סלוצקער, אָבער זעהר ווייט פון זיין כאַראַקטער. אין איין שטונדע צייט, וואָס איך האָב פערבראַכט מיט איהם, האָב איך ניט געהערט קיין איין אויסדרוק וועגען אונזער פאָלק, וועגען זיינע שטרעבונגען און האָפנונגען, נאָר א קוואַל פון ביטול היש האָט ער אויסגעגאָסען אויף אַלעם און אויף אַלעמען. מיט איין וואָרט, איך האָב וועניג נחת געהאַט פון דעם גדול.

דעם צווייטען, רבי יוסף ראָזין, האָב איך קענען געלערענט אַלס קינד, ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָהר און ער איז געווען בעוואוסט מיט דעם נאָמען "ראָגאַטשאָווער עילוי", ווען זיין פאָטער, א ליבאַוויטשער חסיד, האָט איהם געבראַכט נאָך סלוצק און האָט איהם איבערגעגעבען צו רבי יוסף בער'ן, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען רב אין סלוצק. און ער איז ווירקליך געווען א וואונדער־קינד מיט זיין אונגעהייערען כח הזכרון. די אַלע לומדים, וועלכע זיינען געווען דאַמאָלסט ביי רבי יוסף בער'ן אין הויז, זיינען ערשטוינט געוואָרען פון דעם קליינעם, דאַרינקען ראָגאַטשאָווער חסידישען אינגעלע מיט זיין גרויסער חוצפה, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר דעם רב.

www.libtool.com.cn

"זאג מיר נאר, מיין קינד, אין וועלכע מסכתות ביזטו בע׳הבן׳ט?" פרעגט איהם רבי יוסף בער, גלעטענדיג זיין קעפעל מיט די לאנגע פאה׳לעך.

"האלב ש"ס האב איך געלערענט און איך וויים גוט", ענטפערט דער קליינער עילוי און זיינע אייגעלעך האבען געברענט.

"וועלכע האלב?" — פרעגט איהם דער רב ווידער.

וועלכען איהר ווילט!" — ענטפערט דער אינגעל מיט א געלעכטער.

רבי יוסף בער האט איהם גענומען פרעגען אין פערשיעדענע סוגיות פון ש"ס פון פערשיעדענע מסכתות און דער קליינער חסיד׳ל האט איהם געענטפערט פלינק און שארף, ווי אן אלטער מפלפל.

עס איז גאר אהן שום ספק, אז ווען דער קליינער חסידישער עלוי מיט זיינע וואונדערבארע פעהיגקייטען, וואלט בעקומען א גוטע פעדאגאגישע ערציהונג, ווען מען וואלט איהם געלערענט סיסטעמאטיש און אויסגעווארצעלט די ווילדקייט פון זיין יונגער נשמה, וואלט ער געווען איינער פון די שיינענדע שטערען אויף די אידישע הימלען און דאס אידישע פאלק וואלט פון איהם כבוד און גדולה געהאט. אבער, ליידער, ער האט קיין שום ערציהונג ניט בעקומען, עס האט זיך ניט געפונען קיין דימאנטען־שלייפער, צו אויסשלייפען דעם טייערען אבער רויהען שטיין, צו געבען איהם א גלאנץ, און עס איז געווארען פון איהם, דאס וואס פון אלע אידישע מאטע אונגעשליפענע טייערע שטיינער, וועלכע וואלגערען זיך אויף דער אידישער גאס, ניט בריינגענדיג קיין נוצען דעם פאלק.

צוזאמען מיט זיין גוואלדיגען זכרון, האט זיך ענטוויקעלט אין איהם זיין ווילדער עזות און חוצפה צו מבטל זיין אלע גאונים צוזאמען מיט זיין גרויסען רבי׳ן רבי יוסף בער, און פון די צוויי גרויסע גייסטיגע קרעפטען — זכרון מיט עזות — איז ארויסגעקומען דער דאזיגער חסידישער רב, וועלכען איך האב געפונען זיצענדיג אויף דעם כסא הרבנות אין דער שטאדט דווינסק.

אט דאס איז זיין בילד:

א קליין־געוויקסיגער, א קרומער רוקען, קורצע פיס, קליינע הענד, א מאַגערער קערפער, זעהר א גרויסער קאפ, ארויפגעזעצט אויף דעם קליינעם גוף, כמעט ווי גאר אהן א האלז, אנגעטהאן אין א לאנגען זיידענעם מאנטעל ניט נאך זיין מאס, זיינע אויגען טונקעלע, קורצזיכטיגע, לויפט ארום איבער זיין לאנגען צימער, אין וועלכען עס שטעהט בלויז א גרויסער לאנגער טיש, הין און צוריק, נערוועז און פערטראכט. ווען איך בין אריינגעקומען צו איהם, האט ער מיך טיעף בעטראכט מיט א שטרענגען בליק, און גלייך מיט זיינע עטליכע ווערטער, וועלכע האבען ארויסגעפלייצט ווי א מבול פון זיין מויל, האט ער גלייך מבטל געווען דעם קאוונער רב רבי יצחק אלחנן מיט רבי שמואל מאהליווער פון ביאליסטאק צוזאמען מיט דעם גאנצען רעיון פון דער חבת ציון בעוועגונג

www.libtool.com.cn

ישוב ארץ ישראל. ער האט שטארק געליבט די קארפירער אתרוגים, וועלכע דער גאון מלבי״ם האט געאסר׳ט און האט זיי א נאמען געגעבן ״די קארפירער ממזרים״. ער האט געלייקענט אז עס זיינען דא קאלאניעס אין ארץ ישראל, נאר אפיקורסים, הולטאיעס האבען דאס אויסגעקלערט; ער איז אנגעפאלען מיט כעס אויף דער אידישער געשיכטע, אויף דער ליטעראטור און אויף די ליטע־ראטען און די בעריהמטע פאעטען. ער האט אויף זיי ארויפגעגאסען א לאווע מיט פייער. ער האט זיך צושריען און צוהיצט, און האט צומישט און צופלאנ־טערט פערשיעדענע ענינים, און ער האט מיר אויסגעוויזען ווי א פאציענט פון א משוגעים הויז. איך האב איהם גאר ניט גענטפערט; איך בין ארויס א פער־טרויערטער און געדענקט: ״אט דאס זיינען דיינע גאונים, מיין פאלק ישראל!״

איך בין גערופען געווארען פון דעם ווילנער רב רבי צבי הירש ראבינא־וויץ און פון די ווילנער חובבי־ציון דורך א טעלעגראמע איך זאל קומען נאך ווילנא צו מספיד זיין אלכסנדר צעדערבוים (ארז), דעם רעדאקטאר פון ״המליץ״. איך האב גלייך ערפילט זייער וואונש; איך בין נאך ווילנא געקומען און האב געפונען אין איינער פון די גרויסע שוהלען אלעם צוגעגרייט. דער ארון קודש איז געווען דעקארירט אין שווארצען, די שוהל איז געווען פול מיט דער גאנצער ווילנער אינטעליגענץ, רבנים, דאקטוירים, אדוואקאטען און כלל טהוער, העב־רעער און שריפטשטעלער. פאליציי מיט זשאנדארען האבען געהאלטען ארדנונג ביים אריינגאנג. דער שטאדט חזן האט געמאכט ״אל מלא רחמים״ און צוזא־מען מיט א ריעזיגען כאהר געזונגען א טרויער געזאנג, און נאכהער בין איך ארויף אויף דער בימה און איך האב זיי ערקלערט דעם גרויסען פערלוסט, וועל־כען דאס אידישע פאלק האט געליטען אין דעם טויט פון דעם גרויסען אונער־מיעדליכען כלל טהוער, בעזאנדערס מיט זיין לעצטער בעריהמטער טהאט, וואס ער האט בעקומען אן ערלויבנים פון דער רוסישער רעגיערונג צו עפענען אפי־ציעל דעם פאלעסטינא קאמיטעט אין אדעס.

איך האב בענוצט דעם תלמודישען מאמר אין מסכת ביצה ט״ו ע״ב: ״שדה שיש בה **אדר-ארז** — אינה נגזלת ואינה נחמסת ופירותיה משתמרין״. דאס הייסט: ״א פעלד וואס עס וואקסט אויף איהר א **צעדערבוים** ווערט ניט גע־ראבירט און איהרע פרוכטען ווערען אפגעהיט״.

יא, אט דער בעריהמטער צעדערבוים האט זיין גאנץ לעבען אפגעהיט דאס אידישע פעלד עס זאל ניט אונטערדריקט ווערען פון די שונאי ישראל; ער איז אימער געשטאנען אויף דער וואך צו בעשיצען מיט זיינע אונגעהיירע שתדלנות ביי די רוסישע מיניסטארען, צו פערהיטען דעם כלל ישראל פון פערשיעדענע גזרות און בלבולים אין פערשיעדענע צייטען.

www.libtool.com.cn

נאך דעם הספד האט דאס פאלק פרייגיביג מנדב געווען א היבשע סומע פאר דעם אדעסער קאמיטעט.

פון ווילנא האב איך זיך צוריק אומגעקעהרט קיין דווינסק און איך האב געהאלטען נאך איינִיגע רעדען פאר די נוצען פון דער קהל'שער קיך און פאר דער חברה "מועדי־שבת", וועלכע דער בעריהמטער לעהרער און פעדאגאג, אלחנן מלמד, האט געגרינדעט צו לערנען פריי די יוגענד די העברעאישע שפראך און אידישע געשיכטע.

א זעהר ווארימען אפשייד האב איך בעקומען פון דער דווינסקער אידישער אינטעליגענץ: די אלע גבאים פון די שוהלען האבען זיך פערזאמעלט און האבען מיר פרעזענטירט א העברעאישען אדרעס געשריבען אין גאלד, און אלע טהייל גרעטץ'ס געשיכטע אין אן עקסטרען שעהנעם באנד. דער פאעט יהודה ליב גמזו האט פארגעלעזען זיינע פאעמען, וועלכע ער האט פערפאסט לכבוד מיר. מיר האבען פערבראכט ביז טאג און זיי אלע האבען מיך בעגלייט אויף מיין וועג נאך רעזיצא.

## 24-טער קאפיטעל

דער רעזיצער רב, ר' יצחק ציוני, וועלכער האט ניט געוואוסט אז אידען ווערען ניט ארייננגענומען אין די רוסישע שולען. — אז ער האט פון מיר געהערט וועגען דעם, האט ער אויסגערופען: געבענשט זאל זיין דאס מלכות דערפאר. — האמעל די מסחר־שטאדט, וואו די זיד בעגעגענט זיך מיט דער נארד. — די לעגענדעס וועגען די צוויי פריצים, דעם גראף און דעם קניאז, וועלכע זיינען געווען גוט צו אידען.— דאס גרויסע עם־הארצות אין האמעל.

רעזיצע איז איינע פון די קרייז־שטעדט אין וויטעבסקער גובערניע. א 10 טויזענד אידען האבען דאמאלסט געוואהנט אין איהר, דאס רוב פון זיי זיינען געווען סוחרים, קרעמער, ארבייטער — ווייניג. דער הויפט מסחר איהרער איז געווען פלאקס. פיעלע דייטשע קויפלייט פלעגען קומען יעהרליך צו איינקויפען זייער וואארע און די רעזיצער אידען האבען געמאכט פון דעם פלאקס מסחר זעהר א פיינעם רוהיגען לעבען.

זעהר אינטערעסאנט איז געווען מיין וויזיט ביי דעם רעזיצער רב, רבי יצחק ציוני. אן אלטער שלאפער מאן, זיצט גאנצע טעג איינגעוויקעלט אין זיין גרויסען אלטען טלית, און זיינע תפילין האט ער ניט אויסגעטהאן ביז נאך מנחה. שבתים און ימים טובים פלעגט ער זיצען שווייגענדיג, אום ניט צו ריידען קיין

www.libtool.com.cn

דברי חול. ווען אפילו מען האט איהם א שאלה געפרעגט, פלעגט ער ענטפערען בלויז מיט א קאפ־שאקעל — יא, אדער ניין. ווייט איז ער געווען פון לעבען, א סך ווייטער ווי פון פומבדיתא ביז רעזיצע. ער האט געקוקט אויפ׳ן גאנצען לעבען פון דער הויך און ער האט צומאל ניט געוואוסט פון די אידישע צרות אין רוסלאנד. און פון וואנען האט ער געקענט וויסען? קיין צייטונגען האט ער אין זיין לעבען ניט געלעזען, מיט קיין מענשען האט ער ניט גערעדט, אפילו פון זיין פרוי און קינדער איז ער ווייט געווען.

מיט מיר האט ער געמאכט אן אויסנאהם און האט מיט מיר גערעדט אבי־סעל. די ערשטע זאך האט ער זיך שטארק בעקלאגט אויף דער רעזיצער תלמוד־תורה, וועלכע האט זיך אין יענעם יאהר געעפענט דורך דער שווערער ארבייט פון דעם ראבינער יעקב פאליאק.

„מיין הארץ בלוטעט אויף די אויפפיהרונגען פון דער תלמוד־תורה — האט ער זיך אויסגעדריקט מיט טיעפען ערנסט — האט איהר ווען געהערט פון אזא נבלה בישראל מען זאל נעהמען אידישע קינדער און מאכען פאר גוים, רחמנא ליצלן?"

„רבי — האב איך איהם געפרעגט — ווי אזוי און מיט וואס? איך בין דאך געווען אין אייער תלמוד תורה; איך האב פערהערט די קינדער און זיי ווייסען גוט וואס זיי לערנען!"

„אה, — ענטפערט ער מיט האסט — איהר האט זיי געהערט די אידישע למודים, אבער זיי לערנען דאך גוי׳איש אויך אין רוסישע ביכלעך. דערנאך, אז זיי וועלען זיך דא אויסלערנען דעם רוסישען לשון, וועלען זיי אוועקפאהרען נאך מאסקווא און פעטערבורג, און זיי וועלען אריין אין די גרויסע שקאלעס, זיי וועלען ווערען דאקטוירים, אפיקורסים און מחללי־שבת, ווי אלע גוים".

די לעצטע ווערטער האט ער געבאך אויסגערעדט מיט א צובראכען הארץ.

מיט א שמערצפולען שמייכעל האב איך בעטראכט דעם צדיק תמים און איך האב איהם גלייך בערוהיגט:

„רבי, בערוהיגט זיך, זיי וועלען ניט פאהרען אין פעטערבורג אין די גרויסע שקאלעס, ווייל מען נעהמט דארט קיין אידישע קינדער ניט צו, ווייל דער קיסר האט געגעבען אן אוקאז אז די שקאלעס זאלען זיין פערמאכט פאר די אידישע קינדער!"

„איז דאס ריכטיג? מען נעהמט ניט צו מעהר קיין אידישע קינדער אין די גוי׳אישע שקאלעס? און איך האב דאס גאר ניט געוואוסט. געבענשט זאל זיין די ממשלה פאר איהר חסד!" — האט ער אויפגעהויבען זיינע הענד אין דער הויך.

www.libtool.com.cn

פון דעם קליינעם געשפּרעך האָב איך זיך איבערצייגט אַז דער גוואַלדי־גער תמימות, וועלכע דער רעזיצער רב יצחק ציוני בעזיצט, זיצענדיג אויף דעם רעזיצער כסא הרבנות שוין איבער דרייסיג יאָהר אין דעם זעלבען חדר און אפשר אין דעם זעלבען טלית אויך.

אָבער מערקווירדיג איז, אַז זיין ווייב, די רבי׳ציז, מיט זיינע קינדער זיי־נען זעהר, זעהר ווייט פון איהם. די רבי׳צין גיט איהר האַנד צו די בעזוכער, נעהמט זיי צו זעהר פריינדליך; זייער טאָכטער, א היבשע פריילין, פערשטעהט העברעאיש און רוסיש, זי ווערט בעזוכט פון אינטעליגענטע יונגע לייט און זיי דיסקוטירען פערשיעדענע וועלט־פראַגען. זיינע זיהן לערנען מיט א לעהרער רוסיש און מאַטעמאַטיק. בלויז דעם מוזיניקעל זיינעם האַלט ער פאַר־לויפיג נעבען איהם, און לערענט מיט איהם אליין, לאָזט ניט צו צו איהם קיין לעהרער, און זאָגאר שרייבען אידיש לאָזט ער איהם ניט לערנען.

די רעזיצער אידען האָבען גרוים דרך ארץ פאַר זייער נאַאיווען רב, ווייל זיי ווייסען אַז ער איז ערנסט אין אַלע זיינע אויפפיהרונגען. די פרייערע האָבען בלויז רחמנות אויף איהם.

פון רעזיצא בין איך געפאָהרען קיין האָמעל. האָמעל איז א לעבעדיגע שטאָדט, פול מיט מסחר, בעזאָנדערס אין דער לעצטער צייט זינט דער גרוש מאָסקווא, אין דעם יאָהר 1892, האָט זיך דער געשעפט אין האָמעל פיעל פער־גרעסערט. ביז דרייסיג טויזענד אידען וואָהנען און לעבען בהרחבה אין איהר. דער הויפּט געשעפט זייערער איז האָלץ. פּליטען שיקען זיי איבער דעם דניעפּער נאָך זיד רוסלאַנד, נאָך יעקאַטערינאָסלאַוו און כערסאָן. האָמעל איז צווישען קליין־רוסלאַנד און וויים־רוסלאַנד; צווישען טשערניגאָווער און מאָהליוועד גו־בערניעס.

יאָהר איין יאָהר אוים פאָהרען זיך צונויף די האָלץ הענדלער פון זיד רוס־לאַנד און פון נאָרד רוסלאַנד צו שליסען זייערע געשעפטען אין האָמעל. די סוחרים פון זיד קויפען ביי די נאָרד־הענדלער געהילץ און די לעצטע קויפען ביי די ערשטע פערשיעדענע תבואות: ווייץ, קאָרען און קוקורוזע, וועלכע דער זיד פּראָדוצירט.

כמעט אַלע האָמלער אידען זיינען חסידים חב״ד, אָבער זעהר טאָלעראַנט. זיי קריגען זיך ניט מיט זייערע מתנגדישע ברידער ווי די וואָהלינער חסידים. ״הויבט אייך איהר אַז פון ברוך שאמר און מיר וועלען אָנפאַנגען פון הודו: זאָגט אייך איהר נעריצך און מיר וועלען אויסשרייען כתר״. אַזוי זאָגען זיי צו די מתנגדים, ווייל דער גייסט פון מסחר האָט זיי דורכגענומען. זיי האָבען צוגענומען אַביסעל גוטע מידות פון די זיד־רוסלענדער און אויך פון די ליט־וואַקעס; אַביסעל ברייטלאַך און פרייער לעבען פון די ערשטע, און אַביסעל

www.libtool.com.cn

תורה מיט השכלה פון די לעצטע און זיי זיינען אזוי ווי פשרה־מאכער צווי־שען די צוויי עקסטרעמען.

אויב יעדע שטאָדט און שטעדטעל אין רוסלאנד האָט זיך איהר קניאז, גראף, אָדער גלאט א גרויסען פריץ פון וועמען די אידען דערצעהלען מעשיות פון דור צו דור אין די לאנגע ווינטער נעכט הינטער די אויוועגס אין די שוהלען, און אין די ריינע זומער אָוועגטען אונטער די אויסגעשטערענטע הימלען פון זייער רייכקייט, גוטסקייט און משוגענע קאפריזען, האָט האָמעל ביידע גוטע מתנות — א קניאז מיט א גראף צוזאמען, און יעדער האמלער איד האָט זעהר פיעל צו דערצעהלען פערשיעדענע מעשיות, אנעקדאָטען און וויצען פון גראף רומיאנצאָוו און קניאז פוטשקעוויטש. ביידע זיינען געווען פון די חסידי אומות העולם, און האָבען געטהאָן פיעל טובות צו די האָמלער אידען אין דעם אנפאנג פון נייגצעהנטען יאהרהונדערט. דער גראף רומיאנצעוו האָט זיי אויסגעבויט זייער גרויסע שוהל, וועלכע איז אין צענטער פון דער שטאָדט, אין דעם איי־גענעם און דעם זעלבען סטיל און גרוים ווי די רוסישע צערקאָוו און די קאטוי־לישע קירכע און, ווען דו געהסט פארביי זיי, דערקענסטו באלד, אז דער זעל־בער ארכיטעקט און אין דער זעלבער צייט זיינען זיי געבויט געוואָרען.

דער קניאז פוטשקעוויטש האָט געהאָלפען זעהר פיעל צו יחידים אידען און פיעל פון זיי האָט ער אויף זייערע פיס געשטעלט און מאנכע זיינען פון איהם רייך געוואָרען.

און א מעשה איז געווען מיט א אידען, וועלכער איז יונגערהייט געוועזען א שמאטעס־קלייבער צוזאמען מיט זיין ווייב, און ער פלעגט פערקויפען די אָנגעקליבענע שמאטעס אין פוטשקעוויטש׳עס פאפיער פאבריק. ביסלעכווייז האָט ער זיך בעקאָנט מיט דעם קניאז, ביז ער איז געוואָרען דער הויפט צו־שטעלער פון מאטעריאל פאר דער פאבריק און היינט רעכענט ער זיך איינער פון די רייכסטע אידען אין מאָהילעווער גוּבערניע.

שבת בין איך אלס גאסט איינגעלאַדען געוואָרען צו מיין פריינד מרדכי בן הלל הכהן. איך האָב ווירקליך געהאט אן עונג רוחני פון דעם אמת׳ן אידי־שען שבת מיט די אלע הייליגע ריינע אידישע מנהגים. איך האָב געפיהלט אז איך זיץ ביי א טיש פון תורה וגדולה במקום אחד. בייטאָג איז געקומען צו אונז הערר לעוואנטין, איינער פון די שטארקע חובבי ציון, דער גרינדער פון דער קאָלאָניע ראשון לציון.

צוזאמען זיינען מיר געגאנגען שפאציערען איבער די האָמלער הויפט גאסען און זיי האָבען מיר געוויזען די היסטאָרישע גאס, אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּיעלט א נאציאָנאלע אידישע טראגעדיע אין דער צייט פון גזירת ת״ח ות״ט, אין דער צייט פון באָגדאן כמעלניצקי. אין דער גאס געפינט זיך

www.libtool.com.cn

נאך היינט דער היסטארישער בית עולם, אויף וועלכען עס זיינען בעהאלטען גע־ווארען איבער צוויי טויזענד אידישע קדושים.

ווען כמעלניצקי איז אנגעקומען מיט זיין באנדע מערדער אין האמעל, האט ער צונויפגעטריבען די גאנצע אידישע געמיינדע אויף דעם גרויסען פלאץ אין דער גאס געגען דער אלטער קירך, וועלכע שטעהט נאך עד היום, און האט פראקלאמירט מיט דעם דאזיגען נוסח:

"ווער פון די אידען, וועלכער וויל בלייבען לעבען, זאל גלייך אריין אין קלויסטער געטויפט צו ווערען, און דער וועלכער עס וועט אין קלויסטער נים אריין, זאל גלייך געשאסען ווערען; טויפען אדער טויט!"

די גאנצע אידישע געמיינדע מענער, פרויען, קינדער, אלטע און יונגע, ווי איין מענש, האבען גלייך מיט א הייליגען עקסטאז אויסגעשריען "שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד". און גלייך זיינען אויף זיי אנגעפאלען די אוקראינישע היידאמאקעס און זיי האבען זיי טויט נידערגעשלאגען מיט שרעקליכער אכזריות, און עינויים קשים. בלויז איין איד האט זיך געפונען צווישען די טויזענדער צושויער, וועלכער האט זיך ארויסגעריסען פון דער הייליגער געמיינדע און איז אריינגעלאפען אין קלויסטער און האט זיך געטויפט.

די לעגענדע דערצעהלט אז אין דעם שרעקליכען גרויסען בארג הרוגים האט זיך געפונען איין לעבעדיגע אידישע מיידעל, וועלכע האט זיך אויסבע־האלטען צווישען די טויטע די גאנצע נאכט, ביז די היידאמאקעס זיינען אוועק געגאנגען.

גלייך ווי עס איז טאג געווארען איז זי ארויס געקראכען פון דעם בארג טויטע און זי איז ארויסגעלאפען פון שטאדט. מיט איהרע לעצטע קרעפטען איז זי געלאפען דעם גאנצען טאג, ביז זי איז געקומען אין א דארף, וואו זי האט געפונען שוץ ביי א אידען אין א הויז, אין וועלכען זי האט געלעבט איינינע יאהר. נאכהער האט זי חתונה געהאט. זי האט זיך אומגעקעהרט נאך האמעל; זי האט זיך אויסגעבויט א הויז נים ווייט פון דעם פלאץ, וואו איהרע עלטע־רען די קדושים זיינען בעהאלטען געווארען. זי האט שעהנע קינדער געבוירען און פון זיי איז ארויסגעגאנגען די בעוואוסטע פאמיליע באבושקין, נאך איהר נאמען "באבא".

דער האמלער יאריד־מארק איז שוין דא, די גאנצע שטאדט קאכט ווי א קעסעל, טויזענדער סוחרים קומען פון נאהענטען און פון ווייטען. מעקלארעס, סרסורים, פערמיטלער אלע לויפען אום פון די קויפער און פערקויפער, פון די מלוים און די לווים הין און צוריק מיט פערזאומערטע פנים׳ער, ווייל דער ווינטער האט זיך פערשפעטיגט, דער ריכטיגער שניי איז נאך ניטא, אז די וואלד־

www.libtool.com.cn

אייגענטהימער האבען ניט געקאנט אין דער צייט צושטעלען דאס געהילץ פון די וועלדער צו די ברעגען פון דעם דניעפער, און דער האלץ געשעפט איז טרויעריג.

עס איז אינטערעסאנט צו זעהן ווי די גאסען זיינען אנגעפילט מיט מחנות מענשען, וועלכע ריידען, שרייען, ארגומענטירען, קריגען זיך, רעכענען זיך, בעוועגען זיך מיט זייערע הענט און מיט אלע אברים, אלע פערטיעפטע און פערזונקענע אין דעם מסחר־ים, אזוי ווי טרייע איבערגעבענע פריסטער אין מערקורי׳ס טעמפעל, דינען און פראוועןן די עבודה מיט אזא התלהבות, אז זיי פיהלען גאר ניט דעם גרויסען פראסט וואס פערכאפט זייערע אויערען.

איך בין נשתומם געווארען קוקענדיג אויף דעם קוריאזען לעבענסבילד, און אין מיין הארץ האב איך געדענקט: ״אט דאס איז דאס לעבען פון אונזער מסחר־פאלק, א נארישער, אומרוהיגער, צוטומעלטער גלות לעבען, ווילד און אוננארמאל!״

איך האב בעטראכט די צדקה אנשטאלטען אין האמעל, האב איך געפונען אז זייער צושטאנד איז תהו ובהו, די תלמוד תורה איז פערמאכט, די קינדער לויפען ארום אזוי ווי פערבלאנדזשעטע שעפעלאך; די טעכטער ווייסען אבסא־לוט ניט זייער אפשטאמונג, די עם הארצות געוועלטיגט אין שטאדט מיט איהר גאנצע קראפט. איינער פון די אינטעליגענטע פארמאצעווטען, וועלכער איז שטאלץ אויף זיין אלגעמיינער בילדונג און האלט זיך פאר אן אידעאליסט, האט קריטיקירט דאס אידענטהום מיט אזא נוסח:

״וואס איז דער יחוס מיט אונז אידען? אז אונזער משה רבנו, צוליעב זיין ליעבע צו פרעה׳ס טאכטער, האט טויט געשלאגען אן אומשולדיגען מצרי, און זיין ברודער אהרן האט אויסגעבויט א פאלאץ פאר בת שבע און האט גע־הרג׳עט איהר מאן אוריה?!״

און זיינע חברים, די האמלער אינטעליגענטען, האבען געהערט די שעהנע דרשה און האבען אפלאדירט דעם געלעהרטען רעדנער...

www.libtool.com.cn

# 25טער קאפיטעל

באברויסקער צוויי רבנים, דער מתנגדישער רב, ר׳ רפאל שאפּיראָ און דער חסידישער רב, ר׳ שמריה-נח שניערסאָן. — ביידע זיינען זיי געווען באליעבט ביי זייערע נאכפאָלגער און האָבען געלעבט צווישען זיך בשלום. — די באשיידענע פיהרונג פונים מתנגדישען רב און דאָס רייכע לעבען פונ׳ם חסידישען. — דער אינטערע־סאנטער טיפּ שמואל אלעקסאנדראָוו. — איך הער צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען א רבי׳ן זאָגען תורה און איך פערשטעה נישט קיין איין וואָרט. — אן אָרענטליכער חסיד זאָגט מיר, אז ער פערשטעהט אויך נישט.

---

באברויסק איז איינע פון די גרעסערע קרייז־שטעדט און פיעלייכט די גרעסטע אין מינסקער גובערניע. איבער פערציג טויזענד אידישע איינוואוה־נער האבען זיך דאן געפונען אין איהר; צוויי דריטעל פון זיי זיינען לובא־וויטשער חסידים, און איין דריטעל מתנגדים. צוויי בעוואוסטע רבנים האבען זיי דאן געהאט: דער חסידישער איז געווען רבי שמריה־נח שנייערסאָן, אן אייניקעל פון רבי מענדעלע ליבאוויטשער, דער מחבר פון דעם ספר ״צמח צדק״ און דער מתנגדישער רב איז געווען דער בעוואוסטער רב רבי רפאל שאפּירא, אן איידעם פון דעם וואלאָזשינער ראש הישיבה, דער נצי״ב נפתלי צבי יהודה בערלין. די ביידע גדולים מיט זייערע קהלות האבען געלעבט בשלום, טראָץ דעם וואָס די רבנים האבען געשטאמט פון צוויי עקסטרעמען — פון וואָלאָזין, די מתנגדישע פעסטונג, און לובאוויטש, די חסידישע.

א הייליגע נשמה, א ריינע בריליאנטענע הארץ מיט אן איידעלען כא־ראקטער האב איך געפונען אין דעם גרויסען צדיק און גאון רבי רפאל שאפּירא. ער איז געווען רוהיג, גוטמוטהיג, פרייגיביג אין אלע זיינע אויפפיהרונגען; זיינע שעהנע גרויסע אויגען האבען געשטראהלט מיט רחמנות און ליעבע; טאלע־ראנט פול מיט עניוות ווי הילל, געשעצט און בעליעבט ביי אלע קלאסען, זא־גאר די חסידים האבען איהם פארגעטערט; די פארטגעשריטענע משכילים און די מאָדערנע יוגענד האבען איהם געשעצט און געקוקט אויף איהם מיט גרויס דרך ארץ. און נאָך אלעמען, האט דער גרויסער רב געוואוינט אין א קלייגער ארימער וואהנונג און געלעבט אן ארימען לעבען, געזעסען און געלערנט טאָג און נאכט אין ארמוטה.

ניט אזוי האט געלעבט דער חסידישער רבי, דער אייניקעל פון דעם לאדיער רב דער בעל ״התניא״. ער איז פול געווען מיט לעבען און געלעבט רייך מיט אלע פערגעניגענס, ווי א ״גוטער איד״. זיינע ידיעות אין תלמוד זיינען געווען באגרענצטע. ער האט אויפגענומען פיעל בעזוכער מיט פערשי־

www.libtool.com.cn

דענע בקשות און איז אָרנטליך בעצאָהלט געוואָרען פאר יעדער מינוט פון זיין צייט אויף דעם אלגעמיינעם חסידישען אופן.

איך האָב בעזוכט דעם גרויסען יונגען געלעהרטען הרב החכם רבי שמואל אלעקסאנדראָוו. איך האָב געלעזען זיינע מאמרים אין פערשיעדענע צייטונגען און זשורנאלען, אבער דאָס זיינען נאָך קיין אנפאנג ניט געווען פון זיינע קאָלאסאלע ידיעות און גוואלדיגער בקיאות אין דער אלטער און נייער אידישער ליטעראטור. ער איז ווירקליך געווען א שטראָמיגער קוואל פון אידישער וויסענ־שאפט, א לעבעדיגער מאגאזין פון "חכמת ישראל". ער איז נאָך פון קינדהייט אויף געבענשט געווען מיט אן אומגעהייערען כח הזכרון.

ווען ער איז נאָך א קינד געווען, אכט יאהר אלט, האָט איהם זיין פאָטער געבראַכט איינמאָל שבת צו איינעם פון די חסידישע רביים צו הערען די וועל־בענטליבע דרשה על פי קבלה און חסידות. דער קליינער שמואל האָט זיך גוט איינגעהערט מיט אלע אלטע חסידים דעם "רבינ׳ס תורה". נאָך דער דרשה האָט איהם דער רבי געהייסען איבערזאָגען דאָס וואָס ער האָט געהערט אין א שטונדע צייט. און, ווי פערוואונדערט זיינען געווען דער רבי מיט זיינע חסידים, ווי דער קליינינקער שמואל׳קע האָט געפּעפּענט מיט פיעל חן זיין קליין מײלכעלע און האָט איבערגעזאָגט וואָרט פאר וואָרט פון אנפאנג ביז ענדע, ניט פערפעה־לענדיג קיין איין זילבע און קיין איין תנועה פון דער גרויסער אומפערשטענד־ליכער דרשה, כאָטש דער קליינער עילוי האָט ניט פערשטאַנען דעם אינהאַלט און די קבלה׳יסטישע טערמינאָלאָגיע.

דער גוטער איד האָט געהאַט א געוואָהנהייט צו בענוצען דעם פּוילישען וואָרט "זאראז" אנשטאט "תיכף", אָדער "באלד". שמואלקע האָט געמיינט, אז דער וואָרט איז איינער פון די קבלה־ווערטער אזוי ווי "אצילות" "השתלשלות" "צמצום" אָדער "אין סוף", האָט ער בענוצט אויך דעם וואָרט "זאראז" ווי ער האָט געהערט פון דעם רבי׳ן. דער גאַנצער חסידישער עולם מיט דעם גוטען אידען צוזאמען זיינען ערשטוינט געוואָרען.

יעדען רעכטדענקענדען מענשענס האַרץ טהוט וועה אויף דעם וואָס אזא גרויסער טאַלאַנט איז פערלאָרען געגאַנגען און איז געבליבען א קרבן פון דער שלעכטער אומוויסענדער ערציהונג וואָס ער האָט בעקומען פון מענשען, וועל־כע האָבען איהם ניט פערשטאַנען און האָבען ניט געוואוסט ווי צו בעגעהן זיך מיט איהם. און נאָך עד היום ווערט ער ניט פערשטאַנען, אונזערע רבנים קוקען אויף איהם מיט חשד, ווייל ער וויים צופיעל פון די זאכען, וועלכע זיי וויסען ניט, און אונזערע חכמים ומשכילים פערשטעהען ניט צו שעצען זיינע גרויסע ידיעות אין תלמוד און אין דער רבנישער ליטעראטור, און אזוי לעבט דער מענש עלענד און פערלאָזען אָהן א תכלית, און אָהן נוצען צו ברייננען זיין פאָלק.

www.libtool.com.cn

„אז מען לעבט דערלעבט מען זיך״, און דער טאג אויף וועלכען איך האב געהאפט, איז געקומען. אין מיין גאנצען יונגען לעבען און אונטער דער שטרייגער מתנגדישער ערציהונג, וועלכע איך האב בעקומען ביי מיין שטרייגג־מתנגדישען פאטער אין דער עקסטרעם מתנגדישע שטאדט סלוצק, האב איך אלץ געהערט דערצעהלענדיג, אז די חסידישע „גוטע אידען״ זאגען דרשות צו זייערע חסידים על פי תורת הקבלה, און זייערע חסידישע צוהערער פארגעטערען זיי נים פערשטעהענדיג. איך האב תמיד געוואלט קומען צו דעם צופאל איך זאל קאנען אמאל הערען אזא סארט דרשה, און די צייט איז געקומען פרשה כי תשא אין דעם יאהר תרנ״ג.

צוזאמען מיט מיין געלעהרטען פריינד רבי שמואל אלעקסאנדראוו בין איך געגאנגען שבת נאך מנחה צו דער חסידישער שוהל, וואו רבי שמריה־נח שנייערסאן זאגט זיינע וועכענטליכע „קבלה דרשות״.

ווען מיר זיינען אריין אין שוהל, האבען מיר זי געפונען פול מיט חסידים זיצענדיגע, שטעהענדע, ווארטען מיט אומגעדולד צו הערען זייער רבי׳ן. צוזאמען מיט זיי האבען מיר זיך געזעצט און געווארט.

פארנאכט, די לעצטע שטראהלען בעלייכטען די נייגעריגע חסידישע געזיכטער, וועלכע רעדען, שמועסען, ארגומענטירען אלע צוזאמען און דאס בעשאפט א גערויש ווי פון די וועלען פון א ים. עס ווערט פינסטערער, טונקלער, דער גערויש ווערט שטארקער. אינמיטען דער שוהל שטעהט א טישעל מיט א גרויסען שטוהל, וועלכער ווארט גליך מיט דעם עולם אויף דעם רבי׳ן...

עס איז שוין שטאק־פינסטער, מיר זעהען שוין נים איינער דעם צווייטען, מיר ווערען אביסעל אומגעדולדיג. פלוצים איז שטיל געווארען ווי אויף א בית עולם. רוהיגע טריט האבען זיך דערהערט, קיין געשטאלט האבען מיר נים געזעהען, בלויז אונזערע אויערען האבען קוים געהערט ווי איינער האט זיך געזעצט אויף דעם גרויסען שטוהל און מיר האבען פערשטאנען, אז ער איז שוין געקומען, ער איז שוין דא...

נאך אייניגע מינוטען איינגעהאלטענער שטילשווייגען האט זיך דערהערט א שטימע, נים קיין קלאהרע, נאר א מיסטישע, אזוי ווי פון ווייט ווייט קומט זי און מיר הערען בלויז פינף ווערטער צוזיגען און אפגעטהיילט איינס פון צוויי־טען: „כי תשא את ראש בני ישראל !״

דיזער קליינער פסוק האט זיך ווידערהאלט אייניגע מאל מיט פערשי־דענע טענער און אויף די פינף ווערטער האט די שטימע א שטונדע צייט געארבייט הין און צוריק, געשפינט, געוועבט, פערצוויגען און פערשטייפט מיס־טישע קבלה׳יסטישע וועבערייען, דורכגעווארפען יעדע מינוט מיט אלערליי קבלה טערמינאלאגיעס, הימעלשע, אומפארשטענדליכע, סודות׳דיגע, פערבאר־

www.libtool.com.cn

גענע, פעחהילטע פראזען, אַט איז ער אין זיבעטען הימעל ניט ווייט פון דעם כסא הכבוד מיט דער גאנצער פמליא של מעלה. מיר הערען ווי מיט דעם ״כח הצמצום״ עפענט זיך פאר איהם די טויערען פון היכלא קדישא, ער שפאצירט מיט אונז אונטער דער ליכט און גלאַנץ פון דעם אור הגנוז אין חקל תפוחין אריין, און געהענדיג צוברעכט ער די כלים נאך דער טהעאָריע פון שבירת הכלים, ער דערהויבט זיך אָבער ביז דעם אין סוף און רעדט פיעל וועגען די צעהן ספירות, דעם אדם העליון און וועגען אבא, ברא און זעיר אנפין...

דער קול איז פלוצים שטיל געוואָרען, אַלע צוהערער זיינען טויט שטיל געזעסען, א טהיר האָט זיך געעפענט און שטיל און רוהיג פערמאַכט.

והוא רחום יכפר עון האָט זיך דערהערט ווי א סיגנאַל פון דער פינסטער־ניש מעריב צו דאַווענען; נאך אייניגע מינוטען, די שוהל האָט זיך בעלויכטען און מיר האָבען דעם רבי׳ן ניט געזעהען.

״וואו איז ער?״ האָבען מיר געפרעגט ביי די אַרומיגע חסידים.

״ער דאַווענט ניט מיט אונז צוזאַמען!״ האָט מען אונז געענטפערט.

נאך מעריב האָבען מיר געהערט ווי די חסידים דריקען אוים זייערע מיי־נונגען איינער צום צווייטען, אז אזא ״חסידות״ האָבען זיי נאך קיינמאָל ניט געהערט פון רבי׳ן.

איך האָב זיי געבעטען מיר אויך צו געבען עטוואס צו פארשטעהען, האָ־בען זיי מיר געענטפערט, אז אזא מתנגד ווי איך בין, איז ניט מסוגל צו פער־שטעהען אזעלכע חסידות.

אַרויסגעהענדיג פון שוהל, האָט שטילערהייט געזאָגט צו מיר איינער פון די אנגעזעהענע חסידים:

יונגערמאַן, זייט ניט אזוי געפאַלען ביי זיך וואָס איהר פערשטעהט ניט דעם רבינ׳ם חסידות, ווייל, דעם אמת זאָגענדיג, פארשטעהען מיר חסידים אויך ניט. פרעגט ניט קיין קשיות, אזוי איז דאָס״...

איך האָב, אמת, פיעל פערגעניגען געהאַט, אז פּוּפּצעהן מאָהל האָב איך גע־רעדט אין באָברויסק, און דער גאון וצדיק רבי רפאל שאפּירא האָט ניט דורכגע־לאָזען קיין איין דרשה מיינע און צו יעדען מאָל ערנסט בעדאַנקט מיך.

פאר מיין פערלאָזען באָברויסק, האָט מיך רבי רפאל בעגלייט צו דעם וואַגזאַל און האָט מיך געבענשט זעהר הארציג מיט א קוריאָזער ברכה, וועלכע איז מקוים געוואָרען ביז היינט און איך גלויב אז זי וועט מקוים ווערען ביז מיין לעצטען לעבענס־טאָג.

״פאָהרט געזונד, מיין ליעבער פריינד, גאָט זאָל אייך אפּהיטען פון עשירות!״

www.libtool.com.cn

„וואָס מיינט איהר, רבי, מיט דעם?“ — האָב איך איהם געפרעגט פערוואונדערט.

„גאָר איינפאַך, — ענטפערט רבי רפאל בתמימות, — אויב איהר וועט חלילה רייך ווערען, וועט איהר אויפהערען צו פאָהרען איבער דער וועלט און דרשנ׳ען, און מיר אידען דאַרפען אייך האָבען נויטיג“.

ניט קיין חסיד, און ניט קיין חסידישער גוטער איד, א פשוט׳ער אידישער פאָלקס רעדנער און מתנגדישער רב, און זיין ברכה איז מקוים געוואָרען...

## 26טער קאפּיטעל

די גובערנסקע שטאָדט מאָהילעוו ביים דניעפּר, וועלכע איז שטיל און פאַרלאָזען ווי א קליין שטעדטיל. — מיין ערשטע דרשה אין מאָהילעוו פאלט אויס אין דעם טאָג, ווען עס איז געפייערט געוואָרען אלעקסאנדער דעם דריטענס געבורטסטאג און איך מוז האלטען א דרשה וועגען די „חסדים“ פונים קיסר. — מיין דרשה איז דורכגעוועבט מיט סארקאזם און דער עולם פארשטעהט מיך. — אלע וויינען און די נאטשאלסטוואָ האָט הנאה.

מאָהילעוו אלס גובערניע שטאָדט, איז זעהר א שטילע און פערלאַזענע שטאָט. קיין אייזענבאהן דערלאנגט צו איהר ניט, ווייניג קומען צו איהר סוחרים פון די ארומיגע שטעדט. האמעל, וואָס איז בלויז איינע פון איהרע אויעזדנע שטעדט, האָט מעהר לעבען און פערקעהר ווי מאָהילעוו. בלויז דער דניעפּר, וועלכער פליסט פארביי איהר, באַלעבט און שפּייזט איהרע הונדערט טויזענד איינוואָהנער, וואָס דאָס רוב פון זיי זיינען אחינו בני ישראל.

מיט פיעל מיה און אנשטריינגונג און מיט דער הילף פון דעם ראבינער כהן, האָב איך באקומען אן ערלויבונג צו רעדען אין די מאָהליוער שוהלען, אָבער מיט א תנאי, אז די ערשטע רעדע מיינע זאָל איך האלטען שבת פּריה נאָך קריאת התורה אין צוקערמאנ׳ס שוהל, ווייל דאָס איז אויסגעקומען דעם זעקס-און-צוואנציגסטען פעברואר, וועלכער איז געווען א קייזערליכער יום טוב, דער געבורטס-טאָג פון אלעקסאנדער דעם דריטען, דער צר הצורר, וועלכער האָט פערביטערט און פערפינסטערט דאָס אידישע לעבען.

אריינגעהענדיג שבת פּריה אין שוהל, איז מיר פינסטער געוואָרען אין מיינע אויגען, זעהענדיג ווי די שוהל איז דעקאָרירט מיט רוסישע פאָהנען. אנטקעגען ארון קודש זיצען די הויכע בעאמטע, דעם גובערנאטאָר׳ס ליוטענאנט, דער זשאנדארמסקער גענעראל, דער פּאָליצמייסטער מיט זיין גאנצען שטאב. זיי

www.libtool.com.cn

זיינע געקומענע הערצער און זעהען ווי זייערע ליעבע אידעלעך וועלען גאָט בעטען פאר דעם גוטען הייליגען מאנארך אין זיין געבורטס־טאג.

מיין הארץ איז מיר פול געוואָרען מיט האס און פעראכטונג צו די אפגע־פרעסענע פער׳שכור׳טע געזיכטער פון די רוסישע בעאמטע. עס האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט שנאה און עקעל צו דעם פערפלוכטען צאר מיט אלע זיינע משרתים, מחבלים און פאגראמען־מאכער. איך האב געקוקט מיט רחמנות אויף מיינע ברידער די אידען אזוי ווי אויף די היסטאָרישע שפאנישע ״אנוסים״.

״א, אומגליקליכע מאראנען! איהר האָט זיך אויפגעקליבען אין אייער שוהל צו זינגען מה יפית, צו מתפלל זיין פאר דעם געזונד פון דעם מערדער, דער וועלכער שלאכטעט אויס אייערע פרויען און קינדער, בעטען אריכות ימים פאר דעם, וואס האָט חרוב געמאכט אייערע היימען און האָט אייך צוטריבען ווי א סטאדע שאף איבער דער גאנצער וועלט. אין אייערע הערצער פיהלט איהר ראכע, און מיט אייערע מיילער מוזט איהר איהם בענשען. א, ווי שרעק־ליך איז אונזער לאגע, מאדערנע מאראנען!״

מיט אזעלכע פינסטערע געדאנקען און פינסטערע געפיהלען בין איך ארויפגעגאנגען צום ארון קודש האלטען מיין שרעקליכע סארקאסטישע רעדע.

עס איז כדאי אז די טרויעריגע רעדע זאל פערצייכענט ווערען אין מיינע זכרונות אום די צוקינפטיגע היסטאָריקער זאלען האבען א בעגריף פון דעם שרעקליכען טראגישען אידישען לעבען אין דער צייט פון אלעקסאנדער ראמאנאוו דער דריטער.

און דאס איז די רעדע:

״מיינע ברידער, שוועסטער, קינדער פון אידישען פאלק און רוסישע אונ־טערטהאנען!

״מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין אונזער הייליגער שוהל אין דער זעלבער צייט ווי אונזערע מיליאנען שוועסטער און ברידער אין דער גרויסער ברייטער לאנד רוסלאנד, צו פייערען דעם געבורטסטאג פון אונזער גרויסען גנעדיגען גאָטס־געזאלבטען מאנארך און בעטען ביי דעם גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, אונזערע הייליגע עלטערען, פאר דעם געזונד און לאנג־לעבען פון דעם רוסישען צאר אלעקסאנדער דעם דריטען, אין דער געגענוואַרט פון אונזערע נאבעלע גוטהערציגע בעאמטע. מיר אלע ווייסען ווי ווייט מיר זיינען פערזאגט געוואָרען פון אונזערע הייליגע נביאים, תנאים און גאונים, אז מיר זאלען זיין געטרייע קנעכט און איבערגעבענע אונטערטהאנען צו אונזער גוטען קיסר, אונזער באשיצער און צו אונזער געבענשטען לאנד. אונזערע חכמים, די חכמי התלמוד, האבען אונז פערפליכטעט צו מאכען א ברכה ״בשם ומלכות״ ווען מיר זעהען איינעם פון די גאָטס־געזאלבטע מאנארכען: על אשר חלק מכבודו

www.libtool.com.cn

לבשר ודם. מלכותא דארעא כמלכותא דרקיעא, גאָט אויף דעם הימעל און דער מאָנארך אויף דער ערד, און, אזוי ווי מיר זיינען מחויב צו לויבען און דאַנקען דעם אלמעכטיגען גאָט, אזוי זיינען מיר מחויב צו דאנקען דעם קיסר.

און דאנקען מוזען מיר פאר א רעה אזוי ווי פאר א טובה.

כי כשם שמברכים על הטובה כך מברכים על הרעה. ווארום? ווי אזוי קאָנען מיר דאנקען פאר שלעכטעס? נאָר דאָס ווערט ערקלעהרט גאר פשוט: ווייל מיר, קורצזיכטיגע מענשען קאָנען ניט אורטהיילען צווישען גוטעס און שלעכטעס. אונז קען אמאל אויסקומען אויף דער גרעסטער טובה אז דאָס איז א רעה, נאכהער זעהען מיר זיך ארום אז די זאָגענאנטע רעה איז גאר געווען איינע פון די גרעסטע טובות...

צום ביישפיעל, מיר מוזען זעהר נויטיג היינט פאָהרען אין אירגענד וועלכען פלאַץ; מיר פאָהרען צום וואקזאל און מיר פערשפעטיגען דעם צוג. מיר מוזען אָפּלייגען אונזער נסיעה אויף מאָרגען. ביי אונז, קורצזיכטיגע, קומט דאָס אוים, אז דאָס איז אן אומגליק. אויף מאָרגען שטעהען מיר אויף און מיר לעזען אין די צייטונגען, אז א שרעקליכע קאטאסטראָפע האָט געטראָפען דעם נעכטיגען צוג, דער לאָקאמאָטיוו איז אראָפּ פון וועג און אלע וואגאנעס זיינען צושמעטערט געוואָרען, די רייזענדע זיינען אומגעקומען. אלזא, דאן עפענען זיך אונזערע אויגען און מיר ווערען איבערצייגט אז די נעכטיגע גרויסע רעה איז גאר די גרעסטע טובה און מיט דעם פערשפעטיגען דעם צוג האבען מיר אונזער לעבען גערעטעט.

דאָס איז דער זינן פון דאנקען גאָט פאר א רעה אזוי ווי פאר א טובה, ניט פאר שלעכטעס דאנקען מיר, נאָר פאָר גוטעס וואָס מיר פערשטעהען ניט. און דאָס איז דער מיין פון כל מה דעביד רחמנא לטב עביד.

דאסזעלבע איז מיט אונזער מאָנארך. מיר מוזען איהם זיין דאנקבאר זאָגאר פאר אזעלכע טהאטען, גזירות, גירושים, ווי פאר די גרעסטע טובות, ווארים אלעס, וואָס ער טהוט פאר אונז, איז לטובה.

אָט צום ביישפיעל, די לעצטע גזירה אין דעם לעצטען יאהר ווען ער האָט גענומען הונדערט־און־צעהן שטעדט וואו מיר זיינען געזעסען רוהיג פון הונדערטע יאהרען, און האָט זיי פערוואנדעלט אין דערפער אום מען זאָל ארויםטרייבען איבער הונדערט טויזענד אונזערע ברידער און שוועסטער, אָט פון די אלע נייע דערפער, דאָס איז דאך א שרעקליכער גרויזאמער אונגליק נאָך דעם ערשטען בליק נאָך.

און דאָ האָב איך פארגעשמעלט טראגישע בילדער פון די מגורשים, וועלכע איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהען און דורכגעלעבט, דער גאנצער עולם איז גערירט געוואָרען פון מיינע שילדערונגען, און א שרעקליכער יאמער און גע־

www.libtool.com.cn

וויין האט אויסגעבראכען אין שוהל, זאגאר ביי די בעאמטע האט זיך טרעהרען באוויזען אין זייערע אויגען.

„אבער!" — האב איך אויסגעשריען, — „דאס איז בלויז נאך דעם ער־שטען בליק קומט דאס אויס ביי אונז פאר א גרויסען נאציאנאלען אומגליק; אבער ווען מיר פערטיעפען זיך און מיר ווילען גרינדליך פערשטעהען די טיעפע כונה פון דעם קיסר׳ס מהאט, זעהען מיר, אז ער איז אונזער בעשיצער און ער־לייזער, ער היט אונז אפ פון יעדען אומגליק ווי א פאטער זיינע קינדער, און דאס איז נאר, ווייל מיט זיין גרויסען פערשטאנד און טיעפען פסיכאלאגישען בליק האט ער מורא, אז דער פינסטערער המון זאל זיך ווידער ניט אויפהויבען געגען אונז און מאכען פאגראמען ווי ער האט געמאכט אין 1882 אין זיד רוסלאנד, ווען ער האט באזעצט דעם רוסישען טראהן. ער האט צוליעב דאס פערוואנדעלט די קליינע שטעדט אין גרויסע דערפער אום מיר זאלען זיך ארויסציהען פון די מקומות הסכנה, און מיר זאלען זיך באזעצען אין די גרויסע שטעדט פון דער אימפעריע אום צו באשירעמען אונזער לעבען און דער ווילדער המון זאל קיין שליטה ניט האבען איבער אונז!"

זעהט איהר יעצט, מיינע טהייערע ברידער און שוועסטער, — האב איך אויסגעשריען מיט א וויינענדיגער שטימע, — יעצט זייט איהר איבערצייגט אין אונזער גוטען קיסר׳ס חסדים, און יעצט, אז מיר האבען זוכה געווען צו פייערען זיין געבורטסטאג, לאמיר אלע בעטען גאט פאר זיין געזונד און פאר דעם געזונד און גליק פון זיין הויכער גרויסער פאמיליע מיט אונזער גאנצען הארץ...

דער עולם האט זיך ווי איין מאן אויפגעשטעלט, איך האב זיך אומגעקעהרט מיט מיין פנים צום ארון קודש און איך האב געזאגט מיין תפלה אין לשון הקודש:

> „אנא מלך מלכי המלכים, חסין יה, מקור החכמה והדעת אתה אל טוב ונאמן; אתה יודע את האמת עד כמה גדלו טובות מלכנו אלינו וחסדיו כי רבו אל כל בני עמנו; עשה נא גם אתה טובות כאלה עמו ועם בני ביתו וכל בני משפחתו הנשיאים הגדולים לבית ראמאנאוו, שמרם, חזקם, אמצם והאריך ימיהם כאשר האריך ימינו אנו, הצילם מאויביהם ושונאיהם כאשר הצילנו מידי הקמים עלינו, אמן!"

בוכשטעבליכע איבערזעצונג: — „מיר בעטען דיך דו קעניג איבער אלע קעניגע פון די קעניגע, שטארקער גאט, דער קוואל פון קלוגשאפט און וויסענ־שאפט; דו ווייסט דאך דעם אמת ווי גרויס זיינען די טובות וועלכע דער קיסר האט געטהאן צו אונז, און זיינע פיעלע חסדים צו אונזער פאלק, טוה אויך דו אזעלכע טובות מיט איהם, מיט זיין פאמיליע און מיט די אלע גרויספירסטען

www.libtool.com.cn

פון דער פאמיליע ראמאנאוו; היט זיי, שטארק זיי, מוטהיג זיי און דערליינגער זייערע יאהרען ווי ער האט פערלייננגערט אונזערע יאהרען; ראטעווע זיי פון זייערע פיינד אזוי ווי ער האט אונז גערעטעט פון די מערדערשע הענד וועלכע זיינען אויפגעשטאנען אויף אונז. אמן!"

דער גאנצער עולם האט געציטערט פון שרעק ווען זיי האבען געהערט מיין סארקאסטישע תפלה, און האבען געענטפערט אמן!

די בעאמטע האבען מיך הערציליך בעדאנקט און אויף דער קומענדער וואך איז געווען געדרוקט מיין רעדע אין דער אפיציעלער גובערנסקער ציימונג. דער צענזאר — דער חכם — האט קיין פעהלער ניט געזעהן און אן אפיציעלער ראנק איז מיר איבערגעגעבען געווארען אין גובערנאטאר׳ם נאמען.

א היבשע צאהל רייכע אידען געפינט זיך אין מאהילעוו, אבער זיי זיינען בטבע אלע קארגע, זייערע הערצער שטיינערנע און פון רחמנות האבען זיי קיין בעגריף ניט. די ארימע לייט געהען פשוט אוים פון דחקות און עס איז ניטא ווער עס זאל זיי העלפען. און מערקווירדיג איז דאם, וואס די אלע גבירים זיינען ארטהאדאקסישע אידען, געהען אין שוהל דריי מאל טעגליך, היטען אפ ערובי חצרות און לאזען ניט דורך דעם קלענסטען אידישען מנהג, נאר אלעם וואס געהערט צו גאט, דאס הייסט, בין אדם למקום, זיינען זיי אלע פיינע אידען, אבער ווי עס קומט צו דעם טייל אידישקייט פון בין אדם לחברו, פון מענש צו מענש, דא זיינען זיי אין דער היים ניטא. איך האב זעלבסט בייגעוואהנט ווי איינער פון די רייכסטע אידען אין מאהילעוו האט געגעבען זיינע תפלין צו אן ארימען סופר אויף איבערזעהן זיי, האט זיך גערונגען מיט איהם, ביז יענער האט איהם געלאזען פאר דעם נידריגסטען פרייז.

מיט עקעל און פעראכטונג האב איך אנגעקוקט דעם טיראנישען גביר, וועלכער שטאלצירט ניט נאר מיט זיין רייכקייט, נאר אויך מיט זיין יחוס, אז ער שטאמט אפ פון רבי יחזקאל לאנדא, דער מחבר פון "נודע ביהודה". עס זיינען געווען אין דעם לעצטען דור צוויי גבירים־נדיבים מיט א שעהנעם נאמען — צוקערמאן און שמערלינג, אבער ליידער האבען זיי ניט איבערגעלאזען קיין ריכטיגע ממלאי מקומם.

און נאך מעהר פערדריסליך איז וואס כמעט די אלע מאהליווער גבירים זיינען פראצענטניקעס פון דעם ערגסטען ראנג ווי וואמפירען זויגען זיי אוים דאס לעצטע בלוט פון די קליינע סוחרים און דעם מיטעל־קלאס, און ברייננגען שאנד אויף דעם כלל ישראל.

די גאנצע שטאדט קאכט, זי געהט ווי אויף רעדלעך, א נייער גובערנאטאר קומט אן. דער אלטער איז שוין אוועק. מען דארף דערלאנגען א מתנה דעם נייעם מושל. די ראשי העדה האבען זיך אויפגעקליבען אין קהל׳שע הויז אז

www.libtool.com.cn

עצה האלטען זיך וואס מען זאל איהם געבען. עס איז בעשלאסען געווארען מען זאל אַרדערען א זילבערנע טאַץ, אויסקריצען מיט גאלדענע בוכשטאבען דעם נייעם גובערנאטאָר׳ס נאמען און דערלאנגען איהם מיט זאלץ און ברויט נאך דעם רוסישען מנהג נאַך.

אבער וואו נעהמט מען דאס געלד אויף דעם ? דאס מוז וויינינגסטענס באטרעפען צוויי הונדערט רובעל. נו, און וואו זאל מען דאס נעהמען ? די ארימע לייט וואלטען געגעבען, האבען זיי ניט ; די גבירים האבען, אבער זיי קאָנען בטבע ניט געבען, זייער געוואָהנהייט איז נאר צו נעהמען און דאס איז דאך בעוואוסט, אז א נעהמער קאָן קיין געבער ניט זיין. מען האט געקלערט און געקלערט, ביז דער קהל׳שער בוכהאלטער האט מגלה סוד געווען, אז אין דער קהל׳שער קאסע געפינט זיך נאך אזא סומע געלד, און אלעס איז רעכט געווארען.

צוזאמען מיט מיין פריינד, דעם באריהמטען אדוואקאט גיסין, בין איך געגאנגען הערען די דרשה פון דעם מטיף רבי גרשון פיעסטון אין צוקערמאנ׳ס שוהל. מיר האבען ווירקליך פערגעניגען געהאט פון זיין דרשה, וועלכע איז געווען פול מיט לעבען, אהן גימטריאות, אהן מסורות, פלפולים און פשט׳לעך ווי די געוויינליכע מגידים זאגען, בלויז ריינע נאציאנאלע געדאנקען. צופעליגער ווייזע איז געווען אין דעם טאג דער יאהרצייט פון פראפעסאר צונץ, און ער האט פיעלפארביג מיט פאעטישע בילדער פארגעשטעלט דעם געלעהרטען פראָ־פעסאר און זיין אַרט וואס ער פערנעהמט אין דער נייער אידישער ליטעראטור.

פינף רבנים מורי הוראה האב איך געפונען אין מאהילעוו, אבער קיין איינער פון זיי איז ניט פעהיג צו זיין א רב אין דער גרויסער שטאדט. עס איז ווירקליך א חרפה אז אזא שטאדט זאל ניט האבען א ריכטיגען גדול פאר א רב. עס איז אמאל געווען א צייט אז דער גרויסער גאון מלב״ים זכרו לברכה האט פערטראטען דא די רבנות, אבער ליידער האט ער דא קיין סך ניט גע־וועלטיגט, שלעכטע מענשען האבען איהם פערביטערט זיין לעבען מיט מסירות ביז ער האט געמוזט די שטאדט פערלאזען.

www.libtool.com.cn

# 27טער קאפיטעל

**ליבאווע די גרויסע האפען־שטאָדט ביים באלטישען ים. — דר. יהודה לייב קאנטאָר, דער ראבינער און רב אין ליבאווע. — די אידען אין ריגע און זייער ראבינער, ראבי שלמה פוכער. — דער בלעכער, וועלכער איז געווען א גרויסער געלעהרטער און וויסענשאפטסמאן. — די חובבי ציון שאליט און לונץ. — מיטאווע און טוקום.**

ווי מיט א צויבער ציהט צו צו זיך די שעהנע שטאָדט ליבאווע מיט איהרע געפלאסטערטע שעהנע גאסען, מיט איהרע גראנדיעזע געביידען, מיט איהר וואונדערבארען פארט ביים באלטישען ים און באזונדערס מיט איהרע גרויסע געשעפטען פון עקספּאָרט און אימפּאָרט. בשום אופן קאָנסטו ניט גלויבען, ווען דו פאָהרסט אריין אין איהר, אז דו שטעהסט אין א רוסישער שטאָדט, דו מיינסט אז דו געפינסט זיך אין איינער פון די דייטשע שטעדט. איבער פופציג טויזענד איינוואוהנער האָט ליבאווע, דאָס מעהרסטע קורלענדער דייטשען, דער קלענערער טהייל לעטען און אכט טויזענד אידען. און מערקווירדיג איז די מינאָריטעט, די אידען זיינען דער גאנצער לעבענס־קראפט ניט נאָר אין דער שטאָדט ליבאווע, נאָר אויך אין גאנץ קורלאנד איבער דעם גאנצען באלטישען פארט. די דייטשע שפּראך געוועלטיגט אין איהר, זאָגאר די פּאָליציי און די רוסישע בעאמטע רעדען דייטש.

ווען דו שטעהסט ביי דעם פאָרט פון ים און דו זעהסט די גרויסע מאגאזיינען פול מיט פערשיעדענע תבואות און פּראָדוקטען פון גאנץ רוסלאנד, מיט דער גרויסער צאָהל שיפען, וועלכע טראנספּאָרטירען זיי נאָך דייטשלאנד און אנדערע לענדער, ווען דו הערסט דעם גערויש פון די באהנען, שיפען און טויזענדער אר־בייטער וועלכע לאָדען און לאָדען אוים די שיפען, — ערמאנערסטו זיך אן יחזקאל, ווען דער גרויסער נביא שטעלט פאָר דאָס בילד פון דער אור־אלטער שטאָדט צור אין זיין צייט.

צום בעוואונדערען איז וואָס שבת איז שבת אין דער רוהיגער שטאָדט, אלע געשעפטען זיינען פערמאכט, זאָגאר די בירזשע איז געשלאָסען, און אויך די קריסטליכע סוחרים, ניט־ווילענדיג, מוזען זיי שבת און יום טוב רוהען, ווייל אָהן די אידען איז קיין געשעפטען נישטאָ.

הלואי וואָלט ליבאווע געווען א ביישפּיעל פאָר די שטעדט אין זיך רוסלאנד און באזונדערס פאָר אדעס וואו מען ווייסט שוין ניט פון שבת פון יאהרען לאנג.

דאָ אין ליבאווע האָב איך געפונען אן אנטוואָרט צו דער רבנישער פראגע, איינע פון די שווערסטע פראגען אין אידישען לעבען. אין רוסלאנד באנוצט זיך די רבנות מיט צוויי קרוינען : כתר תורה און כתר מלכות, דאָס הייסט צווייערליי

www.libtool.com.cn

רבנות, די גייסטיגע רבנים און די רעגירונגס ראבינער, און דאס רוב פון זיי פאסען זיך ניט צו זייערע פליכטען, די רעליגיעזע רבנים זיינען ווייט פון לעבען און פער־שטעהען ניט די באדערפעגישען פון לעבען, זיי געהען אום אויף דער ערד און לעבען אויף דעם הימעל און די קאזיאנע ראבינער זיינען שוין צופיעל ערדיש, זיי זיינען דאס רוב ווייט פון אידישקייט און פון דעם אידישען גייסט ווי א רו־סישער קאצאפ, אדער א דאנסקאיער קאזאק איז ווייט פון רבי יהודה הלוי׳ס שירים; קיין תלמוד האבען זיי ניט געלערנט און צווישען דעם אידישען המון האבען זיי ניט געלעבט, און קאנען איהם ניט, און וועןן ניט די מורא פאר דער רע־גירונג, וואלט מען זיי גלייך ארונטערגעזעצט פון זייערע שטעלעס. הייגט ווי ווייט זיינען די ראבינער פון די רבנים — ווי די רוסישע רעגירונג פון דער אידישער תורה.

ניט אזוי איז אין ליבאווע.

די ליבאווער אידישע געמיינדע האט בלויז איין רב, וועלכער פערטרעטביידע שטעלעס אלס רב און אלס ראבינער און פערטרעט זיי מיט רעכט און מיט ווירדע. ער איז גרויס אין תורה און אין חכמה, ער האט באקומען סמיכה אויף רבנות ווען ער איז נאך גאר א יונגערמאן געווען און האט געלערנט בהתמדה אין די גרויסע ווילנער ישיבות, ער האט זיך אנגעפילט מיט דער גאנץ אלטער ליטעראטור, בבלי, ירושלמי ביז די פוסקים אחרונים. בעקרוינט מיט דעם כתר תורה איז רוסלאנד, אז ער אוועק נאך דייטשלאנד צו בעקומען די כתר חכמה. נאך אייניגע יאהר האט ער זיך אומגעקעהרט אהיים מיט דעם טיטול דאקטאר מעדיצין. זייענ־דיג נאכהער אין פעטערסבורג, האט ער רעדאקטירט צוויי צייטונגען: דעם רו־סישען "רוסקי יעווריי" און די טעגליכע העברעאישע צייטונג "היום".

דר. יהודה לייב קאנטאר איז געווען דער ערשטער וועלכער האט ארויסגע־געבען טעגליך א העברעאישע צייטונג און האט ווירקליך א נייע עפאכע בעשא־פען אין דער העברעאישער ליטעראטור. ער האט פשוט אפגעלעבט און אויפגע־מונטערט די לעטארגיש־פערשלאפענע שפראך אונטער דעם צוויי טויזענד יאהרי־גען גלות איינגעהילט אין א הייליגען מאנטעל. דר. קאנטאר האט איהר ענטהילט, אפגעשטויבט, פערפוצט, אפגעפרישט און אוועקגעשטעלט אין פראנט גלייך מיט אלע לעבעדיגע יונגע שפראכען. ווער געדיינקט ניט פון די העברעער מיט וואס פאר אן אפעטיט עס איז געלעזען געווארען טעגליך דער "היום" מיט זיינע לעבעדיגע לייט־ארטיקלען, די טאלאנטפאלע פעליטאנען, די פרישע פובליציסטישע מאמרים און אלעם לעבעדיג, פריש, ריין, פול מיט ווירדע און שטאלץ. און דעם זעלבען טאלאנט האט דר. קאנטאר געוויזען אין דער רוסישער שפראך אין דעם "רוסקי יעווריי".

אט דעם גרויסען אידישען געלעהרטען האט די שטאדט ליבאווע פאר א

www.libtool.com.cn

רב אויפגענומען אויף דעם ארט פון דעם בעוואוסטען ארטאדאקסישען רב דר. הלל קליין, וועלכער איז היינט אין נויארק אנגעשטעלט ביי דער אונגארישער געמיינדע.

דר. קאנטאר ווייס און קען זיין פלאץ, ער פיהרט זיך אויף אידיש אין גאס און אין הויז, שטעלט צופריעדען אלע קלאסען, די דיינים און די מורי הוראה, וועלכע זיינען אונטער איהם, עהרען און רעספעקטירען איהם פאר זיין קענטניש און וויסען אין דער תורה; די פרייערע העכערע קלאסען ווי די עליאסבערג'ס, לוריא'ס און קאצענעלסאהנ'ס ליעבען און שעצען איהם פאר זיין אלגעמיינעם וויסען.

ווען אלע אידישע שטעדט זאלען אזוי טהאן ווי ליבאווע, און אויפנעהמען רבנים ווי קליין און קאנטאר, דאן וואלט די שאלת הרבנות ביי אידען לאנג פערענטפערט געווען.

א גייסטיגען פערגעניגען האב איך געהאט די גאנצע צייט וואס איך האב פערבראכט צוזאמען מיט דר. קאנטאר, שפאצירענדיג ביים ברעג ים, און ריידענ־דיג איבער אלע וועלטליכע פראגען בכלל און איבער אידישע פראגען בפרט. איך האב איינפאך פיעל געלערנט פון דעם גרויסען מאן, וועלכער איז באזעסען א ריינעם קאפ פול מיט געזונטער לאגיק און א ווארימען הארץ צו דעם אידישען פאלק. באזונדערס האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט פיעל טאקט און דרך ארץ.

ווען דו געהסט ארוים אין ליבאווע אין גאס, ווען דו זיצסט אין האטעל, און ווען דו בעזוכסט דיינע פריינד אין זייערע וואוינונגען, און דו בעטראכסט אלעם ארום דיר, די ריינליכקייט, די ארדנונג, דאס פאמיליען־לעבען, די פאר־העלטנים צווישען מענער און פרויען, צווישען עלטערן מיט קינדער, קאנסטו בשום אופן ניט גלויבען, אז דו געפינסט זיך אין איינער פון די רוסישע שטעדט. אלעס איז דא שטיל און פיין, אויף יעדער זאך און טהאט איז א בעשטימטע צייט, פונקט ווי אין דייטשלאנד, עס איז דא א צייט אויף ארבייטען און א צייט אויף רוהען; א שטונדע אויף עסען, און א בעשטימטע צייט אויף שפאצירען ביים ברעג ים און צו הערען די שעהנע מוזיק, וועלכע שפיעלט דארט טעגליך פריי. און אין גאס וועסטו קיינמאל ניט אונטערשיידען פון דעם רייכען און ארי־מען, צווישען די ארבייטס־געבער און די ארבייטער; אלע אנגעצויגען ריין און זויבער און שפאצירען זיך געמיטהליך־רוהיג צווישען די גרויסע שעהנע אלעען ניט ווייט פון ברעג ים.

איסרו חג שבועות שנת תרנ"ד האט זיך געענדיגט די דרייסיג טעג וואס איך האב געהאט דאס רעכט צו זיצען אין ליבאווע. אכט אוהר פריה איז געקומען צו מיר א פאליציי־בעאמטער און האט מיר געהייסען גלייך פערלאזען די שטאדט ליבאווע. זעהט איהר, איך האב דאך ליעב פינקטליכקייט, נאר די פאליצייסקע

www.libtool.com.cn

פינקטליכקייט האט מיר פארקוועטשט מיין הארץ ביז צום וויינען; איך האב העפליך צוגעפיהרט דעם פאליציי־מאן צום פענסטער, איך האב איהם באוויזען די הינט, די חזירים און די קעץ, וועלכע געהען ארום פריי אין גאס און איך האב איהם געפרעגט:

"פיער פיסיגע מעגען אומגעהען אין גאס, און דער איד ?...?

איך האב ניט געענדיגט מיין פראגע. דער פאליציי־מאן האט זיין קאפ ארונטערגעלאזען און האט אויסגעמורמעלט שטילערהייט:

"יא, יא, עס איז אזא פארפלוכטער זאקאן, א צארסקער זאקאן, און מיר מוזען איהם אויספיהרען".

איך האב שנעל זיך צוזעגענט מיט מיינע אלע פריינד און זעהר פיעל פון זיי האבען מיך באגלייט צו דעם צוג וועלכער האט מיך אוועקגעפיהרט נאך ריגא.

ריגא איז איינע פון די גרעסטע און שעהנסטע שטעדט אין רוסלאנד, זי איז די הויפטשטאדט פון לעטלאנד. איבער א פערטעל מיליאן איינוואהנער האט זי, וועלכע זיינען דייטשען, פינען און לעטען. אין דער לעצטער צייט האבען זיך בעזעצט אין איהר פיעל רוסען, צווישען זיי אויך ארום דרייסיג טויזענד אידען, וועלכע האבען דא וואוין־רעכט נאך פון ניקאלאי דעם ערשטענס צייט. דער האנדעל ווערט דא געפיהרט אויף א גרויסער מאסשטאב, ווייל די שטאדט איז הארט ביי דעם טייך דווינא, וועלכע פאלט אריין ניט ווייט פון איהר אין דעם באלטישען ים. אויף דער דווינא ווערען געבונדענע פליטען פון די געהילץ פון די רוסישע גרויסע וועלדער און ווערען טראנספארטירט נאך דייטשלאנד. אויך דער תבואה האנדעל איז דא פיעל פערטראטען; פיעל פאבריקען, אין וועלכע עס אר־בייטען צעהנדליגער טויזענדער ארבייטער עקזיסטירען דא. די גאסען זיינען ברייטע, געפלאסטערטע, די הייזער גרויסע און געבויט מיט געשמאק; פראכט־פאלע גערטנער, אלעען און בולווארען איבער דער גאנצער שטאדט, מאכען ריין די לופט, און ווען מען שפאצירט איבער די גאסען, דענקט מען אז מען געפינט זיך אין א שעהנעם זומער־פלאץ.

איך האב בעזוכט דעם ראבינער רבי שלמה פוכער, וועלכער איז די לעצטע צייט ערהויבען געווארען פון דער רוסישער רעגירונג אלס "אוטשאני יעווריי" (געלעהרטער איד). איבער די צוויי לענדער לעטלאנד און קורלאנד. ער איז שוין אין די זיבעציגער, אבער זיין גייסט איז נאך יונג, דרייסיג יאהר איז ער געווען ראבינער אין מיטאווא, די הויפט שטאדט פון קורלאנד. אין דער לעצטער צייט האט איהם ריגא צוגענומען. ער איז א גרויסער תלמודיסט און העברעער, א שטארקער אראטאר אין דייטש און רוסיש. זעהר פיעל גוטע באמערקונגען האב איך געהערט פון איהם אין אגדות חז"ל.

www.libtool.com.cn

א ליעבען פריינדליכען מענשען און א גרויסען געלעהרנטען האב איך גע־פונען אין דער פערזאָן פון דעם בעוואוסטען העברעאישען שרייבער מר. י״ח טביוב. אויסער זיינע ידיעות און בקיאות אין דער גאנצער העברעאישער ליטעראַ־טור, די אלטע און די נייע, און זיין וואונדערבארען סטיל פון זיין פרוכטבארער פעדער, אין זיינע פעליטאָנען און ארטיקלען, אין די העברעאישע זשורנאלען און צייטונגען, איז ער נאָך מעכטיג צו רעדען און שרייבען אין זעקס לעבעדיגע אייראָפּאישע שפּראכען: דייטש, פראנצויזיש, ענגליש, איטאליעניש, רוסיש און האָלענדיש. אויסער זיינע ידיעות אין לאטין און גריכיש. נאָך מעהר וואונדערבאר איז דאָס, וואָס ער לעבט ניט פון זיין שרייבען; ער איז אן אגענט אין אן אויס־לענדישען גרויסען תבואה געשעפט, ער ארבייט שווער דעם גאנצען טאג אין זיין קאנטאָר, און זיינע נעכט גיט ער אָפּ פאר דער ליטעראטור און שרייבט טעגליך אין פערשידענע זשורנאלען.

עס איז ווירקליך צו בעוואונדערען די ארבייט פון דעם גרויסען און שוואכען מענשען. ער געפינט נאָך צייט צו אונטערהאלטען זיך מיט זיינע פריינד.

איינמאָל אין אָווענט קומט אריין צו מיר אן איינפאכער ארבייטער, זיינע קליידער ניט קיין גאנצע, זיינע האָר לאנגע, צולאָזענע, זיינע הענט ניט זעהר ריין. איך האב זיך כמעט ווי דערשראָקען פון זיין אויסערליכען אויסזעהן, אבער נאָך א קורצען געשפּרעך מיט איהם, בין איך נשתומם געוואָרען ווען איך האב זיך איבערצייגט, אז עס שטעהט פאר מיר א גרויסער געלעהרטער, א טיעפער לאָגי־שער דענקער, א וואַרימער נאציאָנאלער איד, רעדט א ריינעם דייטש, פערשטעהט גוט העברעאיש, ער האט בריעף פון פערשיעדענע גרויסע דאָקטוירים וועגען זיינע ענטדעקונגען אין מעדיצין. דער רעקטאָר פון אוניווערזיטעט רעדט מיט איהם וועגען פערשידענע הויכע מאטעמאטישע פּראָבלעמען. איין קליינע בראשור האט ער מיר געגעבען אין װעלכער ער האט וויסענשאפטליך בעהאנדלט כשרות ביי אידען און מיט סטאטיסטישע בעווייזען האט ער איבערצייגט אז פיעל קראנק־הייטען האבען קיין שליטה ניט ביי אידען, א דאנק דער כשרות וואס זיי היטען אָפּ. צוויי שטונדען האט דער מאן גערעדט און ער האט מיך אזוי ווייט אינטע־רעסירט, אז די שטונדען זיינען ביי מיר איבערגעלאָפען ווי מינוטען.

פון וואנען לעבט אָט דער פעהיגער וואונדערבארער מאן? ער איז א בלעכער, ער דעקט דעכער און בייטאכט לערנט ער און שרייבט וויסענשאפטליכע ווערק.

צוויי גייסטרייכע און טהעטיגע חובבי ציון האב איך געפונען אין ריגא אין די פערזאָנען פון שאליט און לונץ, ביידע גרויסע סוחרים. זיי קארעספּאנדי־רען זיך מיט רבי שמואל מאהליווער, מיט משה לייב ליליענבלום און מיט מר. שאול פּנחס ראבינאָוויטש (שפ״ר) און ארבייטען פאר דער אידעע בלב ונפש.

דאָ אין ריגא האט זיך די רוסישע פּאָליציי באוויזען צו מיר אין איהר נאַ־טירליכען געשטאלט פריי און אָפען. דער פּאָליצמייסטער האט געלעזען אין דער

www.libtool.com.cn

ריגא׳ר ציימונג, אז א אידישער רעדנער רעדט אין די גרויסע אידישע שוהלען פאר גרויסע פערזאמלונגען און אז דער איינטראג פון די הערער איז ציעמליך גרויס. ער האט מיר ניט פערוועהרט צו רעדען, ער האט מיך ניט ארעסטירט ווי זיינע חברים האבען מיט מיר געטהאן אין אנדערע שטעדט; ער האט מיך געשיקט רופען, און האט מיר פשוט געזאגט אין דער רוסישער שפראך איין ווארט: "פאפּאלאם", דאס מיינט איינפאך אין אידיש "לחצאין", אדער אין ענג־ליש "פיפטי־פיפטי", אז דער אינקאם פון מיינע רעדען זאל געטהיילט ווערען אויף האלב, איין האלב צו מיר און די אנדערע פאר איהם. און אזוי איז געווען, א פאליציי בעאמטער פלעגט קומען אין שוהל פאר מיין רעדען, ער האט זיך גע־זעצט ביי דער קאסע, נאך דער רעדע האט ער צוטהיילט די סומע ביז איין קאפּיקע. און איך בין געווען צופריעדען, ווייל איך האב צום ערשטען מאהל און לעצטען מאל געקענט רעדען פריי מיט דעם פולען מוטה, אהן שרעק פאר די פאליציי־שדים.

איך האב בעזוכט די שטאדט מיטאווא, די הויפּט־שטאדט פון קורלאנד. שעהן שטעהט דארט די שוהל ביי דעם ברעג פון דער טייך "אא". דער שוהל־הויף איז פערפלאנצט מיט ריזיגע בוימער און די שוהל שיינט ארויס צווישען זיי ווי א קעניגליכער פאלאץ. אין אלגעמיין זיינען די קורלאנדער אידען רייז, זויבער, ווי אין זייערע פּריוואט הייזער, אזוי אויך אין זייערע אנשטאלטען. דער גלות־שמוץ האט זיך אן זיי ניט אנגעקלעפּט.

מיט יאהרען צוריק איז מיטאווא געווען איינע פון די רייכע שטעדט, נאר אין דער לעצטער צייט איז זי ארונטער, און אויף איהר חשבון זיינען אויפ־געקומען און רייך געווארען איהרע צוויי שכנות — ליבאווא, די קורלענדעריז, און ריגא, די לעטלענדעריז.

א שעהנער גרויסער פאלאץ שטעהט ביי דער ענד פון שטאדט. דאס איז דער פאלאץ, אין וועלכען עס האבען אמאהל געוואהנט די קורלאנדער פירסטען און בארא׳נען אין דער צייט ווען זיי האבען געוועלטיגט אויף קורלאנד, און דער הערצאג בירא׳ן, דער קורלאנדער, ליגט נאך עד היום אין א קאסטען. זיין קער־פער איז באלזאמירט ווי די מומיעס פון עגיפטען און איז אימער אויסגעשטעלט פאר׳ן פובליקום.

פון מיטאווא בין איך נאך טוקום געפאהרען. טוקום האט געהאט א שעה־נעם נאמען אין דעם פאריגען יאהר־הונדערט מיט איהר תורה און חכמה. זי איז געווען די קרוין פון אלע קורלענדישע און לעטלאנדישע שטעדט, אויך פיעל רייכע אידען, בעלי צדקה און גרויסע לומדים, עוסקים בצרכי צבור האבען אין איהר געוואהנט. זי האט זיך אימער פערגלייכט צו איינע פון די אויסגעצייכענטע ליטווישע שטעדט מיט איהרע שעהנע בעלי־בתים און מיט איהרע אנשטאלטען, און היינט איז זי איינגאנצען ארונטער, קיין תורה, קיין חכמה, קיין מסחר, קיין

www.libtool.com.cn

צדקה — עם הארצות האט זיך איינגעפרעסען אין איהר און האט איהר גייסטיג פערניכטעט.

די קורלאנדער שטאדט טוקום האט מיך עראינערט אן דובנא אין וואהלין, וועלכע טראגט אויך אויף זיך דעם אלטען יחוס פון פארצייטיגע יאהרען מיט איהר תורה און חכמה, און אין די רבנישע ליטעראטור איז פיעל מאל דערמאהנט געווארען ״חכמי דובנא רבתי״, די געלעהרטע פון דער גרויסער דובנא און יעצט, וואו זיינען איהרע חכמים ? דעם זעלבען שיקזאל האט אויך טוקום. איהר יחוס איז בעגראבען געווארען אויף איהר אלטען בית הקברות, און צווישען די לעבעדיגע הערשט א געוואלדיגע עם הארצות ; די יוגענד ווערט ניט ערצויגען און זיי ווייסען צומאל ניט פון דער נייער נאציאנאליסטישער בעוועגונג אין דעם אידישען פאלק, און די גאנצע שטאדט שטעהט מחוץ למחנה.

## 28טער קאפיטעל

דער וואונדערבארער שאוולער רב, ר׳ יוסף זכריהו שטערען, וועלכער האט געהאט א גע־ניאלען זכרון, אבער נישט קיין סדר אין זיינע קענטעניסען. — ער איז געלעגען קראנק אין בעט און רעדען וועגען תורה און חכמה. — ר׳ מאטעל דער ווייכשענקער, וועלכער פלעגט געבען גמלות חסדים צו ארימע הענדלער. — שאוולער פאליצמייסטער ארעסטירט מיך און דער צאר גיט ארויס א באפעהל איך זאל פארלאזען רוסלאנד אין משך פון איין חודש. — מיין לעצטע חתימה אין רוסיש.

די שטאדט שאוועל וועל איך קיינמאל ניט פארגעסען, ווייל מיט איהר איז פול געווארען מיין מאס פון מיין וואנדערען איבער די רוסישע שטעדט. זי איז געווען מיין לעצטע סטאנציע פון מיין געבורטסלאנד, אין איהר האבען די רוסישע פאליצייאישע שדים מיט די טיראנישע זשאנדארען געענדיגט זייער שווארצע ארבייט פון פערפאלגען מיך און זיי האבען מיך ארויסגעשיקט אויף אייביג פון רוסלאנד.

שאוועל איז איינע פון די אויעזדנע שטעדט אין קאוונער גובערניע. איבער פופצעהן טויזענד אידען האבען דאמאלס געוואהנט אין איהר. צווישען זיי זיינען געווען אייניגע וואהלהאבענדע בני תורה און בעלי צדקה. אויך דער המון אין שאוועל איז ניט ווילד ווי אין קורלאנד. ווען דו געהסט אריין אין איהרע בתי מדרשים, געפינסטו פיעל ארימע אידען לערנען תלמוד מיט גרויס התמדה, זיי זיינען זיך מפלפל איינע מיט די אנדערע גאר אויף דעם וואלאזשינער אופן. די יוגענד באשטעהט פון פיינע משכילים, וועלכע פארשטעהען גוט די אידישע,

www.libtool.com.cn

העברעאישע ליטעראטור און לערנען פלייסיג אויך פרעמדע שפראכען און אלגע־מיינע וויסענשאפט.

א װאונדערבארער טיפּ איז געװען דער שאװלער רב, דער בעריהמטער גאון רבי יוסף זכריה שטערן. ער שטעהט העכער פון אלע זיינע קאלעגען רבנים מיט זיין װאונדערבארען זכרון, דער גאון האט פשוט ניט פערגעסען אלעם װאס ער האט געלערנט און געהערט און געזעהען פון דעם דריטען יאהר אן פון זיין לעבען. און לערנען האט ער געלערנט זעהר פיעל, אבער פון זיין גרױסער בקיאות זיין פיעל אנלעזען זיך אין אלע פאכען פון דער ליטעראטור, האבען זיך אױפגע־פלאכטען און אױסגעמישט זיינע ידיעות איינע אין די אנדערע, אז זיי האבען ניט קיין אנפאנג און ניט קיין ענדע. װען ער פאנגט אן צו רעדען (און רעדען רעדט ער זעהר פיעל) שפּרינגט ער פון איין ענין צום צװייטען, פון איין רעיון צו דעם אנדערען מיט אזא שנעלקייט און שארפקייט, ביז עס איז אונמעגליך צו נאכפאלגען איהם, און נעהמען פון איהם עטװאס גאנצעס און פערשטענדיגעס. צװיי שטונדען האט ער גערעדט מיט מיר אהן אױפהער, קיין איין װארט האט ער מיך ניט געלאזען אױסרעדען, בליצען זיינען געפלױגען יעדע מינוט פון זיינע אייגפאלען, יעדער זאץ איז שטארק און לאגיש פול מיט שארפ־זינן, װיץ און הומאר. װי א מעכטיגער פאנטאן האט ער געפלייצט מיט מאמרים פון בבלי, ירושלמי, תשובות הגאונים, ספרי מחקר און פון ספרדישע שירים, מיט ציטאטען פון רבי יהודה הלוי, בן גבירול ביז עמנואל הרומי און פון דער נייער ליטעראטור. ער האט געמישט טיעפע סברות פון הלכה מיט פאעטישע אױסדרוקען פון אגדה, אבער ליידער עטװאס גאנצעס האב איך ניט געקענט באקומען פון איהם, װייל ער האט קיין איין רעיון זיינעם ניט געענדיגט. ער איז געװען זעהר שװאך אין געזונד און כמעט גאנצע טעג פלעגט ער ליגען אין בעט. ביי זיין קראנקען בעט פלעגט ער אױפנעהמען גערן זיינע פיעלע בעזוכער און ריידען צו זיי. מיט שטאלץ האט ער גערעדט געגען זיינע חברים די רבנים, װעלכע האבען נאך געלעבט און זאגאר װעגען די געשטארבענע. ער האט אפילו ניט נושא פנים געװען צו די ראשונים. באזונדערס האט ער געגאסען שװעבעל און פעך אױף די פיטנים פון קאליר'ן ביז דעם לעצטען. ער האט געשטורעמט מיט כעס אױף די מחזורים, סליחות קינות יוצרות, װעלכע ער האט קיינמאל ניט געלאזען זאגען ביי זיין מנין — ער האט אימער געדאװענט ביי זיך אין זיין הױז. ער האט איינפאך געזאגט, אז דאס איז א מורא'דיגער פארברעכען מפסיק צו זיין די הייליגע תפילות פון די אנשי כנסת הגדולה צו זאגען אזעלכע װער־טער, ניט לאגישע און ניט פארשטענדליכע.

"װאס פאר א פאעזיע געפינט איהר אין "כי הנה כחומר" װאס שוטים עפּענען אױף דעם ארון קודש פאר דעם? װי קומט די פערסישע קעניגין ושתי ארײנצוקריכען אין מיטען דער הייליגע שמונה עשרה? אין "קרובץ לפורים" און נאך און נאך".

www.libtool.com.cn

די ווערטער האט ער אויסגעשטורעמט מיט א פייער און האט א ציטער געטהאן פון זיין קראנקען בעט.

"מיט וואס פאר א רעכט שרייבען מיינע חברים די רבנים איינע צו די אנדערע אזוינע ווילדע טיטולען מיט נארישע שבחים? די גאונים גדולים, גאונים מובהקים, דיא רשכב"הג'ען האבען זיך צו פריה ורביה'ט אין אונזער דור אזוי ווי שוועמלאך אין די וועלדער!"

דאס זיינען זיינע ווערטער.

אין דעם גרויסען געשפרעך האט ער בעריהרט פיעל פסוקים וועלכע ער האט עטוואס אריגינעל ערקלעהרט. איין פסוק וויל איך דא ערמאנערען: "אוי מי יחיה משומו אל!" האט ער געזאגט אז דאס האט בלעם געמיינט מרים'ס זוהן פון בית לחם, וועלכער האט זיך געמאכט פאר א גאט. דער בלינדער גוי'שער נביא האט געזעהען מיט זיין גרויסען פראפעטישען בליק די אלע מעשים תעתועים און די אכזריות פון דער פערפלוכטער אינקוויזיציאן אין דעם מיטעל־אלטער, האט ער אויסגעשריען: "אוי מי יחיה משומו אל!"

"א, ווער וועט דאס קאנען איבערלעבען פון דעם, וועלכער וועט זיך זעלבסט מאכען פאר א גאט!"

אין דעם בילד פון דעם גרויסען גאון זעהען מיר ווי די צוויי תלמודים, בבלי און ירושלמי, ספרא, ספרי, תוספתא און מכלתא, מדרש, תשובות הגאונים, די גאנצע ספרדישע אידישע ליטעראטור מיט דער נייער צוזאמען ליגען צונויפ־געלעגט אין א גרויסען בארג אהן א שום סדר.

איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען ווי ווען דער קראנקער גרויסער רב האט אנגעפאנגען צו רעדען וועגען חבת ציון, האבען זיך אנגעצונדען זיינע גרויסע ליכטיגע אויגען ווי צוויי פאקעלען און מיר אלע, וועלכע זיינען געשטאנען אדער געזעסען ארום זיין בעט, האבען געפיהלט א יראת הכבוד.

און אין מיין הארץ האב איך געטראכט: "א, דער גלות, דער גלות, ווען דער גרויסער ריעז וואלט געבוירען ווערען ביי א נארמאלען פאלק און באקומען א נארמאלע ערציהונג, וויפיעל נוצען וואלט זיין פאלק ישראל געהאט פון איהם!"

אין שאוועל האב איך געפונען נאך א מערקווירדיגען אידישען טיפ, פון די סארט טיפען, וועלכע געהען אוועק פון אונז, און קיין נייע וועלען מיר ניט האבען. דאס איז דער טיפ פון "גומלי חסד", די, וועלכע רעטען געפאלענע מענשען, בלויז מיט א "גמילת חסד" אום זיי זאלען ניט פאלען און ווערען פשוט'ע מקבלים. דער סארט טיפ ענדיגט זיך אין אונזער דור, א דור פון טשעקס מיט באנק־ביכער פון באנקירען מיט טראסט־קאמפאניעס.

אלע שאוולער אידען, אדער די, וועלכע זיינען אמאל געווען אין שאוועל,

www.libtool.com.cn

וועלען גלייך פערשטעהען אז איך מיין דא רבי מרדכי אהרנשטאם, אדער ווי מען רופט איהם פשוט אין אידיש רבי מאטעל דער וויינשענקער. ער אליין ציהט זיין חיונה פון דעם וואס ער מאכט ראזשינקעס־וויין און פערקויפט דאס פאר קידוש און הבדלה. ער איז גאנץ ווייט פון רייכטהום, נאר ער איז א גרויסער מסתפק במועט. ער לעבט אליין זעהר שפארזאם און ער האט אויפגעזאמעלט א קליי־נעם קאפיטאל מיט וועלכען ער ראטעוועט הונדערטער פאמיליעס פון אונטער־געהן. דעם גאנצען קאפיטאל זיינעם לייהט ער אוועק צו די קליינע געשעפטס־לייט, קרעמער, פערשידענע הענדלער, ארימע פרויען, וועלכע האנדלען מיט עסענ־ווארג, היהנער, אייער, און האבען ניט קיין געלד מיט וואס אנצופיהרען זייער מסחר. צו זיי קומט רבי מאטיל ווי א מלאך מושיע און העלפט זיי אוים.

יעדען פרייטאג קלייבען זיך צוזאמען די ארימע מארק־ווייבער צו רבי מאטעל וויינשענקערס הויז, זיי ברייגגען אפ זייערע גמילות חסדים און נעהמען צוריק זייערע לייכטער אויף ליכט בענשען לכבוד שבת, און זונטאג פריה ברייגגען זיי ווידער די לייכטער צו רבי מאטלען און נעהמען ווידער זייערע גמילות חסדים.

עס ווערט דערצעהלט אז יעדען ווינטער ווערט רבי מאטעל שטארק בע־שעפטיגט אומצוקעהרען די אלע ווינטערדיגע בגדים, פוטערס, פעלצעג, צו די לייטע, וועלכע האבען זיי פארזעצט ביי איהם דורך דער זומער צייט. צו די יעניגע געפאלענע בעלי בתים, וועלכע שעהמען זיך צו קומען נאך זייערע זאכען, טראגט רבי מאטעל אליין אוועק צו זיי אין א פינסטערער נאכט, קיינער זאל ניט זעהען אום ניט צו פערשעהמען די בכבוד׳יגע ארימע לייט.

איינמאל האט אן ארימע מארק־פרוי זיך פערקלאגט פאר רבי מאטלען אז אין דער וואך האט זי גאר ניט געמאכט און זי פערלאנגט פון איהם ער זאל איהר געטרויען איהרע לייכטער איבער שבת, און זונטאג וועט זי זיי צוריק־ברייגגען צו איהם. זעלבסטפערשטענדליך, אז רבי מאטעל האט איהר בקשה ער־פילט. עס זיינען אוועק איניגע וואכען, די אידענע האט די לייכטער ניט גע־בראכט. ויהי היום, איינמאל אין א פרייטאג, איז זי געקומען מיט איהרע לייכ־טער און האט געבעטען ווידער א גמילות חסד.

"מאטעל, — זאגט צו איהם זיין ווייב שטילערהייט, — דאס איז דאך די פרוי, וועלכע עס האט נאך איהר ערשטען גמילות חסד ניט באצאהלט!"

"שא! שא! — ענטפערט רבי מאטעל צו זיין פרוי, — רעד ניט, זאג גאר ניט צו דער ארימער פרוי, זי וועט נאך חלילה פערשעהמט ווערען".

און באלד האט רבי מאטעל איהר געגעבען דעם נייעם גמילות חסד אהן איין ווארט צו זאגען איהר.

דער רבי מאטעל איז איינער פון די אמת׳ע אויפריכטיגע ארטאדאקסישע אידען, אבער טאלעראנט און בעהאנדעלט די פרייזינקער גלייך ווי די פרומע.

www.libtool.com.cn

יא. דער טיפּ איך געהט אוועק פון אונזער דור, אהין וואו דער שבת קודש געהט אוועק.

בלויז איין רעדע האָב איך געהאַלטען אין שאַוועל און דער פּאָליציי־שטט האָט מיר פארוועהרט צו רעדען מעהר. אומזיסט איז געוועז די מיה פון אלע שאַוועלער נכבדים מיט׳ן כלל טהוער אפרת בראש. דער פּאָליצמייסטער האָט זיך איינגע׳עקשן׳ט און אפילו דער רוסישער מיטעל האָט אויך ניט געהאָלפען, און דער פינסטערער עקשן האָט נאָך ערגער געטהאָן: עס איז געוועזן ווייניג פאַר איהם צו פארוועהרען מיר אין שאַוועל צו רעדען, ער האָט מיך ארעסטירט אין הויז, דאָס הייסט, אז איך האָב ניט געטאָרט פערלאָזען שאַוועל און געמוזט קומען זיך ווייזען פאַר דער פּאָליציי צוויי מאָל טעגליך, פריה און פארנאכט. און צו דעם ווילנער געבענאַראַל־גובערנאַטאָר האָט ער געשריבען, אז ער האָט ארעסטירט א אידישען רייזענדען רעדנער, וועלכער, נאָך זיין מיינונג, איז א געפעהרליכער אויפרייצער פון דעם המון געגען דער רעגירונג.

אזוי בין איך געזעסען אין האָטעל איניגע טעג, ביז איין טאָג אין דער פריה זיינען געקומען צו מיר צוויי זשאַנדאַרען, זיי האָבען מיך אוועקגעפיהרט צו דעם הויפּט זשאַנדאַרמסקען נאַטשאַלניק, וועלכער האָט מיר דערלאַנגט א פּאַפּיער פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר און האָט מיר פאָרגעלעזען דעם דאָקומענט אין דעם נאָמען פון דעם גרויסען רוסישען צאַר אלעקסאַנדער דעם דריטען, אז איך זאָל פערלאָזען רוסלאַנד. איך האָב בלויז צייט איין מאָנאַט, אבער איך טאָר ניט רעדען מעהר. מיט א פינסטערען וואונק מיט זיין זשאַנדאַרמסקען אויג האָט ער מיר אָנגעוויזען צו חתמ׳ענען מיין נאָמען אויף דעם בעפעהל פון ווילנער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר. מיט א קלאַפּענדען הארץ און א ציטערדיגער האנד האָב איך גע׳חתמ׳עט מיין נאָמען דעם לעצטען מאָל אין דער רוסישער שפּראַך.

און די חתימה האָט אָפּגע׳חתמ׳עט א נייע תקופה אין מיין לעבען, א תקופה וועלכע האָט מיך ארויסגענומען פון דעם פינסטערען רוסלאַנד און האָט מיך אריבערגעטראָגען אין דער פרייער לאַנד, אין דער לאַנד, אין וועלכער מיינע מיליאָנען ברידער און שוועסטער לעבען פריי און געניסען פרייהייט גלייך מיט אלע פרייע בירגער — אין די פעראייניגטע שטאַאַטען אמעריקא.

www.libtool.com.cn

## 29טער קאפיטעל

איך געזעגען זיך מיט רוסלאנד. — רבי שמואל מאָהליווער בענטשט מיך אויף מיין וואנדער־וועג. — עראינערונגען אויף דער גרעניץ פון רוסלאנד און דייטשלאנד. — אין קעניגסבערג דערוויס איך זיך פון אלעקסאנדער דעם דריטענס טויט. — דער פירוד צווישען די דייטשע און רוסישע אידען. — מיין ערשטע רעדע אין קעניגס־בערג. — מעמעל, די האלב־רוסישע און האלב־דייטשע שטאָדט.

איידער איך האָב פאַרלאָזט רוסלאנד, האָב איך גערעכענט פאַר מיין פליכט צו בעזוכען דעם לעצטען מאָל דעם חובב־ציוניסטישען גאון רבי שמואל מאָהילע־ווער און צו נעהמען פון איהם א ברכה ביים געזעגענען זיך.

צוליעב דער מורא פאַר דער רעגירונג, ביז איך אריינגעפאָהרען אין ביאַליס־טאָק אינקאָגניטאָ. עס איז בלויז בעוואוסט געווען בסודי סודות צו די בעוואוס־טע פיהרער פון די חובבי ציון, איינער האָט דעם צווייטען איבערגעגעבען פון מויל צום אויער און דער צווייטער צום דריטען, אז מאַסליאַנסקי איז דאָ אין ביאַליסטאָק, ערגיץ אין א האָטעל אויף א פרעמדען נאָמען, און היינט ביי נאכט וועט ער נעהמען אבשיעד ביי א קאָנספּיראַטיווער פערזאמלונג ביי דעם בעוואוס־טען חובב־ציון ליטמאַן ראָזענטהאַל. און די פערזאמלונג איז ווירקליך געווען קאָנספּיראַטיוו. און, אויב אונזערע בונדיסטען און סאָציאַליסטען שטאָלצירען און בערימען זיך, אז נאָר זיי האָבען אריינגעבראכט די קאָנספּיראַציע אין דער אידישער גאס, זאָל קומען די ביאַליסטאָקער אסיפה און איבערצייגען זיי, אז אויך די חובבי ציון פון דעם פערגאנגענעם דור האָבען געוואוסט דעם סוד פון קאָנספּי־ראַציע און די נויט האָט זיי געלערנט צו בעהאַלטען זיך פון דער רעגירונג.

דער אָווענט איז געווען א הייליגער. אייניגע צעהנדליג ביאַליסטאָקער איבער־געגעבענע חובבי ציון, צווישען זיי עלטערע און יונגע, די שטימונג איז געווען א מיסטישע, איך האָב זיך געזעגענט דורך זיי מיט אלע מיינע פריינד און פער־עהרער פון גאנץ רוסלאנד, איך האָב גערעדט מיט בלוט פון הארץ, אלע מיט מיר צוזאמען האָבען געוויינט מיט זודיגע טרעהרען, און די טרעהרען זיינען געווען הייליגע, אידישע. דאָס הויז איז געווען פערשלאָסען, רעדען האָבען מיר אלע גע־מוזט שטיל, און אזוי האָבען מיר פערבראכט ביז נאָך האלבע נאכט און מיר האָ־בען זיך צוזעגענט...

ווי א גוטער איבערגעגעבענער פאָטער איז ארויפגעפאַלען רבי שמואל מאָהלי־ווער אויף מיין האלז, ער האָט מיך געקושט און האָט מיך געבענשט און געזאָגט: „דו ביזט דער ווירקליכער מטיף לאומי, פאָלקס־רעדנער, דיין פאָלקס שיקזאל איז

www.libtool.com.cn

דער זעלבער וואס דיין שיקזאל. דו וואַגעלסט, מיין קינד, פון איין טהייל וועלט צו דער צווייטער, פאַהר צו דיינע ברידער אויף יענער זייט ים און טהו דאַרט, בהצלחה, דיין הייליגע ארבייט, וועק זיי אויף פון זייער שלאף און זאג זיי, אז אונזער נאציאָנאלע היים איז ניט אין מערב, נאַר אין מזרח, און ווען זיי זיינען יעצט מגולגל געוואָרען אין די עקען פון מערב, זאָלען זיי דעם מזרח ניט פאַר־געסען. איך בין אין דיר, מיין קינד, בטוח אז דו וועסט זיי ערמינערען אן זייערע פליכטען צו זייער גאָט, צו זייער לאַנד, און צו זייער פאָלק".

אַט אזוי האָב איך זיך געזעגענט מיט רוסלאַנד און פארטאָג בין איך איבער־געגאַנגען דעם גרעניץ און איך האָב זיך געפונען אין פרייסען — דייטשלאַנד.

די לעצטע נאכט איז ביי מיר געווען א ליל שמורים. שטאַרקע מעכטיגע געפיהלען האָבען פערנומען מיין הארץ, געדאַנקען און ערמינערונגען האָבען אָנ־געפילט מיין מאָרך, און איך האָב בשום אופן ניט געקענט אנשלאָפען ווערען. אזוי בין איך אויסגעזעסען די גאַנצע נאַכט מיט פערמאַכטע אויגען און מיין זכרון האָט דורכגעבלעטערט מיינע גאַנצע פערציג יאָהר לעבען, וועלכע איך האָב דורכגעלעבט אין דער פינסטערער רוסלאַנד, באזונדערס די לעצטע פופצעהן יאָהר זינט איך בין געוואָרען א חובב־ציון גלייך ווי די אידעע פון חבת ציון איז גע־בוירען געוואָרען. איך האָב זיך ערמינערט אַן די ערשטע אספות פון די פינסקער חובבי ציון, ווען איך האָב דעם ערשטען מאָל דערפיהלט אין מיר דעם הייליגען פייער פון דער גוואַלדיגער ליידענשאַפט צו רעדען צו מיין פאָלק, אויפצואוועקען איהם פון דעם גלות־שלאף, צו פארשטעלען פאַר איהם לעבענס־בילדער פון זיין שקלאַפען־לעבען און גלות־מארטירערי מיט דעם מה־יפית זיינגעריי. איך האָב זיך דערמאָהנט ווי איך האָב געמוזט בעהאַלטען די אלע ציוניסטישע פּראָטאָקאָלען און די קאָרעספאָנדענץ פון די ציוניסטישע ביוראָס אין אדעס און וואַרשא, אין די קישענס פון מיין בעט, אום עס זאָל ניט אריינפאַלען צו דער רוסישער פּאָליציי אין די הענד. איך האָב זיך דערמאָהנט די שטורעמדיגע אספות נאַך ווען דער גאון רבי דוד פרידמאַן, דער קאַרלינער רב, איז געווען א הייסער חובב ציון, איידער זיין פאַהרען צו דער היסטאָרישער קאַטאָוויצער אסיפה, צו וועלכער דער דאָקטאָר לעאָן פּינסקער מיט רבי שמואל מאָהליווער האָבען גערופען. א, ווי הייליג און טהייער זיינען די זכרונות פון יענער נאאיווער הייליגער פאָלקס־ארבייט וואס די ערשטע חובבי ציון האָבען געטהאָן מיט דעם גרעסטען מסירת נפש.

איך האָב זיך דערמאָהנט אַן דער נאַכט, אין וועלכער מיר, פינסקער חובבי ציון, האָבען באַקומען די טרויערדיגע ידיעה, אז אונזער גרויסער נאציאָנאליסט, אונזער גייסטיגער פאָטער און לעהרער, אונזער גרעסטער פּובליציסט און בעלע־טריסט, פרץ בן משה סמאָלענסקין, דער רעדאַקטאָר און ארויסגעבער פון דעם ער־שטען נאציאָנאַליסטישען זשורנאַל "השחר", איז געשטאָרבען יונג און עלענד, אין מעראַן, האַלטענדיג אין האַנד די טעלעגראַמע פון דער קאַטאָוויצער אסיפה.

www.libtool.com.cn

אין מיטען דער נאכט האבען מיר, די יונגע נאציאנאליסטען און העברעער, זיך פערזאמעלט ביי מיר אין מיין קליינער וואהנונג און שטילערהייד האבען מיר טרעהרען געגאסען אויף דער אבחה. רעדען האבען מיר ניט געקענט, דער בראך איז געווען צו גרויס. נאך א „מכתב תנחומים״, א טרויסט־בריעף האבען מיר פערפאסט און אוועקגעשיקט דורך דעם „המליץ״ צו דער אלמנה סמאלענסקין מיט איהרע קינדער.

איינינע יאהרען איבערגעהיפט, און מיין האלב־וואכיגע, פער׳חלום׳טע פאנ־טאזיע האט מיך איבערגעטראגען נאך אדעס, וואו איך בין אפיציעל „מטיף לאומי״, פאלקס רעדנער געווארען. דארט האט זיך מיין פערפאלגונג פון דער רוסי־שער פאליציי אנגעפאנגען, פון שטאדט צו שטאדט, און פון איין גובערניע צו דער צווייטער. דער ערשטער מחבל איז געווען דער אדעסער גראדאנאטשאלניק זעלענאי, וועלכער האט אין 4 שעה צייט מיך פון אדעס ארויסגעשיקט. דער צוויי־טער איז דער באסאראביער גובערנאטאר, וועלכער האט מיך דריי טעג געהאל־טען ארעסטירט, און האט מיך פון קישענעוו ארויסגעשיקט אין מיטען מיין ארבייט. אין אזא לאגע בין איך ארומגעפאהרען איבער דער גאנצער רוסיש־אידי־שער געהעטא — טשערטא אסעדליאסט, — צעהנדליגער מאל בין איך ארעסטירט געווארען, אין מינסק און אין לאדז האבען די זשאנדארען מיין טלית פון מיר ארונטערגעריסען, שטעהענדיגביים ארון קודש, און אוועקגעפיהרט מיך אין טורמע גלייך מיט אלע ארעסטאנטען־פארברעכער, ביז דער שטאדט שאוועל, וועמעס געטרייער איספראווניק האט מיך ערלייזט פון אלע מיינע צרות און פא־ליציי־פערפאלגונגען, און דורך דעם גענעראל־גובערנאטאר פון ווילנא האט ער מיך אינגאנצען ארויסגעשיקט פון רוסלאנד.

קעניגסבערג, האט דער קאנדוקטאר אויסגעשריען. איך האב זיך אויפגע־כאפט פון מיינע טרויערדיגע חלומות, און איך האב זיך געפיהלט ווי מען האט פון מיר פלוצלינג א שווערע משא ארונטערגענומען, אזוי ווי איך וואלט פון טור־מע בעפרייט ווערען, אזוי ווי איך בין געראטעוועט געווארען פון א ווילדער חיה. עס האט זיך מיר געדאכט אזוי ווי נייע הימלען איבער מיין קאפ, אזוי ווי א נייע ערד אונטער מיינע פיס. מיין גאנצער וועזען איז פול געווארען מיט דער איבערצייגונג, אז די טיראנישע רעגיערונג וועט מיך שוין ניט גרייכען צו פער־פאלגען, אז איך בין פטור געווארען פון איהרע זאקאנעס און פון איהרע זאקאנ־מאכער, איך בין פריי, א פרייער מענש מיט מיין אייגענעם ווילען. איך בין ארויס פון דעם רוסישען וואגאן, איך האב זיך געשטעלט אויף דעם דייטשען באדען און איך האב שטילערהייד געמאכט א ברכה: „ברוך מתיר אסורים״.

די גאנצע שטאדט קעניגסבערג קאכט ווי א קעסעל. אלע גאסען זיינען פול מיט מענשען, יעדער האלט א צייטונג און איז פערטיעפט אין דער נייעס פון טאג. א גרויסע „עקסטרא״ שיינט ארויס אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג:

www.libtool.com.cn

„אלעקסאנדער דער דריטער, דער רוסישער צאר, איז טויט, ער איז געשטאָרבען דריי אוהר. נאָך האלבען טאָג אין זיין פאלאץ אין ליוואדא — קרימער גובערניע״.

איהר קענט זיך פאָרשטעלען מיין הארץ־קלאפּונג, און ניט ווילענדיג האָב איך אָנגעפאנגען צו זאָגען דעם פערצעהנטען קאפּיטעל אין ישעיה, „כי ירחם ד׳ את יעקב... ואתה אמרת בלבבך השמים אעלה... אך אל שאול תורד, אל ירכתי בור . . .״

„דו האָסט זיך געקלערט אין דיין הארץ אז איך וועל זיך ביז׳ן הימעל דער־הויבען, יעצט וועסטו זיך אין קבר דערנידעריגען״.

קומענדיג אין האָטעל האָב איך געפונען א גרויסע אידישע פערזאמלונג. אלע אויגען האָבען געלויכטען, אלע געזיכטער האָבען געשיינט פון דער פרעה־ליכער בשורה, אז דער צאר הצורר, וועלכער האָט מערדעריש פערפאָלגט די אידען, איז פּלוצלינג געשטאָרבען. אין אייניגע מינוטען האָבען זיי זיך צוזעצט ארום די טישען און בעכערס וויין האָבען זיך שנעל אויסגעליידיגט. מען האָט מיך מכבד געווען מיט א כוס של ברכה, און איך האָב אויסגעשריען: „לעושה נפלאות גדולות לבדו — לעז „ליוואדיא״. דער גאנצער עולם האָט געענטפערט מיט א יובעל געשריי.

צווישען דעם פרעהליכען עולם זיינען געווען פיעל פון די מאָסקווער ארויס־געטריבענע און פּאָליטישע פארברעכער ווי איך, און מיר האָבען אלע באַאיוו געגלויבט, אז דער נייער צאר, ניקאָלאי דער צווייטער, וועט זיין בעסער פאר אונז אידען ווי זיין טיראנישער פאטער, ווייל מען האָט איהם גערעכענט פאר א ליבעראל. היינט, ליידער, ווייסען מיר אלע אונזער נארישען טעות. פון דיזער שלאנג איז ארויס א בייזערער שלאנג...

דעם ראבינער דר. באמבערגער האָב איך בעזוכט, ער האָט מיך זעהר פריינדליך אויפגענומען. איך האָב איהם געפונען ביים זיין ארבייט, לערנענדיג א יונגע קריסטליכע מיידעל די פּרינציפּען פון דער אידישער אמונה. די מיידעל האָט באַשלאָסען צו ווערען א אידין. מיט גרויס פליים האָט זי שטודירט די אידי־שע תפלות און די מנהגים. קומענדיג נאר וואָס פון דער פינסטערער רוסלאנד וואו א געטויפטער איד טאר זיך צו זיין רעליגיע ניט אומקעהרען, איז דאָס געווען ביי מיר א פרעהליכע איבערראשונג. „געבענשט זאָל זיין די פרייהייט״, האָב איך זיך אויסגעדריקט מיט פרייד.

שבת האָב איך געהערט דעם חזן אין שוהל, זאָגענדיג מיט גרויס כונה דעם „הנותן תשועה למלכים״. און דער נאמען ווילהעלם דער צווייטער איז דערמאָנט געוואָרען אנשטאט „אלעקסאנדער דעם דריטען״ ווי איך בין געוואָהנט געוואָרען צו הערען אין רוסלאנד. דער שינוי השם האָט אויף מיר געמאכט א שטארקען

www.libtool.com.cn

רושם, בעטראַכטענדיג וויפיעל פערשידענע קעניגע און געוועלטיגער האָט אויף זיך דער אומגליקליכער עם מפוזר ומפורד. אין יעדען לאַנד מוז ער בעטען דעם ויפיל שונאיו לפניו. וואָס פאַר אַ טראַגישע קאָמעדיע שפּיעלען די אידען יעדען שבת. די רוסישע אידען בעטען אַ מפלה אויף די רוסישע שונאים, דאָס מיינט אויף די דייטשען, און די דייטשע אידען בעטען אַ מפלה אויף די רוסען, און אַזוי ווייטער. אַ, אָרים גלות פאָלק! פאַר דיינע אייגענע שונאים בעטסטו לאַנגע יאָהר און גרויסע קרעפטען...

קומענדיג פון שוהל אין האָטעל, האָב איך געפונען פיעל אידען זיך מתוכח זיין וועגען חבת ציון און, מערקווירדיג איז, אַז די צוויי עקסטרעמען, די גרויסע פרומאַקעס מיט זייערע טאַשען־טיכלעך פערקניפּט אויף זייערע העלזער און די אבסאָלוט־פרייע פון רעליגיע שטימען מיט זייער שנאה צו ישוב ארץ ישראל, און די געצעהלטע חובבים, וועלכע האָבען זיך דאָרט געפונען, האָבען געמוזט נעביך שווייגען און זיין פון די הנעלבים ואינם עולבים.

קעניגסבערג איז די געבורטסשטאָדט פון דעם גרויסען פילאָזאָף עמנואל קאַנט און די קעניגסבערגער זיינען שטאָלץ מיט איהם.

די דייטשע אידען זיינען זעהר זעהר ווייט פון די רוסישע אידען ווי דער מערב פון מזרח. זיי פערשטעהען ניט זייער לעבען, זייערע באַדערפעניש, זייערע שטרעבונגען און האָפנונגען, זייערע ליידען און פריידען. פון דער הויך קוקען זיי, די דייטשע אידען, אויף די רוסישע, אַזוי ווי אויף כינעזער און יאַפּאַנעזער, און אַן אַקסיאָמע איז ביי זיי דאָ, אַז די רוסישע אידען זיינען אומפאַרשטענדיגע. ווען זיי זאָלען זיך אַביסעל פערטיעפען צו לעזען דעם געטליכען שריפט, וועל־כער איז אויסגעקריצט אין די קנייטשען אויף די שטערענס פון די רוסישע אידען, דאַן וואָלטען זיי זיך איבערצייגען אין זייער טעות און זיי וואָלטען זיך בעפרייען פון זייער פאָראורטהייל. אין דעם בין איך איבערצייגט געוואָרען נאָך מיין ערשטען פאָרטראָג, וועלכען איך האָב געהאַלטען אין יונקערהאָף פאַר אַ גרויסער פערזאַמלונג. נאָך מיין רעדע זיינען צוגעגאַנגען צו מיר דר. באַמבערגער, פּראָפעסאָר מינקאָווסקי און נאָך זעהר פיעל געלעהרטע, זיי האָבען מיך באַ־דאַנקט ערנסט און זיי האָבען זיך אויסגעדריקט אַז זיי וואָלטען קיינמאָל ניט גלויבען אַז אַ רוסישער איד מיט זיין "זשאַרגאָן" זאָל זיי קענען האַלטען גע־שפּאַנט צוויי שטונדען צייט, וועלכע זיינען ביי זיי פערשוואונדען שנעל ווי צוואַנציג מינוטען, אַרויסגערופען ביי זיי טרעהרען און אויך געלעכטער. מיין רעדע איז געווען אַ טעלעגראַמע וועגען טיראַנישע הערשאַפט. פאַר אַ סימבאָל האָב איך גענומען נבוכדנאצר מלך בבל. איך האָב געשילדערט זיין שטאַרקייט און זיין שרעקליכע מפלה און איך האָב אויפגעוויזען אַז טיראַנייי קען ניט אַנהאַלטען לאַנג און די ענדע פון די טיראַנען איז אייביגע שאַנדע און שפּאָט.

www.libtool.com.cn

דער דייטשער בעאמטער, וועלכער איז געווען ביי מיין לעקטשור, האט מיר געדריקט די האנט און האט מיר געזאגט:

״יא, הערר פרעדיגער, זי האבען וועגען באבילאנישען קעניג געשפּראכען, אבער זי האבען דעם רוסישען צאר געמיינט, איך האב דאס גאנצע אלעגארישע רעדע גוט פערשטאנען״.

מיין צווייטע רעדע האב איך געהאלטען אין דער שוהל ״שארית ישראל״ נאך דעם נאמען פון דעם גרויסען גאון רבי ישראל סאלאנטער, אין וועלכער ער האט געדאווענט זיין גאנצע צייט וואס ער האט געוואהנט אין קעניגסבערג. א שרעק האט מיך אנגענומען צו זעהען אז די שוהל איז פערשלאסען די גאנצע וואך, און נאר שבת איז זי אפען פאר געצעהלטע מענשען. אפגעלאזען, פערשמוצט, עטליכע ספרים צעריסענע וואלגערען זיך אין א צובראכענעם שראנק.

איז דאס דער מאנומענט נאך דעם גרויסען אידען רבי ישראל?

מעמעל שטעהט אויף דער גרעניץ צווישען די צוויי לענדער רוסלאנד־דייטשלאנד, און עס איז שווער צו אורטהיילען אויב זי איז א רוסישע אדער א דייטשע שטאדט, ווייל איהרע אידען האלטען אין זיך אויףביידע כאראקטערען, זיי האבען ליעב די תורה און היטען דעם שולחן ערוך אזוי ווי די ליטווישע אידען, זיי זיינען אבער ווייט פון דער העברעאישער שפּראך און ליטעראטור, פון אלע נאציאנאליסטישע באוועגונגען ווי די רייכע דייטשע אידען.

איך האב בעזוכט דעם מעמעלער רב רבי גבריאל פיינבערג, א ברודער פון דעם בעוואוסטען דאקטאר פיינבערג פון קאוונע. איך האב דערזעהען פאר זיך א פאטריארך מיט זיין לאנגער ווייסער בארד, מיט זיין גרויסען קאפּ און הויכען שטערען, מיט שיינענדע ליכטיגע אויגען. ער איז געביך געווען א חלוש, אבער זיינע געדאנקען זיינען געווען קלאהרע און געזונטע ניט נאר אין תורה, נאר אויך אין וועלט־זאכען.

גאנץ מעמעל, אלט און יונג, מענער און פרויען, פרומע און פרייע, האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין דעם גרויסען בית המדרש צו הערען מיין רעדע. צווישען זיי זיינען געווען דר. ריולף, דער ראבינער, יעקב שפּירא, דער מנהיג פון דער קהלה, און דער העברעאישער ליטעראט שיינהויז. זיי האבען אלע אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט און זאגאר די פרומע מעמעלער אידען האבען מיר אפּגעגעבען זעהר א שעהנעם קאמפּלימענט, אז אזא ווארעמע, אידישע רעדע האבען זיי ניט געהערט זייט רבי ישראל סאלאנטער זצ״ל. איך האב זיך ערקונדיגט פון דער גרויסער ארבייט וואס זיי טהוען פאר די אומגליקליכע פון אונזערע רוסישע אידישע ברידער, וועלכע אנטלויפען טאג־טעגליך פון דער פינסטערער רוסלאנד. בראש פון דער נאבעלער ארבייט איז געשטאנען דער גוטער דאקטאר ריולף. ווי א מלאך בעשיצט ער די פערפאלגטע אימיגראנטען. טאג און נאכט

www.libtool.com.cn

איז ער בעשעפטיגט צו העלפען זיי מיט אלע מעגליכקייטען אום זיי זאלען קאָנען ווייטער מאכען זייער רייזע נאָך אמעריקא.

דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך בייגעוואָהנט א אידישע לויה אין דייטשלאנד. אן ארימע פרוי איז געשטאָרבען, אבער וואס פאר א שעהנע אָרדנונג, אנשטענדיג, צוויי שווארצע פערד האָבען געפיהרט דעם ריינעם שווארצען וואָגען. די באגלייטער זיינען נאָכגעגאנגען שטיל, רוהיג.

## 30טער קאפיטעל

בערלין, די דייטשע הויפּטשטאָדט. — דער פאָטער רבי עזריאל הילדעסהיימער, וועלכער זיצט על התורה ועל עבודה און וויים נישט פון דער נאציאָנאליסטישער באוועגונג און דער זוהן דר. הירש הילדעסהיימער, וועלכער איז איבערגעגעבען דעם ציוניסטישען אידעאל. — ווי בערלין גיט אָפּ כבוד דעם קייזער׳ס איניקעל. — א פאראד לכבוד ווילהעלם׳ס געבורטסטאָג. — די וועגעטאריער, וועלכע שאפען א מין אינטערנאציאָנאל. — יעקב טיראָדאָ׳ס אן איניקעל אין ראָטערדאם טראָגט מיין געפּעק צו דער שיף. — אלץ וואָס ער ווייסט איז שמע ישראל און שבת.

די דייטשע הויפּטשטאָדט, די שעהנע גרויסע בערלין, האָב איך דערזעהן גלייך מיט דעם אויפגאנג פון דער זון. די פריהע שטראהלען האָבען פערפלייצט מיט א ים ליכט די הויכע טורעמס מיט די דעכער פון די גראנדיעזע גרויסע פּאלאצען, וועלכע שיינען ארויס אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער בעריהמטער קייזערליכער שטאָדט.

נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָפּגערוהט פון דער רייזע, האָב איך מיין ערשטען וויזיט געמאכט צו די בעוואוסטע פאָטער און זוהן, די רבנים רבי עזריאל הילדעסהיימער און דר. הירש הילדעסהיימער. דעם אלטען פרומען רב האָב איך געפונען איינגעוויקעלט אין א גרויסען טלית לערנענדיג מיט גרוים בונה א בלאט גמרא מיט זיינע תלמידים. ער האָט מיך פריינדליך אויפגענומען און נאָך דעם ווי איך האָב איהם איבערגעגעבען די גרוסען פון רבי יצחק אלחנן, דעם קאָוונער רב, און פון רבי שמואל מאָהליווער, דעם ביאלאסטאָקער רב, האָט ער מיט מיר גערעדט וועגען דער אידישער לאגע אין רוסלאנד, אבער פון דער נאַציאָנאליסטישער בעוועגונג האָט ער געהאט גאָר א קליינעם בעגריף. ער האָט מיך אריינגעפיהרט אין זיין ישיבה, וואו איך האָב גוט בעטראכט זיינע תלמידים און האָב אין זיי געפונען דעם זעלבען טיפּ פון די וואָלאָזשינער און מירער ישיבה־בחורים, נאָר מיט מעהר ריינליכקייט און ווניגער פּלפּול מיט פּשט׳לעך.

www.libtool.com.cn

דער יונגער דר. הירש הילדעסהיימער איז שוין אייראָפּעאיש, א בעוואוס־טער ליטעראַט, אַן איבערגעבענער נאַציאָנאַליסט, אינטערעסירט זיך מיט חבת ציון, א לעקטשורער אין דעם פעראיין בני ישראל הצעיר, וועלכען ער האט גע־גרינדעט, און אויסער דעם נעהמט ער א גרויסען אנטהייל אין אלע אידישע כלל־זאכען.

צוזאַמען מיט דעם ביבליאָגראַף און איבערגעבענעם נאַציאָנאַליסט דר. היינריך לוי, וועלכער איז געווען מיין בעגלייטער די איינציגע טעג וואס איך האב פערבראכט אין בערלין, בין איך געגאנגען בעטראכטען די שעהנקייט פון דער שטאָדט. ער האט מיך געפיהרט "אונטער די לינדען", ער האט מיר געצייגט דעם קייזער׳ס פּאלאַץ, די וואונדערבארע מוזעאומס און די ביבליאָטעקען, די אלע שעהנע היסטאָרישע פּלעצער מיט די פּראכטפאלע געביידען מיט די בע־ריהמטע מאָנומענטען.

זיצענדיג אונטער די לינדען, האָבען מיר פּלוצלינג דערהערט מוזיק שפּי־לענדיג און א רעגימענט קייזערליכע רייטער איז אָנגעקומען מיט דעם גאנצען דייטשען מיליטערישען שטאָלץ און גלאַנץ. פּלוצלונג איז אנטקעגען דעם רעגי־מענט אָנגעפאָהרען א שעהנע קארעטע מיט א דאמע, וועלכע האט געהאלטען אין איהר שויס א זויג־קינד. דער גענעראל האט גלייך געגעבען א מיליטערישען צייכען, די מוזיק איז שטיל געבליבען, דער גאנצער רעגימענט האט ארויסגע־צויגען די שווערדען, וועלכע האָבען א בליץ געטהאָן קעגען די שטראהלען פון דער זון און א שטימע האט א שטורעם געטהאָן פון דעם גאנצען רעגימענט: "האָך!" "האָך!"

די דאמע, וועלכע איז געזעסען אין קארעטע, איז געווען אן אם פון דעם קייזערליכען הויף און דאס קינד איז געווען אן אייניקעל פון קייזער ווילהעלם. פאר דעם איין־יאָהריגען קינד האט מען אָפּגעגעבען קייזערליכע עהרע. אט דאס איז די קראפט פון אן אויטאָקראטישער רעגיערונג.

דאס ערשטע מאָל אין בערלין האב איך בעזוכט א וועגעטאריאנעם רעס־טאָראַן, איינעם פון די גרעסטע, און וואס פאר א שעהנעם איינדרוק עס האט געמאכט אויף מיר, ווען איך האב דאָרט געפונען מענשען פון פערשיעדענע פעלקער און פערשיעדענע רעליגיאָנען זיצען ארום די טישען פריינדליך און ברידערליך און עסען נאַטור־פּראָדוקטע פון דער מוטער־ערד: גראָזען, קערנער, פרוכטען געבאקטע און געקאכטע, און פערשיעדענע אוילען, וועלכע זיינען כשר פאר אידען, קריסטען און מאַכמעדאַנער. אט זיצט א הינדוס פון קאלקוטא מיט זיין טורבאן אויפ׳ן קאָפּ, לעבען איהם זיצט א טערק מיט זיין רויטען פעס, געגענאיבער א איד צוזאמען מיט א קאטאליק און עסען זיך רוהיג, פערבריינגען צוזאמען ווי ברידער.

הייליגע געפיהלען האָבען זיך ערוועקט אין מיר, זעהענדיג א גרויסע צאָהל

www.libtool.com.cn

מענשען, וועלכע פערגיסען ניט קיין בלוט און עסען ניט קיין פלייש. איך האב מיך ערינערט אן אונזער היסטארישער אידישער פראגע פון "מי יאכילנו בשר?" איך האב זיך דערמאהנט אן די שוחטים, די קצבים, די מנקרים, אן דער שחיטה, בדיקה און מליחה, דאס פליישיגס און מילכיגס, די איסורים מיט די התירים, די אומגליקליכע ברויטלאזע גע'אסור'טע שוחטים, די מחלוקת אין די אלע אידישע שטעדט איבער די אלע גלות־לענדער, די טאקסעס מיט די קאַראבקעס, די טייכען אידישע בלוט וואס זיינען פערגאסען געווארען צוליעב די אקסען בלוט און די קאלבען פלייש, און א געדאנק האט מיר א בליץ געטהאן: ווי ערהאבען און שעהן, ווי גוט, רוהיג און גליקליך וואלט געווען דאס אידישע פאלק, ווען אין איין שעהנעם פריהמארגען וואלטען אלע אידען בעשלאסען צו ווערען וועגעטאריאנער.

יא, דאס איז א פאנטאזיע, אבער דאך ווילסטו עס זאל פארווירקליכט ווערען.

ווען דו וואוינסט אין רוסלאנד און דו לעזט אין די צייטונגען וועגען דעם לעבען אין דייטשלאנד, וועגען זייער כלל־ארבייט, זייערע פערזאמלונגען, זייערע פלענער און רעזאלוציאנען, דאן דענקסטו אז זיי טהוען באמת גרויסע זאכען, אבער ווען דו קומסט אהער און בעאבאכטעסט ריכטיג דאס לעבען, דאן איבערצייגסטו זיך, אז בלויז דעם שאטען פון די בערג האסטו געזעהן פון דער ווייטען, דארט וואו עס געפינען זיך בלויז צוויי דייטשע אידען, דארט געפינסטו דריי פעראיינען מיט פערשידענע פערזאמלונגען, און די בערג שטורמען און געבוירען מייז...

מוזיקאלישע טענער, יובל געשרייען, געזאנגען פון דייטשע נאציאנאלע ליעדער האבען מיך היינט פריה אויפגעוועקט. איך האב דאס פענסטער געעפענט, א הערליך בילד האט זיך פאר מיינע אויגען בעוויזען, גאנץ בערלין פייערט, די גאנצע דייטשע נאציאן פרעהט זיך, די גאסען זיינען אנגעפילט מיט מיליטער, הונדערטע מוזיק קאפעליעס שפיעלען די דייטשע הימנע, די מאַרשירענדע זינגען די דייטשע נאציאנאלע ליעדער: "דייטשלאנד איבער אלעס", "אם וואכט ביי דער רהיין". "האָה, האָך פאר דעם קייזער!" שרייט אוים דער פעבעל, אלע געזיכטער שיינען און גלאנצען פון פרייד. איך בין ארוים אין גאס און זיך געלאזט מיט דעם שטראם, איך האב זיך דערוואוסט אז דעם טאג ווערט געפייערט דעם קייזער׳ס געבורטסטאג. דאס פאלק מארשירט לעבעדיג, הארמאניש נאך די קלאנגען פון דער מוזיק, ביז זיי זיינען צוגעקומען ביז די "אונטער די לינדען" צו דעם קייזער׳ס פאלאץ. דארט איז די גאנצע פראצעסיע שטעהן געבליבען, קאנאנען האבען געשאסען צוועהנדליגער מאל, אלע קירכען־גלעקער האבען געקלונגען, פריסטער מיט זייערע כאהרען האבען געזונגען

פלוצלונג האט זיך א פלאג־סיגנאל בעוויזען פון א ווערענדע פון דעם

פאלאץ, אלעס איז שטיל געווארען, אלעמענס אויגען האבען זיך געווענדעט צו דעם פונקט פון פאלאץ, וואו דער סיגנאל האט זיך בעוויזען און מאמענטאל האבען אלע דעם קייזער דערזעהן אין זיין פולער מיליטערישער יוניפארם. ביי זיין זייט — די קייזערין מיט די אלע גרויספירסטען, און דער קרוינפרינץ אין דער לינקער זייט. ווי א שטורם האט זיך ארויסגעריסען פון דעם גרויסען מענשען־ים, ווען דער קייזער האט זיך מיט זיין בלויזען ליכטען קאפ א לייכטען בויג געטהאן צו זיי. ביז 10 מינוט האט געשטורעמט דער יובעל־געשריי, נאכהער האט א טויטען־שטילקייט באהערשט דאס גאנצע עלעקטריזירטע פובליקום. דער קייזער האט אויסגעגלייכט זיין שטאלצע פיגור מיט זיין ברייטער ברוסט, אויף וועלכער די צעהנדליגע מעדאלען, גאלדענע און בריליאנטענע, האבען געשטראהלט געגען דער שיינענדער זון. ער האט גראציעז אויפגעהויבען זיין האנד, און האט מיט א מילדער אראטארישער שטימע בעדאנקט דאס פאלק. ער האט גערעדט איינינע מינוטען, דאס פאלק איז געווען בעצויבערט און היפנאטיזירט; ביי פיעלע מענשען האבען זיך טרעהרען געשטעלט אין די אויגען. ניט ווילענדיג האט זיך ביי מיר א זיפץ פון טיעפען הארץ ארויסגעריסען און ישעיה הנביא׳ס ווערטער האבען זיך פון מיין מויל ארויסגערעדט: **מלך ביפיו תחזינה עיניך!״** (דעם קעניג אין זיין פראכט זעהען דיינע אויגען!״).

האט זיך איינעם פון דעם דייטשען פאלק דאמאלסט געקענט פארשטעלען אויף איין סעקונדע, אז דער מעכטיגער מאנארך, דער פיעל־געעהרטער, געליעבטער און געשעצטער ווילהעלם דער צווייטער זאל פון זיין לאנד פערטריבען ווערען און דייטשלאנד זאל א רעפובליק ווערען? ניט איינעם פון זיי, און מיר אויך ניט.

נאך א רייזע פון א גאנצען טאג בין איך געקומען נאך ראטערדאם, האלאנד, ווייל איך האב מיר געאיילט נאך לאנדאן האב איך זיך ניט פערזאמט און גלייך פון באנהויף בין איך געגאנגען צו דער שיף, וועלכע געהט נאך לאנדאן. דער האלענדישער טרעגער, וועלכער האט מיינע געפעק געטראגען, איז געגאנגען גלייך מיט מיר, און מיר האבען ביידע געשוויגען. פלוצלונג האט ער זיינע אויגען אנגעשטעלט אויף מיר, האט זיך מיט כונה איינגעקוקט אויף מיין געזיכט און האט אויסגערעדט די ווערטער: ״יהודי״, ״שמע ישראל״, ״שבת״, יום טוב״, ״ארץ ישראל״. דאס האט ער נעבאך אויסגעשאטען זיין גאנצען באגאזש העבראישע ווערטער, וועלכע ער האט פארמאגט.

מיט א געמישטער שפראך, האלב דייטש, האלב האלענדיש, און מיט דער הילף פון די הענד און די פינגער, האט ער מיר געגעבען צו פארשטעהן, אז זיינע עלטערען און זיינע עלטערנ׳ס עלטערען זיינען אין האלאנד געבארען געווארען, און אויסער די ווערטער ״שמע ישראל״, ״שבת״, ״יום טוב״ ווייס ער ניט קיין איין העבראישען ווארט.

www.libtool.com.cn

איך האב איהם געפרעגט זיין נאמען, האט ער מיר געענטפערט מיט שטאלץ: ראובן טיראדא.

דער היסטארישער נאמען טיראדא האט א טרייסעל געטהאן מיין נשמה. איך האב זיך גוט איינגעקוקט אין דעם געזיכט פון יעקב טיראדא׳ס אייניקעל, וועלכער וויים צומאל ניט ווער זיין עלטער־פאטער איז געווען, א ביטערער גע־פיהל האט אנגעפילט מיין הארץ.

די שיף איז אפגעגאנגען שפעט אין אווענט און איך בין נאך געשטאנען שטונדען לאנג אויף דעם דעק. איך האב זיך איינגעטיעפט מיט מיינע בליקען אין די שווארצקייט פון ים מיט דער טונקעלקייט פון דער נאכט, צוזאמען מיט דער שווארצקייט פון מיינע געדאנקען און געפיהלען.

## 31טער קאפיטעל

לאנדאן, די שטאדט פון הויכע בנינים און פינסטערע היימען — דער אידישער פערטעל און דער כאאס אין אידישען לעבען. — געוועזענע מוסר׳ניקעס זיינען דא גע־ווארען אנארכיסטען און, פארקעהרט, געוועזענע אנארכיסטטען זיינען געווארען פא־נאטיקער־קנאים. — דער רב הכולל נפתלי אדלער, וועלכער פיהרט א טאפעלט לע־בען; אין ווייטשעפעל איז ער פרום און רודפ׳ט איינגעוואנדערטע און אין וועסט ענד איז ער אן ענגלישער דזשענטעלמאן. — דער פירוד צווישען די ציוניסטען.

זעהר ניט קיין גוטען איינדרוק האט געמאכט אויף מיר די גרעסטע שטאדט אין דער וועלט, לאנדאן, די הויפטשטאדט פון ענגלאנד, מיט איהרע מאסען מענשען, מיט איהרע הויכע געביידען, די פערשווארצטע פון דעם שטענדיגען פייכטען און שווארצען וועטער, מיט די טונקעלע וואלקענס, וועלכע הענגען אין דער לופט און פארשטעלען די שיין כמעט דאס גאנצע יאהר. אין מיטען טאג געהען די פערד, וועלכע שלעפען די וועגענער, מיט קליינע פאנארען אויף די קעפ. קומענדיג גלייך פון דער ליכטיגער, ווייסער בערלין, דוכט זיך דיר, אז דו ביזט אנגעקומען גאר אין אן אנדער וועלט, ערגעץ אונטער די הרי חושך. די גרויסע בנינים ווארפען אויף דיר ארויף א מיסטישע שרעק, דער גערויש פון דער ריעזיגער זיעבען־מיליאניגער שטאדט פארטויבט דיינע אויערען, צומישט דעם מארך, דיינע געפיהלען ווערען טעמפ, די געדאנקען פוסט און דו ווערסט ווי א מאשין, וועלכע בעוועגט זיך פון איין ארט צום צווייטען דורך א בעהאלטענער קראפט....

אבער ווען דיין אויג געוואוינט זיך צו צו דעם פינסטערען נעבעל און דיין אויער — צו דעם שרעקליכען גערויש, און דו בעטראכסט די הויכע, שלאנקע

www.libtool.com.cn

ענגלענדער מיט זייערע בלויע אויגען און די גלאטע געזיכטער, וואו דו בעמערקסט זייערע אויפפיהרונגען, זייערע מאנערן, דאן פיהלסטו אז דאס איז א גרויס פאלק, א פרייע נאציאן פון א העכערער ראסע, ביי וועמען פאליטישע פרייהייט און די פערזענליכע רעכט זיינען א טייל פון דער נשמה...

גאר א בעזונדער וועלט אז און פאר זיך איז די איסט־טייל, די לאנדאנער טייל שטאדט, וועלכע איז בעזעצט כמעט דורכאוים מיט אידען, ווען דו געהסט אריין אין דעם טייל שטאדט, דאכט זיך דיר אז דו ביזט אין ווילנע אדער אין מינסק און אפשר גאר אין בערדיטשעוו. אויף יעדען טריט און שריט שלאגסטו זיך אן ביי די קליינע קרעמלעך, ביי זייערע טיהרען שטעהען די קרע־מער פערוואקסענע מיט ניט קיין בעפוצטע בערד פון דעם טיפ פון די "זיידענע יונגע לייט", אדער קרעמערקעס, לעבעדיגע ווייבלאך, שווארץ־קעפיגע, מיט ליכטיגע אידישע שווארצע אויגען פון דעם טיפ פון די ווילנער קרעמערקעס. אויף דעם מארק שטעהען די הענדלערקעס, טארגאוועקעס, און פערקויפען פרוכט, בייגעל, קיכלעך אלע סארטען; פון די קעלערס שטעקען ארויס קעפ און יאר־מולקעס באפוצט מיט פאות. דארטען ארבייטען אידען אויף נעה־מאשינען, פרעסען בגדים און פארריכטען אלטע שיך, און אזוי לעבען זיך די אידישע קינ־דער, שפייזען זיך איינער פון צווייטען אין צער און אין נחת....

אין אן אבשייליכער ארמוטה לעבען די קריסטליכע איינוואוינער אין דער געגענד. זיי זיינען כמעט אלע שכורים, אנשטאט דער רוסישער וואדקא זויפען זיי דעם שערליכען אבסענט. זיי טרינקען אלע און אלעס, אלט און יונג, מענער און פרויען, און די שכרות פערדארבט זיי עקאנאמיש און מאראליש און מאכט א תל פון זיי. שרעקליך איז דאס בילד צו זעהן שבת צו נאכט—ערב זונטאג— ווי מענער און פרויען מיט זייערע קליינע קינדער אויף די הענט, שטעהען אין לאין פאר די שענק־הייזער אוןווארטען ביז זיי בעקומען זייער טייל שנאפס אדער ביער. די פרויען זיינען מזכה די קליינינקע מיט דעם ביטערען, גיפטיגען טראפען און אזוי פארדארבען זיי דעם יונגען דור אויף זייער גאנצען לעבען. א גרויסע טייל פון זיי זיינען אזוי פאראֶרימט פון דער שכרות, אז זיי האבען קיין קלייד אויף זיך ניט, קיין שיך אויף די פיס, און קיין וואוינונג ניט. זיי וואלגערען זיך פשוט אין די גאסען נאקעט און הונגעריג, צואווייקט פון דעם שרעקליכען פייכטען לאנדאנער וועטער, און ווערען געיאגט פון דער פאליצייאהן רחמנות.

מיינע רעדען האב איך געהאלטען, ווי געוועהנליך, אין דעם מזרח־טייל פון שטאדט, אין דעם טייל אין וועלכען עס וואוינען אונזערע רוסישע, פוילישע, ליטווישע אידען, צו וועלכע איך האב וואס צו רעדען, און וועלכע פארשטעהען וואס איך רעד.

www.libtool.com.cn

א שרעקליכע איבערקעהרעניש האָב איך געפונען צווישען מיינע לאנדסלייט — עליונים למטה ותחתונים למעלה — די אויבערשטע זיינען פון אונטען און די אונטערשטע פון אויבען, ווי אין מאטעריעלען צושטאנד אזוי אין גייסטיגען. די געוועזענע היימישע רייכע זיינען אָרים געוואָרען און די היימישע קבצנים זיינען דאָ עשירים געוואָרען. אויך די היימישע פרומע רעליגיעזע זיינען דאָ מופקרים געווארען, אינגאנצען זיך אויסגעטהאָן פון דעם גלויבען, און מאנכע פון זיי זיינען אנארכיסטען געווארען, און די געוועזענע היימישע פריידענקער זיינען דאָ אין לאַנדאָן "בעלי תשובה" געווארען, פשוט׳ע קנאים, פינסטערע פאנאטיקער אזוי ווייט, אז די אמת׳ע פרומע אָרטאָדאָקסען האָבען צרות פון זיי. ווי דער תלמוד זאָגט: "במקום שבעלי תשובה עומדים שם אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד", "דארט וואו די בעלי תשובה שטעהען, קאָנען די אמת׳ע צדיקים ניט שטעהן", ווייל זיי זיינען ווילד פאנאטיש און קראנק.

היינט פריה איז א קאָמיטע צו מיר געקומען פון לאנדאנער אנארכיסטישען קלוב. זיי האבען מיך איינגעלאַדען אויף א דעבאטע וועגען רעליגיאָן, און ווי ערשטוינט בין איך געוואָרען, ווען איך האָב דערקענט אין זיי צוויי ישיבה־בחורים, וועלכע האָבען געלערנט אין איינער פון די ליטווישע ישיבות. זיי האָבען געגעסען "טעג", געפראוועט "משמורים" יעדען דאנערשטאג ביינאכט, זיינען געוועזען "מוסר׳ניקעס", און קומענדיג אין לאָנדאָן האבען זיי אראָפּגעוואָרפען פון זיך אינגאנצען דעם עול און דורכמאכענדיג פריהער די מיסיאָנערסקע שולען, זיינען זיי אוועק נאכהער צו די אנארכיסטען און יעצט ארבייטען זיי פלייסיג צו פארשפרייטען קראָפּאטקינ׳ס טהעאָריען צווישען די וויטשעפּעלער אידען אין דעם איסט־ענד. מיט פלאמען פייער ברענען זיי דעם אידישען פאָלק צוזאמען מיט זיין תורה און אמונה, זיי רעדען מיט אזא שנאה, ווי פאָלקאמענע אנטיסעמיטען.

איך האָב זיך מיט זיי אָפּגערעכענט ווי איך האב געקענט און איידער זיי זיינען ארויס פון מיין צימער איז א צווייטע קאָמיטע ערשיענען פון דער חברה "שומרי שבת" און "מחזיקי הדת". זיי האבען מיך איינגעלאַדען צו רעדען אין זייער חברה צו פארשטארקען זייער הייליגע ארבייט און צו פראפאגאנדירען זייער טהעטיגקייט און, ווי צומישט בין איך געווארען, ווען איך האב דערקענט אין דעם פיהרער זייערען דעם בעוואוסטען אנארכיסט פון דער שטאָדט נ., וועלכער האט אין זיין שטאָדט אין רוסלאנד אראָפּגעפיהרט מאסען יונגעלייט פון אידישקייט, און האט זיי פאר אנארכיסטען געמאכט, און די רוסישע רעגיערונג האט איהם פארפאָלגט. ער האט זיך גערעטעט פון די זשאנדארמסקע הענד און איז נאך לאָנדאן אנטלאָפען, און דאָ איז ער א בעל תשובה געווארען, אן עקסטרעם פאנאטיקער, און פארביטערט יעצט זיין ווייב׳ס לעבען דערפאר וואס זי טראָגט איהרע אייגענע האָר. די אומגליקליכע פרוי האט פיעל פון איהר

www.libtool.com.cn

תכשיט געליטען דערפאר וואס זי האט ליכט געבענשט יעדען פרייטאג פאר־נאכט און ניט איינמאל האט ער ארויסגעווארפען די לייכטער אין גאס מיט די ליכט צוזאמען.

זעהענדיג די צוויי קאנטראסטען ווי פון מוסר׳ניקעס זיינען אנארכיסטען געווארען און אן אנארכיסט איז אין א ״מחזיק הדת״ פארוואנדעלט געווארען, האב איך געטראכט: ״א, ווי גרויס דיין קראפט איז, דו גרויסע לאנדאן, דו ביזט ריכטיג ווי די ״פרה אדומה״ איז אמאל געווען, דו ביזט מטמא טהורים און מטהר טמאים!״

מיט גרויס דרך ארץ האב איך בעזוכט דעם לאנדאנער רב הכולל, דעם ״גרויסען אדלער״, וועלכער בעשיצט מיט זיינע פליגלען די אלע אידישע גע־מיינדען וואס וואוינען אין די ענגלישע קאלאניען איבער דעם גאנצען ערד־קוגעל. אונטער זיין השגחה זיינען די אלע רבנים, רעווערענדס, שוחטים און חזנים, און אהן זיין הסכמה ווערט קיין כלל־זאך ניט געטהאן.

דער נאמען רבי נפתלי אדלער איז בעוואוסט און בעריהמט איבער דער גאנצער אידישער וועלט, נאך אלס א טראהן־פאלגער פון זיין בעריהמטען פא־טער רבי נתן אדלער, דער מחבר פון ״נתינה לגר״, האבען איהם די רבנים גאונים געהאלטען פאר א מין ״ראש הגולה״. זיי רעכענען זיך מיט זיין מיינונג, און ריהמען זיינע מעשים און זיינע מנהגים.

און איך, וועלכער האב זוכה געווען אין מיין לעבען נאך פון קינדהייט אן, און בעזונדערס אין מיין גרויסער רייזע, צו בעקענען זיך מיט די גרעסטע גאונים אין רוסלאנד און אין פוילען, האב גערעכענט אז איך וועל באמת געפינען אין דעם לאנדאנער רב הכולל דעם גדול פון אלע גדולים און דעם חכם פון אלע חכמים. ווי גרויס איז געווען מיין ערשטוינונג דערנאך, אז איך האב מיט איהם געהאט א געשפרעך איבער פערשיידענע אידישע ענינים און איך האב אין איהם געפונען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי דעם טיפ פון א רוסישען קאזיאנעם ראבינער, ניט פון די גאר גרויסע, נאר פון די געוועהנליכע. אבער א דיפלאמאט איז ער געווען א גרויסער, ער האט גוט פערשטאנען דאס לעבען און האט גע־וואוסט ווי צו האנדלען און ארומצוגעהן מיט פערשיעדענע מענשען. א שטרענגע ארטאדאקסישע ראל האט ער געשפיעלט ווען ער פלעגט שטעהן אויף דער בימה אין שוהל; א פאלקאמענער ענגלישער דזשענטעלמאן און אריסטאקראט איז ער געווען אין דער געזעלשאפט פון די געבארענע ענגלענדער.

אין זיין ״בית־דין־הויז״ אין דער איסט־ענד אויף דעם ווייטשעפעל, האט ער געשפיעלט די ראל פון א גרויסען קנאי, ער האט גע׳רודפ׳ט די פריידענקער ווי איינער פון די חסידישע גוטע אידען אין גאליציען און אין פוילען, אבער ווי פאלירט איז געווען אט דער ״כהן גדול״ ווען ער האט זיך געפונען אין דער

www.libtool.com.cn

ענגלישער אריסטאקראטישער געזעלשאפט אין דער וועסט־ענד. שטרענג האט ער געפיהרט זיין רבנות, מיט יראת הכבוד זיינען געשטאנען פאר איהם אלע זיינע אונטער־געאָרדענטע.

דאס איז עטוואס פון דעם כאראקטער פון רבי נפתלי אדלער, דעם לאנדאָנער רב הכולל. בעזונדערס האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין וועניג ליעבע און רעספעקט צו די רוסישע אידען בכלל און צו זייערע גאונים בפרט, אין דער צייט ווען די מאנטשעסטער קהלה האט איינגעלאדען דעם בעוואוסטען גאון רבי יצחק יעקב ריינעס פון לידא, דער הויפט גרינדער און פיהרער פון דעם "מזרחי".

ער האט דאמאלסט מיט זיינע דיפלאמאטישע גאנגען באוויזען זיין בעציהונג צו די אריבערגעקומענע אידען מיט זייערע גרויסע גאונים, זיין אנטיפאטיע איז געווען גוואלדיג און זיין פערפאָלגונג אהן א גרענעץ. איך האב דאמאלסט געזאגט א ווארט, וועלכער איז צוגענומען געווארען פון די אלע אידען אין ענגלאנד, אז רבי נפתלי אדלער הכהן, דער רב הכולל, האט מקבל געווען בירושה פון זיין גרויסען פאטער, רבי נתן אדלער "שנאה לגר" אנשטאָט "נתינה לגר".

אונזערע העברעאישע פובליציסטען גיסען אוים ימים טינט וועגען דעם "חנוך הבנים", וועלכער האט קיין אָרדנונג ניט אין רוסלאנד און ניט אין פוילען. ווען די דאָזיגע שרייבער וואָלטען בעזוכט לאָנדאָן, דאן וואָלטען זיי זיך איבערצייגט, אז אין לאָנדאָן איז דער חנוך נאך פיעל מעהר פאררארבען. עס איז שרעקליך ווען איך האב בעטראכט אז די אידען, וועלכע האָבען זיך אנגלאָזירט, האָם הייסט אז זיי וואוינען דאָ פון לאנג, האָבען דאָם אידענטום כמעט איינגאנצען פארגעסען, עס איז זיי מעהר ניט געבליבען ווי דער זכר פון עסען יעדען פרייטאג־צו־נאכט געפילטע פיש און "יגדל" זינגען נאך דעם דאוונען. זייערע קינדער ווערען ערצויגען אין דער אלגעמיינער ענגלישער שול און די אבלים זייערע לעזען דעם "קדיש" מיט געדרוקטע ענגלישע בוכשטאבען, און די גרינע אידען? די ערשט אריבערגעקומענע זיינען שוין צופיעל טריי צו דער טראדיציע און זיי לאָזען ניט פאלען איין האר פון דער איישישאָקער קולטור, און זייערע קינדער לערנען עברי, מעבֿיר סדרה זיין ביי די אלטע מיטגעבראכטע פארצייטיגע מלמדים, וועלכע האבען אליין קיין בעגריף ניט פון דער העברעאישער שפראך און דער אידישער געשיכטע. ווער רעדט פון ענגליש? דאס רוב פון די ערציהער זעלבסט קענען קיין אדרעס ניט אָנשרייבען.

פון די לאָנדאנער ציוניסטען האב איך אויך קיין פיעל נחת ניט געהאט. זיי זיינען צוטיילט אויף פערשיעדענע קלייזלאך און יעדע קלייזער בויט זיך א בימה פאר זיך, וואַרפען שמוץ איינער אויף דעם צווייטען. פיעלע פון זיי האָ־

www.libtool.com.cn

בען מיך בעזוכט און אלע האבען טענות און תביעות איינער אויף דעם אנ־דערען. די וועסט־ענדער האבען טענות אויף די איסט־ענדער, און דער נאציאָ־נאלער רעיון ליידעט פון דעם זעהר פיעל. דער גאנצער וויטשעפעלער אידישער קיבוץ איז א צוזאמענגעלאַפּענער. די רוסישע אידען בעזונדער, די פוילישע בע־זונדער, די ליטווישע פארזיך, די וואָהלינער פאר זיך און די דייטשען זיינען פאלקאמען אָפּגעזונדערט פון זיי אלעמען. די נעמען פון זייערע שוהלען זיינען נאך די לענדער נאך פון וואנען זיי שטאמען: די "ליטווישע שוהל", די וואָה־לינער שוהל", די "פוילישע שוהל, די "אונגארישע שוהל", די "דייטשע שוהל". איך האב ביי זיי אלעמען געפרעגט: זאגט מיר מיינע טייערע, ברידער אידען, וואו איז אייער "אידישע שוהל" ?!......

אבענד־צייט האָב איך איינמאל שפּאצירט איבער דער שעהנער, וואונדער־בארער בריק איבער דער טעמזע. דער הימעל איז געווען לויטער־בלאָה, באשאָ־טען מיט מיליאָנען ליכטיגע שטערען. און די הונדערטע עלעקטרישע ליכט פון די פענסטער פון דער גראנדיעזער פּארלאמענט־געביידע, וועלכע שטעהט הארט ביי דעם ברעג פון דעם גרויסען טייך, און אלעם צוזאמען, שפּיעגעלט זיך אָפּ אין די רוהיגע וועלען פון דער ברייטער טעמזע. דאס בילד האט מיך ווירקליך בעצויבערט; איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן בריק און איך האב בעטראכט די גרויסע קעניגליכע פּאלאצען און וואוינונגען פון די אלטע ענגלישע לאָרדען און די וואונדערבארע היסטארישע מאָנומענטען. איך בין פּשוט פאר׳כשופ׳ט געווארען פון דער ערהאבענער, הערליכער בילד אין דער גרעסטער רעזידענץ־שטאָדט פון דער וועלט.

אָבער ווען דו מאכסט א פּאראלעל פון די לאנדאנער שווארצע, גראָהע גע־ביידען צו די בערלינער ווייסע שיינענדע בנינים, דאן מוזטו קומען צו דער מסקנא, אז וואס בעלאנגט צו קונסט שטעהען די דייטשען פיעל העכער איבער די ענגלענדער.

www.libtool.com.cn

## 32טער קאפיטעל

הערמאן לאנדאו, דער רייכער לאָנדאָנער איד, וועלכער איז געווען נאָהענט צו די פּױ-ליש-רוסישע אידען. — אָבער אויך ער האָט ניט געקענט איבערשטארקען זיין שנאה צו די אימיגראנטען פאר זייער ניהיליזם און אנארכיזם. — די גרויסע מעכטיגע לאָנדאָן איז געקריוודעט פון דער נאטור. — פינסטערע הימלען, גרויע נאסע טעג געוועלטיגען איבער דער וועלט-שטאָדט. — די וועסט-ענד מיט איהרע רייכע פּאלא־צען, וואו די לאָרדען וואוינען אין גרעסטען לוקסוס, און די שמוציגע איסט-ענד, וואו די "יוקעלס" ווערען אויפגעפרעסען פון די שווערע פּלאָגען — שכרות און אויסגעלאסענקייט.

צווישען אונזערע אידישע לאָנדאָנער "גדולים", וועלכע זיינען געווען נאָ־הענט אין זייער גייסט צו אונזערע "גרינע" אריבערגעקומענע רוסישע און פּױ־לישע אידען, האָט זיך אויסגעצייכענט דער בעריהמטער כלל טהוער און רייכער איד הערמאן לאנדאו. ער אליין שטאמט פון פּוילען און ער האָט זיך שטארק אינטערעסירט אינ'ם לעבען פון די פּוילישע אידען. ער האָט זיי אימער מקרב געווען ווי אן עלטערער ברודער. ער האָט מיך בעזוכט אין מיין וואוינונג און האָט פערבראכט מיט מיר שטונדען-לאנג וועגען פערשיעדענע אידישע פראגען און בעזונדערס איבער דער נאציאָנאלער אידעע פון חבת ציון, פון וועלכער ער איז געווען איינער פון איהרע פאָרשטעהער אין לאָנדאָן.

מערקווירדיג, אז אויך ער, דער גוטער לאנדאו, האָט אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ אויף די רוסישע אידישע יונגע לייט גלייך מיט די אלע אנדערע לאָנ־דאָנער ענגלישע אידען. אז זיי — די רוסישע אריבערגעקומענע — פאַרשמוּ־צען דעם אידישען נאָמען אין ענגלאנד און אין אלע אייראָפּעאישע לענדער, מיט זייערע געפעהרליכע אידעען פון דעם רוסישען ניהיליזם און אנארכיזם. זיי זיינען מחלל מיט זייערע ווילדע אויפפיהרונגען דעם ריינעם אידישען נאָמען און אונזער גאנצע הייליגטום, פאר וועלכען מיר האָבען געליטען און געקעמפט צוויי טויזענד יאָהר אין אונזערע אלע גלות-לענדער. זיי קומען אלס פרעמדע אין דער פרייער ענגלאנד און בענוצען זיך מיט איהר פרייהייט, הויבען אויף דעם רויטען פלעג און פּראָפּאגאנדירען קראָפּאָטקינ'ס טהעאָריען, ווארפען ארונ־טער פון זיך די הייליגע אידישע טראדיציע און פערדארבען זאָגאר דאָס פאמי־ליען-לעבען מיט זייער פרייער ליעבע און צולאָזענעם לעבען אזוי ווייט, אז די ענגלישע רעגיערונג קוקט אויף זיי ווי אויף געזעצלאָזע מענשען און צושטערער פון לאנד.

איך האָב מיך רוהיג געהאלטען און אויסגעהערט אלע זיינע טענות, וועלכע

www.libtool.com.cn

ער האט ארויסגעבראכט מיט פלאם־פייער. דערנאך האב איך איהם ערנסט געענטפערט:

"יא, מיין גוטער לאנדאו, און אלע אייערע קאלעגען, די יעניגע, וועלכע דער שיקזאל — ניט מיט אייער שולד — האט געבראכט אייערע עלטערען, אדער אייערע עלטערענס עלטערען, אין דער געבענשטער פרייער לאנד ענגלאנד, און זיי האבען אייך געגעבען א נארמאלע פרייע ערציהונג וואס האט אייך ענט־וויקעלט צו זיין רוהיגע, געזעצליעבענדע בירגער. איהר גליקליכע, קוקט אויף אייערע אומגליקליכע רוסישע ברידער פון אויבען ארונטער מיט א שרעקליכען פאראורטייל, ווען איהר זאלט אבער זיך אביסעל פארטיעפען אין דער פראגע מיט א ריינעם געוויסען, דאן וואלט איהר זיך איבערציינגט, אז די שולד ליגט ניט אין די אידען פון רוסלאנד, נאר אין רוסלאנד זעלבסט. רוסלאנד, דאס שקלאפען־לאנד, וועלכע איז א גרויסע אומגעלומפערטע טורמע פאר איהרע אונטערדריקטע הונדערט און זעכציג מיליאן אונטערטאנען־ארעסטאנטען, וועלכע זעהען קיינמאל ניט אין זייער טרויערדיגען לעבען איין שטראהל פון מענשליכע פרייהייט; דורות, דורות, אייניגע יאהרהונדערטער אז זיי טראגען אויף זיך דעם יאך פון צאריזם בלינדערהייט, אין דער פינסטער,—וואס קאנט איהר, פרייע בירגער, פערלאנגען פון די אומגליקליכע שקלאפען, ווען זיי כאפען זיך פלוצלונג ארויס פון זייער פינסטערער תפיסה אויף דער ליכטיגער, פרייער וועלט?"

"נעהמט אן ארעסטאנט, אן אונגליקליכען, וועלכער איז געוועזען פארשפארט צעהנדליגע יאהרען אין א פינסטערער טורמע און האט קיין זונענשיין ניט גע־זעהן, און בעפרייט איהם פלוצלונג אויף דער ליכטיגער וועלט. ער וועט גלייך פון דעם פלוצלונגען ליכט בלינד אדער ווילד ווערען. אט איז די סבה פון דעם רוסישען־אידישען אנארכיזם. זיי זיינען פלוצלונגע בעפרייטע ארעסטאנטען! ניט מיט האס קוקט אויף די אומגליקליכע יונגע לייט, נאר מיט מיטלייד און בארמהערציגקייט!"

"אבער, ליידער, איהר אונזערע גרויסע ברידער פון די אלע פרייע מערב־לענדער, איהר פערשטעהט ניט, אדער איהר ווילט ניט פערשטעהן זייער שיק־זאל. וואס האט איהר, ציוויליזירטע פרייע ענגלענדער, צו טהאן מיט די ווילדע רוסישע שקלאפען? וואס פאר א שייכות איז צווישען דער וועסט מיט דער נארד? איהר זייט דאך ניט פון איין פאלק, נאר פון איין רעליגיאן!"

מיינע ארגומענטען האבען פיעל געווירקט אויף דעם גוטען לאנדרא און ער האט זיך פריינדליך צושיידט מיט מיר.

קומט אהער נאך לאנדאו, אונזערע ליטעראטען, פאעטען און פאלקס־רעד־נער, וועלכע האלטען איין געבען תהלות ותשבחות און זאגען דעם גאנצען

www.libtool.com.cn

„הלל” צו אונזערע גרויסע ברידער אין די מערב־לענדער און בעזונדערס צו די גרויסע ענגלישע אידען, — קומט אהער און שטודירט די באציהונגען צווישען די ענגלישע אידען מיט די אריבערגעקומענע, בעטראכט דעם ענגלישען אידישען פאפסט — דעם „רעוורענד כהן־גדול”, — וועלכער איז געקליידעט אין א קאַטוילישען מאנטעל — וואלטען זיי כאטש פארשטאנען די העברעאישע שפראך ווי די גרויסע ענגלישע בישאָפּס — קומט אהער, וועט איהר זיך איבערצייגען, אז איהר לעבט אין טעות. איהר וועט זעהן אז דאָ זיינען ניטאָ קיין גרויסע ברידער, קיין גרויסע געלעהרטע אידען, קיין ווארימע אידישע פּאטריאָטען; נאָר בלויז שטאָלצע אסימילאטארען, אָנגעבלאָזענע ווי ענדיקעס, וועלכע קוקען פון דער הויך מיט גרוים פעראכטונג אויף אונזערע פערוואָגעלטע ברידער ווי אויף האלבע בארבארען. איהר וועט דאָ ניט געפינען קיין אמת׳ע יודענטהום, בלויז קאטאליציזם אהן א צלם...

אונזערע שונאים אין רוסלאנד בעשולדיגען אונז אין דעם וואָס מיר האלטען נאָך אָן דעם תלמוד׳ישען געזעץ פון „חזקה”, בעזונדערס גיסט אויף אונז שוועבעל און פעך דער בעוואוסטער קלעצקער משומד בראפמאן, אין זיין בוך „דער אידישער קהל”. ווען די בלינדע הינד וואָלטען קומען אהער נאָך לאָנדאָן, וואָלטען זיי זעהן, אז דאָס גאנצע ענגלישע פאָלק האלט זיך פעסט ביים געזעץ פון „חזקה”, ניט וויסענדיג פון תלמוד. אלע לאָנדאָנער איינוואוינער, שכנים, וועלכע וואוינען אין געדונגענע וואוינונגען, האבען די „חזקה” אויף זייערע דירות און די אייגענטהימער פון די הייזער האָבען ניט דאָס רעכט צו פערדינגען זיי צו אנדערע, איידער זיי נעהמען ניט די ערלויבניש פון די אלטע שכנים און, ווען איינער פארלאָזט זיין וואוינונג, נעהמט ער פון דעם נייעם שכן די בעשטימטע „שליסעל־געלד” און דאן גיט ער איהם דאָס רעכט זיך אריינצוקלייבען אין דער וואוינונג.

דו, גרויסע, מעכטיגע, רייכע לאָנדאָן, האסט דאָס רעכט צו שטאָלצירען מיט דיין וועלט־מסחר, מיט דיין רייכטהום; מיט דיינע אָרדנונגען, מיט דיין פאלקאמענער פרייהייט, מיט דיינע גרויסע באנקען, מיט דיינע צייטונגען און דיין גרויסער ליטעראטור, מיט דיינע גאסען, גערטנער, פּארקען און מוזעאומס; אָבער די זון, די לבנה און די שטערען און דאָס וועטער זיינען אלע ניט טריי צו דיר; זיי זיינען זעהר קאַרג צו דיר מיט זייערע טייערע מתנות אין פערגלייך צו דער גאנצער וועלט.

איך זיץ פארמאכט אונטער פארשלאָסענע טיר און פענסטער, אום עס זאָל ניט אריינדרינגען אין הויז דער פויגער, נאסער און פארדארבענער וועטער פון דרויסען. א שווערער, שווארצער וואָלקען פארדעקט דעם הימעל, א פייכטע לופט פילט אָן די גאנצע שטאָדט; די טויזענדער פאנארען האָבען קיין כח ניט צו פארטרייבען עטוואָס פון די געדיכטע פינסטערניש, וועלכע הילט איין

www.libtool.com.cn

די דונקעלע גאסען מיט די שווארצע גרויזאמע געביידען צוזאמען. דיינע אויגען בעגעגענען ניט קיין אנדער קאָליר — בלויז שווארץ, און שווארץ אָהן א סוף. אָט אזוי פארדעקט די נאטור מיט א שווארצען שלייער די ליכטיגע ענגלאנד !...

איך זיץ איינגעקאָרטשעט פון דער פוילער קעלט געגען דעם ענגלישען ׳פייער־פּליים״, וועלכער ווארימט ניט מעהר ווי דאָס געזיכט מיט די הענט, אָבער די פיס מיט דעם גאנצען קערפּער ציטערען און ברעכען פון קעלט. איך זיץ און טראכט וועגען די עקסטרעמע קאָנטראסטען, וועלכע איך זעה אין לאָנדאָן — אין איין זייט איהרע רייכע לאָרדען, איהרע שטאאטסלייט, די באריהמטע דיפּלאָמאטען, מיט זייער געדולד, חכמה און פלייסיגקייט, וואָס שטייגען איבער די אלע אייראָפּעאישע לענדער; פון דער אנדער זייט—דער לאָנדאָנער המון, דער פּעבעל. וועלכער ליגט פארפוילט אין ארמוטה און שמוץ, אָהן מוטה און ענערגיע, פער׳שכור׳ט און ערנידריגט טיעפער פון אלע נידעריגע קלאסען אין גאנץ אייראָפּא.

די צוויי טהיילען פון דער גרויסער שטאָדט לאָנדאָן, דער וועסט־ענד און דער איסט־ענד, זיי פערקערפּערען די עקסטרעמע קאָנטראסטען — דעם הויכען לאָרד און דעם נידערגעפאלענעם ״יוקעל״.

אין דער וועסט־ענד קאָן זיך דיין אויג ניט אָנזעטיגען מיט דער פּראכט, גלאנץ און שעהנקייט, וועלכע זיינען אויסגעגאָסען מיט דער פולער מאָס איבער די גאסען, גראנדיעזע פּארקען, גערטנער און הייזער, וואו עס וואוינען די מיליאָנערען און די ביליאָנערען, און לעבען אויף דער איינקונפט פון זייערע גוט־בעזיצונגען, וועלכע בעלאנגען צו זיי פון דור־דורות און ווערען בעארבייט דורך די אָרימע שקלאפען־הענט, און פון די גרויסע פערמעגענס, וועלכע ליגען אין דער ״באנק אָוו ענגלאנד״.

געה אריבער אין דער איסט־ענד, נאָר איינינע צעהנדליגע מינוטען גאנג, און גאָט מיינער, וואָס פאר א שרעקליך, עלענד בילד דיינע אויגען דערזעהען. דער דלות צושפּרייט זיך מיט זיין פולער שרעקליכער מאכט איבער די פינסטערע שמאָלע געסלאך, איבער די קליינע קברים־הייזלעך, איבער די פּנים׳ער פון די עלענדע, נאקעטע, באָרוויסע צוויי־פיסיגע ברואים אין מענשען־געשטאלט. די איינוואוינער פון די לעבעדיגע קברים־הייזער זיינען נאָך די גליקליכע אין די אויגען פון זייערע מיליאָנען שוועסטער, ברידער און קינדער, וועלכע זיינען אינגאנצען היימלאָז. ווי הינט וואלגערען זיי זיך איבער דער נידעריגער טייל פון שטאָדט אין די שמאָלע געסלאך פון ווייטשעפּעל, אזוי ווי שאָטענס שלעפּען זיי זיך אום גאנצע נעכט, ביז זיי בלייבען מיעד און אָהן כח, ליגען ארום די טרינק־הייזער אין שמוץ. די פּאָליציי קומט און פארנעהמט זיי אין די שטאָדטישע אָרים־הייזער, וועלכע זיינען גרייט נאָר פאר א טייל פון זיי. די שכרות

www.libtool.com.cn

איז אזוי פערשפּרייט, אז זאגאר דער שעהנער געשלעכט, די מוטערס פון דעם צוקונפטיגען דור, טרינקען אויף דעם נאציאָנאלען ענגלישען געטראַנק מיט דעם נאָמען "וויסקי", "ברענדי" אָדער מיט דעם אמת׳ן נאָמען "דזשין". זיי זויפען זיך אַן ביז זיי פאַלען אַנידער אויף די טראָטואַרען. די געפאַלענע פרויען האבען שוין פערלאָרען די מענשליכע צורה און דער לעצטער פונק פון זעלבסטבאַוואוסטזיין איז שוין לאַנג אויסגעלאָשען געוואָרען אין זיי.

טעגליך אין פריהמאָרגען באגעגענט מען זיי אין די הונדערטער, ווי זיי ווערען געפיהרט פון דער פּאָליציי אין די שטאָדט ווענען, און זיי זיינען שוין געוואוינט געוואָרען צו באליידיגונגען, צו זידלעריי, צו קלעפּ, מראַץ דעם ענגלישען געזעץ וועגען דער "פרויען עהרע", וועלכער איז זעהר שטאַרק פּאָפּולער אין גרויס־בריטאַניען; אָבער דער געזעץ איז בלויז פאַר דעם העכערען קלאַס פרויען, פאַר די זאַמטע, אַפּגעגעסענע, און ווער איז מחויב אכטונג צו געבען אויף די אָרימע טייוואָלים, וועלכע פערמעגען ניט מעהר ווי זייערע קערפּערס און זייערע צוריסענע נשמות?!...

## 33טער קאַפּיטעל

דער בריטישער מוזעאום, וואו דורות לעבען אויף פאַר דיינע אויגען. — ווען איך בין געשטאַנען פאַר די פיגורען פון טיטוס הרשע און די אַנדערע רוימישע העלדען, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט זייער אונטערגאַנג, ווי זיי זיינען אינגאַנצען אָפּגעווישט געוואָרען פונים אָנגעזיכט פון דער ערד, און די אידען, וועמען זיי האָבען בעזיעגט, לעבען. — מיסיאָנערען האלטען אָפּ א מיטינג אויף דער איסט-ענד און טיילען אויס פּרעזענטען צו אָרימע אידישע קינדער. — מיין רעדע אין א שוהל וויירקט אז די עלטערן זאָלען אַרויסוואַרפען די פּרעזענטען. — די ספרדישע שוהל, וואו מען דאַווענט מיט די אור-אַלטע ניגונים און קיינער פאַרשטעהט ניט קיין העברעאיש.

זיין אין לאָנדאָן און ניט בעזוכען דעם בריטישען מוזעאום, דעם גרעסטען אין דער וועלט, איז נאָך ערגער ווי צו זיין אין רוים און ניט זעהן דעם וואַטי־קאַן. האָב איך מיר גענומען א גאַנצען טאָג און געווידמעט איהם אויף בלויז דורכצוגעהן דעם מוזעאום און בעטראַכטען איהם אויבערפלעכליך. איך בין נשתומם געוואָרען, געפינענדיג זיך אין דעם איינעם טאָג אין פערשיעדענע וועלטען, אין פערשיעדענע קולטורען און ציוויליזאַציאָנען. די גאַנצע מענש־ליכע געשיכטע מיט איהרע עפּאָכען זיינען דורכגעגאַנגען ווי א פּאַנאָראַמע פאַר מיינע אויגען.

www.libtool.com.cn

אט שטעהסטו אין מצרים מיט פינף טויזענד יאָהר צוריק און דו זעהסט זייערע פּרימיטיוועּ בילדער, זייערע קעניגע, זייערע פּריסטער און געטער, אויס־געהאַקטע פון שוואַרצען שטיין, אויף וועלכען עס איז נאָך קיין סימן פון חן און שעהנקייט ניטאָ. דו געהסט אריין אין דעם צווייטען זאַל, געפינסטו זיך אין אשור, אין בבל, אין פרס. דו זעהסט דיינע בעקאנטע גרויסע, שרעקליכע, גרויזאמע מערדער נאָך פון דיין קינדהייט אין די חדר־יאָהרען — סנחריב, נבוכדנצר, נבוזרדאן מיט זייערע מורא׳דיגע מיליטער, און ניט ווילענדיג דער־מאָהנסטו זיך אַז די חורבנות מיט די הריגות, וועלכע די חברה האָבען אנגע־מאַכט אמאָל אין דיין פאָלק. גאַר א נייע בעצויבערענדע וועלט דערזעהסטו ווען דו געהסט אריין אין דער גריכישער אָפּטיילונג. דאָ ערשיינט פאר דיינע אויגען די אמת׳ע קונסט מיט איהר פּראַכט און גלאַנץ, דו זעהסט זייערע מעכטיגע געטער, די שעהנע געטינס, אלעס אויסגעהאַקט אין העלע, ווייסע מירמעלשטיי־נער מיט דעם ריכטיגען מענשליכען לייב־קאָליר. נאָך זיי דערזעהסטו די רוי־מישע עפּאָכע, צעזאַר מיט די אַלע אימפּעראַטאָרען ביז טיטוס, דעם ״רוימישען צדיק און דער יהודה׳שער רשע״, שטעהען אַלע מיט שטאָלץ פאר דיר מיט די קרוינען פון נצחון אויף זייערע קעפּ.

ניט ווילענדיג שטעלט זיך פאר דיר די פראגע: ״וואו זיינען זיי, אט די אלע העלדען? ווער זיינען זייערע פאמיליעס, וועלכע שטאַמען פון זיי? קיין זכר איז ניט געבליבען פון זיי, מעהר ניט ווי די אלטע, קאַלטע שטיינערנע בילדער, וועלכע פארצייטיגע קינסטלער האָבען געמאַכט און געלאָזען פאר אַן אנדענקונג...

אבער גאַר אנדערש איז מיט אונזער אור־אַלטען אידישען פאָלק, דעם באַ־זיעגטען; מיר ברויכען ניט אין מוזעאום קיין שטיינערנע מצבות און ביל־דער, מיר זיינען אליין דאָ, מיר לעבען און שאַפען לעבען, און נאָך וואס ברוי־כען מיר די שטומע בילדער, טויטע, אָהן א פונק לעבען?

יאָהרען, יאָהרען דאַרף מען פארברייננען אין דעם בריטישען מוזעאום, אז מען זאָל קאָנען האָבען א בעגריף פון אלעם וואס געפינט זיך אין איהם. א באזונדערען איינדרוק מאַכען די מומיעס, די עגיפּטישע, די איינגעבאַלזאַמירטע פון טויזענדע יאָהרען. אט זעהסטו דער שעהנער קלעאָפּאַטרא׳ס קערפּער, מיט וועלכען זי האָט געפאַנגען די הערצער פון די רוימישע העלדען און קאַפּיטלאָך היסטאָריע געשאַפען. יעצט ליגט זי גלייך מיט אַלע פאַרצייטיגע מומיעס אויסגעשטעלט פאר דער גאַנצער וועלט באַזוכער אין דעם וועלט־מוזעאום.

לכבוד חנוכה האָבען די חובבי ציון געמאַכט א גרויסען מאַסענפערזאַמלונג אין איינעם פון די לאָנדאָנער גרויסע זאַלען. הערמאַן לאַנדאו איז געווען דער פּאַרזיצענדער און דריי רעדנער האָבען גערעדט: דער רב הכולל, רבי נפתלי

www.libtool.com.cn

אדלער; דער בעוואוסטער קאמענעצער מגיד, רבי חיים זונדל מכבי, און איך. אדלער׳ס רעדע האב איך דאן גארניט פארשטאנען, ווייל איך האב נאך דאמאלסט קיין ענגליש ניט פארשטאנען, אבער פון דער גלייכגילטיגקייט פון דער מאסע האב איך געפיהלט, אז זיינע רייד האבען קיין ווירקונג ניט געמאכט אויף זיי. אבער דעם קאמענעצער׳ס רייד האבען אויפגעשטורעמט די הערצער פון דעם גאנצען עולם. ער איז געווען ווירקליך א שטארקער הארציגער רעדנער; ער האט באזעסען א וואונדערבארען טאלאנט מיט גרויסע ידיעות אין דער אידי־שער אלטער און נייער ליטעראטור. ווען ער איז געקומען נאך לאנדאן מיט איינ־יגע יאהר צוריק, האט ער אויפגעשטורעמט דעם גאנצען ענגלישען יודענ־טום מיט זיין וואונדערבארען טאלאנט און מיט זיין ברענענדער אידישער הארץ און הייליגע געפיהלען צו ציון און אלעם וואס הייליג איז. אבער ליי־דער, איז דער לעצטער צייט האט ער פארלארען זיין חן ביי די חובבים, זיי בע־קלאגען זיך שטארק אויף איהם, אז ער האט זיך אינגאנצען איבערגעגעבען צו שמואל מאנטאגו, וועלכער איז דער פרעזידענט פון דער פעדערייישאן פון די שוהלען אין איסט־ענד. מיט איין ווארט, דער גרויסער און בעליעבטער אידי־שער פאלקס־ארעאטאר האט געמוזט אויפגעבען זיין אידעאל, פאר וועלכען ער האט הייליג געארבייט זיין גאנץ לעבען אין רוסלאנד, צוליעב זיין ארימען שטי־קעל ברויט וואס ער האט בעקומען פון מאנטאגו, דעם אויסגעשפראכענעם געג־נער פון דער אידישער נאציאנאלער אידעע בכלל און חבת ציון בפרט.

מיין הארץ האט מיר פשוט פערקלעמט ווען איך האב בעזוכט מיין גרויסען קאלעגע מכבי אין זיין קליינער ארימער וואוינונג אין ראטשילד׳ס וואוינונגען, וועלכע דער לארד האט ספעציעל אויסגעבויט פאר די בכבוד׳יגע ארימע לייט. ווען איך האב בעטראכט זיין ארימען טרויעריגען לעבען, האב איך צו זיך געזאגט: אט דאס איז דער שיקזאל פון אונזערע גרויסע טאלאנטען!

איך האב געלעזען א בעריכט פון די מיסיאנערען אין לאנדאן, אז זיי איז געלונגען צו מאכען אן אוועגט פאר די לאנדאנער אידישער קינדער, איבער זעקס הונדערט אין צאהל, און נאך דער פייערליכער אונטערהאלטונג האבען זיי פרע־זענטירט די קליינוואארג מיט קליידער, שיך און קאנפעקטען. נאכהער האבען די קינדער געזונגען קריסטליכע ליעדער, לויב־געזאנגען צו מרים׳ן מיט איהר בן־יחיד, און אז מיט דעם געראטענעם אוועגט איז זיי, די מיסיאנערען, געלונגען צו בעצויבערען די הערצער פון די אידישע מוטערס, וועלכע האבען אליין גע־בראכט די קינדערלאך צו דער אונטערהאלטונג.

דער בעריכט האט א ברען געטהאן מיין מארך, אזוי ווי א ברענענדיגער שפיז, און מיט מיין גאנצען פייער בין איך ארויפגעגאנגען אויף דער בימה אין איינער פון די גרעסטע שוהלען. איך האב אויסגעגאסען מיין הארץ פאר א גרוי־סען עולם. מיט א דונערענדער שטימע האב איך אויסגעשריען:

www.libtool.com.cn

איהר, מיינע לאנדאנער ברידער, וועט מוזען ברענגען ״עגלות ערופות״ נאר אהן א צאהל אויף די גייסטיגע חללים, וועלכע די מיסיאנערען פראדוצירען אין אייערע אומשולדיגע קינדער, אבער איהר וועט ניט קענען זאגען: ״ידינו לא שפכו את הדם הזה ועינינו לא ראו״, ״אונזערע הענד האבען ניט פארגאסען די בלוט, און אונזערע אויגען האבען דאס ניט געזעהן״, ווייל איהר מיט אייערע אייגענע הענט, אידישע מוטערס, האבען געפיהרט אייערע קינדער צו דער גייסטיגער שחיטה צו מקריב זיין זייערע יונגע אומשולדיגע נשמה׳לעך צו דעם סטאליאר׳ס זוהן ווי אייערע אור־עלטערען האבען מקריב געווען זייערע קליינע קינדערלאך צו דעם פארצייטיגען אפגאט מולך.״

מיט טרעהרען אין מיינע אויגען האב איך זיך ביי זיי געבעטען און אפעלירט:

״וואפענט זיך אז, מיינע שוועסטער און ברידער, צו דער גייסטיגער מלחמה אום צו בעשיצען אייערע קליינינקע, אומשולדיגע קינדערלאך, זיי זאלען ניט ארייגפאלען אין דער נעץ וואס די מיסיאנערען פארשפרייטען פאר זיי. רופט אספות, קלייבט א פאנד, עפענט קינדערגארטענס פאר אייערע קליינוואַרג, נעהמט אריין די ארימע קינדער אומזיסט, לערנט זיי, ענטוויקעלט זיי, ערקלערט זיי רוהיג וואס עס מיינט אידענטום, בלאזט אריין אין זייערע יונגע הערצלאך ליעבע, איבערגעבענהייט צו זייער גאט, רעליגיאן און זייער הייליגער שפראך. ציהט זיי צו מיט ליעבע צו אייך, הויבט זיי אויף פון זייער דלות, בעקליידט זיי, באשיצט זיי און טהיילט זיי שפיעלצייג און קאנפעקטען, און דאן וועלען זיי צו די מיסיאנערען ניט געהן.״

״דאס איז אונזער געוועהר, מיט וועלכען מיר קעמפען געגען אונזערע שונאים שוין צוויי טויזענד יאהר.״

אויף מארגען האב איך געלעזען אין די אידיש־ענגלישע צייטונגען, אז מיין אפיעל האט זעהר פיעל געווירקט און פיעלע עלטערען זיינען אוועק פון שוהל יעדערער צו זיין הויז און זיי האבען פארניכטעט די פרעזענטען, וועלכע די קינדער האבען בעקומען פון די מיסיאנערען און זיי האבען הייליג געשווארען נים צו ערלויבען זייערע קליינוואַרג צו געהן צו די מיסיאנערסקע אווענדען.

דעם ״קריסטאל פאלאץ״ האב איך בעזוכט; דאס איז א וואונדערבארע געביידע פון קריסטאל און שטאל, איין און איינציגער פאלאץ אויף דער גאנצער וועלט. ער שטעהט אינמיטען פון א גרויסען הערליכען פארק און ענטהאלט אין זיך דעם לאנדאנער שאצבארען אנטיקווואריום. איך האב געפונען דארט טויזענדער, טויזענדער באזוכער פון פערשיעדענע נאציאנען און פערשיעדענע לענדער. אלע זיינען געווען ענטציקט פון דער שעהנקייט פון דעם פאלאץ זעלבסט און פון די קאסטבארע אוצרות, וועלכע געפינען זיך אין איהם.

www.libtool.com.cn

אויך די נייעסטע ערפינדונגען פון דער לעצטער צייט און בעזונדערס די גרויסע וועב־מאשין, וועלכע איז קאמפליצירט, צוזאמענגעשטעלט פון הונדערטער טיי־לען, אויך וועלכע טעכניקער, גרויסע מאשיניסטען, זיינען שטונדען־לאנג גע־שטאנען און שטודירט צו האבען א בעגריעף פון איהר ארבייט. פאר זעקס ענגלישע פענעס וועבט זי אוים אין דיין געגענווארט אויף א שטיקעל זיידענם א פראכטפאלע ריכטיגע בילד פון דער קעניגין וויקטאריא, אדער פון די גרויסע ענגלישע שטאאטסלייט ווי ביקאנספיעלד אדער גלאדסטאון. די בילד ווערט בעארבייט פון פערשיעדענע קאלירטע פעדים, וועלכע לייכטען ווי זונען־שטראה־לען.

די ענגלענדער זיינען שטאלץ אויף דעם קריסטאל־פאלאץ, און זיי פרעגען שטענדיג דעם פרעמדען אויב ער האט איהם שוין געזעהן.

עם איז מיר געווען זעהר אנגענעהם צו בעזוכען פרייטאג אווענד די ספרדי־שע שוהל ביי זייער גאטעס־דיענסט. די שוהל איז זעהר אן אלטע, און איהר אלטקייט גיט איהר צו פיעל קדושה. אין דער שוהל ווערט ניט גענוצט קיין גאז אדער עלעקטריק, נאר פשוט׳ע גרויסע וואקסענע ליכט אין גרויסע, אלטע קופערנע לייכטער, און דאס פארגרעסערט דיין פאנטאזיע און טראגט דיך אוועק יאהרהונדערטע צוריק צו דער אלטערטהום. און באמת, ווען איך האב זיך צוגעהערט צום ספרדישען דאווענען, צו זייער הברה מיט די אלטע, אור־אלטע מאנאטאנע אריענטאלישע נגונים, דאט זיך מיר פארגעשטעלט אז איך געפין זיך יעצט אין איינער פון די אלטע שפאנישע שוהלען אין קארדאווע אדער אין גראנאדא.

נאכ׳ן דאווענען בין איך צוגעגאנגען בעגריסען דעם פרנס און דעם חזן. איך האב גערעדט צו זיי העברעאיש, אבער ליידער, זיי האבען מיך ניט פארשטאנען. זיי האבען געקוקט אויף מיר פארוואונדערט ווי איך וואלט רעדען צו זיי אין א פרעמדער שפראך.

אט דאס זיינען די אייניקלאך פון רבי יהודה הלוי און רבי שלמה בן גבירול !...

www.libtool.com.cn

## 34טער קאפיטעל

די קלייבע שטעדטלאך זיינען, להיפוך צו די קליינע שטעדטלאך אין רוסלאנד, גרעסערע אסימילירענדע פאקטאָרען אין אידישען לעבען. — ליעדז, וואו דאָס אידישע לעבען איז דעגענערירט געוואָרען, וואו אידען האָבען פארלאָרען זייער צניעות, זיינען געוואָרען אויסגעלאסען און פארגעסען דעם בעגריעף פון טהרת המשפחה. — די אידישע אימיגראנטען ווערען דאָרט גיך פארצערט פון דעם אומגעזונטען וועטער און דעם שווערען לעבען. — אויסגעבויגענע, אויסגעלאָשענע געהען זיי ארום אויף די גאסען פון ליעדז און זוכען א געלעגענהייט צו פאָהרען צוריק אהיים. — די בארבארישע ווילדקייט פון די ענגלישע יונגען, וועלכע באווארפען אָרימע אידישע פעדלערס מיט שטיינער און בלאָטע.

---

גאר א בעזונדערען איינדרוק מאכען די פראווינציעלע שטעדט און שטעדט־לאך אין ענגלאנד, איבערהויפט אויף די, וועלכע קומען פון רוסלאנד. דארט, אין רוסלאנד, אין דעם גרויסען אידישען צענטער, האט דאס קליינע שטעדטעל א גרעסערע קראפט פון דער גרויסער שטאדט צו איינהיטען און צו בעשיצען דאס אידישע לעבען פון אסימילאציאן, עס זאל ניט פארלירען זיין פארם און זאל ניט אויסגעליידיגט ווערען פון זיין אינהאלט. דאס קליינע שטעדטעל אין רוסלאנד דיענט ווי א פאנצער פאר דעם אידענטום געגען דעם מעכטיגען אסי־מילאציאנס־שטורם, וועלכער בלאזט שטארק פון דער גרויסער שטאדט און רייסט ארויס מיט די ווארצלען אלע בוימער און פלאנצונגען, וואס שטאמען פון דער אלטער פארגאנגענהייט. דאס קליינע שטעדטעל היט איין אלע מנהגים, מסורות, טראדיציאנען, וועלכע דער לעבענס־שטראם האט שוין לאנג אבגעווא־שען און האט זיי ארופגעשווינקט אין תהום אריין.

ווען דו רייסט זיך ארויס אין רוסלאנד פון דער גרויסער שטאדט, דו אנט־לויפסט פון דעם גרויסען "שמעלץ־קעסעל" און דו קומסט אריין אין דעם קליי־נעם שטעדטעל, פיהלסטו א שטילע בארוהיגונג אין דיין נשמה אזוי ווי דיין מוטער'ס ווייכע, צארטע ווארימע האנט וואלט דיך גלעטען און בארוהיגען. דאס קליינשטעדטעלדיגע רוהיגע לעבען, וואס ענטהאלט אין זיך דעם עבר, די איינ־פאכקייט, די נאאיוויטעט, דעם בעזונדערען אידישען חן מיט דער צניעות, גיסען ארויף אויף דיר א הארציגע רוהיגקייט און פערשטארקען אין דיר דעם גלויבען אין דעם אידישען קיום און פאר דיינע אויגען שפינט זיך דער היסטא־רישער פאדים, וועלכער ציהט זיך פון דער אלטער פארגאנגענהייט צו דער ווייטער צוקונפט.

ניט אזוי איז אבער אין די מערב־אייראפעאישע שטעדטלאך, אין וועלכע דאס אידענטום האט נאך קיין ווארצלען ניט געשלאגען טיעף אין דעם באדען.

www.libtool.com.cn

דארט איז דאָס בילד פונקט פאַרקעהרט. אין די גרויסע שטעדט, אין וועלכע עס געפינען זיך אידען אין א גרויסער צאָהל, האָט נאָך דאָס אידענטום א וועלכע עס איז אייגענע פאָרם און ווערט ניט פארשמאָלצען מיט דעם גוי׳אישען כלל. אבער אין די קליינע פראָווינציעלע שטעדטלאך ווערט די אידישע קליינע סביבה גאַנץ גיך צושמאָלצען אין דעם כלל און ווערט פארבלאָז ביז ניט צו דערקענען.

אין ליעדז האָב איך געפונען ניט נאָר א בלייכען אידישען לעבען, נאָר אויך זעהר אַן אָרימען, ערנידעריגטען לעבען. ליעדז איז א נאָדעל־שטאָדט, כמעט אלע זיינען דאָרט שניידער. די רייכערע, פון אמאָל אריבערגעקומענע, האַלטען שניידער־פאַבריקען. און די טויזענדער גרינע, ערשט אָנגעקומענע פון גאַליציען און פוילען זיינען די נאָדעל־ארבייטער, ארבייטען נעבאך שווער און ביטער פאר זייער שטיקעל אָרימען ברויט. אונטער זיי געפינט איהר יונגע לייט לומדים, משכילים, מוסמכים, טאַלאַנטען, דענקער און פּאָעטען. זיי זיצען איינגעבויגענע דעם גאַנצען טאָג ביי די נעה־מאַשינען און פערקויפען זייערע יונגע לעבענס פאר זייער אָרימער, ביטערער עקזיסטענץ. פיעלע פון זיי, וועל־כע בעקומען די געפעהרליכע קראַנקהייטען, ווי טובערקולאָזיס, בלוט־אָרמוט און האַרצפעהלער, ליידען ביז דער טויט לייזט זיי אויס פון זייערע אונערטרעגליכע יסורים.

די סטאַטיסטיק זאָגט, אַז פון דריי הונדערט און פינף און זעכציג טעג אין יאָהר שיינט די זון בלויז איינציגע און זעכציג טעג איבער דעם בריטאַנישען אינזעל און דאָס גאַנצע יאָהר וויקעט ער זיך אין רעגען און נאַסע שנעען. די לופט איז שרעקליך פייכט, דער הימעל איז אימער א בלייענער און די איינ־וואוינער ליידען פון פערשיעדענע רומאַטיזמע קראַנקהייטען. בעזונדערס לייער די אריבערגעקומענע פון פרעמדע לענדער, אָדער ווי די ענגלישע רופען זיי אָן מיט דעם נאָמען "די גרינע". און ווי שרעקליך איז זייער אויסזעהן! די געזיכטער זייערע זיינען געל און גרין, די אויגען פערלאָשענע, זייערע קערפּערס דאַר, טרוקען ווי סקעלעטען, זיי געהען איינגעבויגענע, ווי די עלטער וואָלט זיי פערכאַפּט אין זייער בלוט־יוגענד.

דער רוסישער קאָנסול האָט מיר געזאָגט, אַז זעהר פיעל פון די רוסישע איינגעוואַנדערטע אידען קומען צו איהם מיט בקשות אז ער זאָל זיי אָפּשיקען צוריק נאָך רוסלאַנד און זיי זיינען גרייט צו געהן צו מיליטער־דיענסט, ווייל זיי זעהען ניט פאר זיך קיינע האָפנונגען צו מאַכען זייער לעבען אין דעם לאַנד.

אין ליעדז האָב איך זיך בעקאַנט מיט דעם פּראָפעסאָר יוסף צבי שטראַוס פון בראַדפאָרד, ענגלאַנד. ער איז דאָרט א רעפאָרם־ראַבינער און א לעהרער פון סעמיטישע שפּראַכען אין בראַדפאָרדער אוניווערזיטעט. דער פּראָפעסאָר איז צופעליג געווען פון מיינע צוהערער אין ליעדז, ווען איך האָב גערעדט הע־

www.libtool.com.cn

בּרעאיש פאר דעם חובבי ציון קלוב. ער איז נשתומם געוואָרען הערענדיג ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אז עס איז דאָ א מעגליכקייט צו רעדען אין העברעאיש ווי אין א לעבעדיגער שפּראַך, און ווען איך האָב איהם געזאָגט אז אין רוסלאַנד איז דאָס איינע פון די געוועהנליכע זאכען און אז דאָרט ווערען זעהר פיעל געשעפטען געפיהרט אין העברעאיש, זאָגאר די קאָרעספּאָנדענץ איז א העברעאישע, האָט ער אנגעשטעלט זיינע אויגען מיט וואונדער, ווי איך וואָלט איהם דערצעהלען מעשה׳לאך פון יענער וועלט!...

אָט אזוי איז די געשיכטע מיט אונזערע פּראָפעסאָרען: זיי פערטיעפען זיך אין אונזער אלטע פארגאנגענהייט און ווייסען גאָרניט פון אונזער געגענוואַרט און לייקענען אין אונזער צוקונפט.

א גוט וואָרט האָב איך געהערט פון דעם פּראָפעסאָר אין דעם נאָמען פון דעם גרויסען צונץ, אז דאָס וואָרט "נעבאַך", וועלכען מיר נוצען אין אידיש, שטאמט פון אידישע דריי ווערטער "ניט ביי אייך", אזוי ווי מען זאָגט אין העברעאיש "לא עליכם".

די אלטע הייליגע אידישע צניעות געהט דאָ אונטער. עס ווערט טאָגטעגליך אפּגעטהאָן אזעלכע מעשים תעתועים אין דעם פאמיליען־לעבען און עס געפינט זיך ניט צומאָל איינער וואָס זאָל פּראָטעסטירען געגען דעם. היינט האָט מען מיט מוזיק אריינגעפיהרט א יונגע פּאָר אונטער דער חופּה אין דער גרויסער שוהל אין ליעדז. דער רעוורענד־פּרעדיגער האָט געהאַלטען א רעדע פאר דעם חתן און דער כלה וועגען טהרת המשפחה ביי אידען. דער חזן האָט געזונגען, פאַרשיעדענע פריינד און מחותנים האָבען פיעל געלויבט די כלה פאַר איהר צניעות, אין דער צייט וואָס די כלה האָט שוין מיט איניגע יאָהר פריהער א קינד געבאָרען ביי איהרע עלטערען אין הויז, און זיי האָבען זיך ניט געשעהמט צו ברייננגען דאָס קינד אין שוהל צו זיין מוטער׳ס חתונה...

עס איז ווירקליך שמערצליך און לעבערליך פאַר אונזערע רוסישע אָרטאָדאָקסישע אידען צו זעהן, אז דער רב פון דער גרויסער שוהל איז נאָך א בחור, פּופציג יאָהר איז ער אלט. ער איז דער מסדר קדושין און רעדט איבער דער הייליגקייט פון פערהייראטען לעבען ווי איינער פון די קאטוילישע פּריסטער. דאָס איז ווירקליך קאטאָליציזם, נור אַהן א צלם...

ווען מיר האָבען געלעזען, זיצענדיג נאָך אין רוסלאַנד, דעם בעריהמטען ספּענסער׳ס בוך איבער ערציהונג, דאָן האָט אונזער פאַנטאַזיע אונז פאָרגעשטעלט אז ענגלאַנד, דאָס געבורטס־לאַנד פון דעם גרויסען ערציהער, איז א גן־עדן, און די ענגלענדער זיינען מלאכים, וועלכע לעבען אזוי ליעבליך און פריינדליך צו די פרעמדע נאָך דער טעאָריע פון זייער גרויסען ספּענסער. אבער ווי ווייט עס איז די טעאָריע פון דער פּראַקטיקע האָב איך זיך איבערצייגט זייענדיג

www.libtool.com.cn

דא און זעהענדיג די טיראנישע בעהאנדלונג פון די יונגע ענגלענדער צו די פרעמ־דע אריבערגעקומענע. ארימע אידישע פעדלערס ווערען מיט שטיינער און שמוץ פארוואָרפען אין די גאסען פון ווילדע קינדער און קיינער שטערט זיי ניט.

אט דאס איז די פּראכט פון נייַנצעהנטען יאהרהונדערט אין דער גרויסער ציוויליזירטער לאנד ענגלאנד!...

זעהענדיג אט די בארבארישע ווילדקייט, מוזען מיר קומען צו אונזער אל־טער בעשטעטיגונג, אז ניט פון דארווין און ספּענסער וועט קומען די ריכטיגע ישועה צו דער מענשהייט, נאר פון אונזערע אלטע פּראָפעטען מיכה און ישעיה, וועלכע האבען נביאות געזאָגט נאך אין דער צייט ווען די אור־עלטערען פון די אנגלא־זאקסען זיינען געגאנגען נאקעט און בארוועס אין די ווילדע וועלדער און זיי האבען נאך מענשען־פליישׁ געפרעסען.

"נאך אן אומגליק האט געטראָפען צו דער שיף "וויקטאריא", וועלכע געהט פון רוסלאנד נאך ענגלאנד" — האט געזאָגט איינער א שניידער צו זיין חבר, שפּאצירענדיג אין ליעדז, און איך בין נאכגעגאנגען נאך זיי.

"וואס איז געשעהן?" — פרעגט איהם דער צווייטער.

"די שיף האב געבראכט צו מיר מיין ווייב מיט מיינע קינדער" — ענט־פערט איהם דער וויצלינג.

וויפיעל אכזריות און נידעריגקייט איז דא אין דעם דאזיגען אומגעלומ־פערטען וויץ.

ענגלאנד איז זעהר שטאָלץ מיט אלעס וואס זי פארמאגט, און בעזונדערס אויף איהר ענגלישער שפּראך. ניט לייכט קאן מען געפינען אן ענגלענדער וואס זאל רעדען א פרעמדע שפּראך אויסער זיינע. און זעהר ריכטיג האט בא־מערקט דער בעריהמטער פראנצויזישער שרייבער זשול־ווערן: "בריטאניא איז די גאנצע וועלט און די ענגלישע שפּראך איז די וועלט־שפּראך. וויקטאריא איז די וועלט־קעניגין, און די אלע פערשיעדענע לענדער זיינען איהרע פּראווינצען און די קעניגע זיינען איהרע קאמיסיאנערען".

ניט נאר די ענגלענדער דענקען אזוי, נאר אויך איהרע אידען מיט זייער רב־הכולל, "טשיעף ראביי".

www.libtool.com.cn

## 35טער קאפיטעל

מאנטשעסטער, וואו די 20 טויזענד אידען זיינען צוטיילט צווישען זיך אויף קליינע גרופּקעלעך נאָך די לאנדסמאנשאפטען. — איך נעהם אָפּ א טרויעריגען גרוס פון אמעריקא. — מאנטשעסטער איז פינסטער און ליווערפּול, א שעה פון דאָרטען, איז ליבטיג און שעהן. — עס פעהלען אין ענגלאנד די שעהנע אידישע טיפּען פונ׳ם היימישען קליינעם שטעדטעל. — מיסיאָנערען ווילען מיך אונטערקויפען און איך פארטרייב דעם שליח זייערען.

---

מאנטשעסטער איז די צווייטע שטאָדט צו לאָנדאָן. מיט איהרע גרויסע פאבריקען און מיט איהר האנדעל צייכענט זי זיך אויס ווי איינע פון די גרעסטע שטעדט אין דער וועלט. א מיליאָן איינוואוהנער פערמאָגט זי, צווישען זיי צוואנ־ציג טויזענד אידען, דאָס רוב פון זיי הענדלער, אויך ארבייטער, די מעהרסטע שניידער און א קליינער צאהל פּראָצענט־נעהמער, וועלכע ברייננען א גרויסען האס אויף דעם כלל.

אין מאנטשעסטער פעהלט אויך ניט די אלגעמיינע אידישע קראנקהייט — פּירוד הלבבות. די אידישע געמיינדע צוטיילט זיך אויף פיער פערשיעדענע פּארטייען, וועלכע לעבען ניט זעהר הארמאניש צווישען זיך.

גרויס פערגעניגען האָב איך געהאט צו פערברייננען אין מאנטשעסטער מיט מיין טהייערען פריינד, דעם העברעאישען פּאָעט מר. יוסף מזל. זעהר פיעל איבערזעצונגען האט ער אין העברעאיש געמאכט פון דער ענגלישער ליטעראטור, צווישען זיי אויך: "שמשון הגבור" פון מילטאָן און "יהודה המכבי" פון לאָנג־פעלאָ. ער איז געווען א ליעבענסווירדיגער מענש, און זיין הויז איז געווען אימער אָפען פאר די אלע רוסישע תלמידי חכמים, וועמען דער גורל האט געבראכט נאָך ענגלאנד.

די העברעאישע ליטעראטור איז כמעט טויט אויף דעם בריטאנישען אינזעל. עס איז דאָרט שווער צו געפינען א אידען, וועלכער זאל פערשטעהען העברעאיש. זאָגאר רבנים, פריידיגער, חזנים מיט זייערע "פּרנסים" — אזוי ווערען גערופען די פּרעזידענטען פון די קהלות, — פערשטעהען בלויז צו לייענען אין סידור מיט נקודות, אוז א טהייל פון זיי באגנוגענען זיך מיט דער ענגלישער איבערזעצונג. אין זייערע סדורים איז געדרוקט דער קדיש מיט ענגלישע בוכשטאבען. און מערקווירדיג פרום, זעהר פרום זיינען אַט די עמי־הארצים, זיי בויען רייכע שוהלען, שרייבען ספרי תורות, קהל׳ען זיך און קריגען זיך ארום איבער יעדען קליינעם אמט, מיט פיעל אייפער — דאָס איז דער כאראקטער פון דער ענגלישער אידישקייט.

www.libtool.com.cn

צופעליג האב איך זיך געטראפען מיט איינעם א געלעהרטען אידען, וועלכער האט יאהרען־לאנג געלעבט אין אמעריקא. איך האב פאר איהם פארגעשטעלט די עם הארצות פון דער ענגלישער אידישקייט, ער האט זיך שטארק צולאכט, אבער מיט הארצוויטאג, און האט איראניש מיר געענטפערט:

"יא, ווי איך זעה זייט איהר דאך נאך גאר א יונגערמאן מיט זעהר ווייניג פראקטיק אין לעבען. איהר ווערט נתפעל און שטארק איבערראשט פון דער ענגלישער אידישקייט, ווי נידריג זי איז, אבער ארדנונג איז דאך דא. אמת, דער גייסט פון אידענטהום פעהלט, די נשמה איז קראנק, מען מוז איהר קורירען, אבער דער קערפער איהרער איז דאך א געזונטער. וואס וואלט איהר זאגען ווען איהר וואלט קומען אין קאלומבוס׳עס לאנד, אין די גרויסע אידישע געמיינדעס פון אמעריקא? קומט, זייט אזוי גוט, נאך נויארק, שיקאגא, באסטאן און פילא־דעלפיא, און נאך פיעל גרויסע שטעדט דארט, וואו יעדער שטאדט האט מעהר אידען ווי דער גאנצער בריטאנישער אינזעל, דארט וועט איהר ערשט זעהן דעם אמת׳ען גייסטיגען אידישען חורבן, דארט וועט איהר געפינען די ווילדע אומגע־לומפערטע עם הארצות און אומארדנונג. עס איז ניטא קיין אויטאריטעט, ווי דא אין ענגלאנד, אין דער פערזאן פון דעם רב הכולל, וועמעס ווארט ווערט געהערט. עס איז דארט ניטא קיין בעשטימטע געמיינדע, דארט זיינען דא קליינע במה׳לעך אין דער צאהל פון די רוסישע, פוילישע, גאליציאנער, אונגארישע, רומענישע קליינע שטעדטלעך, וועלכע געפינען זיך אין די אלע לענדער. במה׳עס און במה׳לעך, יעדע במה׳לע איז אן איינגעטריקענטע, אהן שום גייסט אין לעבען, אהן שום פארם און געשטאלט. זייערע בלומרשט׳דיגע שוהלען רופען זיי מיט די נעמען פון זייערע קליינע שטעטעלעך, וועלכע זיינען שוין לאנג אויף דער וועלט ניטא, ווי צום ביישפיעל: פאקראיער שוהל, באלטערמאנצער, מארימפאלער. קאלעלישקער, באלבירישקער, טאראשטשער, בוטשאטשער און נאך און נאך אזעלכע ניט באקאנטע אלטע נעמען, שטעטלעך, אפגעלעבטע, פארגעסענע, זאגאר די רוסישע געאגראפיע ווייס ניט פון זייער עקזיסטענץ, און אונזערע גלות־ברידער, די אריבערגעקומענע נאך אמעריקא האלטען טהייער זייער גערעבניש און האלטען זיך שטארק מיט זייערע היימישע געוואהנהייטען פון אומארדנונג און פארמלא־זיגקייט. וואלטען זיי איינהאלטען אין זיך דעם אמת׳ן טראדיציאנעלען אידישען גייסט, דעם וויסען פון דער תורה מיט די נביאים, דעם טיפען און שארפען לערנען פון תלמוד, דעם גייסט פון די וואלאזינער, מירער און טעלזער ישיבות, דאן וואלטען מיר זיי פערצייהעט אויף זייער נארישקייט אויך, אבער ליידער, די גוטעם, דעם תוך, דעם גייסט פון אידענטהום האבען זיי ארויסגעווארפען, נאך די קליפה, די גלות שאלאכטס, דעם פוילישען איינגעבויגענעם קארק, דעם פריצישען "מה יפית" זינגען, דאס האבען זיי איינגעבאלזימירט, איינגעמארי־נירט און אוועקגעטראגען מיט זיך נאך דער פרייער ליבטיגער אמעריקא.

www.libtool.com.cn

„קיינע שבתים, קיינע ימים טובים, די שוהלען זייערע זיינען די גאנצע וואך פערשלאסען, בלויז אין זייערע טיעפע קעלערען קלייבען זיך אויף די אבלים קדיש־זאגער, די יאהר־צייט־האבער און מאכען דארט מנינים. און דארט ווערען די תפלות פאר׳ן עמוד און די קדישים פערהאנדעלט פאר די אמעריקאנער דאלארס. גליקליך זיינען די טויטע, וועלכע האבען אין אמעריקא קינדער וואס זיינען לע־בעדיגע „מעמבערס״־מיטגליעדער — אין די טויטע שוהלען, אבער אומגליקליך זיינען נעביך די יעניגע מתים, וועלכע האבען קינדער לעבעדיגע מתים, ארימע וואס קאנען ניט באצאהלען די שמשים דעם פרייז, יענע נעבאך קאנען אזוי אפליגען יאהרען לאנג אהן א קדיש און אהן א „מלא״.

אט אזא טרויערדיגען גרוס האב איך באקומען אין מאנטשעסטער פון דעם רוסישען־אמעריקאנער אידען. נאר איין טרייסט איז געווען דאס, וואס איך האב גערעכענט אז אפשר איז דער מאן איינער פון די פעסימיסטען און נאר מיט זיין קראנקער פאנטאזיע האט ער דאס אלעס געזעהען אין אמעריקא. נייז, איך וועל זיין גרוס ניט אננעהמען ביז איך וועל אליין ניט בעזוכען אמעריקא. איך וועל דורכרייזען איהרע גרויסע שטעדט, איך וועל שטודירען איהר אידיש לעבען, דאן וועל איך קענען אורטהיילען.

שוין איניגע מאנאטען בין איך אויף דעם ענגלישען אינזעל און איך קען זיך נאך אלץ ניט צוגעוואוינען צו זיין משונה׳דיגען קלימאט, וועלכער ענדערט זיך עטליכע מאל אין טאג, פון קעלט צו היץ און פון היץ צו קעלט, אימער איז פייכט אונטער זיינע גרויע, טריבע הימלען. די וואוינונגען זיינען ניט אין דער ברייט און דער לייג, נאר אין דער הויך, אונטען די קיך, איבער דער קיך דאס עס־צימער, און איבער איהם דאס שלאף־צימער, און די טרעפ זיינען גלייכע, אזוי ווי לייטערס, די אייזערנע פייער־פלייסעס ווערען געהייצט ניט מיט האלץ, נאר מיט ווייכע שטיינקויהלען, וועלכע פילען אן די קליינע חדרים מיט קויהלען־שטאף. דאסזעלבע האב איך נאך אין לאנדאן געהאט, אבער אין מאנטשעסטער, וואו די זונן איז אימער פערשטעלט מיט דעם רויך פון איהרע גרויסע קוימענס פון די פאבריקען, האב איך עס געפיהלט פיעל שארפער.

די ליווערפולער אידישע געמיינדע האט מיך איינגעלאדען אויף איניגע לעקטשורס. קומענדיג קיין ליווערפול, וואס איז איין שטונדע רייזע פון מאנ־טשעסטער, בין איך ערשטוינט געווארען, זעהענדיג דעם אונטערשיעד אין דעם קלימאט פון די צוויי נאהענטע שטעדט, ווי פון מערב צו מזרח. מאנטשעסטער איז אימער איינגעהילט אין א שווארצען שלייער פון חשכת מצרים, איהרע הייזער שווארצע, די גאסען דונקעלע, זאגאר איהרע איינוואוינער זיינען מיט פערשווארצ־טע געזיכטער. אבער ליווערפול שיינט מיט איהר ליכטיגקייט און זויבערקייט ווי איינע פון די שעהנסטע דייטשע שטעדט. און די שיפען, וועלכע קומען צו איהר דארט טאג טעגליך, גיבען איהר צו לעבענס־גערויש מיט פרעהליכקייט, און דו

www.libtool.com.cn

באקומסט, גלייך ווי דו קומסט אריין אין איהר, גאר א לעבעדיגע פרעהליכע שטימונג.

ריינע, אידישע הייליגע טיפען ווי רבי שמעון קאפטאז, דער ווילנער, רבי נחום גראדנער, רבי שלום מנשה בריסקער, אדער רבי מאטעל ווײנשיינקער, דער שאוולער, וועלכע מיר באגעגענען געוועהנליך אין א קלענערען מאסשטאב, כמעט אין יעדער אידישער קהלה פון די רוסישע שטעדט, אזעלכע טיפען געפינען זיך ניט אין די מערב אייראפעאישע שטעדט, וואו די קולטור און ציוויליזאציאן געוועלטיגען.

עס זיינען דא מאמענטען אין דער צייט פון מיין זיין דא אין די ענגלישע אידישע קהלות, וואס איך וואלט זיך רעכענען פאר א גליקליכען איך זאל האבען איינעם פון מיינע פריינד אין רוסלאנד און איך זאל איהם קענען ווייזען אלעס וואס איך זעה. ער וואלט מיר מיטגעפיהלט און וואלט זיך איבערצייגען אין דעם אידענס אלע גוטע מדות, וועלכע זיינען דא צונישט געווארען און עס איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבען.

א, וויפיעל הונגעריגע אידישע נפשות שלעפען זיך דא אום אין די גאסען ווען עס קומט פרייטאג־צו־נאכט און עס געפינט זיך ניט קיינער מען זאל זיי אריינגאהמען אין הויז אין דער הייליגער נאכט ווען יעדע אידישע הויז אין אלע גלות־לענדער איז געווען אפען פאר די ארימע אומגליקליכע אורחים, צו שטילען זייער הונגער און צו פערלינדערען זייערע גייסטיגע שמערצען. נאר וואצו זאל איך זיך באקלאגען אויף דעם פרייטאג־צו־נאכטס, אז דער שבת אליין איז אין גאנצען טויט און דאס גאנצע אידישקייט איז פערקריפעלט געווארען אהן אז אינהאלט און אהן א פארם.

צו אונזער שאנדע איז נאך ווייניג וואס זיי האבען די מדות טובות מיט די אלע אלטע גוטע מנהגים פערניכטעט, האבען זיי נאך ערווארבען מדות רעות און שענדליכע אויפפיהרונגען, וועלכע איין גאט ווייס צו וואס דאס קען אונז ברייגגען. די לעצטע צייט האבען זיך פערמעהרט אין די ענגלישע שטעדט אידישע פראצעננטניקעס, וואס מיט זייערע נידערטרעכטיגע מעשים תעתועים און הויט־שינדעריי פערשטארקען זיי ביים ענגלישען פאלק דעם שרעקליכען אורטהייל, וועלכען זייער גרויסער שעקספיער האט אויף דעם אידישען פאלק געגעבען אין זיין כאראקטער פון "שיילאק".

טאג־טעגליך קומען אין די געריכטען קלאגעס אויף די אידישע וואוכערני־קעס, און די גרויסע ענגלישע צייטונגען שרייען, שטורמען און גיסען שוועבעל און פעך אויף דעם כלל ישראל און רייצען אז דעם דעת הקהל אויף אונז.

איך זיץ אין מיין צימער אין דער געזעלשאפט פון די מאנטשעסטער רבנים: הרב תאומים און הרב יפה און די טהיר האט זיך געעפענט און אז אינטעלי־

www.libtool.com.cn

גענטער יונגער מאַן שעהן געקליידעט, איז אריינגעגאַנגען. ער האָט זיך פאַרגע־שטעלט אלס איינער פון די רוסישע משכילים, א קאָרעספּאָנדענט אין "המליץ" און זיין פּסעוודאָנים איז "גביר". איך האָבווירקליך געדיינקט זיינע מאמרים און פערשידענע קאָרעספּאָנדענציעס. איך האָב איהם פאָרגעשטעלט פאַר די רבנים.

"איך האָב געהערט אייער נאָמען נאָך אין רוסלאַנד און איך האָב אייך קיינ־מאָל ניט געזעהען. יעצט בין איך פאַרבייגעפאָהרען מאַנטשעסטער, און איהר זייט דאָ, וויל איך זיך בעקאַנען מיט אייך פּערזענליך". — האָט דער גאַסט גע־זאָגט צו מיר.

ער האָט באַלד זיך פּעראינטערעסירט אין אונזער ליטעראַרישען געשפּרעך. ער האָט דערצעהלט שעהנע אנעקדאָטען וועגען פערשיעדענע ליטעראַטען. נאָכהער האָט ער זיך אונטערהאַלטען מיט די רבנים אין הלכה, און זיי זיינען נתפעל גע־וואָרען פון זיינע פּלפּולים מיט זיינע שאַרפע ידיעות אין דער רבנ׳ישער ליטעראַ־טור און זיינע פרומע מיינונגען איבער אידישקייט, וועלכע זיינען צו שטאַרק געווען פאַר א העברעאישען ליטעראַט. און מיט וואָס פאַר א רעליגיעזען פייער דער מאַן האָט גערעדט, פון זיינע אויגען זיינען פּשוט געפלויגען פונקען פון יראת שמים.

מיר איז ער גלייך ניט געפעלען געוואָרען. איך האָב געפיהלט אַז א סוד איז בעהאַלטען אין דעם יונגען מאַן.

די רבנים האָבען זיך צוזעגענט און זיינען אוועק, און דער "בעל דבר" האָט זיי איבערגעוואָרט און איז געבליבען מיט מיר אליין.

פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעשטעלט, די אויגען פערגלאָצט און מיט א דראַמאַטישער שטימע האָט ער זיך געווענדעט צו מיר:

"יאָ, מיין פריינד, איך בין געווען א גלויביגער איד ביז מיט פינף יאָהר צוריק. איך האָב געלערנט די תורה גלייך מיט די רבנים, וועלכע איך האָב גע־טראָפען ביי אייך אין צימער, ביז מיינע אויגען האָבען זיך געעפענט און איך האָב זוכה געווען צו זעהן דאָס אמת׳ע ליכט, צו אנערקענען די דריי־הייליגקייט פון גאָט, זיין זוהן און דעם רוח הקודש. איך בין א קריסט געוואָרען, און גלויב, אַז די אידישע הילף פון אלע זייערע צרות, ליגט נאָר אין קריסטענטהום. איך האָב אייך נאָך געהערט אין לאָנדאָן איינינגע דרשות, איבערהויפּט אייער דרשה געגען די מיסיאָנערען. איהר זייט בעגאַבט מיט א געטליכער קראַפט און איהר וואַרפט דאָס ארויס פאַר גאָר ניט. איך בין געשיקט געוואָרען צו אייך פון לאָנ־דאָנער מיסיאָנערען־הויז מיט אַן איינלאַדונג: קומט מיט אונז, אַרבייט מיט אונז אונזער הייליגע אַרבייט, דאַן וועט איהר גליקליך זיין און אונזערע אומגליקליכע אידישע ברידער גליקליך מאַכען".

www.libtool.com.cn

ער האט גערעדט מיט אזא ווילדען פּאטאָס און ווילדען פייער, אז איך האב זיך געשעהמט איהם אין די אויגען צו קוקען. מיט עקעל האב איך געהערט זיינע ווערטער און מיר איז ניט גוט געווארען צו שטעהען מיט דעם מאן, וועלכער האט זיין נשמה פערקויפט צו די מיסיאָנערען, און איך האב פּשוט ניט געקענט מיין מויל עפענען צו ענטפערען איהם.

זיין חוצפּה איז אבער געווען אזוי גרויס, אז ער האט ארויסגענומען א טשעק צו געבען מיר.

דאן האב איך מיט צאָרן אויסגעשריען: „ארויס, לומפּיגער משומד, פער־קויפטע נשמה, פון מיין צימער".

איך האב די טהיר געעפענט און איהם ארויסגעטריבען.

צוזאמען מיט מיין פריינד, דעם פּאעט יוסף מזל, זיינען מיר געגאנגען שפּאצירען אין איינעם פון די מאנטשעסטער פארשטעדט, און דארט האבען מיר פערזוכט דעם טעם פון דער אמת׳ער ענגלישער פרייהייט — „פרייע" שטיינער האבען אונז באשאָטען פון אלע זייטען... מיט גרויס שוועריגקייט האבען מיר זיך גערעטעט פון דער ווילדער אונערצויגענער יונגוואָרג און אז אלטער מאן האט אונז ארייגענומען צו זיך אין הויז.

פערציג אידען פון אונזערע אריבערגעקומענע זיינען בעשולדיגט געווארען אין געריכט פאר פערקויפען פּסח׳דיגע שנאפּס אהן ערלויבניש פון דער רעגירונג. דער ריכטער האט זיי באשטראָפט מיט א געלד־שטראָף און האט זיי געזאגט א היבשע ביסעל מוסר פאר זייער מחלל זיין דעם אידישען כבוד. די גרויסע ענגלישע צייטונגען האבען דאס אויפגעכאפּט און געמאכט דערפון א סענזאציע און דערביי געווארפען פיעל שמוץ אויף אלע אידען מיט אידישקייט צוזאמען.

דאס האט מיך עראינערט אן די גרויסע פּלאקאטען, וועלכע זיינען צוקלעפּט געווארען אין אלע אידישע שוהלען אין נאמען פון אלע רבנים, אז קיין איד זאל זיך ניט ערלויבען צו פערקויפען קיין פּסח׳דיגע סחורה, אדער געטראנק אהן א הכשר פון די רבנים, און אין הארצען האב איך געפרעגט: ווארום גיבען זיי ניט אכטונג אויף דעם גרויסען חמץ, וועלכער געפינט זיך אין דער גאנצער גע־מיינדע מיט איהרע געשעפטען. ביי די רבנים און די פּרנסים, ביי די ראשי הקהל מיט זייערע מאכערם און די שוהלען מיט זייערע מעמבערם די פּסח׳דיגע שנאפּס הענדלער.

ליידער איז די שאלה זעהר א שווערע און דער ענגלישער ריכטער האט זי געמוזט פּסק׳ענען.

www.libtool.com.cn

## 36טער קאפיטעל

די בעלגישע שטאָדט אנטווערפּען, וואו די פרויען וואשען יעדען טאָג די טראָטוארען. — איך האָב מורא צו טרעטען אויף די שטיינער, אזוי ריין זיינען זיי. — די רוהיגע בעלגיער, וועלכע האָבען פיינט זיך צו איילען. — אונזערע אידען האנדלען מיט דימענטען און זיינען רייך. — די יחסנים זיינען די האָלענדישע אידען. — גאליציאנער אידען ווילען זיך גישט מתחתן זיין מיט רוסישע און פּוילישע אידען. — איך אפּעליר פאר די בריסקער נשרפים און דערציעהל וועגען דער נדיבות פון די דווינסקער פרידלאנדס. — א פערוואָגעלטער פרידלאנד געפינט זיך אין שוהל און פאלט אין חלשות.

פון ענגלאנד ביז איך געפאָהרען נאָך אנטווערפּען.

די אידישע שטאָדט אין בעלגיען איז אנטווערפּען. די שטאָדט איז ניט קיין גרויסע. זי איז ניט קיין כרך ווי מיר שטעלען זיך פאָר דאָ אין אמעריקא. זי פערמאָגט ניט קיין צעהן עטאזשנע הייזער, זי האָט ניט קיין הויכבאהנען און ניט קיין אונטער־אירדישע וועגען, אָבער זי האָט אין זיך די אלע מעלות פון די קליינע און גרויסע שטעדט צוזאמענגענומען. ערשטע קלאס האָטעלען, גרויסע טעגליכע צייטונגען, טהעאטערס, פאבריקען, נאָר קיין איילעניש, קיין נערוועזיטעט ווי אין די גרויסע שטעדט.

ווען דו געהסט ארום איבער איהרע שעהנע גאסען, דאכט זיך דיר, אז דו ביזט אין א קליינער שטאָדט, אין וועלכע דאָס לעבען פליסט רוהיג ווי די וועללען אין א קליינער טייכעל. די מענשען אין גאס איילען זיך ניט, שטויסען ניט איינער דעם צווייטען מיט דעם ארעם, אָדער מיט דעם אקסעל ווי אין לאָנדאָן און מאַנטשעסטער. די מענשען געהען טריט ביי טריט ווי זיי האָבען שוין לאנג געענדיגט זייערע געשעפטען אויף דעם בעסטען אופן און האָבען זיך ניט וואָס צו איילען. ווען דו געהסט אריין אין איינער פון איהרע הייזער, ווערסטו ענטציקט פון די מאסען פרישע בלומען אין הויז און ארום הויז. דער וואקזאל איז איינער פון די שעהנסטע געביידען אין איראָפּא. איינגעטונקט אין בלומען, זאָגאר די לאַנטערען און די טעלעגראף־זיילען זיינען אויך פערהילט אין פרישע בלומען, און ווי גרויס איז די ריינליכקייט אין שטאָדט אין יעדען אָפּגעלייגטען פארשטויסענעם ווינקעלע. די ריינליכקייט איז א פאָלקס־מדה ביי די בעלגיער. די ווענט פון די הייזער פון דרויסען ווערען געוואשען יעדען פריהמאָרגען, מיט וואסער און זייף און אויך די טראָטוארען. איך בין זיך מודה ומתודה, אז אין די ערשטע טעג האָב איך ניט געקענט, און קיין הארץ ניט געהאט צו טרעטען איבער די זויבערע שטיינער. פאר יעדער הויז שטעהט די דיענסט, אָדער די ווירטהין אליין און וואשט און שווענקט

www.libtool.com.cn

יעדען שטיין בעזונדער. און, ווי קאנסטו זיין אזוי גראב צו טרעטען מיט דיינע פיס דאס וואס א דאמע האט גערייניגט ? אבער איך האב געזעהן אז די בעלגיער קימערען זיך ניט וועגען דעם, די דאמע רייניגט און ער געהט, און זיי האבען ניט קיין פערדרוס איינער אויף דעם צווייטען, דאן בין איך אויך "פארבעלגיע'דירט" געווארען און איך האב אנגעהויבען צו געהען רוהיג מיין וועג ווי א בעלגיער.

די ריינליכקייט שיינט ארויס פון זייערע קליידער, באזונדערס ווען דו זעהסט די בעלגיער אין א זונטאג־טאג, ווען זיי שפאצירען צו פארלעך איבער די זויבערע גאסען אין זויבערע קליידער אזוי ווי ערשט פון דער נאדעל ארויס. דו קענסט בשום אופן ניט דערקענען פון רייך ביז ארים, זאגאר דער איינפאכער ארבייטער געהט אנגעצויגען ווי א דזשענטעלמאן און זיין פרוי אין איהר מאדישער הוט ווי א רייכע מאדאם. דאס רוב פערברייננגען זיי אין די קאפע־הייזער, דארט טרינקען זיי געמיטהליך זייער קאפע, אדער ביער, צוזאמען מיט זייערע פרויען און קינדער, אבער קיין שכרות און זויפעריי ווי אין לאנדאן זעהט מען דא נישט.

צוליעב זייער עקסטרעמער ריינליכקייט באציהען זיי זיך צו אידען ניט מיט קיין גרוים ליעבע, אבער מען קען ניט זאגען, אז זיי האסען דעם אידען, ווייל די לעצטע זיינען נאך ניט געקומען אין א גרויסער צאהל, אז זיי זאלען קענען פראָדוצירען אנטיסעמיטיזם. עס איז נאך דא אין בעלגיען פיעל ערטער, וואו די איינוואהנער האבען נאך קיין אידען ניט געזעהן, אבער דאס איז, ליידער, א פאקט, אז דער בעלגיער קויפט ניט קיינמאל קיין עסענווארג אין א אידישען געשעפט, באזונדערס ברויט און געבעקס, ניט צוליעב שנאה, נאר צוליעב ריינליכקייט.

ווען איך בין געקומען נאך אנטווערפען, האב איך געפונען דעם אידישען ישוב אין זיין ענטוויקלען זיך. אונזערע אידען האבען זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען צו אסימילירען מיט די האלענדער אידען, וועלכע רעכענען זיך פאר בעלגישע בירגער.

אנטווערפען איז געווען באוואוסט אין דעם אידישען תחום בלויז אלס פארט־שטאדט, פאר א סטאציאן אין דער לאנגער טרויערדיגער וועג פון צרות און פורעניות פאר דעם אימיגראנט, וועלכער עמיגרירט נאך אמעריקא אדער נאך קאנאדא. צו באזעצען זיך אין אנטווערפען זיינען אין די ערשטע צייטען בלויז געקומען די דייטשע אידען, וועלכע האבען פארגרעסערט דעם עקספארט און דעם אימפארט פון בעלגיען מיט דייטשלאנד.

אין דער לעצטער צייט האבען זיך דא ביסלעכווייז בעזעצט עסטרייכישע אידען און אויך די רוסישע אימיגראנטען, וועלכע האבען קיין געלד ניט געהאט צו מאכען זייער רייזע ווייטער נאך אמעריקא. זיי האבען אנגעהויבען האנדלען מיט עדעלשטיינער, בריליאנטען, מאנכע פון זיי האבען זיך אויסגעלערנט צו שלייפען די רויהע דיאמאנטען און האבען זיך איינגעארדענט.

www.libtool.com.cn

איך האב זיך דערוואוסט אז פיעלע פון די גרויסע רייכע אידען אין אנט־ווערפען זיינען געקומען אהער פשוט נאקעט און בארוועס און זיי האבען געמוזט בלייבען דא. און אין איניגע יאהר צייט זיינען זיי ארויפגעשטיגען אויף דעם לייטער פון גליק און יעצט זיינען זיי בעוואוסט אין דער דיאמאנטען האנדעלס־וועלט אלס די קעניגע פון דער אנטווערפענער בריליאנטען־בערזע.

דער אידישער ישוב אין אנטווערפען איז דאמאלס ניט געווען ״מעור אחד״, נאר אן אויפגעשטוקעוועטער פון פערשידענע לענדער — פון האלענדער אידען, דייטשע, עסטרייכישע, רוסיש־פוילישע און ספרדישע. זיי זיינען ניט אויסגעגאסען געווארען אין איין שטיק, בלויז א דינער פאדעם — די אלגעמיינע אידישקייט — האט זיי געמאכט פאר ״די אידישע קהלה אין אנטווערפען״. אבער אין זייער סאציאלען און רעליגיעזען לעבען זיינען זיי געווען יעדער לאנדסמאנשאפט פאר זיך; בעזונדערע קולטורען, בעזונדערע מנהגים און זיי האבען ניט בעריהרט איינער דעם אנדערען.

די האלענדישע אידען, ווי עס איז געזאגט געווארען פריהער, האבען זיך געהאלטען פאר יחסנים, ווייל זיי זיינען שוין געווען בירגער אין בעלגיען פון יאהרען־לאנג. די האלענדישע שפראך איז זייער מוטער־שפראך, און זי איז א שוועסטער צו דער פלעמישער שפראך, וועלכע איז די לאנד־שפראך פון בעלגיען. זייער קהלה האט די אפיציעלע אנערקענונג פון דער רעגירונג, איהר ראבינער נעמט געהאלט פון דער רעגירונג, אזוי ווי די קאטוילישע פריסטער. די האלענדישע אידען זיינען זעהר ווייט פון אידענטהום. זייער געשטאלט האט זיך געענדערט און זיי ווייזען אויס אזוי ווי די קריסטליכע בירגער אהן א שום אונטערשיעד. עס איז אמת, אז זיי פערלייקענען ניט דאס אידענטהום, זיי ווייסען פון בר מצוה, זיי האבען מצה אויף פסח, זיי ארבייטען ניט אום יום כפור, נאר פון שבת און כשרות ווייסען זיי זעהר ווייניג. די עם הארצות איז שטארק געראטען, און דער וועלכער קען עטוואס לעזען אין א סידור, איז א גאנצער תלמיד חכם.

די דייטשע אידען זיינען דאס רוב פון דעם בעוואוסטען פראנקפורטער טיפ, ביי וועמען דער חורב און די ניינצעהן בריעף פון רבי רפאל הירש איז די גאנצע תורה. זיי האבען פאר זיך זייער אייגענע שוהל, זיי זינגען בצבור לכה דודי, ובנוחה יאמר, זיי זאגען קינות מיט דעם ניגון פון ברכי נפשי, און כל נדרי מיט דעם ניגון פון אתה הראית. זיי צייכענען זיך אבער אויס מיט צדקה געבען, און זיי האבען זעהר פיעל געטהאן פאר די ארימע רוסישע אימיגראנטען.

די עסטרייך־אונגארישע אידען זיינען א קהלה פאר זיך. זיי האלטען נאך שטארק פון דער אלטער טראדיציאן, זיי לערנען נאך דעם תלמוד און פיהרען זיך נאך דעם שולחן ערוך, אבער זיי זיינען ווייט פון דעם רוסיש־ליטווישען אידען. זיי קוקען אויף איהם פון אויבען אראפ ווי אויף א נחות דרגא, פונקט פארקעהרט ווי אין ענגלאנד, אדער אין אמעריקא. און דאס געהט אזוי ווייט, אז די עסטרייי־

www.libtool.com.cn

כישע אידען, דאס מיינט די גאליציאנער, טהוען ניט קיין שידוך מיט א ליטוואק, און, אויב עס טרעפט אמאל אז א גאליציאנער יונגערמאן פערליעבט זיך אין א ליטווישער מיידעל און האט חתונה מיט איהר, בעדויערען זיי איהם, און רעכענען דאס פאר א פסול אין דער משפחה, א חילול הכבוד.

דער הויפט געשעפט פון די אידען אין אנטווערפען איז דיאמאנטען און פערל, ווי איך האב פריהער געזאגט. דער מסחר ווערט געטהאן אין קלוב און אויף דער בערזע. דארט קויפען זיי און פערקויפען, דארטען וועגען זיי און צעהלען די קליינינקע פעקעלעך, וועלכע זיינען איינגעוויקעלט אין זייד־פאפיער און ווייזען אוים ווי אן אפעטעקארישער פראשעק פאר מעדיצין, און די ווערטה זייערע איז טויזענדער און טויזענדער דאלער.

דער קלוב מיט דער בערזע זיינען נאר פאר די גרויסע רייכע דיאמאנטען־הענדלער, אבער עס זיינען דא קליינינקע סוחרים׳לעך, וועלכע פערדיענען בלויז פון האנד צום מויל. זיי זיינען צושפרייט איבער די קאפע־הייזער און איבער־הויפט אויף פליגאן גאס. דארט געפינען זיי זיך אין די הונדערטער, יעדערער האלט זיין קליין זייד־פאפיער אין האנד און צייגט די וואארע איינער דעם צוויי־טען. מען רעדט, מען דינגט זיך, מען לאכט און מען בייזערט זיך, ביז מען מאכט א שטיקעל געשעפט.

עס איז זעהר ניט אנגענעהם צו זעהן אז נאר אידען טרייבען דעם געשעפט, און ניט קיין קריסטען, און נאר גאליציאנער און רוסישע אידען, ניט קיין האָ־לענדער און דייטשע אידען בעשעפטיגען זיך מיט דעם מסחר. זיי זיינען בע־שעפטיגט איבערהויפט מיט אימפארט און עקספארט, אבער אלע בעסער צו האנדלען מיט עדעלשטיינער, ווי מיט אלטע זאכען, אלטע שיך, ווי אונזערע ברידער אין לאנדאן און מאנטשעסטער.

און זאגען האט מען מיר געזאגט, אז אין אנטווערפען זיינען קיין ארימע לייט ניטא, זיי האבען זאגאר ניט וועמען צו געבען מעות חטים אויף פסח און, ווען זיי ווילען געבען נדבות, שיקען זיי אפ יעהרליך נאך ארץ ישראל אויף די הייליגע אנשטאלטען.

אין איינער פון מיינע רעדען, וואס איך האב גערעדט אין אנטווערפען, האב איך אפעלירט פאר דער אומגליקליכער שטאדט בריסק, וועלכע האט געליטען אין יענעם יאהר (1894) פון א שרעקליכער שרפה. רייךענדיג, האב איך פאר־געשטעלט די גרויסע מעשים טובים און פיעל צדקה וואס די רוסישע רייכע אידען האבען געטהאן אין רוסלאנד. פאר א ביישפיעל האב איך דערצעהלט פון די גרויסע אנשטאלטען און נאבעלע טהאטען, וועלכע די פאמיליע פרידלאנד, אדער פריד־לאנסקי, אין דענענבורג, היינט דווינסק, האבען געטהאן, און געשילדערט ווי איז דער לעצטער צייט, פאר אלעקסאנדער דעם דריטען, זיינען זיי ארים געווארען, ווייל די רעגירונג האט זיי פערפאלגט, ביז די ברידער פרידלאנד זיינען פער־

www.libtool.com.cn

אריםמט געוואָרען. פלוצים האט זיך דערהערט א געשריי און א פאַל פון א מענ־שען. איך האָב מפסיק געווען אין מיין ריידען און מען האט מיר ערקלעהרט, אז אן אלטער שעהנער בכבוד׳ער איד איז געווען צווישען די הערער און עס איז איהם פלוצים ניט גוט געוואָרען און ער איז געפאלען. מען האט איהם גלייך ארויסגעטראָגען פון שוהל און מען האט איהם אין האָספיטאל אוועקגעפיהרט אונטער א דאָקטאָרס השגחה. ווער איז ער? ווייס קיינער ניט.

דער עולם האט זיך בארוהיגט און איך האָב מיין אפיעל געענדיגט, און דער עולם האט געגעבען געלד מיט דער פולער האנד, פאר דער אבגעברענטער שטאָדט בריסק - דליטא.

אויף מאָרגען ערהאלט איך א בריעף בזה הלשון:

„געעהרטער פאָלקס־רעדנער!

„איך בין דער מאַן, וועלכער האט אייך, ליידער, געשטערט אין אייער רעדען. איך בין צובראָכען געוואָרען, הערענדיג די שילדערונג פון דער אומגליקליכער פאַ־מיליע פרידלאנסקי, דאָס זיינען מיינע צוויי ברידער, מאיר־לייב און מרדכי, מיינע ביידע ברידער זיינען שוין טויט, און איך ווער פערפאָלגט פון דער רוסישער רעגי־רונג, און איך בין דאָ אויף א פרעמדען נאמען. קיינער קען מיך ניט און מען זאל ניט וויסען ביז איך וועל זיין פריי פון דעם בלבול, וואָס מען האט געמאכט אויף מיר ביי מיין אונטערנעהמונג צו בויען דעם בריסקער וואקזאל.

„בעזוכט אייער פריינד, מרדכי פרידלאנסקי״.

איך האָב גלייך בעזוכט מיין פריינד פרידלאנד אין זיין פריוואט וואהנונג. מיר האָבען זיך וואַרעם צוקושט, און מיר האָבען פערבראַכט שטונדען לאנג אין אלטע זיסע זכרונות. נאָבעל, גוט און פעהיג איז דער מענש געווען, און געפאלען אלס קרבן פון דער טיראנישער רוסישער רעגירונג.

איידער איך האָב פערלאָזען אנטווערפען, האָב איך בעזוכט דעם טיעפען אלטען קעלער, וועלכער איז נאך פערבליבען פון דער צייט, וואָס די שפאנישע רעגירונג האט געוועלטיגט איבער גאנץ נידערלאנד. אין דעם קעלער זיינען נאך דאָ די גאנצע כלי משחית פון דער אינקוויזיציאָן, די שטוהלען, אויף וועלכע די מערדערישע ריכטער זיינען געזעסען, די שרעקליכע אינסטרומענטען מיט וועלכע מען האט געפייניגט די מענשליכע קרבנות, די שפיציגע נעגעל אויף וועלכע מען פלעגט זיי אוועקשטעלען, די צוואנגען מיט וועלכע מען פלעגט פון זיי רייסען שטיקער לייב.

א קאלטער שווייס האט מיך באגאסען, עס האט זיך מיר פארגעשטעלט ווי מיינע אויגען זעהען די קדושים און מיינע אויערען הערען זייערע פערצווייפעל־טע הארצרייסענדע געשרייען און די ווערטער שמע ישראל האָבען געשוועבט פאר

www.libtool.com.cn

מיר. איך האב ניט געקענט לאנג שטעהן דארט, יעדע מינוט האט זיך געצויגען ווי א יאהר, איך בין פשוט ארויסגעלאפען אויף דער גאס, איך האב טיעף מיין אטהעם געאטעמט און איך האב זיך געפיהלט ווי איך זעלבסט וואלט געראטעוועט געווארען פון די בלוטיגע אינקוויזיטארען.

## 37טער קאפיטעל

**אין דער אלטער היסטארישער שטאדט אמסטערדאם, וואו די מאראנען האבען זיך געראטעוועט פון דער בלוטיגער אינקוויזיציע, איז פארבליבען די ענגע גהעטא מיט די אפגעצאמטע הויפען. — האלאנד, דאס לאנד, וואס האט אויפגענומען די אידען אין דער פינסטערסטער צייט, האט זיי געגעבען אלע פריויהייטען, איז געבליבען ביז היינט דאס פריינדליכסטע לאנד צו אידען. — אויף די קברים פון די גרויסע אידען וואס האלאנד האט ארויסגעגעבען.**

פון בעלגיען נאך האלאנד איז בלויז איינע שטונדען רייזע, און דער רייזענדער פיהלט כמעט ניט זיין ארויסגעהען פון דער ערשטער לאנד און זיין אריינגעהן אין דער צווייטער. זיי זיינען ביידע ווי א שוועסטער־צווילינג. זיי זיינען עהנליך איינע צו דער אנדערער, אין זייערע שפראכען, אין זייערע מנהגים און אין זייער פינקטליכקייט און ריינליכקייט. א שעהנעם איינדרוק מאכען די דערפער, וועלכע שוועבען דורך פאר די אויגען פון דעם רייזענדען. קליינע ווייסינקע שטיינערנע הייזלאך, די פענסטער זיינען פארהאנגען מיט זויבערע ווייסע פארהאנגען, די ריינליכקייט געוועלטיגט איבער אלעם. אויף יעדען טריט ווייזט זיך א האלאנדער בויער, אדער בויערין אין זייערע נאציאנאלע קליידער און די הילצערנע סאנדאלען אויף זייערע פים; האלענדישע קליינוואוג לויפען נאך דעם צוג און זייערע קליינע ווייסינקע צעהנדעלעך שיינען ארוים פון זייערע לאכענדיגע אפענע מיילעכלעך. א רוהיגקייט, וועלכע קומט פון אן אינערליכע זיכערקייט, פון א ריכטיגער איינגעווארצעלטקייט אין לאנד, איז אויסגעגאסען אויף אלעמען און אויף אלעם, און דאס אלעם איבערצייגט אייך צו פערשטעהען דעם אונטערשיעד פון א ציוויליזירטען לאנד צו א ווילדען, בארבארישען. ניט ווילענדיג דערוועקט זיך א קנאה אין דיין הארץ, און דיינע ליפען מורמלען אוים: „הלואי וואלטען מיר אידען שוין האלטען דערביי אין אונזער אלט־נייע־לאנד, די חרוב'דיגע - געבויעטע".

אויב נאך בעלגיען בין איך געקומען צוליעב אנטווערפען, בין איך נאך האלאנד געקומען צוליעב אמסטערדאם.

ווען איך האב נאך אין חדר גמרא געלערנט, האב איך שוין געפיהלט א מין

www.libtool.com.cn

ליעבע צו דער וואונדערבארער היסטארישער שטאדט אמסטערדאם, און עפעס מיט א בעזונדער רעספעקט געקוקט אויף דער גמרא, וואס אויף איהר שער־בלאט איז געווען געדרוקט מיט רויטער פארב — אמסטערדאם. דאס דאזיגע ווארט האט געשיינט מיט א באזונדער חן און האט וואונדערבאר מוזיקאליש געקלונגען אין מיינע אויערען ווען איך פלעג שטילערהייט ווידערהאלען מיט איינציגע זילבען דעם נאמען אמ־סטער־דאם... אויפעפענענדיג יעדעס מאל די גמרא. דאכט זיך דיזעלבע גמרא ווי אלע גמרות, וועלכע זיינען געדרוקט אין ווילנא, גראדנא, זשיטאמיר און סלאוויטא, אבער איך האב זיי האר ניט געקענט פער־גלייכען, די אלע גמרות, צו דער וועלכער איז געווען געדרוקט טאקי אין אמסטער־דאם גופא, און קומט אזש פון האלאנד, די קליינע שעהנע צויבערלאנד פון וועלכער מיין קלוגע אלטע מוטער פלעגט שעהנע מעשיות דערצעהלען און ריהמען די גוטע האלענדער לייוונט און די געשמאקע קעז און הערינג — די צוויי אמת׳ע אידישע מאכלים.

אז איך בין עלטער געווארען און איך האב די אידישע געשיכטע שטודירט, האב איך בעטראכט די שטאדט, ווי א שיינענדען שטערען, וועלכער האט גע־לויכטען אויף די אידישע פינסטערע הימלען און ניט אומזיסט האבען איהר די היסטאריקער גערופען מיט דעם נאמען "ירושלים פון האלאנד", ווייל זי איז די ערשטע שטאדט אין איירָאפּא וואס האט געגעבען פרייהייט צום אומגליקליכען פאלק ישראל וועמעס בלוט עס האט געפלייצט אין שפאניען און אין פארטוגאל אין סוף פון זעכצעהנטען יאהרהונדערט. ביי די האלענדער האפענס האט זיך צוגעשטעלט ישראל׳ס שיף, וועלכע איז געווען אין סכנה דערטרונקען צו ווערען אין דעם ים צרות און פארפאלגונגען וואס די יעזואיטען און די אינקוויזיטארען האבען זיי איינגעטהיילט.

אמסטערדאם האט געעפענט איהרע טויערען פאר די הונדערטע מאראנען־פאמיליעס. זיי האבען זיך אין איהר באזעצט און האבען פיעל געהאלפען צו דער ענטוויקלונג פון האלאנד אין אלגעמיין און באזונדערס פון אמסטערדאם.

נאך אין דעם יאהר 1563, אפּריל 22טען, איז יעקב טיראדא מיט זיין גאנ־צער קאמפּאני אומגליקליכע מאראנען אריין פראנק און פריי אין אמסטערדאם, און דער ליעבליכער פירסט ווילהעלם אוראניען האט זיי באשיצט פון די קאטוי־לישע בלוט־דורשטיגע חיות אין מענשען געשטאלט.

די אידען האבען געוואוסט, און ווייסען נאך עד היום, צו שעצען די פריי־הייט און די שוץ וואס האלאנד האט זיי געגעבען, און האבען מיט גרוים פליים געארבייט אין דעם פראגרעס פון האלאנד אין אלע צווייגען, ווי אויף דעם געביעט פון האנדעל און אינדוסטריע אזוי אויך אין וויסענשאפט און באזונדערס אין מעדיצין.

און אזוי ווי די ספרדישע אידען האבען געפונען א מקום מקלט ומפלט פאר

www.libtool.com.cn

זיך אין דער פרייער האלאנד, אזוי אויך די אשכנז׳ישע אידען אין דער צייט פון דער שרעקליכער דרייסיג־יאהריגער קריעג, און די ביידע קהלות, ווי די ספרדים אזוי די אשכנזים, האבען זיך שנעל ענטוויקעלט אין אמסטערדאם און האבען א גרויסע ראָלע געשפּיעלט אין דער אידישער געשיכטע.

די אידישע היסטארישע טראגעדיעס, וועלכע האבען זיך אפּגעשפּיעלט מיט אוריאל אקאסטא און ברוך שפּינאזא, אויך די אל־בעוואוסטע נעמען פון די גדולים רבי יצחק אבוהב און רבי מנשה בן ישראל, און נאָך פּיעלע אנדערע, וועלכע האבען געלעבט אין דער גרויסער האלענדישער שטאדט, האבען מיך אימער אזוי ווי בעצויבערט און געצויגען צו באזוכען איהר.

אלט און שעהן איז די שטאדט אמסטערדאם. שעהן איז איהר אלטקייט, און אלט איז איהר שעהנקייט. עפּעס א בנעימות׳ע רוהיגקייט ליגט אויף די גע־זיכטער פון די האלענדער, וועלכע געהן זיך זאכט און רוהיג אויף די אמסטערדא־מער גאסען, אויף די שעהנע בריקען איבער די צעהנדליגע קאנאלען, וועלכע שניי־דען דורך די שטאדט אין איהר לייַנג און אין איהר ברייט.

א טרויערדיגען רושם האט אויף מיר געמאכט די אלטע אידישע גהעטא, די טהייל שטאדט, וואו אידען וואהנען פון הונדערטער יאהרען.

דלות, מאנגעל, נויט און קראנקהייט האב איך דערזעהען, ווי איך בין נאר געקומען אויף די שמאלע פינסטערע געסלאך. מיין הארץ איז פארקלעמט געווא־רען, בעטראכטענדיג די קליינע הייזעלאך מיט די ענגע וואהנונגען. דאס ארימ־קייט, וואס ליגט אויף די געזיכטער פון די פארבייגעהענדע, איז אומבעשרייבליך. קינדערלעך קליינינקע אין צוריסענע העמדלאך, בלייכע פּנים׳לאך מיט שווארצע אויגעלאך זיצען אין רעשיטעס, זיפּען אין קליינע קעסטעלאך ביי די אפענע טהירען פון די קליינע הייזלאך אזוי ווי קעצעלאך, און די מוטערס טהוען זייערע הויז־ארבייטען.

עס איז א גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם ארימקייט וואס מען זעהט אין דער לאנדאנער איסט־ענד, אדער דער נויארקער איסט־סייד און דעם אמ־סטערדאמער ארימקייט. אין נויארק, אדער אין לאנדאן, ליגט די ארימקייט בא־גראבען אין די הייזער, פון אויסוויינינג זיינען די הייזער גרויס און מאנכע פון זיי אויך שעהן באפוצט. אבער ניט אזוי איז דער דלות אין דער אמסטערדאמער גהעטא, וואו דער דלות בושעוועט אין גאס אזוי ווי אין הויז. די הייזלאך זיינען קליינע און נידריגע; די געסלאך זיינען שמאלע און שמוציגע; פון ביידע זייטען שטעהען נאך די אמאליגע ״חצרים״, קליינע הויפעלאך. יעדער הויפעלע איז ארומגעמויערט געווארען מיט אלטע קליינע צוויי עטאזשנע הייזעלאך. אינמיטען דעם חצר, אויף די טרוקענע שטיינער, ליגען די אין צעהנדליגער האלב נאקעטע קינדערלאך פון די איינוואהנער פון דיזען חצר. קיין פארהייזלאך זיינען נישטא

www.libtool.com.cn

צו די הייזער. די טהירען זיינען אָפען און דער דלות שיינט ארויס מיט זיין גאנצע שרעקליכען געשטאלט. פון דעם אונטערשטען עטאזש צו דעם אויבערשטען געהט מען ארויף אויף א גלייכען שטעהענדיגען לייטער, וועלכען זיי רופען טרעפּ. יעדער חצר האָט אהילצערנעם טויער צו דער גאס. אין אינמיטען פון דעם טויער איז דאָ א שפּאלט וואָס דורך איהם קען מען זעהן פון אינעווייניג וואָס עס טהוט זיך אָפּ אויף דער גאס.

מיין פאנטאזיע האָט מיך אוועקגעטראָגען צוריק מיט הונדערטער יאהרען, ווען אונזערע עלטערען האָבען געלעבט אָן אָפּגעזונדערט און פארשפּארט לעבען אין זייער גהעטאָ און זיינען אָפּט באפאלען געוואָרען פון די קריסטען. מיט שרעק פלעגען זיי זיך בעהאלטען אין חצר, די טויערען פלעגען זיי פארמאכען און פון די שפּאלטען פלעגען זיי קוקען צו זעהן וואָס דער שונא טהוט אויף דער גאס.

מיט א פארביטערט הארץ בין איך ארויסגעגאנגען פון דער נעסט פון ארימקייט און געגאנגען זעהען די אלטע ספּרדישע שוהל. אָבער ווי איבערראשט בין איך געוואָרען ווען איך האָב איינפאך ניט געקאנט דורכגעהען אין דעם ארייננאנג פון דעם שוהל־הויף צוליעב די פיעל דלפנים, אביונים און שנאָרערס. געזונטע און קריפּעלס, אלטע און יונגע, האָבען מיך ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט אויסגעשטעלטע הענט און מיט א מבול פון תחנונים אין פערשידענע שפּראכען און האָבען מיך איינפאך ניט ארייננעלאָזען ביז איך האָב פאר זיי א שאָט געטהאָן א היבשע צאָהל האָלענדישע מטבעות און זיי זיינען בעשעפטיגט געוואָרען מיט דער חלוקה צווישען זיך. דאן ערשט בין איך באפרייט געוואָרען און צוזאמען מיט מיין באגלייטער בין איך אריין אין שוהל־הויף. אבער אין דערזעלבער מינוט איז מיין פרייהייט ווידער געשטערט געוואָרען פון א נייער גרופּע שנאָרער, וואָס זיינען געשטאנען ניט ווייט פון שוהל און געלויערט אויף די בעזוכער און באפאלען זיי ווי היישעריקען מיט א שרעקליכען טומעל און א מורא׳דיגען געפּילדער. איך האָב ווידער געמוזט עפענען מיין טאש און צו־ווארפען זיי מטבעות.

מיט גרוים דרך ארץ האָב איך געקוקט אויפ׳ן פּאסאד פון דער אלטער שוהל. איבער דער טהיר שיינען ארויס די גאָלדענע בוכשטאבען: „ואני ברוב חסדך אבא ביתך", אויף דעם וואָרט „ביתד" זיינען די בוכשטאבען גע־פּינטעלט צו צייגען דעם יאָהר תל״ב, פיער הונדערט צוויי און דרייסיג, דאָס מיינט אַז די שוהל איז יעצט אלט צוויי הונדערט און צוויי און פופציג יאָהר.

א מערקווירדיגען נאמען האָט דער שמש, וועלכער האָט פאר אונז געעפענט די שוהל, און האָט אונז אלעם באוויזען און ערקלעהרט. ער רופט זיך „סאנט־קרייז" און שטאמט פון א פאמיליע אנוסים־מאראנען פון שפּאניען, וועלכע האָבען נאכהער צוריק זיך מגייר געווען אין אמסטערדאם.

www.libtool.com.cn

א היילינע אלטקייט ליגט אויף די ביינק, די טישען און דעם ארון קודש פון דיזער אלטער שוהל. אויף די גרויסע אלטע זילבערנע לייכטער, וועלכע בעלייכ־טען די שוהל מיט אמאליגער באלייכטונג מיט גרויסע וועקסענע ליכט. קיין גאז, קיין עלעקטריק קומען אין דער שוהל ניט אריין, זי איז פארבליבען ווי א מצבה נאך דער אור־אלטער קולטור און דאס איז איהר מערקווירדיגער חן און היסטא־רישע באדייטונג.

מען זאגט אז אין דער שוהל האט מען מחרים געווען אוריאל אקאסטא און ברוך שפינאזא, אבער נאך אן אונטערזוכונג האב איך אויסגעפונען, אז די חרמות זיינען ניט פארגעקומען אין דער שוהל, נאר אין דער שוהל "בית יעקב", וועלכע יעקב טיראדא האט געבויט און זי איז שוין פערניכטעט געווארען.

ארויסגעהענדיג פון שוהל האב איך באגעגענט דעם ספרדישען חכם רב פאלאש. איך האב זיך מיט איהם אונטערהאלטען אין העברעאיש, אבער זיינע ידיעות אין דער היילינער שפראך זיינען זעהר קליינע. ער האט מיר אויפ־מערקזאם געמאכט אויף דער אויפשריפט איבער דער טהיר פון שוהל, אז דער ווארט "אבא" און דער "ב" פון דעם ווארט "ביתך" זיינען גרעסער און בולט'ער פון דער גאנצער אויפשריפט און דאס צייגט אויף דעם נאמען "אבוהב" פאר א אנדיינקונג נאך דעם אבוהב, וועלכער האט געבויט די שוהל.

קליין און אומבאדייטענד איז מיר אויסגעקומען דער קליינער ספרדישער חכם פאלאש, שטעהענדיג ביי דער גרויסער אלטער שוהל, וועלכע די גרויסע ספרדישע חכמים האבען אויסגעבויט און, ווי דער חכם, אזוי אויך די אמסטער־דאמער ספרדישע קהלה וואס ווערט איינגעטריקענט אהן צייכענס פון אמאליגען לעבען און די גרויסע טהאטען וואס די גרויסע ספרדים האבען אמאל אויפגעטהאן אין אונזער היסטאריע.

נאך האלבען טאג האב איך מיט מיין בעגלייטער געענדיגט מיין באזוך צו די קליינע לעבעדיגע ספרדים און געפאהרען מיט א קליין שיפעל איבער דעם טייך אמשעל נאך דער קליינער שטעטעלע אודערקערק, א שטונדע רייזע פון אמ־סטערדאם, צו זעהען דארט דעם גרויסען היסטארישען בית עולם אויף וועלכען עס רוהען די גרויסע גאונים, רבנים, פאעטען, דוכסים, באראנען און גראפען פון אונזערע ספרדישע ברידער פון דער מיטעל־אלטער צייט.

איך בין געגאנגען נאך דעם אלטען שמש, וועלכער האט מיך געפיהרט לאנגזאם צווישען די שורות קברים און האט מיר באוויזען רעכטס און לינקס די גרויסע שעהנע קינסטלערישע שטיינערנע מצבות, וועלכע **ליגען** — זיי **שטעהען** ניט ווי אונזערע מצבות — אויף די קברים פון די גדולים. די אותיות שיינען נאך אזוי העל און לעזבאר פריש, אזוי ווי זיי וואלטען ערשט ארויס פון

www.libtool.com.cn

זייער ארבייט, ווייל ספּעציעלע מענשען האלטען אין איין רייניגען און פּוצען זיי, אונטערהויבען און פערפעסטיגען די היסטאָרישע מאָנומענטע.

שטיל, טריט ביי טריט, בין איך געגאַנגען צווישען די קברים, און מיין נשמה האָט געריסען צו די גרויסע גייסטער פון די אמאָליגע גדולים, וואָס איך האָב אַזוי פיעל געלעזען וועגען זיי, און יעצט שטעה איך ביי זייערע קברים. אָט ליגט דער ליעבער אַלטער גאון און הייליגער מארטירער, רבי יצחק אבוהב, וועלכער איז נפטר געוואָרען אין דעם יאָהר תנ״ג, דאָס איז שוין היינט צוויי הונדערט מיט דרייסיג יאָהר. ניט ווייט פון איהם זעהן מיינע אויגען די באַקאַנטע היסטאָרישע נעמען טיראדאָ, אקאָסטאַ, אוראביא און שפּינאָזא — ניט דער גרויסער, נאָר פון זיין פאמיליע. אויף מאַנכע פון די מצבות זיינען אויסגעהאַקט די עמבלעמען פון זייערע עהרען־טיטולען — באראָן, גראף, דיוק, א. ז. וו. אויף דער מצבה פון רבי יצחק אראביא שטעהט, אַז ער איז געווען אַ ראַטהגעבער צו דעם פראנצויזישען קעניג און דער קעניגין און, אַז נאָך זיין טויט האָט דער קעניג געהייסען באַלזאמירען איהם און מען האָט איהם דאָרט מקבר געווען אין דעם יאָהר תמ״ח.

עס איז ווערטה צו באמערקען אַז אויף די אַלע מצבות פון די גדולים, ווי רבי יצחק אבוהב, רבי מנשה בן ישראל און אנדערע, שטעהט מעהר ניט ווי דער טיטול רב, אָבער ניט דער טיטול גאון, ניט ווי ביי אונזערע רבנים, וועלכע גיבען זיך דעם טיטול גאון נאָך לעבעדיגערהייט און שרייבען אויף מיט גאָלדענע בוכשטאבען אויף די טהירען פון זייערע וואָהנונגען, אַז דאָ וואָהנט דער און דער גאון, אַזוי ווייט, אַז עס איז באַלד ניטאָ קיין איין רב ער זאָל ניט בעטי־טעלט ווערען אלס גאון.

איך ווייס ווירקליך ניט ווי זאָלען מיר אָנרופען די אמת׳ע גאונים ווי רב שרירא, רב האי און רב סעדיה. רש״י און רמב״ם, רשב״א און ריטב״א זיינען ניט באַטיטעלט געוואָרען מיט דעם גרויסען טיטול, זיי האָבען צופיעל דרך ארץ געהאַט פאַר די אמת׳ע אַמאָליגע גאונים, און היינט געפינט איהר ״גאונים מובהקים״ און ״גאונים אמתים״ אין דריבישישאָק, קאַלעלישאָק, אסמאַכיילאָ־וויטש און טאַראשצאַ...

דאַנקבאַר מוזען זיין די אַלע בעזוכער פון דעם אַלטען היסטאָרישען בית עולם דעם בעוואוסטען געלעהרטען און רייכען מאַן **דע-קאַסטרא**, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ באַוואוסטער ספּרדישער פאַמיליע. ער האָט זיין גאַנצען לעבען געווידמעט צו אויפהאַלטען דעם בית עולם אין אָרדנונג. אויף זיינע אויסגאַבען האָט ער געלאָזען אונטערהויבען די אַלע אַלטע מצבות פון די איינגעפאַלענע קברים, ער האָט זיי בעפעסטיגט און ארומגערייניגט, אויסגעפּוצט און אַפּגעפּאַלירט, האָט זיי געמאַכט ריין, פריש און לעזבאַר פאַר די באַזוכער. אויך האָט ער

www.libtool.com.cn

פאַרפאַסט א גרויסען בוך און האָט אין איהם ערקלעהרט אַלעם וואָס עס איז נוגע צו דעם היסטאָרישען בית עולם.

ער זעלבסט האָט זיך געקויפט צוויי קברים פאַר זיך און זיין פרוי און עס איז שוין איבער צוואַנציג יאָהר אז זיי רוהען דאָרט אויף זייער ליעבלינגס־אָרט.

מיט א נאַציאָנאַלען שטאָלץ האָב איך פאַרלאָזען דעם היסטאָרישען הייליגען פּלאַץ, וועלכער האַלט אין זיך די קערפּערס פון די גרויסע גייסטער וואָס האָבען באַלויכטען די פינסטערניש פון דעם מיטעל־אַלטער, און איך האָב געדיינקט ווי גערעכט איז דער היסטאָריקער וואָס האָט געזאָגט "דער בית הקברות באַשאַפט דאָס פאָלק", און די יעניגע, וועלכע צווייפלען נאָך אויב מיר אידען זיינען א פאָלק, וואָלט איך געראָטהען צו בעזוכען דעם אַלטען אמסטערדאַמער בית עולם. איך בין זיכער אז זיי וואָלטען אַלע תשובה געטהאָן און אומגעקעהרט זיך צו זייער אַלטען אומשטערבליכען פאָלק ישראל.

ווען מיר זעהען אַן אָרימאַן, א ליידענדען פון נויט און מאַנגעל צוליעב אַרבייטסלאָזיגקייט און שלעכטע צייטען, אָדער אין א פאַרוואָרפענעם ווינקעל, וואו עס איז קיין אַרבייט נישטאָ, ערוועקט זיך אין אונז א געפיהל פון מיטלייד אויף דעם אומגליקליכען. אָבער ניט אַזוי איז ווען מיר זעהען א שנאָרער, אַן אומרייניעם, א פערהונגערטען אין אַן אָרט וואו עס איז דאָ זעהר פיעל אַרבייט און בלויז צוליעב זיין פוילקייט, זיין אָפּגעלאָזענקייט און זיין שנאָרערישען כאַראַקטער ליידט ער, דאַן ערוועקט זיך אין אונז א געפיהל פון כעס און פאַרדרוס אויף דעם שלומיאל פאַר דעם וואָס ער ליגט און פוילט אין דלות און אין שמוץ און פּרובירט גאָר ניט צו טהאָן עטוואָס אום צו פאַרבעסערען זיין לאַגע.

איבער זעכציג טויזענד אידען לעבען אין דלות און אין מאַנגעל אין דער גרויסער פרייער האָלענדישער שטאָדט אַמסטערדאַם אין דער צייט וואָס די האָלענדישע גוטע ליבעראַלע רעגיערונג גיט זיי פאָלקאָממענע פרייהייט און זיי האָבען דאָס רעכט צו ערנעהרען זיך פון ערד־אַרבייט, אינדוסטריע און אַלע לעבענס־צווייגען גלייך מיט די האָלענדער געבאָרענע בירגער; אין דער צייט וואָס די האָלענדישע אַקערבויער, פישער און מאַטראָזען לעבען א ריינעם, שעהנעם, רוהיגען לעבען פון זייער אָרענטליכער אַרבייט, ליגען די צעהנדליגער טויזענדער אידען אין איין ווינקעל פון שטאָדט, אין ענגשאַפט און אין אָרימקייט און ערנעהרען זיך, אויסער איינינגע הונדערט פאַמיליען, וועלכע לעבען פון דימענט־שלייפעריי — פון פעדלעריי מיט אַלטע זאַכען און גרינס, אָפּגעריסענע, אָפּגעלאָזענע, פערקריפּעלטע קערפּערליך און גייסטיג.

אָבער ניט די אָרימע פעדלער זיינען שולדיג אין דעם, נאָר די רייכע אידען אין האָלאַנד, די באַנקירען, די פאָרשטעהער פון די געמיינדעס, וואָס זיינען דערווייטערט פון זייערע אָרימע ברידער און דיינקען גאָר ניט ווי און מיט וואָס אויפצוהויבען זייער מצב.

www.libtool.com.cn

# 38טער קאפיטעל

אין פאריז האָב איך זיך געזעגענט מיט אייראָפּא. — די פרעהליכע שטאָדט וואָס ווייסט נישט פון קיין זאָרגען, וואָס נעהמט דאָס לעבען מיט עלעגאַנטער לייכטקייט. — פאריז און לאָנדאָן זיינען צוויי גרויסע קאָנטראַסטען. — דער קאַלטער ענגלענדער און דער ברענענדער פראנצויז. — דער גרענד ראבי צדוק הכהן, וועלכער איז געווען איינער פון די שעהנסטע פערזענליכקייטען וואָס איך האָב באגעגענט. — די רייזע אויפ'ן ים און מיין ערשטער ארייגפאָהר אין אמעריקא.

די לעצטע שטאָדט, וואָס איך האָב בעזוכט אין אייראָפּא, איז געווען פאריז. דאָס באריהמטע וואָרט "זעה נעאפּעל און שטארב", האָב איך געזאָגט אין אַן אנדער נוסח: "זעה פאריז און ווער פטור פון אייראָפּא". און ווירקליך, איך האָב ניט געקענט פערלאָזען אייראָפּא ניט זעהענדיג די הויפּטשטאָדט פון דער וועלט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלע שטעדט און די לענדער, וועלכע איך האָב בעזוכט ביז יעצט, זיינען בלויז די קאָרידאָרען פון אייראָפּא, אָבער אין אייראָפּא ביז איך נאָך ניט געווען ביז איך בין ניט געווען אין פאריז.

ווען דו קומסט פון ענגלאנד נאָך פראנקרייך, באזונדערס פון לאָנדאָן נאָך פאריז, זעהסטו א נייע וועלט פאר זיך, א ניי לעבען, א נייע ערד, מיט גאָר אַן אנדער הימעל, אנדערע מענשען און דו וועסט בשום אופן ניט גלויבען, אַז בלויז זעקס שעה צייט שיידען פאנאנדער די צוויי קאָנטראַסטע לענדער און פעלקער. עס איז א גרויסער אונטערשיעד צווישען די ענגלענדער און די פראנצויזען אין זייער לעבענס־ארט אין רוח און אין חומר, אין געשטאַלט און אין כאַראַקטער. די אנגלאָ־זאַקסען זיינען שלאַנק און הויך, קאַלט ווי אייז און די פראנצויזען נידעריגע אין וואוקס, אָבער ברענען ווי פלאַמען פייער. די ערשטע זיינען ווי נאָר וואָס געקומען פון דעם קאַלטען נאָרד־פּאָל, און די צווייטע ווי פון די וואולקאַנען. און אַזוי ווי זיי, אַזוי זיינען זייערע בעריהמטע הויפּט־שטעדט צוויי קאָנטראַסטען. לאָנדאָן ווייזט אויס ווי א גרויסע פאבריק אין וועלכער עס ארבייטען זיבען מיליאָנען מענשען, און פאריז — ווי א גראנדיעזער האָטעל, אין וועלכען מיליאָנען לוסטיגע לעבענס־ליעבענדע מענשען עסען, טרינקען און געניסען פון לעבען.

און גרויס איז געווען דער איינדרוק וואָס דיזע וועלט־שטאָדט האָט אויף מיר געמאַכט. די ברייטע רייכע בולווארען, די קונסט־מאָנומענטען, די בלומען־גערטנער, וואָס דו זעהסט אויף יעדען ווינקעל פון שטאָדט, די גראנדיעזע קאַפעהייזער, די לייכטקייט פון דער פאריזיאַנער באוועגונג, זייער פרעהליכע קלינ־

www.libtool.com.cn

גענדיגע שפראך, דער לעבעדיגער שמייכעל אויף יעדענס געזיכט אחן אונטער־שיעד פון מאן אדער פרוי, פון יונג אדער אלט, — אט דאס אלעס פאר׳שכור׳ט דיך. דו זעהסט פאר זיך א וועלט וואס דורשט נאך לעבען, אלעס לעבט און באַוועגט זיך און עס ביינקט און עס שטרעבט צו דערגרייכען דעם סוד פון לעבען און וויל ניט וויסען פון קיין טרויער און קומער. דו ביזט פשוט מקנא אט דאס פרעה־ליכע פאלק וואס לעבט אימער ים טוב׳דיג און ווייסט ניט פון קיין וואכעדיגקייט.

אבער דאס איז בלויז ביי דעם ערשטען בליק, נאכהער אז דו פערטיעפסט זיך אביסעל אין דעם פראנצויזישען האסטיגען לעבען, מוזטו זיי באדויערען, ווייל דו איבערצייגסט זיך אז פון די צעהן מאס צניעות און באשיידענהייט, וואס דער ליעבער גאט האט געגעבען דער וועלט, האבען די פראנצויזען קיין טראפען ניט גענומען, און דאס ברענענדיגע פאלק ברענט אוים ווי א ליכט, און זינקט טאג־טעגליך צו דעם שרעקליכען אונטערגאנג פון די אלטע גריכען מיט די רוימער צוזאמען.

איך האב באזוכט דעם רב הכולל פון גאנץ פראנקרייך, רבי צדוק הכהן זכרו לברכה. אן אנגענעהמע שעה אין מיין לעבען האב איך געהאט, פארברייג־גענדיג מיט דעם גרויסען און ליכטיגען אידען. זיין שעהנע געשטאלט, זיינע איידעלע בענעהמונגען, מיט זיינע ליכטיגע שיינענדיגע אויגען און זיין זיסע זאפטיגע רעדענס־קראפט האבען בעצויבערט זיינע אלע באזוכער. גלייך האט ער זיך געווענדעט צו מיר אין העברעאיש און האט מיר געזאגט: ״שב אדוני לימיני״, זעצט זיך, מיין העררע, ביי מיין רעכטער האנד. גלייך האט ער זיך אינ־טערעסירט מיט דער חבת ציון באוועגונג אין רוסלאנד און אין די פערשידענע לענדער, וועלכע איך האב דורכגעוייזט. ער האט זיך שטארק נאכגעפרעגט אויף רבי שמואל מאהליווער און אויף אלע חובבי ציון פיהרער. ער האט מיך געמוטהיגט צו מיין רייזע נאך אמעריקא און האט מיר געגעבען גרויסע האפנונגען אז פאר מיר איז דא א גרויסע פעלד אין די פעראייניגטע שטאאטען. איך האב זיך נאכ־געפרעגט נאכהער ביי די ארימע פערשידענע דורכרייזענדע, באזוכער זיינע, און אלע האבען איהם געלויבט און געבענשט, כמעט אלע, וואס זיינען אריינגעגאנגען צו איהם מיט צובראכענע הערצער, פערטרויערטע, זיינען ארויס פון איהם פרעה־ליכע פול מיט מוטה, מאנכע פון זיי האט ער מיט געלד געהאלפען און מאנכע מיט עצות און גוטע רעקאמענדאציאנען.

איך האב זיך דערמאהנט אז זיין חבר, דעם גרויסען אדלער פון לאנדאן, זיין עמפפאנגען די פרעמדע און דעם אומעט און פיין וואס ליגט אויף די גע־זיכטער פון די, וועלכע זיינען ארויס פון איהם, האב איך מיר געקלעהרט: ״צוויי כהנים גדולים האבען מיר, רבי נפתלי אדלער הכהן אין לאנדאן און רבי צדוק הכהן אין פאריז. דער ערשטער איז א ״כהן בית אל״ און דער צווייטער איז א פאלקאמענער ״כהן ירושלים״. און אזוי אמציה כהן בית אל אין זיין צייט האט

www.libtool.com.cn

אנגעשריען אויף עמוס דעם נביא "אז ער זאל פערלאזען בית אל און אנטלויפען נאך יהודה און דארט וועט ער עסען ברויט", אזוי אויך דער מאדערנער בריטישער "אמציה" שרייט אויף די רוסישע אידישע וואנדערער פאר זייער קומען נאך לאנדאן די קעניגליכע שטאדט... און ווי ריכטיג איז געווען די באמערקונג פון מיין פריינד, דער רב לובעצקי, אז גאט וואלט אונז בריינגען צוריק צו אונזער לאנד, וואלטען מיר געהאט דעם ערשטען "כהן גדול" אין דער פערזאן פון רבי צדוק כהן.

שבת האב איך געדאווענט אין דער ארטאדאקסישער דייטשער שוהל און זייער רב, ווייסקאפף, איז ארויף אויף דער בימה נאך שחרית און האט מיט זיין דייטשער פאטריאטישער נשמה געמאכט א הארציגע תפלה פאר דעם פראנ־צויזישען פרעזידענט פון דער פראנצויזישער רעפובליק — א ברירה האט ער נעביך. צום פערטען מאל האב איך געהערט אין די איינינגע וואכען מי שברך׳ם פאר פערשידענע מלכים: פאר דריי וואכען האב איך געהערט א תפלה פאר וויקטאריא׳ן, די קעניגין פון גרויס בריטאניען, פאר צוויי וואכען — פאר לעאפאלד, דער קעניג פון בעלגיען, פאר אכטאגען — פאר ווילהעלמינא, די קעניגין פון האלאנד און היינט פאר דעם פראנצויזישען פרעזידענט. פיער תפלות אין דריי וואכען! און איבער־אכטאג?

איז נאך דא א גרעסערער סימן צו אונזער פערשפרייטונג אין די גלות־לענדער ווי אט א די תפלות?!...

צוזאמען מיט מיין פריינד רב לובעצקי האב איך געווידמעט א טאג צו זעהען פאריז. איך בין מיט איהם ארויף אויף דעם אייפעל־טהורעם צו בעטראכטען די פאנאראמא פון גאנץ פאריז. אין א שעהנעם זונען־טאג איז נישטא קיין שעהנער בילד אויף דער גאנצער וועלט. מיר זיינען געפאהרען מיט א קליין שיפעלע איבער דעם גרויסען שעהנעם טייך סעין. מיר האבען געזעהען דער געוועזענער קעני־גין׳ס עווגעניא׳ס פאלאץ, וועלכער ווארפט יעצט א שרעק אויף די בעזוכער. מיר האבען בעזוכט דעם לואווער, דעם פאלאץ פון די אמאליגע פראנצויזישע קעניגע, וועלכער איז פערוואנדעלט געווארען א גרויסען מוזעאום, דער צווייטער צום גרויסען בריטישען מוזעאום.

יעדער דיינקער, וועלכער ווייס די וועלט־געשיכטע פון די אמאליגע גרויסע נאציאנען וואס זיינען שוין פערשוואונדען געווארען, קען גלייך דערקענען, זיצענ־דיג אין פאריז און באטראכטענדיג דעם פראנצויזישען לעבען, אז דאס שעהנע פאלק געהט אונטער און ציייכענס פון אלטקייט און פיעלייכט אויך ציייכענס פון גסיסה צייגען זיך שוין.

די פרעהליכע שלאפלאזע נעכט, דאס פרעסען און זויפען אויף די גאסען, די פרייע טענץ־זאאלען מיט די ווילדע טענץ, די בעציהונגען צווישען די צוויי

www.libtool.com.cn

געשלעכטען, די ווילדקייט פון די פרויען, וועלכע האלטען זיך אין איין פוצען פון זייער וויגעלע ביז דעם קבר וואס זייער גאנצער אידעאל איז צו בעצויבערען און פאנגען די מענערשע נשמות, די פרייהייט פון דער רעגירונג צו דעם אויסגעלאַסענעם און פערשווענדערישען לעבען פון דער יוגענד, — די אלע זאכען איבערציינגען דעם פרעמדען דורכרייזענדען אז פראנקרייך זינקט און געהט אונטער און אז דער פלעקסעריום פרעסט און פערדארבט איהרע שעהנע וויינשטאקען.

אָבער דאָס קאָן מען ניט לייקענען, אז וואָס עס בעלאנגט צו דרך ארץ און עסטעטיק, האָבען די פראנצויזען די גרעסטע מאָס פון אלע נאציאָנען. זאגאר זייערע קינדער, די קליינע פראנצויזעלער, פיהרען זיך אויף טאקטיש, שטיל און רוהיג. זיי וועלען קיינמאָל ניט באליידיגען א פרעמדען אין גאס, ער מעג זיין זאָגאר זייער פערהאסטער דייטש. ווען איהר פרעגט ביי זיי עטוואָס, ענטפערען זיי אייך מיט פריינדשאפט און ווייזען דעם וועג וואוהין צו געהן, ניט ווי די ענגלישע קינדער, וועלכע בעפאלען דעם פרעמדען וואָס געהט ניט געקליידעט ווי זיי, אָדער טראָגען אזעלכע שיך ניט ווי די ענגלענדער, און פערוואָרפען איהם מיט שטיינער.

די לאַגע פון די רוסישע אידען אין פראנקרייך איז ניט גלענצענד, זיי שטעהען פיעל נידעריגער פון זייערע ברידער אין לאָנדאָן אין כמות און אין איכות, זיי זיינען דאָס רוב אָרימע ארבייטער און האָבען קיין ווערדע אין דער געזעלשאפט.

איך האָב זיך געזעגענט מיט מיינע פריינד און האָב פערלאָזען פאריז און צוזאמען מיט איהר אויך אייראָפּא.

פון האוור, די פראנצויזישע פּאָרט־שטאָדט, האָב איך זיך געזעצט אויף דער שיף ״לאַבורגאָניא״ צו פאָהרען נאָך אמעריקא. אמעריקא און אייראָפּא צוויי בעזונדערע וועלטען און פערשיעדען איינע פון דער אנדערער, און מיין נשמה וואָרפט זיך צווישען זיי ביידע, ווי צווישען צוויי מאגנעטען ביז איך געפאנגען אין לופט. די אלטע וועלט, וועלכע איז גוט בעוואוסט און בעקאנט צו מיר מיט אלע איהרע צרות און נחת, פרייד און לייד. דאָרט איז מיין געבורטסלאנד מיט איהרע גזירות, גרושים, פּאָגראָמען און טיראניי פון איהרע פינסטערע רעגיערער. און פון דער אנדערער זייט אויף יענעם זייט אטלאנטיק — א נייע וועלט, א פרעמדע וועלט, א גרויסע וועלט פול מיט וואונדער, וועלכע וואָרפט א שרעק מיט איהר נייקייט און גרויסקייט.

פערטיעפט אין אזעלכע מחשבות, בין איך ארויף אויף דעם אויבערדעק. דער ברעג דערווייטערט זיך, די הייזער ווערען קלענער, און אייראָפּא ווערט פערשוואונדען פון מיינע אויגען.

דער איין־און־איינציגער איד בין איך אויף דער פראנצויזישער שיף. דאָס

www.libtool.com.cn

רוב רייזענדע זיינען געווען פראנצויזען, איטאליענער, און א קליינער טהייל שווייצארען און שפאניער.

איך האב געפיהלט דעם שיקזאל פון יונה הנביא אין זיין צייט: די איטאליענער זיצען צוזאמען און פערברייינגען צווישען זיך. די פראנצויזען זיינען אפגעזונדערט פון זיי און האלטען זיך העכער מיט זייער בעוואוסטזיין, אז די שיף איז א פראנצויזישע און דער קאפיטאן מיט די מאטראזען זיינען אלע זייערע לאנדסלייט. נאר די מאהלצייטען פעראייניגען זיי. אבער איך זיץ אליין, שטום, אפגעזונדערט אין א ווינקעל — אזוי ווי יונה איז געזעסען ״בירכתי האניה״, אויף מארגען האב איך מיר גענומען צו אונטערדריקען מיין אומעט, איך האב צוביטען אייניגע פראנצויזישע פראנקען אויף סאנטימס און איך האב זיי צוטהיילט צו דער קליינוואַרג, וועלכע זיינען גלייך בעפריינדעט געווארען מיט מיר. מערקווירדיג איז געווען צו זעהען, ווי די קלייניגקע איטאליענערלעך מיט די פראנצויזעלעך האבען פערשטאנען איינע די אנדערע. זיי האבען זיך גלייך אסימילירט זאגאר מיט זייערע שפראכען, און ווי א נייע שפראך איז ביי זיי בעשאפען געווארען. זיי האבען זיך נעקריגט, שלום געמאכט און געשפיעלט צוזאמען.

נאך א שרעקליכער ים־רייזע פון צעהן טעג צווישען הימעל און וואסער, האבען מיר דערזעהן יבשה. לאנד! לאנד! האבען אלע רייזענדע אויסגעשריען מיט איין קול. נאך אייניגע שטונדען האבען זיך געוויעזען די שפיצען פון די ניו יארקער ריעזען־געביידען, די בעריהמטע ״הימעל־קראצער״ — א מיסטיש געפיהל האט איבערפילט מיין הארץ. איצט האב איך דערשפירט, אז איך האב זיך אפגעריסען פון מיין געבורטסלאנד און אז די גרויסע שטאדט, וועלכע זעהט זיך פון דער ווייטען, וועט עפענען פאר מיר א נייע עפאכע אין מיין לעבען — די אמעריקאנער עפאכע — וואס פאר אן עפאכע וועט דאס זיין? וואס וועט זי מיר בריינגען אין איהרע פליגלען?

אלס אימיגראנט האב איך נאך געמוזט דורכגעהן דעם לעצטען ״מדור״ פון די ״מדורי גיהנום״, דעם ״טרעהרען אינזעל״. אויף דעם דאזיגען אינזעל האב איך פערזוכט צום לעצטען מאל פון דער ארדנונג פון דער רוסישער רעגיערונג. צוליעב זונטאג האט מען ניט ערלויבט די פאסאזשירען ארונטערצוגעהן פון אינזעל און דער אידישער בעאמטער האט פערוועהרט זאגאר די קרובים פון די אימיגראנטען צו זעהען זיך. מיין ברודער און מיין עלטערער זוהן, וועלכע זיינען געקומען מיר מקבל פנים זיין, האב איך געזעהען בלויז פון ווייטען, דורך די אייזערנע גראטעס, אבער רעדען מיט זיי האב איך ניט געקענט.

אויף מארגען בין איך ארוים פון עלים איילאנד און איך בין אריין אין ניו יארק. א נייע עפאכע אין מיין לעבען האט זיך אנגעפאנגען.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# אַמעריקאַ

www.libtool.com.cn

# 39טער קאפיטעל

ניויאָרק מיט איבער א פערטעל יאָהרהונדערט צוריק. — אפּ-טאון האָט זיך געענדיגט ביי דער 125טער סטריט, פון בראָנקס האָט מען נאָך ווייניג וואָס געוואוסט, ברוקלין איז געווען א באזונדער שטאָדט און בראָנזוויל, באָראָ פּארק, בעטה ביעטש און די אנדערע פאָרשטעדט זיינען נאָך אויף דער וועלט נישט געווען. — די יעלעוויטעדס האָבען געשלעפּט קליינע לאָקאָמאָטיוועז, וועלכע האָבען פארהודזשעט די גאסען און פארשווארצט די פּאָהרער מיט זייער רויך. — פון ברוקלין קיין ניואָרק האָט מען געמוזט אריבערפאָהרען אויף פּעריס. — מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט „איסט בראָדוועיסקאיא אוליצא״, וואו רוסיש איז געווען אזוי היימיש ווי אין א רוסי-שער שטאָדט. — די אָרימקייט אין ביכער און זשורנאלען. — איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען געגעסען אין א „כשר׳ען״ רעסטאָראנט. — כתריאל צבי שרהזאָהן און דאָס „טאגעבלאט״ פון יענער צייט. — מען מאכט מיך פאר א דאָקטאָר און איך, א גרינער, וויל עס נישט לײדען. — איך האָב חרטה אויפ׳ן רעווערענד, וואָס באגלייט מיך אומשולדיגערהייד דאָס גאנצע לעבען מיינס.

---

ניו יאָרק אין 1895 איז ניט געווען די יעצטיגע ניו יאָרק פון 1924. איהר אלגעמיינע באפעלקערונג איז געווען א פערטעל פון דער היינטיגער. אידען האָבען זיך גערעכענט בלויז דריי הונדערט טויזענד נפשות. פון ברוקלין אין ניו יאָרק געווען אָפּגעטהיילט; בראָנקס האָט נאָך דאן ניט עקזיסטירט; די הונדערט און פינף און צוואנציגסטע סטריט האָט זיך גערעכענט די ענדע פון אָפּטאון. אויף די עוועניוס האָבען זיך געשלעפּט די פערד־קארס, א בייטשען־קנאקעריי מיט דעם צום פערדישען „האָו״־געשריי האָט זיך איבעראל געהערט פון די פערד־טרייבער; קיינע אָטאָמאָבילס זיינען נאָך ניט געווען. די גאסען זיינען שוואך בעלויכטען געוואָרען פון גאז. עלעקטרישע באלייכטונג האָט מען נאָר אויף בראָדוויי געזעהן. די עלעווייטעדס איבער די עוועניוס זיינען גע־שלעפּט געוואָרען מיט קליינע לאָקאָמאָטיוועז, וועלכע האָבען פערטומעלט די שטאָדט מיט זייערע פייפערייען און פארשוואַרצט די פּאסאזשירען מיט זייער געדיכטען רויך.

ברוקלין איז אבסאָלוט אָפּגעטהיילט געווען פון ניו יאָרק. מעהר ווי דער איין אלטער „ברוקלין ברידזש״ האָט די צוויי שטעדט ניט פארבונדען. סאָבווייס און טונעלען זיינען נאָך ניט געווען. צוויי בעזונדערע „סיטי האָלס״, צוויי מעיאָרס, צוויי פּאָליציי־קערפּערשאפטען, צוויי בעזונדערע עלעקשאָנס יעהרליך, אלעס, אלעס בעזונדער. ווען ברוקלינער האָבען געברויכט צו באזוכען ניו יאָרקער, אָדער פארקעהרט, האָבען זיי מיט פּעריס־שיפען געמוזט איבערשפּאנען די טייכען, וועלכע צושיידען זיי. פּאָהרען פון ניו יאָרק נאָך ברוקלין, אָדער פון ברוקלין נאָך ניו יאָרק איז געווען א גאנצע נסיעה ווי פון איין שטאָדט צו דער צווייטער.

www.libtool.com.cn

איין זאך איז געווען וואס האט די צווילינג־שטעדט פעראייניגט און דאס איז ניט קיין אנדערער ווי דער, וועלכער פעראייניגט אימער די גאנצע מענש־הייט מיט אלע איהרע קלאסען און פערשידענע שאטירונגען, רייכע און ארימע, פרומע און פרייע, ארבייטס־געבער מיט די ארבייטער, — דער טויט, ווייל כמעט אלע בית עולם׳ס זיינען געווען און זיינען נאך היינט אין ברוקלין, און, אז איינער פלעגט ראטהען דעם צווייטען ארויסצוגעהען פון דער ניו יארקער ענגשאפט און נעהמען א וואהנונג אין דער געריימער ברוקלין, האט ער באקומען גלייך דעם אנטווארט:

"איך בין נאך יונג און וועל נאך צייט האבען צו געהען נאך ברוקלין ווען מיין צייט וועט קומען!"

די גרויסע שעהנע פארשטעדט פון ברוקלין, ווי בראנזוויל, איסט ניו יארק, בארא פארק, בעטה ביעטש, א. ז. וו., זיינען נאך ניט געווען. גרויסע זומפען, פערלאזענע פעלדער, נאקעטע שטיינער, בערג און ליידיגע טהאלען, וואו ניט וואו א קליין הילצערן הייזעלע צו דער ערד געבויגען און ציגען האבען זיך פראנק און פריי געפיטערט ארום זיי — דאס איז געווען דער אנפאנג פון די יעצטיגע רייכע גראנדיעזע פארשטעדט, וועלכע האלטען יעצט אין די הונדערטער טויזענדער רוהיגע, גליקליכע אידישע בירגער, וועלכע האבען אין א פערטעל יאהר־הונדערט א וויסטען מדבר אין א בליהענדען ישוב פערוואנדעלט...

מיין ברודער און מיין עלטערער זוהן, ווען זיי האבען מיך פון שיף ארונ־טערגענומען, האבען זיי מיך צו זייער וואהנונג אין ברוקלין גענומען און גלייך אויף מארגען בין איך דאס ערשטע מאל מיט דער בראדוויי פערי־שיף נאך ניו יארק געפאהרען, צו באזוכען דעם אידישען קווארטאל, די איסט בראדוויי מיט איהרע גאסען ארום איהר. איך האב זיך באלד היימיש געפיהלט, הערענדיג דעם קלינגענדיגען אידיש און, זעהענדיג די פערשיעדענע אידישע שילדען אויף די אלע געשעפטען אין די צוויי הויפט גאסען קאנעל און גרענד סטריטס.

באזונדערס האט זיך מיר געווארפען אין די אויגען דער ווארט "כשר" אויף די פענסטער פון די פלייש־קראמען און די רעסטראנען. און איך האב ווירקליך אין יענעם טאג צום ערשטען מאל אין מיין לעבען פערזוכט צו עסען אין א "כשר׳ען" רעסטאראנט אויף וועלכען דער ווארט "כשר" שיינט מיט אונגעהייער גרויסע בוכשטאבען. אין בערדיטשעוו און אין ווילנא, אין די גרויסע אידישע שטעדט, האב איך דאס קיינמאל ניט געזעהען. שטעלט זיך פאר, אז א איד אין ווילנא זאל אויפשרייבען אויף זיין פלייש־געשעפט, אדער אויף זיין רעסטא־ראנט "כשר", וואלטען אלע אנגעקוקט און געפרעגט: "מאי קא משמע לן?" וואס לאזט זיך דער איד הערען? וואס־דען, א איד וועט פערקויפען טריפות?...

ניט אומזיסט האט מען דאמאלס, מיט איבער א פערטעל יאהרהונדערט

www.libtool.com.cn

צוריק, געקרוינט די איסט בראָדוויי מיט דעם רוסישען נאָמען "איסט בראָד־וויסקאיא אוליצא", ווייל די רוסישע שפּראַך האָט געהערשט אין איהר מיט דער פולער מאַכט פון איהרע אידיש־רוסישע אימיגראנטען, וועלכע האָבען איהר באזעצט. די גרעסטע טהייל פון דעם אינטעליגענטען עולם, יונגע מענשען גע־ענדיגטע דאָקטוירים און יוריסטען, געוועזענע סטודענטען פון די רוסישע גימ־נאזיעם און רעאַל שולען, כמעט אלע דורכגעדרונגענע מיט דעם רוסישען ניהיליזם און סאָציאליזם. אידיש האָט נאָך דאמאלס ניט פיגורירט אלס א שפּראַך מיט אַ אייגענער מאָדערנער ליטעראטור ווי היינט. די אידישע צייטונגען, דער על־טעסטער "טאַגעבלאַט" מיט זיין וועכענטליכען "אידישע גאזעטען", דער "הערלאָד" מיט זיין וועכענטליכען "פאָלקס־אדוואָקאט", דער סאָציאליסטישער "אבענד־בלאַט" מיט זיין "ארבייטער צייטונג", — זיי זיינען געווען די גייסטיגע שפּייזער פון דעם גאנצען אידישען עולם איבער אַמעריקא, און זיי אלע צוזאַמען האָבען ניט געהאט די צירקולאציאָן וויפיעל די קלענסטע פון היינטיגע צייטונגען פערמאָגט. קיין ליטעראטור, קיין ביכער צום לעזען איז ניט געווען, די פּליי־סיגע לעזער האָבען יוצא געווען מיט סענטיגע העפטען, וועלכע פלעגען ארוים־געגעבען ווערען וועכענטליך, ווי "די געהיימניסע פון די קייזערליכע קעניגליכע הויפען", אָדער וועגען "יעווגעניא, די פראנצויזישע קייסערין", "יעקאטערינא די צווייטע מיט פּאָטיאָמקין". קיין וואונדער וואָס די איסט בראָדוויי׳ער אינטע־ליגענטען האָבען די העפטען אין האנד ניט גענומען און זיי האָבען יאהרען לאנג זיך שטארק פעסט געהאַלטען אָן דער רוסישער ליטעראטור ביז זיי האָבען זיך אמעריקאניזירט. ניט אזוי שנעל קען מען זיך אָפּרייסען פון די רוסישע ליטע־ראַרישע ריזען ווי טורגעניעוו, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי. אָט אזוי האָט זיך ענטוויקעלט א קליינע, אָבער אַן אינטעליגענטע רוסישע קאָלאָניע אין דעם אידישען קוואַרטאַל פון איסט בראָדוויי מיט איהרע גאַסען ארום איהר

דעם ערשטען באזוך האָב איך געמאַכט דעם ארויסגעבער פון "טאַגעבלאַט", ר׳ כתריאל צבי שרהזאָהן. ער האָט מיך וואַרעם מקבל פּנים געווען, ווי גאָר אַן אַלטער טרייער פריינד.

"איך קען אייך שוין פון יאָהרען לאנג, איהר ברויכט ניט מיר צו ערקלעהרען: ווער איהר זייט, איך ווייס פון אייער ארבייט אין רוסלאנד און אין די מערב אייראָפּעאישע לענדער. א סימן האָט איהר, אז אין מיין צייטונג איז געווען א בעריכט ווען איהר האָט לאָנדאָן פערלאָזט אום צו פאָהרען נאָך אמעריקא. איהר זייט ווילקאָמען ביי אונז!"

מיסטער שרהזאָהן׳ס ווערטער האָבען מיך געמוטהיגט ביי מיין ערשטען אריינטריט אין דעם נייעם קאָנטינענט. מיסטער שרהזאָהן איז געווען א ליעבענס־ווירדיגער מענש, דער אמת׳ער טיפּ פון דעם היימישען שעהנעם ריינעם בעל־הבית. ער איז ווירקליך געווען א "מקבל כל אדם בסבר פנים יפות", און זיין

חויז איז געווע א „בית פתוח לרוחה“. ער האט מיך גלייך פארגעשטעלט פאר זיינע קינדער, צוויי זיהן, יחזקאל און אברהם חיים, און זיין איידעם מיסטער לעאן קאמייקא. מיט זיי צוזאמען זיינען מיר אריין אין רעדאקציאן וואו דער רעדאק־טאר, מיסטער יונה פאליי, און זיינע מיטהעלפער, האבען מיך באגריסט.

אויף מארגען פריה, ווען איך האב ווידער די רעדאקציאן בעזוכט, האט מען מיר געצייגט אן אויסגעזעצטען ארטיקעל מיט פיעל קאמפלימענטען, תהלות ותשבחות צו מיר, אונטער דעם קאפ „רעוו. דאקטאר מאסליאנסקי“. איך האב גלייך מיט מיינע פינגער ארויסגעצויגען דעם ווארט „דאקטאר“ פון דעם זאץ, די שרייבער און די זעצער האבען זיך אנגעקוקט איינע די אנדערע מיט גרויס פערוואונדערונג, ווי א מענש לאזט זיך ניט באטיטלען מיט קיין פער־דיענטע טיטולען.

„מיינע העררען! — האב איך זיך געווענדעט צו זיי, — ווארום זאלט איהר פלוצלינג מיר דעם טיטול דאקטאר געבען אין דער צייט וואס איך האב קיין דיפלאם נישט דערצו?“

„דאס צייגט אייער „גרינקייט“, ווי ווייט איהר פערשטעהט ניט דאס אמעריקאנער לעבען; מיר פראדוצירען אלע טאג נייע דאקטוירים אהן דיפלאמען און זיי פארבלייבען דאקטוירים“, — האבען זיי מיר ערקלעהרט, און האבען מיך גלייך אויסגערעכענט היבש עטליכע רעוורענד־דאקטוירים, וועלכע האבען באקו־מען זייער דאקטאר דעגרי בלויז פון די צייטונגען און קיינער קימערט זיך ניט וועגען זיי.

דעם אמת זאגענדיג וואלט איך דאמאלס דעם ווארט „רעוורענד“ אויך ארויסגענומען פון דעם זאץ, ווען איך וואלט דאמאלס האבען דעם באגריף וואס פאר א מעשים עס טהוט זיך, ליידער, אפ אין אמעריקא אונטער דעם אומשול־דיגען טיטול, נאר פארפאלען, דעם ווארט האב איך איבערגעלאזען, און ער בע־גלייטעט מיך אומשולדיגערווייזע מיין גאנצען לעבען...

דאקטאר מאזעס מינץ, איינער פון די בילויים, אליין א קרעפטיגער אגי־טאטאר פאר חבת ציון, איז דא אין ניו יארק געווען דער ארויסגעבער פון א וועכענטליכער צייטונג „דער רעקארדער“, און ער האט מיר פיעל געהאלפען מיט זיין נאציאנאלען וואכענשריפט.

www.libtool.com.cn

# 40טער קאפיטעל.

איך הער אין שוהל בית המדרש הגדול ווי דער שמש רופט אוים פרייטאָג־צו־נאכטס אז קיינער זאָל קיין קדיש ניט זאָגען און איך פערשטעה ניט פארוואָס. — מען דערקלעהרט מיר אז די קדישים און די יאָהרצייטען זיינען דאָ פארביזנעוועט געוואָרען. — מיין ערשטע דרשה אין בית המדרש הגדול. — טויזענדער אידען קומען מיך הערען. — פאָליציי טראָגט מיך אויף די הענט אין שול אריין. — איך דערפיהל אז אמעריקא בלייבט מיין היים, אז מיין גורל איז דאָ פארזיגעלט.

די צייטונגען האבען צו וויסען געגעבען, אז שבת, דעם 13טען יולי, ביי־טאָג, וועל איך האלטען מיין ערשטע רעדע אין בית המדרש הגדול. די טהעמא: "א גערוס פון יענער זייט ים".

פרייטאָג־צו־נאכט בין איך געווען אין דעם בית המדרש הגדול צום דאווי־נען. דער חזן מיט זיין כאָהר האבען שעהן געדאווענט. נאָר דער שמש האָט מיך איבערראשט מיט זיין ווילדען כרוז, וועלכען איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געהערט. פאר "עלינו" האָט דער שמש א מאוים'דיגען שטארקען פאטש געגעבען אויף דער בימה מיט זיין לעדערנעם פאטשער אויף דעם לעדערנעם האלב־ווייכען קישען אויף'ן שולחן און האָט מיט א משונה'דיגען קול אויסגע־שריען: "קיינער זאָל קיין קדיש ניט זאָגען, יאָהרצייט".

איך בין נשתּומם געוואָרען פון דעם ווילדען אויסגעשריי און ניט פערשטאנען וואָס דאָס מיינט. ווארום זאָל מען ניט זאָגען קיין קדיש? און וואָס פאר א שייכות האָט דאָס צום יאָהר־צייט? ווער האָט יאָהר־צייט? און אויב אײנער האָט היינט יאָהר־צייט, ווארום זאָל ער ניט זאָגען קיין קדיש?...

אָט די אלע פראגען האָט מיר פערענטפערט מיינער אן אלטער בכבוד'ער לאנדסמאן:

"דאָס איז אן אמעריקאנער מנהג, וועלכער איז אין קיין לאנד ניטאָ, וויל דאָס שמעקט מיט אמעריקאנער "ביזנעס", וועלכע האבען זיך שטארק ענטוויי־קעלט און ארייגעדרונגען איבעראל אין די אנשטאלטען, אין אלע שוהלען, אין די האָספּיטאלען און זאָגאר אויף די "בית עולם'ס" אז איהר וועט עלטער ווע־רען אין אמעריקא, וועט איהר דאָס פערשטעהען".

"אָבער ערקלעהרט מיר וואָס באדייט אָט דער כרוז וואָס דער שמש האָט נאָר אויסגערופען? וואָס פאר א ביזנעס קען זיין אין **ניט**־געזאָגטע קדישים?"

"יאָ, מיין פריינד", ענטפערט מיר דער אלטער שמייכלענדיג, "די ניט־

www.libtool.com.cn

געזאָגטע קדישים האָבען זעהר פיעל צו טהאָן מיט ביזנעס פאַר דער שול און איבערהויפּט פאַר דעם שמש. דער אמעריקאַנער עולם בכלל געהט וועניג אין שול און דאָן זיינען דאָ אייניגע מנינים, וועלכע קומען דאַוונען יעדען טאָג אין דער פריה און פאַרנאַכט צו מנחה און מעריב. און ווייסט איהר ווער עס זיינען די דאַוונער? דאָס זיינען די אבלים — קדיש־זאָגער, און אויך די, וועלכע האָבען יאָהר־צייט נאָך זייערע עלטערן. קדיש און יאָהרצייט זיינען די זיילען פון די אמעריקאַנער שולען און זאָגאָר פון די רעפאָרמירטע טעמפּלען. די מנהגים, וועלכע האָבען צו טהאָן מיט דעם טויט, וואַרפען אַ שרעק אויף די לעבעדיגע און זיי האַלטען פון זיי זעהר שטאַרק. פון יעדען קדיש זאָגער געניסט די שול מיט דעם שמש דורך זיין אבלות יאָהר, אָבער די הויפּט הכנסה איז פון די יאָהרצייטען, וועלכע קומען בלויז איין מאָל, אָדער צוויי מאָל יעהרליך. די בעצאָהלען מיט דער פולער האַנד צו דער שול פאַר אַן "עליה" און דעם שמש פאַר "מאַכען אל מלא רחמים" און, ווען עס קומט אין שול אַ "מעמבער" אַ בעל יאָהרצייט, דאַן פאַרמאַכט דער שמש מיט אַ שטריינגען כרוז פון בימה די אַלע אבלים די מיילער פון קדיש זאָגען און דער קדיש געהערט בלויז צו דעם יאָהרצייט אליין. יעצט, מיין גרינער לאַנדסמאַן, פערשטעהט איהר שוין דעם כרוז פון דעם שמש און די שייכות פון די ניט געזאָגטע קדישים צו ביזנעס? איהר וועט עלטער ווערן, וועט איהר נאָך מעהר פערשטעהן ווי דער טויט האַלט אויף אין אמעריקא דאָס לעבען פון אמעריקאַנער אידישקייט. איהר האָט דאָך וואַהרשיינליך געהערט פון די גרויסע אמעריקאַנער אָרדענס מיט זייערע לאָדזשען פון הונדערטער טויזענדער מיטגליעדער. זיי זיינען נוצליכע אינסטיטוציאָנען אין אמעריקא, און זיי וואָלטען פיעל גוטעס אויפטהאָן פאַר דעם כלל ישראל, ווען אין זיי וואָלט הערשען דער לעבעדיגער גייסט פון אידענטהום. אָבער ליידער, ליידער זיינען די גרויסע מעכטיגע אָרגאַניזאַציאָנען אין צאָל—כמות, שוואַך אין אינהאַלט—איכות. ווייל זיי לעבען אויך פון דעם טויט און זייערע מנהגים ווי "קרקע", "בית עולם׳ס", "מצבות", "גדרים" און "שבעה־געלד", וועלכע פילען אָן זייער אינהאַלט".

ארויסגעהענדיג מיט מיין גוטען־קלוגען לאַנדסמאַן פון בית המדרש הגדול, בין איך פערציטערט געוואָרען, זעהענדיג אַ שרעקליכע בילד: ביי דעם אריינגאַנג זיינען געשטאַנען אַ מחנה אידישע קליינע קינדער און האָבען פערקויפט אידישע צייטונגען. די קינדערלאַך האַלב נאַקעטע, באָרפיסע, שפּרינגען צו די שול ארויסגעהער און שרייען מיט זייערע הילכיגע קינדערשע שטימעלעך "צוויי צייטונגען פאַר אַ סענט!"

פאַרבייגעהער און מאַנכע ארויסגעהער פון שול האָבען געקויפט די בלעטטער מיט גרויס פליים פראַנק און פריי, און פון שול קלינגט נאָך אָפּ דער עכאָ פון דעם חזן׳ס העלדען טענאָר שטימע: "ושמרו בני ישראל את השבת!"

www.libtool.com.cn

אין דער בעשטימטער שטונדע שבת נאָכמיטאָג בין איך געגאַנגען האַלטען מיין ערשטע רעדע אין בית המדרש הגדול. ווי נאָר איך בין צוגעגאַנגען מיט גרענד סטריט צום קאָרנער נאָרפאָלק, וואו דער בית המדרש געפינט זיך, האָב איך דערזעהן א מענשען־וואַנט פאַר מיר און עס איז מיר אונמעגליך געווען איין טריט צו מאַכען. אַן המון עם, אַלטע, יונגע, מענער און פרויען שטעהען, ריהר־רען זיך ניט און ווילען זיך שפּאַרען נעהנטער צום בית המדרש. דער המון האָט מיך דערמאָהנט אַן דעם "שבת־חנוכה" אין לאָנדאָן, ווען איך האָב גערעדט אין דער ניי־שול. ווי דאָרט אין לאָנדאָן, אַזוי דאָ אין ניו יאָרק האָבען מיך פּאָליסלייט געמוזט פּשוט אריינטראָגען אין שול.

א מערקווירדיגער געפיהל פון ליעבע און דאַנקבאַרקייט צו אמעריקא מיט איהרע אינסטיטוציאָנען האָט מיך בעזיעגט, ווען איך האָב דערפיהלט די בעריהרונג פון דער פּאָליציי. עראַינערענדיג זיך די בעריהרונג פון דער רוסישער פּאָליציי, ווען זי האָט מיך מיט גוואַלד און באַרבאַריזם ארויסגעשלעפּט פון די שולען אין מיטען פון מיינע רעדעס אין אָדעס, קישענעוו, לאָדז א. ז. וו. פריי־דענקס־טרעהרען האָבען געפּלאָסען פון מיינע אויגען, ווען איך האָב געפיהלט דעם אונטערשיעד פון ניו יאָרקער פּאָליציי ביז קישענעווער זשאַנדאַרען. יענע האָ־בען מיך באַרבאַריש און ווילד, פול מיט שנאה, ארויסגעשלעפּט פון שול, און די טראָגען מיר העפליך, פול מיט רעספּעקט און עהרע אין שול אריין. פינס־טערניש און ליכטקייט, שקלאַפעריי און פרייהייט, ווי ווייט זיי זיינען איינע פון די אנדערע. מיינע ליפּען האָבען געמורמעלט: "געבענשט זאָלסטו זיין, אמע־ריקא, און געבענשט זאָל זיין דיין פרייהייט!"

מיט גרויס מיה און אָנשטרענגונג בין איך ארויף צום ארון הקדש. איך האָב געוואָרפען א בליק אויף דעם פול־געפּאַקטען גרויסען בית המדרש פון אונטען ביז ארויף אויף דער גאַלעריע, בין איך שטאַרק בעגייסטערט געוואָרען. איך האָב געלעזען אויף זייערע געזיכטער זייער נייגיריגקייט צו הערען עטוואָס נייעס, עטוואָס אונגעוועהנליכעס. די שטילקייט און רוהיגקייט פון עולם, טראָץ די שרעקליכע ענגשאַפט, די פיער טויזענד אויגען, וועלכע האָבען געקוקט בלויז אויף מיר, האָבען מיך פּשוט עלעקטריזירט און האָבען מיך אויפגעהויבען פיעל העכער פון דער געוועהנליכער שטימונג. ווען איך געה ארויף אויף דער בימה פאַר דעם עולם. עס איז מערקווירדיג, איך בין דאָך שוין יאָהרען־לאַנג צוגע־וואָהנט געוואָרען צו גרויסע פערזאַמלונגען אין פערשיעדענע שולען און גראַנדיע־זע זאַלען אין די פערשיעדענע שטעדט און פערשיעדענע לענדער, פון די גרעס־טע אידישע קהלות, קיינמאָל האָב איך אַזאַ בעגייסטערונג ניט בעקומען און אין אַזאַ בעזעעלטער שטימונג ניט אויפגעהויבען געוואָרען ווי ביים ערשטען מאָל אויפטרעטען אין אמעריקא אין ניו יאָרקער בית המדרש הגדול.

איך האָב געפיהלט, אז איך פאַנג אָן א נייע עפּאָכע אין מיין לעבען. איך

www.libtool.com.cn

האָב געפיהלט, אז דאָס לאנד אמעריקא, אין וועלכער עס האָט זיך דאמאָלסט געפונען — מיט דריי צעהנדליג יאָהר צוריק — בלויז א פיערטעל מיליאָן אידען, וועט ווערען א מקום מקלט ומפלט, א רוהע־פּלאַץ פאר אונזערע מיליאָנען ברידער, וועלכע ציהען זיך מחנות־וויז מיט זייערע וואנדער־שטעקענס פון די אייראָפּעאישע אָרימע אונגליקליכע לענדער. איך האָב געפיהלט, אז די ערשטע רעדע מיינע וועט מיר געבען א מעגליכקייט צו ענדיגען מיין „גלות פּראָווען״ פון לאנד צו לאנד. מיין הארץ האָט מיר נביאות געזאָגט, אז דאָ, אין דער צוקינפ־טיגער גרויסער ניו יאָרק, וועל איך קענען מיין היים מאכען, וויל איך האָב געפונען פאר זיך א פרישען פעלד צו בעארבייטען, און די פעלד איז נאָך אזוי ווילד, פּרימיטיוו, אָהן גייסט, אָהן אָרדנונג, אָהן א צענטער, אָהן אן אויטאָרי־טעט און אָהן צו וויסען וואָס צו וועלען. די אריבערגעקומענע אימיגראנטען פון פערשיעדענע לענדער, פערשיעדענע שפּראכען, פערשיעדענע געוואָהנהייטען בילדען אוים א תהו ובוהו ווי יחזקאל׳ס טרוקענע ביינער אין דעם טויטענטהאָל.

מיט א קרעפטיגער דונערנדער שטימע, פון וועלכער איך האָב זעלבסט א ציטער געטהאָן, האָב איך אָנגעפאנגען מיין ערשטע רעדע מיט דעם מאמר חז״ל:

„הרואה אוכלסי ישראל מה הוא אומר: „ברוך חכם הרזים!״ והרואה אוכלסי עכו״ם מה הוא אומר: בושה אמכם, חפרה יולדתכם, הנה אחרית גויים מדבר ציה ושממה״. —

„דער, וועלכער זעהט גרויסע אידישע פערזאמלונגען, וואָס ברויכט ער צו זאָגען: „געלויבט זאָל זיין דער חכם פון די געהיימניסע״. און דער, וועלכער זעהט גרויסע געצענדינערשע פערזאמלונגען, וואָס ברויכט ער צו זאָגען: „שעה־מען מעג זיך אייער מוטער, שאנדע צו אייער געווינערין, אָט דאָס איז דער סוף פון דעם מאָרט פעלקער — ווילדענים, וויסט און לעער״.

אָט דער טיעפער מאמר איז געווען ביי מיר די קאנווע, אויף וועלכער איך האָב צוויי שטונדען געוועבט און געמאָהלט פערשיעדענע שטארקע בילדער פון דעם אידישען גלות לעבען. איך האָב אין דער צייט פיעל מאָל געביטען די שטי־מונג פון דעם עולם. זיי האָבען געוויינט און זיי האָבען געלאכט, געטרויערט און געפרעהט. נאָך מיין רעדען האָט דער עולם מיר איבערצייגט אין זיין צו־פריעדענהייט מיט דעם הארציגען „יישר כח״ וואָס זיי האָבען מיר אויסגעדריקט אויף פערשיעדענע אופנים ווי קושען, האלדזען און האנד־דריקונג.

איך האָב גלייך געפיהלט, אז מיין שיקזאל איז פערזיגעלט, און ווער און בלייב אן אמעריקאנער, איך בין א פרייער בירגער און איך וועל שוין ניט ליידען מעהר פון פּאָליציי־פערפאָלגונג, איך וועל שוין מעהר ניט ברויכען קיין אלעגאָ־רישען מאטעריאל צו מיינע רעדען. מיין צונג איז פריי צו רעדען דאָס וואָס איך וויל און ניט דאָס וואָס יענער וויל.

www.libtool.com.cn

די פרעסע, די אידישע און ניט־אידישע, זאגאר די ״דייטשע שטאאטס־ציימונג״ און די ״ניו יארק וואירלד״ זיינען אויף מארגען ארוים וועגען מיר און מיין טאלאנט מיט תהלות ותשבחות. שנעל האב איך בעקומען איינלאדונגען פון פערשיעדענע שטעדט. די ערשטע שטאדט איז געווען באלטימאר, דורך איהרע טהעטיגע חובבי ציון אין יענער צייט.

איך האב אבער זיך ניט געאיילט צו פערלאזען אזוי שנעל ניו יארק, ווייל איך האב געוואלט שטודירען דעם נייעם אידישען לעבען אין דער לאנד. איך האב גערעדט נאך צעהנדליגע מאל אין די גרויסע פערשיעדענע שולען, ווי עלדרידזש סטריט שול, קאלווארינער שול א. ז. וו.

אין די אלע גאסען, וואו איך בין געגאנגען, האבען מיך די גרויסע אידישע שילדען ניט צורוה געלאזען. דער ווארט ״כשר״ אויף די אלע שפייז־הייזער און אין זייערע קעלערען. און דער טיטול ״ארבייטער פריינד״ איבער אלע סאלו־נען, שיינק־הייזער.

רבונו של עולם! אזוי פיעל כשרות און ארבייטער־פריינדשאפט ווי פיעל דו האסט אין ניו יארק, האסטו ניט אין דער גאנצער אידישער גלות־וועלט איבער דעם גאנצען ערד־קוגעל!

## 41טער קאפיטעל

דער ביטערער גורל פונים גאון ר׳ יעקב יוסף, וועלכער איז געבראכט געווארען קיין נויארק אלס רב הכולל. — דער קבלת פנים פאר איהם איז געווען א קעניגליכער. די גאנצע שטאדט איז אויפגערודערט געווארען, ווען ער איז געקומען, די אמערי־קאנער פרעסע אפילו האט איהם אפגעגעבען פיעל פלאץ. — דאס איז אבער געטהאן געווארען בלויז פאר ביזנעס.

ווען איך בין נאך אין רוסלאנד געווען, האב איך געלעזען אין די העברעאישע ציימונגען ״הצפירה״ און ״המליץ״ זעהר פיעל וועגען דעם גרויסען קבלת פנים וואס די אידישע קהלה אין ניו יארק האט געגעבען צו איהר ערשטען ריכטיגען גרויסען ארטהאדאקסישען רב, דעם בעוואוסטען ווילנער שטאדט־מגיד, הרב הגאון ר׳ יעקב יוסף, וועלכער איז אויפגענומען געווארען אלס רב הכולל אין ניו יארק. אין גאנץ ליטא איז ער בעוואוסט געווען מיט זיינע חריפות אין הלכה און זיין טאלאנט צו דרש׳נען אין הגדה. דאס פאלק האט איהם געקרוינט מיט דעם טיטול רבי יאנקעלע חריף. ניט לייכט איז דאס אנגעקומען דער ארטהאדאקסישער ניו יארקער קהלה אראפצוברייננגען רבי יעקב יוסף׳ן פון זיין

www.libtool.com.cn

בכבוד׳ער שטעלע אין ווילנא, די זאגענאנטע ״ירושלים דליטא״, נאך נויארק, די שפאגעל־נייע אידישע קהלה אין אמעריקא. מיט כבוד מלכים האבען איהם פארשטעהער פון פערשיעדענע שוהלען און געמיינדעם פון שיף ארונטערגענומען. עס ווערט דערצעהלט אז הונדערטער קארעטען — דאן זיינען נאך קיינע אטאמאבילס ניט געווען — און צעהנדליגער טויזענדער אידען האבען מיט טריאומף געפיהרט דעם גרויסען רב צו זיין וואהנונג, וועלכע איז צוגעגרייט געווארען פאר איהם און זיין פאמיליע. פיעל ענטהוזיאסטען האבען די ברעגען פון זיינע קליידער געקושט, מיט פריידען־טרעהרען האבען זיי איהם פון זיין קארעטע אין זיינע חדרים אריינגעטראגען. ניט יעדער געוועהנליכער איד האט געהאט דאס גליק צו זעהען איהם פערזענליך און צו בעגריסען איהם מיט שלום עליכם. לעגענדען האבען זיך אנגעפאנגען צו וועבען ארום איהם, וועגען זיין גרויסקייט אין תורה, חכמה און קדושה. דעם רב הכולל׳ס קבלת פנים איז געפייערט געווארען אויף דעם אמעריקאנישען אופן, גרויס, טומעלדיג, מיט ווילדע רעקלאמעס, אזוי ווייט אז די קריסטען האבען זיך אנגעפאנגען צו אינטערעסירען מיט דעם ״טשיעף ראביי״, ווייל אין דער ענגלישער פרעסע האט מען זעהר שטארקע ארטיקלען געשריבען איבער איהם.

אבער ליידער, ליידער, ווי אלע אויפגעבלאזענע סענזאציאנעלע בעוועגונגען, וועלכע פאנגען זיך אן מיט גרויס שטורעם, היץ און ווילדען ענטוזיאזם און ווערען שנעל קאלט און אויסגעלאשען, אזוי איז אויך געשעהן מיט דעם טראגישען אומגליקליכען גרויסען רב. גאר גיך איז זיין גלאנץ ארונטער, די צייטונגען האבען אנגעפאנגען צו בעהאנדלען איהם סארקאסטיש, פלוצלינג האט זיך ארויסגעוויזען אז די ״חיות הקדש״, וועלכע האבען ״ברעש גדול״ געטאנצט ארום דעם רב הכולל ביי זיין אנקומען; אט די ברענענדיגע בכלל־טהוער זיינען גאר אויסען געווען זייערע אייגענע אינטערעסען, ניט דעם רב הכולל האבען זיי געמיינט, נאר די כשר׳ע ביזנעס האבען זיי געדארפט, ניט זיין תורה און חכמה האבען זיי געוואלט, נאר זיין זיגעל אויף ״כשרות״ האבען זיי געברויכט. און די אלטע פערפלוכטע אידישע פראגע ״מי יאכילנו בשר?״ איז פלוצלינג אויסגעבראכען מיט א ווילדען שטורעם און ״זיגלען״, ״פלאמבעס״, ״הכשרים״, ״קצבים״, ״שוחטים״, ״שלאכט־הייזער״, מיט דעם אויפשריפט אויף די פענסטער ״בהכשר רב הכולל״ אויף אלע בוטשער סטארס, רעסטא־ראנטען און ״מקואות״ האבען זיך צושפרייט איבער דער גאנצער אידישער שכונה אין ניו יארקער מזרח זייט. און נאך היינט, צוויי צעהנדליגע יאהר נאך זיין טויט, איז נאך דא דער אויפשריפט אויף פיעלע פענסטער פון פער־שיעדענע כשר׳ע געשעפטען.

דער ארימער גרויסער רב איז צוטומעלט געווארען פון די הייליגע שווינדלערייען ארום איהם און אין זיין הויז. ער האט נעביך פערשטאנען זיין

www.libtool.com.cn

גרויסען טעות וואס ער האט געמאכט מיט זיין אויסבייטען ווילנא אויף ניו יארק. זיין הארץ האט געפיהלט די נידעריגע אומגעלומפערטע פיהרונגען פון זיינע "מקורבים", ער האט אלעם אנגעפאנגען צו פיהלען און פערשטעהען, אבער צו שפעט, ער האט זיך זעלבסט ניט געקענט העלפען. זיין גרויסע אידישע הארץ איז קראנק געווארען און זיין קערפער האט אנגעפאנגען פאראליזירט צו ווערען.

אין דער טרויערדיגער לאגע האב איך איהם געפונען ליגענדיג אין בעט, עלענד און פערלאזען. ווען איך האב זיך פארגעשטעלט פאר איהם, האט ער זיך אויפגעזעצט און האט מיך געהאלזט און געקושט, מיט אויגען פול מיט טרעהרען האט ער מיך אנגעקוקט, זיינע טרויערדיגע בליקען האבען אויסגע־דריקט שטומערהייט די שרעקליכע ווערטער: "זעהט וואס פון מיר איז גע־ווארען!"

מאמענטאל האט אריינגעבליצט אין מיין מארך דער תלמודישער מאמר וועגען די באציהונגען פון די עמי הארצים צום תלמיד חכם:

"צום אנפאנג קוקען זיי אויף איהם ווי אויף א גאלדענעם קרוג, גע־וואהנען זיי זיך צו אביסעל צו איהם, באקומט ער ביי זיי די ווערדע פון א זילבער־נעם קרוג; פערברייינגען זיי מיט איהם נעהענטער דאן זעהען זיי אין איהם בלויז א ליימענעם קרוג און ווי ער ווערט צובראכען, דאן איז שוין קיין תיקון צו איהם ניטא".

ארימער טראגישער גרויסער רב, אט אזוי האבען די נויארקער פאר־שטעהער און כלל־ארבייטער פון דיר געמאכט "החרס הנשבר", — א צובראכענעם שארבען.

קראנק, נידערגעשלאגען און פערלאזען ליגט דער גרויסער חולה אין זיין בעט און זיין נאבעלע אינטעליגענטע פאמיליע, די רביצין מיט די קינדער ליידען פשוט פון דחקות.

איך האב ניט געשוויגען, איך האב געטהאן וואס עס איז געווען נאר אין מיין מעגליכקייט צו טהאן. איך האב אין מיינע רעדען מעורר געווען דעם דעת הקהל וועגען דעם טרויערדיגען שיקזאל פון דעם קראנקען גאון. איך האב בא־זוכט איינינע מיטינגען פון די איסט סיידער כלל טהוער, און מעהר אדער וויינינער האט מען פערלייכטערט זיינע עקאנאמישע יסורים.

"בבלאי טפשאי!" — נארישע בבל־לייט, — האב איך איין מאל אויס־געשריען אין מיינער א רעדע אין איינער פון די ניו יארקער גרויסע שוהלען פאר א גרויסען עולם, — "דקמי מקמיא ספר תורה, ולא קמי קמיא גברא רבא". — איהר שטעהט אויף פיר א ספר תורה, איהר לאזט זיך קאסטען

www.libtool.com.cn

פיר אייערע שוהלען, און אייך ארט ניט פאר דעם שיקזאל פון אייער גרויי־סען רב !...

ווי טראגיש און שרעקליך עס איז געווען דער שיקזאל פון דעם רב הכולל אין זיינע לעצטע יאהרען אין ניו יארק, איז נאך טראגישער געווען זיין טויט און זיין לויה, וועלכע האט געטראגען אויף זיך דעם כאראקטער פון א נאַ־ציאנאלער קאטאסטראפע, פון א העסליכער פאלקס־באליידיגונג, פון א נידער־טרעכטיגען אנטיסעמיטישען אויסברוך אויף דעם אידישען פאלק אין דער פרייער לאנד — אמעריקא.

"דער רב הכולל איז נפטר געווארען", "דער גאון איז נסתלק געווארען", "רבי יעקב יוסף איז געשטארבען" אזעלכע אויפשריפטען מיט גרויסע בוכשטאבען זיינען ערשיענען, מיטוואך, כ"ד אב, תרס"ב, אין די ניו יארקער אידישע צייטונגען, און זיי האבען פארשפרייט די טרויעריגע ידיעה איבער דער גאנצער שטאדט. טויזענדער, צעהנדליגער טויזענדער אידען פון ניו יארק און פון די ארומיגע שטעדט האבען זיך געצויגען צו דער איסט סייד, נעהענטער, נעהענטער, צו דער גאס פון דעם רב הכולל׳ס וואהנונג, אפצוגעבען דעם לעצטען כבוד צו דעם גרויסען נפטר אום צו מקיים זיין דעם אלטען אידישען ווארט "אחרי מות קדושים, אמור !"

אלע גאסען ארום זיינען פול געווארען פון דעם גרויסען עולם, און ווי א וואנט פון מענשליכע קערפערס זיינען געבליבען שטעהן אומבעוועגליך, ניט אריין און ניט ארויס.

"א, מענשען אידען, — האב איך אין הארצען געטראכט, — וואו זייט איהר אלע געווען נעכטען, פאר־אכטאגען, פאר־א־יאהרען, ווען ער האט געפאַ־דערט הילף, ווען נאר א קליינער פראצענט פון אייך וואלט ערשיינען אין צייט, וואלט איהר דאך היינט ניט ברויכען צו שפארען זיך אומגעלומפערט צו דער טרויערדיגער לויה . . ."

פאליציי האט מיט פיעל מיה געמאכט ארדנונג אום דער טויטען־וואגען מיט די הונדערטער קארעטען נאך איהם זאלען קאנען צום פלאץ צוקומען.

א גרויסע מחנה מיט קליינע תלמוד תורה קינדער, מיט זייערע לעהרער, זיינען פאר דעם ארון געגאנגען און האבען פסוקים פון תהלים געזאגט, דיא גאנצע פראצעסיע מיט די טויזענדער באגלייטער האט זיך געצויגען דורך איסט בראדוויי צו גרענד סטריט, רוהיג, שטיל, מיט אראפגעבויגענע קעפ זיינען זיי נאך דעם ארון געגאנגען.

די לויה פראצעסיע האט דערגרייכט ביז האו׳ס פאבריק, אין וועלכער עס האבען דאן געארבייט הונדערטער דייטשע ארבייטער, און פלוצלינג ווי אז ערד־ציטערניש, האט אויסגעבראכען א שטראם פון שטיינער, שטיקער האלץ,

www.libtool.com.cn

מיסט און שמוץ, זיינען אראבגעווארפען געווארען פון די פענסטער פון אלע עטא־זשען פון דער גרויסער פאבריק, אויף דעם ארון און די באגלייטער. דאס פאלק איז שרעקליך אויפגערעגט געווארען און איין מינוט צייט זיינען די הונדערטער שויבען פון די פענסטער צובראכען געווארען. דער שטראם פון די באגלייטער האט זיך צום פאבריק א שפאר געטהאן, די טהירען זיינען אויפגעבראכען געווא־רען און א שרעקליכער געשלעג האט אויסגעבראכען צווישען דעם אויפגערעגטען אידישען עולם מיט די ווילדע אנטיסעמיטישע דייטשע ארבייטער. פיעלע פוןביידע זייטען זיינען פערוואונדעט געווארען ביז די פאליציי־מאכט איז אריינ־געדרונגען. ארעסטירט די שולדיגע, בארוהיגט דעם עולם, און די לויה איז צו גרענד סטריט פערי אוועקגעגאנגען, נאך ברוקלין.

ארימער, אומגליקליכער גאון, ווי שרעקליך און טרויעריג דיין שיקזאל איז געווען אין דיין לעבען, האט ער דיך באגלייט נאך דיין טויט.

טויזענדער, טויזענדער באגלייטער האבען דעם בית עולם אנגעפילט, מיט יראת הכבוד, טויט־שטילקייט האבען די מתעסקים דעם ארון אין קבר ארונ־טערגעלאזען, טייכען טרעהרען און היסטערישע געוויינען האבען אויסגעבראכען פון דעם ריזיגען עולם ווען די מספידים האבען זייערע הספדים געזאגט. אייגער פון זיי בין איך געווען.

מיין איינציגער געשריי איז געווען: וואו זיי׳ט איהר אלע פריהער געווען, ווען ער האט געלעבט און געליטען?...

## 42טער קאפיטעל

די אידישע ערציהונג אין ניו יארק מיט איבער א פערטעל יאהרהונדערט צוריק איז געווען אין א פיעל טרויעריגערען צושטאנד ווי היינט. — בלויז צוויי תלמוד תורה׳ס זיינען דאן געווען און אין ביידע האט מען פארטייטשט דאס חומש אין האלב דייטש. — דער מנהל פון מחזיקי תלמוד תורה האט שטארק אכטונג געגעבען אויפ׳ן דקדוק, כאטש די קינדער האבען גארנישט פארשטאנען וואס זיי לערנען. — באַ־ריהמטע העברעאישע שריפטשטעלער זיינען פארבראקירט געווארען אלס לעהרער צוליעב א שוא נח און שוא נע. — דער יעם הארצ׳ישער קאמפף פון די סאציאליס־טען געגען רעליגיע.

---

אן אמת׳ען כאאס, א תהו ובהו האב איך געפונען אין דעם ניו יארקער חינוך פון די אידישע קינדער אין סוף פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט. איבער א פערטעל מיליאן אידען זיינען שוין דאמאלס אין ניו יארק געווען און זיי האבען קיין העברעאישע שולען ניט געהאט. בלויז צוויי תלמוד תורה׳ס האב איך גע־פונען, איינע די ״מחזיקי תלמוד תורה״ אין איסט בראדוויי און די צווייטע —

www.libtool.com.cn

א קלענערע, אַפּטאַון. צוזאַמען האָבען זיי נאָך קיין טויזענד תּלמידים ניט געהאַט. א קאָמיטע פון דער זאָגענאַנטער „באָארד אָף עדיוקיישאָן”, דער ועד החינוך, האָט מיך איינגעלאַדען צו בעזוכען די תּלמוד תּורה אין איסט בראָדוויי. די לעהרער זיינען געווען זעהר אַנשטענדיגע מלמדים, האַלבע משכילים, יעדערער פון זיי איז געווען א מאַן מיט היבשע ידיעות אין תנ״ך און דקדוק, מאַנכע פון זיי האָבען אויך תּלמוד פערשטאַנען, אָבער קיין סיסטעם, קיין ריכטיגע פּראָ־גראַם ביי זיי אַלע צוזאַמען אין כּלל האָבען זיי ניט געהאַט. דער פּרינציפּאַל איז געווען אַן עלטערער מאַן, ער האָט גוט פערשטאַנען די דייטשע שפּראַך, ער איז געווען בעקאַנט אין מענדעלסאָנ׳ס איבערזעצונג פון תּורה, און האָט שטאַרק אַכטונג געגעבען, אַז די פּאַרטייטשונג זאָל זיין צום ווייניגסטען פופציג פּראָצענט אין דייטש. אַזוי איז דאַמאַלס אויך געווען דער סטיל פון דער אידישער פּרעסע. פון א ריינער אידישער שפּראַך האָבען זיי נים פערשטאַנען און ניט געוואָלט פערשטעהען. איך האָב פּשוט רחמנות געהאַט אויף די קליינע אַמעריקאַנער אידעלאַך, וועלכע מען האָט געפּלאָגט מיט דריי שפּראַכען אין זייערע קינדערשע יאָהרען. ביז דריי אוהר ביי טאָג מוז דאָס קינד אין פּאָבליק סקוהל לערנען די לאַנד׳ס שפּראַך — ענגליש און פון פיער א זייגער ביז אַכט אָוועט לערנט עָה פּרעמדע צוויי שפּראַכען מיט אַמאָל — העברעאיש און האַלב־דייטש, אויסגע־מישט צוזאַמען אין איין אַטעמצוג. וואָלט די פּאַרטייטשונג זיין אין אידיש, וועלכע די אימיגראַנטען קינדער הערען פון זייערע עלטערען אין דער היים, וואָלט זיין לייכטער פאַר זיי צו פּאַרשטעהען. אָבער דייטש צו אַמעריקאַנער אידישע קינדער, דאָס איז ווירקליך א משוגעת.

איך האָב די קינדער עקזאַמינירט און איין זאַך האָב איך געפונען, אַז „עברי” האָבען זיי געזאָגט ריכטיג נאָך די אַלע געזעצען פון דעם טהייל „נקוד” פון דקדוק. דער פּרינציפּאַל האָט אַכטונג געגעבען אויף די לעהרער און די לעצטע אויף די תּלמידים, אַז זיי זאָלען חלילה וחס ניט נכשל ווערען אין פערבייטען א „שוא נח” פאַר א „שוא נע”, אָדער א „דגוש חזק” אויף א „דגוש קל”. זיי האָבען געהיט ווי די אויגען אין קאָפּ דעם „מלעיל” און „מלרע”. אָט מיט אַזעלכע פעדאַנטישע קלייניגקייטען האָבען זיי באַשעפטיגט די קליינוואַרג און פערנומען שטונדען צייט טעגליך ביי זיי. ווען איך האָב געפרעגט די קינדער דעם אינהאַלט פון זייער לערנען, זיי זאָלען מיר ערקלעהרען א ספּור פון תּורה, האָבען זיי מיר אויטאָמאַטיש געענטפערט אין דעם פערגרייזטען האַלב־דייטש מיט גרויס מאַטערניש ניט וויסענדיג זעלבסט וואָס זיי ריידען.

ווי ווייט די פעדאַנטסטוואָ וועגען עברי זאָגען קאָרעקט און אָפּהיטען די אַלע כּללים פון נקוד איז אין יענער צייט געווען פאַרשפּרייט אין די ניו יאָרקער תּלמוד תּורה׳ס, איז ווערטה צו דערמאָהנען דעם פאַקט וואָס עס איז געשעהן מיט פיער אידישע גרויסע געלעהרטע, בעוואוסטע אין דער העברעאישער ליטע־

www.libtool.com.cn

ראטור, יעדערער אין זיין פאך אלם גדול, וועלכע זיינען דורכגעפאלען אין זייערע עקזאמענס ווען זיי האבען אנגעגעבען אפליקאציאנען פאר לעהרער אין תלמוד תורה. דער פרינציפאל מיט דער "באארד אף עדיוקיישאן" האבען ניט געוואוסט ווער און וואס זיי זיינען און זיי האבען זיי ענטזאגט פאר ניט קארעקט עברי זאגען. דער ערשטער איז געווען דער גרויסער געלעהרטער **זאסניץ** — פאר א טעות אין א "תנועה קלה"; דער בעוואוסטער ליטעראט און קריטיקער **דובזעוויטש** — פאר א "דגוש חזק"; דער גרויסער העברעאישער דיכטער **דאליצקי**—פאר א "מלעיל ומלרע", און מיט'ן פערטען איז ווירקליך געווען א געשיכטע צום לאכען און צום וויינען — דאס איז דער גרויסער מדקדק **רייכערסאן**, דער אויטאריטעט פון "תורת הדקדוק". ער איז נעביך דורכגעפאלען אין זיין עקזאמען צוליעב א פערביטענעם "שוא נח"...

דער צוקינפטיגער היסטאריקער וועט ערשטוינט ווערען פון דער געלעהרזאמקייט פון די מנהלים פון די ניו יארקער תלמוד תורה'ס, אז די פיער גדולי ישראל זיינען דורכגעפאלען ביי זיי אין זייער עקזאמען.

אט דאס הייסט אויף קבלה לשון "קטנות המוחין".

ווען דער העברעאישער עולם האט זיך פון דעם ווילדען סקאנדאל דערוואוסט, האבען די מנהלים פון דער אפטאונער תלמוד תורה צוגענומען די צוויי אלטע חכמי ישראל פאר לעהרער זאסניץ'ען און רייכערסאן'ען.

וואו האבען זיך געלערנט די צעהנדליגער טויזענדער קינדער אין ניו יארק? ווער האט ערצויגען דאמאלס דעם גאנצען נייעם דור? תלמוד תורה'ס זיינען געווען בלויז צוויי, העברעאישע שוהלען כמעט גאר ניט; חדרים פון דעם אלטען שניט גאנץ ווייניג און דאך האבען זיי געלערנט. נאר אנשטאט דאס די קינדער זאלען געהען לערנען תורה, האט מען די תורה געבראכט צו זיי אין די הייזער אריין. אלטע גרינע אידען, אריבערגעקומענע פון יענער זייט, כמעט אינוואלידען, שלאפע, קראנקע, וועלכע פעדלען מיט פעקלעך וואארע האבען זיי קיין קרעפטען ניט געהאט, האבען זיי געפעדלט מיט תורה. זעהר פיעל האט מען זיי אין די אידישע גאסען באגעגענט מיט די אלטע סדורים און חומשים אונטער זייערע ארעמס, געהענדיג איבער די הייזער פערבריינגענדיג אין יעדער הויז פופצעהן, אדער צוואנציג מינוט מיט איין קינד, אדער מיט צוויי, אפזאגענדיג "אביסעל עברי", אדער "פארטייטשענדיג א שטיקעל חומש", און אוועקגעהען צו דער צווייטער הויז דיזעלבע תורה מיט די אנדערע קינדער צו לערנען. דער פרייז איז געווען פון א פערטעל דאלער ביז א האלבען דאלער וועכענטליך.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען דעם פארטשריט וואס אז אמעריקאנער קינד האט געקאנט מאכען פון דער גראנדיעזער פאבליק סקוהל, ווען ער איז אריינגעפאלען פלוצלינג אין די הענד פון אז אלטען קראנקען, גרינעם, אידען,

www.libtool.com.cn

וועלכער האָט צו איהם גערעדט אין צוויי שפּראַכען — העברעאיש און אידיש,ביידע אומפאַרשטענדליך צו איהם. דאָס קינד קוקט אויף דעם לעהרער ווילד און דערשראָקען און ער הויבט ניט אָן צו פערשטעהען וואָס דער משונה׳דיגער איד וויל פון איהם האָבען און וועגען וואָס ער רעדט צו איהם. ווערט דאָס קינד געוואָהנט צו איהם, דאַן לאַכט ער איהם אויס און מאַכט חוזק פון איהם מיט זיין תורה צוזאַמען.

אין אַנעקדאָט ווערט דערצעהלט וועגען די פּעדלער־מלמדים: ביי א בעל־הבית אויף הענרי סטריט, מיטאָג־צייט, ווען די קינדער קומען פון סקוהל, זיצט א מלמד מיט זיין קינד אין א צימער און גיט איהם זיין לעקציאָן. פּלוצלינג דערהערט דער פאָטער דעם מלמד שרייענדיג: געוואַלד, ראַטעוועט!

דער בעל־הבית עפענט די טהיר פון צימער, ער טהוט א קוק און עס ווערט איהם פינסטער אין די אויגען, זעהענדיג ווי זיין צעהן־יעהריגער בענעלע האַלט פעסט דעם מלמד׳ס באָרד און צופּט שטאַרק מיט זיינע שטאַרקע הענטלעך.

„בעני! — שרייט דער פאָטער, — וואָס איז דאָס מעטער וויט יו? סטאָפּ!״

בענע׳לע האָט זיך צואוויינט און האָט געענטפערט: „בעליוו מי, פּאַפּאַ, הי בעגען״. „גלויב מיר, פאָטער, ער האָט אָנגעפאַנגען״.

דאָס קינד איז ניט געווען שולדיג. דער מלמד האָט אויף זיין שטייגער איהם אָנגעשלאָגען מאַר ניט גוט עברי זאָגען, דאָס קינד האָט פּשוט ניט פער־שטאַנען וואָרום דער גרינער איד שלאָגט איהם, האָט ער איהם פאַר זיין באָרד געכאַפּט צו באַשיצען זיך.

אין דער צייט וואָס יעדען רעכטדיינקען אידען, אין וועמעס נשמה עס איז נאָך ניט אויסגעלאָשען געוואָרען דער נאַציאָנאַלער רעליגיעזער פונק, האָט וועה געטהאָן דאָס הארץ, בעטראַכטענדיג ווי פערדאַרבען און פערקריפּעלט איז געווען די אידישע ערציהונג, איז ער נאָך מעהר אויפגעבראַכט און אויפגערעגט געוואָ־רען פון הערען און זעהען די פערשידענע מאַסען־מיטינגען אין די גרויסע האַלס און אין די גאַסען־קאָרנערס פאַר דער יוגענד. דאָס איז געווען די בעוואוסטע צושטערענדע עפּאָכע פון יום כפּור־בעלער און אָפענע אונפאַרשעהמטע קריגס־ערקלעהרונגען געגען גאָט, רעליגיאָן און טראַדיציאָן. פלאַם־פייערדיגע רעדנער האָבען געוואָרפען שמוץ און באַליידיגונג מיט נידעריגע וואולגאַרע אויסדריקע אין שריפט און אין וואָרט. אין איינער פון די ווילדע פאַנאַטיש־פרייע צייטונ־גען האָט מען יעדען שבת א גאַנצע סעריע אַרטיקלען געדרוקט מיט דער אומ־געלומפּערטער טענדענץ צו איבערצייגען די לעזער ווי אומאָרענטליך עס זיינען געווען אונזערע אמהות שרה, רבקה, רחל און לאה. די אַרטיקלען זיינען געווען פול מיט גיפט, געשריבען מיט ווילדע פּלפּולים, מיט נאַרישע פּשט׳לאַך פון דער לינקער זייט.

www.libtool.com.cn

און דעם פערדארבענעם מאטעריאל האבען די ווילדע לינקע פאנאטיקער גערעכענט דאמאלס פאר אויפקלעהרונג פאר די מאסען...

איין מאל שבת ביי טאג זיץ איך צוזאמען מיט מיין פריינד בוקאנסקי — „בן פורת״ איז געווען זיין פעדער־נאמען אלס רעדאקטאר פון דעם „אידישען העראלד״ און דעם „פאלקס אדוואקאט״ אין יענער צייט, — צוזאמען מיט אונז איז געווען דער העברעאישער פאעט יצחק ראבינאוויץ איש קאוונא, א מאן מיט פיעל סענטימענט און איבערגעבענהייט, פול מיט פייער און ליעבע צום פאלק און טראדיציאן. מיר זיצען און רעדען וועגען דער העברעאישער און אידישער ליטעראטור אין דער לעצטער צייט. בוקאנסקי איז ניט געווען סענטימענטאל, אבער פול מיט וויסען און דורכגעדרונגען מיט לאגיק און טיעפער פארשטענדעניש אין פערשיעדענע ליטעראטורען. מיר זיצען אזוי פערטיעפט אין אונזער גע־שפרעך, ווען דער גלעקעל קלינגט און די טהיר עפענט זיך און צוויי יונגע לייט געהען אריין.

„ווער איז דאס דער רעדנער מאסליאנסקי צווישען אייך?״ — פרעגען זיי ביידע צוזאמען מיט א חוצפה׳דיגען טאן.

„איך בין דאס, — האב איך געענטפערט, — און וואס ווילט איהר זאגען צו מיר?״

„מיר זיינען געשיקט געווארען צו אייך אין דעם נאמען פון אונזער סאָ־ציאליסטישער פארטיי, דא האט איהר א בריעף, לעזט איהם, און גיט אונז אייער ענטפער „יא אדער ניין״.

דער אדרעס אויף דעם קאנווערט און דער בריעף זיינען מיט רויטער טינט געווען געשריבען.

אן איינלאדונג איז דאס געווען צו מיר איך זאל קומען צו האלטען א דעבאטע מיט איינעם פון די בעקאנטע סאציאליסטישע פראפאגאנדיסטען וועגען נאטהייט און נאציאנאליזם. דער איינטריט זאל זיין בעצאהלט, און די איינ־נאהמע זאל געהערען צו דעם זיעגער. אונטערגעשריבען איז געווען דער בריעף פון ב. פ.

א מיאוסען איינדרוק האט געמאכט דער נארישער בריעף אויף אונז, און בוקאנסקי האט זיך לוסטיג געמאכט מיט דער סאציאליסטישער קאמיטע. ער האט אויסגעזעהן מיט זיין באוואקסענער בארד און זיינע קליידער ווי א איינפאכער פשוט׳ער בעל הבית. ער האט זיך געווענדעט צו די יונגע לייט: „זאגט מיר, קינדער, וואס איז דאס אזוינס סאציאליזם? ערקלעהרט מיר וואס דאס איז, וועל איך ווערען א מיטגליעד פון אייער פארטיי״.

די יונגע לייט האבען חוצפה׳דיג א שמייכעל געטהאן און געזאגט: „ווי

www.libtool.com.cn

קומט איהר צו סאציאליזם? איהר וועט שוין אויסלעבען אייערע יאהרען אין דעם פערשימעלטען גלויבען".

דער אלטער בוקאנסקי האט רוהיג, געלאסען, זיך איינגעגעסען אין זיי מיט זיינע בתמימות׳דיגע רייד ביז זיי האבען פערשטאנען, אז ער פערשטעהט מעהר פון זיי.

פלוצים האט איינער פון זיי באמערקט אויף דעם טיש ליגענדיג א זשורנאל אין וועלכען, צופעליגער ווייזע, איז געווען בוקאנסקי׳ס בילד, אונטערגעשריבען: "דער רעדאקטאר פון טעגליכען העראלד". דער איינער האט דאס געוויזען דעם צווייטען און ניט ווארטענדיג אויף מיין תשובה, זיינען זיי אוועקגעגאנגען. זעלבסטפערשטענדליך האט די דעבאטע ניט שטאטגעפונען.

## 43טער קאפיטעל

באלטימאר, די ערשטע אמעריקאנער פראווינץ־שטאדט, וואוהין איך בין געקומען. — איך האב זיך דארטען דערפיהלט היימיש און די שטאדט האב איך א נאמען געגעבען „אמעריקאנער ביאליסטאק". — ראבינער דר. סזאלד און אנדערע אינטערעסאנטע נאציאנאלע אידען, וועלכע האבען זיך אפגעגעבען מיט אידישער כלל־ארבייט און מיט חבת ציון. — דער גוטער פרומער ר׳ אהרן אהרענסאהן, וועלכער האט יום כפור ביינאכט געפונען ביי מיר אין רענצעל א נומער „צוקונפט" און האט זיך פארטיעפט אין מארק׳ס „קאפיטאל". — ער האט געזונגען ביים לייענען מיט א גמרא ניגון און געשעפטשעט דערביי: אי, גוט, גוט. — דערנאך איז ער געקומען איבער אן ארטיקעל פון גאט לעסטערונג און האט דעם זשורנאל אוועקגעווארפען מיט פעראכטונג.

די ערשטע פון די גרויסע שטעדט מיך איינצולאדען איז געוועזען באלטימאר. א גרופע פון איבערגעגעבענע חובבי־ציון, יונגע לייט, פול מיט ענטהוזיאזם צום נאציאנאלען אידעאל, האבען מיך באגעגענט ביים סטיישאן. צווישען זיי איז געוועזען דער פרעזידענט מר. ראובן אהראנסאהן, זיין שוואגער, מר. פ. מירוויים, דר. פאקס, הורוויץ און מר. שניאור אבעל, דער יעצטיגער דירעקטאר פון דעם אידישען נאציאנאל פאנד אין אמעריקא.

איך האב זיך גלייך געפונען היימיש צווישען ברידער אין גייסט. איך האב זיך זעלבסט ניט געגלויבט, אז איך געפין זיך אין אמעריקא. א פאלקאמענע אידישע נאציאנאלע ספערע אזוי ווי אין ווילנא אדער אין ביאליסטאק. איך האב גלייך בעזוכט באלטימארער אנשטאלטען. איהרע רבנים, די שוהלען — איבעראל שוועבט דער רייער אידישער גייסט, מיט די אלטע אידישע מדות און טראדיציאנען. די פרומע דייטשע אידען, ווי די בעוואוסטע פאמיליעם פרי־

www.libtool.com.cn

דענוואלד און ליוואי׳ס, דער רב דר. שאפער, דער בעל־הבית מר. תנחום זיל־בערמאַן מיט די אַלע און נאָך פיעלע צו זיי וואָלט זיך אפילו ווילנא ניט שעמען. תורה, גדולה מיט דרך ארץ צוזאַמען האָבען זיך איינגעפונדעוועט אין באַלטי־מאָר, און ניט אומזיסט האָב איך איהר דאַמאָלס, אין דעם ענדע פון נײַנצעהנ־טען יאָהרהונדערט א נאָמען געגעבען „די אמעריקאנער ביאַליסטאָק“.

אַן ערהאַבענעם, שעהנעם און נאָבעלען טיפּ האָב איך געפונען אין דעם ראַבינער דר. בנימין סזאָלד, דער פאָטער פון דער בעריהמטער גרויסער נאַציאָנאַ־לער אידישער פרוי מרת הענריעטא סזאָלד, די גרינדעריו און פּרעזידענטין פון דעם ציוניסטישען נאַציאָנאַלען פרויען פעראיין „הדסה“. געלעהרזאַמקייט, בע־שיידענהייט און איבערהויפּט גוטהערציגקייט האָב איך געפונען אין דעם גרויסען ראַבינער. גרויס פערגעניגען האָב איך געהאַט צו פאַרברײַנגען מיט איהם. אין יענער צייט האָט דער דאָקטאָר סזאָלד פּערפּאַסט זיין „פּדוש אויף איוב“. אַלט איז ער שוין דאַמאָלס געווען, אבער נאָך זעהר יונג אין גייסט. מיט א האַרץ פול מיט ליעבע צו זיין נאַציאָן און טראַדיציאָן.

און ווי ער, אַזוי איז אויך געווען זיין נאָבעלע פרוי און זיינע בעריהמטע אידישע טעכטער. און זיי אַלע צוזאַמען האָבען געלעבט א פּאַטריאַרכאַלישען אידישען לעבען, פול מיט ליעבע און איבערגעבענהייט צום פאָלק און פון פאָלק צו זיי.

---

א מערקווירדיגען עפּיזאָד האָב איך דורכגעלעבט אין באַלטימאָר אום יום־כפּור ביינאַכט, אין דעם יאָהר תרנ״ו (1895). איך בין איינגעשטאַנען ביי דעם פרעזידענט פון די חובבי ציון, מר. אהראָנסאָנ׳ס פאָטער. זיין נאָמען איז ר׳ אהרן. א מיטעליעהריגער איד. זעהר א רוהיגער מענש, א גרויסער למדן מיט א נאָבעלען כאַראַקטער. נאַאיוו, פרום, אָבער זעהר ווייט פון צביעות און קנאות.

קומענדיג אין ניו יאָרק פון רוסלאַנד, וואו עס האָט געהערשט דער פינסטע־רער צענזור און געפינענדיג דאָ א פרייע פּרעסע אין אידיש, האָב איך מיך צו־געכאַפּט צו לעזען בעזונדערס די פרייע עקאָנאָמישע ביכער, אונטער זיי אויך דעם אידישען סאָציאַליסטישען זשורנאַל „צוקונפט“. דאָן איז דאָרט געגאַנגען די איבערזעצונג פון קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל“.

נאָך כל נדרי קומענדיג פון שוהל, בין איך געווען זעהר מיעד פון מיין רעדע און איך בין געגאַנגען אין מיין צימער. ר׳ אהרן האָט זיך ביים טיש געזעצט מיט א ספר ביי די יום כפּור ליכט, וועלכע זיינען געשטאַנען אין שפּייז־צימער. מיין רענצעל מיט די ביכער איז געלעגען אַן אָפענער אויף א שטוהל ניט ווייט פון טיש. די „צוקונפט“ איז גראַדע פון אויבען געלעגען. מיין צימער איז געווען

www.libtool.com.cn

אַפּען. איך זעה, אַז ר׳ אהרן שטעהט אויף פּונ׳ם שטוהל, געהט צו צו מיינע ביכער נעהמט אַרויס די „צוקונפט“ בעטראַכט זי מיט נייגעריגקייט. עס שיינט, אַז ער האָט פון דעם סאָרט ביכער אין אידיש קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געזעהן. בלעטערט ער דורך דעם זשורנאַל; שטעלט זיך אָפּ ביי דער פּאָרט־רעצונג פון קאַרל מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל“.

נעהמט איהר צום טיש, זעצט זיך אויף זיין אָרט, קוקט אין איהר אַריין, פּאַרטיעפט זיך אַ פּאָר מינוטען. פּלוצלונג איך הער ווי מיין פרומער ר׳ אהרן פאַנגט אַן שטילינקערהייד צו לערנען און שטודירען דעם אַרטיקעל מיט דעם געשמאַקען ניגון׳דעל ווי ער לערנט „גמרא“. זינגט זיך צו מיט זיין זיסערביישטימעלע און איך זעה אויף זיין געזיכט ווי ער האָט פערגעניגען פון דעם. איך זעה ווידער ווי ער הויבט אויף זיין קאָפּ, גיט אַ גלעט זיין צוקנייטשטען שטערן און מורמעלט צו זיך זעלבסט: „אַ גוט, שכל׳דיג! שכל׳דיג!“

איך האָב ווירקליך הנאה געהאַט קוקענדיג אויף דעם וואונדערבאַרען פּסיכאָ־לאָגישען בילד, ווי אַ פרומער תלמודיסט האָט הנאה פון קאַרל מאַרקס, ניט וויסענדיג ווער און וואָס דאָס איז. איך האָב מיר ווידער בערוהיגט פון מיין שרעק, וואָס איך האָב אין אָנפאַנג מורא געהאַט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע, ווען ר׳ אהרן האָט געפונען אַ „צוקונפט“ יום כפור ביינאַכט אין רענצעל פון אַ „מטיף לאומי“, וועלכער האָט ערשט געהאַלטען אין דער פרומער שוהל אַ כל־נדרי רעדע. גאָט ווייס וואָס פאַר אַ ווירקונג עס קען מאַכען אויף דעם ריינעם, אומשולדיגען תלמיד חכם

און ר׳ אהרן לערנט מיט גרויס חשק אַ האַלבע שטונדע נאָכאַנאַנד וועגען דעם גרויסען וועלט פּראָבלעם פון קאַפּיטאַל און אַרבייט ביז ער האָט געענדיגט דעם אַרטיקעל.

אַלעס וואָלט געווען פיין און גוט, אָבער צום אונגליק איז גלייך נאָך דעם אַרטיקעל געווען געדרוקט זעהר אַ פרעכער, נאַרישער, כלומרשט אַן אַפּיקורסישער אַרטיקעל מיט דעם נאָמען: „וואָס איז יום כפור?“, פון ב. פ. — אַ שטיק שמוץ געוואָרפען אויף אַ וואולגאַרנעם אופן אויף די פרומע אידישע געפיהלען.

ווי מיין ר׳ אהרן האָט דערזעהן דעם נאָמען פון דער נאַרישער אַפּהאַנדלונג און האָט נאָר וואָס אָנגעפאַנגען צו לעזען איהם, איז זיין בלוט אין זיין געזיכט אַריין און מיט גרויס צער און צאָרן האָט ער די „צוקונפט“ אויף דער ערד אַ שליידער געטהאָן און אַ ביטערער קרעכץ האָט זיך פון זיין פרומען האַרץ אַרויס־געריסען, אַזוי ווי ער וואָלט פון אַ שפּיז געשטאָכען געוואָרען.

איך בין אַזוי אומרוהיג געוואָרען פון דער לעצטער סצענע, אַז איך האָב קיין רוהע אויף מיין געלעגער אַ גאַנצע נאַכט ניט געפונען.

און אין מיין האַרצען האָב איך געטראַכט: „אַה, ווי נעהם איך יעצט אַהער

www.libtool.com.cn

אונזערע זאָגעגאַנטע ראַדיקאַלע שרייבער, אונזערע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנ־דיסטען, וועלכע האָבען אַריינגערעכענט אין זייער פּראָגרעסיווען פּראָגראַם די מלחמה מיט דעם „רבונו של עולם“ און שמוץ וואַרפעריי אויף רעליגיאָן, און זיי רעכענען דאָס פאַר פאָלקס אויפקלערונג. ווען זיי וואָלטען זעהן די סצענע, וואָס איך האָב אין יענער „כל נדרי נאַכט“ געזעהן, די פּסיכאָלאָגישע דורכלעבונג פון דעם ריינעם נאַאיווען אידישען למדן, ווי ער האָט זיך געקוויקט מיט דעם שכל־דיגען „קאַפּיטאַל“ פון מאַרקס, און ווי ער איז פּלוצלונג געביסען געוואָרען פון דעם גיפטיגען אפּיקורסישען אַרטיקעל. ווען זיי וואָלטען דאָס גוט און אָרענטליך בעאָבאַכטעט, וואָלטען זיי קליגער ווערען און פאַרשטעהען וואָס צו געבען דעם פאָלק פאַר אויפקלערונג און פראָגרעס. זיי וואָלטען פאַרשטעהן, אַז די עקאָנאָ־מישע לעהרע האָט אבסאָלוט ניט צו טהאָן מיט רעליגיאָן שענדונג. אונזערע נביאים האָבען אין דעם נאָמען פון גאָט געשטורמט געגען די רויבער און גע־קעמפּפט מיט רעליגיעזען הייליגען פּאַטאָס פאַר די אונטערדריקטע און גע־רויבטע....

שעהן איז געווען, אַז אין דער פריה בין איך אויפגעשטאַנען און צוגעגרייט זיך צו הערען אַ פּאַרוואָורף פון מיין פרומען ר׳ אהרן׳ען פאַר דער טריפה סחורה וואָס ער האָט אין מיין רענצעל געפונען. און צום סוף האָט ער מיר אַפילו קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. מיט דער זעלבער גוטמוטיגקייט און פריינדשאַפט ווי אַלעמאָל האָט ער מיך בעגריסט.

אָט דאָס איז די ווירקליכע טאָלעראַנץ!

באַלטימאָר און איך זיינען צופריעדען געווען איינער פון צווייטען: די באַלטימאָרער אידען, הערענדיג אַ אידיש וואָרט, וואָס זיינען דאָרשטיג געווען נאָך איהם, און איך, רעדענדיג צו הערער, וואָס ווילען הערען און פאַרשטעהן, און אַ סימן האָב איך געהאַט אַז זיי האָבען פאַרשטאַנען, ווייל מיינע רייד זיינען אין טהאַטען פערוואַלטעט געוואָרען: די „חובבי ציון“ האָבען זיך פערפיעלפאַכט אין צאָהל; די תלמוד תורה׳ס האָבען זיך פאַרשטאַרקט און די יוגענד בכלל האָט זיך אָפּגעפרישט און אָנגעפאַנגען צו פיהלען מעהר אידיש נאַציאָנאַל, און אויף העברעאישע לעהרער איז געוואָרען אַ גרויסע נאָכפראַגע.

זעהר אַ וואַרימען אָבענד האָב איך פאַרבראַכט מיט די יחידי סגולה פון באַלטימאָרער אידען. זיי האָבען מיר דערלאַנגט אַ הערצליכען דאַנק אין אַ זעהר שעהנעם העברעאישען אדרעס. איך האָב מיך מיט זיי הערצליך געזעגענט און בין אָפּגעפאָהרען נאָך שיקאַגאָ.

www.libtool.com.cn

## 44טער קאַפּיטעל

**די יונגע גרויסע, ווילדע שיקאַגאָ, וואו די גאַסען זיינען שלעכט ברוקירט, די טראָטואַרען זיינען הילצערנע און ביינאַכט איז זי האַלב באַלויכטען. — די שטאָדט איז פול געווען מיט מאָרדען און רויבערייען. — דאָס אידישע לעבען האָט שוין דאָרטען געשלאָגען וואָרצלען. — די באַוועגונג פאַר העברעאיש אונטער דער פיהרערשאַפט פון מר. פּרץ וויערניק. — די וואונדערליכע פאָר־פאָלק נייטהען, וועלכע האָבען געבויט אַ בית יתומים און געשטיצט דעם מושב זקנים. — דער ביטערער סוף פון די נייטהענס. — איך געפין די אלמנה אין מושב זקנים, און זי, זעהענדיג מיינע טרעהרען, זאָגט מיר מוסר און רעדט מיט פילאָזאָפישער רוהיגקייט.**

---

יונג, גרויס, ווילד און פּרימיטיוו האָב איך געפונען אין דעם יאָהר 1895 די צווייטע גרויסע שטאָדט פון די פעראייניגטע שטאַטען, די קעניגען פון דער וועסט, שיקאַגאָ. דער שטח איהרער איז פיעל גרעסער פון ניו יאָרקער, איינוואוינער ווייניגער ווי האַלב. די גאַסען און די שטאָדט גערטנער זיינען געשניטען געוואָרען פון דער פולער האַנד. די הייזער האַלטען איין אין זיך גרויסע ברייטע צימערען. אָבער אויסווייניג, צום גאַס, האָבען זיי ניט קיין געשמאַק און קיין עסטעטישען אויסקוק. אַלעס ווילד און קליינשטעטעלדיג. אויסער די שעהנע, גראַנדיעזנע סטריט הארט ביים מישיגען לייק, וועלכע עראינערט דעם ריווערסייד דרייוו פון ניו יאָרק, זיינען אַלע איהרע גאַסען ניט גוט אויסגעפּלאַסטערט מיט הילצערנע טראָטואַרען, כמעט אָהן בעלייכטונג. איהרע פאָרשטעדט זיינען מאוים׳דיג גרויס אָבער זעהר ווייניג פאַרבויט. טאָג־טעגליך לעזט מען אין די מאָרגען־צייטונגען שרעקליכע נייעס פון מאָרד און רויב ווי אין אַ ווילדער אזיאַטישער שטאָדט;

זאָגאר די פּאָליסלייט זעלבסט, זיינען ניט זיכער מיט זייער לעבען, ווען זיי שטעהען אויף זייערע נאַכט פּאָסטען אין די אָפּגעריסענע געגענדען פון דעם צענטער פון שטאָדט.

די אורזאַכע פון די אונאָרדנונגען איז, ווייל די ריזיגע גרויסע שטאָדט שיקאַגאָ איז נאָך זעהר יונג אין איהר עקזיסטענץ און זי האָט זיך זעלבסט איבערגעוואַקסען איבער איהרע קרעפטען וואָס איז נוגע אָרדנונג און זיכערקייט. זי איז שוין דאַמאָלס געווען דער צענטער פון אַלע אייזענבאַהנען פון דעם מזרח און מערב פון גאַנץ אַמעריקא.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די צעהנדליגע טויזענדע אידען איז שוין געווען ציעמליך גוט. די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען די רוסישע אימיגראַנטען פון די אַכציגער יאָהרען נאָך די פּאָגראָמען אין זיד רוסלאַנד, ווען אַלעקסאַנדער דער

www.libtool.com.cn

צווייטער איז ערמארדעט געווארען פון די רוסישע ניהיליסטען, און אלעקסאנדער דער דריטער האט באשטיגען דעם רוסישען טראהן און זיין מיניסטער איגנאטיעוו, דער בעוואוסטער צורר היהודים, האט פראקלאמירט זיינע „מאי גזירות״, וועלכע האבען רואינירט די עקאנאמישע לאגע פון צעהנדליגער טויזענדער אידען און זיי האבען געמוזט נעהמען זייער וואנדערשטאק אין האנד און אויסוואנדערען נאך אמעריקא.

אין שיקאגא האבען די אומגליקליכע היימלאזע געפונען זייער היים. זייער פעהיגקייט צו האנדעל און אינדוסטריע האט זיי פיעל מיטגעהאלפען, און גלייך אין אייניגע יאהר צייט האבען זיי שוין קהלות געגרינדעט, שוהלען גרויסע געבויט, תלמוד תורה׳ס פאר זייערע קינדער און לאדזשען פון פערשיעדענע אידישע ארדענס פארמירט.

איך האב ווירקליך פיעל נחת געהאט פון מיינע נאר וואס פארטריבענע לאנדסלייט פון מיין פינסטערער געבורטסלאנד רוסלאנד. ווי שנעל זיי האבען זיך איינגעארדענט אין דער יונגער גרויסער שטאדט. זיי האבען שוין זייערע רבנים, חזנים און די אלע משרתי הקהלה און זאגאר א חברה „שוחרי שפת עבר״, אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם בעוואוסטען געלעהרטען זשורנאליסט מר. פרץ ווערניק, וועלכער איז דאמאלס געווען אייגנער פון די רעדאקטארען פון דעם טעגליכען „שיקאגא קוריער״. העברעער אין שיקאגא — אזוי ווי וויינטרויבען אין דער מדבר! האב איך זיך דאמאלס אויסגעדריקט אין מיין ערשטע רעדע אין דער גרויסער רוסישער שוהל, מיט דעם נביאישען אויסדרוק „כענבים במדבר מצאתים!״

דער עלטסטער רב אין שיקאגא איז דאמאלס געווען דער יעצטיגער זקן הרבנים רבי לעסער פון סינסינעטי. ער איז שוין דאמאלס געווען אין די זעכציגער. אבער פריש, יונג, קלוג, מוטהיג, טהעטיג און טאלעראנט, אזוי ווי ער איז נאך יעצט, מיט לאנגע יאהרען. זעהר פיעל האב איך מיט דעם גוטמוטהיגען רב פארבראכט און ער האט מיר געהאלפען צו פארזעען די גייסטיגע זריעה פון דעם נאציאנאלען געדאנק אויף דער „קרקע בתולה״ פון דער פרישער, יונגער שיקאגא.

אז מען זוכט געפינט מען, איך האב אויסגעזוכט א היבשע צאהל היימישע בעלי־בתים לומדים, וועלכע האבען געפיהרט א היימישען אידישען לעבען, א פאטריארכאלישען אויפפיהרונג אין זייער פאמיליען לעבען, זייערע קינדער־ערציהונג, זייערע שבתים און ימים טובים, זייערע היימישע הכנסת אורחים. און וואו? אין דער ווילדער, יונגער שיקאגא! אייניגע פון זיי געדענק איך נאך היינט מיט זייערע נעמען: שולמאן, קאפלאן, די עלטערען פון די יעצטיגע בעוואוסטע לאקאלע ציוניסטישע פיהרער, די יונגע אדוואקאטען שולמאן און

www.libtool.com.cn

קאפלאן, די גרינדער פון דעם געוועזענעם ציוניסטישען ארדער „אבירי ציון" פון די מערב שטאטען; די ברידער הורוויץ, איינער פון זיי, עליו השלום, איז געווען א ווארימער ציוניסטישער רעדנער, און דער צווייטער, א באנקיער, אן איבערגעגעבענער כלל טהוער. מר. נייטהען א גוטהערציגער רייכער איד מיט א גרויסער ווארימער אידישער נשמה, וועלכער האט זיך אימער אפגערופען צו אלע מעשים טובים און בעזאנדערס צו אלמנות און יתומים. ער איז געווען דער גרינדער און דער בויער פון דעם בעוואוסטען גרויסען אנשטאלט, וועלכער טראגט נאך עד היום דעם נאמען „נייטהענס בית היתומים" אין שיקאגא.

דער סוף פון דעם לעצטען נדיב, מר. נייטהען איז געווען זעהר א טראגי־שער, וועלכער איז ווערטה צו פארצייכענט ווערען פאר די צוקונפטיגע דורות.

ווי דער גוטער און נאבעלער מאן, אזוי איז אויך געווען זיין טהייערע און איבערגעגעבענע גוטהערציגע פרוי מרס. נייטהען. זיי זיינען געווען קינדערלאז. אבער זיי האבען ערצויגען קינדער פון זייערע קרובים, ווי אייגענע.ביידע שעהנע מענשען אין זייער געשטאלט מיט גוטע נאבעלע כאראקטערע. זייער הויז איז געווען אפען פאר הילף צו אלע נויטבאדירפטיגע. בעזאנדערס האבען זיי פיעל געטהאן פאר יתומים און זקנים. פאר די ערשטע האבען זיי א היים געבויט און פאר די לעצטע האבען זיי דעם שיקאגאער מושב זקנים מיט דער פולער האנד געשטיצט, און אזוי האבען זיי אויך געלעבט א שטילען הייליגען לעבען. געליעבט אלעמען און בעליעבט געווען פון אלעמען, זייערע פרעמדע־אייגענע קינדער האבען זיי ערצויגען און חתונה געמאכט. אין די פאר צעהנדליג יאהרען ווען איך פלעג בעזוכען שיקאגא, האב איך זיך אימער אינטערעסירט נאכצו־פרעגען וועגען דעם נאבעלען פאר־פאלק.

א צעהן יאהר זיינען פארבייגעגאנגען אין וועלכע איך האב שיקאגא ניט בעזוכט. מיט איניגע יאהר צוריק, ווען איך בין איינגעלאדען געווארען נאך שיקאגא צו פארשטארקען זייער פעדעראציאן פון זייערע אנשטאלטען, האב איך געבעטען מיין יוגענד פריינד, ז. ב. קאמאיקא, א שיקאגאער כלל טהוער, צו בעזוכען די פערשיעדענע בתי החסד, אום איך זאל וויסען וואס צו באטאנען וועגען זיי.

בעזוכענדיג דעם „נייטהענס בית היתומים" און ארויסגעהענדיג פון איהם מיט פיעל צופרידענהייט, האב איך זיך עראינערט אן מיין אלטען נאבעלען פאר־פאלק — נייטהען, די גרינדער פון דעם גרויסען אנשטאלט.

„וואס מאכען די צוויי מלאכים־מענשען, וועלכע האבען בעשאפען דיעזע גרויסע אינסטיטוציע?" ווענדע איך זיך צו מיין פיהרער.

„איהר ווייסט גארניט וואס עס איז געשעהן מיט זיי?" ענטפערט מיר מר. קאמאיקא מיט א פראגע אויף מיין פראגע און בלייבט שטיל.

www.libtool.com.cn

„וואָס איז געשעהן?“ פרעג איז זעהר נייגעריג.

„אַה, מיין פריינד, עס איז עטוואָס שרעקליכעס, טראַגישעס. מר. נייטהען איז שוין אַ פּאָר יאָהר טויט, און די אומגליקליכע אַלמנה וועט איהר באַלד זעהן“.

מיר געהען אַריין אין דעם „מושב זקנים“. גלייך אויף דעם ערשטען עטאַזש, אין אַ קליינעם אָבער ריינעם צימער, האָב איך געפונען די אַלמנה נייטהען — נעמי־מרה, אַמאָליגע נעמי און יעצטיגע מרה. זי האָט מיר גלייך דערקענט. זי איז אויפגעשטאַנען און מיט אַ טרויעריגען האַלבען שמייכעל האָט זי מיר אַ פרעג געטהאָן:

„וואָס מאַכט איהר, מיין אַלטער פריינד?“

איך האָב ניט געענטפערט. איך האָב ניט געקענט ענטפערען. טרעהרען האָבען מיין שטימע פאַרשטיקט.

זי האָט דאָס באַמערקט. גאַנץ לייכט האָט זי איהר האַנד אויף מיינע שולטערען אַרויפגעלעגט און האָט מיר אַ מאַנאָלאָג פאָרגעטראַגען מיט פיעל מוטה און שטאָלץ:

„איך וואָלט דאָס אויף אייך קיינמאָל ניט גלויבען, מר. מאַסליאַנסקי. איהר, אַלטער אידישער פריידינגער, וועלכער שטראָפט און מוטהיגט אונזער פאָלק צום לעבען, צו האָפען, צו שטרעבען, צו קעמפפען. איהר, אַ פאָלקס־מאַן, זאָלט איהר זיך צוואויינען פּלוצלונג. וואָס איז? איהר האָט מיך געפונען אַלס אַלמנה אין „מושב זקנים“. מיר איז דאָ ניט שלעכט. איך האָב מיין בעזונדערען חדר. מיר פעהלט קיין זאַך ניט. מיר איז בעסער פון אַלע מיינע חברות, די אַלטע פרויען, די אָרימע, וועלכע זיינען דאָ מיט מיר צוזאַמען. זייער געגענ־וואַרט איז ביטער און זייער פערגאַנגענהייט איז פינסטער אָהן אַ שטראַהל ליכט. מיין געגענוואַרט איז ווי געוועהנליך פון אַן אַלטער אָרימער אַלמנה, אָבער דערפאַר איז מיין פערגאַנגענהייט זעהר אַ ליכטיגע, אַ רייכע. אַט זעהט די בילדער אויף די ווענט פון מיין קליינעם חדר. אַט איז דאָס בילד פון מיין טהייערען נייטהען עליו השלום. אַט איז דאָס בילד פון דעם „בית היתומים“, וועלכען מיר האָבען געבויט. אַט שטעהען נאָך מיינע גרויסע זילבערנע לייכטער, אין וועלכע איך בענטש ליכט לכבוד שבת. יאָ, מיין גוטער מאַן איז געשטאָרבען, פון זיין פאַרמעגען איז גאָרניט געוואָרען. שלעכטע מענשען האָבען מיך בעטראָגען. אָבער קיין מוטה האָב איך ניט פאַרלאָרען. איך לעב און ווער געשטיצט אין דעם אַנשטאַלט, וועלכען מיין מאַן און איך האָבען אַמאָל געשטיצט. געלויבט איז גאָט פאַר דעם אַלעם.“

ערשטווינט האָבען מיר זיך איבערגעקוקט און מיר זיינען נשתומם געוואָרען פון דער נאָבעלער גרויסער אַלמנה.

www.libtool.com.cn

## 45טער קאפיטעל

מײן ערשטע בעקאנטשאפט מיט׳ן רעפאָרם אידענטהום איז געװען אין שיקאגאָ. — איך האָב בעזוכט דעם טעמפעל, װאו ראבי דר. עמיל הירש איז געװען ראבאי. — דער טעמפעל האָט געמאכט אויף מיר א שװערען אײנדרוק. — זײן אויסערליכע שעהנקײט האָט אויפגעדעקט פאר מיר די אינערליכע פוסטקײט פון׳ם רעפאָרם־אידענטהום. — דער להכעים׳דיגער זונטאָג פערנעהמט בײ די רעפאָרמער דעם פּלאץ פון׳ם שבת, װעלכער איז געגעבען געװאָרן אויפ׳ן סיני. — דאָס אָרימע פערדארטע סדור׳ל האָט עטליכע שורות אויף לשון קודש, אָבער אפילו די עטליכע שורות קענען די רעפאָרמער ניט איבערלײענען. — דער גרויסער געלעהרטער, דר. עמיל הירש, װעלכער האלט זײנע דרשות יעדען זונטאג און איז זיך אלײן סותר. — אנדערע רעפאָרם ראבינער, מיט װעלכע איך האָב מיך באגעגענט אין שיקאגאָ.

פון רעפאָרם־אידענטהום האָב איך בלויז געהערט, אָבער ניט געזעהן. איך האָב זעהר פיעל געלעזען װעגען איהר בעװעגונג אין דעם פאָריגען יאהרהונ־דערט. איך האָב געלעזען די ביאגראפיען פון איהרע גרינדער, דר. האָלדהיים, דר. גײגער, דר. אײנהאָרן און די אנדערע. איך האָב געשטודירט דעם קאמפּף אין דעם אידישען לאגער אין דעם אָנפאנג פון איהר געבורט און איהר ענטװיק־לונג. די ארגומענטען פאר איהר און געגען איהר. די מעכטיגע ארויסטרעטונג פון דר. רפאל הירש מיט דער פולער קראפט פון זײן פרומער אידישער נשמה, װעלכע ער האָט באזעסען. נאכהער, אין די אכציגער יאהרען, װען דער נאציאָנא־לער גרויסער פובליציסט, פּרץ סמאָלענסקין, איז ארויס מיט א נאציאָנאליסטישען שטורם געגען די "בעלי תפלה" װי ער האָט זײ אָנגערופען אין זײן "השחר". דאָס אלעס איז מיר געװען גוט בעקאנט. אָבער "אינה דומה שמיעה לראיה", עס איז זעהר װײט פון טהעאָריע ביז פראקטיק, און מען קען ניט אורטהײלען װעגען א געגענשטאנד פון בלויז הערען און ניט זעהן.

אין שיקאגאָ האָב איך געהאט דעם צופאל צו בעקענען זיך פראקטיש מיט דעם רעפאָרם אידענטהום, איהרע רבנים קענען געלערנט, איהרע גאָטעס־דיענס־טען בײגעװאוינט, זײערע סידורים — "פרײער־בוקס" — דורכגעשטודירט, זײע־רע ניגונים פון׳ם ארגעל מיט דעם פרויען־כאהר געהערט. און איך מוז אפען געשטעהן, אז די אלע זאכען, װעלכע פון אויבען אויף גלאנצען זײ מיט א הערליכען עסטעטישען גלאנץ, האָבען אויף מיר געמאכט א שרעקליכען אײנדרוק. איך האָב געפונען א "בור ריק ואין בו מים". טעמפּלען גרויע אהן דאװנער, רבנים געלערנטע, אהן תורה, סידורים אהן תפלות, מוזיק אהן אידישען מאָטיװ, אידען אהן אידישקײט. די נעמען ציון און ירושלים אויסגעמעקט פון די תפלות. װעלכע זײנען נײן און נײנציג פראצענט אין ענגליש און דער אײן פראצענט

www.libtool.com.cn

העברעאיש, וועלכער איז דורך א נס פערבליבען אין דעם אויסגעדארטען שווינד־זיכטיגען "יוניאן פרעיער־בוק" רעפארם סידור, איז זעהר פרעמד און ווילד אין די אויגען פון די מתפללים, וועלכע דאס רוב פון זיי פארשטעהען ניט קיין "תמונת אלף", די אותיות מרבעות פון כתב אשורית קומען אוים ביי זיי ווי כינעזישע, אדער יאפאנעזישע שריפט. אט די געצעהלטע שורות פון "קדושה" און "שמע ישראל" ווערען ניט געזאגט פון די דאוונער, נאר זיי ווערען געזונגען פון דעם קריסטליכען מיידעלשען כאהר מיט דער ארגעל בעגלייטונג.

און ווי דאר און שווינדזיכטיג דער איבערזעצטער סידור׳ל איז, מוז נאך דער ראבאי צו יעדער תפלה פראקלאמירען אין וועלכען זייט עס געפינט זיך, מיט דעם בעקאנטען אויסרוף: "פיידוש סא ענד סא".

א פערציג גראדיגער סיבירישער פראסט געוועלטיגט אין טעמפעל ביי דער גאטעס דיענסט. קיינע ווארימע געפיהלען, קיין השתפכות הנפש, קיין פונק פון געטליכען געבעט שיינט ניט ארוים פון קיין אויג, קיין עטוואס התעוררות אפילו אין דעם שליח צבור׳ס געבעט. שטיל, מאנאטאן, קאלט, רוהיג און גוסס־דיג די גאנצע גאטעס דיענסט פון אנפאנג ביז דער ענדע. פארפרוירען, קאלט און טויט.

שטעלט אייך פאר ווי איך האב געפיהלט דעם ערשטען מאל אין מיין לעבען צו געהן דאוונען דעם **שבת׳דיגען דאוונען** אין א אידישער שוהל אדער טעמפעל **אום זונטאג**, און דער נאמען פון דעם טעמפעל איז "סיני" נאך דעם הייליגסטען בארג, אויף וועלכען דער שבת איז פראקלאמירט געווארען, און דער סיני־טעמפעל איז שבת צוגעשלאסען.

א, ווי שרעקליך איז די שאנדע, און ווי שטארק איז דער וועהטאג צו זעהן ווי א טהייל פון דער פיער־טויזענד־יאהריגער אמונה איז מאבד עצמה לדעת און פארקויפט איהר נשמה מיט "מה יפית" טענץ צו איהרער אן אפגעריסענער טאכטער, וועלכע האט פון איהרע בריסט מילך געזויגען און צום סוף די אפלען אפגעביסען ביז בלוט האט גערונען און עס פליסט נאך עד היום הזה...

גאט מיינער, וואו איז די לאגיק צו בייטען דעם שבת אויף זונטאג? וועד פארשטעהט דאס ניט, אז ארבייט קומט פריהער פאר רוה. ווען מען ווערט מיעד פון ארבייט, דאן מוז מען רוהען און אזוי האט מען אונז געהייסען: "זעקס טעג זאלסטו ארבייטען און דעם זיעבעטען זאלסטו רוהען". אבער רוהען איידער מען ארבייט, דאס איז דאך וואהנזין. דאס זעהט מען דאך אפען, בע־שיינפערלאך, אז דאס איז געוועזן פון דער ווילדער, אפגעריסענער טאכטער פון אידענטהום א צו־להכעים מעשה דער מאמען: דו, מאמע, האסט געהייסען רוהען דעם זיעבעטען טאג און איך וועל דוקא, דיר להכעים, רוהען דעם ערשטען טאג.....

www.libtool.com.cn

עס זיינען נאך דא היינט אויך הונדערטע טויזענדע קריסטען, וועלכע קענען ניט האנדלען אזוי אונלאגיש, צו רוהען פאר דער ארבייט, און היטען נאך דעם שבת מיט דער פולער איבערגעבענהייט, און דא, אין שיקאגא, די אידישע סיני טעמפעל האט אפיציעל דעם הייליגען שבת אויף דעם להכעיס׳דיגען זונטאג איבערגעביטען !

אט די געדאנקען האבען מיר מיין קאפ צולעבערט און מיין הארץ צוברענט, ווען איך האב, צום ערשטען מאל אין מיין לעבען, א ״שבת שני של גלות״ ביי־געוואוינט.

נאך דעם גאטעס דיענסט האב איך געהאט די עהרע פארגעשטעלט צו ווערען פאר דעם גרויסען געלעהרטען רעפארם ראבינער רבי דר. עמיל ג. הירש. ער איז נאך דאן געווען א יונגער, שעהנער, מעכטיגער מאן. א גרויסער געלעהרטער און א טאלאנטפאלער אראטער. פול מיט אידישען וויסען, קלאר אויסוויייניג אין דעם תנ״ך, פארשטאנען דעם תלמוד, גערעדט פליסיג א ריינעם, ביבלישען העברע־איש, און טאקי אין דער שפראך האט ער זיך מיט מיר צוזאמענגערעדט. ער איז געווען זעהר קלוג, מיט א ביסעל הומאר. און זיינע אלע מעלות האבען מיר נאך פארגרעסערט מיינע ביטערע געפיהלען אויף די רעפארמער מיט דעם רעפארם צוזאמען.

״נו, ווי איז עס אייך געפעלען מיין גאטעס דיענסט, דער טעמפעל, די ארדנונג ? איך גלויב, אז איהר האט דעם ערשטען מאל אין אייער לעבען בע־זוכט א רעפארם־טעמפעל. זאגט מיר די ווארהייט, וואס פאר איין איינדרוק האט דאס געמאכט אויף אייך ? נאר די ווארהייט !״

״מיין ליעבער דאקטאר הירש, זעהר א שווערע זאך פאדערט איהר פון מיר. זאגען אייך די ווארהייט איז פון דער מענשליכער זייט זעהר ריכטיג, און איך בין פארפליכטעט דאס צו טהאן. אבער פון דער עטישער זייט קען איך ניט. איך בין דא א גאסט און דרך ארץ איז קדמה לתורה ! מיינע איינדריקע זיינען נאך זעהר פריש. איך האב זיי נאך זעלבסט ניט בעטראכט. דעם סארט אידענטהום זעה איך דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען און איך קען נאך קיין אורטהייל ניט געבען. נאר איין ווארט, דאקטאר, וועל איך זיך יא ערלויבען צו זאגען אייך און איך האף, אז איהר וועט מיר פארצייהען״.

״זשעניר־ט זיך ניט. זאגט מיר וואס איהר ווילט, און איך וועל הערען״, האט מיר דער גרויסער רעפארמער ערנסט געענטפערט.

״איך בין היינט איבערצייגט געווארען, בעזוכענדיג אייער טעמפעל, אז איך בין איינער פון די גרעסטע ״מחללי שבת״ און איהר זייט איינער פון דיא ריכטיגע ״שומרי שבת. איך ארבייט מיין ארבייט אום שבת פיעל מעהר ווי

www.libtool.com.cn

די גאנצע וואך, און איהר שליסט צו אייער "סיני טעמפעל" אום שבת און עפענט איהם בלויז זונטאג.

ער האט א זיסען שמייכעל געטהאן. ער האט מיך זעהר גוט פארשטאנען...

נאכהער, אין פארלויף פון יאהרען בין איך זיך מיט איהם צוזאמענגעקומען פיעלע מאל אויף איין פלאטפארם צו רעדען און האב איהם גוט קענען געלערנט: ער איז געווען א וואונדערבארער אראטאר, א שטארקער רעדנער, און די זעלבע קראפט האט ער אויך אין זיין פעדער פארמאגט. אין זיינע ארטיקלען, אין זיין וועכענטליכער ענגלישער צייטונג דער "רעפארם אדוואקאט". אבער זעהר א גרויסען אומפארצייליכען פעהלער האט ער געהאט, ווי אין ווארט אזוי אין שריפט, מיט דעם וואס ער איז געווען ניט אויסגעהאלטען. עס האט קיינמאל ניט געשטימט איין פארטראג מיט׳ן צווייטען און איין עדיטאריאל מיט׳ן צווייטען, ניט אין גייסט און ניט אין פרינציפ. עס איז פשוט אונמעגליך געווען צו דער־קענען, אז דער זעלבער שרייבער האט דאס געשריבען, אדער אז דער זעלבער רעדנער האט דאס גערעדט. מיט אכט טאג צוריק האט ער געדונערט פון זיין פולפעט אויף די נאציאנאליסטישע און ציוניסטישע פארשטעהער, און האט זיי פשוט פארברענט מיט זיין פלאמענדער רעדנער קראפט, און מיט איין וואך שפעטער האט ער פאטעטיש און ענטהוזיאסטיש געשילדערט די שעהנע נאציא־נאלע געפיהלען און בעזונגען די ציוניסטישע אידעאלען, אזוי ווי ער וואלט געווען א אידעען גענאסע צו הערצל און נארדוי.

איין אויסגעצייכענטער זשורנאליסט איז דאן געווען אין שיקאגא, וועלכער האט אימער, כמעט וועכענטליך, געפרעגט קשיות פון הירש׳ן אויף הירש׳ן אין דעם "שיקאגאער קוריער", און אויך אין די ניו יארקער צייטונגען, וואו ער האט מיטגעארבייט, און דאס איז דער אלטער בעקאנטער איבערגעגעבענער ציוניסט און טאלאנטפולער פובליציסט מר. ליעאן זאלאטקאף. עס איז ווירקליך א פערגניגען געווען צו לעזען זיינע פאלעמישע ארטיקלען מיט דר. הירש און זיין "רעפארם אדוואקאט".

מיט דר. רבי ברוך אריה פעלזענטהאל, וועלכער איז געווען רב אין א קאנ־סערוואטיווער רעפארם־געמיינדע, האב איך זיך ברידערליך בעפריינדעט. ער איז געווען א געלעהרטער, איינער פון דער אלטער רעפארם שוהל, אבער שטארק אידיש רעליגיעז געזאנען. שטרענג אפגעהיט קדושת שבת. פון דעם סארט עלטערע דייטשע רבנים זיינען דאן געווען אייניגע אין אמעריקא, וועלכע זיינען געווען תלמידי חכמים און זייערע רעדען האבען זיי אין דער דייטשער שפראך געהאלטען. דר. בנימין סזאלד, דר. גוסטאוו גאטהייל, דר. קאלעהר — די זיינען נאך געבליבען פון דעם אלטען חדר. דר. פעלזענטהאל האט געשריבען און גע־רעדט א שעהנעם פליסיגען העברעאיש. ער האט געשטיצט ארימע תלמידי חכמים, וועלכע זיינען מיט דעם אימיגראציאנס שטראם פארשליידערט געווארען. ער

www.libtool.com.cn

האט זיך פיעל איבערגעשריבען מיט מיר וועגען דעם אדימען גרויסען העברעער וואלף שור, דער ארויסגעבער פון ״הפסגה״.

א גייסטיגען פערגניגען האב איך געהאט ווען איך האב מיך באגעגנט מיט דעם יונגען — דאמאלס — פראפעסאר ג. זעליקאוויץ. זיין נאמען האב איך מיט גרויס רעספעקט געהאלטען אין מיין זכרון זינט ער איז ארוים אין ״המליץ״ מיט זיינע וואונדערבארע, טאלאנטפולע רייזע ארטיקלען, ווען ער איז געווען אן אפיציעלער דאלמעטשער אונטער דעם ענגלישען מיליטערישען צוג אין מצרים. זיינע ארטיקלען זיינען געשריבען געווארען מיט א נייעם העבראישען סגנון, וועלכער האט דאן געמאכט א רעש אין דער העבראישער ליטעראטור. נאכהער זיינען ערשיענען זיינע איניגע וויכטיגע ארטיקלען אין שפר׳ם ״כנסת ישראל״ און ער איז פארשוואונדען געווארען.

פלוצלונג האב איך איהם געפונען אין דער מיטעל־וועסט פון אמעריקא, רעדאקטירענדיג א **אידישע צייטונג**, ביי מיר איז דאס **דאמאלס** אויסגעקומען א חלול הקודש געגען דער קדושת שפת הקדש. און דאך זיינען מיר שנעל בעפריינדעט געווארען.

זעהר א שעהנעם הערצליכען ״צאתך לשלום אבענד״ האבען מיר געגעבען מיינע ליטעראַרישע פריינד אין שיקאגא. בעזונדערס האבען די חברה ״שוחרי שפת עבר״ געגומען א ווארימען טהייל אין דעם אפשיידם אבענד. זיי האבען מיר דערלאנגט א פראכטפאלע העבראישע אדרעס, אויף וועלכען עס זיינען געווען אונטערגעשריבען דער פרעזידענט פרץ וויערניק און דער וויים פרעזידענט ב. הורוויץ. זיי האבען מיך בעגלייט צום צוג נאך סינסינעטי.

www.libtool.com.cn

## 46טער קאפיטעל

פרעזידענטען פון רוסישע, אונגארישע, פוילישע און טערקישע שוהלען קומען צו מיר אין קליוולענד איך זאָל פאר זיי רעדען. — וואו זיינען אייערע אידישע שוהלען? —האָב איך זיי געפרעגט, און זיי האָבען מיך ניט פארשטאנען. — דער קליוולענדער רב, וועלכער הייסט די דאָרטיגע אידען, וועלכע ווילען איהם ניט פאר קיין רב, ארויסציהען זיך פון קליוולענד. — א קליינער יענקי בעט מיך איך זאָל איהם לאָזען וואַרפען שנעע אויף זיך. —

פון שיקאגאָ בין איך געפאָהרען נאָך קליוולענד. די קליוולענדער אידען האָבען מיר זעהר א שעהנעם קבלת־פנים געגעבען. דער קלוגער און געראָטענער איד, מר. בערמאן דער שוחט, דער שוויגער־פאָטער פון די צוויי בעוואוסטע קליוולענדער אידישע דאָקטוירים, בורשטיין און ביסקינד, דער אנשטענדיגער רייכער בעל הבית מר. ברודנאָ, דער געבאָרענער אונגאר, א איד א פקח און א מושלם, וועלכער האָט זיך איינגעלעבט און שטארק אסימילירט מיט די רוסישע ליטוואקעס דער יעצטיגער ארויסגעבער און רעדאקטאָר פון דער קליוולענדער "אידישע וועלט", מר. יהושע ראָקער, דער משכיל מר. לויפמאן און נאָך אייניגע האָבען מיך באגעגענט ביי מיין אנקומען און זיי האָבען פון מיר ניט אָפּגעטראָטען די גאנצע צוויי חדשים, וואָס איך האָב אין קליוולענד פארבראכט.

דעם ערשטען אָוועגט זיינען צו מיר געקומען פרעזידענטען פון פערשיעדענע שוהלען, איינצולאָדען מיך צו רעדען אין זייערע שוהלען.

"איך בין דער פרעזידענט פון דער רוסישער שוהל, מר. סאָ ענד סאָ". דער איז דער פרעזידענט פון דער ליטווישער שוהל, יענער פון דער פוילישער, דער פון דער אונגארישער און דער פון דער אָפּגעריסענער אונגארישער שוהל, און אזוי ווייטער.

"מיינע העררען" — האָב איך זיך געווענדט צו זיי מיט מיין פראגע וועלכע איך האָב אמאָל אין לאָנדאָן, ענגלאנד, געפרעגט: "ווער איז פון אייך דאָ א פרעזידענט פון דער אידישער שוהל?"

"עס איז צו בעוואונדערען, פון היבש פערשיעדענע נאַציאָנען האָט איהר דאָ שוהלען אין קליוולענד, און וואו איז די אידישע שוהל? אָט אין די נעמען פון אונזערע שוהלען קאָנען מיר פיהלען די שוואכקייט, די אונאייניגקייט און די מאכטלאָזיגקייט וואָס דער לאנגער פינסטערער גלות האָט אונז פערשאפט, ער האָט אונז אין פערשיעדענע לענדער, צווישען פערשיעדענע נאַציאָנען אריינגעוואָרפען און הונדערטער יאָהרען איינגעבאלזאמירט אין זייערע שפּראכען,

www.libtool.com.cn

געוואוינהייטען און נעמען אזוי ווייט, אז אפילו ווען מיר האבען זיך מיט גוואלד ארויסגעריסען פון יענע נידעריגע, פינסטערע לענדער, און מיר האבען זיך אריבערגעטראגען אהער אין דער פרייער אמעריקא, פראנק און פריי בויען מיר דא אונזערע אידישע שוהלען, און נעמען גיבען מיר זיי נאך יענע פינסטערע, האלב־ווילדע לענדער, פון וועלכע מיר האבען זיך קוים מיט אונזער לעבען גע־ראטעוועט. ווארום זאלען מיר פאראייביגען די פרעמדע נעמען אויף אונזער הייליגטום? וואס האבען מיר דא, אין דער פרייעם לאנד, צו טהאן מיט דער קליינער, פרימיטיווער ארימער ליטא? וואס זיינען מיר דא פאר מחותנים מיט דער פינסטערער רוסלאנד? וואס פאר א שייכות האבען די שליאכטעס פון פוילען צו אונזערע שוהלען? איך גלויב, אז אויך די מאדיארען פערדיענען ניט מיר זאלען פון אונזערע שוהלען מאכען פאר זיי דענקמאלען. אין אלגעמיין האט איהר, מיינע פריינד, הערדען שוהל־פרעזידענטען, ווען געהערט אין אייער לעבען די סארט נעמען ווי טערקישע רוסען, רוסישע טערקען, פראנצויזישע אי־טאליענער, איטאליענישע פראנצויזען, אדער דייטשע ענגלענדער און ענגלישע דייטשען? און מיר, דאס היסטארישע פאלק ישראל, צופיצלען זיך אויף ברעקלאך: רוסישע אידען, פוילישע אידען, ליטווישע, אונגארישע, דייטשע, טערקישע, פערסישע און גריכישע. און וואו זיינען די אידישע אידען?"

עס האט מיך געעקעלט נאך אין ניו יארק און אין שיקאגא, ווען איך האב געהערט אז די גרויסע שוהלען, רייכע געמיינדעס, טראגען אויף זיך די נעמען פון רוסישע קליינע שטעדטלאך, ווי "קאלווארייער שוהל", אדער "מארימפאלער שוהל". "איהר ווייסט, רבותי, די בעדייטונג פון די צוויי קליינשטעדטעלדיגע נעמען? קאלווארי איז דער נאמען פון דעם בארג, אויף וועלכען דער האלב־גאט און האלב־מענש איז געשטאנען און האט געפרעדיגט זיינע דרשות, וואס האבען מיט אונז קיין שייכות ניט, אז מיר זאלען נאך דעם פרעמדען בארג אנ־רופען אונזערע א גרויסע שוהל אין ניו יארק. מאריאמפאל מיינט "מרים'ס שטאדט", ניט נאך משה'ס שוועסטער מרים, נאר נאך יענעמ'ס מוטער מרים, וועלכע האט מיט אונז אידען גאר ניט צו טהאן. היינט ווי קומען מיר, ארוי־בערגעקומענע נאך אמעריקא, א נאמען צו געבען א שיקאגא'ר גרויסע שוהל מאריאמפאלער שוהל?"

מיינע בעזוכער, די פרעזידענטען, האבען מיך אויפמערקזאם אויסגעהערט, מאנכע האבען מיך ניט פערשטאנען און מאנכע האבען זיך מיט ווילדע בליקען איבערגעקוקט, טראכטענדיג: "וואס וויל ער האבען פון אונז, אט דער מאדנער איד? וואס געפעלען איהם ניט די נעמען פון אונזערע שוהלען?"

אבער מיין פריינד יהושע ראקער, דער אונגאר מיט דער ליטווישער נשמה, איז געווארען מיין מתורגמן יענעם אווענט און ער האט זיי ערקלערט אזוי קלאר און דייטליך וואס איך מיין, אז אפילו דער פרעזידענט פון דער אפגעריסענער

www.libtool.com.cn

אונגארישער שוהל האט אויך אנגעפאנגען צו פערשטעהן מיינע נאציאנאליס־טישע געדאנקען און געפיהלען.

זיי האבען זיך צווישען זיך איינגעארדענט וואו איך זאל רעדען פריהער און וואו שפעטער, און אזוי האב איך געארבייט אין קליוולענד צוויי חדשים און איך האב צוואנציג מאל גערעדט ביי די פערשיעדענע געמיינדעס.

דער נאציאנאליסטישער געדאנק האט זיך שטארק בעפעסטיגט אין קליוו־לענד דורך מיר, די תלמוד תורה האט זיך היבש פארגרעסערט און פארשטארקט אין כמות און אין איכות, די מחלוקת, וועלכע איך האב געפונען אין שטאדט צווישען די קליוולענדער בעלי בתים און זייער רב, האב איך איינגעשטילט. זעהר אן אינטערעסאנטען פאראדאקס האב איך דאן געהערט פון דעם רב, זא־גענדיג פון בימה צו זיינע בעלי בתים די געגנער:

"הערט זיך צו, קליוולענדער אידען. איהר זאלט איינמאל פאר אלע מאל וויסען אז איך בין קליוולענדער רב, און קליוולענד איז מיין שטאדט. אויב איהר ווילט זיצען רוהיג דא, קאנט איהר זיך זיין קליוולענדער בעלי בתים. און אויב איהר קאנט מיך ניט ליידען, קאנט איהר זיך געזונטערהייד פערלאזען קליוולענד און געהן וואו אייערע פיס וועלען אייך טראגען. איך האלט אייך דא ניט מיט גוואלד, רבותי, איהר זייט פרייע מענשען דא אין דער פרייער לאנד"...

אין זעהר א שעהנעם פריהמארגען, די זון האט העל געשיינט אויף דעם ווייסען, אומבעריהרטען וועג; די לופט איז געווען פריש, קאלט, האב איך מיט מיין לאנדסמאן מר. רענדעל געשפאצירט איבער דער שעהנער גראנדריווער יוקליד עוועניו, וועלכע איז מיילענווייז פערבויט מיט גרויסע, פראכטפאלע פאלאצען. פון איין פראכטיגען פאלאץ איז ארויסגעלאפען אונז אנטקעגען א קליינער פינף אדער זעקס־יעהריגער אינגעלע, א שלאנקער, און ער האט אונז אפגעשטעלט, אפגעגעבען אונז דעם ענגלישען "גוד מארנינג" און געבעטען אונז מיט א רחמנות קול׳כעלע מיר זאלען איהם ערלויבען האבען אביסעלע "פאן" — א ווארט און א בעגריף, וועלכע לאזען זיך ניט איבערזעצען אין אי־דיש — צו ווארפען אויף אונז צו צוויי קייקעלאך שנעע, וועלכע ער האט אויס־געקנאטען מיט זיינע קליינע הענטעלאך. מיר האבען גערן איהם ערלויבט, זיי־נע אויגעלאך האבען זיך אנגעצונדען מיט א פריידיג פייערל, ער האט דאס שנעל אפגעטהאן און האט זיך א נייג געטהאן צו אונז זעהר גראציעז און האט אויס־געזונגען מיט זיין זילבערנע שטימע זיין "טהענק יו!"

א, הייליגע קינדערשע אומשולד, ווארום ווערסטו פון די גרויסע פערשוואונ־דען?!

שערוריה נעשתה בישראל! — א סקאנדאל האט זיך אפגעטהאן אין קליוולענד און די גאנצע אידישע געמיינדע האט אויפגעשטורעמט; אין דעם

www.libtool.com.cn

גרעסטע רעפארם־טעמפעל האט דער בעוואוסטער ראביי ג., איינער פון די סינסינעטער תלמידים, באפוילען ארויסצונעהמען די ספר תורה פון ארון קודש און אויף דעם ארט אריינשטעלען אן ענגלישע בייבעל און דעם ספר אין קעלער ארונטערצולאזען.

דעם ראביי׳ס בעפעהל איז ערפילט געווארען, דאס איז א פאקט געווען, און צו דעם איז נאך א לעגענדע בעשאפען געווארען, אז דער שמש פון טעמפעל, וועלכער האט דאס נעבאך געמוזט דורכפיהרען, איז געווען א זקן פון פיער און אכציג יאהר. דער ארימער זקן האט נאך געדענקט ווען דער טעמפעל האט זיך געבויט אלס ארטאדאקסישע שוהל. ער, דער ארויסטראגער פון דער ספר תורה, איז געווען זיין אריינטראגער מיט זעכציג יאהר צוריק, דער שרעקליכער אקט האט אויף איהם מורא׳דיג געווירקט, זיין אלטע, אויפריכטיגע אידישע הארץ האט דאס ניט געקענט אויסהאלטען, און ווי ער האט אוועקגעלייגט די ספר תורה אין קעלער, האט דאס הארץ איהם געפלאצט און ער האט זיין לעצטען אטעם־צוג ארויסגעלאזען.

ניט נאר די ארטאדאקסישע אידען זיינען אויפגעבראכט געווען אויף דעם סקאנדאל, נאר אפילו פיעלע פון די רעפארמער פון דער זעלבער געמיינדע אין דעם ראביי׳ס טעמפעל האבען דאס ניט געקענט געדולדיג פארטראגען און זיי האבען איהם פארוואורפען געמאכט; ער איז אבער אויף זיינס פעסט בעשטא־נען און האט געענטפערט:

„איך בין אייער גייסטיגער פיהרער און איהר האט ניט דאס רעכט צו זיין געגען מיין גייסטיגער ארבייט. מיר לעבען אין דער ענדע פון נייצעהנ־טען יאהרהונדערט און מיר האבען מיט דעם פערשימעלטען אלטערטום ניט צו טהאן; מיר מוזען געהן פארווערטס און דאס איז אונזער פראגרעס."

דער ראביי האט זיינס אויסגעפיהרט, דער הייליגער ספר איז אין קעלער געבליבען און דער ענגלישער עוואנגעליום איז אין היכל אריינגעבראכט גע־ווארען.

מיט פלאמען פייער האב איך געשטורעמט די הערצער פון מיינע צוהערער געגען דעם מאדערנעם העלעניסטישען יוזאן פאר זיין אבשייליכען סקאנדאל, און איך האב אויפגעוועקט די רעליגיעזע, נאציאנאלע געפיהלען אין די הערצער פון די הונדערטער יונגע, אויפריכטיגע חובבי ציון.

אן איבערראשונג האבען מיינע פערעהרער אין קליוולענד געמאכט די לעצטע נאכט פון מיין פערלאזען זיי; זיי האבען א באנקעט געמאכט לכבוד מיין אפרייזען; זיי האבען מיר א גאלדענעם מעדאל געשאנקען, אויף איהם איז קינסטליך די פארם פון א שופר אויסגעקריצט געווען און איבער איהם שיינען די ווערטער: „הרם כשופר קולך, צבי מאסליאנסקי."

www.libtool.com.cn

# 47טער קאפיטעל

די צוויי עקסטרעמען אין סינסינעטי: שטרענגע אָרטאָדאָקסיע און וויכע רעפאָרם.— איך ווער איינגעלאדען צו רעדען אין היברו יוניאָן קאלעדזש פאר די פּראָפעסאָרען און סטודענטען. — איך רעד העברעאיש און זעהר ווענינ צוהערער פערשטעהען מיך. — דר. י. מ. וויס, דער גרינדער פון רעפאָרם־קאלעדזש, ווערט געריהרט פון מיין רעדע, ווען איך ווארף איהם אויף וואָס זיין תלמיד אין קליוולענד האָט אריינגעשטעלט א בייבעל אין ארון קודש אנשטאָט א ספר תורה.— די מאגנעטישע קראפט פונ׳ם רעפאָרם־ראביי דר. וויס. — אויף זיין טיש געפין איך פיעלע ספרים.

אין סינסינעטי האָב איך געפונען צוויי עקסטרעמען אין דעם אידישען לאגער: א זעהר שטרענגע אָרטאָדאָקסישע געמיינדע מיט רבי שכנא׳ם שוהל און צוויי פרומע רבנים, מיט פערשיעדענע חברות ש״ס, משניות, תהלים און זאגאר א חברה ״חיי אדם״. א גרויסע צאָהל אידען לערנען ארום גרויסע, לאנגע טישען יעדען בין מנחה למעריב גאר אזוי ווי אין ווילנא אָדער אין בערדיטשעוו.

און אין דער צווייטער זייט האָב איך געפונען אין סינסינעטי די פעסטונג פון דעם אמעריקאנעם אידישען רעפאָרם; זי איז געווען די רעזידענץ פון דעם גרינדער פון דעם אמעריקאנער רעפאָרם אידענטום, דר. י. מ. וויס, מיט דעם בעוואוסטען סעמינאר ״היברו יוניאָן קאלעדזש״, וועלכער פּראָדוצירט עד היום די רעפאָרם ראבינער פאר די אלע רעפאָרם־געמיינדעס אין אמעריקא.

איינער פון די פּראָפעסאָרען אין דעם רעפאָרם סעמינאר, דר. ג. דייטש, א גרויסער היסטאָריקער, א גוטער העברעער און א זעלטענער בקי אין דער העברעאישער ליטעראטור, די אלטע און די נייע, האָט מיך בעזוכט אין מיין האָטעל און האָט מיך איינגעלאדען, אין דעם נאָמען פון דר. וויס, צו האלטען שבת צו מנחה א רעדע אין העברעאיש פאר די פּראָפעסאָרען און די סטודענטען פון דעם סעמינאר.

״אבער ווער וועט מיך דארטען פארשטעהן?״ האָב איך געפרעגט דעם פּראָפעסאָר דייטש.

״א מנין אידען, וועלכע פארשטעהען העברעאיש,״ ענטפערט דער פּראָפעסאָר, ״האָבען מיר אין אונזערע לעהרער און א פּאָר צעהנדליג וועט זיך געפינען צווישען די תלמידים. מיר האָבען א היבשע צאָהל תלמידים פון רוסישע אריבערגעקומענע יונגע לייט, צווישען זיי זיינען דאָ תלמודיסטען, גוטע העברעער, וועלכע האָבען געלערנט אין וואָלאזשינער און טעלזער ישיבות; זיי וועלען אייך פערשטעהן.״

www.libtool.com.cn

איך האב אנגענומען די איינלאדונג.

די צוויי ברידער דר. רייזין,ביידע רעפארם ראבינער, גרויסע העברעער, גוטע תלמודיסטען, זיינען דאן צווישען די סטודענטען אין סינסינעטער קא־לעדזש געווען. זיי האבען מיך צוזאמען מיט דר. יהודה ליב מאגנוס שבת באַ־זוכט און צוזאמען זיינען מיר צום קאלעדזש געגאנגען.

די דריי יונגע סטודענטען, די צוקינפטיגע ראבינער, האבען מיך צום קא־לעדזש צוגעפיהרט. אויף די טרעפ ביים אריינגאנג איז דער אלטער דר. וויס געשטאנען צוזאמען מיט דר. דייטש און האבען מיך אפגעווארט. דער אלטער האט מיך זעהר ווארים באגריסט. ער איז שוין געווען דאמאלסט א בן שמונים, אבער זיין באוועגונג איז געווען ווי ביי א פערציג־יעהריגען מאן, דאס געזיכט פריש, די אויגען ליכטיגע, פול מיט לעבען; זיין שטימע ריין און קלינגענדיג — אין אלגעמיין זעהר א סימפאטישער מאן. פראפעסאר דייטש האט אויסגעזעהן ווי א פאטריארך מיט זיין הויכען, שטאלצען וואוקס, זיין גרויסען קאפ מיט דעם ברייטען, הויכען שטערען, און בעזונדערס זיין שעהנע, לאנגע בארד. זיי ביידע האבען מיך ארויפגעפיהרט צום קאלעדזש־טעמפעל.

ארויפגעהענדיג אויף די טרעפ, זאגט צו מיר דר. וויס מיט א שמייכעל: ״איהר קאנט יעצט אויף זיך זעלבסט זאגען דעם פסוק ״נביא לגוים נתתיך״...

״ניין, דאקטאר, איך בין ניט קיין נביא און זיי זיינען ניט קיין גוים״ — האב איך איהם געענטפערט.

״אויב אזוי, — האט דר. דייטש געזאגט, — וועל איך א פשרה מאכען און געבען אייך אן אנדער פסוק: ״ציר בגוים שולח״.

דער טעמפעל איז פול געווען, פראפעסארען, סטודענטען און א היבשע צאהל פון מיינע סינסינעטער אנהענגער האבען איהם אנגעפילט. די תפלת מנחה האט זיך אנגעפאנגען מיט אן ענגלישען ״אשרי״, א פסוק איבער א פסוק. דער עולם איז געשטאנען מיט ענטבלויזטע קעפ, אויסער איך און פראפעסאר דייטש, וועלכער האט לכבודי א קאפעל אנגעטאן, ווייל ער איז געווען מיין פארזיצענדער.

איינער פון די עלטערע סטודענטען האט דעם ספר פון ארון קודש ארויס־גענומען און האט גולל געווען ביז וישב, די פרשת השבוע, ער האט א ברכה געמאכט, דריי פסוקים, די ערשטע פון דער סדרה, דעקלאמירט מיט א דרא־מאטישען טאן און געזאגט די צווייטע ברכה, אויפגעהויבען דעם ספר און האט איהם געהאלטען אויף דעם פולפעט ביז נאך דער גאטעס־דיענסט.

פראפעסאר דייטש האט מיך פארגעשטעלט פאר׳ן פובליקום אין א ריינעם העברעאיש, ער האט זיי ערקלערט, אז איך געהער ניט צו דעם רעפארם־לאגער,

www.libtool.com.cn

אז איך שטים ניט איין מיט זייערע פרינציפּען און אידעאלען, אז איך בין איי־נער פון די ארטאדאקסישע נאציאנאליסטישע אידען, וועלכע פּרעדיגען און פּראקלאמירען די נייע נאציאנאלע חבת־ציון אידעע, און אזוי ווי ער האט אי־בער מיר פיעל געלעזען אין די אייראפּעאישע אידישע צייטונגען, און אזוי ווי ער האט מיך שוין געהערט רעדען אייניגע מאל אין די ארטאדאקסישע שוהלען און ער אנערקענט מיין רעדנער־טאלאנט און מיין ערנסטקייט, האט ער געפונען, מיט דער הסכמה פון דר. ווייס, אז איך בין ווערט געהערט צו ווערען פון די סטודענטען און פּראפעסארען אין היברו יוניאן קאלעדזש.

א פולע שטונדע צייט האב איך גערעדט אין העברעאיש צו מיינע אומ־בעקאנטע ברידער, פרעמדע צו מיר ווי אין דער שפּראך, אזוי אויך אין די אי־דעען; איך האב רוהיג, געלאסען גערעדט, אום זיי זאלען מיך פארשטעהן און מעהר אדער ווייניגער האבען זיי מיך פארשטאנען. איך האב פארגעשטעלט דאס לעבען פון אונזערע אכט מיליאן ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים אין דער גרויזאמער, פינסטערער רוסלאנד. איך האב פאר זיי פארגעשטעלט די טרויעריגע אבער אין דער זעלבער צייט הייליגע און אידעאליסטישע בילדער פון זייערע חברים די בני הישיבות, וועלכע לערנען מיט מסירת נפש און זיינען זיך פשוט ממיתים עצמם באהלה של תורה, זיי לערנען דארט צוליעב דעם לער־נען, און ניט צוליעב וועלכער עס איז קאריערע. פאר זיי ווארטען ניט קיין רייכע געמיינדעס מיט גרויסע טעמפלען, ווי פאר די אמעריקאנער סעמינארים־טען. איך האב זיי ערקלערט אז איך בין ניט געקומען צו זיי זיך מתוכח זיין וועגען פּרינציפּען און רעליגיעזע אידעאלען, אבער איין פערלאנג האב איך: דאס רעכט צו פאדערען פון זיי, אלס תלמידים פון א אידישען סעמינאר, אז זיי זאלען מעהר תורה לערנען, מעהר העברעאיש, ווייל די ביידע זיינען דער קוואל פון אידענטום. זיי זאלען זעהן מיט אלע מעגליכקייטען צו בעקעמפּפען די עם הארצות, וועלכע רואינירט און פערניכטעט אונזער גייסטיגען און מאראלי־שען לעבען, זיי זאלען געדענקען אז מיר מוזען האבען "שנים מקרא" און נאך "אחד תרגום", און עס איז זעהר צו בעדויערען אז איך האב ביי זיי אין קא־לעדזש געפונען בלויז "תרגום", און "מקרא", דעם הייליגען אריגינאל, כמעט ווי גאר ניט.

איך האב זיך מיט מעהר מוטה געפאסט, ווען איך האב געלעזען אויף זייערע געזיכטער אז מיינע לעצטע רייד האבען זיי כמעט אלע פערשטאנען, און איך האב אויסגעשריען:

"טייערע, יונגע ברידער מיינע, קינדער פון אברהם, משה און דוד, תלמידים פון ישעיה, הלל און רבי יוחנן בן זכאי! פיהלט איהר ניט גלייך מיט מיר יעצט דעם וועהטאג און די שאנדע, אז א אידישער רעדנער איז געקומען צו א אידישען סעמינאר און רעדט צו די תלמידים אין העברעאיש און א גרויסער

www.libtool.com.cn

טייל פון אייך פערשטעהען איהם ניט און אפילו די וועלכע פערשטעהען, קוקען מיט וואונדער אויף איהם אזוי ווי ער וואלט צו זיי רעדען אין איינער פון די אפגעלעבטע שפראכען, ווי גריכיש אדער לאטיין, און די גאנצע לעקטשור מיינע קוקט ביי אייך אויס ווי א קוריאז? וואלט ניט געווען רעכט, אז אין א אידי־שען רעליגיעזען אנשטאלט, ווי דער, זאל זעהר אפט געהערט ווערען דער היי־ליגער קלאנג פון אונזער הייליגער שפראך? וואלט ניט געווען א יושר אז די יונגע ראבינער, וועלכע ענדיגען זייער קורס דא, זאלען צום ווייניגסטען זיין גוטע געלעהרטע העברעער? ווען איהר האט מיט דעם רעפארם דורכגעפיהרט אין אייער לאגער דעם **״אותי עזבו״**, האלט צום ווייניגסטען דעם **״תורתי שמרו״**. מיט דעם ״מקרא״ וועט איהר קאנען באקעמפפען די עם הארצות און מיט דעם טרוקענעם ״תרגום״ וועט איהר די אידישע נשמה ניט אפפרישען און זיין גייסט ניט אפלעבען״.

נאכהער האב איך מיך געווענדט צו דעם געעהרטען אלטען גרינדער פון רעפארם, דר. י. מ. וויס, וועלכער איז געזעסען נאהענט צו מיר:

״און יעצט וועל איך זיך ערלויבען צו רעדען עטליכע ווערטער צו אייך, מיין פיעל געשעצטער אלטער לעהרער אין אידענטום: איהר ווייסט אז גאר ניט ווייט פון אייך אין דער זעלבער סטייט, אין קליוולענד, אהייא, האט איינער פון אייערע תלמידים, ראבי ג., ערשט מיט איין מאנאט צוריק, אפגעטאן א שרעקליכען סקאנדאל, וועלכער האט פארוואונדעט די הערצער ניט נאר פון מיינע ארטאדאקסישע ברידער, נאר אויך אייערע אויפריכטיגע רעפארמער זיי־נען שרעקליך אויפגערעגט געווארען: ער האט געטהאן א העלעניסטישע שטיקעל ארבייט, ער האט אונזער הייליגטום, די ספר תורה פון ארון קודש ארויסגענומען און האט איהר אין קעלער ארונטערגעלאזען, און אויף איהר ארט אז ענגלישע ביבעל אריינגעשטעלט!...״

מיט ציטערענדע הענט און מיט אויגען פול מיט טרעהרען האב איך אנגע־נומען די ספר תורה, וועלכע איז נאך געשטאנען ביי מיין רעכטער האנט אויף דעם פולפעט, און האב א קרעפטיגען אויסגעשריי געגעבען: **״היא מוצאת!״** (פון דער וועכענטליכער סדרה וישב), זי איז ארויסגעצויגען געווארען פון אייער־ען א תלמיד מובהק אין קליוולענד און איהר, אלטער לעהרער פון סינסינעטי, מוזט אנטווארטען: ״צדקה ממני!״, ווייל איהר, נור איהר האט דאס געבראכט דערצו, איהר מיט אייער עקסטרעמער רעפארם־לעהרע...״

איך האב באמערקט צוויי גרויסע טראפענס טרעהרען אין די צוויי גוטע מילדע אויגען פון דעם אלטען געלעהרטען און איך האב זיך ווידער געווענדט צו איהם:

״פארצייהט מיר, אלטער פריינד, ווייל איך האב גערעדט צו אייך מיט׳ן בלוט פון מיין הארץ און איך מיין ניט צו באליידיגען אייך חלילה.״

www.libtool.com.cn

דר. ווייס איז אויפגעשטאנען און האט מיר זעהר פריינדליך זיין האנט דערלאנגט און מיט א שטומען פריינדליכען בליק מיך ערנסט באדאנקט.

די גאטעס־דיענסט אין טעמפעל האט זיך געענדיגט, די פראפעסארען און תלמידים האבען מיך הערצליך באדאנקט.

ארויסגעהענדיג, האט מיך דער אלטער דר. ווייס איינגעלאדען צוזאמען מיט די ברידער רייזין צו בעזוכען איהם אין זיין פריוואט וואוינונג.

זעהר גערן האב איך זיין וואונש ערפילט. אויף זיין טיש האב איך געפונען איניגע ספרים, ווי דעם רמב״ם׳ס ״יד החזקה״, דעם ״כוזרי״ און א חומש ״מקראות גדולות״.

״ווי איהר זעהט, מיין ליעבער יונגער קאלעגע, האב איך ניט גערעכענט פריהער אז איהר וועט מיך אזוי ווייט בעריהרען, אז איך זאל אייך איינלאדען צו מיר אין הויז, און זעהט וועלכע ספרים איהר האט אויף מיין טיש געפונען, זיי זיינען דיווירקליכע עדות אז איך בין חלילה ניט אפגעריסען פון אידישקייט און תורה.״

״חלילה וחס, דאס האב איך קיינמאל ניט געוו׳עכענט, בלויז דער קליוולענדער סקאנדאל האט מיך זעהר אויפגערעגט.״

״יא, מיין פריינד, דאס איז ווירקליך גרויזאם, גאט איז מיין עדות, אז מיין הארץ האט וועה געטהאן, גלייך ווי אייערע, ווען איך האב דערהערט די מעשים תעתועים פון מיין געוועזענעם תלמיד, אבער עס איז ניט מיין שולד — דאס שטאמט פון שיקאגאר סיני״...

פלוצלונג האט ער זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען, זיינע אויגען האבען מיט פונקען געשאסען און ער האט צו מיר פראפעטיש אויסגערופען:

״טהוט מיר צוליעב, יונגער מאן, און געהט צו צום וואנט.״

ער האט מיך היפנאטיזירט מיט זיין דראמאטישער שטימע, איך האב איהם געפאלגט און איך בין צום וואנט צוגעגאנגען.

״נו, ווארום געהט איהר ניט ווייטער?״ — האט ער מיך געפרעגט.

״איך קאן מעהר ניט געהן, די וואנט לאזט ניט״ — האב איך געענטפערט.

״אט דאס זעלבע איז מיט מיינע נארישע יונגע לייט, זיי זיינען אוועק צו ווייט, ביז דער וואנט, און מאנכע פון זיי האבען שוין זייערע קעפ צושלאגען. זיי וועלען שוין מוזען צוריקגעהן, איך ווייס ניט אויב איך וועל דאס דערלעבען, איך בין שוין איבער אכציג, איהר וועט דאס געוויס דערלעבען...״

www.libtool.com.cn

## 48טער קאפיטעל

די רויִיגע קויהלען־שטאָדט פּיטסבורג, וועלכע איז אין צענטר פון די נאטירליכע אוצרות גאז און קויהלען. — דער גיהנום פון אונטען אין טאָל און דער גן־עדן אויבען אויפ'ן בארג. — דער ״אָבענד־בלאט״ אטאקירט מיך אז איך העץ געגען סאָציאליזם און רוף צו פינסטערניש. — מיין ענטפער אין דער ציַיטונג אז איך האָב קיינמאָל ניט אָנגעריהרט קארל מארקס'עס כבוד, רופט ארויס א שטורם אין דער איבעריגער אידישער פּרעסע. — צוויי חדשים האָט אָנגעהאלטען די היציגע פּאָלעמיק ביז איך בין גע'כשר'ט געוואָרען.

---

פּיטסבורג איז די צווייטע גרויסע שטאָדט אין פּענסילווייניא סטייט. זי ליגט אין דעם מיטעלפּונקט פון די גאָט־געבענשטע נאטירליכע אוצרות, וועלכע פּענסילווייניא פערמאָגט, די שווארצע דימאנטען—קוילען, און נאטירליכע גאז, מיט וועלכע א גרויסע טייל פון אמעריקא בענוצט זיך פאר בעהייצונג, בעלייכטונג און די ריעזיגע קרעפטען צו טרייבען די אינדוסטריען און די אייזענבאהנען.

דער גאון ר' ישראל ליפּשיץ, מחבר פון ״תפארת ישראל״, דער בעוואוסטער קאָמענטאר פון ״משניות״ דערמאָהנט אין זיין פּירוש די ״הררי פּיטסבורג״, די פּיטסבורגער בערג ״במדינת פּענסילווייניא״.

אינטערעסאנט איז צו פאָהרען בייַנאכט מיט די פּענסילווייניער באהנען, וועלכע דרעהען זיך זיג־זאגעדיג ווי שלאנגען אויף די הויכע ריזיגע בערג, און א קוק צו טהאָן דורך די פענסטער פון די וואגאָנען אונטען אין די טיעפע טהאָלען, וואו צווישען די בערג שיינען ארויס די פלעמעלאך פייער פון די נאטירליכע גאז שטראָמען פון די טיעפענישען פון דער ערד. זיי שיינען ארויס ווי שטערען אין הימעל, און עס קוקט דיר אויס אז דער צוג פליהט איבער די הימלען און די שטערען שיינען פון אונטער ארויף. א גראנדיעזע, הערליך בילד.

אריינפאָהרענדיג אין דער שטאָדט פּיטסבורג, איבערהויפּט אין דעם נידעריגען טייל פון שטאָדט, קוקט דיר אויס, אז ניט אין א שטאָדט ביזטו אריין, נאָר אין א גרויסער אומגעהייערער פאבריק מיט די הויכע קוימענס אָהן א צאָהל, פון וועלכע עס שפּארען זיך ארויס געדיכטע, שווארצע, פינסטערע זייַלען רויך, וואָס פערדעקען דעם הימעל מיט א שווארצען שלייער און פילען אָן די לופט מיט א דונקעלען קוילען־שטויב. דו אָטעמסט שווער און אין אייניגע מינוטען צייט זעהסטו ווי דיינע הענט זיינען דונקעל געוואָרען פון דעם שווארצען שטויב.

אבער ניט די גאנצע שטאָדט ווערט פארשווארצט מיט איהרע איינוואוי־

www.libtool.com.cn

נער. עס גיט אין די העכערע פלעצער אויף די בערג און די היגלען ארום שטאדט פראכטפולע וואוינונגען־פאלאצען, גערטנער־פארקס, ווי אין אלע גרויסע שעהנע אמעריקאנער שטעדט.

עס ווענדט זיך וואו דו געפינסט זיך און וואו דיינע פיס שטעהען — שטעהסטו אין דער הויך אויף די פיטסבורגער בערג, זעהסטו דעם גיהנום אין טהאל מיט זיין גאנצען פלאקער און רויך, שטעהסטו אבער אין טהאל און דו הויבסט אויף דיינע אויגען אין דער הויך און זינגסט זיך צו שטילערהייד דעם פסוק פון ברילאנטענעם "שיר המעלות" "אשא עיני אל ההרים", זעהסט דו דעם ווירקליכען גן־עדן אויף די פיטסבורגער בערג.

בעטראכטענדיג דאס גרינדליך, שאדט עס גאר ניט די גן־עדן זיצער זאלען כאטש פון דער הויך אמאל דעם גיהנום זעהן און פערטראכטען זיך אמאל וועגען איהם... און עס איז זעהר ווינשענסווערטה, אז די ארימע, טרויעריגע גיהנום־בירגער, וועלכע קוועלען זיך אין זיין היץ און שמוץ, זאלען אמאל זייערע אויגען אויפהויבען צו זעהן אז וואס העכער איז בעסער, לייכטער און העלער און זאלען זיי שטרעבען און האפען, ווייל נאר אין שטרעבונג און האפנונג ליגט דער גליק־ליכער סוד פון מענשענ׳ס לעבען...

א זעהר פיינעם קלאס בעלי־הבית׳שע היימישע אידען האב איך אין פיטס־בורג געפונען אין דעם יאהר 1896. אידען לומדים, משכילים, סוחרים און אר־בייטער, אבער אלע בעזעעלטע מיט דעם אידישען גייסט, שעהנע גרויסע אי־דישע שוהלען און אין זיי האב איך גערעדט פאר פערשיעדענע הערער פון אלע קלאסען. מיינע רעד האבען געפונען אז אפקלאנג אין זייערע הערצער; די "חברה חובבי ציון" איז פיעלפאך פערגרעסערט געווארען, די תלמוד תורה׳ס האבען זיך פערשטארקט, יונגע מענשען האבען זיך אנגעפאנגען צו אינטערע־סירען מיט לערנען העברעאיש און אידישע געשיכטע.

ווער וואלט דאס געקענט גלויבען, אז דוקא אין דער שטאדט זאל איך בעצאהלט ווערען מיט אומרוהיגקייט און עגמת נפש פון א פאלעמיק וועגען מיר אין דער אידישער פרעסע?

א סאציאליסטישער פאנאטיקער, א לינקער נאר, האט א שטיין אריינגע־ווארפען וועגען מיר אין דעם סאציאליסטישען "אבענד־בלאט" און האט א שטורעם אנגעמאכט אין דער גאנצער אידישער פרעסע, אין דריי שפראכען: אידיש, העברעאיש און דייטש.

אין "אבענד־בלאט" זיינען ערשיענען די גיפטיגע ווערטער: **מאסליאנסקי אדער נאך א משולחת״.**

"מען שרייבט אונז פון פיטסבורג: שוין זייט צוויי חדשים אז ביי אונז אין פיטסבורג קאכט ווי אין א קעסעל, מאסליאנסקי דער פטיש החזק, דער הא־

www.libtool.com.cn

מער, דער קלאפער, דער מאכער, דער חכם, הכלל דער און דער — און דערוויל איז ער קיין נאר און שלעפט ארוים מאסען געלט פון די ארימע, אויסגעווייקטע אידעלאך, פערשלומפערטע אידענעס פיעל זיין הארץ גלוסט. ער פאלט אן אויף אונזערע סאציאליסטישע צייטונגען, שימפפט קארל מארקס, שעלט לאסאל און ענגעלס, סטראשעט מיט דעם גיהנום די ראדיקאלען, וועלכע לעזען די "צוקונפט", "אבענד בלאט" און "ארבייטער צייטונג", גיסט שוועבעל און פעך אויף דעם סאציאליזם מיט זיינע אנהענגער.

"הלואי וואלטען מיר וואס גיכער אויסגעלייזט געווארען פון אזעלכע היפאקריטען און גאט׳ס סטראפטשעס ווי מאסליאנסקי און זיין גלייכען."

איבערלעזענדיג די פאלשע, שמוציגע ווערטער, געדרוקט מיט "כתב אשורית" ווענען מיר אין א אידישער צייטונג, האט דאס מיך זעהר פיעל געערגערט, ווייל פופצעהן יאהר זיינען שוין דאן פערגאנגען זינט איך בין אויף דער אידישער בימה ארויף, און אויסער לויב־ווערטער און ערמוטיגונג האב איך פון דער אידישער פרעסע ניט געהאט, און פלוצלונג ווער איך אזוי בעליידיגט אפען מיט אזעלכע שקרים אין א צייטונג פאר טויזענדער אומשולדיגע לעזער, וועלכע וועלען עס נאאיוו אננעהמען פאר אן אמת.

נאך דעם ווי איך האב זיך מיישב געווען מיט מיינע בעסטע פריינד, האב איך גלייך אנגעשריבען א בריעף צום רעדאקטאר פון "אבענד בלאט", און צווישען מיינע אנדערע ווערטער האב איך איהם ערקלערט אז איך האב אין מיין לעבען ניט געקעמפפט געגען דער סאציאליסטישער אידעע און איהרע לעהרער, איך בין א תלמיד פון די אידישע נביאים עמוס, ישעיה און מיכה, וועלכע זיינען נאך מיין מיינונג נאך געווען די ערשטע און די גרעסטע קעמפפער פאר די אונטערדריקטע געגען זייערע אונטערדריקער, א. אז. וו.

מיט אכט טאג שפעטער איז ערשיענען מיין בריעף אין "אבענד בלאט" מיט דער בעמערקונג:

"עס טהוט אונז לייד, וואס דער קארעספאנדענט פון פיטסבורג האט אונז פאלש בעריכטעט, גערן גיבען מיר פלאץ צו הערר מאסליאנסקי׳ס ערקלערונג, אבער ער וועט דאך פארשטעהן, אז א רעדאקטאר איז ניט קיין גאט וואס ער זאל זיין "לית אתר פנוי מניה" און ער קאן א טעות מאכען ווי א געוועהנליכער בשר ודם.

"עס פרעהט אונז זעהר פון אייער אויפריכטיגער ערקלעהרונג, הערר מאסליאנסקי."

אט דא בין איך ארוים פון איין פייער און אריינגעפאלען אין צוויי גרע־

www.libtool.com.cn

סערע פייערען. פון מיין סאציאליסטישען פיינד האב איך זיך אליין אויסגע־היט און אריינגעפאלען צו מיינע פריינד, פון וועלכע גאט האט מיך אויסגעהיט:

די צוויי רעדאקטארען פון מיין גוטען אלטען פריינד׳ס רבי כתריאל צבי שרהזאהנ׳ס צייטונגען, דער "העברי" אין העברעאיש און דער "טאגעבלאט" אין אידיש, דער בעקאנטער העברעאישער עפיגראמיסט גרשון ראזענצווייג, דער רעדאקטאר פון "העברי" און דער פעהיגער זשורנאליסט יונה פאליי, דער רע־דאקטאר פון "טאגעבלאט", זיינען געוועזן מיינע בעסטע אינטימע פריינד, אבער אין זשורנאליזם איז ניטא קיין פריינדשאפט און דא האבען זיי, גלייך ווי זיי האבען נאר איבערגעלעזען מיין ערקלערונג אין מיין קליין בריוועלע צום "אבענד בלאט", געפונען דעם שעת הכושר צו פערפיהרען א גאנצע פאלעמיק וועגען דעם און זיי האבען מיך זעהר פיעל וועה געטהאן.

דער טאלאנטפאלער העברעער איז ארויס אין "העברי" מיט א פראגע:

**הלנו אתה, אם לצרינו ?**

"במה"ע "אבענד בלאט" כלי מבטאו של הסוציאליסתים בעירנו ראיתי מכתב גלוי מאת המטיף הלאומי ה. מאסליאנסקי, אשר בו הוא קושר כתרים להדעה הסוציאלית, ומתאים הוא עם הסוציאליסתים בדעות אך לא באמונות, ומאשר אנכי מאמין, כי נאציאנליזמוס לחוד וסוציאליזמוס לחוד, ואי אפשר לאדם אחד לעבוד שתי הרשויות האלה בשתוף, לכן באתי לשאול בזה את ה. מאסליאנסקי לענות נגד כל קוראי העברי מענה על שאלתי: הלנו אתה אם להסוציאליזמוס? למען נדע, ואולי מצא דרך ישרה לפשר בין שתי הדעות האלה ואנכי לא ידעתי!"

דער גרויסער זשורנאליסט פאליי איז ארויס מיט א סארקאסטישען עדיטא־ריעל אין "טאגעבלאט":

"צוויי ווילען געפעלען אלע פארטייען, פרעזידענט מעקינלי און רעווערענד מאסליאנסקי. דער אונטערשיעד פון די צוויי איז נאר דער: מעקינלי האלט אין איין שווייגען, וועהרענד רעווערענד מאסליאנסקי האלט אין איין רעדען!

"אז רעוו. מאסליאנסקי איז א פרומער איד, א נאציאנאליסט און א חובב ציון, איז בעקאנט פון זיין אייגענעם מויל, ווייל דיעזער בעגאבטער רעדנער פאהרט ארום איבער דער וועלט און פרעדיגט זיינע רעליגיעזע, נאציאנאלע און ציוניסטישע אידעען. יעצט איז אויך בעקאנט אז רעווערענד מאסליאנסקי איז א סאציאליסט גמור, ער האט דאס אליין געשריבען צו די סאציאליסטען מיט דעם נגון פון תחנון!

"א סאציאליסט און א נאציאנאליסט? א גלויביגער אין קארל מארקס און אין שולחן ערוך? אן אנהענגער פון דער רעוואלוציאנערער פראפאגאנדע און א מטיף פאר ציון און השארת הנפש? ווי גראמט זיך דאס צוזאמען?"

www.libtool.com.cn

די צוויי פיילען פון מיינע פריינד האבען געטראפען אין ציעל, די ארטאָ־דאקסישע אידען האבען אנגעפאנגען צו מורמלען. און איך האב אנגעפאנגען צו פיהלען זייער ווירקונג. זעהר א שטארקען ארטיקעל האב איך גלייך אין „העברי" אריינגעשריבען און אין צוויי וואכען צייט בין איך ווידער גע׳כשר׳ט געווארען אין דער אידישער פרעסע. דער „העברי" האט אפגעדרוקט מיין שטארקען אנטווארט און צו דעם איז נאך ארויסגעגאנגען מיין געלעהרטער פריינד, פראפעסאר ג. דייטש פון סינסינעטי, מיט צוויי ארטיקלען, איינער אין זיין דייטשער צייטונג „דבורה" אין דייטש, און דעם צווייטען אין העבראיש אין „העברי". ער האט גוט מכבד געווען די צוויי רעדאקטארען, וועלכע האבען צוליעב זייערע זשורנאליסטישע קאפריזען בעריהרט מיט אומרעכט זייער בעס־טען פריינד.

דער „טאגעבלאט" האט איבערגעדרוקט מיין אנטווארט מיט דער בעמער־קונג:

„מיר זיינען צופריעדען פון רבי מאסליאנסקי׳ס ערקלערונג. זיין בריעף אין „העברי" בעווייזט דאס ער איז ניט קיין סאציאליסט, און דאס ער פראָ־פאגאנדירט בלויז די אידעע פון אונזערע הייליגע נביאים צו בעשיצען דעם ארימען בערויבטען פון זיינע רויבער, און ער מיינט אז דאס טהוען אויך די אגיטאטארס פון ראטגערס סטריט. ער וויים אבער ניט, אז די ארבייטער־פריינדשאפט פון די אגיטאטארס איז נאר צו פערהארבען די מאראל, צו באַי־קאטירען דעם הימעל, צו העצען אידען געגען אידען, און ברענגען א בלוטיגע רעוואלוציע, וועלכע מוז זיך ענדיגען מיט א שרעקליכער אנארכיע.

„ניין, אזא סאציאליזמוס האט קיין נביא ניט געפרעדיגט און רבי מאס־ליאנסקי איז זיכער ניט מיט זיי. עס פרעהט אונז, דאס הערר מאסליאנסקי האט ערקלעהרט זיין שטעלונג און מיר ווייסען אז ער בעלאנגט אין גאנצען צום „דגל מחנה יהודה"."

מיינע פיטסבורגער הערער און פארעהרער האבען זעהר פיעל געטהאן צו לינדערען מיין עגמת נפש פון דער ווילדער פאלעמיק אין די צייטונגען. נאך צוויי חדשים גוטער גייסטיגער ארבייט האבען זיי זעהר א שעהנעם אוועגט גע־מאכט פאר מיר. זיי האבען מיר דערלאנגט א גאלדענעם מעדאל, אויף וועלכען עס זיינען געווען קינסטליך איינגעפאסט א זילבערנע שיסעלע און אין איהר צוויי גאלדענע עפעלאך און אויסגעקריצט דער פסוק: „תפוחי זהב במשכיות כסף דבר דבור על אפניו.

די אידעע איז געווען פון מיין אינטימען פריינד מר. משה רוביז, דער גו־טער העבראישער לעהרער.

איך האב זיך אומגעקעהרט צוריק נאך ניו יארק.

www.libtool.com.cn

## 49טער קאפיטעל.

איך זוך א היים פאר זיך און מיין פאמיליע מיר זאָלען שוין מעהר נישט דארפען אַנקומען צום וואנדערשטעקען. — פארנעהמען א שטעל אלס רב האָב איך נישט געוואָלט, ווייל די רבנים זיינען דערנידעריגט געוואָרען אין יענער צייט פון די עם־הארץ'ישע פרעזידענטען. — א רב און א פעינטער ווערען פארגליכען פון איינעם אזא פרעזידענט. — מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט דר. ראדין פון "היברו אינסטיטוט". — איך רעד אין אינסטיטוט פאר טויזענדער צוהערער.

נאָך שווערע פינף יאהר רייזע איבער רוסלאנד און די מערב אייראפּעאי־שע לענדער; נאָך די פערפאָלגונגען אויף מיר פון דער פינסטערער רוסישער פאָליציי; נאָך די ארעסטען און נערווען ערשיטערונג, האָב איך בעשטימט צו זוכען פאר מיר און מיין פאמיליע, וועלכע איז נאך אין רוסלאנד פערבליבען א מקום מנוחה, א בעשטימטע שטעלע איך זאָל קאָנען מיין וואנדער־שטעקען אוועקלעגען און לעבען א נארמאלען לעבען. איך האָב בערייזט די גרעסערע אידישע קהלות פון די פעראייניגטע שטאאטען, מאנכע פון זיי האָבען מיך געוואָלט פערהאלטען אויף אימער אלס רב ומטיף אין זייערע שוהלען. איך האָב אָבער טיעף אין מיין הארצען געפיהלט אז איך מוז אין ניו יארק פער־בלייבען, און אין דער גרויסער מאַדערנער אַלעקסאנדריע וועל איך געגוג ארבייט האָבען אויף דעם נאציאָנאלען באָדען, און וועל מיין פאָלק נוצען ברענגען און מיך און מיין פאמיליע ערנעהרען.

נאָר די פראגע איז געווען: אוואו? ווי אזוי? און ביי וועמען? איך האָב באזוכט איינינע שוהלען. די גרעסטע פון זיי, אינמיטען דער וואָך צו באקאָנען זיך מיט דער גייסטיגער ארבייט פון זייערע גייסטליכע, און עס האָט מיך אָפּ־געשטויסען. איך האָב געזאָגט אז איך האָב די שוהלען באזוכט, דאס איז אָבער ניט ריכטיג. די שוהלען קען מען אין מיטען דער וואָך אין דער גרויסער ניו יארק ניט באזוכען, ווייל זיי זיינען פשוט פערשלאָסען, נאָר אונטען אין די קעלערס, וועלכע מען רופט "בתי המדרש", קלייבען זיך אויף די עטליכע צעהנדליג אבלים, יאָהר־צייטען און סתם קדיש זאָגער, וועלכע ווערען באצאהלט אלס גע־דונגענע קדישים נאָך פרעמדע בר־מינן'ס, אלטע אפּגעלעבטע לייט, פון זייערע קינדער אָדער פון זייערע קרובים אויפגעהאלטענע, און פאר דעם סארט עולם האלט דער רב, אָדער דער מגיד זיינע דרשות טעגליך...

ניין! — האָב איך בעשלאָסען, די סארט ארבייט איז ניט פאר מיר, "לא לכך נוצרתי", איך בין ניט געבאָרען געוואָרען צו האלטען אפּגעלעבטע דרשות פאר אן אפּגעלעבטען עולם. מיין גייסט איז פול מיט לעבען און איך ברויך צו

www.libtool.com.cn

רעדען וועגען לעבען צו א לעבעדיגען עולם, וועלכער וויל לעבען און דייגקט פון לעבען...

איינמאל אין א באשטימטען פריה־מארגען בין איך אריין צופעליג צו א פרעזידענט פון איינער פון די גרויסע שוהלען אין ניו יארק. דער פרעזידענט מר. פ. זיצט זיך אין זיין מארגען ראק בעקוועם אין זיין שפייז צימער און טרינקט זיך געמיטהליך זיין קאפע; דער רב פון זיין שוהל זיצט אקעגען איהם און רעדט צו איהם מיט תחנונים:

"מר. פרעזידענט, איך האף אז איהר פערשטעהט גענוג צו שעצען מיין שווערע ארבייט. יעדען טאג מוז איך רעדען, שבת און זונטאג פולע דרשות פאר א פול־געפאקטער שוהל און יעדען טאג לערען איך "עין יעקב" אונטען אין "בית־המדרש" און פאר דעם באקום איך בלויז צוואנציג דאלאר וועכענטליך. מיין פאמיליע איז פון אכט פערזאן און עס איז אונמעגליך פאר מיר צו מא־כען א לעבען פון מיינע קליינע שכירות". איך בעט אייך, מר. פרעזידענט, ביי היינטיגען מיטינג זאלט איהר זיין אזוי גוט פארצולייגען פאר די דירעקטארען אז די שוהל זאל מיר מוסיף זיין נאך פינף דאלאר א וואך, און מיין פאמיליע און איך וועלען גאט בעטען פאר אייך".

דער מיסטער פרעזידענט זופט זיך רוהיג זיין קאפע און שמייכעלט. נאכהער איז ער רוהיג אויפגעשטאנען און איז ארוים אין דעם צווייטען צימער, אין וועלכען א פארבער האט געפארבט די ווענט. ער האט דעם פארבער געפיהרט צו אונז, און אנשטאט צו אנטווארטען דעם רב אויף זיין בקשה, האט ער אין אונזער געגענווארט געמאכט א געשפרעך מיט דעם ארימען פארבער:

זאג מיר נאר, יונגער מאן, וויפיעל שעה א טאג ארבייטסטו?"

"אכט שטונדען", — ענטפערט דער ארבייטער.

"וויפיעל באקומסטו וועכענטליך פאר דיין ארבייט?" — פרעגט דער פרעזידענט מיט א צופריעדענעם טאן.

"צוועלף דאלאר א וואך", — ענטפערט דער פארבער.

"זעהט רבי", — ווענדעט זיך דער מר. פרעזידענט צום רב, — בעטראכט נאר, א מאן ארבייט טעגליך אכט שטונדען און פערדינט בלויז צוועלף דאלאר א וואך און איז צופרידען, און איהר ארבייט בלויז איין אדער צוויי שטונדען א טאג און באקומט צוואנציג דאלאר וועכענטליך און איהר קלאגט זיך אז דאס איז פאר אייך ווייניג".

דער מיסטער פרעזידענט האט מיך דורכגעדרונגען מיט זיין בליק צו זעהן ווי ווייט איך בין צופרידען מיט זיין קלוגען ענטפער צו דעם רב.

www.libtool.com.cn

דער רב האט זיינע אויגען ארונטער געלאזען פון שאנדע און האט קיין ווארט ניט געענטפערט.

איך האב געפיהלט שרעקליך, צער און צארן, שאנד און ווייטאג האבען מיין בלוט אויפגעקאכט, בעטראכטענדיג ווי ווייט מיין פאלק איז דער נייער פרייער וועלט איז געזונקען, ווי ווייט די ווערטה פון זיין תורה איז נידעריג געפאלען, אז א פרעזידענט פון א גרויסער עדה אידען, וועלכע צעהלט הונדערטער חברים זאל זיין אזא נידעריגע פינסטערע בריאה, א געמיינע באשעפעניש, צו פערגלייכען זיין רב'ס גייסטיגע הייליגע ארבייט צו אן איינפאכער פיזישער ארבייט און צו מאכען א פאראלעל פון זיין רב מיט זיין פארבער און האט נאך שטאלצירט מיט זיין חכמה!

אבער ניט אויף דעם "פרנס" פרעזידענט, ברויך איך צו זיין אין כעס, ווייל ער איז געווען אן אנטלאפענער ניקאלאיעווסקער סאלדאט, ער האט בעסערס ניט געקאנט פערשטעהן, נאר אויף דער "קופה של שרצים", וועלכע זיינען הינטער איהם. וואס פאר א געמיינדע אזא פיהרער האבען זיי...

מיט הארץ־וועהטאג און שאנד בין איך ארויס פון דעם פרעזידענט'ס הויז, און פארטראכטערהייט האב איך געבלאנדזשעט איבער די גאסען און האב ביי זיך זעלבסט באשטימט ניט צו דענקען זאגאר וועגען נעהמען א שטעלע אין איינער פון די ניו יארקער שוהלען פאר כל הון דעלמא...

געהענדיג אין איסט בראדוויי לעבען דזשעפערסאן, האב איך זיך אינסטינקטיוו צוגעשטעלט און באטראכט די גרויסע געביידע פון דעם אמאליגען "היברו אינסטיטוט" און יעצטיגען "עדיוקיישאנאל אליענס". אזוי ווי מיין הארץ האט מיר געזאגט: דא אין דעם גרויסען אינסטיטוט וועסטו דיין גייסטיגע ארבייט טהאן פאר צעהנדליגער יאהר!"

ווי איך שטעה אזוי און באטראכט דעם אינסטיטוט, קומט מיר ארויס אנטקעגען דר. אדאלף ראדין, דער ראבינער פון דער פאלקס שול, וועלכע עקזיסטירט נאך היינט אויך אין עדיוקיישאנאל אליענס, און באגריסט מיך זעהר פריינדליך.

"איהר קאנט מיך ניט, אבער איך האב זעהר פיעל געלעזען איבער אייך און איך האב פערגעניגען געהאט צו הערען אייערע רעדען אין בית המדרש הגדול. מיין נאמען איז דר. אדאלף ראדין, איך בין געווען דער פריידיגער אין דעם גרויסען טעמפעל אין לאדז, יעצט בין איך דא אין דער פאלקס שול פון דער אינסטיטוט, מיר האבען דא געגרינדעט א פעראיין אונטער דעם נאמען "ראשיא; אמעריקאן־היברו־אסאסיאציאן" און אין דעם נאמען פון דער געזעלשאפט לאד איך אייך צו האלטען א רעדע אין דעם לאקאל".

איך האב געהערט פון דר. ראדין, ווען איך בין נאך אין לאדז געווען אלס

www.libtool.com.cn

א געלעהרטער און א טאלאנטפאלער רעדנער; איך האב גלייך זיין איינלאדונג אנגענומען און דאס איז געווען דער אנפאנג פון מיין קאריערע אלס שטענדיגער רעדנער אין עדיוקיישאנאל אלייענס.

דר. ראדין איז געווען א טיפ פאר זיך זעלבסט. ער איז געווען א מאן מיט א וואונדערבארען גוטען כאראקטער, עס איז ניט אריבער קיין איין טאג פון זיין לעבען, אז ער זאל אין איהם עטוואס ניט טהאן גוטס פאר וועמען עס איז, זעהר פיעל מענשען, אריבערקומענדיג פון יענער זייט ים, זיינען געהאלפען געווארען: אונטערשטיצונג, ארבייט, שטעלעס באקומען דורך זיינע רעקאמענ־דאציאנען. אימער איז ער גרייט געווען צו געהן, צו שרייבען, צו רעדען און צו ארבייטען פאר זיינע אריבערגעקומענע לאנדסלייט. איין חסרון איז אין איהם געווען, וואס ער איז דורך און דורך געווען דער משכיל פון מענדעלסאנ׳ס השכלה־טהעאריע. ער האט געגלויבט אין רעפארם, פארליעבט געווען אין דער דייטשער שפראך אויף אזוי ווייט, אז דא אין אמעריקא, אלס פרעדיגער צו רוסישע אידען, האט ער דייטש געשפראכען און צוליעב דעם האבען זיינע הע־רער איהם ניט גוט פערשטאנען און זיין באדייטונג אלס רעדנער איז אונטער־שעצט געווארען.

ער איז געווען דער אפיציעלער ראבינער פון דער שטאדט רעגיערונג אין די פריזאנס, פאר די ארעסטאנטען איז ער געווען ווי א פאטער. ער איז געווען דער פארמיטלער צווישען זיי און זייערע פאמיליעס, ער האט פערזיסט זייער לע־בען מיט וואס ער האט נור געקאנט.

איינמאל ביי א גרויסער מאסען־פערזאמלונג אין קופער יוניאן וועגען דער אימיגראציאנס פראגע אין דעם געגענווארט פון אלע רעגיערונג בעאמטע, וועל־כע זיינען געווען געגען אימיגראנטען, האט דר. ראדין געדונערט מיט זיין שטימע:

”ניט די אימיגראנטען פערדארבען די מאראל פון די אלטע בירגער, נאר די רייכע פארדארבענע פון די מיליאנערסקע קינדער, די לייזיג געהער, וועלכע לעבען פון די פעטע ירושות, זיי פערדארבען די מאראל פון די אריבערגעקומענע ארימע קינדער!”

דאמאלס, מיט פופצעהן יאהר צוריק, ווען דאס אמעריקאנער פאלק און די אמעריקאנער פרעסע זיינען נאך ניט געווען פערגיפטעט מיט שאוויניזם און אנטיסעמיטיזם ווי היינט, האבען זיי אויפגעכאפט דר. ראדין׳ס ווערטער מיט א שטארקען אפלאוז.

מיר זיינען שטארק בעפריינדעט געווארען און מיר זיינען צוזאמען 14 יאהר אויף איין פלאטפארם געשטאנען און געלעבט ווי ברידער.

די לעצטע יאהרען האב איך פון איהם פיעל נחת געהאט ווען איך האב

www.libtool.com.cn

אנגעפאנגען צו באמערקען אין איהם אן ענדערונג אין זיין נשמה, פון דעם קע־שענעווער פאגראם אין 1903 האט ער זיך שטופענווייז געענדערט אין זיינע מיינונגען. ער האט ביסלעכווייז ענטזאגט זיינע רעפארם אידעען און איז נאציאנאליסטיש געווארען, אזוי ווייט ביז ער איז געפאהרען צו איינעם פון די ציוניסטישע קאנגרעסען אין באזעל. דארט האט ער באקומען די השפעה פון דר. הערצל און דר. נארדוי, און איז א פאלקאמענער ציוניסט געווארען. ער האט ציוניסטישע פאסייעטים געגרינדעט, פלאמענדע ציוניסטישע רעדעס געהאלטען ביז דעם לעצטען טאג פון זיין לעבען אין דעם יאהר 1909. טויזענדער פון זיינע פערעהרער האבען איהם באגלייט צו זיין אייביגער רוה.

ווי א מאגנעטישע קראפט האט מיך געצויגען צו דעם "היברו־אינסטיטוט". איך האב פיעל מאל געדונגען דעם גרויסען אוידיטאריום פאר מיינע רעדען, וועלכע איך האב גערעדט פאר אינטריט געלט. אבער צו דיינקען אז איך זאל דארט אנגעשטעלט ווערען אויף שטענדיג פאר א בעשטימטען יעהרליכען גע־האלט, דאס איז געווען אונמעגליך, ווייל דער פרעזידענט מיט די דירעקטארען זיינען געווען נאך מעהר פון הונדערט פראצענטיגע אמעריקאנער, וועלכע האבען געווייכט פון א אידישע ווארט. אין די הודעות וועלכע עס זיינען געווען ארויסגעשטעלט אויף די ווענט וועגען די פערשיעדענע לעקטשורס, מיטינגס און פארשטעלונגען פון דעם אינסטיטוט, האט מען קיינמאל קיין אידישען ווארט ניט געזעהן, היינט ווי אזוי האב איך געקאנט האפען אז איך זאל אנגעשטעלט ווערען אימער אלס אידישער רעדנער?

די צייט ענדערט אלעס, די צייט ברעכט די אלטע פעסטונגען און באשאפט נייע, זי ענדערט אידעען און וועלט־אנשויאונגען, זי ברייגנט מענשען נייע קרעפטיגע צו באשאפען נייעס. אזא סארט מאן איז אנגעקומען פאר א די־רעקטאר אין דעם "היברו אינסטיטוט", וועלכער האט דאן געביטען זיין נאמען אויף "עדיוקיישאנאל אלייענס".

www.libtool.com.cn

## 50טער קאפיטעל.

דר. בלווישטיין, דער ערשטער דירעקטאָר פון עדיוקיישאָנאַל אַליייענס אויגצופיהרען אידישקייט אין דער אינסטיטוציע. — יעקב שיף, מארשאל און אנדערע אפּטאו־נער קומען הערען מיינע רעדעס אין עדיוקיישאָנאַל אַליייענס. — רעוו. יחס קלייבט חתימות און שטעלט זיי צו צום דירעקטאָרען באָארד פון אנשטאלט. — איך לייג פאָר מיין פּראָגראַם פאר מארשאַל'ן, וועלכע בעשטעהט אין דער אמעריקאַ־ניזירונג פון די עלטערען און דער אידישיזירונג פון די קינדער. — איך ווער אָנגעשטעלט אויף שטענדיג אין עדיוקיישאָנאַל אַליייענס.

איינער פון די גרעסטענע גלות קינדער פון רוסלאַנד, פון די ריכטיגע "בני עניים שמהם תצא תורה", איז געווען דר. דוד בלווישטיין, דער נייער דירעקטאָר פון עדיוקיישאָנאַל אַליייענס. ער איז געווען ערנסט און אויפריכטיג איבער־געגעבען צו זיין ארבייט אין אינסטיטוט. (איצט ווערט דער עדיוקיישאָנאַל אַליי־ענס געפיהרט פונ'ם פעהיגען, גוטען דירעקטאָר, דר. הענרי פליישמאַן, מיט וועמען איך בין שוין בייגאָהע 20 יאָהר צוזאמען און מיר ארבייטען הארמאָניש). איז געווען אידיש נאַציאָנאַליסטיש געזאָנען. געבוירען אין לידא נעבען ווילנא, געקראָגען א תלמודישע ערציהונג אין ישיבות ביז אכטצעהן יאָהר, נאכהער אין דייטשלאַנד שטודירט אידישע היסטאָריע און פילאָזאָפיע ביי דר. פייל־כענ־פעלד. אלס רוסישער איד האָט ער לאַנג ניט געקאָנט אין דייטשלאַנד בלייבען און אין 1886 איז ער געקומען נאָך אמעריקא און איז אריין אין הארוואַרד יוניווערזיטי צו פערפאָלקאָמען זיין שטודיום. ער האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט טויטע ביכער און מיט דער וויסענשאַפט. דאַס לעבען פון זיינע אימיגראַנטען ברידער האָט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט און דר. בלווישטיין האָט זיך מיט לייב און זעלע אריינגעוואָרפען אין דיעזען לעבען צו העלפען די עלענדע אין זייערע שטרעבונגען צו אמעריקאַניזירען זיך און אין דער זעלבער צייט צו בלייבען טריי צום אידישען פאָלק און זיינע טראַדיציאָנען. אין 1896 איז ער געוואָרען פּראָפעסאָר פון סעמיטישע שפּראַכען אין בראַון יוניווערזיטי אין פּראָווידענס רהאָוד איילאַנד.

שטודירענדיג אין האַרוואַרד, האָט ער זיך בעפריינדעט מיט מר. דזשעסי שטראָוס, דער זוהן פון דעם בעוואוסטען איזידאָר שטראָוס, דער גרינדער און פּרעזידענט פון עדיוקיישאָנאַל אַליייענס. דער יונגער שטראָוס האָט איהם פאָר־געשטעלט פאַר זיינע עלטערען, ביי וועמען ער האָט נושא חן געווען און אין 1898 איז דר. בלווישטיין אָנגעקומען אלס א סופּעראינטענדענט אין עדיוקיי־שאָנאַל אַליייענס.

www.libtool.com.cn

אין דעם אינסטיטוט האט ער געפונען פלאץ פאר זיין ארבייט נאך זיינע אידעאלען נאך. אונטער זיין פערוואלטונג איז דער אליינס געווארען א צענטער פאר די רוסישע אידישע אימיגראנטען, ווי פאר די יונגע, אזוי אויך פאר די אלטע און א בריק צו פערבינדען דעם דאון־טאון מיט דעם אפ־טאון. אדער ווי איך רוף זיי מיט דעם נאמען די "דרי מטה" מיט די "דרי מעלה".

ער איז נאך געווען מיט מיר בעפריינדעט פון באסטאן און גלייך ווי ער איז נאך ניו יארק געקומען, האט ער מיך איינגעלאדען צו געבען א סעריע לעקטשורס יעדען פרייטאג אווענט פאר צוויי מאנאטען צייט. צו די לעקטשורס האט ער אימער איינגעלאדען די בעאמטע פון דעם אינסטיטוט, דעם פרעזידענט איזידאר שטראוס, די דירעקטארען: פראפעסאר זעליגמאן, יעקב שיף, לואי מארשאל, שמואל גרינבוים און פיעלע אנדערע פון די אפטאונער דייטשע אידען. ניט אלע האבען מיך פערשטאנען און די יעניגע, וועלכע האבען מיך יא פערשטאנען, האבען אויך ניט אלעם פערשטאנען. אבער עס איז געווען גענוג פאר זיי צו פערשטעהן די נוצען וואס אזעלכע אידישע רעדען קאנען בריינגען דעם אידישען פובליקום. אויב זיי האבען ניט אלעם געהערט — דאס הייסט פערשטאנען, האבען זיי אבער גענוג געזעהן. זיי האבען געזעהן ווי דער האל ווערט אנגעפילט נאך מיט א שעה פאר דער לעקטשור, זיי האבען געזעהן אז די ביידע גאסען פון איסט בראדוויי און דזשעפערסאן ווערען אנגעפילט פון די מענשען וועלכע האבען שוין ניט געקענט אריינגעהן, און מען האט געמוזט פאליציי באנוצען אויף יעדען מאל צו האלטען ארדנונג. זיי האבען געזעהן א טויזענד קעפיגען עולם א בעצויבערטען, מיט אנגעשטעלטע אויגען און אויערען, נייגעריג איבער געגעבען צו הערען, לערנען און פערשטעהן; זיי האבען געזעהן ווי אין איין שטונדע צייט בייט זיך די שטימונג ביי דעם עולם, אט שטעהען זיי ערנסט מיט אן אומעט ביז טרערען און פלוצלונג ווערען זייערע געזיכטער שיינענדיג פון פרייד. זיי האבען געזעהן און געפיהלט די ליעבליכע בליקען פון די הערער אויף מיר, זיי האבען ווידער געזעהן ווי דער זעלבער האל איז געווען פוסט און טרויעריג ווען זייערע ענגלישע לעקטשורערס האבען גערעדט פאר דעם עולם. דאס אלעם האט זיי איבערציינגט אז צו דעם אידישען פובליקום מוז מען זיך מיט דער אידישער שפראך באנוצען.

מר. יעקב שיף האט זיך איינמאל אויסגעדריקט מיט גרוים צופריעדענהייט:

עס איז מערקווירדיג איך פערשטעה זעהר וועניג אידיש, אבער דעם הערר מאסליאנסקי פערשטעה איך פאלקאממען, ווען איך הער איהם און קוק אויף זיין פובליקום".

דר. בלוישטיין האט געפיהלט דעם סענטימענט פון די בעאמטע פון דעם עדיוקיישאנאל אליינס. די אידישע פרעסע האט זעהר פיעל געהאלפען איהם, אבער צו זיין גאר זיכער מיט זיין אונטערנעהמונג האט ער באמערקט פאר איינעם

www.libtool.com.cn

פון מיינע בעסטע איבערגעבענע פריינד, רעווערענד פיליפ יחם וועלכער איז אליין א גוטער רעדנער פון ערשטען ראנג, אן איידעלער איד, א גרויסער תלמיד חכם און אן איבערגעבענער עוסק בצרכי ציבור, און איהם געגעבען אן אנצוהער־רעניש אז עס וואלט געווען זעהר גוט אז הונדערטער חתומים פון מיינע הערער זאלען שרייבען א בקשה צו די פארשטעהער פון דעם אינסטיטוט אז זיי ווי־לען מיך האבען פאר א שטענדיגען אנגעשטעלטען אידישען רעדנער אין אליינעם.

מיין גוטער פריינד רעוו. יחם האט זיך ניט געפוילט. ער האט זיך ענערגיש צו דער ארבייט גענומען און אין צוויי וואכען צייט האט ער אפיציעל איבער־געגעבען צו דער פערוואלטונג א ביטע פון איינינע הונדערט חתומים.

דער דאקומענט האט געהאלפען צו פערזיגלען מיין שיקזאל צו פערבונדען ווערען מיט דעם עדיוקיישאנאל אליינעם פאר צעהנדליגער יאהרען ביז היינט.

דר. בלוישטיין האט מיר טעלעגראפירט צו הויז און גראטולירט אין דעם נאמען פון דעם פרעזידענט מיט די דירעקטארען אז איך בין אפיציעל אנגע־שטעלט אויף אימער אין זייער אינסטיטוט אלס אידישער רעדנער.

צו דעם פארזיצענדען פון דער "קאמיטע וועגען רעליגיאן און מאראל" אין עדיוקיישאנאל אליינעס, מר. לואיס מארשאל, בין איך איינגעלאדען גע־ווארען אויף איין אווענט, צו איהם אין זיין וואהנונג, צו בעשפרעכען וועגען מיין פראגראם פון מיינע רעדען אין עדיוקיישאנאל אליינעס.

מר. מארשאל איז דאן נאך גאר א יונגער מאן געווען, אבער זיין נאמען איז געווען גרויס און באוואוסט שוין ניט נאר אין ניו יארק, נאר אויך איבער גאנץ אמעריקא, ביי די אמעריקאנער אין דער קריסטליכער וועלט אלס בא־ריהמטער אדוואקאט און קאנסטיטוציאנעלער יוריסט, מיט וועמעס מיינונג רעכענען זיך די גרעסטע ריכטער פון לאנד און אין דער אידישער וועלט — אלס געלעהרטער ווארימער איד, קעמפפער פאר אידישע רעכט און א כלל־טוהער פון דעם ערשטען ראנג.

ער האט מיך עמפפאנגען זעהר פריינדליך אין זיין גרויסער ביבליאטעק־צימער. צוויי שטונדע צייט האבען מיר פערבראכט וועגען אידען און זייער לאגע אין פערשיעדענע לענדער. באזונדערס האט ער זיך פאראינטערעסירט ווען איך האב איהם איבערגעגעבען פון דעם טרויעריגען אידישען לעבען אין דער פינס־טערער רוסלאנד. איך האב געזעהן פאר זיך א גרויסען מאן און נאך א גרעסערען אידען מיט א הייסער אידישער הארץ און מיט א ליבטיגען פארשטאנד פול מיט וויסען אין דער אידישער געשיכטע און ליטעראטור. זיין פארשטענדניס אין העברעאיש איז ווייניג, אבער אידיש לעזט ער פריי און אינטערעסירט זיך מיט דעם אידישען ווארט און רעדט און שרייבט אידיש ווען ער ברויכט.

א פעסטער כאראקטער, א גאונישער פארשטאנד און אין דער זעלבער צייט

www.libtool.com.cn

א סענטימענטאלע גוטע הארץ פול מיט פאטעטישע געפיהלען האב איך געפונען אין דעם גרויסען אמעריקאנעם אידען.

איך האב פארגעלייגט פאר מר. מארשאל מיין פראגראם גאנץ קורץ:

„אויף דעם „עדיוקיישאנאל אליינעס" ליגט א הייליגע פליכט צו טהאן א טאפעלע ארבייט: אלס אמעריקאנער בירגער מוזען מיר ווי ווייט מעגליך אונזערע פרישע אריבערגעקומענע בירגער אמעריקא־ניזירען, דאס הייסט בארוהיגען זייערע נערווען, וועלכע זיינען נעביך צורייצט געווארען פון אונטערהדריקונג פון די פינסטערע לענדער, פון וועלכע זיי האבען זיך גערעטעט. אראפצואווארפען פון זיי דעם גלות שטויב, זיי זאלען פיהלען אז זיי זיינען דא פרייע בירגער אין א פרייען לאנד און זיי זאלען זיך באנוצען מיט דער ברכה פון דער פרייהייט צו לעבען שעהן, ריין, זויבער און רוהיג ווי א פרייער ביר־גער ברויכט צו לעבען. און אלס אידען מוזען מיר זעהן מיט אלע מעג־ליכקייטען צו פארהיטען זיין אידישע נשמה מיט זיין טראדיציאן, פאר וועלכער ער האט געקעמפפט טויזענדער יאהר אין זיין וואנדערען איבער דער גאנצער וועלט, ווייל ער וועט קיינמאל ניט זיין קיין גוטער אמעריקאנער ווען ער וועט זיין אידישקייט פערלירען. זייערע נשמות און זייערע וועגען און מאראל, יושר און רחמנות ברויכט מען ניט אמעריקאניזירען, ווייל זיי שטעהען אויף די העכסטע עטישע פרינ־ציפען פון תורת משה, די ווילנער, באדרדיטשעווער און ביאליסטאקער נשמות האבען ניט וואס צו לערנען פון ניו יארקער און סאן פראנ־ציסקא׳ער נשמות; ניט קיין עטיק פעהלט זיי, נאר אביסעלע עסטע־טיק, אויסערליכען טאקט און דרך ארץ, וועלכע אין זייערע אלטע היי־מען האבען זיי ניט געהאט פון וועמען צו לערנען.

„מיר מוזען אמעריקאניזירען די עלטערע גופים און אידישיזירען די יונגע נשמות, און דאס איז דער אמת׳ער זין פון אליהו הנביא׳ס מיסיאן „להשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם" — צוזאמענ־בינדען די צוויי דורות".

מר. מארשאל האט אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט מיט מיין פראגראם. פאר מיין אפשייד האב איך זיך געווענדעט צו איהם מיט די ווערטער:

„מר. מארשאל, אום עס זאל ניט פארקומען צווישען אונז קיין אומפער־שטענדליכקייט, וויל איך בעטאנען דעם פונקט:

דער עדיוקיישאנאל אליינעס האט דאס רעכט צו אויפמערקזאם מא־כען א געגענשטאנד וועגען וועלכען איך זאל איהם באהאנדלען אין מיינע רעדען, אבער דער עדיוקיישאנאל אליינעס האט קיינמאל **ניט** דאס רעכט צו דיקטירען מיר וואס **ניט** צו רעדען.

www.libtool.com.cn

מר. מארשאל האט מיך גוט פערשטאנען, ער האט זיך מיט מיר זעהר ליעבליך צוזעגענט, ער האט מיר גליק געוואונשען. און אט אונטער דער פראג־ראם ארבייט איך מיין ארבייט עד היום הזה, און קיינער האט מיר קיינמאל נישט געשטערט אין מיין פראפאגאנדע פאר ציוניזם, נאציאנאליזם און טראַ־דיציאן.

אויף מארגען האט די אידישע פרעסע גראטולירט דעם עדיוקיישאנאל אליענס און מיך און מיין שטעלע איז באשטעטיגט געווארען.

און אין נאמען פון דעם עדיוקיישאנאל אליענס האב איך מיט געהאלפען די אלע גרויסע אידישע ניו יארקער אינסטיטוציאנען, די פארשיידענע האספיטע־לער, הכנסת אורחים, בתי מושב זקנים, ישיבות, בתי היתומים, תלמוד תורות שוהלען, דעי נוירהסערים, גמילות חסדים אין דער תקופה פון זייער ענטוויקלונג, זאגאר דעם עדת ישראל האב איך מיט מיה פיעל געשטיצט, אבער ווי זיי ענט־וויקלען זיך, דאן אמעריקאניזירען זיי זיך און פאנגען אן ניט צו פערשטעהן קיין אידיש און לאדען צו זייערע יעהרליכע מיטינגען בלויז די געוועזענע אלדערמען און די צוקינפטיגע אסעמבלימען.

זאל זיי אלעמען דער בורא ניב שפתים מוחל זיין.

www.libtool.com.cn

# 51טער קאפיטעל.

פון ״בעל פה״ ווילט זיך מיר איבערגעהן צו ״שבכתב״ און איך פאנג אָן ארויסצוגעבען די צייטונג ״די אידישע וועלט״ מיט דער אונטערשטיצונג פון די אפטאונער אידען. — די קאָנקורענץ פון די אנדערע צייטונגען, די זלזולים וואָס איין צייטונג גיסט אויס אויף דער צווייטער, קאָסטען מיך א סך געזונט. — ר׳ יעקב סאפירשטיין, וועלכער האָט דאמאָלסט ארויסגעגעבען דעם ״אבענד-פּאָסט״, קומט צו מיר אין אָפיס און רופט מיך אויף א שפּאציר, כאָטש אין מיין צייטונג איז מען שטארק אָנגעפאלען אויף איהם. — דער מערקווירדיגער טיפּ פונ׳ם פערשטאָרבענעם ארויסגעבער פון ״מאָרגען זשורנאל״. — אפּטאון קען ניט אויסקומען מיט דאונטאון און ״די אידישע וועלט״ הערט אויף צו ערשיינען.

---

עס איז אָנגענומען ביי דעם עולם, דאָס הייסט ביי די געוועהנליכע פּשוט׳ע אידען, אז ״תורה שבכתב״ איז געווען פריהער פון ״תורה של בעל פה״. אָבער באמת איז דאָס א טעות, ווייל פאר מתן תורה איז שוין געווען א גאנצע טראדי־ציאָן וועלכע איז איבערגעגאנגען בירושה פון דור צו דור, פון אברהם׳ן ביז משה׳ן. דאָס איז געווען נאכהער מיט די משניות, וועלכע האבען פריהער געלעבט אין פאָלק נאָך פון שמעיה ואבטליון אויסווייניג, ״בעל פה״. זיי האבען זיך ענטווי־קעלט ביז רבי יהודה הנשיא, וועלכער האט זיי אין אָרדנונג געבראכט שריפטליך — בכתב.

נאָך צוואנציג יאָהר ארבייטען מיט מיין רעדענס קראפט — ״בעל־פה״, האָב איך גערעכענט אז די צייט איז שוין געקומען צו אָנפאנגען ארבייטען ״בכתב״, דאָס הייסט אנשטאָט צו רעדען צו הונדערטער הערער, וועל איך בעסער ארויסגעבען א צייטונג, דורך וועלכער איך וועל קאָנען פּראָפּאגאנדירען צו טויזענדע לעזער.

געטראכט און געטהאָן. אין דעם יאָהר 1902 האָב איך ארויסגעגעבען א גרויסע צייטונג אין אידיש און אין ענגליש מיט דעם נאָמען ״די אידישע וועלט״, מיט דער הילף פון מיין פריינד דר. דוד בלוישטיין, וועלכער האט מיך מיט מיינע דאון־טאונער שותפים, מר. ישראל וואָלף, מר. ברוידא און מיין שוויגער־זאָהן פנחס טורבערג פערבונדען אין א קאָרפּאָריישאָן מיט די גרויסע אפּטאונער יהודים, ווי לואי מארשאל, פרידריך שטיין, סיירום סולצבערגער, אונטער דעם נאָמען ״לבנון פּרינטינג קאָמפּאני״.

קיין געלט האָט אונז ניט געפעהלט, מיר האבען גלייך אָבגעקויפט אין 9 ראָטגערס סטריט דעם פּלענט פון דער סאָציאליסטישער ״אבענד בלאַט״. מיר האבען אנגאזשירט א סטעף פון די בעסטע שרייבער, וועלכע מיר האבען דאָן

www.libtool.com.cn

געקענט באקומען. אלס רעדאקטאר האבען מיר באשטימט דעם מר. בוקאנסקי ״בן פורת״, דער געוועזענער רעדאקטאר פון דעם ״אידישען העראלד״ און דעם וועכענטליכען ״פאלקס אדוואקאט״. זיינע מיטהעלפער זיינען געווען: מר. טאנענבוים, פיליפ קראנץ, דער פאעט מאריס ראזענפעלד, מ. קאטץ, א. פרומקין, דער העברעאישער פאעט מ. מ. דאליצקי, הערמאלין, מר. ציוני, מר. קארענבליטה. אויסער וועכענטליכע ביטראגע, פעליטאנען און פאעזי פון מר. לעאן זאלאטקאף — ״זקף גדול״ און דער פילאזאפישער פאעט בלומגארטען ״יהואש״ פון דענווער. די ענגלישע אפטהיילונג איז רעדאקטירט געווארען פון דעם בעוואוסטען ענגליש־אידישען געלעהרטען דזשאזעף דזשייקאבס מיט די הילף פון זיין סטעף יעקב דע האז, דער געוועזענער סעקרעטער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן און י. בריל, דער יעצטיגער רעדאקטאר אין ״טאגעבלאט״ פון דער ענגלישער אפטיילונג.

מר. דזשאזעף דזשייקאבס איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט א וויסענשאפטליכע סטאטיסטיק דעמאלט געמאכט אין דער ״אידישער וועלט״ פון דער צאהל אידען אין די פעראייניגטע שטאאטען. ער האט איבערצייגט אז אין אמעריקא איז דאן בלויז געווען אידישע נפשות ביז זעקס הונדערט טויזענד. זיינע עדיטאריעלס האבען איהם פערשאפט א נאמען אין דער ענגלישער פרעסע, וועלכע האט זיך גערעכענט מיט זיינע מיינונגען.

די ״אידישע וועלט״ האט זיך ערווארבען א גרויסען נאמען אלס א ריינע ליטערארישע און אין דער זעלבער צייט זעהר אינטערעסאנטע, פול טאקט און געשמאק צייטונג. זי איז געווען די ערשטע, וועלכע האט ערנסט און אויפריכטיג פראפאגאנדירט דעם נאציאנאלען געדאנק אין דער איבערגאנגס עפאכע פון ״חבת ציון״ צום ציוניזם. זי איז געווען די ערשטע וועלכע האט געעפענט פריי א קאלום פאר די נדבות צום ״נאציאנאל פאנד״ און האט געגעבען די ערשטע ריינע איבערזעצונג פון דר. הערצל׳ס ״אלט־נײלאנד״.

ערצעהלער, ראמאנען־שרייבער האט זי געהאט די צוויי בעסטע פון יענער צייט, מר. נחום מאיר שייקעוויטש און מר. זייפערט, אויסער קליינע סקיצען פון באוואוסטע טאלאנטען פון יענער זייט ים ווי בערשאדסקי און אנדערע. א ביבליאגראפישע קראפט, וועלכע איז גאר ניט אפצושאצען פאר אזא גרויסער טעגליכער צייטונג, האט זי געהאט אין מיין שוויגערזאהן, מר. פנחס טורבערג, וועלכער באזיצט אן אונגעהייערע בקיאות און א שארפען קריטישען בליק אין דער העברעאישער און אידישער ליטעראטור.

מיט שטאלץ קאן איך זאגען אז די ״אידישע וועלט״ האט אויפגעהויבען דעם שטאנד פון די אידישע שרייבער מיט א בעדייטענד העכערען געהאלט פאר זייער ארבייט און מיט דער פריינדליכער און ברידערליכער בעציהונג פון די שרייבער מיט די ארויסגעבער איינע צו די אנדערע. צו באוואונדערען איז געווען אז אין דעם סטעף האבען זיך געפונען מענשען מיט פארשיידענע עקסטרעמע

www.libtool.com.cn

אידעען, א טהייל פון זיי איבערגעגעבענע נאציאנאליסטען און א טהייל פון די עקסטרעמע לינקע ראדיקאלען, וועלכע האבען געארבייט פריהער אין דעם סאציאליסטישען "אבענד בלאט". זיי זיינען געוועזן איינע פון די אנדערע זעהר ווייט, אין זייערע מיינונגען און וועלט אנשויאונגען, אבער ווען זיי זיינען צו־זאמען געוועזן אין רעדאקציאן, האט א פריינדליכע אטמאספערע זיי אלעמען באהערשט און אלע צוזאמען האבען זיי געארבייט געטריי פאר דער צייטונג.

זעהר אינטערעסאנט איז געווען ווען איך בין אמאל אין מיין אפיס געזעסען פארנאכט ווען די ארבייטס שטונדען האבען זיך געענדיגט. דער גאנצער סטעף האט שוין פערלאזען די רעדאקציאן, אויסער צוויי פון די לינקע, מר. ק. און מר. פ., זיינען געזעסען אין דעם צווייטען צימער פון מיין אפיס, און זיי האבען צווישען זיך א געשפרעך געהאט וועגען מיר, ניט וויסענדיג אז איך בין ביי מיין דעסק.

"איך פרעג אייך מר. פ. — זאגט מר. ק., — וואס האבען מיר געהאט צו מר. מ.? ווארום האבען מיר געווארפען שמוץ אויף איהם ווען מיר האבען אין "אבענד בלאט" געארבייט? מיר ארבייטען מיט איהם שוין דעם צווייטען יאהר, און מעהר ווי גוטעס האבען מיר אין איהם ניט באמערקט. ווי רעש'יג ער איז אויף זיין בימה, אזוי רוהיג, שטיל און באשיידען, מילד און גוט־הערציג איז ער דא מיט אונז אין רעדאקציאן. איך צומווייניגסטענס האב נאך פון איהם קיין בייז ווארט ניט געהערט אויף קיינעם..."

"יא — ענטפערט איהם מר. פ. — דאס איז דער אומגליק פון דער צוטיילעניש פון די קלייזלאך, פון דער צושפליטערונג פון די אידעען־טרעגער, די פאראורטהיילע זיינען אזוי פערשארפט, און דער פאנאטיזם אזוי ווילד, אז יעדערער פון זיין קלייזעל מיינט און דיינקט אז נאר זיינע זינונגס־גענאסען זייען מענשען, און די יעניגע וועלכע געהערען ניט צו זיין פארטיי, זיינען אומ־מענשען; הלואי וואלטען איינע די אנדערע מעהרער קענען, דאן וואלטען די דומע איבערטרייבונגען און די פאראורטהיילע פארשוואונדען ווערען און מיר וואלטען לעבען אין א פיעל בעסערע וועלט ווי היינט".

דעם געשפרעך האבען זיי ביידע הארציג געענדעט מיט דעם טאן פון "אבל אשמים אנחנו!"

זעלבסטפערשטענדליך אז די "אידישע וועלט" איז געווען א שטארקע קאנקורענץ צו די עלטערע אידישע צייטונגען. עס איז געווען ניט אנגענעהם פאר זיי צו זעהן איהר ערפאלג. אלע געשעפטען האבען קאנקורענץ, יעדערער איז זיין פאך, און זיי קעמפפען איינער געגען דעם צווייטען, אבער זייער קאמפף איז א רוהיגער. זייטיגע מענשען פיהלען דאס ניט. ניט אזוי איז ווען עס ברעכט אויס א קאנקורענץ צווישען צייטונגען, דאן שפארט ער ארויס מיט אמאל אין גאס פאר טויזענדער טויזענדער מענשען. געוועט מיט וואס צו שלאגען דעם

www.libtool.com.cn

צווייטען אָדער צו בעשיצען זיך פון דעם צווייטען האָבען זיי געננוג. די מיט־ארבייטער, די שרייבער פון יעדער צייטונג שארפען אָן זייערע פעדערם און פאַלען מיט ליידענשאפט אין קאמפף אריין. זיי ווארטען אָט די חברה פעז־העלדען אויף אזא זעלטענעם צופאל, אז זיי זאָלען קאָנען שיסען זייערע פיילען און מאנכעס־מאָל נאָך שטארק פערגיפטעטע אין דעם צווייטענס לאגער אריין. ווארים ווען קאָנען זיי קריגען אזא סענסאציאָן ארויסצוגעהן אויף דעם גייסטיגען שלאכט־פעלד און שטורעמען פעסטונגען פאר א נייגעריגען עולם? די ארויסגעבער וואָלטען אפשר זיך אביסעלע איינגעהאלטען, אָבער פוטר מים ראשית מדון, עס איז שווער אָפּצוהאלטען דעם פליסענדען קוואל ווען ער עפענט זיך אויף איין מאָל און געהט ארוים פון זיינע ברעגען.

טאָג־טעגליך ווערט דער קאמפף שטארקער און שארפער. די צירקולאציאָן שטארקט זיך אין קריעג צייט, ווייל די לעזער פון איין צייטונג פאנגען אָן צו לעזען די צווייטע אויך אום צו וויסען וואָס זאָגט יענער. אָט אזוי איז שוין ליידער דעם מענשען׳ם נאטור צו פערגעניגען האָבען פון דעם צווייטענס באַליידיגונג. און ווער האָט דעם כח צו באליידיגען ווי איין צייטונג די צווייטע?

איך, אלם פרישער ערשט־געבאָרענער פאָבלישער, וועלכער איז געוואָהנט געוואָרען שוין צעהנדליגער יאָהרען צו שטעלען זיך פאר דעם עולם מיט רעס־פעקט מיט דעם אייגענעם מויל, מיט "בעל פה" ארבייט, האָב איך זיך שטארק צום הארצען גענומען ווען דער שיקזאל האָט מיך איבערגעשטעלט צו "בכתב" ארבייט און נאָך דורך פרעמדע פעדערם און גיפטיגע דערצו. איך האָב פשוט ניט געקאָנט פערטראָגען יעדען טאָג די שטונדע פון עלף ביז צוועלף, ווען איך פלעג מוזען איבערלעזען די לעצטע קאָרעקטור פון בלאט, וועלכער מוז גלייך געהן צום פרעס, זעהענדיג די זלזולים מיט גיפטיגע אויסדריקען געגען מיינע געוועזענע טרייע פריינד, מיט וועלכע איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען קיין וואָרט אויף א וואָרט ניט איבערגעביטען. ניט איינמאָל האָב איך גאנצע קאָלומס אויסגעמעקט. שטיקער איבערגעשריבען, און דאָס הער איך מען שרייט: "די פרעס ווארט!" "עס איז שוין שפעט!" איך האָב זיך געווענדעט צו מיין קליינער ארמיי מיט א געבעט זיי זאָלען זיין מילדער, ווייכער, אָנשטענדיגער אין זייערע אויסדריקען. אָבער דעם אנטוואָרט האָב איך באקומען אימער דעם זעלביגען: זיי דערלאנגען מיר די נעכטיגע צייטונגען פון מיינע קאָנקורענטען מיט בערג אומגעלומפערטע זלזולים און זידלערייען געגען מיר און איך האָב געמוזט שווייגען און ליידען...

איינמאָל בין איך נאָך שיקאגאָ אוועקגעפאָהרען און קומענדיג צוריק, האָב איך געפונען עטוואָס שרעקליכעס. דער "וואולקאן־פּאָעט" האָט זיך א טרייסעל געגעבען און האָט אזוי ווי פון א קראטער א לאווא ארויסגעפּלייצט אויף מיינעם א געוועזענעם אמת׳ן פריינד, א פּאָבלישער פון א טעגליכער צייטונג.

www.libtool.com.cn

איך בין געוואָרען זעהר אומרוהיג זיצענדיג צוטראָגען און פאראומערט אין מיין אפים ביז שפעט אין אָווענט.

צעהן אוהר, איך זיץ איינער אליין, די טהיר עפענט זיך, און שטעלט איך פאר ווי ערשטוינט איך בין געוואָרען, ווען איך האָב דערזעהן מיין בלוטיגען שונא מר. יעקב סאפירשטיין, דעם ארויסגעבער פון "אבענד פּאָסט" שטעהט פאר מיר מיט זיין שעהנעם ליעבליכען שמייכעל זעהר פריינדליך, קוקט מיר גלייך אין די אויגען, און שאָקעלט צו מיט זיין קאָפּ. איך בין ווי צומישט געוואָרען, ניט גלויבענדיג אז דאָס איז ניט קיין חלום.

"זיצט, מר. סאפירשטיין, איך שעהם זיך פשוט אייך קוקען אין די אויגען, באזונדערס נאָך היינטיגען אנפאל אויף אייך אין די "אידישע וועלט", נאָר גלויבט מיר אז איך בין נאָר וואָס פון שיקאגא געקומען..." ער האָט מיך אומגעארעמט, האָט מיך ניט געלאָזען ענדיגען און האָט צו מיר שנעל און פליסיג א זאָג געטהאָן ווי זיין שטייגער איז געווען:

"ווי איך זעה זייט איהר נאָך דער זעלבער גרינער ווי איהר זייט נאָר וואָס פון שיף ארונטער, איהר נעהמט זיך צום הארצען פון נארישע קלייניגקייטען. זעהט, לערנט זיך פון אן עלטערען פּאָבלישער. איך האָב דוקא נעכטען פארגע־ניגען געהאט ווען מען האָט אייך ארומגעוואָשען ביי מיר אין "אבענד פּאָסט" און איך האָב זיך צוגעגרייט אויף היינטיגען כיבוד וועלכען אייערע חברה האָבען מיר דערלאנגט היינט ביי אייך אין דער "אידישער וועלט". איך קוק אויף דער גאנצער שמוציגער פּאָלעמיקע פון דער בחינה "יקומו נא הנערים ויצחקו לפנינו!" זאָלען זיי זיך שפּילען די חברה, דאָס ברייננגט מעהר לעבען!"

"דער טאָג מיט זיינע צאנקערייי איז אוועק, יעצט איז א שעהנער אנגענעה־מער אָווענט, קומט לאָמיר אביסעל שפּאצירען און דורכלופטערען אונזערע פערטשאדעטע קעפּ.

איך בין גלייך אוועק געארימט מיט מיין "שרעקליכען פיינד", איך האָב פיעל געלערנט פון דעם קלוגען פּראקטישען געשעפטסמאן אז צופיעל נאאיווי־טעט ברייננגט ניט קיין גוטס. מען מוז גאר אנדערש קוקען אויף דעם לעבען...

און מר. סאפירשטיין איז ווירקליך געווען א מערקווירדיגער טיפּ, א מענש פול מיט לעבענסלוסט, מוטה, מיט ענערגיע; אויבערפלעכליך איז ער אויסגע־קומען בייז, אויפגערעגט, אבער די, וועלכע האָבען איהם גוט קאָנען געלערנט, האָבען געפונען אין איהם א זעלטענעם גוטמוטהיגען כאראקטער. ער האָט זיך אימער אינטערעסירט אין דעם צווייטענס לאגע ווי אין זיין אייגענער און ניט אומזיסט האָבען איהם זיינע אלע ארבייטער געליעבט און רעספּעקטירט ווי א אייגענעם פאָטער און זיי האָבען אלע ערנסט באקלאָגט זיין פריהצייטיגען טויט

www.libtool.com.cn

און זיין ערואינערונג לעבט נאך היינט טיעף אין די הערצער פון זיינע בעקאנטע און פערוואנדטע.

די "אידישע וועלט" האט מעהר ניט עקזיסטירט ווי צוויי און א האלב יאהר. די צוויי עלעמענטען פון דאון־טאון און אפ־טאון האבען ניט געקענט שטימען אין דער "פאליסי" פון דער צייטונג. און איך מוז אפען בעשטעהן אז אין איהר אונטערגאנג האב איך אויך א טהייל מיט מיינע קליינע פעהיגקייטען צו פערשטארקען די "הכנסה" איבער דער הוצאה...

טויזענדער דאלאר מיט א היבש ביסעל געזונד האב איך צוגעלייגט צו דער "אידישער וועלט", איך האב געמוזט אויפגעבען די "בכתב" ארבייט, און ווידער נעהמען זיך מיט פרישקייט צו מיין ארבייט "בעל פה".

## 52טער קאפיטעל

באסטאן, די אלטע אמעריקאנער שטאדט מיט איהרע קרום־קוילעכדיגע גאסען. — איך האלט א לעקטשור פאר די סטודענטען פון הארווארד יוניווערסיטי און דער פראפעסאר פון סעמיטישע שפראכען רעדט צו מיר העברעאיש. — באסטאן איז צו יענער צייט געווען אן אמת־אידישע שטאדט מיט חדרים, שוהלען און חברות. — די חברה כרם־ישראל און איהר גרינדער מר. ריינהארץ.

די "אתונא" פון אמעריקא — באסטאן, מאסס. — איז מיר שטענדיג אין זינען געלעגען נאך ווען איך בין אין רוסלאנד געווען א "קורא יקר" פון "המליץ" און "הצפירה". ווען זייערע קארעספאנדענטען פלעגען שרייבען זייערע געפלי־געלטע בעריכטען אין דער אפטיילונג "מחוץ לארצנו". ווען זיי האבען נאר באס־טאן דערמאהנט, פלעגען זיי גלייך צוגעבען איהר דעם שבח, אז זיא איז דיא "אתונא" פון אמעריקא. דאס הייסט ניט חלילה פון די אימיגראנטען, אידען, איטאליענער און פאליאקען, וועלכע וואהנען אין א גרויסער צאהל אין באסטאן, נאר פון די אלטע יענקים, די אייניקלעך פון די פוריטאנער, די פילגרימס, ווע־מען די נויטה האט פון ענגלאנד ארויסגעריסען, איבער דעם אטלאנטיק אריבער־געטראגען, און זיי זיינען געווען די בויער פון די ניו ענגלאנד שטאאטען. באסטאן שטעהט בראש פון זיי און זי האט אין דער יונגער אמעריקאנער ליטעראטור בע־קומען דעם אלטען טיטעל פון דער אלטער הויפט שטאדט — אתונא פון גריע־כענלאנד.

באסטאן רעכענט זיך פאר איינע פון די עלטסטע שטעדט אין די פעראיי־ניגטע שטאאטען, זי איז דאס וויגעלע פון די אמעריקאנער בעפרייאונגס בעווע־

www.libtool.com.cn

גונג פון דעם בריטישען יאך. עד היום שטעהען נאך די היסטארישע געביידען, אין וועלכע די גרויסע פאלקס־מיטינגען פון די קאלאניסטען האבען זיך צוזאמענגעקליעבען מיט מסירות־נפש פאר דעם פרייהייטס־אידעאל געגען די ענגלישע גאווערנארס, וועלכע האבען זיי אונטערדריקט. דאס אויסגעשריי "פרייהייט אדער טויט!" האט נאך זיין עכא ניט אנגעווארען אין דעם היסטארישען "פעניואל האל" און זיין גלייכען, אין וועלכע עס האבען זיך אפגעשפיעלט די ערשטע דראמאטישע רעוואלוציאנערע סצענעס.

די אלטע שטאדט באסטאן שמעקט אביסעל מיט אלטקייט געגען אנדערע שטעדט פון איהר גלייכען מיט דער ארכיטעקטור פון איהרע אלטע געביידען, מיט איהרע שמאלע געדרעהטע כמעט קייליכיגע גאסען, אין וועלכע א פרעמדער קען ניט געפינען קיין אנהויב און קיין סוף. זיי דרעהען זיך קיילעכדיג און שליינגלען זיך אריין איינע אין די אנדערע, ווי אויפגעדרעהטע שלאנגען. אין דער קבלה שפראך איז דאס "סופו נעוץ בתחילתו", דער סוף איז אריינגעשפארט אין דעם אנפאנג, דער סימבאל פון אייביגקייט, אונענדליכקייט.

א פאקט קען איך איבערגעבען פון זיך זעלבסט.

איין מאל, איידער איך בין געגאנגען א רעדע האלטען אין דער גרויסער באלדווין פליים שול, און איינגעשטאנען בין איך ניט ווייט פון דער דאזיגער שול, האב איך אויף א שטונדע צייט א שפאציער גענומען איבער דער גאס, וועלכע געהט אוועק ווייט פון דער שול צו מערב זייט. ניט וויסענדיג וואוהין דאס גאס פיהרט, האב איך ביי זיך גערעכענט, איך וועל א האלבע שטונדע צייט געהן, נאכהער וועל איך זיך אומקעהרען, וועל איך קומען פינקטליך צו דער צייט. שטעלט אייך פאר, אז איך האב זיך פערטראכט אין דעם אינהאלט פון מיין רעדע און אנשטאט א האלבע שטונדע בין איך א גאנצע שטונדע געגאנגען און, ווען איך האב זיך ארומגעזעהן, בין איך אונרוהיג געווארען, וויסענדיג, אז דער עולם ווארט שוין אויף מיר. און פינקטליכקייט איז ביי מיר איינער פון דיא גרעסטע פרינציפען אין לעבען; איך האב זיך אפגעשטעלט, צוגערופען א פור — קיין אויטאמאבילס זיינען נאך דאמאלסט ניט געווען — דער אידישער פוהרמאן פרעגט מיך "וואוהין?"

"צו באלדווין פליים שול", ענטפער איך איהם.

"ווי עס ווייזט אויס, זייט איהר נאך א גרינהארן, איהר שטעהט ביי א טייך און פרעגט זיך וואו נעהמט מען וואסער? איהר זייט ביי דער שול און איהר ווילט איך זאל אייך פיהרען צום שול".

מיר איז זעהר געפעהלען געווארען דער בעל־עגלה׳שער משל מיט דעם טייך,

www.libtool.com.cn

איך האָב איהם געפרעגט: „ווי קען דאָס זיין, אַז איך בין אַרוים אויף אַ פולע שטונדע צייט אין דער אנדער זייט און איך שטעה יעצט ביי דער שול?"

„פרעגט ניט קיין קשיות", ענטפערט דער בעל־עגלה, „די אַלטע ארכיטעקטאָרס פון דער אַלטער שטאָדט באָסטאָן האָבען קרומע קעפּ געהאַט, האָבען זיי קרומע גאַסען געמאַכט, און ווען איהר וועט געהן ווידער אַ שטונדע צייט מיט דער גאַס, וועט איהר זיך ווידער אויסדרעהען אויף דעם זעלבען פּונקט, די גאַס איז קיילעכדיג".

באָסטאָן שטאָלצירט מיט איהר בעריהמטען הארוואַרד קאָלעדזש, דער גרעסטער אריסטאָקראַטישער יוניווערזיטעט, וועלכער האָט ארויסגעגעבען די גרעסטע צאָהל גדולים פון אַמעריקא, צווישען זיי אויך אַ היבשע צאָהל גרויסע אידען ווי לואיס בראַנדעיס און זיין גלייכען. פיעלע פון זיי זיינען אימיגראַנטען־קינדער, היימישע עלויים, וועלכע האָבען אין זייער יוגענד תלמוד און פּוסקים געלערענט, און היינט לייכטען זיי ווי שיינענדע שטערען אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט.

דאַמאָלסט, מיט אַ פיערטעל יאָהר־הונדערט צוריק, איז נאָך אַמעריקא געווען ריין פון דעם שמוציגען אנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט אין דער לעצטער צייט פערשפּרייט זיינע פליגלען און האָט פערפינסטערט, פערדונקעלט די ליכטיגע פרייהייטס־שטראַהלען, זאָגאַר אין די שיינענדיגע וויסענשאַפטס־טעמפּלען, ווי הארוואַרד קאָלעדזש, און די פּאַרשטעהער שעהמען זיך ניט צו צייגען זייער אידענהאַס אָפען פאַר דער וועלט. דאַמאָלסט איז אַבסאָלוט קיין אונטערשיעד ניט געווען צווישען קריסט און איד אין דעם גרויסען אינסטיטוט. די סטודענטען זיינען געווען פריינדליך, ברידערליך איינע צו די אנדערע, אָהן אונטערשיעד פון ראַסע און רעליגיאָן. און ווען איך האָב געהאַט דעם כבוד צו בעזוכען דעם קאָלעדזש דורך אַן איינלאַדונג פון אַ גרופּע אידישע סטודענטען, האָב איך זעהר אַ שעהנעם קבלת פנים בעקומען אויך פון זייערע קריסטליכע חברים מיט זייערע פּראָפעסאָרען. איינער פון זיי, דער פּראָפעסאָר פון די אָריענטאַלישע שפּראַכען, האָט צו מיר אַ ריינעם העברעאיש גערעדט.

דער אידישער פערטעל פון האַנאָווער און סיילעם סטריטס, און די גאַסען ארום זיי בילדען גאָר אַ בעזונדער געהטאָ, וועלכע דערמאָהנט די אידישע אָפּטיילונגען אין אַמסטערדאַם און אין ווילנא, אַ פּאָלקאָמענע אידישע שכונה, דורכגעדרונגען און פול מיט אידישען לעבען. גרויסע שולען, מיט ריכטיגע אָרטאָדאָקסישע רביים, פערשיעדענע חברות ש"ס, משניות און תהלים, כמעט אַלע געשפּטען זיינען שבת געשלאָסען. אין דער גרויסער „באָלדווין פּליים שוהל" דאַוונען איינינע מנינים אין דער זעלבער צייט אין פערשיעדענע אָפּטיילונגען אונטען אין שול. איך האָב נאָך געפונען חדרים מיט מלמדים גאָר אויף דעם אַל־

www.libtool.com.cn

טען היימישען אופן. א פאלקאמענע אידישע אטמאספערע נאך דעם ערד נאך א פיעל מעכטיגערע ווי אין דער גרויסער ניו יארק.

איבער צוואנציג רעדעם האב איך גערעדט אין באסטאן. דער עולם האט ארויסגעוויזען זיין צופריעדענהייט מיט נייער טהעטיגקייט און פרישער נאציא־נאלער ארבייט אויף אלע געביטען. די ציוניסטישע פעראיינען, די תלמוד תורות, די שטאדטישע אנשטאלטען, ווי מושב זקנים, בית יתומים און הכנסת אורחים, האבען אלע קאמיטעם געשיקט מיך צו בעדאנקען פאר דעם מוטה און פרישער ענערגיע וואס מיינע רעדעם האבען צוגעגעבען זייערע פארשטעהער אין זייער כלל ארבייט.

איך האב פשוט פערגעסען, אז איך בין אין אמעריקא. איך האב געפיהלט אזוי ווי איך וואלט געווען אין איינער פון מיינע ליעבע היימישע שטעדט ווי ביאליסטאק, מינסק און בריסק.

א ווארימען טייל אין מיין ארבייט האבען גענומען מיינע נייע גוטע פריינד, וועלכע איך האב ערווארבען אין דער שטאדט באסטאן, ווי הרב שחור, א איד א פקח. פול מיט דעם אידישען וויץ און הומאר, דער טאלאנטפולער העברעאי־שער און אידישער שרייבער מר. ש. פרידסאן — ״שפ״ן הסופר״, דער פעהיגער און ענערגישער כלל טהוער זלמן מרגליות, דער זוהן פון הרב רמ״ז מרגליות, וועלכער איז מיט יאהרען שפעטער רב אין קליוולאנד געווארען, א בכבוד׳ע שטע־לע פערטראטען, א שעהנעם טאלאנט צוםריידען פערמאגט, א ליעבלינג געווען אין זיין שטאדט און אין דעם גאנצען סטייט אהייא. ער האט פיעל אויפגעטהאן אין זיין יונגען לעבען און א גלענצענדע צוקונפט איז געווען גרייט פאר איהם, ווען דער טויט דורך א פלוצלונגען אונגליק וואלט איהם ניט געווען אפשניידען פון דעם לעבענס בוים. יהי זכרו ברוך. מר. וואלדשטיין, א סטודענט פון הארוארד קאלעדזש און א גרויסער העברעער, יעצט פראפעסאר אין גימנאזיום אין תל אביב, ארץ ישראל.

די און נאך אנדערע צו זיי זיינען מיינע טרייע העלפער געווען אויף מיין יעדען טריט און שריט. ווען עס איז נאך וועניג געווען זייער מיטארבייטען מיט מיר אין באסטאן, זיינען זיי נאך צוזאמען מיטגעפאהרען אין די שטעדט ארום באסטאן, ווי וואוסטער, פראווידענס, וועלכע האבען שוין דאמאלסט פערמאגט היבשע אידישע קהלות.

אז אמת׳ען איבערגעגעבענעם פריינד האב איך געפונען אין דעם גרויסען שעהנעם אידען, דעם פרייגיביגען מענש און גוטען העברעער, מר. ברוך יצחק ריינהארץ עליו השלום. כשמו כן הוא, ער האט פערמאגט א ריינע הארץ און א נאבעלען כאראקטער. זיין הויז איז געווען א ריכטיגער ״בית ועד לחכמים״, על כל צרה שלא תבא הן אין פרט זאכען הן אין כלל איז זיין האנד געווען פריי

www.libtool.com.cn

און אפען צו העלפען, שטיצען אלעמען אהן אויסנאהם. ער איז געווען א גרויסער בן תורה און א זעלטענער העברעער, בעקאנט געווען מיט דער גאנצער אידישער ליטעראטור, ווי די אלטע אזוי די נייע. ער איז געווען איינער פון די אמאליגע אידישע בעריהמטע גרויסע בעלי־בתים, ביי וועלכע עס האבען ווירקליך האר־מאנירט עשירות מיט חכמה צוזאמען. אין באסטאן איז ער איינער געווען.

א סאסייעטי האבען די באסטאנער לומדים און משכילים געגרינדעט אין יענער צייט מיט דעם נאמען "כרם ישראל", די חברה איז ווירקליך געווען א ציערונג פאר באסטאנער אידען, אלע איהרע חברים זיינען געווען בני תורה, זיי פלעגען זיך צוזאמענקלייבען און הערען פערשיעדענע רעדעס, לעקטשורס אי־בען אידישע היסטארישע געגענשטאנדען, מתוכח זיין זיך אין אידישע ענינים, העלפען זייערע ארימע מיטגליעדער און נויטיגע אנשטאלטען, צוציהען צו זיי זייערע יונגע לייט און פערפלאנצען זיי אין זייער "כרם", וועלכער האט געדיענט אלס בריק צווישען די צוויי דורות.

דער פרעזידענט פון דעם "כרם" איז געווען דער זעליגער מר. ריינהארץ. ער מיט זיין נאבעלער געשטאלט, מיט זיין גרויסען לייבען־קאפ און זיין לאנגער הערצל־בארד צו זיין הויכער וואוקס, האט געפאסט צו זיין דער אגראנאם פון כרם ישראל.

צוויי חדשים האב איך אין באסטאן פערבראכט. זיי זיינען שנעל דורכגעלא־פען, ווי ביי מיר אזוי ביי מי׳נע הערער און פערעהרער. עס איז געקומען די צייט פון שיידען זיך, זיי האבען מיך דעם לעצטען אבענד איבערראשט, זיי האבען מיך איינגעלאדען אין דער גרויסער שול צו געבען זיי מיין לעצטע רעדע, ווי גע־ווענליך, נאך מיין רעדען האבען זיי מיך אונטען אין דעם גרויסען שפייז־צימער אריינגעפיהרט, און ווי ערשטוינט בין איך געווארען, אז איך האב דערזעהן די טישען געגרייט, אלע בעזעצט, אויבען־אן זיצט דער גוטער, רוהיגער, ליעבער באסטאנער רב פון יענער צייט, דאמאלס איז ער נאך געווען יונג, פריש און בלאנד מיט א נאבעלען אריסטאקראטישען געזיכט, פול מיט דעם אידישען חן און גוט־מוטהיגקייט, רבי משה זבולון מרגליות, דער יעצטיגער רב אין ניו יארק און דער ראש אגודת הרבנים פון אמעריקא און קאנאדא. ארום איהם די פני העיר. מיט כבוד האבען זיי מיך אויפגענומען, און גלייך האט מען מיר מגלה געווען, אז די גאנצע "סעודת רעים", דאס הייסט דער באנקעט, איז געמאכט געווארען לכבודי.

www.libtool.com.cn

## 53טער קאפיטעל

די שטאָדט פון ברודערליכער ליעבע. — אין פילאדעלפיא האָב איך געפונען זעהר פיעל אינטערעסאנטע אידען. — הרב דוב אריה לעווענטהאל, וועלכער איז שוין דאָ-מאָלסט געווען טהעטיג אין אידישע כלל-טהעטיגקייטען. — דער וואונדערבארער טיפ דזשאָרדזש סולצבערגער, וועלכען איך האָב געזעהן אין קאָורט. — אין אינ־דעפּענדענס האָל, וואו דער פרייהייטס-גלאָק האָט בעקאנט געמאכט די בעפרייאונג פון אמעריקא.

פילאדעלפיא, די שטאָדט פון "ברודער־ליעבע" אין דער אלטער גריכישער שפּראך. אין אונזער אידישער געשיכטע איז בעקאנט דער נאָמען פון אגריפּוס המלך'ס צייט, וועז די רוימער האבען גערופען די שטאָדט "רבת בני עמון", פון יענעם זייט "ירדן" מיט דעם נאָמען "פילאדעלפיא". שוין צוויי יאָהר צייט בין איך אין די פעראייניגטע שטאאטען. איך האָב שוין בעזוכט א צעהנדליג גרויסע שטעדט אין דער צייט, און געוועגליך בין איך דורכגעפאָהרען פילאדעלפיא פיע־לע מאָל. איך האָב געהערט דעם קאָנדוקטאָר אויסרופענדיג דעם קלינגענדיגען נאָמען "פילאדעלפיא", אָבער איך האָב קיין לוסט ניט געהאט אפּצושטעלען זיך אין איהר מיט מיין פּאַס גייסטיגע סחורה, ווייל מיט א פיערטעל יאָהר־הונדערט צוריק האָט פילאדעלפיא ניט געהאט דעם שעהנעם נאָמען וועלכען זי טראָגט היינט אויף זיך: ווייל זי האָט נאָך דאן ניט פערמאָגט די יעצטיגע גרויסע צאָהל אידען מיט איהרע אנשטאַלטען, ניט אין כמות און ניט אין איכות. די אידישע געמיינדע איז נאָך געווען קליין, ארים און זעהר אונבערייטענד אין דעם גייסטי־גען צושטאנד.

צופעליג האָב איך געהערט, אז פילאדעלפיא האָט א גרויסע רוסישע שול, און די שול האָט א יונגען רב, נאָך גאָר יונג, אָבער ער האָט אַן אלטען גאון'ישען קאָפּ אויף זיך. ער איז בלויז א קורצע צייט אין פילאדעלפיא, ער איז געקומען ממלא מקום זיין זיין שווער הרב רב אלעזר קליינבערג, דער ווילנער מורה הוראה, וועלכער איז געווען אין זיינען לעצטע יאָהרען פילאדעלפיער רב. דער יונגער רב, האָט מען מיר דערצעהלט, איז אויסער זיין גרויסקייט אין תורה, אויך א חכם מיט א ליכטיגען קאָפּ, מיט א טיעפען בליק אויף'ן לעבען, ווייס איבער אלעס, פערשטעהט אלעס, און נעהמט א טייל אין אלעם. נאך אזא סאָרט רב האָב איך געביינקט, איך האָב זיי געקענט די ליכטיגע פערשטענדיגע רבנים, אָבער איך האָב זיי אין רוסלאנד איבערגעלאָזען...

ווי איך האָב דאָס דערהערט, בין איך גלייך אין פילאדעלפיא געפאָהרען

www.libtool.com.cn

און איך האָב נאָך פיעל מעהר געפונען אין דעם בלוט־יונגען רבי דוב אריה לעווענטהאל, ווי איך האָב געהערט וועגען איהם.

ווי מיר האָבען זיך נאָר בעקענט, האָבען מיר געשלאָסען א ״ברית אהבה נאמנה״, א פריינדליכען בונד, וועלכער האלט אָן נאָך היינט צווישען אונז און אונזערע פאמיליעס.

פילאדעלפיא איז ריכטיג דער געגענזאַץ צו באָסטאָן. די גאסען זיינען אויס־געלייגט גלייך ווי א שאך ברעט, קוואדראטען אין איהר לייגנג און אין איהר ברייט. ווי אין באָסטאָן איז שווער פאר א פרעמדען צו געפינען איהרע גאסען און געסלאך, די קיילעכדיגע און צודרעהטע, אזוי איז אין פילאדעלפיא אונמעגליך פאר א פרעמדען זאגאר אין דעם ערשטען טאָג צו בלאָנדזען. באלד ווי איהר ווייסט נאָר דעם נומער פון א הויז, זייט איהר זיכער, אז איהר וועט עס געפינען און איהר ברויכט ניט פרעגען ביי קיינעם. די ארכיטעקטור פון איהרע הייזער איז ניי, פריש און מאָדערנע. איהר שטאָדט־לאָקאל, דער ״סיטי האָל״, איז א גראנדיעזע געביידע, וועלכע קען זיך פערגלייכען מיט די גרויסע פראכטפאָלע געביידען פון פאריז און בערלין. אייניגע גרויסע גאסען בלויז זיינען פול מיט לעבען, טומעלדיג, רעש׳יג ווי אין אלע גרויסע וועלט־שטעדט, אָבער די גאנצע שטאָדט אין אלגעמיין איז רוהיג, שטיל, כמעט שלאָפענדיג, און ניט אומזיסט ווערט געזאָגט אז ״פילאדעלפיא שלאָפט!״ דאָס גיט איהר צו א בעזונדער חן. ווען דו ווילסט ביזטו אין דעם ניו יאָרקער טומעל, אין די קאָכעדיגע פלעצער, ווילסטו רוהע, געה אָפּ אָן א זייט אייניגע ״סקווערס״ מיט דער בראָאד סטריט, געפינסטו א פאָלקאָמענע קליין־שטעדטעלדיגע רוהיגקייט.

מיט מיין ליעבען פרישען גוטען פריינד, דער יונגער רב לעווענטהאל, וועל־כער איז געווען די גאנצע צייט וואָס איך האָב פערבראכט אין פילאדעלפיא ״כצלי על יד ימיני״, ניט אָפּגעטראָטען פון מיר, האָבען מיר בעזוכט דעם ספרד׳ישען רב אין יענער צייט, דער בעוואוסטער רבי שבתי מאָרייעס. איך האָב אין איהם געזעהן אן אלטען צדיק תמים, אונשולדיג, נאאיוו, און איבערגעגעבען מיט זיין גאנצער נשמה צו דעם טראדיציאָנעלען אידענטהום, נאָך דעם רייִנעם ספרדישען כאראקטער. זיין אידעאל איז געווען דער סעמינאריום אין ניו יאָרק, פון וועלכען ער איז געווען דער גרינדער.

בעגייסטערט בין איך געוואָרען, ווען דער זעלבער פריינד מיינער האָט מיר אריינגעפיהרט אין געריכטס־הויז. ער האָט מיר גאָרניט ערקלעהרט פריהער ווער דער ריכטער איז. ער וויל מיר נאָר ווייזען אן אמעריקאָנעם ריכטער, ווי ער זיצט און טהיילט אויס גערעכטיגקייט אין אן אמעריקאנער געריכט.

איך האָב בעטראכט דעם ריכטער ווי ער זיצט אין זיין ריכטער־מאנטעל אויף דעם הויכען ריכטער־שטוהל. איך האָב בעמערקט דעם ריכטער׳ס אויגען,

www.libtool.com.cn

גרויסע, ליכטיגע, שווארצע, זיין רונדען קאָפּ בעדעקט מיט דונקעל שווארצע געקרייזעלטע האאר, דעם ליעבען חן אויף זיין ברונעטען געזיכט, דעם מילדען שמייכעל אויף זיינע ליפּען, דעם שאַרפען קלוגען בליק יעדען מאָל אויף דעם מאַן, וועלכער שטעהט געגען איהם צו ענטפערען אויף דעם ריכטער׳ס פראַגען, אַט דער לעבעדיגער בילד האָט מיך זעהר נייגעריג געמאַכט און שטילערהייט האָב איך אַ פרעג געטהאָן ביי הרב לעווענטהאַל:

"זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך, איז דער ריכטער ניט אַ איד?"

"אויף דער פראַגע אייערער האָב איך געוואַרט", ענטפערט מיר דער רב מיט אַ שמייכעל, "איך האָב געוואָלט זעהן אויב איהר, אַלס ערשט אריבערגעקומע־נער איד פון דער פינסטערער רוסלאַנד, אַ לאַנד, אין וועלכער עס איז אַ אידען פערבאָטען צו זיין אַ בריעף־טרעגער, אָדער אַן אָפיציעלער גאַסען־קעהרער, וועט דערקענען אַ אידען אין אַ ריכטער־מאַנטעל, זיצענדיג אויף דעם ריכטער־שטוהל. יאָ, מיין פריינד, איהר האָט איהם דערקענט, דער ריכטער איז טאַקי אַ איד און נאָך וואָסער אַ איד, אַ גרויסער תלמיד חכם און אַ גרויסער געלעהרטער אין אידישע וויסענשאַפט, אינטערעסירט זיך אין אַלע אידישע ענינים, לערענט אַ בלאַט גמרא און שרייבט העברעאיש, האָט איינע פון די גרעסטע אידישע ביב־ליאָטעקען, שטיצט מיט דער פולער האַנד אידישע מחברים, אָרימע תלמידי חכמים, פּאָעטען, שרייבער, וועלכע ברויכען זיין הילף, איך גלויב, אַז איהר האָט וואהרשיינליך געמוזט הערען זיין נאָמען נאָך אין איירופּא, דער ריכטער מאיר סולצבערגער!"

"יאָ, רבי לעווענטהאַל, איך האָב געהערט און געלעזען זעהר פיעל וועגען דעם ריכטער, און עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ הערליכען רושם צו זעהן צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען אַ אידישען ריכטער, און עס ווילט זיך מיר מאַכען "שהחיינו" ניט לזמן הזה, נאָר "שהגיענו למקום הזה!" געבענשט זאָל זיין דאָס לאַנד פון פרייהייט און גלייכהייט!"

ווען דאָס געריכט האָט זיך צוגעמאַכט, האָט מיך דער רב פאָרגעשטעלט פאַר דעם ריכטער סולצבערגער. מיר זיינען צוזאַמען מיט איהם נאָך זיין וואוי־נונג געגאַנגען און מיר האָבען פעבראַכט אַ פּאָר שטונדען אין תורה און חכמה.

נאָכהער איז דער ריכטער סולצבערגער איינער פון מיינע טרייע פריינד גע־וואָרען און מיר פלעגען זיך דורכשרייבען אַ לאַנגע צייט, בעזאָנדערס ווען ער האָט אונטערשטיצט מיט דער פולער האַנד דעם נאַציאָנאַלען העברעאישען דיכ־טער נפתלי הערץ אימבער, דער בעל "התקוה".

אין פילאַדעלפיא האָב איך געפונען מיינעם אַ הערצליכען פריינד, דער

www.libtool.com.cn

העברעאישער שרייבער און פעדאגאָג מר. הלל מאלאכאָווסקי, דער שוויגער־זאָהן פון דעם בעוואוסטען העברעער י. י. ווייסבערג פון קיעוו.

איינע פון מיינע אונפערגעסליכע שטונדען אין מיין לעבען איז די שטונדע, וואָס איך האָב פערבראכט אין דער היסטאָרישער געביידע פון "דער אינדעפענדענס האָל", וועלכער שטעהט נאָך פריש, שעהן און שטארק געבויט אין מיטעלפונקט פון דער שטאָדט פילאדעלפיא. אין דעם האָל איז פּראָקלאמירט געוואָרען די אונאבהענגיגקייט און די בעפרייאונג פון די ערשטע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע האָבען מיט זייער קראפט און מאכט, מיט זייער העלדישען מוטה ארונטערגעוואָרפען פון זיך דעם ענגלישען יאָך. אין דעם היסטאָרישען פלאץ הענגט נאָך עד היום דער פרייהייטס גלאָק, דורך וועמעס קלאנגען עס זיינען בעוואוסט געוואָרען די רעזולטאטען פון דעם הייליגען בעפרייאונגס קריעג און דעם זיעג פון דיא אונשטערבליכע העלדען מיט זייער גרויסען גענעראל דזשאָרדזש וואשינגטאָן. אין דעם לאָקאל איז צום ערשטען מאָל געלעזען געוואָרען דער הייליגער אמעריקאנער דאָקומענט פון דער פאָלקס־בעפרייאונג, אויף וועלכען עס זיינען אייגענהענטיג אונטערגעשריבען די גרינדער פון דער גרעסטער פרייער רעפּובליק אין דער וועלט—די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

דער אָריגינאל פון דער "דעקלערײשאָן אָוו אינדעפענדענס" הענגט נאָך היינט אין דעם לאָקאל און ווערט געלעזען מיט גרויס עהרע־פורכט פון די טויזענדער בעזוכער.

איך בין צוגעגאנגען נאָהענט צום פרייהייטס־גלאָק, איך האָב איהם בעטראכט מיט רעספּעקט און איבערגעלעזען דעם אויפשריפט אין ענגליש איבערגעזעצט דעם פסוק פון דער סדרה "בהר" "וקראתם דרור בארץ לכל יושביה!" "איהר זאָלט פּראָקלאמירען פרייהייט אין דער לאנד צו אלע איהרע בעזיצער!"

אָט דער הייליגער קליינער בריליאנטענער פסוק׳ל פון אונזער אלטער הייליגער תורה איז אויסגעקריצט געוואָרען אויף דעם יונגען היסטאָרישען פרייהייטס־גלאָק, וועלכער איז בלויז איבער איין הונדערט יאָהר אלט. האָט אין מיר אויפגעוועקט מיין אלטען אידישען נאציאָנאלען שטאָלץ, דעם הייליגען אתה בחרתנו׳שען געפיהל, בעטראכטענדיג, אז די העלדישע יונגע אמעריקאנער נאציאָן האָט געוואָלט פעראייביגען איהר פרייהייטס פּראָקלאמאציאָן, האָט זי ניט געפונען קיין הייליגען שטארקען אויסדרוק ניט אין דעם מוסולמאנישען אלקאָראָן, ניט אין דעם קריסטליכען נייעם טעסטאמענט, נאָר אין אונזער אלטען הייליגען חומש. דאָס דארף געדיינקען אונזער נייער אידישער דור אין אמעריקא.

אין פילאָדעלפיא, קען איך זיך מיט פערגעניגען אויסדריקען, האָב איך פיעל מיטגעהאָלפען אין אלע איהרע נאָבעלע אינסטיטוציאָנען, וועלכע זי האָט אין די דריי צעהנדליג יאָהר אויסגעבויט. איהר הכנסת אורחים, בית יתומים,

www.libtool.com.cn

מושב זקנים, די תלמוד תורה׳ס, איהר הר סיני האספיטאל, איהרע שולען, איהר סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע, אויסער איהרע ציוניסטישע חברות און פער־שיעדענע נאציאנאלע פעראיינען, ווי איהר היברו ליטעראטור סאסייעטי. אט אין די אלע נויטווענדיגע מוסדים האב איך מיט דער הילף פון מיין פריינד, רבי לעווענטהאל און דעם כלל טהוער מר יעקב מרגליות געהאלפען צו גרינדען און צו מאכען פון זיי דאס וואס זיי זיינען היינט.

## 54טער קאפיטעל

דער אידישער ישוב אין קענעדע מיט דרייסיג יאהר צוריק איז געווען זעהר קליין און ארים אין גייסטיגען לעבען. — די אידען זיינען צוטהיילט געווען אויף קליינע קהלות, וועלכע האבען צווישען זיך קיין איניגקייט ניט געהאט. — וועגען ציוני־ניזם האט מען דארט כמעט ווי ניט געוואוסט. — אין קענעדע דערפיהל איך מיין גרויסע ליעבע צו אמעריקא. — איך בעליידיג זיך ווען אין פאסט־אפיס נעהמט מען ניט ביי מיר קיין אמעריקאנער געלד. — דריי אידען האבען שפעטער אויפ־געבויט די ציוניסטישע בעוועגונג אין לאנד.

א קליין־שוועסטער איז קאנאדא צו די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. זיא ציהט זיך גלייך מיט זיי פון דעם אטלאנטיק ביז דעם פאסיפיק. זיא געהערט נאך היינט אויך צו ענגלאנד אלס איהרע א קאלאניע, אבער זיא איז פון איהר בעפרייט מיט א בעזונ־דערער רעגיערונג און א פארלאמענט. אמאל האט א טייל פון איהר געהערט צו פראנקרייך. א לאנגער קריעג איז געווען צווישען ענגלאנד און פראנקרייך צוליעב קאנאדא, ביז די ערשטע האט געזיעגט. צווישען די ענגלישע מיליטערישע בעאמ־טע, וועלכע האבען בעלאגערט אין 1724 די שטאדט מאנטרעאל, האבען זיך געפונען פיעל ספרדישע אידען, ווי עמנואל די קורדובא, חננאל גרציא און יצחק מיראנדא. נאך דעם ווי ענגלאנד האט געזיעגט, האבען אידען אנגעפאנגען צו בעזעצען זיך אין מאנטרעאל, צווישען זיי געפינען זיך די נעמען לאזארוס, דייווים, אוריאל, מוריסקו, שמואל יעקובים, שמעון לעווי, אברהם פראנקס, פראנדיז די פונסיקא, יוסף בינדונא, לעווי סאלאמאן און נאך פיעל אנדערע.

אין 1768 איז אין מאנטרעאל געגרינדעט געווארען די ערשטע אידישע קהלה מיט דעם נאמען "שארית ישראל", און ווייל די ערשטע אריבערגעקומענע אידען זיינען געווען אפגעשטאמטע פון די צוויי לענדער שפאניען און פארטוגאל, דע־ריבער האבען זיי זיך געפיהרט אין זייער אידישען לעבען נאך דער ספרדישער טראדיציאן.

www.libtool.com.cn

ביז דעם יאהר 1831 האבען אידען אין קאנאדא קיין פאליטישע רעכטע ניט געהאט, און אין דעם זעלבען יאהר, דעם פינפטען מארטש, האט דער ענגלי־שער קינג אונטערגעשריעבען די רעזאלוציאן פון דעם קאנאדער סענאט, אז אידען האבען גלייכע רעכט מיט אלע נאציאנען, וועלכע וואהנען אין קאנאדא.

נאך די שרעקליכע רוסישע פאגראמען אין 1882 זיינען אנגעקומען פיע־לע רוסישע אידען נאך קאנאדא און האבען זיך בעזעצט אין די גרעסערע קאנאדער שטעדט, ווי מאנטרעאל, טאראנטא, האמילטאן און וויניפעג, און זיי האבען אריינגעבראכט אין זיי אידיש־רוסישע קולטור.

אייניגע הונדערט אידען האבען זיך אין קאלאניעס בעזעצט דורך דער הילף פון דעם בעראן הירש פאנד.

ווען איך האב בעזוכט מאנטרעאל אין 1898, האב איך געפונען בלויז זעקס טויזענד אידען, זיי זיינען געווען צוטיילט אין פערשיעדענע קהלות נאך זייערע אפשטאמונגס־לענדער. דיא אלטע ספרדישע קהלה, "שארית ישראל", וועלכע איז שוין דאן אלט געווען הונדערט זעקס און זעכציג יאהר, די אשכנזישע קהלה "שער־השמים", וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין 1858, די רוסישע קהלה "בני ישראל"—אין 1885, די רומענישע קהלה "בית דוד"—אין 1888, די "שערי תפלה" פון די גאליציאנער אידען—אין 1892, די "חברה קדישא" אין 1893, "בית המדרש הגדול חברה ש"ס", "אהבת אחים", "חברה תהלים"—אין דער זעלבער צייט, און דער "טעמפעל עמנואל", וועלכער עקזיסטירט פון 1882.

ווי איהר זעהט, האב איך געפונען ביי די זעקס טויזענד אריבערגעקומענע אידישע אימיגראנטען פון פערשיעדענע לענדער צעהן געמיינדעס מיט צעהן שולען.

מאנטרעאל איז א פראנצויזישער נאמען. אין דייטש מיינט דאס קעניגסבערג און אין העברעאיש וואלט דאס מיינען אונזער אלטע היסטארישע שטאדט "טור מלכא" אדער "הר המלך". און ווי איהר נאמען איז א פראנצויזישער, אזוי רופען זיך אן איהרע גאסען מיט פראנצויזישע נעמען בעגלייט מיט קאטוילישע הייליגע "סאנט" אויף יעדער סטריט, אפילו דער 'נאטרדאם" פעהלט אויך ניט אין איהר. די פראנצויזישע שפראך לאזט זיך הערען אויף אלע פערזאמלונגען, אפילו אין די סטריט קארס, אין פאסט־אפיס און אין אלע רעגיערונגס אנשטאלטען, ווייל א גרויסער טייל איינוואהנער זיינען פראנצויזען, וועלכע שטאמען פון יע־נע ערשטע פראנצויזען וואס האבען זיך בעזעצט אין קאנאדא נאך פריהער פון די ענגלענדער. זיי זיינען פערבליעבען מיט זייער אלטען פראנצויזישען דיאלעקט, אין וועלכען עס איז דא א גרויסער אונטערשיעד פון דער ריינער פראנצויזישער שפראך, וועלכע ווערט גערעדט אין פראנקרייך.

www.libtool.com.cn

פון פראַנקרייך און בעלגיען אַז האָב איך ניט געפיהלט דעם גייסט פון דער קאַטוילישער רעליגיאָן, ניט געזעהן די קאַטוילישע גייסטליכע אין זייערע רעלי־גיעזע יוניפאָרמס פראַנק און פריי אין גאַס. די הייליגע פּראָצעסיאָנען מיט די פערגעטערטע בילדער, מחנות יעזואיטען מיט הוילע קעפּ, אין פּרייע כאַלאַטען מיט באָרוויסע פיס און פאַר זיי ווערט געהוכערט ווייערד, גלעקלעך קלינגען און זינגער זינגען. פראַנצויזען אַסימילירען זיך ניט מיט די ענגלענדער, ניט אין שפּראַך, ניט אין רעליגיאָן און ניט אין טראַכט, זיי זיינען פּשוט צוויי בעזונדערע פעלקער, וועלכע זיצען אין איין לאַנד. אין די פעראייניגטע שטאַאַטען זעהט מען ניט אַפילו אין לעבען דעם אונטערשיעד פון קאַטוילי‍קען מיט די פּראָטעסטאַנטען. אין די קירכען זיינען זיי געוועהנליך צוטיילט. אָבער אין גאַס זיינען זיי אַלע אַמעריקאַנער.

שעהן, זעהר שעהן איז די שטאָדט מאָנטרעאָל מיט איהרע גאַסען, געביי־דען און גערטנער, און אַ בעזונדער חן גיט איהר צו דער שעהנער קולטיווירטער בארג, וועלכער איז אין צענטר פון שטאָדט. מאַיעסטעטיש קוקט ער אַראָפּ מיט גרויסען שטאָלץ אויף אַלע נידעריגע טיילען פון דער שטאָדט, פערבויטע מיט פּראַכטפאָלע געביידען, אויף די ברייטע געפּלאַסטערטע גאַסען מיט די גרויסע בעגרינטע גערטנער, מיט הויכע, שטאָלצע און אַלטע בוימער, פערפּלאַנצטע מיט דופטענדע בלומען, וועלכע ווערען בעשפּריצט מיט שטראָמען וואַסער פון פעסטע פאָנטאַנען, בעזילבערטע פון די זון שטראַהלען.

אַט דער הערליכער בילד, שטעהענדיג אויף דעם בארג, ערקלעהרט דעם נאָמען פון דער שטאָדט — מאָנטרעאָל, וואָס מיינט ״קעניגליכער בארג״.

בלויז צוויי און אַ האַלב יאָהר, אַז איך בין אַן איינוואָהנער פון די פער־אייניגטע שטאַאַטען. און מערקווירדיג איז ווי ווייט איך בין צוגעבונדען געוואָרען צום לאַנד מיט ליעבע און בייגקעניש אַזוי ווי איך וואָלט אַ געבאָרענער אַמערי־קאַנער געווען, און פיעלייכט נאָך מעהר, ווייל דער געבאָרענער פיהלט ניט דאָס גליק פון פרייהייט, ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געפיהלט צוואַנג און אונטערדריקונג, קיינמאָל ניט געווען אונטערוואָרפען אונטער די טיראַנישע גע־זעצען און פינסטערע רוסישע אָרדנונגען אין דעם דעספּאָטישען צאַריזם. איך, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַ גלות פון גלות פון לאַנד, און אַרויסגעטריבענער פון דער רוסישער ״מאַטושקאַ״ שטיעף־מוטער, איך בין צוגעבונדען געוואָרען מיט מיין גאַנצער געפּייניגטער גלות נשמה צו די פּרייע, יונגע, קרעפטיגע פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ.

און פיהלען מיין בייגקעניש נאָך אַמעריקאַ האָב איך אַנגעהויבען, ווען איך האָב בעטראָטען די קאַנאַדער טעריטאָריע. דאַכט זיך, אויך אַ פּרייע לאַנד, אהן בעגרענ־צונגען, קיין פּאַספּאָרט פראַגען, און דאָך, ווען איך האָב דעם ערשטען קאַנאַדער

www.libtool.com.cn

פלאג דערזעהן פלאטערענדיג אויף א רעגיערונגס געביידע, איז אינסטינקטיוו גאר אהן א רעכענונג, האט זיך געפיהלט א בייגקעניש נאך דער פלאג פון די שטערען און די פאסען. איך ווייס און פערשטעה אז דאס איז צופיעל סענטי־מענטאל, גאר אהן לאגיק, ווייל דער זעלבער מחותן בין איך מיט קאנאדא אזוי ווי מיט אמעריקא, אבער דאס איז פון די זאכען און בעגריפען, וועלכע האבען קיין שייכות ניט צו קאפ, מיט לאגיק, נאר צו דעם הארץ.

איך בין פשוט אויפגערעגט געווארען ווען איך בין אריינגעגאנגען אין פאסט אפיס צו קויפען פאסט מארקען, און דער פאסט־בעאמטער האט ביי מיר ניט געוואלט נעהמען קיין אמעריקאנער מינץ, און האט נאך זיך געווענדעט צו מיר מיט א שטרענגען טאן:

”ווייסט איהר ניט, אז מיר געהערען ניט צו די סטייטס? איהר זייט דאך יעצט אין קאנאדא!“

מיך האט דאס פערדראסען און איך האב האב זיך אליין נאכהער צולאכט, ווען איך האב זיך עראינערט, אז די זעלבע געשיכטע האט מיר אין קעניגסבערג, דייטשלאנד, געטראפען, ווען דער דייטשער פאסט־דיענער האט ביי מיר קיין רוסישע געלד ניט געוואלט נעהמען, האט מיך דאן גארניט פערדראסען, **ארדבא**, עס האט מיר גאר הנאה געטהאן...

און וואס אנבעלאנגט צו מיין גייסטיגער נאציאנאלער ארבייט פאר דעם ציו־ניסטישען געדאנק, האב איך דאן אין מאנטרעאל אין דעם יאהר 1898 געפונען זעהר א טרוקענעם באדען, כמעט א שטיינערנעם, וועלכער איז ניט מסוגל געווען צוצונעהמען די גייסטיגע זריעה. דער אידישער המון אין מאנטרעאל איז געווען אן איינפאכער, פון דעם סארט מענשען, וועלכע האבען קיינע בעגריפען ניט וועגען אידעאלען, כלל־זאכען און פאלקס־בעדירפנישען. ”א מענש איז מחויב צו מאכען א לעבען, און ווייטער גארניט“... דאס און נאר דאס איז זייער גאנצער לעבענס־אידעאל.

דער העכערער קלאס אידען, דאס הייסט די אלט־געזעסענע, סיי פון די ספרדים פון דער קהלה ”שארית ישראל“ און סיי די אשכנזים פון דער געמיינדע ”שער השמים“ זיינען געווען הונדערט פראצענטיגע בריטישע פאטריאטען און האבען פשוט מורא געהאט צו דיינקען וועגען אידישען נאציאנאליזם, אום זיי זאלען חלילה ניט פוגם זיין דעם ענגלישען פאטריאטיזם.

ארימע קאנאדער פאטריאטען! זיי האבען נעביך דאמאלט ניט געוואוסט, אז אין א פאר צעהנדליג יאהר שפעטער וועט ענגלאנד זעלבסט ווערען א שותף צום ציוניזם און די באלפור דעקלאראציע וועט ווערען איינע פון די פרינציפען פון דער ענגלישער מלוכה.

www.libtool.com.cn

אייניגע יחידי סגולה האבען זיך דאמאלס יא געפונען אין מאנטרעאל, וועלכע האבען גוט פערשטאנען צו שעצען די ליכטיגע שטראהלען, וואס האבען ארויסגעשיינט פון דעם גרויסען אידישען שטערען אין דער פערזאן פון דעם אונשטערבליכען דר. הערצל. דער יונגער סימפּאטישער און ענערגישער רב פון מאנטרעאל אין יענער צייט און יעצט דער רב פון פיטסבורג הרב א. מ. אשינסקי, איז געווען אייגער פון זיי. אין איהם האב איך שוין דאמאלסט געפונען דעם ריכ־טיגען, ערנסטען און איבערגעגעבענעם ציוניסט, פול מיט הייליגער ליעבע צו זיין פאלק, לאנד, רעליגיאן און שפּראך. א בעקאנטער טאלאנטפאלער רעדנער אין אידיש, העברעאיש און ענגליש, אן אונערמיערליכער ארבייטער אין אלע צרכי הכלל, א ליעבלינג פוןביידע דורות, די אלטע שעצען איהם פאר זיין פיעל וויסען אין תלמוד מיט דער אלטער ליטעראטור, די יונגע ליעבען איהם פאר זיין פערשטעהן די ענגלישע ליטעראטור און פאר זיין טאלעראנץ. און ער האט זיי געדיענט ביידען ערנסט, מיט דער אלטער חברה ש״ס האט ער דעם בלאט גמרא געלערענט, ווי א היימישער גדול און צו די יונגע האט ער גערעדט אין ענגליש נאציאנאלע אידישע היסטארישע לעקטשורס.

דער צווייטער איז געווען א שעהנער אידישער בעל הבית, דער פרעזידענט פון דער שול ״שער השמים״, מר לאזארוס כהן, א רייכער רוסישער איד מיט א ווארימער אידישער נשמה. ער איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האבען זיך אינטערעסירט אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. ער האט אנטייל גענומען אין דער ארבייט פון די ניו יארקער ״שיבת ציון״ צוזאמען מיט דעם דאמאלדיגען בעוואוסטען ציוניסט דעם אדוואקאט אדם ראזענבערג.

דער רב א. מ. אשינסקי מיט מר. לאזארוס כהן האבען צוגעצויגען צו זיך א גרויסע קראפט פאר דער נאציאנאלער בעוועגונג, א ספרדישען, רייכען, אינ־טעליגענטען אידען, וועלכער איז שפּעטער געווען יאהרען לאנג דער פרעזידענט פון דער קאנאדער ציוניסטישער פעדעראציע — מר. ק. דע סאלא.

און די דריי גוטע נאציאנאלע אידען זיינען געווען די גרינדער און די בויער פון דער קאנאדער ציוניסטישער בעוועגונג ניט נאר אין מאנטרעאל, נאר אויך אין די אנדערע קאנאדער שטעדט, ווי טאראנטא, וויניפּעג און האמילטאן.

www.libtool.com.cn

## 55טער קאפיטעל

די רוסיש-אידיש׳ע אנשטאלטען אין נויארק. — ווי זיי האבען אויסגעזעהן מיט דריי צעהנדליג יאהר צוריק. — די גרינדער און די כלל-טהוער פון יענער צייט. — יעקב שיף ע״ה, דער פרינץ פון צדקה.

דער בית ישראל האספיטאל איז געווען זעהר קליין און אומבעדייטענד אין יענער צייט. ער האט דאן פארנומען בלויז איין נומער פון איסט בראדוויי, 206, א קליינע אלטע הייזעל אויף דעם זעלבען פלאץ, וואו עס געפינט זיך היינט די נאציאנאלע העברעאישע פאלקס שולע. ווען איך האב דעם ערשטען מאל באזוכט דעם האספיטאל און איך האב ביי זיך א פאראלעל געמאכט פון איהם מיט די אידישע האספיטעלער אין רוסלאנד, וועלכע איך האב באזוכט אין מיין רייזע אין די גרעסערע רוסישע שטעדט פון אדעס, קישינעוו, ווילנא, מינסק, דווינסק, ריגא, ליבאווא און די צוויי גרויסע פוילישע שטעדט ווארשע און לאדז און נאך און נאך, בין איך פשוט פערשעהמט געווארען. איז דאס א "בית החולים" אנ־שטאלט פאר א פערטעל מיליאניגער קהלה און א ציעמליך רייכער ווי נויארק? דער גאנצער האספיטאל פארנעהמט דאך ניט קיין האלב פון א וועלכען פארהויז פון יענע האספיטעלער.

און ווי נאך מעהר ענטוישט בין איך געווארען ווען דער גוטער, קלוגער, ענערגישער פרעזידענט פון דעם האספיטאל — נאך יעצט אויך, — מר. דזשאזעף ה. כהן, האט מיר זעהר א שעהנעם קבלת פנים געגעבען. ער האט מיך אין זיין קליינעם אפיס אריינגעפיהרט, האט זיך מיט מיר זעהר שעהן פאנאנדערגערעדט און האט מיר אגב אורחא מגלה סוד געווען, אז פינאנציעל איז דער קליינער האס־פיטאל אויף גרויסע צרות, — ער האט א דעפיציט פון טויזענדער דאלערס און ער האט פשוט ניט מיט וואס צו בעצאהלען די לעצטע שולדען פאר פלייש, ברויט און מילך. וואס אנבעלאנגט דאקטוירים און מעדיציין באקומט ער עס אומזיסט פון גוט הערציגע אידישע דאקטוירים און אפטעקארען. דער איבערגעבענער פרע־זידענט מר. כהן, האט זיך ניט געשעהמט מיך בעטען איך זאל איהם צוהעלפען אביסעל אין זיין שווערער הייליגער שנארעריי. זעלבסטפארשטענדליך, אז איך האב זיין פערלאנג ערפילט בשלימות, און ער איז טאקי געווען מיין ערשטער גוטער לעהרער אין הלכות שנארעריי פאר פערשיעדענע אידישע אנשטאלטען. איך בין גלייך מיט איהם אוועק דעם צווייטען טאג צו די רייכערע רוסישע אידען, ביי וועלכע מען באקומט היינט טויזענדער און צעהנדליגער טויזענדער, האבען מיר דאן באקומען צו הונדערטער און פופציגער; מר כהן׳ען האבען זיך די אויגען געעפענט און אזוי יעדער יאהר צו די יעהרליכע מיטינגען פלעג איך אפעלירען

www.libtool.com.cn

צו די גוט הערציגע מיטגליעדער און דער יעהרליכער דעפיציט פלעגט געדעקט ווערען.

אין איינינע יאהר צייט איז אויפגעבויט געווארען דער יעצטיגער האספיטאל אויף דזשעפערסאן סטריט דורך דער גוואלדיגער ענערגיע פון דעם פלייסיגען פרע־זידענט מיט די איינינע טהעטיגע רירעקטארען זיינע.

דער חנוכת הבית פון דעם נייעם האספיטאל האט געבראכט פיעל פרייד פאר די רוסישע אריבערגעקומענע אידען, איבערהויפט ווען זיי האבען דערהערט דעם אויסגעשריי פון דעם גרויסען אמעריקאנער איד מר. לואי מארשאל:

"פון היינט אָן, מיינע רוסישע אידישע ברידער, ווערט איהר א מעכטיגע פילאנטראפישע קראפט פאר זיך זעלבסט, איהר נעהמט איבער פון אייערע עלטע־רע דייטשישע אידישע ברידער די וואהלטהאט ארבייט אויף אלע געביעטען פון צדקה אזוי ווי זיי האבען אמאל איבערגענומען די הייליגע ארבייט פון זייערע עלטערע פארגעהער די ספרדישע אידען מיט א פאר דורות צוריק. איך גראטוליר אייך".

די יעצטיגע גראנדיעזע פופצעהן שטאקיגע געביידע, וועלכע ווערט געבויט פאר דעם בית ישראל האספיטאל אין דער צווייטער עווניו, צייגט אז מארשאל׳ס נבואה ווערט מקוים. דאס איז ווירקליך א שטאלץ פאר די רוסישע אידען אין ניו יארק.

אין מעדיסאן סטריט, אין אן אלטער קליינער הייזעל האבען די ערשטע גרינ־דער אונטער דער איניציאטיווע פון דעם ארויסגעבער פון "טאגעבלאט", מר. כתריאל צבי שרהזאהן, געעפענט אן "הכנסת אורחים ומושב זקנים". די כונה איז אהן צווייפעל געווען זעהר א נאבעלע און א גוטע. זיי האבען מיט פיעל מיה אויסגעהאלטען איהם די ערשטע צייט, אבער דער שידוך פון די "אורחים" מיט די "זקנים" האט ניט "עולה ליפה" געווען. אורחים זיינען על פי רוב געזונטע לעבעדיגע פרישע מענשען און שטרעבען נאך צו לעבען און זקנים ווילען נאר דערלעבען זייערע יאהרען אוןווארטען אויף דעם טויט, און לעבען מיט דעם טויט זיינען ניט קיין מחותנים.

אויך דער אנשטאלט האט שנעל זיין תיקון באקומען, די דירעקטארען האבען צוויי הייזער געקויפט אויף איסט בראדוויי, זיי האבען גלייך זייער קליין הייזעלע אין מעדיסאן סטריט פארלאזען, און ארייננעצויגען זיך אין זייער נייעם פלאץ אויף 227 און 229 איסט בראדוויי, וואו דער אנשטאלט האט זיך שנעל ענטוויקעלט, זעהר גיך געוואקסען מאטעריעל און מאראליש ביז ער האט זיך דערלאנגט צו דער שטופע פון א וועלט־אינטערנאציאנאלע אינסטיטוציע, ווי ער איז יעצט אין אונזער געגענווערטיגער צייט.

צו הילף איז געקומען צו דעם אנשטאלט א נייער אנשטאלט אויף דער איסט

www.libtool.com.cn

סייד, וועלכער האט זיך געגרינדעט אין יענער צייט פון א געזעלשאפט פון איסט סיידער אידישע פרויען מיט דעם נאמען "בנות יעקב". די פרויען האבען צוגענר מען פון הכנסת אורחים די זקנים צו זייער מושב זקנים און דער הכנסת אורחים האט זיך געווידמעט אין גאנצען פאר אימיגראנטען.

איינמאל ביי א דירעקטארען מיטינג איז פארגעקומען די פראגע וועגען דער איינצאהלונג פון א מארטגיידזש פון פערציג טויזענד דאלער. אין דער צייט וואס די קאסע פון דעם אנשטאלט איז געווען פוסט. די שטימונג איז געווען שרעקליך האפנונגסלאז: וואו און ווי אזוי באקומט מען אזא סומע געלד?

"מיר האבען קיין ברירה, מיר מוזען זיך ווענדען צו אונזער גוטען פילאנ־טראפ, צו מר. יעקב שיף!", זאגט איינער פון די דירעקטארען.

דער סעקרעטער איז בעאיפטראגט געווארען צו שרייבען א בריעף צו מר. שיף. אבער די האפנונג אויף שיפ׳ס גינסטיגען ענטפער איז זעהר קליין.

צום צווייטען מיטינג האט דער פרעזידענט געלעזען א בריעף פון יעקב שיף, אז די פערציג טויזענד דאלער מארטגיידזש נעהמט ער איבער.

די דירעקטארען האבען פריי אפגעאטעמט, און איך האב דאמאלס א "הלצה" אויסגעשפראכען:

"מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל!" דאס הייסט: "ווי שעהן און גוט ווערען דיינע אנשטאלטען **ישראל** ווען **יעקב** נעהמט צו דיינע "**משכנות**", דעם מארטגיידזש".

ער איז ווירקליך געווען א וואונדערבארער און דערצו זעהר א קלוגער און א בעשיידענער פילאנטראפ, אט א דער אמעריקאנער ראטהשילד. ער פלעגט אימער קומען צו הילף אין דער צייט און וויא פריינד־ליך, ליעבליך און רוהיג־בעשיידען פלעגט ער טהאן זיינע פילאנטראפישע אר־בייט. איך פערזענליך האב געהאט דעם כבוד צו קענען לערנען זיין כאראקטער און זיין ווארימע אידישע נשמה ביי די יעהרליכע מיטינגען פון די גרויסע נויאר־קער אנשטאלטען ווי די "הכנסת אורחים", "גמילות חסדים" און די גרויסע פער־שיעדענע תלמוד תורה־געביידען, וועלכע האבען זיך אויסגעבויט אין די לעצטע יאהרען אין פערשידענע טהיילען פון שטאדט ווי די "אפטאון תלמוד תורה", די "סטאון עוועניו תלמוד תורה" אין בראנזוויל און אנדערע. ער האט קיינמאל ניט פארפעהלט בייצוואוהנען די פערזאמלונגען און בייצוטראגען זיינע גרויסע נדבות אין צעהנדליגע טויזענדער דאלער. ביי די אלע מיטינגען האב איך געהאט דאס גליק אלס רעדנער צו זיין מיט איהם צוזאמען שטונדען לאנג און צו בעאבאכ־טען די באציהונג פון אונזער איסט סיידער עולם צו איהם. ווי ווייט בעליעבט ער איז געווען ביים פאלק איז גאר ניט צו בעשרייבען. ביי זיין ערשיינען יעדעס מאל פאר דעם עולם, פלעגט אויסברעכען א יובעל און אן אינערליכע פרייד און

www.libtool.com.cn

צופרידענהייט איז אויסגעגאסען געווארען אויף אלע געזיכטער. ער איז ווירק־ליך געווען איינער פון די אידישע נאבעלע פרינצען אין די גלות לענדער. אויף זיין געזיכט האט נאך געשטראהלט די אידישע אריגינעלע חן שטראהלען פון זיין עלטער־עלטער־זיידען, דער תלמודישער ריעז מה״רם שיף. מיט פיעל ליעבע און רחמנות האט ער אימער בעהאנדעלט זיינע אימיגראנטען־ברידער, מיט צארט־קייט און עניוות פלעגט ער ענטפערען אויף די אומצאהלבארע בריעף מיט פערשי־דענע בקשות צו איהם. קיינער וויים ניט און האט קיין באגריף פון זיין מתן בסתר צדקה צו פיעל ארימע פאמיליעס.

איינמאל האט ער צו מיר געזאגט פערדריסליך: ״וואצו לויבט איהר מיך אזוי פיעל פאר׳ן עולם? איך האב מעהר פערגעניגען פון מיין געבען וויפיעל זיי האבען פון זייער נעהמען, און אז איך גיב, גיב איך ניט מיינע, וויל איך בין בלויז איינער פון די שאצמייסטערס ביי דעם אלמעכטיגען״.

אין די ערשטע יאהרען פון דער ציוניסטישער באוועגונג איז ער געווען א געגנער ווי אלע געוועהנליכע דייטשע אידען, וועלכע האבען מורא אז עס זאל חלילה ניט אנריהרען די הונדערט פראצענט אמעריקאניזם, ניט פערשטעהענדיג דעם אמת׳ן זין פון אמעריקאניזם. ער פלעגט אמאל מיט מיר לאנגע ויכוחים האבען וועגען דעם ענין און איך האב איהם אמאל געענטפערט:

״איהר ווייסט דאך, מר. שיף, אז איך גלויב אין די נביאים, און דער פרינץ פון זיי, ישעיה, האט געזאגט: ״בניך מרחוק יבואו״, דאס הייסט, דיינע קינדער, וועלכע שטעהען נאך פון ווייטען וועלען אויך קומען צו דיר, מוטער ציון!״

ער האט א זיסען שמייכעל געגעבען, וויל ער האט העברעאיש פערשטאנען.

און מיין נבואה איז האלב מקוים געווארען. אין זיינע לעצטע יאהרען פאר זיין טויט, איז ער געווארען נאציאנאליסטיש, ער האט זיך שטארק אנגעפאנגען צו אינטערעסירען אין ארץ ישראל, ער האט פיעל געהאלפען דעם פאליטעכניקום פון חיפה, און ווען ער וואלט נאך היינט מיט אונז געלעבט, וואלטען מיר געהאט אין איהם א ציוניסטישע פעסטונג.

ווען ער האט געפייערט זיין זיבעציג יאהריגען יובל, האב איך איהם גרא־טולירט אין א אידיש־ענגלישער צייטונג און איך האב איהם געוואונשען, אז איך זאל זוכה זיין צו באגריסען איהם צו זיין אכטציג יאהריגען געבורטסטאג אין ירושלים. ער האט מיר אין א בריעף געענטפערט, אז מיין וואונש האט איהם גע־פעלען מעהר פון אלע ברכות, וועלכע ער האט באקומען.

אין דעם לעצטען יאהר פון זיין לעבען זיינען מיר געווען ביי א מיטינג, מיר זיינען געזעסען אין איין זייט פון פלאטפארם און ווייט אין דער צווייטער זייט איז זיין שוויגערזאהן, פעליקס ווארבורג, געזעסען. ער האט א שטילען זיפץ געטהאן און זאגט צו מיר:

www.libtool.com.cn

"מיין פריינד, ביי מיר איז שוין זון־אונטערגאנג, באלד נאכט, אבער דארט אין דער אנדער זייט גערט אויף דער מארגען־שטערען", אנצייגענדיג מיט זיין אויג אויף מר. ווארבורג.

יא, אונזער שיף איז אונטערגעגאנגען מיט דעם קאפיטאן צוזאמען, און זיין טויט האט ליידער אונז דערוויטערט פון זיין נאבעלען לעבען.

דער הכנסת אורחים, ווי אלע אידישע אנשטאלטען, און זעהר פיעל פריוואט פאמיליעס, באדויערען נאך עד היום זיין טויט און בענקען נאך זיין נאבעלען לעבען...

## 56טער קאפיטעל

ווי די אידישע צדקה־אנשטאלטען האבען זיך ענטוויקעלט. — פון זייער שנעלען פראגרעס קענען מיר לערנען פיעל וועגען אידישען לעבען אין אמעריקא. — דער מושב זקנים בית בנות יעקב, וועלכער איז אנגעפאנגען געווארען אין א קליינער געביידע מיט בלויז דרייסיג אלטע לייט, איז היינט אויסגעוואקסען צו א וויכטיגען אנשטאלט. — די ענטוויקלונג פון דעם דאזיגען מושב זקנים. — דער גמילות חסדים, איינער פון די בוצליכסטע אנשטאלטען אויף דער אידישער גאס. — צעהנדליגער טויזענדער אידען זיינען געהאלפען געווארען פון דעם גמילות חסדים, וועלכער האט זיי געשטעלט אויף די פיס.

אין א פערלאזענעם, פערגעסענעם ווינקעל פון דער ניו יארקער איסט סייד, אין דער זייטיגער קליינער גאס גאווערניער סטריט, האבען זיך צוזאמענגענומען א פאר צעהנדליג "בנות יעקב", אידישע טעכטער, מיט ווארימע אידישע גוטע נשמות, און האבען זיך פארבונדען אין א חברה מיט דעם צוועק צו עפענען א היים פאר זקנים און זקנות. די איניציאטארין איז געוועזען מרס. דווארסקי, דאן א יונגע ענערגישע פרוי, און אויך איצט אן אונערמיעדליכע כלל־טהוערין. זיי האבען א קליין הייזעלע געקויפט און א קליין היימעלע געעפענט פאר די אלטע אידישע מענער און פרויען פון דער גרויסער וועלט־שטאדט נויארק. ווי ביהנעו האבען זיי געארבייט אט די קליינע צאהל בארעמהערציגע אידישע שוועסטער, זיי האבען זיך אלע אין בעטלער פארוואנדעלט, זיי פלעגען שנארען דאלערם מיט סענטען, אויף אלע אידישע שמחות, ברית'ן און חתונות, אום אויפצוהאלטען די פאר צעהנדליג זקנים און זקנות. מאנכע פון זיי האבען פשוט אזוי ווי דיענסטען געארבייט די איינפאכע הויז־ארבייט, מיט פיעל צארטקייט אכטונג געגעבען אויף די אלטע צו האלטען זיי ריין.

www.libtool.com.cn

דער קליינער אנשטאלט האט זיך זעהר שנעל אנגעפאנגען צו ענטוויקלען און עס האט זיך געפאדערט א מאן און א פרוי, אויסוויינינג צו שאפען מעהר מיטלען און אינעווייניג צו האלטען די הויז אין גוטער ארדנונג.

אין דעם יאהר 1899 זיינען מיט דעם אימיגראציאנס־שטראם אנגעקומען נאך ניו יארק א יונגע פאר פאלק פון קאוונא, מר. אלבערט קרוגער און זיין פרוי, העלענא.

דער יונגער קרוגער מיט זיין פרוי זיינען צוגעצויגען געווארען צו דער אר־בייט און מיט זיי האט זיך דער אנשטאלט אויפגעהויבען, און פון איניגע הונדערט מיטגליעדער זיינען געווארען טויזענדער. זיי האבען פערקויפט זייער קליין הויז אויף גאווערניער סטריט און האבען געקויפט צוויי גרויסע הייזער אויף איסט בראדוויי, און אנשטאט דרייסיג בעטען, וואס זיי האבען געהאט אין דער ער־שטער האבען זיי א שפרונג געטהאן צו דער צאהל פון צוויי הונדערט בעטען.

א פאר צעהנדליג יאהר איז דער מושב זקנים געווען אויף איסט בראדוויי, אבער ער איז געווען צו קליין מיט זיינע צוויי הונדערט בעטען פאר די הונדער־טער אפליקיישאנס וועלכע האבען נעביך געמוזטווארטען אויף זייער נעקסט. עס איז ווירקליך געווען הארצרייסענד צו זעהען טאג איין טאג אויס די אומ־גליקליכע אלטינקע קומען אין אנשטאלט זוכען א שטיקעלע מנוחה זייערע קעפ אנצושפארען אויף די עלטערען יאהרען און האבען געמוזט אוועקגעהן מיט גארנישט.

מיסעס דווארסקי, די איבערגעגעבענע פרעזידענטין מיט איהרע העלפערינס האבען ניט גערוהט ביז זיי האבען מיט דער הילף פון איניגע מענער פילאנטרא־פען אפגעקויפט א גרויס פלאץ אין די בראנקס, אויפגעבויט א פראכטפאלען פאלאץ אויף א שעהנעם בארג מיט בוימער, פארפלאנצט בלומען און געמאכט שעהנע געפלאסטערטע וועגען.

א גרויסע שוהל, א בית המדרש און א ביבליאטעק געפינען זיך אין דעם גרויסען אנשטאלט.

ווילען מיר האבען א באגריף פון דער ענטוויקלונג פון דעם אידענטהום אין די לעצטע צעהנדליגער יאהרען אין דער גרויסער וועלט־שטאדט ניו יארק, מוזען מיר שטודירען די היסטאריע פון אונזערע פילאנטראפישע אנשטאלטען און פון דער רייכער נאהענטער פערגאנגענהייט, און מיר קאנען האפען מען זאל אונז לאזען געהען ווייטער אויף אונזער וועג.

איינמאל פאהרענדיג איבער דער גרענד סטריט פערי פון ברוקלין נאך נויארק, שטעלט זיך מיר פאר א יונגערמאן, פעסט געבויט מיט א זעהר פולען ענערגישען געזיכט, און זאגט צו מיר:

„איהר זייט רעווערענד מאסליאנסקי, ערלויבט מיר זיך פארצושטעלען. מיין

www.libtool.com.cn

נאמען איז אלתר שפירא, דער גרינדער פון גמילות חסדים, גאט האט אונז צוזאמענגעבראכט אויף דער פערי־שיף, און איך האף אז אונזער באגעגעניש וועט פיעל הילף ברענגען צו דעם אנשטאלט, וועלכען איך האב געגרינדעט. אבער ער איז נאך א בייבי, מען מוז איהם ענטוויקלען. איהר מוזט מיר העלפען צו פארגרעסערען איהם".

ער האט זעהר פיעל גערעדט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון דעם אנשטאלט פאר די נייע גרינע, וועלכע קומען אהער און האבען ניט מיט וואס זייערע הענד צוצופיהרען, זיי פעהלט אויס בלויז עטליכע דאלער אויף וואארע צו פעדלען, אום צו מאכען אן אנשטענדיגען לעבען.

איך האב גלייך פערשפראכען מר. שפירא'ן צו העלפען איהם. איך האב אויף פיעלע פערזאמלונגען גערעדט, חברים זיינען צוגעקומען זעהר פיעל, און דער קליינער אינסטיטוט האט זיך שטארק ענטוויקעלט גאר אין א קורצער צייט.

איך האב איינמאל ביי א מיטינג, ביי וועלכען מר. יעקב שיף איז געווען אנוועזענד, ערקלעהרט, אז דער גמילות חסדים איז נאך מיין מיינונג א גייסטיגע דיספענסערי: א דיספענסערי פערהיט די קראנקע זיי זאלען ניט ברויכען קיין האספיטאל, די דיספענסערי באווארענט אז די קראנקהייט זאל זיך ניט ענטוויקלען. אומגליקליך איז דער חולה, וועלכער פערלאזט זיין קראנקהייט ביז ער ברויכט אן אפעראציע, ווייל דער אפערירטער בלייבט זיין גאנץ לעבען פעהלערהאפט, ניט פאלקאמען. דאס זעלבע איז מיט דער קריינק, וועלכע רופט זיך ארמוטה. וועה איז צו דעם ארימאן, וועלכער מוז צו צדקה אנקומען. דאס מאכט א געפעהרליכע גייסטיגע אומגעלונגענע אפעראציע אין זיין שטאלץ, אין זיין מענשליכע ווירדע. דער גמילות חסדים פערהיט די ארימע באדירפטיגע פון דער גייסטיגער צדקה־אפעראציע. דעם פילאנטראפ איז די אידעע זעהר געפעלען געווארען און ער האט פיעל געהאלפען צו דער ענטוויקלונג פון דעם אינסטיטוט און יעצט איז דער נויארקער גמילות חסדים אונטער דער פיהרונג פון דעם טהעטיגען פרעזידענט מר. יוליוס דוקאס, א דייטשישער ארטאדאקסישער איד און א גוט בעקאנטער כלל טהוער. דער אנשטאלט איז באריהמט איבער דער גאנצער וועלט, טויזענדער קליינע געשעפטס־לייט, פראפעסיאנאלען און סטודענטען זיינען פון איהם געהאלפען געווארען און ווערען היינט געהאלפען אין זייער שלעכטער לאגע. דער גרויסער נאבעלער אנשטאלט קען מיט רעכט גערופען ווערען "א באנק הויז פאר די נויטבעדירפטיגע", ער טהוט די זעלבע ארבייט פאר דעם ארימען קלאס וואס די גרויסע באנקען טהוען פאר די רייכע און דעם מיטעל־קלאס האנדעלס לייט. עס געהט דורך יעהרליך איבער א מיליאן דאלער צו צעהנדליגער טויזענדער מענשען פון פינף דאלער ביז דריי הונדערט אהן שום אינטערעסט. דער אנשטאלט האט יעצט אפטהיילונגען אין אלע טהיילען פון שטאדט אין די אידישע געגענדען. דער הויפט אפיס איז אין דעם צענטער פון דער איסט סייד — אויף

www.libtool.com.cn

דער צווייטער עווענױ, זײנע צווייגען זיינען אין בראנקס, הארלעם און אין בראנז־וויל. די אלע הוצאות זיינע ווערען געדעקט פון די מיטגלידער פון דער חברה, וועלכע טראגען אריין צעהנדליגער טויזענדער דאלער יעהרליך.

עס איז ניט קיין קליינינקייט פאר די קליינע האנדעלס לייטע, ווי ארימע קרעמער, פעדלער, ארבייטער און סטודענטען, ווען זיי מאכען דורך אין זייער לעבען אן עקאנאמישען קריזיס און ווי שרעקליך די טראגעדיע איז, אז צוליעב פופציג אדער הונדערט דאלער קען חרוב ווערען זייער גאנצער לעבענס־קוואל, דער הענדלער מוז אויפגעבען זיין קליין געשעפט, דער סטודענט ווערט אפגעשני־טען פון זיין שטודירען. אנווערענדיג זייער לעבענס־שטיצע, זינקען זיי אריין אין דעם ים פון דלות און מאנגעל, און ניט ווילענדיג פערבלייבען זיי אומגליקליכע שנארער אויף זייער גאנצען טרויעריגען לעבען. אט צו די קעמפפער געגען נויטה און ארמוטה קומט דער גמילות חסדים ווי א מושיע וגואל, ער העלפט זיי, ער שטיצט זיי און פיהרט זיי ארויף אויף א דרך.

איך פערזענליך קען פיעל ביזנעס לייטע און דאקטוירים, לאיערס און אקאונטענטס, וועלכע זיינען געראטעט געווארען דורך דעם ווירדיגען אנשטאלט, וועלכער טראגט אויף זיך מיט שטאלץ דעם הייליגען העבראישען נאמען ״גמילות חסדים״.

www.libtool.com.cn

## 57טער קאפיטעל

איך פאָהר קיין אייראָפּא זיך היילען דעם האלז. — אויף דער שיף „פּאָטסדאם" פיהל איך זיך איצטער גאָר אנדערש ווי מיט דרייצעהן יאָהר צוריק, ווען איך בין אלס אימי־גראנט געפאָהרען קיין אמעריקא. — דער נאסער קבר פון א האָלענדער מאכט א שווערען איינדרוק אויף אלע פּאסאזשירען. — א אידישער יונגערמאן, אן אָרימער ארבייטער, געפינט אויף דער שיף צוויי טויזענד דאָלער און גיט זיי אָפּ. — דער אידישער נאָמען ווערט געגרויסט צוליעב זיין טהאט.

אין דעם יאָהר 1908 האָבען מיינע בעקאנטע דאָקטוירים מיך געראטהען איך זאָל פאָהרען קיין אייראָפּא און נעהמען א קיור אין באד עמס אין דייטש־לאנד, פאר מיין שוואכען האלז. מיינע שטימבענדער האָבען אנגעפאנגען רע־וואָלטירען פון צופיעל ארבייט וואָס איך האָב זיי באלעסטיגט.

דעם זיבעצעהנטען יוני האָב איך ארויפגעשטייגט אויף דער האָלענדישער שיף "פּאָטסדאם". דער אָרקעסטער האָט געשפּיעלט. די שטארקע זונען־שטראה־לען האָבען פערפלייצט מיט ליכט די שיף מיט די הונדערטער פּאסאזשירען, וועל־כע זיינען געשטאנען בלויז־קעפּיגע און מיט זייערע הוטען העפליך באגריסט די באגלייטער זייערע. די פרויען־פּאסאזשירען האָבען זיך געזעגענט אויף זייער אופן מיט א געמאכטען זיסען שמייכעל אויף זייערע ליפּען און אין דערזעלבער צייט שיינען ארוים טרעהרען טראָפּענס פון זייערע אויגען. ריהרט זיך די שיף פון ברעג, הערט זיך א גערויש א געמישטער, א בשותפת'ער פון שיף און פון לאנד, פון די פּאסאזשירען מיט די באגלייטער, דער זייט־געזונט מיט דעם פּאהר־געזונט אין פערשידענע שפּראכען, פון פערשידענע מענשען, אין זייער געשלעכט און עלטער, א געמיש פון מענער און פרויען שטימען פון עלטערע און יונגע צוזא־מען מיט דעם גערויש פון דער שיף־מאשינערי, שאפען אין דיר א בעזונדערע שטי־מונג, א געמישטע פון פרייד מיט בייענקעניש, א פּלוצלינגע צורייסונג פון מיליאָ־נען גייסטיגע פעדים, וועלכע בינדען צוזאמען די מענשליכע נשמות מיט פריינד־שאפט און בעקאנטשאפט.

פאַרבייגעגאנגען א שטונדע, די שיף שפּאלט מיט קראפט די ים־כוואליעס און די פּאסאזשירען פארנעהמען יעדערער זיין אָרט אין זיין קעבין, און יעדערער פערטיעפט זיך אין זיך זעלבסט. איך האָב זיך בארוהיגט און געמאכט ביי זיך א פּאראלעל פון מיין רייזע מיט דרייצעהן יאָהר צוריק איבער דעמזעלבען ים פון אייראָפּא נאָך אמעריקא מיט מיין יעצטיגער רייזע פון אמעריקא נאָך אייראָ־פּא. דאן בין איך אן עמיגראנט געווען, אן ארויסגעריסענער בוים פון דעם באָדען,

www.libtool.com.cn

אין וועלכען איך בין פארפלאנצט געווארען, געוואקסען און ענטוויקעלט זיך פערציג יאהר צייט.

א בייזער שטורם ווינט, פינסטערע טיראנישע גייסטער, מערדערישע ווילדע אומגעלומפּערטע קרעפטען פון דעם רוסישען שרעקליכען צאר׳ס רעזשים האבען מיך דאן מיט געוואלד ארויסגעריסען פון מיין געבורטסלאנד, פון מיין פאמיליע, פון מיין היים און פון מיין שפראך, מיין ליטעראטור און מיין קולטור, והאבען מיך געגען מיין ווילען אריינגעווארפען אויף א שיף איבער דעם גרויסען אטלאנטיק אין א פרעמדער שיף, א פרעמדער קאפּיטאן, פרעמדע מאטראזען, פרעמדע פּאַסאזשירען מיט א פרעמדער שפראך, פרעמדע מנהגים און ווילד־פרעמדע שפּייזען צווישען וועלכע איך בין טויב־שטום געזעסען צעהן טעג אליין און עלענד, ניט ווייסענדיג וואהין, צו וועמען און צו וואס איך פאהר, דאן אויף דער פראנצויזישער שיף ״לאַבורגאָניא״ פון אייראָפּא נאך אמעריקא.

דרייצעהן יאהר זיינען פערשוואונדען זינט איך האב דורכגעמאכט מיין טרויעריגע עמיגראנטען־רייזע, און יעצט פאהר איך צוריק מיט דער האלאנדער שיף ״פאָטסדאַם״ נאך אייראָפּא. אָבער, גאָט מיינער, ווי ווייט און פערשיעדען איז מיין רייזע איצט פון דער ערשטער, ווי פון טאג ביז נאכט, פון ליכטיג ביז פינסטער, פון פרייהייט ביז שקלאַפעריי. יעצט פאהר איך פריי מיט מיין ווילען, קיינער האט מיך ניט געצווינגען צו פאַהרען, איך בין א פרייער אמעריקאנער בירגער, אונטער דער מעכטיגער פּראָטעקציאָן פון דעם גרויסען יונגען פאָלק, וועלכע באַזיצט די גרויסע מעכטיגע רעפּובליק פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. איך פאהר ניט קיין שטומער, איך באזיץ מעהר אדער ווייניגער די רייכע וועלט־שפראך, די ענגלישע, וועלכע איז ניט פרעמד אויך צו דעם האלענדישען קאפּיטאן מיט זיינע מאטראזען. איך פאהר צוזאמען מיט ניט קיין קליינער צאהל פון מיינע אידישע ברידער, אָבער פרייע אמעריקאנער בירגער ווי איך, מיר פיהלען פריי און מיר ריידען פריי און מיר ווייסען אלע וואהין, צו וועמען און צוליעב וואס מיר פאהרען.

דעם פּאראלעל האב איך געמאכט צווישען מיינע צוויי רייזעס אויף דעם זעלבען ים און מיינע ליפּען האבען געמורמעלט: ״פערפלוכט זאָל זיין די טיראַניי און געבענשט זאָל זיין די פרייהייט״.

אויף מארגען פריה האט זיך א קלאנג פארשפּרייט איבער דער שיף, אז ביינאכט איז פּלוצלינג געשטארבען א רייזענדער, פינף־און־דרייסיג יאהר אלט, און ער האט שוין גלייך באקומען זיין נאסען קאלטען קבר אין ים...

אזוי ווי אן עלעקטרישער שטראָם האט א שרעק דורכגענומען די אלע רייזענדע, באזונדערס זיינען די פרויען זעהר אומרוהיג געווארען און נייגעריג צו וויסען ווער איז דער געשטארבענער און וואס איז די אורזאכע פון זיין טויט.

www.libtool.com.cn

איך האב זיך צום קאפיטאן געווענדעט און ער האט מיר ערקלעהרט, אז דער אומגליקליכער פאסאזשיר איז געווען א האלענדער יונגערמאן, ער איז געווען זעהר שלאף, איינינע פריינד האבען איהם געווארענט ער זאל ניט פאהרען. ער האט זיי ניט געפאלגט, ווייל ער האט זיך געאיילט צו פאהרען צו זיין פאמיליע, א פרוי מיט קינדער, נאך איינינע יאהרען פון זיין אבוועזענהייט פון דער היים. ער איז ארויף אויף דער שיף מיט מוטה, מיט דעם גדאנק און האפנונג, אז ער פאהרט צו זיין היים. דער ים האט אבער שלעכט געווירקט אויף איהם, זיין קראנקע הארץ האט געפלאצט און דער טויט האט איהם געפאנגען.

"כל מה שיש ביבשה יש בים" — אלעס וואס געפינט זיך אויף דעם לאנד, געפינט זיך אין ים"—לערנט אונז אונזער תלמוד, אפילו לויות איז אויך דא אויף דעם ים, נאר צו "די יבשה לויות" זיינען מיר שוין צוגעוואהנט, ווייל מיט אונזער מוטער־ערד זיינען מיר גרויסע מחותנים לעבעדיגערהייט אויך, שרעקליך איז א לויה אויף דעם ים.

ביינאכט, ווען אלע רייזענדע זיינען אין זייער שלאף פארזונקען, גיט דער קאפיטאן א סיגנאל, די שיף בלייבט שטעהן אין מיטען ים. דארט איז דעם האס־פיטאל־קעבין איז שוין אלעס צוגעגרייט, דער דאקטאר, דער קאפיטאן מיט זיינע אפיצירען געהען אריין אין האספיטאל, דער דאקטאר ערקלעהרט דעם געשטאר־בענעם אפיציעל־טויט און גיט אן ערלויבנים צו "מקבר" זיין איהם. די מאטראזען וויקלען איין דעם "בר מינן" אין א שטיק לייוונט, לייגען איהם ארויף אויף א גראבער ברעט, בינדען איהם צו צו דער ברעט מיט שטריק, א שווערען שטיק אייזען היינגען זיי אויף דעם פאדערשטען שפיץ פון דער ברעט, זיי טראגען איהם אוועק צו דער ענדע פון שיף, דער שיפס קאפיטאן, דער דאקטאר מיט די אפיצי־רען באגלייטען איהם בלויז־קעפיג, און זעהר שטיל און רוהיג לאזען זיי איהם ארונטער אין ים אריין. די כוואליעס נעהמען איהם צו אויף איינינע סעקונדען אין זייער שוים אריין, זעהר שנעל זינקט ער צום תהום ארונטער.

דער קאפיטאן גיט א סיגנאל און די שיף געהט ווייטער איהר וועגס, נאר וויינינער מיט איין פאסאזשיר.

אויף דעם פערטען טאג פון מיין רייזע האב איך אויף דער שיף געפיהלט א נאציאנאליסטישען נחת רוח פון א יונגען אידישען מאן, מר. אברהם לעווין, א געבארענער פון ריגא, וועלכער האט מקדש שם ישראל געווען פאר דער גאנצער קליינער שיף־וועלטעלע, וואו עס האבען זיך געפונען רעפרעזענטאנטען פון פער־שידענע נאציאנען מיט פערשידענע מיינונגען וועגען אונזער אידישער נאציאן. זעלבסטפערשטענדליך, אז די מעהרצאהל פון זיי זיינען געווען אנטיסעמיטיש געזאנען.

מר. לעווין, אן אינטעליגענטער יונגער מאן, ניט קיין רייכער, — זיין בא־שעפטיגונג איז געווען אלס אסיסטענט פון א פארמאן אין א נויארקער פאבריק,

www.libtool.com.cn

און ער האט פערדיענט בלויז זיין לעבענס־מיטעל, האט פלוצלינג באקומען א בריעף פון זיין געבורטס־שטאדט ריגא, אז זיין אלטע מוטער איז זעהר קראנק. זי פיהלט אז איהר ענדע איז נאהענט, זי האט איהר פערלאנג אויסגעדריקט, אז זי וואלט זעהר וועלען זעהען איהר אברהם׳עלען, דעם בן יחיד איהרען, איידער זי וועט איהרע אויגען אויף אייביג צומאכען.

אברהם לעווין, אלס טרייער זוהן, האט אין איינינע געצעהלטע טעג זיך צו־געגרייט צו דער רייזע, האט נאך צוגעליהען עטליכע צעהנדליג דאלער אויף די רייזע־קאסטען און ער פאהרט יעצט מיט אונז אום צו ערפילען זיין קראנקער מוטערס וואונש און פערלאנג צו זעהן איהר איינציגען זוהן פאר איהר טויט.

די רייזע איז פאר איהם צו לאנגזאם, ער וואלט דאס וועלען מאכען וואס גיכער. פערשידענע געדאנקען לאזען איהם ניט צורוה, ער קען ניט שלאפען, ער שפאצירט ביז שפעט אין דער נאכט אויף דעם צווייטען קלאס דעק. עס איז צוויי א זייגער ביינאכט, אלע שלאפען, און מר. לעווין שפאצירט אויפ׳ן דעק איינער אליין. פלוצלינג האט ער געפונען א געלד־בייטעל מיט איבער צוויי טויזענד אמע־ריקאנער דאלערס. ער האט דאס געלד איבערגעצעהלט, גענומען מיט זיך אין זיין קעבין, געווארט ביז זון־אויפגאנג, ארויף צום שיפס קאפיטאן און האט איהם דאס געלד גלייך איבערגעגעבען.

דער קאפיטאן האט איהם בעטראכט מיט גרויס רעספעקט פאר זיין נאבעלער טהאט און האט זיין נאמען אין בוך פערשריבען.

מר. לעווין האט אבשיעד גענומען פון קאפיטאן און האט שוין געוואלט ארונטער, ערשט די טהיר פון דעם קאפיטאנס קעבין האט זיך געעפענט און א קאליפארניער פארמער איז אריין און מיט אן אויפגערעגטער שטימע דערצעהלט דעם קאפיטאן, אז אן אומגליק האט איהם געטראפען אויף דער שיף, ער האט פארלארען זיין גאנצען פערמעגען, איבער צוויי טויזענד דאלער.

נאך אייניגע פראגען, וועלכע דער קאפיטאן האט דעם פארמער געשטעלט, האט ער זיך גלייך איבערצייגט, אז דאס געפונענע געלד געהערט צו איהם.

"דא איז אייער געלד, — האט דער קאפיטאן צום פארמער געזאגט, — און דאנקט אט דעם יונגען מאן פאר זיין נאבעלער טהאט", און ער האט אנגעצייגט אויף מר. אברהם לעווין.

דער קריסטליכער קאליפארניער פארמער איז ארויפגעפאלען דעם אידישען יונגען מאן אויף זיין האלז, און האט מיט טרעהרען אין זיינע אויגען געבעטען, אז ער זאל נעהמען פון דעם געלד א טהייל וואס ער וויל.

מר. לעווין האט זיך צום געלד ניט צוגערירט.

"ביזטו א רייכער מאן?" האט דער קאפיטאן געפרעגט ביי מר. לעווין.

www.libtool.com.cn

„ניין!“ — האט מר. לעווין געענטפערט גלייך און האט איהם ערקלעהרט זיין לאגע און צו וועמען ער פאהרט.

„ווארום זאלט איהר ניט נעהמען עטליכע דאלער? זיי וואלטען דאך אייך יעצט זעהר גרויסע נוצען געבראכט?“ — פרעגט איהם ווידער דער קאפיטאן.

„איך ליעב ניט צו נעהמען ניט קיין פערדיענטע געלד“, — האט לעווין געענטפערט, — „דאס געלד האט דער מאן פערלארען, איך האב דאס געפונען, מיין פליכט איז געווען איהם אפצוגעבען. איך האב מיין פליכט ערפיללט, קיינע דאנקען קומט מיר ניט דערפאר“.

„יא, יא, — האט דער האלענדישער שיפס קאפיטאן זיך געווענדעט צו די לייטע וועלכע זיינען ארום איהם געשטאנען, — ווען שעקספיר וואלט בייגע־וואהנט אזא סצענע צווישען דעם אידען מיט דעם קריסט וואלט ער זיין שיילאק גאר אנדערש אויפגעשריבען“.

מיט גרויס רעספעקט האבען אלע פאסאזשירען בעטראכט מר. לעווינען, און ער האט ווירקליך מיט זיין ארענטליכקייט באשעהנט זיין פאלק.

## 58טער קאפיטעל

אויף דער שיף „פאטסדאם“, אויף וועלכער איך בין געפאהרען קיין האלאנד זיך קורירען. — דער ארקעסטער שפיעלט די הימנען פון אלע פעלקער און איך פיהל דעם וועהטאג פון אונזער פערלאזענקייט וואס אונזער הימן פארגעסט מען. — מיין באגעגעניש מיט א יונגען ציוניסט, מיט וועמען איך האב זיך באלד באפריינדעט. — מר. בערנארד מינץ, וועלכער אטאקירט די קאטוילישע גלחים, לאכט אפ פון זייער רעליגיע. — אן אינטערעסאנטער טיפ פון א פארדייטשטען אידען, אן אייניקעל פונ׳ם מהר״ם מינץ.

זעהר א שעהנער פריהמארגען, שטיל און רוהיג איז דער אטלאנטיק, דער בלויער הימעל שפיגעלט זיך אין איהם. די שיף שווימט רוהיג איבער זיינע קליינע וועללען, די פאסאזשירען זיצען זיך באקוועם אויף די אלע דריי דעקען פון דער שיף. פון דעם דריטען קלאס קוקען די ארימע רייזענדע אויף דער צווייטער מיט קנאה־בליקען און פון צווייטען קלאס קוקען זיי מיט דיזעלבע בליקען אויף דער ערשטער קלאס. פון וואנעט עס טראגען זיך די טענער פון דעם שיף־ארקעסטער. זיי שפיעלען די פערשיעדענע נאציאנאלע הימנעס. די ערשטע הימנע איז געווען די אמעריקאנער, דאן האבען די יענקים שטארק אפלאדירט מיט נאציאנאלען שטאלץ. די צווייטע האבען זיי די האלענדישע הימנע געשפיעלט, ווייל די שיף בעלאנגט צו א האלענדישער געזעלשאפט. די דריטע האבען זיך געלאזט הערען די

www.libtool.com.cn

שטארקע טענער פון דער דייטשער הימנע און די דייטשען האבען שטארק אפלא־דירט און אזוי איז געוועזן מיט דער פראנצויזישער, ענגלישער און דער איטא־ליענישער, זאגאר די רוסישע, וועלכע איז אפלאדירט געווארען בלויז פון א האלב צעהנדליג רוסען, וועלכע האבען זיך געפונען אויף דער שיף.

איך האב דאן געפיהלט יונה הנביא׳ס געפיהלען, וועלכער איז נעביך געלע־גען עלענד, איינזאם "בירכתי האניה" אין א ווינקעל פון שיף, און אז מען האט איהם געפרעגט "מה ארצך?" "ואי מזה עם אתה?", — "וואס פאר א לאנדסמאן ביזטו און צו וועלכען פאלק געהערסט דו?" — האט ער גענטפערט:
"עברי אנכי ואת אלהי השמים אני ירא אשר עשה את הים ואת היבשה"
"איך בין א איד. פאר דעם הימעל־גאט, וועלכער האט באשאפען דעם ים מיט דער יבשה, האב איך מורא". דאס מיינט: קיין לאנד באזיץ איך ניט, צו קיין נאציאן געהער איך ניט. איך בין ניט ווילענדיג א קאסמאפאליט, איך האב נאר צו טהאן מיט דער אלגעמיינער גאטהייט, איך בין אויפגעבונדען צוזאמען מיט דעם גרויסען אוניווערסאלען ארכיטעקט פון דעם גאנצען באשאף, איך, אומגליק־ליכער, צוויי טויזענד יאהריגער וואנדערער־קאסמאפאליט, געצוואונגענער אינ־טערנאציאנאליסט, בין פול אין אלע לענדער און באזיץ ניט קיין אייגען לאנד. איך בין פארבונדען מיט אלע נאציאנען און אליין בין איך קיין נאציאן. איך רייד אלע שפראכען און מיין אייגענע שפראך האב איך פארגעסען. איך ארבייט פיעל אין אלע ליטעראטורען און מיין אייגענע פיער־טויזענד־יאהריגע ליטעראטור האב איך פערלארען. איך הער שפיעלענדיג אלע נאציאנאלע הימנעס און מיין אייגענע פארשוויינ איך...

אט אזוי בין איך געזעסען "בירכתי האניה", אין א ווינקעלע פון דער גרוי־סער שיף און דער נאציאנאלער צער און וויטאג האבען מיר מיין הארץ צוריסען. איך האב געזוכט פאר וועמען אויסצודריקען מיין הארץ, דורכריידען זיך, וועט מיר לייכטער ווערען, און איך האב ניט געפונען.

פלוצלינג איז געקומען פאר מיר א יונגערמאן, א פרישער, א לעבעדיגער מיט א פאר שווארצע ברענענדיגע סעמיטישע אויגען, א געפוצטען פראנצויזישען שווארצען בערדעל, וואס האט צוגעגעבען א אידישען חן צו זיין חנ׳עוודיגען אידי־שען פנים און באזונדערס זיין אדלער נאז האט שטארק עדות געזאגט אויף זיין אידישקייט.

"אויב איך האב קיין טעות ניט, זייט איהר דאס רעוורענד מאסליאנסקי?" — פרעגט ער מיך אין ענגליש.

"יא, מיין הערר, און ווער זייט איהר?" — האב איך איהם געפרעגט.

"מיין נאמען איז לאעב, דער מאלער. איך האב אייך געהערט האלטען א ציוניסטישע רעדע אין ניו יארק אין קופער יוניאן ביי דעם קבלת פנים פון מר.

www.libtool.com.cn

יוסף קאָוועז, דער לאָנדאָנער ציוניסט, איך בין אַן אינטימער פרײַנד פון מר. ישראל זאַנגוויל, איך בין אַ ציוניסט שוין איייניגע יאָהר".

מיר איז לײַכטער געוואָרען. איך בין גלייך אריינגעקומען אין אַנאַנדערער שטימונג, איך האָב געפונען אין איהם אַ פרײַנד און אַ גייסטיגען ברודער, מיר האָבען זיך גוט צוזאַמענגערעדט, אַזוי ווי צוויי טויבען שטילע זײַנען די צוויי ציוניסטען געזעסען "בירכתי האניה", און מיר האָבען אונזערע נאַציאָנאַלע ציוניסטישע געפיהלען אויסגעגאָסען איינער פאַר דעם אַנדערען. מיר האָבען זיך גוט בעפרײַנדעט און פערבראַכט צוזאַמען די גאַנצע רייזע אונזערע.

* * *

פאָהרענדיג איבער׳ן ים, אויסשפּאַנענדיג זיך פון דעם יבשה׳דיגען טאָג-טעגליכען יאָך, בעפרייענדיג זיך פון דעם לעבענס-געדויש מיט דעם גרויס-שטאָטישען טומעל, ווערט דער מענש גאָר אַנדערש אין זיין כאַראַקטער. ער ווערט באַפרײַנדעט מיט זײַנע אומבעקאַנטע מיט-רייזענדע, פיהלט זיך קינדעריש, הילפ-לאָז, צאַרט, אבהענגיג. אַלע פּאַסאַזשירען אין אַלע קלאַסען, רייך אָדער אָרים, קריסט, איד, פרום, פריי — אַלע ווערען גלייך אויף דער גרויסער - קליינער שווי-מענדער געביידע, וועלכע מיר רופען שיף, מיט איהר קאַפּיטאַן און זײַנע מיט-העלפער. אַט דער צושטאַנד אין לעבען ווירקט פיעל אויף דעם מענשענס פּסיכאָ-לאָגיע און ניט ווילענדיג ווערט ער מעהר טאָלעראַנט און האָט בכח אויסצוהערען זאַכען און מיינונגען מיט רוהיגע נערוועז און געדולד, וועלכע אויף דער יבשה וואָלטען זיי דאָס בשום אופן ניט קאָנען דולדען.

אַט דעם איינדרוק האָב איך באַקומען ווען איך האָב געגומען אַ שפּאַציער איבער דער אויבער-דעק פון שיף. איך האָב אַנגעטראָפען איייניגע קאַטוילישע פּריסטער. אַרום זיי זײַנען געשטאַנען אַ היבשע צאָהל יונגע לייט, און איינער, אַ מיטעל-יעהריגער מאַן איז געשטאַנען און געמאַכט זיי אַלעמען לאַכענדיג ביז היסטעריקע. מיט זײַנע סאַטיריש-סאַרקאַסטישע וויצען איבער אַלעמען און איבער אַלעס, איבערהויפּט איבער רעליגיאָן אין אַלגעמיין און איבער דער קאַטוי-לישער רעליגיאָן באַזונדערס. אַלע האָבען שטורעמדיג געלאַכט און די פּריסטער האָבען רוהיג געשמייכעלט, כאָטש ער האָט זיי באַמבאַרדירט מיט וויסענשאַפט-ליכע אַרגומענטען, בעשפּרינקעלט מיט שאַרפע וויצען, בייסענדע אַנעקדאָטען און סאַרקאַסטישע פאָלקס-ווערטלאַך.

איך בין ערשטוינט געוואָרען פון גרויסען רעדנער-טאַלאַנט און נאָך מעהר פון זײַנע פיעלע ידיעות און בקיאות אין דער דייטשער ליטעראַטור. געטהאַ, שילער, שאָפּענהויער, היינע, בערנע און ניטשע שטעהען אַלע גרייט צו זיין געברויך און ער ציטירט זיי איין ציטאַטע נאָך דער צווייטער. אויך די ענגלישע ליטעראַטור און די פראַנצויזישע האָט ער ניט איגנאָרירט און האָט פיעלע אויס-ציגע פון שעקספּיער, דאַרווין, ספּענסער, באַקלי געבראַכט.

www.libtool.com.cn

ער האט גערעדט אין א רייכער דייטשישער שפּראך. איך האב דורכאוים גערענקט אז ער איז א דייטשער פּריידענקער, א געבארענער קריסט. שטעלט איך פאר מיין איבערראשונג ווען מיט א שטונדע שפּעטער איז צוגעגאנגען צו מיר מיין נייער ציוניסטישער שיפ׳ס־ברודער, מר. לאעב, דער מאלער־קינסטלער, געארעמט מיט דעם זעלבען געבילדעטען פּריידיינקער און שטעלט איהם פאר מיר פאר מיט דעם נאמען : ״בערנארד מינץ״. אט דער אטעאיסט, דער שפּאס־טרייבער און רעליגיאנס־אטאקירער, וועמעס גאט און רעליגיאן איז ״די קראפט און שטאף״, פון ביכנער, איז אן אור־אייניקעל פון דעם גאון און צדיק מהר״ם מינץ״, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים ביי אידען אין דער ענדע פון דעם פופצעהנטען יאהרהונדערט, און זיינע שאלות ותשובות שפּיעלען א גרויסע ראלע אין דער רבנ׳ישער ליטעראטור.

ווען איך האב זיך מיט איהם נאהענטער בעקאנט, האט ער מיר ערקלעהרט, אז ער באזיצט נאך היינט אויך פיעל ״כתבי יד״ פון זיין גרויסען עלטער־זיידען. זיין פאטער איז אויך געווען אן ארטאדאקסישער איד, ער האט איהם ערצויגען אין א חדר עכט אידישלאך און ער געדיינקט נאך עד היום עטוואס פון ״גרסא דינקותא״, אבער זינט ער איז ארויס פון זיין פאטער׳ס רשות, איז ער אבסאלוט פארפרעמדט געווארען פון אידענטהום, ער איז דייטש דורך און דורך, ער האט א דייטשע הויכע שטודיום דורכגעמאכט, אין דער דייטשער ארמיי גערינט, היינט איז ער א ניו יארקער געשעפטסמאן, ער וואהנט וויט־ווייט אין דער וועסט־סייד און מיט אידען קומט ער קיינמאל ניט אין בעריהרונג.

אז איך האב איהם געפרעגט אויב ער ווייס עטוואס פון דער אידישער נאַ־ציאָנאלער באוועגונג, פון דעם ציוניסטישען אידעאל, פון דער נייער העברעאישער ליטעראטור, — האט ער מיך אנגעקוקט ווי א ווילד־פרעמדער. איהם איז בלויז בעקאנט דער גרויסער דיכטער רבי יהודה הלוי, ניט חלילה פון דעם אריגינאל, נאר ווייל ער האט וועגען איהם געלעזען אין היינע׳ס פּאעמען.

איך מוז זאגען צו זיין שבח, אז ער ווייס זאגאר דעם פעהלער וואס היינע האט געמאכט אין זיין פּאעמע ״רבי יהודה הלוי״, אנגעבענדיג, אז דער שיר ״לכה דודי״, וועלכער ווערט געזונגען ביי אידען אלע פרייטאג־צו־נאכט, איז געשריבען געווארען פון רבי יהודה הלוי, אנשטאט ״רבי שלמה הלוי״ פיעל שפּעטער.

דערמיט אבער ענדיגט זיך זיין גאנצע לומדות. צוזאמען מיט מר׳ לאעב׳ן האבען מיר ארומגערעדט דיזען מערקווירדיגען אידישען עקזעמפּלאר און מיר זיי־נען איינשטימיג געקומען צום באשלוס, אז נאר א גלות־פאלק, וועלכער איז צוויי־טויזענד יאהר נע ונד און וואנדערט ארום איבער דער גאנצער וועלט, קאן פּראָ־דוצירען אזעלכע געראטענע פעהיגע קינדער, און דאך ניט האבען פון זיי קיין

www.libtool.com.cn

מינדעסטע נוצען, אז נאָר קינדער פון אז עלענדען פאָלק קאָנען פערלאָזען זייער איינענעם לאַגער און אָפּגעבען זייערע פעהיגקייטען און טאַלאַנט צו פרעמדע.

דאָס איז די אַלטע קללה פון דער תוכחה: ”בניך ובנותיך נתונים לעם אחר ועיניך רואות וכלות!“

## 59טער קאַפּיטעל

**א שטורם אויפ׳ן ים. — דאָס וועטער ענדערט זיך שנעל און דער ים ווערט שטיל און איך ווער באַצויבערט פון א וואונדערליכען זון-אונטערגאַנג. — לאַנד באַווייזט זיך און די רייזענדע דערפרעהען זיך. — א האָלענדישע דאַמע פאַלט אריין אין היסטעריקע, ווען זי דערזעהט איהר היימלאַנד. — דער דאַמע׳ס פּאַטריאָטיזם רופט ביי מיר ארויס די ערינערונג וועגען מיין ווייטען היימלאַנד.**

שנעל ענדערט זיך דער ים. לויטערע הימלען, א העל שיינענדע זון האָבען מיר נעכטען און היינט ביז נאָך האַלבען טאָג געהאַט. דער ים איז געווען ווי א שפּיגעל, רוהיג, שטיל, און יעצט פּלוצלינג, — אָח, גאָט, וואָס פאַר אן אומעט. קיין שפּורען פון דער זון, אויסגעלאָשען איז איהר ליכט, שוואַרץ זיינען די הימלען, א פינסטערער דיקער נעבעל רינגעלט ארום די ”פּאַטסדאַם“, בייזע ברויזענדע וועללען שטורעמען איהר פון אַלע זייטען און שליידערען איהר היין און הער און שפּיעלען זיך מיט איהר ווי מיט א באַל.

אַלע רייזענדע האָבען זיך אין זייערע קאַבינען פערקליבען מיט א מרה־שחורה׳דיגער שטימונג.

אין אָוונט האָב איך זיך געפּאַסט מוטה און בין א ווייַלע אויף דער פריי־הייט ארויס. ארום און ארום א שרעקליכע געדיכטע פינסטערניש. טאַפּענדיג בין איך ארויף אין דער הויף וואו דער קאַפּיטאַן מיט זיינע מאַטראָזען האָבען זיך געפונען, רוהיג אַוועקגעזעצט זיך אין א ווינקעלע און פאַרטיעפט זיך מיט מיין נשמה אין דעם אומענדליכען פינסטערען תהום. פּלוצלינג האָב איך א שטימע דערהערט פון דעם שפּיץ פון דעם זעגעל, וועלכער האָט אויסגעשריען לאַנגזאַם מיט אויסגעצויגענע טענער אין דער ענגלישער שפּראַך:

“All is Well!”

עס הייסט, אז אַלעס איז אין ארדנונג.

מיך האָט דיזער אויסרוף שטאַרק אינטערעסירט, און איך האָב זיך ביי דער ערשטער געלעגענהייט געווענדעט צו איינעם פון די אָפיצירען ער זאָל מיר ער־קלעהרען וואָס מיינט דער אויסרוף און פון וואַנעט קומט ער.

www.libtool.com.cn

און ער האט מיר ערקלעהרט, אז אלע נאכט קלעטערט איינער פון די מאַטראָזען אויף דעם שפּיץ פון דעם זעגעל־מאסט, אויף וועלכען עס געפינט זיך א קליינע פּלאַטפאָרם. דאָרט שטעהט ער אויף׳ן וואך, בעטראַכט, בעאָבאַכטעט און פּאסט אויף אז די שיף זאָל זיך ניט אַנשטויסען אויף אַן אנדערער, און יעדע האַלבע שטונדע שרייט ער אויס אז "אַלעס איז אין אָרדנונג".

דער פאנטאסטישער אויסרוף האט שטאַרק געווירקט אויף מיין שטימונג און האט מיך באוואויגען צו דיינקען און פילאָזאָפירען:

"אונזער וועלטעלע, האָב איך געטראַכט, איז אויך א שטורעמדיגער ים מיט שרעקליכע רוישענדע וועללען, אויף וועלכען יעדער איינער פון אונז שווימט מיט זיין פּריוואט שיפעלע. אָבער ווי גוט וואלט דאס געווען ווען מיר וואלטען אויך קאָנען זיין ריכטיגע ערפאהרענע בעאָבאַכטער מיר זאָלען קאָנען אויסמיידען אַלערליי הינדערנישען, קאַטאסטראָפען און צוזאַמענשטויסען אויף אונזער לעבענס־וועג און האָבען צו יעדער צייט די מעגליכקייט אויסצורופען צו זיך זעלבסט: "אַלץ איז וועל!" — אַלעס איז אין אָרדנונג!

* * *

און ווידער דער שעהנער פּראַכטפאָלער זומער פריה־מאָרגען אויף דעם אַטלאַנטישען ים. ווידער האַרמאָניש צווישען די הימלען און דעם וואסער קעניגרייך, פריינטליך און גוטמאַטהיג שיקט די זון ארונטער איהרע שיינענדע און ערקוויקענדע שטראַהלען, וועלכע גלעטען און באַזילבערען מיט זייער העללען ליכט די גאַנצע רוהיגע וועללען פון דעם גרויסען אָקעאַן און וואַרפען אויף איהם אַרויף א טרוימערישען שלאָף, א זיסען שטילען דרעמעל... פערשוואונדען זיינען אַלע נעכטיגע ריזיגע צום קאַמפף־רופענדע כוואליעס, צולאָפען זיינען זיי אין אַלע ווינקעלאָך, האָבען זיך פערשטעקט טיעף - טיעף אין תהום אריין. יעצט, ווען איבעראַל און אומעטום איז ליכטיג, שעהמען זיי זיך צו ווייזען דעם פּנים צוליעב זייער נעכטיגער אויפגערעגטקייט און סקאַנדאַליעזע מעשים אין דער פינסטערניש.

די "פּאַטסדאַם" שווימט רוהיג, זאָרגלאָז, א שטיל ווינטעלע בלאָזט מיט א זעלטענער בעשיידענהייט, און אַלע רייזענדע זיינען העכסט מונטער, פרעהליך, אויפגעלייגט, אָטהעמען מיט פיעל לוסט די ריינע זיסע לופט, וועלכע מען קאָן נאָר בעקומען אין אַזא שעהנעם זומער־טאָג אויף דעם אַטלאַנטיק.

אַה, דו מעכטיגע שיינענדע זון, ווי גרויס איז דיין קראַפט צו באַלעבען, צו ערמוטהיגען, צו דערפרישען דעם גאַנצען בעשאַף! ניט אומזיסט האט איינער פון אונזערע פּראָפעטען דיר בעטיטולט אַלס „שמש צדקה ומרפא בכנפיה!" ווייל היילונג און באַלזאם איז ווירקליך אין דיינע שטראַהלען־פליגלען.

* * *

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך היינט בייגעוואָהנט די זון־אונ־

www.libtool.com.cn

טערנאנג מיט איהר גאנצען פראכט און גלאנץ אויף דעם אטלאנטיק. איך האב זיך אוועקגעשטעלט ביים ברעג פון שיף, גאר אין דער הויך, דארט ביי דעם קאַפּיטן׳ם קאבין, און מיינע בליקען זיינען געווען געווענדעט צו מערב־זייט, וואו די זון האט געזונקען.

איך האב געזעהען ווי די גרויסע פייערדיגע פארנאכטיגע זון, די טאג קעניגין, דער אוצר פון ליכט און לעבען, זעצט זיך ביסלעכווייז, זי געהט אונטער צו טובל זיין זיך אין דעם גרונט פון דעם וואסער־האריזאנט. זי פערשווינדט אין דעם טיעפען תהום. א מאמענט — און די לעצטע פון איהרע שטראהלען האבען א בליץ געטהאן און ניט געווארען...

רויט איז געווארען דער הימעל ווי פייער, העלישע פלאמען האבען זיך אפגעשפיגעלט אין דעם ענד פון דעם אקעאן האריזאנט. אזוי ווי דער הימעל מיט דעם ים צוזאמען האבען זיך פערשעהמט פון דעם וואס די גוטע ליכטיגע זון האט זיי פלוצלינג פערלאזען.

איניגע מינוטען — און די בלאסע לבנה האט זיך באוויזען, וועלכע האט לאנגזאם און בעשיידען מארשירט מיט דעם ציעל איבערצונעהמען דעם טראהן און צו בעטרעטען די שטעלע פון דער מעכטיגער זון...

באצויבערט און באגייסטערט פון דיזער הערליכער ששת ימי בראשית פּאַנאראמא, בין איך געבליבען שטעהן אומבעוועגליך און מיינע ליפּען האבען געמורמעלט די הייליג־פּאעטישע תהלים ווערטער:

„יורדי הים באניות...
המה ראו מעשי ד׳
ונפלאותיו במצולה!

„נור די יעניגע, וועלכע געהען מיט שיפען איבער דעם ים, זיי קאנען נאר זעהען גאט׳ס טהאט און זיינע וואונדער אין דער טיעפעניש".

„לאנד! לאנד! לאנד!" — האט זיך געהערט פון אלע זייטען פון דער שיף. אלע רייזענדע פון אלע קלאסען האבען אויסגעבראכען אין א יובעל געשריי ווען זיי האבען דערזעהען דעם ברעג פון ענגלאנד אין איין זייט און דעם פראנצויזישען ברעג פון דער אנדערער זייט. די לייכט־טורעמס, די פישער־שיפען און די מחנות ווייסע גרויסע ים־פויגלען, וועלכע פליהען איבער און ארום דער שיף, גיבען אונז אפּ א גערוס און זאגען אונז אן די פרעהליכע בשורה אז מיר זיינען שוין נאהענט צו דער מוטער־יבשה...

עס פיהלט זיך שוין גאנץ אנדערש אויפ׳ן שיף און, וואו מען קעהרט זיך, באמערקט מען א יום טוב׳דיגע שטימונג. באזונדערס האט יעצט דער הומאריסט, מר. בערנארד מינץ, דער לוסטיגער אידישער דייטש, באוויזען א זעלטענע אויפגעלייגטקייט ניט אין ערך מעהר ווי אין די פריהערדיגע רייזע־טעג, זיין הומאר

www.libtool.com.cn

איז געווארען א סך שארפער און זיין וויץ בייסענדער. און געראדע האט ער ווי־דער פון זיין ליעבלינגס־טהעמא, האט אטאקירט די קאטוילישע קירכע, האט זיך לוסטיג געמאכט איבער די צוויי שליסלען. איין שליסעל ביי פעטרוס׳ן צום **גן עדן העליון** און דער צווייטער ביי דעם פאפסט אין וואטיקאן צו דעם **גן עדן התחתון**...

צווישען דעם גרויסען אפלאדירענדען פובליקום שטעהען זיך רוהיג די ארימע נייסטליכע, הערען אוים מיט געמאכטער גלייכגילטיגקייט די באליידיגונג פון זייער היילינגטהום — און שווייגען.

דאן האב איך געלערנט צו פארשטעהן די זעלטענע פראקטישע טאקטיק, מיט וועלכע די אנהייננער פון דעם קאטאליציזם זיינען באשאנקען, זיי זיינען ער־צויגען און געלערנט פון קינדהייז אן צו זעהען, הערען און שווייגען, ווייל דער ליארעמען און קאכען זיך קען צו קיין רעזולטאטען ניט ברייננען.

שטיל זיינען זיי אט א די חברה־לייט, בעשיידען פול מיט עניוות ציינען זיי זיך דארט וואו זיי זיינען א מינאריטעט, און זאגאר, ווען זיי האבען די מאכט, האלטען זיי אויך זעהר ווייניג פון **ריידען** און **מעהר** פון **טהאן**.

אזוי האבען זיי זיך אויפגעפיהרט אין די אלע יאהרען פון דעם מיטעל־אל־טער, זיי האבען געברענט טויזענדע מענשען לעבעדיגע אויף דעם אויטא־דע־פע, זיי האבען אברים נעשניטען, זיי האבען אלעם **געטהאן** און זעהר ווייניג **גערעדט**,

ניט אזוי איז ליידער ביי אונז אידען, מיר האבען קיין מאל קיין געדולד ניט צו שווייגען, מיר שרייען געוואלד מיט קולי־קולות ווען זאגאר אין דעם ארט און אין דער צייט, וואו אונזער געשריי ברייננט אונז קיין נוצען ניט, אבער טהאן טהוען מיר גארניט.

בלויז מויל־העלדען זיינען מיר און אין דעם ליגט אונזער שוואכקייט ווי דער צווייטער פאטריארך אונזערער האט כאראקטעריזירט:

„הקול קול יעקב והידים ידי עשו!"

יא, יעקב ארבייט נאר מיט זיין **שטימע** און ניט מיט זיינע **הענט**, און עשו, ליידער, ארבייט נאר מיט זיינע **הענט** און ניט מיט זיין שטימע.

די „פאטסדאם" איז צום פראנצויזישען ברעג צוגעשוואומען, צו בולאניא. אלע רייזענדע האבען גענומען אבשיעד פון זייערע שיפ׳ס־ברידער, וועלכע האבען ארונטערגעשטיגען נאך פראנקרייך.

א ביינקעניש האט באהערשט די הערצער פון די איבערגעבליבענע פאסא־זשירען. דאס האבען זיי געביינקט נאך די נייע פריינד, מיט וועלכע זיי האבען ערשט מיט איינינע טעג צוריק בעקאנטשאפט און פריינדשאפט געשלאסען. דער מענש איז נאך אלע זיינע פעהלערען א גזעלשאפטליכע באשעפעניש, וועלכע

www.libtool.com.cn

גארט נאך פריינדשאפט און, ווען ער בעפריינדעט זיך מיט וועמען, ווערן זייערע הערצער פארבונדען מיט גייסטיגע בונדען און עס איז זעהר שווער צו שיידען זיך איינער פון דעם אנדערען.

אבער די איידעלע געפיהלען געפינען בלויז אן ארט אין זיין הארץ ווען ער פערלאזט דעם גערויש פון דעם אלטעגליכען לעבען און טראגט זיך אויף א ווײלע אריבער אין דעם שויס פון דער מוטער־נאטור, דאן ווערט ער צארט, איידעל, שטיל און גוטמוטהיג ווי א בייבי ביי דער מוטער׳ס ברוסט...

מיר האבען שוין פון ווייטען דעם האלענדישען ברעג דערזעהן. אין א פאר שטונדען ציים האט שוין די שיף געשוואומען מאיעסטעטיש רוהיג צווישען די שעהנע גרינע האלענדישע ברעגען, וועלכע ענטציקען און פילען אן מיט צופרי־דענהייט די אלע רייזענדע. א מין בעזונדערער חן און צויבער שוועבען איבער די קליינע האלענדישע ווייסע הייזעלער, וועלכע שטעהען הארט ביי די ברעגען פון די ים־אויסגיסען ארום דער קליינער לאנד האלאנד.

איינע, א יונגע האלענדישע דאמע, וועלכע האט געוואהנט אין די פעראייניג־טע שטאאטען איינינע יאהר און יעצט פאהרט זי נאך איהר געבורטס־לאנד, איז ווען זי האט פלוצלינג דערזעהען דעם האלענדישען באדען, האט זי מיט א היסטע־רישער פרייד אויסגעשריען: ״א, איך ליעבע דיך האלאנד, מיין טהייערע פאטער־לאנד!״ און האט זיך פון גרויס געפיהל צואויינט.

אן אומבעשרייבליכע ווירקונג האט אויף מיר געמאכט דער פאטריאטישער אויסרוף פון דער האלענדישער פרוי. איך האב זיך בעגעגענט מיט בליקען פון מיין נייעם ציוניסטישען פריינד, דער קינסטלער לאעב, און מיר האבען אינסטינק־טיוו זיך ארומגענומען און שטומערהייד אויסגעדריקט די זעלבע פראגע: ״וואו איז אונזער פאטערלאנד? !...״

איז דאס ניט א קוריאז, איך בין געפאהרען מיט דער שיף ״פאטסדאם״, געקומען בין איך נאך דער שטאדט ראטערדאם, פארפאהרען בין איך אין דעם האטעל וואנדאם, און באזוכען וועל איך די שטאדט אמסטערדאם. אט אזוי ניט ווילענדיג בין איך האלאנדעזירט געווארען.

www.libtool.com.cn

## 60טער קאפיטעל.

באד־עמס, די שטאָדט פון גרויסע שווייגערס. — מויל־העלדען פון דער גאנצער וועלט פערזאמלען זיך אין דעם דאָזיגען וואונדערליך שעהנעם דייטשען שטעדטעל צו היילען זיך זייערע העלזער און שטימען און זיי זיינען פערזאָגט פון די דאָקטוירים צו שווייגען. — דער אדעל פון אייראָפּא איז דאָרט רעפּרעזענטירט. — אמעריקאנער פּייערען דעם פּיערטען דזשולאי און די קינסטלער קריטיקירען די אמעריקאנער מוזיק. — דער פּאלאץ אין קאָבלענץ, וואו יעדער נאציאָן האָט איהר זאל מיט איהרע נאציאָנאלע מערקווירדיגקייטען.

מיט דער דייטשער באהן בין איך געפאָהרען נאך קעלן הארט ביים רהיין. ניט אומזיסט שטאָלצירען די דייטשען מיט זייער טייך, זיינע וואונדערבארע ברעגעס מיט די הויכע שטאָלצע בערג פון ביידע זייטען בעוואקסען מיט געדיכטע, ריעזיגע וועלדער און די גרויסע וויינגערטנער בעצויבערען דעם רייזענדען.

דער רהיין האָט מיך עראינערט אָן דעם האדסאָן, וועלכער ציהט זיך צווישען בערג פון ניו יאָרק ביז אַלבאני, אָבער די דייטשע בערג זיינען מעהר קולטיווירט, און אויסער זייער נאטירליכער פּראכט פערקערפּערען זיי מיט זיך די דייטשע ווירטהשאפטליכע ענערגיע.

פון קעלן בין איך גלייך נאך באד־עמס געפאָהרען. באד־עמס איז א קליין דייטש שטעדטעל, אָבער וואָס פּאר א חן איז אויסגעגאָסען אויף איהר. בלויז טויזענד איינוואָהנער האָבען זיך דאָן געפונען אין איהר. ווי מען געהט נור ארוים פון באהנהאָף און מען שטעלט דעם ערשטען טריט אויף איהר באָדען, ווערט מען ענטציקט פון די ערהאבענע וואונדערשעהנע לאנדשאפטען ארום איהר. איהרע געביידען זיינען ניט הויך, אָבער זיי זיינען געבויט מיט זעלטענע געשמאק און קונסט, איהר ניט גאנץ ברייטע גאסען זיינען זויבער אויף'ן אויסערסטען ארט. הויכע צווייגיגע בוימער וואקסען פון ביידע זייטען גאס און צווישען זיי זיינען פּערפלאנצט פערשיעדענע בלומען, ראָזען און ליליען.

באד־עמס ליגט אין א טהאָל צווישען הויכע בערג בעוואקסען מיט גרינע וועלדער. אין מיטען שטאָדט פליסט דער טייך עמס, וועלכער פאלט אריין מיט ניין מייל ווייטער אין דעם רהיין. אין מיטען דער שטאָדט שטעהט אויך דאס „קור־הויז“, וואו טויזענדער האָלדז און נאָז קראנקע טרינקען די וואונדערליכע מינעראל־וואסער.

זעהר פּיעלע געסט פון פערשיעדענע לענדער קומען טאג־טעגליך. צווישען די נעמען פון דעם קור־ליסט זיינען דאָ באראָנען, גראפען, פירסטען און אלער־

www.libtool.com.cn

ליי גרויסע יחסנים. בארא̇ן רא̇זען, דער רוסישער אמבאסאדאר אין אמעריקא, איז דא̇. בארא̇נעסע אלפאנס דע־ראטהשילד, אונזער קרובה, מיט איהר גאנצע פאמיליע איז אויך דא̇. שפאצירענדיג אין די גרויסע אלעען פון דעם קור־גאר־טען, הערט מען זיך אן אלערליי שפראכען. עס קוקט אויס ווי די אמאליגע בבל, אין וועלכער גא̇ט הא̇ט צומישט דעם מענשען׳ס שפראך.

אבער ווי שטיל און רוהיג איז צווישען דיזען גרויסען בבל־עולם. יעדער היט זיך ווי וויט ער קען ניט צו בעריהרען דעם צווייטען, ביי דער מינדסטער אונפארזיכטיגקייט הערט מען גלייך א פראנצויזישע "סליחה" און דער צווייטער ענטפערט גלייך א העפליכע "מחילה" אויף זיין אייגענער שפראך.

די פאציענטען זיינען איידעל, גוטמוטהיג איינער צום צווייטען, און עס דאכט זיך, אז א שטארקער אינטערנאציאנאלער און אפשר גאר א קאסמאפא־ליטישער באנד פעראייניגט זיי אלעמען. עס הערשט ניט קיין ראסען־האס, קיין קלאסען פערשיעדענהייט, קיין יחוס — בלויז פריינדליכקייט און איבערגע־בענהייט.

א̇ט שטעהט בארא̇ן רא̇זען, דער אריסטאקראטישער רוס, און רייניגט זיין רוסישען נא̇ז, און לעבען איהם, הארט ביי זיין זייט, שטעהט א אידישער חזן פון א קליין שטעדטעל און שווייגט נעביך זיין קראנקע אויסגעמאטערטע האלז. און אזוי כסדר אלע געסט.

א, ווען וועט שוין די גאנצע מענשהייט עהרייכען צו אזא הויכע שטופע? ווען וועלען שוין די מענשען זיין אזוי מילד, אזוי העפליך איינער צום צווייטען ניט דריקען דעם שוואכערען און יעדערער זאל פערשטעהן אז דער צווייטער הא̇ט אויך דא̇ס רעכט צו לעבען אויף דער וועלט אזוי ווי ער? ווי דערלעבט מען שוין צו זעהן איבעראל אזא פריעדליכע פערהעלטנים צווישען ראסען, נאציאנען און קלאסען ווי די וועלכע הערשט צווישען די פאציענטען אין באד־עמס? ווען וועט שוין קומען די ליכטיגע פון אונזערע נביאים פאראויסגעזאגטע צייט? א, ווען?...

אין באד־עמס הא̇ב איך פיער וואכען צייט פערבראכט, און איך הא̇ב גע־פיהלט אין דער גאנצער צייט דעם טעם פון יחזקאל הנביא׳ס "ואשב משמים", דא̇ס הייסט, איך בין געזעסען שטיל און געשוויגען ווי מיין דאקטאר הא̇ט מיר פערזא̇גט, אבסאלוט ניט צו רעדען, און דא̇ס איז ניט קיין לייכטע זאך צו מאכען פון א פראפעסיאנעלען "מדבר" ווי איך בין, צו א "דומם". — פון א רעדנער — א שווייגער.

איך הא̇ב דעם דאקטאר׳ס "לא תעשה" פינקטליך אויסגעפיהרט און איך גלויב, אז דא̇ס ניט ריידען הא̇ט מיר מעהר געהאלפען ווי דא̇ס וואסער טרינקען.

עס הא̇ט זיך מיר פשוט געוואלט גלויבען, אז די געטין פון געזאנג הא̇ט

www.libtool.com.cn

איהר רעזידענץ געמאכט אין דער "באר־עמם", ווייל די מעהרסטע פון די געסט זיינען געווען בעקאנטע זינגער, אקטיארען, ארטיסטען, אויך רעדנער, פרעדי־גער, קאטוילישע בישאפס, פראטעסטאנטישע פריסטער, ווי אויך גרויסע דיפ־לאמאטישע רעדנער, אראטארען פערשיעדענע, ראביים און חזנים. אט די אלע מענשען, וואס זיינען ווייט איינע פון די אנדערע אין זייערע אידעען און וועלט אנשויאונגען ווי מזרח פון מערב, ווערען דא אלע פעראייניגט אין שווייגען. מיט איין טענדענץ, מיט איין ציעל און מיט איין וואונש צו קורירען און אויס־בעסערען זייער שפראך און זייערע רעדעס־ארגאנען, אום זיי זאלען קענען ווייטער טהאן זייער גייסטיגע ארבייט. און דאס אונשולדיגע מינעראל וואסער מאכט קיין אונטערשיעד ניט פון מענש צו מענש און היילט די האלז פון דעם פייערדיגען אנטיסעמיט פונקט ווי די האלז פון דעם ליבעראלען הומאניטארען אראטאר. יא, די נאטור וויים ניט פון קיין שנאה און קנאה. און ווי גליקליך וואל־טען זיין די מענשען־קינדער, ווען זיי זאלען זיך לערנען צו געהן אין דער נאטור׳ס דרכים.

* * *

מיינע בליקען זיינען געפאלען אויף א פעסט געבויטען מאן, וועלכער שפא־צירט צווישען די אלעען מיט א שטאלץ־פעררים׳ענעם קאפ און לאנגע איבער די שולטערען פערוואר־פענע געקרויזטע האאר.

ווער איז דאס דיעזער גליקליכער, דורך וועמען די שעהנסטע און רייכסטע דאמען געפינען זיך שטארק געררייצט ווען ער בעשיינקט זיי מיט זיין אויפ־מערקזאמקייט ? איך האב חוקר ודורש געווען און דערגאנגען אז ער איז טאקי מיינער א נאהענטער קרוב, ס׳הייסט יעקב׳ס אן אייניקעל. דאס איז דער בע־ריהמטער רוסיש־אידישער טענאר טערטאקאוו. עס זיינען געווען ניט וועניג רוסיש־אידישע גרויסע זינגער, טאלאנטען מיט וועלט־נעמען, אבער ווער ער־אינערט זייער אידישען שטאם ? דאס שלימסטע איז וואס זיי זעלבסט בעהאלטען מיט אלע מעגליכקייטען זייער אידישקייט. דא אבער קומט ווידער די נאטור מיט איהר תמימות און דעקט זיי אויף מיט זייערע אדלער־נעזער און זייערע געקרויזטע האאר . . . .

* * *

די אייניגע אמעריקאנער, וועלכע זיינען איינגעשטאנען מיט מיר אין דעם האטעל דע־פראנס, האבען אפגערעדט צווישען זיך, אז מיר זאלען אויפ־שטעהן פריה אום צו פייערען דעם אמעריקאנישען פרייהייטס יום טוב, דאס הייסט דעם פיערטען דזשולאי, דער אמעריקאנער היסטארישער טאג פון אונאב־העננגיגקייט. מיר זיינען אלע אויפגעשטאנען אין א פרעהליכער שטימונג אלס בירגער פון די פעראייניגטע שטאאטען, מיר האבען אלע אריינגעטהאן קליי־נינקע אמעריקאנער פלאגען אין אונזערע לאצען און אוועק נאך דער קור־הויז.

דאָרט זיינען מיר איבערראַשט געוואָרען צו זעהן אמעריקאַנער גרויסע פלעגס מיט די סטאַרס און סטרייפּס פלאַטערען איבער די גרויסע האָטעלס. מיר האָבען גלייך דערהערט ווי דער אָפיציעלער אָרקעסטער שפּיעלט די אמע־ריקאַנער נאַציאָנאַלע הימנע. מיר האָבען ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט און אויס־געדריקט אונזער צופריעדענהייט מיט דער מוזיק. אָבער מיט דעם האָט זיך נאָך ניט געענדיגט, דעם גאַנצען טאָג האָט מען געשפּיעלט עכטע אמעריקאַנער סאָנגס פון אַלערליי מינים, ניט איגנאָרירענדיג אפילו דעם "יענקי־דודעל".

אָבער קיין פולען נחת האָבען מיר אמעריקאַנער ניט געקענט האָבען, אויס־הערענדיג פון דעם פּובליקום, מוזיקער פון דער גאַנצער וועלט, די מיינונגען וועגען דער אמעריקאַנער מוזיק, אַז זי איז נאָך זעהר יונג, קינדיש און פּרימיטיוו, און זי האָט זיך נאָך גאָרניט ענטוויקעלט. איך מוז זאָגען דעם ריינעם אמת, אַז אַלס אמעריקאַנער האָט מיך די מיינונג שטאַרק פערדראָסען, אָבער איך האָב זי גע־מוזט מקבל באהבה זיין צוליעב צוויי טעמים. ערשטענס, ווייל איך בין קיין מוזיקער ניט און צווייטענס, דער דאָקטאָר האָט מיר שווייגען געהייסען, און שווייגענדיג קען מען ניט פּראָטעסטירען...

צוזאַמען מיט אייניגע בעקאַנטע האָב איך די שטאָדט קאָבלענץ בעזוכט. זי איז ניט איבעריגס גרויס, האָט א בעפעלקערונג ניט מעהר פון פינף און פופ־ציג טויזענד, אָבער זי איז צימליך שעהן און בעריהמט מיט איהר ריעזיגער פעסטונג און מיט דעם וואונדער שעהנעם דענקמאַל נאָך קייזער ווילהעלם דעם ערשטען, וועלכער שטעהט אין דעםווינקעל, וואו עס גיסען זיך צונויף די צוויי טייכען, דער רהיין און מאָזעל.

אין קאָבלענץ געפינט זיך אויך דער אַלטער קייזערליכער פּאַלאַץ, וועלכער איז געבויט געוואָרען אין דעם אָנפאַנג פון זיעבצעהנטען יאָהרהונדערט און איז דאַמאַלסט געוועזען די רעזידענץ פון די פירשטען.

דער פּערסישער שאַך און אַלעקסאַנדער דער צווייטער פון רוסלאַנד זיינען אויך פיעל מאָל געוועזען געסט אין דעם פּאַלאַץ. זיין אויסערליכע געביי איז א גאַנץ געוועהנליכע, אָבער די אינערליכע אויסשטאַטונגען פון זיינע אונגעהייער גרויסע פערשיעדענע סאַלאָנען מיט זייער קאָסטבאַרער מעבעל בעצויבערן איינ־פאַך דאָס אויג פון דעם בעזוכער. די ווענט אין יעדען סאַלאָן זיינען דעקאָרירט מיט דעם זעלבען שטאָף פון דעם מעבעל וואָס שטעהט אין איהם. יעדער זאַל טראָגט אויף זיך דעם כאַראַקטער פון א געוויסען לאַנד און איז מעבלירט נאָך דעם געשמאַק נאָך פון יענער נאַציאָן.

עס זיינען אין איהם דאָ רוסישע, טערקישע, פראַנצויזישע, איטאַליענישע, כינעזישע, יאַפּאַנעזישע און נאָך פיעל אַנדערע זאַלען. אין דעם טערקישען זאַל שטעהען טייערע טאָפלען מיט אויסגעקריצטע גאָלדענע פסוקים פון אַלקאָראַן, וועלכע דער סולטאַן האָט מיט זיין אייגענער האַנד אויסגעקריצט אין דער

www.libtool.com.cn

אראבישער שפראך. אין דעם רוסישען זאל שטעהען צוויי גאלדענע טישלאך מיט א שאך שפיעל און די פיגורען זיינען גאלדענע און אויף מאנכע פון זיי האט אלעקסאנדער דער צווייטער אויפגעשריעבען זיין אונטערשריפט.

אויף די ווענט הייננגען גרויסע לעבענס־בילדער פון פערשיעדענע דייטשע קעניגען און פירשטען פון דעם מיטעל־אלטער, וועלכע קוקען אויף דעם בעזו־כער ווי לעבעדיגע מיט זייער מאיעסטעטישען שטאלץ.

און יעצט ? יעצט איז דער לעצטער לעבעדיגער מאנארך א נידערגעשלא־גענער, פערטריבענער אין האלאנד . . .

## 61טער קאפיטעל.

דר. הערצל׳ס צימער אין דער ציוניסטישער ביורא אין קעלן, וואו אלץ איז אויסגע־שטעלט געוואָרען ווי פאר הערצל׳ס לעבען. — דער מאהלער פיליכאָווסקי, וועל־כער האָט געמאכט א לעבענסבילד פון׳ם פערשטאָרבענעם ציוניסטישען פיהרער. — דער אינטערעסאנטער טיפּ פון דוד וואָלפסאָן, וועלכער האָט פערנומען דר. הערצל׳ס שטוהל. — ווי סאָקאָלאָוו האָט געארבייט פאר צייטונגען אין עטליכע שפּראכען. — א ריהרענדע געשיכטע, ווי דר. הערצל האָט זיך אויסגעפּוצט ווי צו א קעניגליכער אודיענץ צו בעגעגענען ארץ ישראל.

מיין קור אין באד־עמס האב איך געענדיגט, איך האב געפיהלט פיעל בעסער, מוטיגער געוואָרען. עס האט זיך מיר געביינקט נאך אמעריקא און נאך מיין גייסטיגער ארבייט פאר דעם ניו יאָרקער אידענטהום. איך האב זיך אויף מיין רייזע צוריק אפּגעשטעלט אין קעלן אויף א פאר טעג. איך האב בעזוכט די ציו־ניסטישע ביורא און די רעדאקציעס פון דער "וועלט" און דעם "העולם". הערר בערגער, דער רעדאקטאר פון דער "וועלט", דר. קלאצקי, דער דירעקטאר פון דעם נאציאנאל פאנד און דר. ארענשטיין פון האאג, האלאנד, האבען מיך פריינדליך עמפפאנגען און מיך פארגעשטעלט פאר די אלע מיטארבייטער פון דער וועלטליכער ציוניסטישער בעוועגונג.

אין דער ביורא האב איך אויך געטראפען דעם בעריהמטען אידישען מאה־לער פיליכאווסקי פון פאריז. ער איז אן ענטוזיאסט פאר דער אידישער קונסט און איבערגעגעבען צום יודענטהום אין אלגעמיין. נאך א לייננגערען געשפרעך האט זיך דער ארטיסט געווענדעט צו מיר מיט דער פראגע:

"ווילט איהר פיעלייכט זעהן דר. הערצל׳ס צימער ? מיר האבען דעם צימער אהער אריבערגעבראכט. דאס הייסט די גאנצע אויסשטאטונג פון דעם פער־

www.libtool.com.cn

שטארבענעם פיהרער׳ס שרייב־צימער, די מעבעל און די ביכער, און מיר האבען זיי אויסגעשטעלט אין אן עקסטרא צימער דא אין דער ביורא״.

ער האט אויפגעעפענט א גרויסע טיר און ווי איבערראשט בין איך גע־ווארען, ווען איך האב דערזעהען הערצל׳ס לעבענס־בילד אין זיין פולען הויך און מיט דער זעלבער פאזע ווי ער פלעגט ערשיינען אויפשטייגענדיג אין קאנג־רעס אויף׳ן פלאטפארם. דאס בילד איז מיט גרויס קונסט געמאכט געווארען, און פערקערפערט אין זיך א לעבעדיגען דר. הערצל מיט זיין שעהנעם מאיעס־טעטישען געשטאלט און זיינע צוויי שווארצע דורכדרינגענדע אויגען מיט זיין אריענטאלישען פירשטליכען קאפ. דאס בילד איז פיליכאווסקי׳ס ארבייט. ער האט עס געמאלען אויף דער בעשטעלונג פון דעם לעצטען קאנגרעס אלס א היסטארישען דענקמאל.

א טיעפען גייסטיגען וועהטאג האב איך געפיהלט, ווען איך האב בעטראכט דעם שטול מיט דעם שרייב־טיש, אויף וועלכען און ביי וועלכען דער גרויסער איד פון דעם נייןצעהנטען יאהר־הונדערט איז געזעסען און געשריעבען זיין "יודענשטאט" און זיין "אלט־ניי־לאנד", און געטראכט זיינע גרויסע חלומות פאר דער צוקונפט פיר זיין אלט־ניי־פאלק.

נאך דעם בין איך ארונטער אין דעם אפיס פון נאציאנאל פאנד, וואו מען האט מיר געצייגט דעם "גאלדענעם בוך", אדער דעם "ספר הזהב לקרן קימת". עס איז ווירקליך א וואונדער־שעהנע ארבייט און שפיגעלט מיט זיך אפ עכט אידישע קונסט. איך האב איהם אביסעל דורכגעבלעטערט און געפונען אין איהם א היבשע צאהל בעקאנטע ציוניסטישע נעמען, וועלכע זיינען דארט פעראייביגט.

דר. באדענהיימער, דער פארשטעהער פון דעם נאציאנאל פאנד, איז איבער־געגעבען מיט לייב און לעבען צו דעם ציוניסטישען אידעאל און אין זיין לענ־גערען געשפרעך מיט מיר האט ער נאר געהאלטען אין איין פארשלאגען פער־שיעדענע פלענער ווי אזוי פאפולער צו מאכען און צו פערגרעסערען דעם קא־פיטאל פון דעם פאנד. עס איז ווירקליך א נחת רוח צו זעהן ווי ערנסט די איי־ניגע דייטשע ציוניסטען גיבען זיך אפ מיט דעם ציוניזם.

*  *  *

דעם 28טען יולי איז דער פריה איז דער פרעזידענט פון דער וועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציאן, דער ממלא מקום פון דעם אונשטערבליכען גע־שטארבענעם דר. בנימין זאב הערצל, הערר דוד וואלפסאן, געקומען פון זיין רייזע נאך רוסלאנד צו זעהן זיך מיט דעם דאמאלסדיגען רוסישען פרעמיער **סטאליפין צו פועל** זיין ביי איהם ער זאל אויפהערען צו אונטערדריקען די ציו־ניסטישע בעוועגונג אין רוסלאנד.

www.libtool.com.cn

איך האָב איהם בייטאָג אין ביוראָ בעזוכט און פערבראכט מיט איהם ביי א שטונדע, גערעדט וועגען ציוניזם אין אַלגעמיין און וועגען דער זעלבער בעוועגונג אין אמעריקא בעזאָנדערס. הערר וואָלפסאָן האט אויף מיר געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק מיט זיין הדרת פנים און מיט זיין טיפּישען אויסזעהן פון א חשובע׳ן, בכבוד׳ען אידישען בעל הבית. א בר אוריין, גוט־הערציג, בעשיידען, א גוטער רעדנער אין דייטש און אין העברעאיש — מיט איין ווארט, א רוסישער איד מיט א דייטשער אינטעליגענץ, קלוג, פּראקטיש, און ווייס זיך ווי צו האַלטען.

אינטערעסאנט איז געווען זיין געשפּרעך מיט מיר איבער זיין סעקרעטער אין יענער צייט, דער היינטיגער גרויסער פּיהרער אונזערער מר נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער איז דאמאָלסט געווען פּעררייזט פון קעלן אויף איניגע וואָכען.

זיצענדיג אין ביוראָ ביי איינעם פון די שרייב־טישען, האָב איך גענומען א פּען צו פערצייכענען עטוואָס.

„אָט די פּען וועלכע איהר האָט יעצט אין האַנד גענומען", זאָגט צו מיר מר. וואָלפסאָן. „האָט אייך פּיעל צו דערציילען וועגען איהר ארבייט, וואָס הערר סאָקאָלאָוו, ווען ער איז דאָ ביי דעם שרייב־טיש, טהוט אָפּ מיט איהר טאָג טעגליך."

„יעדען טאָג 7 אוהר אין דער פריה שרייבט ער אויף א לייט ארטיקעל אין דייטש פאר איינער פון די דייטשע לאָקאַלע צייטונגען, וועלכע ער רעדאקטירט. אכט אוהר טרינקט ער אויס א גלאָז מילך, נעהמט א קליינעם שפּאַציער און זעצט זיך וויעדער ביים שרייב טיש און שרייבט אָן ענגלישען ארטיקעל פאר דעם „דזשואיש קראָניקעל" אָדער פאר אַן אנדער ענגלישע צייטונג, ענדיגט זיין ענגלישע קאָרעספּאָנדענץ און שרייבט אַן ארטיקעל אין פּויליש, וואָס איז זיין מוטער־שפּראַך, פאר איינער פון די פּוילישע אויסגאַבען. צוועלף אוהר האָט ער א לייכטען מאָהלצייט, רוהט אָפּ א האלבע שטונדע און נעהמט זיך צו זיין ארבייט צו רעדאקטירען דעם העברעאישען „העולם" און די „ציוניסישע וועלט" אין דייטש ביז זעקס אוהר פאַרנאכט. נאָך זיין אבענד־מאָהלצייט פאַנגט ער ערשט אָן צו טהאָן זיין פּריוואַט ארבייט, זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט אין פערשיעדענע שפּראַכען און אין פערשיעדענע ליטעראַטורען."

אָט אזוי האָט כאראקטעריזירט דער פּרעזידענט מר. וואָלפסאָן די טעגליכע ארבייט פון הערר סאָקאָלאָוו.

אין אבענד בין איך עמפּפאַנגען געוואָרען פון הערר וואָלפסאָן אין זיין שעהנער פּריוואַט וואָהנונג. דאָרט האָב איך געטראָפען דר. קלאצקי, דר. ארענשטיין און דעם קינסטלער פּיליכאָווסקי.

הערר וואָלפסאָן איז דער ראש המדברים פון אונזער האַלבען מנין איבער־

www.libtoday.com.cn

געגעבענע ציוניסטען, פינף שטונדען גאר אן אויפהער האט ער אונז בעצויבערט מיט זיין אונטערהאלטונג.

ווען ער האט אונז אנגעפאנגען שילדערן דר. הערצל׳ס טהעטיגקייט אין אלע זיינע רייזען, אין וועלכע ער איז געווען זיין בעגלייטער, האבען זיך טרעה־רען בעוויזען אין די אויגען פון אלע אנוועזענדע, ווייל די שילדערונג איז געווען אזוי איינדרוקספול, אזוי בעהארצט און בעגייסטערט, אז זיי האבען געקענט ריהרען זאגאר די הערצער פון גאנץ נייטראלע מענשען און מאכען זיי פיהלען ווי גרויס עס איז דער פערלוסט פון דעם אידישען פאלק אין דעם טויט פון דר. הערצל.

נאכהער האט הערר וואלפסאן איבערגעגעבען געוויסע אייגצעלהייטען פון זיין רייזע אין רוסלאנד, און הויפטזעכליך פון זיין געשפרעך מיט סטאליפין׳ען. ער האט מיט דעם רוסישען פרעמיער גערעדט גאנץ אונגעשטערט און אפענ־הערציג, און ווען דער לעצטער האט איהם געפרעגט אויב ער קען איהם גא־ראנטירען, אז אין דעם ציוניסטישען לאגער זיינען ניטא קיין סאציאליסטען און אנארכיסטען, האט ער, וואלפסאן, ערוויעדערט מיט א געגען־פראגע, אויב סטא־ליפין זעלבסט קען גאראנטירען פאר זיינע בעצאהלטע בעאמטע, אז צווישען זיי געפינען זיך ניט קיין אנארכיסטען. ״ניין!״, האט דער רוסישער פרעמיער אויסגערופען מיט ערנסט.

״ווי אזוי, אלזא״, האט וואלפסאן צוגעגעבען, ״קענט איהר פון מיר פער־לאנגען, אז איך זאל גאראנטירען פאר צעהנדליגער טויזענדער מענשען אונאב־הענגיגע פון מיר, אז יעדערער פון זיי זאל זיך אין גאנצען האלטען אין מיינע אנשויאונגען און איבערצייגונגען?״

ווען הערר וואלפסאן האט זיך אויסגעדריקט אין זיין געשפרעך וועגען דיא זעקס מיליאן רוסישע אידען, האט סטאליפין בעמערקט: ״דאס איז אן אלגע־מיינער טעות צו רעכענען די צאהל אידען ניט מעהר ווי זעקס מיליאן, גיט אי־בער אלעמען אין מיין נאמען, אז אין אונזער לאנד געפינען זיך מעהר ווי זיע־בען מיליאן אידען״.

זיין אויפנאהמע ביי די אנדערע רוסישע מיניסטארען איז אויך געווען זעהר אווארימע, און הערר וואלפסאן איז געווען פול מיט האפנונג, אז זיי וועלען האלטען זייערווארט און ניט שטערען די ציוניסטען אין זייער ארבייט אין רוסלאנד.

* * *

עס איז שוין געווען דריי ביי נאכט, און דער גוטער וואלפסאן האט פאר אונז ווידער אנגעפאנגען צו מאהלען קליינע בילדלאך, עפיזאדען פון דעם

www.libtool.com.cn

גרויסען הערצל. איינע פון זיי האָט אונז בעגייסטערט און מיט דעם חסיד׳ישען לשון וואָלט איך זיך אויסגעדריקט, אז מיר האבען "עלית נשמה" בעקומען.

"דאן, ווען הערצל עליו השלום, איז מיט מיר צוזאמען נאָך ארץ ישראל געפאָהרען", האָט וואָלפסאָן אונז דערצעהלט מיט א דראמאטישען טאָן, "די שיף איז פון פּאָרט-סעיד אין אווענד נאָך יפו אָפּגעגאנגען. מיר האבען אלע גע־וואוסט, אז מאָרגען פריה וועלען מיר אין יפו זיין. איך, גלייך מיט אלע פּאַ־סאזשירען האבען מיר זיך שלאָפען געלייגט אין אונערע קעבינען. ער, הערצל, איז פון אויבען אויף דעם דעק געבליעבען.

"איך בין אין א שטארקען שלאָף געווען. דריי אזייגער פארטאָג הער איך א שטימע רופט מיך מיט מיין נאמען: דוד, דוד! דו שלאָפסט, דוד? און איך פיהל ווי א צארטע האנד גלעט מיך אויף מיין געזיכט און זאָגט:

"דוד, דו ווילסט זעהן אונזער מוטער ציון? שטעה אויף, דער מאָרגענ־שטערן שיינט שוין אויף די יפו׳ער טורעמס, זיי לייכטען שוין צו אונז גאָר נאָהענט".

"איך האָב זיך פון מיין געלעגער אויפגעכאפּט, און איך בין ערשטוינט געוואָרען, ווען איך האָב דערזעהן הערצל׳ען אנגעטהאָן ווי צו געהן אויף אן אודיענץ צום קיסר, מיט א בעגייסטערטען געזיכט און מיט זיינע צוויי פלא־מענדע אויגען רעדט ער צו מיר: "קום, דוד, טהו זיך אָן, לאמער געהן זעהן אונזער מוטער!"

"איך האָב זיך גלייך אָנגעצויגען, מיר זיינען ארויף אויף דעם אויבערדעק, און מיר האָבען גלייך דערזעהן די שפּיצען פון יפו׳ער טורעמס ווינקען צו אונז.

"זיינען מיר געפאלען איינער אויף דעם אנדערענס האלז און זיך צוקושט און אונזערע ליפּען האבען שטילערהייד געמורמעלט: "אונזער לאנד, אונזער מוטער ציון!".

פיר א פּאָר טעג האָבען מיר זיך צושיידט.

אויף מאָרגען פריה צוריק נאָך האָלאנד, נאָך ראָטערדאם פערפאָהרען אין האָטעל "ווינדאם" און גלייך ארויף אויף דער שיף "אמסטערדאם" צוריק נאָך אמעריקא.

www.libtool.com.cn

# מיין רייזע נאָך ארץ ישראל

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# 1. — דער אָפּשיעד

דיענסטאָג, 3טער מאַי, 1921. — נאָך אַ שעה און די „אַקוויטאַניאַ" וועט פערלאָזען דעם ניו יאָרקער האַפען. דער גרויסער שווימענדער פּאַלאַץ וועט אונז, טויזענדער מענשען פון פערשיעדענע לענדער און נאַציאָנען, אַריינגענעהמען אונטער זיין רשות און אונז טראָגען איבער דעם ברייטען שטורמישען אָקעאַן צו אַ צווייטען ברעג, וואו די מענשען וועלען זיך ווידער פּאַנאַנדערגעהן אין טויזענדער ריכטונגען און וועגען, אום קיינמאָל, אפשר, זיך מעהר צו זעהן און קיינמאָל מעהר צו זיין אונטערוואָרפען אונטער איין פיהרענדער האַנד — דעם קאַפּיטאַן.

איך און מיין פרוי שטעהען שוין אויף דעם דעק פון שיף. שווער אָבער ערהאַבען איז געווען דער מאָמענט פון אָפּשיעד. זיבען און צוואַנציג קינדער און קינדס קינדער, פיעלע פריינד און פערהערער זיינען געקומען צום פיער אונז אַרויסבעגלייטען צו אונזער רייזע נאָך ארץ ישראל... דאָ אַ קוש, דאָ אַ האַנד־דרוק, דאָ אַ טרעהר, דאָ אַ ליעבער שמייכעל, דאָ אַ האַלזען, דאָ שטומע בליקען, — אַלעס מישט זיך אוים אין איין זמר, אין איין קלאַנג: „פאָהרט געזונד, פאָהרט געזונד!"

און אַזוי שמערצליך־זים קלינגט אָט דער רוף אין דיינע אויערען, אַז עס דוכט זיך דיר, דאָס ניט נאָר דיינע נאָהענטע און ליעבע רופען עס דיר צו, נאָר אויך די טויזענדע נאָהענטע אויפ'ן פיער, אויף דער ווייטער גאַס — גאַנץ ניו־יאָרק רופט צו דיר: „פאָהר געזונד! פאָהר געזונד!"

אַ מערקווירדיגע שטימונג הערשט אַרום אונז. די לופט איז פול מיט ליעבשאַפט, בענקעניש און טרויער. יעדער רייזענדער ווערט אַרומגערינגעלט פון זיינע פערוואַנדטע און פריינד. מען האַלזט זיך, מען קושט זיך; ברכות און ווינשונגען דערהויבען זיך איבער דעם דעק פון שיף אין פערשיעדענע שפּראַכען, און דאַכט זיך, אַז דו פערשטעהסט זיי די אַלע שפּראַכען...

אַ זעלטען געפיהל האָט מיך אַרומגענומען, ווען איך האָב בעשטיגען די „אַקוויטאַניאַ". איך האָב דערפיהלט ווי איך וואָלט פּלוצלונג אַריבערגעטראָגען געוואָרען אויף אַן אַנדער וועלט, אַ קליינע וועלט, אַן אומבעקאַנטע וועלט, אָבער אַזאַ שעהנע, אַנגענעהמע און הארציגע. און ניט נאָר איך בין פערכאַפּט אין אַזאַ שטימונג, נאָר, איך פיהל, אַז אַלע, אויפ'ן שיף.

אָ, ווען די גאַנצע מענשהייט אויף דער וועלט וואָלט געווען געשטימט אַזוי ווי די מענשען, וועלכע זיינען איצט אויף דער „אַקוויטאַניאַ", ווי זים, שעהן

www.libtool.com.cn

און ערהאבען וואלט געווען אונזער לעבען אויף דער וועלט! דעמאלט וואלטען די פרעמיערס פון די עליים קיינע קאנפערענצען ניט געברויכט צו האבען; דייטשלאנד וואלט קיינע ביליאנען ניט געדארפט צאהלען, פוילען וואלט קיינע אידישע בערד ניט געריסען, די אמעריקאנער סענאטארען וואלטען ניט געווען בעשעפטיגט מיט פערמאכען די טויערען פון אמעריקא און די אידען, א, די אידען! ווער נעהמט זיך אונטער צו זאגען, וואס מיט זיי וואלט דאן געווען?..

„רבונו של עולם!“ — האב איך געפרעגט טיעף אין מיין הארצען: „ווארום פערשטעהען דאס ניט די מענשען אויף דער ערד, אז זייער גאנצער לעבענס פראצעס אויף דער וועלט **אין צייט** איז דאס אייגענע, וואס א רייזע אויף דער שיף **אין רוים**? מיר האלטען דאך אלע טאג איין טאג אויס אין איין געזעגענען זיך איינער מיט דעם צווייטען. דער אונטערשיעד איז בלויז, וואס מען ווייס ניט ווער איז דער פאסאזשיר און ווער זיינען די בעגלייטער...

מיין אויג ווערט צוגעצויגען צו א געזעגענונגס סצענע. ווי ערהאבען, ווי פרעכטיג איז דער מאמענט! אט שטעהט א זקן פון איבער ניינציג. איך ווער געוואהר, אז דאס איז א רוסישער איד, וואס האט געלעבט 34 יאהר אין אמעריקא און איצט פאהרט ער שטארבען אין ארץ ישראל. קינדער און איי־ניקלאך זיינען געקומען געזעגענען זיך מיט זייער אלטען פאטער און זיידען. דאס לעצטע מאל, וואס זיי זעהען זייער אלטען ליעבען פאטער.

נאר ער, דער גרייז גראהער זקן, וויינט ניט. עס איז ביי איהם היינט א יום טוב. ער פאהרט שטארבען אין דאס לאנד פון זיינע אבות. דאס איז דאך געווען זיין אייביגער חלום. וואס נאך קאן ער זיך ווינשען? זאט מיט יאהרען, ער לאזט איבער א דור מיט פיינע קינדער, אייניקלאך און אור־איי־ניקלאך. ער האט אלעמען ליעב, וויל זיי אלעמען זעהן, האבען ארום זיך. נאר ער פיהלט, אז די טעג זיינען געצעהלטע, ער הערט דעם רוף פון דער מוטער רחל. „קום, שטארב אין מיין שויס“... און ער געזעגענט זיך מיט זיינע קינדער און פאהרט שטארבען אין דעם שויס פון זיין מוטער, די מוטער פון פאלק ישראל, וואס וויינט אויס די אויגען צו האבען אלע איהרע קינדערלאך ארום זיך...

און דער אלטער האט נאר איין טרייסט ווארט פאר זיינע קינדער:

„וואס וויינט איהר? איך פאהר דאך שטארבען אין ארץ ישראל...“

פיהלען, בעגרייפען עס די קינדער, אז פאר דעם אלטען פאטער שטארבען אין ארץ ישראל מיינט לעבען פון דאס ניי, לעבען א ניי שעהן לעבען אין דער אייביגקייט אריין?...

נאר קינדער זיינען קינדער. און בפרט מען שטעהט נאך אויף דעם הארטען פיער פון א ניו־יארקער האפען. זיי זעהען זייער אלטען ליעבען

www.libtool.com.cn

פאַטער אוועקשווימען פון זיי, און דאָס האַרץ וויינט ביי זיי און טרערן רינען און מען האַלזט און מען קושט דעם פאַטער נאָכאַמאָל. קאָנען זיי דען פיהלען וואָס דער אַלטער פיהלט?

און אַט קומט דער לעצטער מאָמענט. אַ סיגנאַל הערט זיך פון שיף, אַז אַט־אַט וועלען די שטריק אַראָפּגעלאָזט ווערען, די בריקען וואָס פערבינדען די שיף מיט דעם פּיער, וועלען צוגענומען ווערען. די בעגלייטער אויפ׳ן דעק פון שיף מוזען זיך אונטעראיילען. דער לעצטער קוש, די לעצטע ברכה. ווי ערנסט, ווי הייליג איז דער מאָמענט!

קיין זאַך מעהר פערבינדט שוין ניט דעם ריזיגען קערפּער פון דער „אַק־וויטאַניאַ“ מיט דעם פּיער. די לעצטע שטריק אָפּגעבונדען, דער לעצטער בריק צוגענומען. זי שטעהט אַליין שוין אָפּגעשלאָסען, אַ וועלט פאַר זיך, אָבער די מענשען אויפ׳ן דעק און די מענשען אויפ׳ן פּיער זיינען דאָך פערבונדען מיט טויזענדער פעדים. יעדער איינער פיהלט נאָך דעם הייסען קוש פון אַ נאָהענ־טען. טויזענדער הערצער קלאַפּען פעראייניגט און קיינע אוועקגענומענע ברי־קען אין דער וועלט קאָנען זיי ניט פאַנאַנדערטיילען... אַט שטעהען אויפ׳ן פּיער אונזערע זיבען און צוואַנציג קינדער און קינד׳ס קינדער. קאַן דען אַ מאַכט אונז פאַנאַנדערטיילען? איך בעטראַכט מיין פרוי. זי שטעהט ביי מיין זייט שוויינענדיג און קוקט מיט מוטערליכע בליקען אויף איהרע קינדער. איהר געזיכט איז פול מיט טרויער. ווי שווער איז דער אָפּשייד פון עלטערען מיט קינדער.

אַ פייף, אַ זשומען, און דער גרויסער שווימענדער פּאַלאַץ הויבט זיך אַן ריהרען פון אָרט. שווער, קרעכצענדיג ריהרט ער זיך... קענטיג, אַז קיינעם איז ניט לייכט צו פערלאָזען אַ רוהע־פּלאַץ... נאָר ער בעוועגט זיך לאַנגזאַם און זיכער, שטאָלץ און מאַיעסטעטיש. ער איז זיכער מיט זיין וועג, שטאָלץ מיט זיין אייגענער אָפּגעשלאָסענער וועלט.

טויזענדער היטלען און טאַשען־טיכלאַך פלאַטערען אין דער הויך. פער־שיעדענע אויסרופען אין פערשיעדענע שפּראַכען פון די בעגלייטער און פּאַסאַ־זשירען קלינגען אָפּ אין דער לופט, מישען זיך אויס און פערקלינגען אין געטומעל.

אין לעצטען מאָמענט קאָנצענטריר איך מיין אויפמערקזאַמקייט בלויז אויף מיינע אייגענע מיינע קינדער, און פריינד. אַט שטעהען מיינע קינדער, אַט איז אַ גרופּע ציוניסטען מיט ציוניסטישע און אַמעריקאַנער פאָהנען אין די הענד. און אַט שטעהען פיעל בעקאַנטע און פאָרשטעהער פון פערשיעדענע אינסטיטוציאָנען, האַספּיטעלער, תלמוד תורות, בתי יתומים און קינדער גאָרטענס. זיי זיינען אַלע געקומען געבען אונז זייער ברכה אין וועג אַריין. ווי דאַנקבאַר איך בין

www.libtool.com.cn

זיי. ווי גוט עס איז צו האבען אזוי פיעל פריינד, וואס פערזאמלען זיך ביי דיין זייט, ווען דו לאזט זיך אין א ווייטען וועג אריין, בפרט נאך אין א וועג, וואס פיהרט דיך אין ארץ ישראל!

„שלום, מאסליאנסקי עס רעיתו! הידד, הידד!“ הער איך אן אויסרוף פון דער גרופע ציוניסטען, וועלכע פאכען אין דער הויך מיט די ציוניסטישע און אמע־ריקאנער פאהנען. און דא הער איך צורופען פון מיינע קינדער, פריינד, אלע, אלע ווינשען זיי אונז דאס בעסטע. און מיט אלעמען, אלעמען געזעגנען איך זיך נאכאמאל פון טיעפסטען הארצען. מיר שיקען זיך דורך דער לופט אונזערע ווינשונגען און ברכות. טאשען טיכלאך און היטלען שוועבען אין דער לופטען, זיי פערבייטען עס די ווערטער, וועלכע ווערען אלץ ווייניגער און ווייניגער געהערט. אט־אט און מיר זעהען שוין ניט קיין געזיכטער, מיר זעהען בלויז געשטאלטען. עס הויבען זיך הענד, עס פאכען טיכלאך, היטלען, און אלץ ווערט אויסגעמישט, צוזאמענגעגאסען — די „אקוויטאניא“ שווימט זיך מאיעס־טעטיש אליין דורך דעם ברייטען האדסאן אין דעם ווייטען אטלאנטיק אריין. . .

איך שטרענג אן מיינע בליקען צום פיער און זעה שוין מעהר גאר גיט. איך זעה בלויז די גרויסע שעהנע שטאדט ניו יארק ליעגט פאר מיינע אויגען און דערמאנט מיר, אז אויך זי איז מיר א נאהענטער פריינד, און אז אויך איהר דארף איך עפעס צוואווינשען פאר מיין רייזע.

„זיי געזונד, ניו יארק!“

מיר אלע אויפ׳ן דעק האבען זיך דערפיהלט מיעד. אזוי פיעל אנ־שטרענגונג, אזוי פיעל אויפרעגונג. ביסלעכווייז צוגעהען זיך די רייזענדע, יעדערער אין זיינע ד׳ אמות. אויך מיר זיינען מיעד און אויך מיר פערנעהמען אונזער ד׳אמות, וואס איז פאר אונז בעשטימט אויף עטליכע טעג אין דער קליי־נער וועלט, וואס הייסט „אקוויטאניא“.

www.libtool.com.cn

## 2. — אויף דער „אַקוויטאַניאַ“

מיטוואָך, 4טער מאַי, 1921.

אנגענעהם און זיס איז געווען דער שלאָף די ערשטע נאַכט אויף דער שיף, פול מיט די איינדריקע פון אָפּשיעד און בערוישט פון פאַר׳שכור׳ענדער ים לופט, — האָט אונז דער שלאָף נישט גובר געווען, און חלומות האָבען זיך געפּלאָנטערט אַ גאַנצע נאַכט, חלומות געמישט פון בילדער אויף דעם פּיער און בילדער פון ים, און די אויערען האָבען נאָך געקלונגען די ברכות און ווינשונגען פון אונזערע בעגלייטער, נאָך דאָס ריטמישע רוישען פון דעם אטלאַנטיק האָט גענומען די אויבערהאַנד און אונז איינגעוויקעלט אין אַ זיסען שלאָף.

פריהמאָרגען, מיר זיינען אַרויס אויפ׳ן דעק. איינינע פּאַסאַזשירען האָבען שוין געהאַט פאַרנומען זייערע פּלעצער אין די שטוהלען. איבער אונז אַ הימעל בלוי און אונענדליך. אונטער אונז אַ ים בלוי, רוישיג און פעראייניגט זיך מיט דער אונענדליכקייט פון הימעל. די שיף מיט איהר גרויסער מעכאַנישער קראַפט שפּאַלט ווי מיט אַ שנייד־מעסער די נאַטור־קרעפטען פון די וועלען, וועלכע ברויזען און טאַנצען און פּלעכטען אַרום דער שיף זילבערנע קראַנצען מיט טונקעל גרינע שטרייפען. און אַזוי שווימט זיך די „אַקוויטאַניאַ“ מיט שטאָלץ און זיכערהייט ווי אַ קעניגין איבער דעם אונענדליכען אָקינוס.

אַ אינגעלע פון אַ יאָהר פינף שפּרינגט אַרום זיך שפּילענדיג אויפ׳ן דעק פון שיף. מיין פרוי נעהמט איהם אַן ביים הענדטיל און פרעגט:

„וואָוהין פאָרסטו, קינד?“

„נאָך ארץ ישראל“, ענטפערט דאָס קינד, און זיינע טיעף שוואַרצע אידישע אויגעלאַך פערטראַכטען זיך און קוקען אַריין אין דער אונענדליכקייט פון ים און הימעל, וואָס דאַרף איהם ברענגען אין דאָס הייליגע לאַנד.

נאָך באַלד האָט זיך דער הימעל פאַרצויגען מיט אַ וואָלקען און אַנגעזאָגט, אַז אַ שטורם רעגען קומט. די פּאַסאַזשירען האָבען שנעל פערלאָזען דעם דעק פון שיף.

---

דאָנערשטאָג, 5טער מאַי.

אַ קליין וועלטעל פאַר זיך אַליין איז די שיף אויף דעם גרויסען ים. עס שפּיעגלען זיך אָפּ דאָ אַלע סאָציאַלע עקאָנאָמישע פאָרמען פון לעבען אויף

www.libtool.com.cn

דער יבשה. מיר האבען דא א פאלקאמענע רעגירונג איבער א „נאציאן“ פון פערשיעדענע קלאסען. דער קאפיטאן איז דער מושל, דיא אפיציערען און מאטראזען — זיין ארמעע; א פאלקאמענע דיסציפלין. זיי ווערען רעספעקטירט פון אלע קלאסען פאר זייער אונבעשטרייטבארע מאכט.

דער ערשטער קלאס פאסאזשירען זיינען דיא אריסטאקראטען פון דעם קליינעם וועלטעל, וועלכע קוקען פון אויבען ארונטער ווי דיא „בני אלהים“ אויף דיא פשוטע „בני אדם“.

דער צווייטער קלאס, — דאס איז די מיטעלע בורזשואזיע, צו דער ערשטער קלאס קוקט זיא פון אונטען ארויף און אויף דער דריטער פון אויבען אראפ.

דער דריטער קלאס, — דאס זיינען די ארימע פראלעטאריער, וועלכע קוקען פון אונטען ארויף אויף דיא אויבערשטע צוויי קלאסען מיט א היבשער ביסעל שנאה און קנאה, נאטירליך.

א קליין וועלטעל מיט די זעלבע איבינע פראגען פון דער גרויסער וועלט, און דאך פיהלען זיך די מענשען דא ניט אזוי ווייט און פארפרעמדט איינער פון דעם אנדערען. טראץ דיא שטרייגע מחיצה צווישען דיא קלאסען פיהלען דאך דיא מענשען אין דער קליינער וועלטעל „אקוויטאניא“ א געוויסע נאהענטקייט, ברידערליכקייט, מען פיהלט, אז אלע זיינען אונטערווארפען איין שיקזאל: דעם הימעל, דעם ים און דעם קאפיטאן...

---

פרייטאג, 6טער מאי.

די קליינע וועלטעלע — די גרויסע „אקוויטאניא“ האט מיט אמאל אויפגעלעבט.

נאך צוויי רעגענדיגע טעג האט זיך דיא זון באוויזען מיט איהר פולען פראכט און גלאנץ, דער הימעל האט זיך אויסגעלייטערט און זיך באוויזען אין זיין נאטירליכען בלויען קאליר.

אויך דער ים איז געווארען רוהיגער און בלויער. און קוקענדיג אזוי דורך דער געלייטערטער לופט ארום און ארום די פעראייניגטע ברעגעס פון הימעל און ים, האט זיך מיר אויסגעוויזען ווי צוויי בלויע שיסלען דעקען זיך צו איינע דיא אנדערע, און די „אקוויטאניא“ אין מיטען ווערט געטראגען אזוי ווי א שלח מנות פון דער נאטור צו איהר באשעפער...

מיר אלע אויפ׳ן שיף האבען פשוט אפגעלעבט ביים אנבליק פון דער זון. פון קליין ביז גרוים, פון דעם מאה שנה׳דיגען זקן ביז דיא קליינע ראזעווע

www.libtool.com.cn

קינדערלאך, זיינען אלע ארוים פון זייער בעהעלטעניש און ארויף אויפ׳ן דעק בעגריסען דעם ליעבען ווארעמען גאסט, די העל שיינענדיגע זון מיט איהרע צווייטע בלויע הימלען, אויבען און אונטען, און איינאטהעמען אביסעל פרישע לופט.

מיט מיין גוטען פריינד, מר. קאהען, דעם סלאנימער דעלעגאט, האבען מיר היינט געמאכט א בעזוך אין דריטען קלאס. דער בעזוך האט אויף אונז געמאכט א שווערען איינדרוק. ווי מענשען פלאגען זיך דאס אויף א רייזע אין אזא ענגשאפט און אונבעקוועמליכקייט! און אלץ צוליעב די פארשאלטענע פאר דאלאר. מיר האבען אין דריטען קלאס באגעגענט פאסאזשירען, וואס לויט זייער אויסזעהן און אינטעליגענץ באלאנגען זיי צום צווייטען און ערשטען קלאס. ווידער געפינען זיך אין דיא אויבערשטע צוויי קלאסען ניעדריגע ברואים, מורא׳דיגע געמבלער און שיכורים, וועלכע וואלטען באדארפט פערזעצט ווערען אין א פיערטען קלאס.

דיא אייביגע פראגע. עליונים למטה ותחתונים למעלה.

---

זונטאג, 8טער מאי.

אז עפידעמישע קראנקהייט איז ליידער צו אונזער שאנדע לעצטענס פארשפרייט צווישען אונזער אונגליקליכען „עם הנבחר“ — דאס קארטען שפיעל. אין דיא שטעדט אין דיא הייזער, אויף די וועגען, אין דיא באהנען, אויפ׳ן ים אין די שיפען, איבעראל, וואו אחינו בני ישראל קלייבען זיך צוזאמען, ברעכט אויס דיא קראנקהייט וויא אז עפידעמיע.

אויך דא אויף דער „אקוויטאניא“ האט זיך פערנאנדערגעפלאקערט מיט א העלישען פלאם דאס קארטען שפיעל. גלייך דעם ערשטען אבענד האבען זיך שוין גרופירט קאמפאניעס און צוזעצט זיך ארום טישלאך און דאס פארשאלטענע שפיעל האט געוועלטיגט מיט זיין פולער טייפעלשער קראפט. פון אנהויב האב איך געדענקט, אז די שפיעלער זייען א מישמאש פון פערשיעדענע נאציאנען, וועלכע זיי רעפרעזענטירען אויף דער שיף. אבער נאכהער, הערענדיג די פוילע אידישע וויצען און בעטראכטענדיג די געזיכטציגע, האב איך זיך איבערצייגט, אז דער גרעסטער פראצענט פון די שפיעלערס זיינען געווען פון דעם קליינעם טהייל אידען אויף דער שיף.

דיא ערשטע צוויי טעג איז נאך צוגעגאנגען רוהיג. עס איז נאך געווען שווער צו אורטיילען, ווער פון זיי זיינען דיא געווינער און ווער די פארלירער. דאס רעדעל האט זיך נאך געדרעהט פון איינעם צום צווייטען, אבער אויף דעם דריטען און פיערטען טאג האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס שפיעל איז

www.libtool.com.cn

ניט קיין געוועהנליכעם און ניט קיין גלייכעם, אז צווישען די שפיעלער זיינען דא װעלף און שעפסען, שערער און געשאָרענע. בעזונדערס האבען זיך ארויס־געצייגט דיא ניו יאָרקער פּראָפעסיאָנעלע קאָרטען־שפּיעלער, פּירכטערליכע געמבלער, װעלכע האבען זיך ארויפגעװאָרפען מיט א בלוט דורשט אויף דיא לעמער און אָפּגעשאָרען זייער װאָהל מיט דיא הויט צוזאמען אויף אַ אונבע׳־רחמנות׳דיגען אופן.

א מורא׳דיגער חלול השם איז געװען, װען זיי האבען ארומגעארבייט א קאַליפאָרניער מאַן, א קריסט, װעלכער האָט געהאט ביי זיך א טשעק בוך פון אמעריקען־עקספּרעס קאָמפּאַני אויף איבער טויזענד דאָלאר, און אין זעקס שטונדען צייט האָט ער אויסגעפּילט און אויסגעריסען אַלע טשעקס פון בוך און זיי איבערגעגעבען צו דיא געמבלער.

אַלע אויפ׳ן שיף, װאָס האבען דאָס צוגעזעהען, זיינען געװען שרעקליך אויפגערעגט אויף די פּארפלוכטע געמבלער, און ביי אונז אידען האָט דאָס בלוט געקאָכט פון שאַנדע.

אויף דער שיף געפינט זיך א היבשע גרופּע װאױלהאבענדע אונגארישע אידען, װעלכע פאָהרען נאָך זייער פאָטערלאַנד — אונגארן צו ברײנגען הילף צו זייערע קרובים און משפחות, װעלכע זיינען פּאַראונגליקט געװאָרען אין דער װעלט מלחמה. מאַנכע פון זיי פאָהרען אריבערצונעהמען נאָך אַמעריקא זייערע פערוואַנדטע, װעלכע האבען אַנגעװאָרען זייער האָפנונג צו קענען עקזיסטירען אין יענעם שרעקליכען יאַמערטאָל.

און מערקווירדיג, אז אַט די מענשען צייגען מיט גאָר ניט ארוים, אז זיי זיינען אידען, אַז זיי געהערען צו א פאָלק װאָס װערט פאַר זיין אָפּשטאַמונג געפּייניגט אין זייער אַלטער היים — אין אונגארן, פונקט אזוי װי אין פּוילען, אוקראינא אָדער אנדערשוואו. זיי ריידען צווישען זיך נאָר די אונגארישע שפּראַך, זינגען אונגארישע לידער, און שטאָלצירען נאָך מיט זייער מאַדיאַ־רענטום מעהר װי דיא מאַדיאַרען אַליין.

און קוקענדיג אַט אויף דיא אידען טראַכט איך, הפנים, אז ס׳פאַרגעסט זיך ניט אזוי לייכט דאָס „מה יפית" ליעד, װאָס האָט זיך איינגעגעסען אין בלוט. אפילו דאָס מורא׳דיגע בלוט־באַד, אין װעלכען זייערע ברידער אין אונגארן זיינען לעצטענס אזוי מורא׳דיג און אַפּט געבאָדען געװאָרען, האָט ניט בעװיזען צו פאַרטרייבען דאָס מה־יפית ליעד פון זייערע ליפּען. און אפשר, װער װייס, װען קומענדיג אין אונגארן, װעלען זייערע אויגען דערזעהן דיא שרעקליכע רעזולטאַטען פון דעם העסליכען אונגארישען אַנטיסעמיטיזם, װעלען אַט דיא אידישע מאַדיאַרען זיך אַביסעל פאַר זיך פאַרשעהמען?

www.libtool.com.cn

מיט אונזערע אידען איז דאך שוין אזוי, וואס זיי דערזעהן ניט מיט זייערע אייגענע אויגען, גלויבען זיי ניט.

---

מאנטאג 9טען מאי.

וויא אן עלעקטרישער שטראם האט אונז אלעמען איין שיף דורכגענומען, ווען א יונג קינד האט פלוצלונג אויסגעשריען מיט זיין קלינגענדער שטימע: „א, א פויגעלע א פויגעלע"

אלע ווי איין מענש זיינען אויפגעשפרונגען מיט א יובל־געשריי: „א פויגעלע א פויגעל" דאס איז געווען דער ערשטער פויגעל, וואס מיר האבען נאך זעקס טעג הימעל און וואסער דערזעהן. דאס געפיהל, וואס האט אונז ארומגענומען, האט געמוזט זיין עהנליך צו נח׳ס, ווען ער האט נאכ׳ן מבול דערזעהן זיין געשיקטע טייבעלע מיט א בלעטעלע אין איהר מויל.

פון ערשט אן האבען זיך אנגעהויבען מעהרען דיא פויגעל און ארומגעשוועבט ארום דער שיף ווי מלאכים׳לאך וויא נעהמענדיג דיא שיף אונטער זייער רשות.

אז ערנסטע שטימונג האט געהערשט דיא לעצטע נאכט אויף דער שיף. יעדערער האט דערפיהלט, אז יבשה דערנעהנטערט זיך און ער האט זיך פארטיעפט אין זיך. אפילו דיא געמבלערס האבען געמאכט א סיום צו זייער טייפעלשען שפיעל און אנגענומען אן אויסזעהן מיט מענשען גלייך.

www.libtool.com.cn

## 3. — אין פראנקרייך

דינסטאג, 10טער מאי, 1921.

זיבען אוהר אין דערפריה האט די „אקוויטאניא“ געאנקערט אין שערבורג, פראנקרייך. די שיף איז שטעהן געבליבען א רעכטען מהלך פון ברעג, ווייל דער שערבורגער האפען פערמאגט ניט אזא פיער, וואו די ריעזיגע „אקוויטאניא“ זאל קענען לאנדען. אין א קליינעם לאנדונגס שיפעל האט מען די פאסאזשירען טראנספארטירט צום ברעג.

א שרעקליכע אונארדנונג האט געהערשט בעת די פאסאזשירען האבען געדארפט אראבשטייגען פון דעם קליינעם שיפעל אויף דעם ברעג. א בריקעל צום אראפשטייגען איז ניט געווען. די פאסאזשירען האבען איינפאך געמוזט שפרינגען איבער דער זייט פון שיפעל. די פרויען און קינדער האט מען געמוזט אריבערטראגען. עס האט געהערשט א ליארם און א געשריי איבער'ן גאנצען ברעג. נערוועזע פרויען האבען זיך געשראקען און זייערע קולות בעת מען האט זיי אריבערגעטראגען האבען דער לאנדונג צוגעגעבען ניט קיין בעזונדערע רייץ.

ניט ווילענדיג האבען מיר, אמעריקאנער פאסאזשירען, זיך דערמאנט אן דער ארדנונג, וואס הערשט ביי די אמעריקאנער האפענס, פעריס, באהנען, מיט דעם בעקאנטען אויסרוף פון די קאנדוקטארען: „וואטש יור סטעפ!“ און אין הארצען שטייגט אויף א געפיהל, וואס רופט אויס: געבענשט זאל זיין אמעריקא!

דער צוג האט אונז געפיהרט פון שערבורג נאך פאריז. דא און דארט פליהען פארביי די אויגען שעהנע לאנדסמאנשאפטען, וואס בערוהיגען אייך מיט זייער טראדיציאנעלער אייראפעאישער פער'חלום'טקייט.

---

מיטוואך 11טער מאי, 1921.

מיר זיינען אין פאריז.

דער נאמען פאריז איז זייט פיעלע יאהרען דער סימבאל פון שעהנקייט, עסטעטיק און רייץ. מיר, אידישע קינדער, קענען פאריז נאך פון אונזער פריהעסטער יוגענד אן דורך אייזשען סיו'ס ראמאן „מסתרי פאריז“ אין קלמן שולמאן'ס איבערזעצונג. און ווער עס האט נאך געלעזען מאנדעלשטאם'ס בוך מיט'ן נאמען „פאריז“ איז וועלכע ער פערגעטערט די שטאדט מיט איהרע

www.libtool.com.cn

איינוואוינער, דער טראָגט געווים אין זיין האַרצען אַן איבּיגע ענטציקונג פאַר פראַנקרייך׳ס הויפּט שטאָדט, דער גלאַנץ פון איהר קולטור.

מיר, די אַמעריקאַנער גרופּע, האָבען אָבער געהאַט אַ געוויסע ענט־טוישונג ביים אַנקומען אין פּאַריז. מיר האָבען ניט געטראָפען דאָס, וואָס מיר האָבען געהאַט אין אונזער פאָרשטעלונג וועגען פּאַריז. ס׳קען זיין, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר האָבען אַזוי פיעל ערוואַרט.

אמת, די שטאָדט איז שעהן, ריין; איהרע בולוואַרען זיינען רייך און גראַנדיעז, אָבער איך גלויב ניט, אַז זיי שטייגען מיט זייער שעהנקייט אַריבער די פינפטע עוועניו און דעם ריווער סייד דרייוו. און ווען עס קומט צו די בעק־וועמליכקייטען, צו וועלכע מיר זיינען געוואוינט אין ניו יאָרק, האָבען מיר דאָ, אין פּאַריז, זיכער דערפיהלט אַן ענטוישונג.

צוזאַמען מיט מר. שאַפּירא, דער פאָרשטעהער פון „האיאָס“ אין פּאַריז, האָב איך היינט בעזוכט די ציוניסטישע העדקוואַרטערס, וואו איך האָב גע־טראָפען מיין פריינד דר. מאַצקין און מיט איהם פערבראַכט אַן אינטערעסאַנטע שטונדע אין אַ געשפּרעך, הויפּטזעכליך וועגען דער לאַגע אין ציוניזם און דעם בעפאָרשטעהענדען קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד.

---

דאָנערשטאָג, 12טער מאַי, 1921.

איך האָב דאָ בעטראַכט די אַרבייט פון „האיאָס“ און איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב זעהר פיעל נחת געהאַט פון דער טהעטיגקייט פון אונזער אַמע־ריקאַנער היברו שעלטערינג אימיגראַנט אייד סאָסייעטי, וואָס איז אונטער איהר פערקירצטען נאָמען „האיאָס“ בעוואוסט אין גאַנץ אייראָפּאַ. איהר פּאַריזער פאָרשטעהער, מר. שאַפּירא, איז זעהר אַ טהעטיגער און איבערגעגע־בענער אַרבייטער, בעזיצט אַ סך אינטעליגענץ און געהט אום מיט די אימיגראַנ־טען ווי אַן עלטערער ברודער זייערער. ער צייגט זיי, ער לערנט זיי און טרייסט און ערמוטהיגט זיי, אַז זיי זאָלען קענען לייכטער אַריבערטראָגען די יסורים פון זייער וואַנדערונג.

איידער איך האָב פערלאָזען פּאַריז, האָב איך צום צווייטען מאָל בעזוכט די ציוניסטישע ביוראָ. דאָ האָב איך געהאַט די געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט דעם בעריהמטען רוסיש־אידישען אַדוואָקאַט גרוזענבערג און פערברייננגען מיט איהם אין אַ געשפּרעך וועגען דער לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד.

דיעזער גרויסער מאַן האָט געלאָזען אויף מיר אַ טיעפען איינדרוק. אין מיין גאַנץ לעבען האָב איך ניט בעגעגענט אַזוי פיעל פייער און ענערגיע אין

www.libtool.com.cn

א מענשען, ווי אין דעם גרויסען רוסישען אידען. ווען ער האט גערעדט וועגען דער אונגליקליכער לאגע פון אונזערע ברידער אין רוסלאנד, האט אזוי פיעל פייער און צער געשפריצט פון זיינע ווערטער, אז אין די אויגען פון אונז ביידען האבען זיך טרערען בעוויזען.

אין דער צייט פון אונזער געשפרעך איז אויך דערמאנט געווארען דער מארטירער מענדעל ביילים, וועמעס הויפט פארטהיידיגער גרוזענבערג איז גע־ווען אויף דעם טרויעריגען עלילת דם פראצעס אין קיעוו, וואס די משרתים פון צאר ניקאלאי האבען פערפיהרט. דער אידישער נאמען איז אין קאן געשטאנען. ער, גרוזענבערג, האט דאמאלט געפיהלט, אז די אויגען פון אלע אידען אין דער וועלט, פון דער גאנצער פראגרעסיווער מענשהייט זיינען צו איהם גערינכטעט, און ער האט אנגעשטרענגט זיין לעצטען טראפען בלוט און מארך אויף צו בע־זיעגען די שווארצע כחות, וואס האבען אין דעם עלילת דם אזוי פריי געוועל־טיגט. אט דיעזער פראצעס האט איהם געמאכט זיך פערקלערען אויף דעם שיקזאל פון אידישען פאלק און ער איז געקומען אלץ נעהענטער צום נאציאנאלען געדאנק.

צוויי פון מיינע בעסטע יוגענד פריינד האבען מיך בעזוכט היינט אין מיין האטעל, הערר יצחק ניידיטש פון פינסק און הערר זלאטאפאלסקי פון קיעוו;ביידע טרייע קינדער פון פאלק, טהעטיגע ציוניסטען, אלטע קעמפפער נאך פון דער תקופה פון חבת ציון אין פינסקער און ליליענבלום׳ס צייט.

מיר האבען גערעדט פון וואס אונז אלעמען איז נאהענט: פון דעם ציוניזם, פון די בויאונגס ארבייט אין ארץ ישראל, פון קרן היסוד, וואס זיינען די גייסטיגע קינדער פון ניידיטש און זלאטאפאלסקי. ניידיטש האט מיר גע־זאגט, אז ער וועט צום צווייטען מאהל פאהרען נאך אמעריקא צו העלפען אין דער ארבייט פון קרן היסוד.

מיין פרוי האט מיר אויפמערקזאם געמאכט, אז אין די צוויי טעג, וואס מיר האבען פערבראכט אין פאריז, האבען מיר כמעט ניט געזעהן קיין קינדער.

„וואו זיינען זיי, די קליינע פראנצויזלאך?“ האב איך געפרעגט מר. שאפירא.

ער האט אונז ערקלעהרט, אז אויסער וואס די פראנצויזען זיינען זיך נוהג זיך אפצוהאלטען פון קינדער געבורט, וואס שטעלט אין געפאהר די נא־ציאן, איז די מלחמה פיעל שולדיג אין דעם, וואס זי האט פערניכטעט דעם יונגען דור. און אין אלגעמיין איז דער פראנצויז געוואוינט צו האלטען די קליינווארג פערשפארט אין הויז צוליעב דער געפאהר פון דעם גרויסען פער־קעהר אין די פאריזער רוישיגע גאסען. אזוי צו אזוי, קומענדיג פון ניו יארק,

וואו די גאסען זיינען שטענדיג בעלעבט מיט קינדער, www.libtool.com.cn ווארפט זיך דער קאנט־ראסט פון די פאריזער גאסען שטארק אין די אויגען.

די רייזע פון פאריז נאך מארסייל איז זעהר אן אנגענעהמע. די לאנד־שאפט דא איז פיעל שעהנער ווי פון שערבורג נאך פאריז. בערג און טאלען וועקסלען זיך אפ יעדע רגע און דאס אויג ווערט פערכאפט פון שעהנקייט. און ווידער האבען מיר זיך געוואונדערט, וואס אויף דער גאנצער רייזע איז כמעט אויף א רפואה ניט געווען צו זעהען קיינע בהמות, פערד אדער שאף. די גרויסע לאנקעס פוסטעווען. א שרעקליכע ארמוט דריקען אויס די געזיכטער פון די פויערים, וואס שטעהען ביי זייערע קליינע הייזלאך ווי פאר׳יתום׳ט אהן א טרייען חבר — א בהמה — ביי דער זייט.

די שפורען פון דער וועלט מלחמה זעהט מען אין פראנקרייך אין אלע ווינקעלאך.

די שטאדט מארסייל מאכט א בעצויבערענדען איינדרוק מיט איהר ארי־גינאליטעט. אן אלטע פראנצויזישע שטאדט מיט א היסטארישער פערגאנגענ־הייט. איהרע פארקס און בולווארען מיט די אונצעהליגע מאנומענטען דער־צעהלען אייך יאהרהונדערטע פון פראנצויזישער געשיכטע און פיהרען אייך אריין ביז טיעף אין דעם מיטעלאלטער. די הויכע ווייסע בערג ביי דעם ברעג פון ים שטעהען ווי אלטע שומרים ארום דער שטאדט און היטען אפ די קעניגין פון זיך פראנקרייך...

מארגען זעצען מיר זיך אויף דער פראנצויזישער שיף „ספינקס“, וועלכע דארף אונז ברייינגען צום ברעג פון ארץ ישראל. ווי שטארק עס קלאפט דאס הארץ שוין...

www.libtool.com.cn

# 4. — פון מארסייל ביז אלכסנדריא.

פרייטאג, דעם 13טען מאי.

מיר זיצען אויף דער שיף, וואס פיהרט אונז צו דעם געוואונשטען לאנד...

די „ספינקס" שווימט מאיעסטעטיש ווי א קעניגין איבער דעם רוהיגען ים התיכון און שפיעלט זיך מיט די לייכטע וועלען ווי א מוטער מיט איהרע קינדער. פון ביידע זייטען זעהען זיך די לאנד ברעגעס פון פראנקרייך און איטאליען — סיציליען, איבער וועלכע עס ערהויבען זיך גרויסע בערג ביז צו די הימלען. זייערע ווייסע שנעע שפּיצען שימערירען אנטקעגען דער זון און עס דוכט זיך, אז זיי שמייכלען איהר אנטקעגען, ווערענדיג געגלעט פון איהרע שטראהלען. נאך אט־אט הויבט אן די זון פארגעהן אין מערב זייט און די ווייסע בערג שפּיצען צינדען זיך אן ווי ריזיגע גליהענדע קוילען און זיי ברענען און ברענען און ווערען ניט פארברענט...

פיעל רוהיגער איז דער מיטעללענדישער ים פון דעם אטלאנטיק. דאס וואסער איז טיעף, בלוי און עפּעס מילדער און ווייכער. מען פיהלט, אז מען דער־נעהענטערט זיך צום אריענט, צו דעם זונען־לאנד. דער הימעל ווערט מיט יעדער רגע בלויער און דורכזיכטיגער און שטראמען ליכט פערפלייצען דעם גאנצען האריזאנט.

דאס הארץ הויבט אן קלאפּען שטארקער, מעכטיגער פון דעם געפיהל, אז מיט יעדער רגע ווער איך געטראגען אלץ נעהענטער און נעהענטער צו דעם לאנד פון מיינע אבות, צו מיין לאנד, צו וועלכען איך האב געשטרעבט מיין גאנץ לעבען און האב ארום איהר מיינע זיסעסטע חלומות געוועבט.

---

זונטאג, דעם 15טען מאי.

די פּאסאזשירען פון יעדער נאציאן ברודערען זיך אין גרופּעס אין בעזונ־דערע פּלעצער פון שיף. די פראנצויזען זיינען דא אין דער גרעסטער צאהל און פיהלען זיך טאקע די בעלי בתים. איבעראל זיינען זיי פול און מיט שטאלץ בעוועגען זיי זיך איבער אלע אפּטיילונגען. איז דאך די שיף זייערע, די מאטראזען זייערע, דער קאפּיטאן זייערער, און די פראנצויזישע שפּראך מיט איהר וואויל־קלאנג גיסט זיך איבער דער שיף אין אלע ווינקעלעך.

און א היבשער צאהל זיינען דא אראבער און סיריער אויף דער שיף. זיי האלטען זיך צוזאמען, פערברייננגען און ריידען אויף זייערע שפּראכען, און עס

www.libtool.com.cn

איז צו מערקען, אז וואס די שיף דערנעהענטערט זיך צו דעם אריענט, באקומען זיי אלץ א לעבעדיגערע און פרעהליכערע שטימונג. אינסטינקטיוו שפירען זיי, אז דער אריענט קומט אן. די נאזלעכער ווערען ביי זיי געעפענט ברייטער, קענטיג, אז זיי הויבען שוין אן איינאטעמען דעם גערוך פון אריענט, פון זייער היים, זייער לאנד...

אין דער צווייטער און דריטער קלאס געפינען זיך א פאר צעהנדליג אידישע יונגע לייט. א היבשע גרופע פון זיי פאהרען אלס חלוצים. זיי קומען פון פערשיעדענע לענדער, אבער זיי האלטען זיך צוזאמען, אין איין גרופע, און א געפיהל פון ברידערליכקייט בעהערשט זיי אלעמען. זייער האלטונג איז געצוימט, ערנסט, און דער בעזונדערער אידישער חן שוועבט אויף זייערע אלעמענס פנים׳ער, זיי ציהען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די קריסטען און מוסולמאנער, וועלכע קוקען אויף זיי מיט פיעל רעספעקט.

מען דערקענט אן די פנים׳ער פון די חלוצים, אז זיי פערשטעהען און פיהלען, דאס זייער רייזע איז ניט קיין געוועהנליכע, וואכעדיגע, נאר אן ערהאבענע, יום־טוב׳דיגע, הייליגע, — טויבען פליהען צו זייערע אלטע־אוראלטע נעסטען. פון א פאר געשפרעכען וואס איך האב מיט די חלוצים געהאט, האב איך געזעהן, אז די טאפפערע יונגע לייט ווילען פערגעסען אן דעם ביטערען עבר, אן זייערע ליידען און צרות, וואס זיי האבען דורכגעמאכט די לעצטע זיבען יאהר פון מלחמה און פערוויסטונג, אן די טייכען בלוט, אין וועלכע זייערע טאטע־מאמעס, ברידער און שוועסטער זיינען געשוואומען און שווימען נאך איצט זייט אויגוסט 1914; זיי ווילען אויך ניט טראכטען פון דעם מאנגעל און צרות, וואס ווארט אויף זיי אין דעם אלט־ניילאנד. עס שרעקט זיי ניט די שווערע ארבייט פון שטיינער האקען, וואס ווארט אויף זיי, — זיי האבען פאר זיך איין געדאנק, איין ציעל, איין ענטשלוס: אויפבויען די אידישע היים אין ארץ ישראל, באהנען איהרע וועגען, פלאסטערען איהרע גאסען, גראבען איהרע קאנאלען, זעהען איהרע פעלדער. עס זאל בליהען דער אידישער וויינגארטען און שטעהען שטאלץ און זיכער די אידישע היים די איינציגע געטרייע היים פאר דעם געפלאגטען פאלק ישראל.

זיי ווייסען די קינדער פון ציון, אז זייער אלטע מוטער איז ניט רייך, אז אויך זי האט דורכגעמאכט דעם זעלבען ביטערען שיקזאל, וואס איהרע פארוואגעלטע קינדער אין גלות, אז אויך זי איז געטראטען געווארען פון רויבערפיס אוןווארט דעם אנקומען פון איהרע קינדער, פאר ועמען זי טראגט א היילונג אין איהר בוזים...

און זיי קומען, איהרע קינדער די מוטהיגע חלוצים, וועלכע האבען אפגעטרייסעלט די צוויי טויזענד יעהריגען גלות־שטויב פון זייערע וואנדער־פיס,

www.libtool.com.cn

כדי צו קאנען שטעהן פעסט אויף דעם באָדען מיט דעם אייזען און האמער אין האנד און שטארבען בויענדיג אין זייער מוטער׳ס שוים.

---

מיטוואָך, דעם 18טען מאי.

א נייע ענטדעקונג האבען מיר היינט געמאכט אויף דער שיף, וואס די גאנצע צייט פון אונזער רייזע האבען מיר פון דעם ניט געוואוסט. מיר האבען ענטדעקט א פיערטע קלאס פאר פאסאזשירען. דאס בילד, וואס מיר האבען דארטען געזעהן, האט געמאכט אויף אונז אלעמען א שרעקליכען איינדרוק.

טיעף אונטער דעם דריטען קלאס געפינען זיך פינסטערע לעכער, אנגע־פאקט מיט רייזענדע, די אָרימע פאסאזשירען ליידען לעבעדיגע חבוט הקבר. ערנידעריגט, נידערשלאגען ליעגען זיי דארטען אין די פינסטערע לעכער אהן יעדער ברעקעל לופט. עסען דערלאנגט מען זיי פון איין גרויסען קעסעל און יעדער איינער מוז אליין נעהמען זיין פארציאן אין זיין טעלער, נאכ׳ן עסען מוז יעדער איינער אויסוואשען זיין טעלער און לעפעל און עס מיטנעהמען צו זיך אין זיין שלאף־לאגער ביז צום צווייטען מאהלצייט. און אויך אזא לעבען רופט מען א לעבען!

די „ספינקס“ דערנעהענטערט זיך צום אָריענט. דאס פיהלען מיר שוין אלע. דער הימעל ווערט פון מינוט צו מינוט ריינער, דער ים בלויער און שפּרייט זיך אונטער אונז אזוי ווי א טעפּיך אויסגענעהט פון ריינעם תכלת. די זון שיינט העלער און לאַבענדיגער און דער האריזאָנט ארום אונז ווערט ברייטער און אונענדליכער, — א נייע וועלט מיט נייע הימלען...

---

דאנערשטאג, דעם 19טען מאי.

אלכסנדריא, די אלטע שעהנע היסטארישע שטאדט, שיינט ארויס פאר אונזערע אויגען מיט איהרע הויכע, שמאלע, לאנגע אָריענטאלישע טורעמס פון די מוסולמאנישע מאשעען און פון די קריסטליכע קירכען. העכער איבער אלע געביידען קוקען ארויס נאפאלעאנ׳ס פעסטונג, וואס שטעהט אויף א בארג אין מיטען שטאדט און דעם סולטאנ׳ס פאלאץ הארט ביים ברעג פון ים.

אלע פאסאזשירען אויפ׳ן שיף פון ערשטען ביז׳ן פיערטען קלאס זיינען ארויף אויפ׳ן דעק צו זעהן ווי די „ספינקס“ דערנעהענטערט זיך צו דעם האפען פון דער ערשטער אָריענטאלישער שטאדט.

אויף אונז, אידישע רייזענדע, האט אלכסנדריא געמאכט גאר א בעזונ־דערען איינדרוק, ווייל מיר האבען זיך ניט געקענט צוריקהאלטען פון געדאנק,

אז מיר שטעהען ביי די ברעגעס פון דעם לאנד, וואס האט פאר אונז די צווייטע היסטארישע בעדייטונג נאך ארץ ישראל.

עפעס א קליינינקייט פאר א אידען דערמאנען מצרים! מיר דערמאנען עס דאך טעג־טעגליך פון אונזער פריהעסטער יוגענד אן אין אונזערע תפילות, גלייך ווי מיר האבען אנגעהויבען לערנען חומש אין חדר, האבען מיר, קליינע אידעלעך, געמאכט א רייזע מיט אונזער ליעבלינג יוסף אלס שקלאף נאך מצרים. מיר האבען מיט איהם צוזאמען געוואנדערט צו זיין מוטער רחל׳ס קבר און געוויינט מיט איהם פאר זיין וויינענדיגער מאמען, וועלכע הערט עד היום ניט אויף צו וויינען איבער דעם שיקזאל פון איהרע קינדער; מיר זיינען געגאנגען ביי זיין זייט ביז מצרים. זיך געטיילט מיט איהם אלע זיינע צרות און נסיונות ביז מיר האבען מיט גרויס פרייד איהם געקרוינט פאר וויצע קעניג צו פרעה מלך מצרים; מיר האבען צוזאמען מיט איהם באגעגענט זיין אלטען פאטער יעקב מיט זיינע עלף ברידער, ווען זיי זיינען צו איהם געקומען פון כנען; מיר זיינען מיט איהם צוזאמען געשטאנען ביי דער שטערבע־בעט פון זיין הייליגען פאטער יעקב און געהערט זיין לעצטען פערלאנג, אז נאך זיין טויט זאל מען זיין קערפער אוועקטראגען צוריק צו זיין היים חברון, וואו עס ליגען זיינע הייליגע עלטערען און אורעלטערען. מיר האבען איהם בעגלייט צו דער מערת המכפלה; מיר זיינען צוריקגעפאהרען פון דער הייליגער לויה און מיר האבען זיך בעזעצט מיט אלע „שבטי יה" אין גושן און דארטען האבען מיר דורכגעמאכט צוויי הונדערט און צעהן יאהר דעם בלוטיגען שווערען און פינ־סטערען גלות מצרים, ביז דער געטליכער משה אונזערער, וועלכער איז אויך געבארען געווארען אין מצרים, האט אונז ארויסגעפיהרט מיט פיעל געטליכע נסים פון מצרים צוריק אין ארץ כנען, — און איצט האט א שיף אונז ווידער געבראכט צו די ברעגעס פון מצרים, און איך האב דאס געפיהל, ווי איך וואלט דורכגעמאכט א רייזע פון איבער דריי טויזענד יאהר...

www.libtook.com.cn

www.libtool.com.cn

## 5. — פון אלכסנדריא ביז יפו

פרייטאג, 20טער מאי, 1921.

מיר שטעהען שוין אין אלכסנדריא של מצרים. די שטאדט מאכט א צויבערליכען איינדרוק. איך קוק פון שיף אראפ אויף דער שטאדט, און איך ווער ווי אויף פליגלען אוועקגעטראגען אין אלטע, היסטארישע צייטען; פאר מיינע אויגען שוועבט אויף די אלכסנדריא פון דער צייט פון דעם בית שני, ווען דיזע שטאדט האט געשפיעלט די צווייטע פיעדעל פאר דעם אידישען פאלק נאך ירושלים.

אלכסנדריא איז דאך געווען די גרעסטע אידישע קהלה אין דער גאנצער אידישער געשיכטע ביז ניו יארק. אלכסנדריא האט געהאט א בית המקדש של חוניו, וועלכע האט עקזיסטירט איבער צוויי הונדערט יאהר. און א בפרוש'ע משנה אנערקענט די הייליגקייט פון די קרבנות אין דעם אלכסנדריער בית המקדש. דער גרויסער תנא רבי שמעון בן שטח האט אמאל געשריעבען א בריעף צו רבי יהודא בן טבאי, האט ער זיך אויסגעדריקט, אז ירושלים רופט אן אלכסנדריא מיט דעם נאמען „אחותי". אין אלכסנדריא האבען די גרויסע אידישע העלעניסטען בראש פון דעם גרויסען אידיש־גריכישען פילאזאף ידידיה האלכסנדרוני „פילון היהודי" געלעבט און געשאפען זייער גרויסע העלענישע, נעא־פלאטאנישע ליטעראטור; דא איז געשאפען געווארען די גרויסע וויכטיגע ארבייט פון דער גריכישער איבערזעצונג פון תורת משה, די „סעפטואגינטא", און דורך דיזער איבערזעצונג האט זיך די גאנצע וועלט בעקענט מיט דער גרויסקייט און ערהאבענקייט פון אונזערע הייליגע אוצרות, און די צוויי אלטע קולטורען, די אידישע און די גריכישע, די עטישע און די עסטעטישע, האבען בעקאנטשאפט געשלאסען.

און אזוי שטעהענדיג אויף דעם דעק פון שיף, בעהערשט פון די בילדער פון דער גרויסער ראלע, וואס אלכסנדריא האט געשפיעלט אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק, האט פלוצלונג צו מיר דערגרייכט די בשורה, אז די אידישע פאסאזשירען, וועלכע פאהרען נאך יפו, איז ניט ערלויבט צו לאנדען אין אלכסנדריא, אפילו ניט אראפצוגעהען פון שיף צו מאכען א וויזיט אין שטאדט. ווען א דונער וואלט פלוצלונג אראפגעקראכט פון דעם לויטערען, בלויען הימעל פון מצרים, וואלט עס אונז, אידישע פאסאזשירען, זיכער ניט מעהר אויפגע־טרייסעלט ווי דיעזע נאכריכט.

איך בין אראפ צו זיך. ווי א סטאדע שעפעלעך, דערשראקענע און מיט

www.libtool.com.cn

געבויגענע קעפּ, האבען זיך די אידישע פּאסאזשירען צונויפגעקליבען צו מיר אין דעם ערשטען קלאס, צווישען זיי איז אויך געווען דער הונדערט יעהריגער זקן און די צוויי פאמיליעס פון ווירדזשיניא. זיי האבען ערווארט איך זאל עפּעס טהאן, זיך איינשטעלען פאר אונזער מענשליך רעכט געגען דער גזרה. אין דער אמת׳ן בין איך דא אליין געווען הילפלאז, א געטראפענער מיט אלעמען גלייך. נאר ניט פערלירענדיג דעם מוטה האב איך דערוויייל געטרייסט, געזוכט צו בערוהיגען די געמיטער, וועלכע האבען זיך ניט געלאזט בערוהיגען.

ווי א מלאך מושיע איז פלוצלונג ערשיענען פאר אונז א פערטרעטער פון דעם משרד הציוני, דער ציוניסטישער אפיס, און צוגענומען ביי אונז די פּאס־פּארטען מיט דער פערזיכערונג, אז ער וועט זיך זעהן מיט דעם אמעריקאנעם קאנסול אום אונז צו העלפען מיט אלעם מעגליכען, מען זאל אונז ניט שטערען די רייזע נאך יפו. דאס האט אביסעל דעם עולם בערוהיגט. אבער אונטער פיער אויגען האט ער מיר ערקלערט, ער עס איז כמעט קיין האפנונג ניטא, דאס מיר זאלען קענען לאנדען, ווייל די פּאלעסטינער רעגירונג האט פערמאכט די טויערען פון לאנד פאר די חלוצים צוליעב די הריגות, וואס זיינען אויסגעבראכען אין יפו דעם ערשטען מאי.

און מיט די רייד נעהמט ער ארויס דעם לעצטען נומער „הפּועל הצעיר“, אין וועלכען עס איז געווען בעשריבען דער גרויסער אונגליק אין יפו, מיט א רשימה פון אייניגע און דרייסיג הרוגים, און צווישען זיי דער גרויסער העברע־אישער קינסטלער י. ח. ברנר. א שטראם טרערען האט זיך פון מיינע אויגען א גאס געטאן לעזענדיג וועגען דעם נאציאנאלען אונגליק. די גרעסטע צאהל קדושים זיינען געווען פון די ניי־אריבערגעקומענע חלוצים; אייניגע פון זיי האבען נאך ניט געהאט אראפּגעטרייסעלט דעם גלות שטויב פון זייערע קליידער. ווי שווער עס איז צו שטארבען אויף דעם שוועל פון די ערפילטע חלומות און נאך דורך א רויבערישע האנד, וואס בעקעמפּפט אונזערע האפנונגען, אונזער רעכט! ארימע הייליגע חלוצים!

דער גאנצער נומער פון „הפּועל הצעיר“ איז געווידמעט צו דער עהרע פון דעם גרויסען העבעראישען שריפטשטעלער י. ח. ברנר, וועלכער האט מיט זיין קינסטלערישער פּען ניט אויפגעהערט צו רופען די אידען צום סערפּ און אקעראייזען, צו זעען און פלאנצען דעם אידישען גארטען אין אונזער אלטער היים. און איצט ליעגט ער טויט, דער שטילער־מוטיגער קעמפּפער און גרויסער קינסטלער! מען פיהלט, אז יעדע שורה, וואס איז איבער איהם געשריעבען, איז א שטראם טרערען. און ער האט דאך אזוי לייכט געקענט זיין צווישען די לעבעדיגע, אזוי גרינג זיך געקענט רעטען פון די רוצח׳ישע הענד. ער האט אבער ניט געוואלט איבערלאזען זיין אלטען שוויגער־פאטער און זיינע חברים ארבייטער. יהי זכרו ברוך.

www.libtool.com.cn

א שרעקליכער רעש, געטומעל און קולות האבען מיר, שטעהענדיג אויפ׳ן שיף, דערהערט פון אלכסנדריא. מיר שטעלען אן די גלעזער און מיר זעהען ווי אויף פיעלע דעכער פון די הייזער זיינען אנגעשטעלט מאשין־ביקסען מיט מיליטער. די גאסען זיינען פערפלייצט מיט מאסען מענשען, דעמאנסטראנטען. די פייערלייט שפריצען אויף זיי שטראמען פון זייערע לעש־אפאראטען. א מערקווירדיגער איינדרוק מאכט אזא בילד פון וויטען. די אונרוהען האלטען אן ביז שפעט אין אבענד. ביינאכט הערט מען דא און דארט א שאס פון א ביקס אדער א רעוואלווער. מען דערצעהלט מיר, אז אונרוהען אין אלכסנדריא זיינען די לעצטע צייט קיין נאווינע ניט. די אראבער מאכען אפטע אויפשטאנדען געגען דער ענגלישער ממשלה. דער לעצטער אויפשטאנד האט געדויערט אזוי לאנג ביז גענעראל עלענבי האט פון קאירא געגעבען א בעפעהל צו די מיליטער צו געברויכען געוועהר. אין א האלבע שטונדע זיינען צוויי הונדערט רעבעלען געלעגען טויט און עס איז געווארען שטיל.

אין אלגעמיין איז דער אריענט די לעצטע צייט זעהר אונרוהיג. די אראבער ווי אויך די סיריער אין בירות ביז המשק רעוואלטירען געגען דער ענגלישער און פראנצויזישער רעגירונג. מען האפט, אז ווען די ליעג פון נאציאנען וועט ארויסגעבען די מאנדאטען, וועט דער אריענט זיך בערוהיגען און ווערען נארמאל.

---

זונטאג, 22טער מאי, 1921.

מיר זיינען אויפגעשטאנען פון שלאף און זיך דערזעהן, אז מיר געפינען זיך אין סועץ קאנאל ביי פארט סאאיד. זעהר אינטערעסאנט איז די גרויסע שטיק מענשליכע ארבייט פון דעם קאנאל, וואס פערבינדעט די צוויי ים׳ען, דעם מיטעללענדישען און דעם רויטען, וואס דאס מיינט די פערא־יינינגונג פון אינדיען מיט אייראפא. ניט אומזיסט איז דער אינזשעניר פערדינאנד דע לעסעפס פעראייביגט געווארען אין דער געשיכטע.

די לעצטע סטאציאן. די שיף ריהרט זיך פון ארט, און ביי אונז, אידישע פאסאזשירען, הויבט אן קלאפען דאס הארץ. מארגען פריה וועלען אונזערע אויגען זעהן די מוטער ציון. מארגען וועלען מיר זיין אין יפו, ווען ס׳וועט נאר ניט זיין קיין אפהאלט אין לאנדאו. די לעצטע נאכט אויף דער שיף האט זיך שוין וועניג געשלאפען. פאנטאסטישע טרוימען האבען מיך שוין בעהערשט. דער בעוואוסטזיין, אז איך געה איצט פון מצרים נאך ארץ ישראל, האט צופלאמט מיין אידישע פאנטאזיע, און צוזאמען מיט די קינדערשע חדר זכרונות האט דער מלאך החלומות בעשאפען פאר מיר אין דער לעצטער נאכט א מיניאטורע „יציאת מצרים“.

---

www.libtool.com.cn

מאָנטאָג, 23טער מאַי, 1921.

די גאָלדענע זון האָט זיך בעוויזען אַנטקעגען אונז פון ברעג האָריזאָנט און פאַנאַנדערגעשיקט איהרע שטראַהלען איבער דעם גרויסען רוהיגען טיעף־בלויען ים, אַזוי חן׳עוודיג שפּיעלעוודיג, אַז ס׳האָט זיך געדוכט, דאָס די ערוואַכטע זון כאַפּט אַ פּלירט מיט דעם נאָך האַלב שלאָפענדיגען ים התיכון, שיקענדיג איהרע שטראַהלען צו אַ טבילת שחרית.

די שיף שווימט זיך שנעל אַנטקעגען דער זון. און אַט בעוויזט זיך פאַר אונזערע אויגען אַ גאָלדענער פּאַס. איך שטרענג אָן מיין בליק און זעה, עס איז דער זאַמד ברעג ביי יפו. נאָך אייניגע מינוטען און די שטאָדט ענטפּלעקט זיך פאַר אונז אין איהר גאַנצער פּראַכט. איינגעטונקט אין אַ ים זונען שטראַהלען קוקט יפו אַרויס אַזוי ווי אַן אָריענטאַלישע פּרינצעסין.

אַזוי שטעהענדיג אויפ׳ן דעק פון שיף און קוקענדיג אויף יפו, וואָס שיינט אַלץ בולט׳ער און בולט׳ער פאַר מיינע אויגען, האָב איך זיך דערמאָהנט אָן אַן עפּיזאָד, וואָס דוד וואָלפסאָן האָט מיר דערצעהלט מיט 12 יאָהר צוריק, ווען איך האָב איהם בעזוכט אין קעלן. ווען ער איז געפאָהרען דעם ערשטען מאָל מיט דעם אונשטערבליכען דר. הערצל נאָך ארץ ישראל און די שיף האָט דער־גרייכט די ברעגען פון יפו, איז עס געווען אַרום פיער אוהר פאַרטאָג. ער איז געווען פערזונקען אין שלאָף אין זיין קעבין, פּלוצלונג דערהערט ער די צויבער־שטימע פון הערצל, וועלכער איז אַריין צו איהם אין קעבין, אַנגעטהאָן אין זיין פולער פּראַכט, ווי ער זאָגט צו איהם: „דוד, דו שלאָפסט? דו ווילסט זעהן אונ־זער מוטער? שטעה אויף און קוק אויף די פייערלעך, וועלכע בעלייכטען אונ־זער שטאָדט יפו“. וואָלפסאָן האָט זיך שנעל אָנגעטהאָן און איז אַרויף מיט זיין גרויסען פיהרער אויפ׳ן דעק פון שיף. שטעהענדיג אַזוי ביי זיין זייט, אַנ־געשפּאַרט אויף דער פּאַרענטשע, האָט ער בעמערקט ווי צוויי גרויסע טרערען שיינען אַרוים פון הערצל׳ס אויגען און זיי קייקלען זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אויף זיין שעהנע באָרד.

און קוקענדיג אַזוי אויף יפו, אויף אַ קינד פון אונזער מוטער, האָב איך צו דערזעלבער צייט אויך געזעהן ווי הערצל שטעהט אויף דער שיף און טרערען פינקלען איהם אין די אויגען... אַזוי נאָהענט האָב איך איהם געזעהן, אַז מיר האָט זיך געדוכט, דאָס הערצל שטעהט דאָ אויף דער שיף און בעגלייט אונז קיין ציון... איך האָב זיך אומגעקוקט און דערפיהלט, אַז מיינע אויגען זיינען נאַס...

מיר שטעהען ביי די פּיס פון דער מוטער ציון.

www.libtool.com.cn

## 6. — יפו.

מאנטאג, 23טער מאי.

די „ספינקס" האט געלאזט הערען איהר שטימע און אן עכא האט אפגע־ענטפערט פון דעם גרויסען, ברייטען און ליכטיגען האריזאנט. א קליין שיפעל מיט בעאמטע פון דער ארץ ישראל רעגירונג איז צוגעשוואומען צו דער ריזיגער שיף, וועלכע האט זיך פעראנקערט אן ערך א מייל ווייט פון ברעג.

די בעאמטע האבען אנגעפאנגען איבערקוקען די פאספארטען פון די פא־סאזשירען, וועלכע ווילען אראבשטייגען אין יפו.

אונזער גרופע איז באשטאנען פון צוואנציג פערזאן, וועלכע האבען זיך מכין געווען צו דער פארמעלער צערעמאניע. צו מיין גרויסער איבערראשונג זעה איך פלוצלונג ווי איינער פון די אנגעקומענע בעאמטע, א איד, געהט צו מיר צו, רופט מיך אן ביים נאמען און שטעלט זיך פאר: מר. רודניק פון יעקאטערי־נאסלאוו. דער איד איז שוין אין ארץ ישראל צעהנדליגע יאהר און איז איצט דער אסיסטענט פון מר. שיינקין איבער דעם ועד העליה.

אונזער גאנצע גרופע, פון דעם הונדערט־יעהריגען זקן, וועלכער פאהרט שטארבען אין ארץ ישראל, ביז די קליינע קינדערלאך פון די ווירדזשיניער פא־מיליעס, וועלכע פאהרען בויען ארץ ישראל, האבען זיך ארומגעקליבען ארום מיר, קוקען מיר אין די אויגען און ווארטען ווי ציטערנדיגע שעפעלאך אויף זייער שיקזאל. מענשען פאהרען אין זייער לאנד און ציטערען ביים שוועל פון אריינגאנג! פאר וואס זשע איז דאס אזוי? ווער איז אין דעם שולדיג?

דער שרעק האט לאנג ניט אנגעהאלטען. איך האב זיך געזעצט ביים טיש מיט די בעאמטע, און שנעל זיינען איבערגעקוקט געווארען אלעמענס פאספאר־טען און אלע האבען באקומען די ערלויבנים צו לאנדען. אראב דער שרעק פון אלעמענס פנים'ער. איך זעה פריידענס טרעהרען אין אלעמענס אויגען. איך באקום דאנקען פון אלע זייטען, נאר עפעס פרעסט, דריקט מיך ביים הארצען, אידען שטעהען און פרעהען זיך, וואס זיי ווערען אריינגעלאזען אין ארץ ישראל...

און אפשר בין איך אומגערעכט מיט מיינע געפיהלען? דאס זיינען גאר פריידען טרעהרען פון אידען וואס זיינען זוכה געווען צו באטרעטען דעם היי־ליגען באדען פון ארץ ישראל.

נאר אפנים דער שרעק איז ניט געווען אומזיסט. דער שטן איז געקומען פון אן אנדער זייט גאר אונגעריכט.

www.libtool.com.cn

מיר ערפאהרען פלוצלונג, אז די אראבער, וואס באזיצען די שיפלאך, וועלכע פיהרען צו די פאסאזשירען פון שיף צום ברעג, האבען ערקלערט א באיקאט ניט ארונטערצונעהמען קיין אידען. דאס זיינען געווען די נאכוועהענישען פון די שטאָרטישע אונרוהען. די בשורה האט אונז געטראפען ווי א דונער. אונזער לאגע איז געווען א שרעקליכע. א פיינליכע. אלע קריסטליכע און מאחמעדאנער פאסאזשירען זיינען שוין ארונטערגענומען, און בלויז צוויי מנינים אידען לאזט מען צוריק ביים ארויסגאנג פון שיף ווי פאראורטיילטע מחוץ למחנה! וואס איז דא? וואס טוט זיך דא מיט אונז? מיר גלויבען ניט אונזערע אויגען. מיר שטייען מיט געבויגענע קעפ, רויט פאר שאנדע, און מיידען אוים די בליקען פון די פאסאזשירען אויפ׳ן שיף, וועלכע פאהרען נאך בירות.

מר. רודניק, דער ציוניסטישער פארטרעטער, פארזיכערט אונז, אז ער פאהרט נאך יפו און וועט ברענגען פאר אונז א ספעציעלע שיף, אונז אראפצונעהמען. מיר בלייבען שטעהן און ווארטען. פינף שטונדען זיינען מיר אזוי געשטאנען און געווארט. א, איך וועל די פינף שטונדען קיינמאל ניט פארגעסען! זיי האבען זיך געצויגען ווי פינף לאנגע יאהר פון ערנידערונג און באליידיגונג. דאס אונגעדולד אין מיר און ארום מיר שניידט דאס הארץ ווי א חלף. די קליינוואַרג האבען זיך צוואויינט, די מוטערס ברעכען די הענד, דער הונדערט־יעהריגער זקן אכצט און קרעכצט, די יונגע לייט, מיט די פעקלאך אין די הענד, שטעהן ארום מיר שווייגענדיג אין טיפען טרויער, און מיין אייגענער געדולד האלט ביים צוזאמענברוך...

נאר אט־אט באווייזט זיך א רעגירונגס־שיפעל און מיר דערפיהלען אן ערלייכטערונג. מיר פארשטעהן, אז דאס קומט זי נאך אונז. דער אפיציער פון שיפעל גיט א קאמאנדע צו זיינע לייט און אין איניגע מינוטען זיצען מיר שוין אלע מיט אונזער באגאזש אין שיפעל, וועלכע פיהרט אונז צום ברעג. מיר שטייגען אראפ אין יפו מיט דאנקבארקייט צו דער ציוניסטישער טהעטיגקייט. דער דאקטאר שטעלט אונז פאקען און מיר פאהרען נאך תל אביב צו דעם האטעל „גנוסר“ פון בן־נחום.

באלד נאך מיין אנקומען אין האטעל, זיינען געקומען מיך מקבל פנים זיין מיינע אלטע בעקאנטע ציוניסטישע פריינד, בצלאל יפה, לעוואנטין, א. ז. ראבינאוויץ, דר. מייטמאן־כהן, דר. וואלדשטיין, דר. חיים הררי, קריטשעווסקי און מרדכי בן הלל הכהן.

גאט מיינער! וואס פאר א פרייד! א ים מיט זכרונות פון איבער דרייסיג יאהר האט מיר פארפלייצט, ווען יעדער פון מיינע באזוכער האט מיר דערמאנט פון מיינע באזוכען און טעטיגקייט אין זייערע געבורטס־שטעדט אין רוסלאנד. די זכרונות זיינען געפלאסען אזוי ווי א קוואל און אויפ׳ן האר־

www.libtool.com.cn

צען איז געווארען אלץ גרינגער און גרינגער, — עס איז געווען אזוי ווי א באל־זאם צו מיין פארוואונדעטע הארץ. וואס איז אזוי שווער געטראפען געווארען ביים לאנדען פון שיף.

איביג, מיין גאנץ לעבען וועל איך ניט פארגעסען דעם איינדרוק פון דעם ערשטען אבענד אין ארץ ישראל. זיצענדיג אויף דער ווערענדע פון האטעל, אונטער דעם העלען שיין פון דער לבנה, דארט ביי דעם ברעג פון ים, איינ־אטעמדיג די מילדע לופט, האב איך געפיהלט ווי איך וואלט פארטראגען גע־ווארען ערגעץ אין א מערכען־לאנד. נעבען מיר ליגט א געדרוקטע זאך, מיין אויג פאלט אויף דעם, איך לעז... ביים שיין פון דער לבנה לעז איך... איז עס נאכט? איך קוק זיך אום, — איבער מיר א הימעל, לבנה און שטערען. יא, עס איז נאכט, א ארץ ישראל נאכט... איך אטעם די נאכט, איך אטעם די לופט, און אין מיינע אויערען קלינגען ר׳ יהודה הלוי׳ס ווערטער: „וחיי׳ נשמות אויר ארצך“...

נאך א קורצען שפאציר מיט מיין פריינד דר. לעווין־עפשטיין איבער דער רחוב הערצל און שדרת רוטשילד, האב איך זיך א מידער אריינגעווארפען אין מיין בעט און געשלאפען אן אנגענעמען שלאף די ערשטע נאכט אין ארץ ישראל.

---

דינסטאג, 24־טען מאי.

איך האב היינט געמאכט א באזוך אין דער העברעאישער גימנאזיע „הרצליה“. דר. באגראטשאוו, דער ממלא מקום פון דר׳ מאזעסאן, מיט דעם גאנצען סטאף לערער האבען מיך זעהר הערצליך אויפגענומען. צום ערשטען מאהל אין לעבען האב איך אויף אן אמת דערפיהלט, אז די העברעאישע שפראך לעבט. דער מבטא הספרדי גיט איהר צו א באזונדערען חן און זי קלינגט ווי א שעהנע מוזיק.

אין אלגעמיין האט די גימנאזיע געמאכט אויף מיר א גוטען איינ־דרוק. די געביידע איז א שעהנע, די לערער זיינען אלע פאכלייט, די תלמידים האלטען זיך פיין, אונטער א גוטער דיסציפלין. אבער אחד־העם׳ס פראגעס אין זיין „אמת מארץ ישראל“ זיינען נאך אלץ ניט פארענטפערט געווארען און זיין קריטיק איז נאך היינט אזוי שטארק ווי געווען. עס פעהלט עטוואס הייליגעס, עס פעהלט די הייליגקייט פון דעם נביאישען גייסט, די קדושה פונ׳ם תנ״ך איז פארשוואונדען. און וואו עס פעהלט קדושה, איז דא וואכעדיגקייט. און דאס קאן שוין ניט יעדער איד פארטראגען אפילו ניט יעדער נאציאנאלער איד, א פשוטא שוין דער רעליגיעז געשטימטער. אייניגע תלמידים האבען זיך אפילו

פאַר מיר באַקלאַגט אויף די גרויע וואָכעדיגקייט, וואָס הערשט אין דער גימנאַ־
זיע. די פיהרער פון דער גימנאַזיע דאַרפען זיך ווענען דעם פאַרקלערען.

www.libtool.com.cn

---

מיטוואָך, 25־טען מאַי.

צוזאַמען מיט מרדכי בן הלל הכהן און דעם ריכטער נופך האָבען מיר
היינט אָבענד פאַרבראַכט אין דעם הויז פון דעם דירעקטאָר פון אַנגלאָ־פּאַ־
לעסטינאַ באַנק, מר. לעוואַנטין.

דער בעל הבית האַלט זיך נאָך ביי זיינע אַלטע געוועהנהייטען און מאַ־
ניערען פון דער רוסישער בעל הבית־שקייט און גאַסטפריינדליכקייט. געמיט־
ליך, ביי אַ רוסישער גלאָז טהעע, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען
און געדאַנקען איבער דער איצטיגער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט גע־
האַט פיעלעס אויסצוזעצען געגען דעם היינטיגען גאַנג פון ציוניזם. ווי אַן אַלטער
חובב ציון פון די אַכציגער יאָהרען, מיט אַ היבש ביסעל בטול היש פון דעם
שטריינגסטען קאָנסערוואַטיזם, האָט ער מבטל געמאַכט דעם שוואונג פון אונ־
זערע נייע פיהרער, און מיט אַ היבש ביסעל פאַראַכטונג צו די אריבערגעקומענע
פרישע חלוצים, האָט ער קריטיקירט זייער אַרט לעבען, זייערע חגיגות, מיט
זייערע פרעהליכע לידער. דאָס אַלץ געפעלט איהם ניט. ווען ער וואָלט נור
קאָנען, וואָלט ער זיך אין גאַנצען אומגעקערט צו חבת ציון.

די געסט זיינען מיט דעם בעל הבית פון הויז ניט געווען איינשטימיג.
דער אַלטער כהן און יונגער נופך האָבען זיינע מיינונגען באַקעמפט. זיי האָבען
גערעדט פעסט, מיט איבערצייגונג, אָבער מר. לעוואַנטין איז זיך געבליבען ביי
דאָס זייניגע פעסט און ניט ערשיטערט.

---

דאָנערשטאָג, 26־טען מאַי.

היינט איז ל״ג בעומר, דער גרויסער נאַציאָנאַלער יום טוב, וועלכער האָט אין
די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען באַקומען פולע בירגער רעכט אין גאַנץ ארץ ישראל,
באַזונדערס אין די קאָלאָניעס. די אָרטאָדאָקסען פלעגען פייערען מיט גרויס
גלאַנץ דעם יאָהר־צייט פון רבי שמעון בן יוחאי. אין רחובות פלעגט געפייערט
ווערען די באַוואוסטע נאַציאָנאַלע חגיגה. ליידער זיינען דאָס יאָהר פאַר־
שטערט געוואָרען די אַלע פייערונגען צוליב דעם שרעקליכען אָנפאַל פון די
אַראַבער דעם ערשטען מאַי און צוליב די בלוט פון די קדושים, וואָס עס איז
נאָך ניט געווען פאַרטריקענט. אַ טרויער שוועבט איבער דעם לאַנד, אפילו

www.libtool.com.cn

די העברעאישע גימנאזיע האט דאס מאל אפיציעל ניט געפייערט דעם יום טוב ווי געוועהנליך.

א טרויעריגע ערשיינונג איז די צענזור אויף די צייטונגען, די ליידיגע קא־לומס אויף אלע זייטען מאכען א שווערען איינדרוק.

# 7. — פתח תקוה.

פרייטאג, 27־טען מאי.

מר. גיסין, דער באוואוסטער יוריסט פון מאהילעוו, האט אונז איינגעלא־דען צו באזוכען פתח תקוה, וועלכע ליגט צוויי שטונדען רייזע מיט דעם די־ליזשאנס פון יפו.

דער וועג איז וואונדער שעהן. ער פיהרט פארביי די דייטשע קאלאניע „שרונה", וועלכע איז אין דער צייט פון דער מלחמה געוועזען פארלאזען צו־גלייך מיט די אלע אנדערע קאלאניעס. איצט, נאך דער מלחמה, האבען זיך די דייטשע קאלאניסטען צוריקגעקערט און די קאלאניע איז ווידער אין א בליהענ־דען צושטאנד. כרמים און פרדסים דערהויבען זיך ארום, גרויסע סטאדעס מיט רינד און שאף און עזלען פיטערען זיך אין איהרע לאנקעס און ניט ווילענ־דיג דערפיהלט איהר א וועהטאג אין הארצען: נחלתי נהפכה לזרים!

יודעי חן באקלאגען זיך אויף אונזערע פיהרער פאר זייער נאכלעסיגקייט. עס הייסט, אז אין קריזיס צייט האט מען דיזע קאלאניע לייכט געקענט אב־קויפען, נאר זיי האבען דאס, ליידער, פארזעהן.

מיר זיינען אנגעקומען אין פתח תקוה צוגלייך מיט דער זונען אונטער־גאנג. מיר זיינען אריינגעפאהרען אין דעם האטעל „ירקון", וועלכער געהערט צו דער פאמיליע גיסין. דער האטעל האט אויף אונז געמאכט אן אנגענעמען איינדרוק מיט די פילע גרינס און בוימער, וואס רינגלען איהם ארום.

דריי ברידער זיינען די גיסינס. אלע גוטע איבערגעגעבענע ציוניסטען זייט צעהנדליגע יאהרען. איינער פון די גיסינס איז דער ראש הועד פון פתח תקוה. דעם צווייטען ברודער, וועלכער פאהוואלטעט דעם האטעל, האט גע־טראפען א גרויסער אונגליק. זיין עלטערער זוהן אבשלום, דער ליבלינג פון פתח תקוה, דאס איבערגעגעבענע קינד צו זיין פאלק און לאנד, איז געפאלען דער ערשטער קרבן פון די פיר קדושים, וועלכע זיינען אומגעקומען דעם 5־טען מאי, כ״ז ניסן, אין דעם טאג, וואס די אראבער זיינען באפאלען פתח תקוה

www.libtool.com.cn

און זי געוואלט פארניכטען. אבשלום איז געווען דער אנפיהרער פון די העלדי־שע אידישע יונגע לייט, וועלכע זיינען ארום באשיצען זייער היים געגען די רוצח׳שע הענד פון די אראבער, שטייענדיג אין פראנט פון זיין חיל איז ער געטראפען געווארען פון אן אראבישע קויל און איז אומגעפאלען טויט.

און ווי רוהיג און געלאסען דער פאטער פון דעם געפאלענעם העלד האט דערציילט די געשיכטע פון זיין זוהן׳ס טויט. איך בין געווען איבערראשט צו זעהן ווי דער פאטער איז שטאלץ, וואס זיין זוהן איז געפאלען אין קאמף פאר זיין היים, פאר זיין פאלק. און זיין מוטער, די באבע פון אבשלום, די 84 יעהרי־גע זקנה, ווי ריהרענד ערהאבען זי איז אין איהר שטילען צער! נייז, זי פיהלט גאר ניט קיין צער, דאכט זיך, א פרייד, א בענשונג צו גאט ליגט אויסגעגאסען אויף איהר אלטען צוקנייטשטען, אבער הערליך שטאלצען געזיכט. די געשיכטע פון אבשלום׳ס העלדישען טויט האט ארויסגערופען א טרעהר אין מיינע אויגען. די אלטע באבע האט דאס דערזעהן און האט מיט פארוואורף צו מיר א זאג געטהאן:

„ניין, מיין פריינד, ניט וויינען ברויכען מיר, נאר פרעהען זיך, וואס גאט האט מיך מזכה געווען אויף די עלטערע יאהרען צו זעהן מיינעם א קינד א קרבן פאר אונזער לאנד. און ווען ארץ ישראל וועט פאדערען נאך מעהר קרבנות פון מיין פאמיליע, זיינען מיר אלע גרייט צו געבען ביז דאס לעצטען טראפען בלוט“.

אייביג, אייביג וועל איך ניט פארגעסען דעם הייליגען פייער, וואס האט אין דעם מאמענט ארויסגעלויכטען פון איהרע אויגען. איך האב געקוקט אויף דער שטאלצער זקנה און געטראכט, אז אזוי האנדלען קען נאר א קינד פון א פאלק, וואס האט נאך מיט טויזענדער יאהרען צוריק פראדוצירט טעכטער ווי מרים און דבורה.

גאנץ פתח תקוה איז שטאלץ מיט איהר לעצטען זיעג איבער די אראבער. פאר די פיר געפאלענע און צוועלף פארוואונדעטע מצד די אידען זיינען די אראבער געפאלען אין די הונדערטע, און טויזענדע זיינען פון שרעק זיך צו־לאפען. עס האט זיך ווידערהאלט דער „רבים ביד מעטים“! ווי אין די צייטען פון די חשמונאים.

---

זונטאג, 29־טען מאי.

פתח תקוה פארמאגט איבער פיר טויזענד נפשות. זי רעכענט זיך די עלטסטע קאלאניע. אויף איהר בית עולם ליגט רבי מרדכי גימפעל ראזינאיער, איינער פון די שעהנסטע חובבי ציון. די קאלאניע האט זעהר א גרויסע שוהל. ווען

איך בין נעכטען נאך קריאת התורה ארויפגעגאנגען אויף דער בימה ריידען, האב איך זיך דערפיהלט ווי איך בין אמאל געשטאנען אין א ווילנער אדער ביאליסטאקער שול. די אטמאספערע איז אזוי עכט אידיש, שבת׳דיג, אז מען דערפיהלט די נשמה יתירה מיט אלע חושים. דער עולם איז ניט געזעסען אויף זייערע פלעצער, נאר געשטאנען גאר ווי אויף דעם היימישען אופן.

דער רב פון דער קאלאניע איז איינער פון די מצוינים, רבי ציטראן, א איידעם פון רבי יוסף ראזען, דעם דווינסקער רב. און הגם זיין שווער איז א ווילדער אנטי ציוניסט, איז ער אן איבערגעגעבענער צו דעם רעיון הציוני און איז איינער פון די טעטיגסטע מזרחים אין ארץ ישראל.

מיט מר. פנחס מעהער, איינער פון די עלטסטע קאלאניסטען, האב איך געמאכט א שפאציר איבער דער קאלאניע לארכה ולרחבה. דאס הארץ האט אין מיר געקוועלט זעהענדיג א אידישע היים, אידישע באדען, מיט אן אמת אידישער אטמאספערע. דער קדושת השבת, די געטליכע ריכטיגע מנוחה שוועבט איבער אלע גאסען און הייזער. שייערס און שטאהלען מיט די גרויסע קיה און קליינע אייזלען. אלע, אלע רוהען און באדען זיך אין דעם גייסט פון שבת׳דיגער מנוחה.

בנוגע דער שפראך זיינען די צוויי דורות נאך צוטהיילט. דער עלטערער דור דערהאלט נאך אידיש אבער דער יונגער דור וויל בשום אופן א אידיש ווארט ניט אויסריידען. מיט אלע קרעפטען צווינגען זיי די אלטע צו ריידען מיט זיי העברעאיש. און די יונגע זיינען ביי זיך תקיף, זיי פיהלען אז דער עתיד איז זייערער.

שעהן איז געווען צו זעהן און צו הערען ווי די אלטעטשקע מרת גיסין, האלטענדיג אויף איהרע הענד אן אוראייניקעל, א מיידעלע, דריי יאהר אלט, מיט׳ן נאמען גאולה, האט צו איהר גערעדט אידיש און דאס קינד האט צו דער באבען באלד א זאג געטאן: „דברי עברית“. און ווען די אלטע האט גע־ענטפערט, אז זי קען ניט, איז דאס קינד געווארען אויפגערעגט און זאגט צו דער אלטער: „ראי, הלא שנייך שבורות משפתך הקשה אשר תדברי, ולו דברת עברית כמוני כי אז היו שנייך תמימות ושלמות כמוני“. (זעה נאר, דיינע ציינער זיינען דאך צובראכען פון דיין שווערער שפראך, וואס דו רעדסט, אבער ווען דו וואלסט ריידען העברעאיש אזוי ווי איך, וואלטען דיינע ציינער געווען גאנץ ווי מיינע).

עס איז ניטא קיין שלעכטס אהן גוטס. אלס רעזולטאט פון דעם אראַבישען איבערפאל אויף דער קאלאניע, איז אין דער קאלאניע ניט פארבליבען איין אראבישער ארבייטער. די חלוצים האבען פארנומען זייערע פלעצער און די קאלאניסטען האבען זיך געשווארען ניט צו באשעפטיגען מעהר קיינע אראבער.

www.libtool.com.cn

מאנטאג, 30־טען מאי.

זעהר אן אינטערעסאנטע פערזענליכקייט איז מר. גראזאווסקי, דער מחותן פון דעם נציב העליון, סער הערבערט סעמועל. דאס איז אן אלזייטיגער מענש מיט ריזיגע פעהיגקייטען. א געוועזענער ישיבה בחור פון וואלאזשין, מיט א גוטען תלמודישען קאפ, א פענאמענאלען זכרון, איז ער מיט איינ־גע צענדליג יאהר צוריק געקומען אין ארץ ישראל, זיך געשטעלט ארבייטען אלס איינפאכער פועל, דערנאך האט ער אנגעהויבען ווירקען אלס העברעאישער לערער, האט אנגעהויבען פארפאסען נייע מעטהאדעס צו לערנען עברית בעברית, וועלכע זיינע געווארען זעהר פאפולער און פארשפרייט געווארען איבער דער גאנצער וועלט. ער איז אויך דער מחבר פון א פאר גוטע העברעאישע ווערטער ביכער און איצט איז ער א גוטער פינאנסיער און פארנעהמט א שטעלע אלס וויים־פרעזידענט אין דעם אנגלא־פאלעסטינא באנק.

אין דעם הויז פון דעם אמעריקאנעם ציוניסט מר. ווילסאן, האב איך נעכטען אבענד זיך געטראפען מיט מר. גראזאווסקי און האב געהאט דאס פארגעניגען צו פארברייגנען מיט איהם א פאר שטונדען. דאס געשפרעך האט זיך געצויגען איבער פארשיעדענע ענינים און איך האב באלד דערזעהן, אז איך האב פאר זיך א מענשען מיט א געזונדען פערשטאנד.

מר. גראזאווסקי איז ניט צופרידען מיט דער איצטיגער הנהגה פון ועד הצירים. ער האט זי שארף קריטיקירט. ער איז אויך א געגנער צו דער נייער באוועגונג פון קאלאניזירען דאס לאנד אויף סאציאליסטישע יסודות. ער ווייזט אויף מיט פאקטען, אז די גאנצע ארבייט פון די קבוצות איז א דורכפאל און זיין מיינונג איז, אז נאר מענשען מיט קאפיטאל קענען אויפבויען דאס לאנד.

www.libtool.com.cn

# 8. — אַ באַזוך אין די קאָלאָניעס.

דינסטאג, 31־טען מאי.

נעכטען האָב איך באַזוכט ראשון לציון, די קרוין פון באַראָן עדמאָנד ראָט־שילד'ס קאָלאָניעס.

ראשון לציון איז ווירקליך אַ שעהנע קאָלאָניע, מען קאָן אפילו זאָגען אַ רייכע. עס לעבען דאָ אַ הונדערט אכרים און ארום זיי נאָך אַ הונדערט פאַמי־ליעס, אַ רוהיגען שעהנעם לעבען.

מיין פריינד, מר. גלוסקין, דער דירעקטאָר פון באַראָן'ס באַריהמטען וויין־קעלער, האָט אונז דורכגעפיהרט די אַלע דריי עטאַזשען פון קעלער און אונז געצייגט די אַלע מאַשינען וואָס אַרבייטען אויף דעם וויין, פון אָנפאַנג, וואו די טרויבען קומען אריין גאַנץ, ווי זיי זיינען, ווי זיי ווערען צומאַלען, ווי דער זאַפט ווערט מגולגל אין „גלגול מחלות" דורך פילע פאַרשידענע רעהרען, פון דעם דריטען עטאַזש אין דער הויך ביז דעם אונטערסטען טיפען קאַלטען קע־לער. און דערנאָך ווערט ער ווידער געשפּאַרט צוריק אַרויף ביז ער געפינט זיין אָרט אין די ריזיגע פעסער אַלס עכטער געשמאַקער כרמל וויין. וואָס ערנעהרט הונדערטע קאָלאָניסטען און ערקוויקט הונדערטע טויזענדע אידען אין אַלע גלות־לענדער מיט זיין גוטען געשמאַק.

באַטראַכטענדיג דעם ריזיגען קעלער און באַוואונדערענדיג זיין איינריכטונג הויבט מען אָן פיהלען אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו דעם נדיב הידוע און דאָס האַרץ רופט אויס: לאַנג לעבען זאָל ער!

איך האָב ניט געקענט אנטזאָגען די ראשונ'ער און איך האָב געמוזט ריידען אין אָבענד אין „בית־העם". מר. מאירוביץ, דער אַלטער ביל"ו'ניק, איז געוועזן דער יושב ראש. ער איז אַן אַלטער סימפּאַטישער מאַן, וואָס ווערט פאַרהערט פון דעם גאַנצען ישוב.

דער „בית־העם" איז געוועזן איבערגעפילט מיט מענשען. ווען איך האָב אָנגעפאַנגען ריידען, האָב איך באַמערקט אַ לייכטען שמייכעל אויף זייערע גע־זיכטער פון מיין הברה אשכנזית, צו וועלכער זיי זיינען ניט געוואוינט. אָבער ביסלעכווייז איז דער שמייכעל פאַרשוואונדען און מיט ערנסטע געזיכטער האָבען אַלע געהאָרכט צו מיינע רייד, סיי די אכרים, סיי די פועלים און סיי די חלוצים.

איך האָב גערעדט וועגען דער פראַגע פון „עבודה עברית" און האָב אָנ־געצייגט, אַז די צייט פון שאול המלך, ווען „וירדו כל ישראל הפלשתים ללטוש

www.libtool.com.cn

איש את מחרשתו ואת אתו ואת קרדמו ואת מחרשתו — אידען האבען געמוזט געהן צו פלשתים צו שלייפען יעדער זיין אקער, זיין גראבאייזען, זיין האק און זיינע אלע געצייג, — אז די צייט טאר זיך ביי אונז מעהר ניט אומקערען. מיר ברויכען אויסנוצען אונזערע אייגענע קרעפטען. דעמאלט זיינען די פלשתים געוועזן די פארטגעשריטענע און מיר די פרימיטיווע, צוריקגעשטאנענע. היינט איז אומגעקערט. מיר באזיצען די פולע אייראפעאישע קולטור און די אראבער זייגען די פרימיטיווע.

פון ראשון זיינען מיר געפארען נאך רחובות. דיזע קאלאניע איז שטאלץ מיט דעם, וואס זי איז געבויט געווארען אהן א זייטיגע הילף נאר דורך דעם אייגענעם פארמעגען און ארבייט פון איהרע באזיצער. דער גרונד איהרער איז געלייגט געווארען פון א גרופע ווארשעווער סוחרים, וועלכע האבען זיך א נאמען געגעבען „מנוחה ונחלה" און זיינען אין אנפאנג פון דער „חבת ציון" באוועגונג געקומען נאך ארץ ישראל און גענומען בויען דיזע פראכטפולע קאלאניע.

דא, אין רחובות, האב איך געהאט אן אנגענעמע באגעגעניש. דאס איז געווען מיט מיין אלטען יוגענד פריינד אהרן אייזענבערג. פינף און דרייסיג יאהר האבען מיר זיך ניט געהאט געזעהן. מיר האבען זיך אזוי פעסט איינגעשלאסען איינער אין דעם אנדערענס ארעמס, אז מינוטען לאנג האבען מיר זיך ניט געקאנט אפרייסען איינער פונ'ם צווייטען. מיר זיינען געשטאנען אזוי אין דער פאזע אהן א ווארט אויסצורעדען, נאר טרעהרען האבען זיך געקייקעלט איבער אונזערע ביידענס געזיכטער.

מיר זיינען אין אונזער יוגענד געווען צוויי גייסטיגע ברידער, קינדער פון איין היילעגער אידעע. א קוואל יוגענד זכרונות איז אויפגעשטאנען פון דער תקופת חבת ציון, פון דער צייט פון דער קאטאוויצער אספה. דער יונגער אייזענבערג, דער תלמודיסט, וועלכער איז באגייסטערט געווארען פאר חבת ציון, איז אוועקגעפאהרען נאך ארץ ישראל צו האקען שטיינער און צו ליידען די היילעגע יסורים און טיפע ענויים פון דער ערשטער פיאנערען עפאכע. און אט יענער שלאנקער יונגערמאן שטעהט איצט פאר מיר א פעסט געבויטער עלטערער מענש, מיט א גרויסען שעהנעם לייבען־קאפ, מיט א פאר קלוגע פראקטישע אויגען, פול מיט ענערגיע און באוואוסטזיין, א מאן, וואס פארנעהמט איצט דעם גרעסטען פאסטען אין דעם נייעם ישוב. אייזענבערג איז דער פרעזידענט פון דער גרויסער געזעלשאפט „אגודת נטעים". ער איז דער ראש הועד פון רחובות זייט פילע יאהרען און נעהמט אנטייל אין אלע ועדים פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. די גרויסע פיהרער בעראטהען זיך אפט מיט איהם, ווייל ער איז קלאר אין אלע ענינים, וואס האבען צו טאן מיט דעם נייעם ישוב. איך האב מיט איהם פארבראכט איניגע שטונדען און די צייט איז פארשוואונדען ווי מינוטען.

www.libtool.com.cn

דער עלעמענט וואס באוואוינט רחובות, איז א מערקווירדיגער. כמעט אלע זיינען תלמידי חכמים, משכילים, דענקער, שריפטשטעלער. איך האב דארטען געטראפען אלטע חובבי ציון, מר. חרלפ, דער בעל הבית פון האטעל מר. פאדווא פון בריסק־דליטא און מר. בלומבערג פון דווינסק. זיי אלע זיינען פון די טע־טיגסטע ארבייטער אין דער תקופה פון חבת ציון.

די אכרים פון רחובות זיינען שטאלץ מיט זייער נצחון אין דעם לעצטען אנפאל פון די אראבער. מיט רעכט רופען די עלטערע לייט זייערע קינדער מיט דעם נאמען: אונזערע נייע מכבים. די יונגע העלדען פון רחובות האבען רעא־ליזירט דעם פסוק „אחד מכם ירדוף אלף“ — טויזענדער אראבער זיינען אנט־לאפען פאר א פאר צעהנדליג טאפפערע אידישע יונגע לייט.

דער נייער דור אין ארץ ישראל וואקסט שטאלץ, מוטיג, קרעפטיג און דורכ־געדרונגען מיט דער אידעע, אז ער שטעהט אויף זיין אייגענעם באדען. קוקענ־דיג אויף די טאפפערע אידישע יונגע לייט אין ארץ ישראל ווערט מען דורכ־געדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אז דער טאג איז ניט ווייט, ווען די אידישע היים וועט זיין א געזיכערטע.

---

זונטאג, 5־טער יוני.

נעכטען האב איך צוליב געטאן מיינע פריינד און די בעאמטע פון דער תל־אביב׳ער שוהל און האב געהערט נאך קריאת התורה. איך האב גערעדט העברעאיש. עס איז געווען פונקט אויף מארגען, ווען דער נציב העליון האט ארויסגעגעבען זיין נייע דעקלאראציע, וואס פארטייטשט באלפור׳ס. די שטי־מונג איז א געדריקטע. דאס ריידען פאר אן עולם אין אזא מאמענט איז ניט קיין לייכטע, די געפיהלען זיינען געמישט...

דער עולם ווייס ניט צו וואס קאן פיהרען הערבערט סעמועלס לעצטע „הצהרה“. עס זיינען דא אפטימיסטען, וואס געפינען קיין בייזעס ניט אין זיין לעצטער ערקלערונג. זיי זאגען, אז די אלע גוטמוטיגע ווערטער, וואס ער רעדט צו די אראבער, זיינען א פראדוקט פון דער ענגלישער פאליטיק און באלפור׳ס דעקלאראציע בלייבט ווי געווען.

עס זיינען אבער אויך דא פעסימיסטען, וועלכע קוקען שוין אויף דער זאך דורך טונקעלע ברילען. זיי זעהען אין דעם א חניפה צו די אראבער און אן אנטיפאטיע צו די אידען. זיי קוקען מיט שרעק אויף דער נאהענטער צוקונפט און זיי פיהלען זיך שטארק ענטמוטיגט.

מיינע געפיהלען זיינען געמישט. עס ווילט זיך מיר גלויבען דאס בעסטע,

www.libtool.com.cn

איך האָף אַז דער נציב העליון האָט גוטע כונות בנוגע אונזער אידעאַל. אָבער די ווירקליכקייט, אוי ווי זי שטערט!...

היינט האָבען מיר באַזוכט מקוה ישראל. אַ שעהנעם איינדרוק האָט זי אויף אונז איבערגעלאָזען. די אָרדנונג אין דער אַגראַר־קולטורנער אַרבייט, די פּריי־שע, געזונדע געזיכטער פון די שילער, די שיינקייט פון די אַלעען און די גע־ביידען, דער קלאַנג פון דער העברעאישער שפּראַך אין די מיילער פון די אידי־שע ערד אַרבייטער, — דאָס אַלץ האָט אויף אונז געווירקט אַפּפרישענד און אונז געגעבען נייע מוטה.

מיט גרויס יראת הכבוד זיינען מיר געשטאַנען ביי דעם קבר פון דעם גרינדער פון „מקוה ישראל", וועלכער איז געשטאָרבען אין יאָהר תרמ"ג. אַכט און דריי־סיג יאָהר זיינען שוין פאַרביי און דער קבר שטייט אַזוי פּריש אונטער די הויכע געדיכטע בוימער און שיינע דופטיגע בלומען, פון וואַנען עס שיינט אַרויס דער נאָמען קאַרל נעטער, דער גרינדער פון דער ערשטער נאַציאָנאַלער אַגרי־קולטור שולע אין ארץ ישראל.

## 9. — ירושלים.

מאָנטאַג, 6־טער יוני.

מיר פאָהרען נאָך ירושלים.

ווען מיר האָבען זיך געזעצט אין דער באַהן אין יפו, וואָס האָט אונז גע־דאַרפט ברייננען אין ירושלים, האָב איך געהאַט דעם געפיהל, אַז איך מאַך דורך אַ צווייטע רייזע נאָך ארץ ישראל, ניין, די ערשטע רייזע... וואָרום, וואָס איז דען ארץ ישראל אויב ניט ירושלים?...

מיר פאָהרען. די באַהן נעהמט זיך דערהויבען איבער די הרי יהודה און שלענגעלט זיך אַלץ העכער און העכער. איך הויב אָן פיהלען אַ דערהויבונג אין דער נשמה... זי פליהט איבער די בערג פאָראויס דער באַהן און אָט איז זי שוין אין ירושלים, הגם מיין גוף איז נאָך אין באַהן... איז דאָך די נשמה פון אַ אי־דען אַלע מאָל אין ירושלים, וואו זיין גוף זאָל ניט זיין...

זיין אין די הרי יהודה איז זיין אין אַ צויבער וועלט. איך בין שוין געווען אין מיין לעבען אין פילע, פילע בערג, נאָר וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבען זיי געהאַט פאַר מיר? גאָט׳ס וואונדער, און דאָס אַלץ. נאָר דאָ, אין די הרי יהודה, זעהסטו די וואונדער פון אַ פאָלק, פאַר וועמען גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער פּראַכט און דורך איהם, דורך דער ביבעל, פאַר דער גאַנצער וועלט.

www.libtool.com.cn

דו קוקסט אויף די הרי יהודה און זעהסט ממש ווי דער רוח הקודש שוועבט איבער זיי. דו דערקענסט יעדע שטיינדעלע, יעדע מערה נאָך די טויזענדער זאָגען און לעגענדען, וואָס האָבען זיך ארום זיי געוועבט. דו ווערסט דערהויבען אַלץ העכער ביז אַ וועלט מיט זונען צוגיסען זיך איבער דיין קאָפּ...

און אַט זיינען מיר שוין ביי די טויערען פון ירושלים. ווי פּרעכטיג שעהן עס איז צו לעזען די נעמען פון די ירושלים׳ער פאַרשטעדט און פון דער סטאַציאָן ירושלים אין העברעאישע בוכשטאבען.

„אַט איז דער הר ציון. דער מגדל דוד", רופט זיך אָן צו מיר אַ ירושלים׳ער יונגערמאַן, וואָס איז ביי מיין זייט געשטאַנען. מיינע אויגען ווערען פייכט, אַ קוואַל טרעהרען עפענט זיך און איך קען זיך ניט קאָנטראָלירען. צוויי טויזענד יאָהר האָב איך ארומגעבלאָנדזעט און ענדליך בין איך אין מיין מוטער׳ס שויס...

---

דינסטאג, 7־טען יוני.

גלייך אין דער פריה זיינען מיר ארויפגעגאַנגען אויפ׳ן דאַך פון אַמדורסקי׳ס האָטעל און פאַר אונזערע אויגען האָט זיך אויפגעעפענט די גאַנצע הערליכע פּאַנאָראַמע אין ירושלים, אַט איז דער הר הבית, דער הר הצופים מיט דעם הר הזיתים; קירכען־טורעמס, מוסולמאַנישע מאָשעען, באַלויכטען פון דער הערליכער זון, — אַלץ, אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין אַזאַ צויבערליכער פּאַנאָראַמע, וואָס קיין מענשען׳ס אויג האָט עס ניט געזעהן אויסער אין ירושלים.

מיט דעם ראש הישיבה, רבי מיכל טושצינסקי, זיינען מיר געגאַנגען צו דעם כותל המערבי און הר הבית.

דורך קליינע, ענגע, פאַרדרעהטע און שמוציגע אַראַבישע געסלאַך פיהרט דער וועג צו דעם כותל המערבי. מאָדנע געפיהלען נעהמען דיך ארום דורכמאַכענדיג דעם וועג און בלייבענדיג שטעהן פּלוצלונג ביי אַן אור־אַלטער גראַנדיעזער וואַנד פון מורא׳דיגע גרויסע אַלטע שטיינער און מען זאָגט צו דיר: „זעה, דאָס איז דער כותל המערבי", די מערב וואַנד פון דעם הייליגען בית המקדש, וועלכע איז פאַרבליבען אַלס אַ זכר צו דעם אונגליקליכען אידישען פאָלק פון זיין אַמאָליגער גרויס און גדולה.

איך בלייב שטעהן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און טרעהרען און ווידער טרעהרען...

און עס שטייגען אויף געפיהלען, און עס מישען זיך געדאַנקען —

אַ, אָרימע, הייליגע, פינסטערע,פאַרשווארצטע אור־אַלטע מערב־וואַנד! ביזט דו ניט דער סימבאָל פון מיין אָרימען אור־אַלטען פאַרשוואַרצטען פאָלק?! איך זעה אין דיינע גרויסע שוואַרצע מאָוים׳דיגע שטיינער די פאַרגליווערונג פון

www.libtool.com.cn

א צוויי טויזענד יאהריגען אומעט, צער און פיין פון דעם פארוואגעלטען פאלק ישראל. דער גרויסער און טיפער גלות־שמערץ, געמישט מיט טרעהרען און בלוט, איז אין דער מערב וואנד פארשטיינערט געווארען.

עס רייסען זיך זיפצען פון הארצען אזוי טיף און שמערצליך, אז דו פיהלסט, דאס עס זיינען צוויי טויזענד־יעהריגע זיפצען, וואס נאר ביים אנבליק פון כותל המערבי קאנען זיי זיך ארויסרייסען. עס מישען זיך אום די אויסגעשרייען און קולות פון פארשידענע אידען און ווייבער, וועלכע האבען זיך פארזאמעלט פון אלע וועלט־טיילען דא, ביי דער איינגעפאלענער וואנד, און האבען איין תפלה, איין געבעט: אויסלייזען דאס פאלק ישראל און דערהויבען צוריק די געפא־לענע קרוין...

יא, ווארום געפאלען זיינען זיי ביידע...

און שטעהענדיג אזוי ביי דעם כותל המערבי און צוקוקענדיג די טרויעריגע בילדער האב איך זיך דערמאנט אן די טרויעריגע ווערטער פון אונזער גרויסען דיינקער אחד העם, ווען ער איז געשטאנען אויף דעם זעלביגען היסטארישען הייליגען פלאץ:

„איך בין געקומען ערב פסח אין ירושלים אויסצוגיסען מיין טרויעריג הארץ פאר די „עצים ואבנים“, דעם רעשט פון אונזער אמאליגען אוצר.

„דער ערשטער באזוך מיינער איז געווען, ווי פארשטענדליך, צו דער ו ו א נ ד. דארטען האב איך געפונען זעהר פיל פון אונזערע ירושלים׳ער ברי־דער שטעהן און מתפלל זיין מיט קולי קולות. זייערע אריםע געזיכטער, זייערע משונה׳דיגע תנועות און די ווילדע קליידער, — אלעס שטימט מיט דער אנזיכט פון דער שרעקליכער וואנד.. און איך שטעה און באטראכט זיי מיט דער וואנד צוזאמען און איין געדאנק האט דורכגעדרונגען מיין הארץ: אט א די שטיינער זיינען עדות אויף דעם חורבן פון אונזער לאנד, און אט די מענשען — אויף דעם חורבן פון אונזער פאלק; וועלכער פון די צוויי חורבונות איז גרעסער? אויף וועלכען פון זיי זאלען מיר מעהר וויינען? א לאנד, אז זי ווערט חרוב און דאס פאלק איז נאך פול מיט לעבען און קראפט, דאן קענען אויפשטעהן אזעלכע ווי זרובבל, עזרא און נחמיה און דאס פאלק נאך זיי און אויפבויען ווידער דאס חרוב׳ע לאנד. אבער אז א פאלק ווערט חרוב, ווער קען פון איהם אויפשטעהן און פון וואנען זאל קומען זיין הילף? !

„און ווען איך זאל פארמעגען רבי יהודה הלוי׳ס גייסט און איך זאל קענען באקלאגען מיין פאלק׳ס אומגליק ווי ער, וואלט מיין קלאג־ליד זיך ניט אנגע־פאנגען מיט „ציון“ נאר מיט „ישראל“.

לאנג, לאנג בין איך נאך געשטאנען ביים כותל המערבי און האב זיך ניט

www.libtool.com.cn

געקענט באפרייען פון אחד העם׳ס פייערדיגע ווערטער. א קלאג־ליד, וואס זאל זיך אנפאנגען ניט מיט „ציון“ נאר מיט „ישראל“!.. ווער זאל זי שרייבען? ווער איז בכח זי צו שרייבען?... און איז אזא קלאג־ליד אין צייט איצט, ווען מיר ציילען שוין די גאולה־יאהרען?...

דאס הארץ שרעקט זיך, גערנקען צאפלען זיך, אז איצט, איצט איז ערשט די ריכטיגע צייט...

מיר זיינען דורכגעגאנגען אלע טויערען פון דעם הר הבית פון אלע פיר זייטען. מיר האבען באטראכט די אלע געביידען אויף איהם און דעם מאשעע, וואס שטייט אויף דעם ארט, וואו דער קדשי קדשים איז אמאל געשטאנען.

ווי טרויעריג עס איז. דאס נאר פון דער ווייטען מעגען מיר זעהן אונזערע אמאליגע הייליגע נחלה. אינוויינינג איז אונז פארווערט אריינצוגיין. מיט הער־צער פול טרויער און קומער זיינען מיר צוריקגעגאנגען.

ווען איך האב געזעהן די וואונדערליכע פאלאצען און קירכען פון אלע נא־ציאנען — זיינען מיר אויפ׳ן זינען געקומען די ווערטער פון סליחות: „אזכרה אלהים ואהמיה בראותי כל עיר ועיר על תלה בנויה ועיר אלהים מושפלה עד שאול תחתיה“.

יא, יעדע שטאדט און שטעדטעל האט דא אין ירושלים איהרע פראכטפולע פאלאצען אויף איהרע הויכע בערג, נאר די אידישע ירושה ליגט טיף אין דער ערד. א, ווי שווער עס איז צו זעהן מיט די אויגען דעם „נחלתי נהפכה לזרים“.

דריי באזוכען האב איך נאך היינט געמאכט: צו הרב קוק, צום בצלאל און צו דעם ועד הצירים, וואו איך האב געטראפען בלויז דר. אידער.

## מיין בעזוך צו הרב קוק.

די שטונדע, וועלכע איך האב פערבראכט מיט דעם גאון קוק אין זיין הויז וועל איך געדענקען אין מיין גאנצען לעבען; איך האב שוין פיעל רבנים בעזוכט אין פערשיעדענע לענדער; רבנים גאונים פון דעם אלטען טיפ אין רוסלאנד; רבנים פארטגעשריטענע אין די מערב לענדער פון אייראפא, און קיינער פון די אלע רבנים האט אויף מיר ניט געמאכט אזא טיעפען איינדרוק, ווי די פערזענליכקייט פון דעם הייליגען און נאבעלען פערזאן הרב קוק; זיין געשטאלט, מיט זיינע פערטראכטע אויגען פול מיט קדושה און מיט צער פון זיין אונגליקליכען נאציאן; זיינע הייסע בעגייסטערטע רייד איז א זעהר שעהנעם, ריינעם פליסענדען העברעאיש וועגען פערשיעדענע טיעפע ענינים, אינהאלטס־

www.libtool.com.cn

רייכע און אויסגעמישט פון תלמוד, חקירה און קבלה, פול מיט פּאָעטישע ביל־דער, ליעבליכע, הארציגע פאַנטאַזיעס אָנגעזאַפּט מיט גלות שמערץ און מיט פרייד פון דער גאולה און שיבת ציון, אין וועלכע ער גלויבט ערנסט און איז איבערצייגט מיט זיין גאַנצען געטליכען פייער פון זיין גרויסער נשמה. דאָס אַלעס בעצויבערט דיך, אַזוי ווי דו וואָלסט זיך געפינען אין דער געגענוואַרט פון די אוראַלטע נביאים אין ירושלים; דו קאָנסט דיין מויל ניט עפענען צו ריידען און ענטפערען איהם עטוואָס, נאָר דיינע אויערען זיינען אָפען צו הערען און הערען די געטליכע רייד, וואָס פליסען ווי אַ שטראָם וואַסער פון דעם גרויסען גייסטיגען מאַן, וועלכער זיצט מיט דיר און היפּנאָטיזירט דיך מיט זיין פערטראַכטען הייליגען קוק.

זעהר ערהאַבען איז געווען די בילד ווען אין מיטען געשפּרעך איז אריין זיין פאָטער, דער אַלטער קוק. דער גאון איז גלייך אויפגעשטאַנען אין זיין פולען הויך און האָט זיך ערשט געזעצט, ווען זיין פאָטער האָט זיך אוועק־געזעצט ביי זיין רעכטען זייט. אָט דאָס איז דער ריכטיגער כבוד אבן

אָבער זיינע רעיונות אַרבייטען אַזוי שנעל אין זיין גרויסען מוח און יאָגען איינע דעם צווייטען מיט אַזאַ עקסטאַז, אַז דו קאָנסט ניט מאַכען קיין סך הכל פון זיי, ווייל ער זעלבסט קאָן זיי ניט קאָנטראָלירען און ברענגען זיי צו אַ רעאַליטעט.

ניט ווילענדיג געהט דיר אריין דער געדאַנק פון גלגול הנשמות און דו זעהסט פאַר זיך די נשמה פון דעם גרויסען פּיעל־זייטיגען גאון חוקר און מקובל רבי משה חיים לוצאטו, וועלכער איז מגולגל געוואָרען אין דעם גרויסען רב קוק. די נשמה, וועלכע האָט געקענט פערפאַסען דעם „מסלת ישרים“, מיט דעם „לישרים תהילה“, דעם „מגדל עז“ מיט דעם „קל״ח פתחי חכמה“, קאָן באַלעבען אַזאַ פּיעלזייטיגען גאון ווי אַ רב קוק.

און אַזוי ווי לוצאטו איז ניט פערשטאַנען געוואָרען פון זיין דור, אַזוי אויך דער רב קוק ווערט ניט פערשטאַנען פון בני דורו אין ירושלים.

איידער מיין אָפּשיידען זיך פון איהם, האָט ער מיר געגעבען צום אָנ־דענקונג זיין ספר „אורות מאופל“ מיט אַ הארצליכען אויפשריפט אויף איהם.

דער רב קוק נעהמט אַ גרויסען אַנטהייל כמעט אין אַלע אַנשטאַלטען אין ירושלים; ער אינטערעסירט זיך אין זיי מיט אַ פייערליכע ליעבע און שטיצט זיי מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין גרויסע נשמה.

דער רב קוק מעג זיין אַ מוסטער פאַר אַלע רבנים פון אונזער דור.

www.libtool.com.cn

## 10. — די מערת המכפלה.

דאָנערשטאָג, 9־טער יוני.

מיט הרב זילבערסטאָון פון וואשינגטאָן זיינען מיר היינט געפאָהרען נאָך חברון. זעהר א שעהנער שאָסעע וועג לויפט פון ירושלים נאָך חברון און די רייזע אויף איהר איז זעהר אָנגענעם. פילע היסטאָרישע פּלעצער איז אונז אויסגעקומען פאַרבייצופאָהרען. אָט זיינען די „ברכות שלמה“, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט זיי אויסגעריינינגט און באַנוצט זיי אַלס אַ וואַסער־רעזערוואָאַר פאַר ירושלים.

נאָך א צוויי שטונדיגער רייזע זיינען מיר אָנגעקומען צום מערת המכפלה.

מיר זיינען שטעהן געבליבען פאר א הויכער, גראַנדיעזער אוראַלטער געביידע, מיט פילע הויכע טרעפּ ארויפצוגעהן. אבער, ליידער, איז דעם אידען ניט ערלויבט צו געהן ווייטער ווי ביז די טרעפּ.

און שטעהענדיג אזוי מיט א געבויגענעם קאָפּ ביי אָט דער אוראַלטער געביידע פון מערת המכפלה, האָב איך זיך דערמאָנט אָן די ווערטער, וואָס דער קרוינפּרינץ רודאָלף, דער זוהן פון דעם אַלטען עסטרייכישען מאָנאַרד, פראַנץ יאָזעף, האָט געשריבען אין זיין בוך „מיין אָריענטאַלישע רייזע“, וועגען דער מערת המכפלה.

ער האָט געשריבען:

„ווען איך בין געקומען אין חברון, בין איך באַלד געגאַנגען צו דער מערת המכפלה. דאָרט האָב איך געפיהלט, אז איך שטעה ביי דעם קבר פון די הייליגע אידישע פּאַטריאַרכען. איך בין אויף די קניע געפאַלען. מיינע הענד האָבען זיך אינסטינקטיוו צו הימעל אויפגעהויבען און א שטראָם טרעהרען האָט ארויסגעפלייצט פון מיינע אויגען, און וויינענדיג האָב איך דיזע ווערטער ארויסגעזאָגט פון מיין טיפען הארצען:

„ דו הייליגער פּאַטריאַרך, אברהם, וואָס עפרון החתי האָט מיט טויזענדער יאָהרען צוריק דיך אויף דעם פּלאַץ אלס געטליכען פירסט געקרוינט, אלס נשיא אלקים, און האָט אָנגעבאָטען פרייע אומזיסטיגע ערד פאַר דיין געשטאָרבענער פירשטין שרה, נאָר דו האָסט קיין געשיינק ניט געוואָלט אָננעמען, הויב אויף דיינע אויגען און באַטראַכט דעם שיקזאַל פון דיינע מיליאָנען קינדער: צוזעעט און צושפּרייט איבער אַלע לענדער, פאַרפאָלגט און געפּלאָגט פון טיראַנען און מערדער, פאַרהאַסט און געיאָגט פון שרעקליכע פיינד, — זיי, דיינע

www.libtool.com.cn

קינדער, קענען ניט קריגען קיין ארט אונטער דער זון אפילו פאר געלד. אַ, שרעקליך און גרויזאם איז דער שיקזאל זייערער צווישען די פעלקער איבער דעם גאנצען ערד־קוגעל — הייליגער פאטריארך אברהם! מיט אלע מיינע קרעפטען וועל איך זעהן העלפען דיינע אונגליקליכע קינדער, ווען איך וועל בעשטייגען דעם האבסבורגער טראהן״.

דיזע מאיעסטעטישע ווערטער האט געזאגט א קריסטליכער פרינץ שטעהענדיג ביי דער מערת המכפלה. און וואס זאל שוין זאגען א איד, אן אונגליקליכער איד, אברהם׳ס אן אייניקעל, וועלכער איז געפאהרען טויזענדער מיילען אויף זיינע קברי אבות אום אויסצוגיסען זיין פארבלוטיגט צוריסען אידישע הארץ און מען לאזט איהם ניט צו?! אומגעלומפערטע, ווילדע, האלב נאקעטע, שמוציגע אראבער שטעהן מיט שטעקענס אין די הענד אויף דעם דריטען טרעפ, אין דער הויך, און מען פארצאמט דיר דעם וועג פון דיין פיר טויזענד יעהריגער ירושה, די מערת המכפלה. אַ, ווי פארוואונדעט איז דאס הארץ, ווי באליידיגט די געפיהלען!

מיט פערוועהטאגטע הערצער זיינען מיר געגאנגען באזוכען אבנר בן נר׳ס קבר, הארט ביי דער מערת המכפלה. פון דאנען זיינען מיר צוריקגעפאהרען נאך בית לחם און אויף דעם וועג שטעהען געבליבען ביי דער מוטער רחל׳ס קבר. דער שמש האט פאר אונז געעפענט די טירען און מיר זיינען אריינגעגאנגען אינעווייניג. מיר זיינען פלוצלונג שטעהן געבליבען. אונטער דעם טונקעלען שיין פון די בוימעל לאמפען האבען ארויסגעשיינט די אויפשריפטען פון ירמיה הנביא: „קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה״. טרעהרען האבען זיך גענומען גיסען פון אונזערע אויגען.

נאך קיינמאל אין מיין לעבען האב איך ניט געפיהלט דעם טעם פון גוט אויסוויינען זיך ווי פאר דער גוטער ליבער מאמען.

---

פרייטאג, 10־טער יוני.

אוי, די גלעקער! זייער קלינגען מאכט מיר אזש משוגע.

אין קיין שטאדט אין רוסלאנד האב איך ניט געהערט אזא קלינגען פון גלעקער ווי דא אין ירושלים. טאג און נאכט טראגט זיך א מאוים׳דיגער קלאנג איבער ירושלים און רויבט צו דיין רוה ביי טאג און דיין שלאף ביי נאכט.

ווען איך האב דעם ערשטען מאל דערהערט אין ירושלים א קלאנג פון קירכען־גלעקער, איז א ציטער דורכגעריסען מיין לייב. דאס קלינגען איז געווען אזוי מאוים׳דיג, אז מיר האט זיך געדוכט, דאס דער גאנצער פינסטערער מיטעלאלטער איז פלוצלינג צוריקגעקומען און אז דאס רופען די גלעקער די קריסט־

www.libtool.com.cn

ליכע באַפעלקערונג צו דעם אויטאָ־דע־פע, וואו די „אַנטי־קריסטען“, די אידען ווערען פאַרברענט...

אוי, די גלעקער! הונדערטע יאָהרען האָבען זיי גערופען רודף צו זיין אונ־זער פאָלק, פאַרגיסען אונזער בלוט, פאַרברענען אונזערע טאַטעס און צער־פערטלען אונזערע קינדער, — איז אַ וואונדער אַז דאָס בלוט פון אַ אידען ציטערט אויף, ווען ער דערהערט זייער קלאַנג?...

ווען ער גלייכגילטיג בלייבען בלעס פון אַ אידען דאָס בלוט וואָס דאָס אָדער נאָכדעם, איז אין דעם, פאַרוואָס? אדרבה, זאָל עס די קריסט־ליכע וועלט זאָגען. פון מיין פריהעסטער יוגענד האָב איך געהערט דעם קלאַנג און שטענדיג, געדיינק איך, אַז דאָס הארץ אין מיר האָט זיך געצאַפּעלט, אפילו נאָך דעמאָלט, ווען איך האָב נאָך קיין געשיכטע ניט געוואוסט. איך האָב אָבער אין מיין בלוט די אידישע מאַרטירער געשיכטע געטראָגען. און זי האָט רע־אַגירט אונבאַוואוסט.

לעבענדיג פיעלע יאָהרען אין אַמעריקאַ, אַ לאַנד, וואו דער קירכען־גלאָק־קלאַנג איז כמעט פאַרשוואונדען, און ווען ער קלינגט שוין יאָ, איז ער ניט מאוים׳דיג, שרעקט ער קיינעם ניט, די וואָלקען־קראַצער פאַרצוימען איהם דעם וועג און ער ווערט פאַרשטומט אין זיינע אייגענע ד׳ אמות, — לעבענדיג אין אַזאַ לאַנד, האָב איך שוין געהאַט פאַרגעסען אָן דעם מאוים׳דיגען שרעק. נאָר קומענדיג אין ירושלים, וואו די קירכען־גלעקער באַהערשען די שטאָדט, האָב איך פּלוצלונג דערפיהלט דעם אַלטען שרעק אין מיר ערוואַכען און דער קלאַנג פאַרפאָלגט מיך פון דער ערשטער מינוט...

ביי נאַכט. דו ליגסט אין בעט און גאַרסט נאָך רוה, דו ווייסט, אַז דו ביזט אין דער הייליגער אידישער שטאָדט, וואָס זי איז דער אייביגער קרוין פון דיין פאָלק, די „קרית חנה דוד“, וועלכע האָט ערצויגען די נביאים און די תנאים, די גבורים, די גרויסע העלדען פון יואב בן צרויה ביז שמעון בר כוכבא, די שטאָדט, אין וועלכער עס זיינען געשטאַנען אין אַ משך פון איבער טויזענט יאָהר די צוויי בתי מקדש, די שטאָדט, וואו עס זיי־נען פערפאַסט און געזונגען געוואָרען די הייליגע מזמורים פון תהלים, — און איצט הערען דיינע אויערען דעם קלאַנג פון די גלעקער פון די פיעלע סעקטעס פון קריסטענטהום, פון דער אָבגעקעהרטער טאָכטער פון יודענטהום, וועלכע האָט געזויגען די מילך פון דער מאַמעס ברוסט און אָבגעביסען די נאָפּלען ביז בלוט!...
יעדער קלאַנג פון אַט די גלעקער לעכערט דיין הארץ און דורכ׳ן מוח ציהען זיך פינסטערע, מורא׳דיגע געדאַנקען.

www.libtool.com.cn

דינסטאג, 14־טער יוני, 1921.

שבת, ערב שבועות, בין איך געלאדען געווארען צו דער גרויסער ישיבה „מאה שערים“. נאך קריאת התורה האב איך גערעדט פאר א גרויסען עולם פון טויזענדער אידען, וועלכע האבען אנגעפילט דעם גרויסען לאקאל. פיעלע האבען געמוזט בלייבען שטעהן אין חצר, ווייל אינווייניג איז שוין קיין פלאץ ניט געווען.

איך האב גערעדט אין העברעאיש איבער א שטונדע צייט. אבער דער עולם האט פערלאנגט איך זאל צו זיי רעדען אין אידיש. „עברית, עברית!, האבען די יונגע אנגעהויבען שרייען מיט אלע קרעפטען. און די יונגע זיינען אין ארץ ישראל א קראפט. צו זייער וואונש הערט מען זיך צו. מיט זייער עקשנות מאכען זיי לעבעדיג העברעאיש אין יעדען אידישען ווינקעל. און א ברכה אויף זיי פאר דעם. נאר אין דעם איצטיגען מאמענט האב איך זייער וואונש ניט געקענט ערפילען און איך האב ערפילט דעם וואונש פון דעם על־טערען דור נאך דעם, ווי איך האב די יוגענד מיט גרויס מיה בערוהיגט.

איך האב גערעדט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון אחדות אין ירושלים, און ווי שרעקליך איז דער פלאג פון פירוד הלבבות ביי זיי, אז אפילו אין דעם אייגענעם קרייז פון די חרדים הערשט א שרעקליכע שנאה צווישען די קוקיסטען און זאנענפעלדיסטען. פאר די לעצטע איז דער גאון און צדיק קוק נאך וועניג פרום, און דער פייער פון מחלוקת ברענט אהן אן אויפהער.

www.libtool.com.cn

# 11. — אין דער חורבה פון רבי יהודה החסיד.

דינסטאג, 14־טען יוני.

דער יום טוב שבועות פון דעם יאהר תרפ"א וועט אין מיין לעבענסלאנג ניט פערגעסען ווערען פון מיין זכרון.

איך האב געהאט די עהרע און דאס פערגעניגען צו ריידען אין דער גרעסטער שוהל פון ירושלים, אין חורבת רבי יהודה החסיד, אין דער געגענווארט פון דעם נציב העליון, רבי אליעזר בן מנחם סער הרבּרט שמואל.

עס האט ווירקליך געפרעהט יעדעס אידיש הארץ צו זעהן ווי דער העכסטער בעאמטער פון ארץ ישראל זיצט מיט זיינע ברידער אין שוהל פון אכט אוהר פריה ביז צוועלף בייטאג און איז מתפלל גלייך מיט אלעמען פאר דער אויפלע־בונג פון אונזער פאלק און לאנד. איך האב באמערקט, דאס ווען דער חזן האט די קדושה געזאגט מיט הארץ און האט אויסגעשריען מיט א וויינענדיגער שטימע די אלטע צוויי טויזענד יעהריגע פראגע: „מתי תמלוך בציון?" האט זיך דאס שעהנע געזיכט פון נציב פערוואלקענט און אין זיינע אויגען האט זיך אפ־געשפּיעגעלט די פערוועהטאגדיגע פראגע מיט איהר גאנצע ביטערנים. עס איז קענטיג, אז די לעצטע אידישע בלוטפערגיסונג אין יפו דעם ערשטען מאי האט אויף דעם נציב געמאבט א שווערען איינדרוק און ער נעהמט א טיעפען אנטהייל אין דעם פאלקס שמערץ.

אונטער א חופּה, צווישען דעם ארון קודש און דער בימה, איז ער געזעסען דער נציב אויף זעהר א שעהנעם שטוהל און פון ביידע זייטען די צוויי גרויסע רבנים, רבי קוק פון דער רעכטער זייט און רבי יעקב מאיר פון דער לינקער זייט. עס האט מיך דערמאהנט די אלטע היסטאריע פון דעם ריש גלותא אין בבל מיט זיינע חכמים. עס איז געווען א הערליך בילד.

נאך קריאת התורה איז דער גאון קוק ארויף צום ארון הקודש און האט גע־האלטען זעהר א טיעפען פארטראג לכבוד החג. דערנאך האב איך גערעדט ספּע־ציעל צום נציב. איך האב גערעדט אין העברעאיש און רבי יעקב מאיר האט איבערזעצט אין פראנצויזיש.

מיין רעדע איז געווען אן אפּיעל צום נציב אין נאמען פון פאלק. איך האב איהם ערקלעהרט, אז ער איז ניט נאר דער נציב פון דער קליינער ארץ ישראל מיט איהרע זעקס הונדערט טויזענט אראבער און א קארגען הונדערט טויזענט אידען, נאר ער איז אויך דער נציב פון דעם גאנצען פאלק ישראל, וואס איז צו־שפּרייט איבער ארבע פנות העולם און צעהלט פיערצעהן מיליאן, כן ירבו.

www.libtool.com.cn

„נציב פון יהודה!“ האב איך אויסגערופען פון טיעפען הארצען צו איהם, „דו ווייסט, טייערער נציב, אז די השגחה האט דיך בעשטימט פאר א בעשיצער פון א נייער תקופה פאר דעם פארוואגעלטען וואנדערער ישראל; דו פיהלסט, אז מיליאנען־מיליאנען אויגען פון דיינע ברידער קוקען ארויס אויף דיין הילף, ווייל דו ביזט דער ערשטער נציב פון ארץ ישראל זייט דער צייט פון די רוימער, וואס איז שוין באלד צוויי טויזענד יאהר. מיר ווייסען, אז דיין שטעלע איז זעהר א שווערע, פעראנטווארטליכע, אבער דו מוזט פיהלען אימער דעם פולס פון דיין געפייניגטען פאלק, דיינע אויערען מוזען אימער הערען גאט׳ס אויסרוף צו יהושע בן נון: „חזק ואמץ אל תירא ואל תחת כי ד׳ עמך“. און אויך אימער זאלסטו געדיינקען דאס בילד פון דעם אידישען נשיא נחמיה, וועלכער איז אויך געווען אין דיין שווערער לאגע דורך די צרי יהודה ובנימין.ביידע, סיי יהושע און סיי נחמיה, האבען געהאט דעם זעלבען שיקזאל, וואס דו האסט איצט, און מיר האפען, אז דו וועסט אויספיהרען דיין הייליגע מיסיאן גליך מיט זיי און אומקעהרען דאס פאלק ישראל צו ארץ ישראל.

„לעבען זאל דאס פאלק ישראל, ארץ ישראל און דער נציב ארץ ישראל!“

„היהדו! הידדו!“ האבען די טויזענדער צוהערער אויסגעשריען מיט בעגייסטערונג און אן אפלאוז איז אויסגעבראכען. אלטע און יונגע, פרומע און פרייע, אלע, אלע האבען זיך בעגאסען מיט פריידענס טרעהרען. דאס איז געווען א הייליגער בעגייסטערטער מאמענט, וועלכער איז נאך קיינמאל ניט געשעהן אין דער חורבה פון רבי יהודה החסיד.

ווען איך בין אראפגעגאנגען פון דער בימה, איז דער נציב אויפגעשטאנען פון זיין שטוהל, וואס אונטער דער חופת כבוד, און האט מיט זיינע ביידע הענד געדריקט מיין האנד. ער איז געווען גערי׳הרט ביז טרעהרען. ער האט מיך הארציג געדאנקט פאר דעם גאנצען עולם און האט צו מיר געזאגט אין ענגליש:

„דו ביזט דער מאסטער, דו האסט די בעגאבונג, דו האסט די גאנצע פערזאמלונג און מיך גערי׳הרט ביז טרעהרען. העלף מיר! העלף שאפען מעהר געדולד אין אונזער פאלק. געדולד, געדולד — דאס וואס מיר ברויכען איצט אין אונזער צייט“.

דער חזן בערדאקי האט זעהר הארציג געדאווענט מוסף און די שטימונג פון די מתפללים ביי דער תפלה „ומפני חטאינו“ איז אונמעגליך צו שילדערען.

נאכ׳ן דאווענען איז דער נציב מיט די רבנים, דוד יעלין און אנדערע נכבדי העדה געגאנגען צום האטעל אמדורסקי אויף קידוש. ביי דעם טיש האבען די רבנים און יעלין געהאלטען זעהר הארציגע רעדען און נאכהער האט דער נציב געענטפערט אין ענגליש און דר. עליאש האט איבערזעצט יעדען זאץ אין העברעאיש. דער נציב האט געזאגט:

www.libtool.com.cn

„דער רעדנער פון אמעריקא, מר. מאסליאנסקי. האט מיך פערגליכען צו יהושע בן נון. עס איז מערקווירדיג, דאס נעכטען אבענד האט מיין פרוי, וועלכע שטודירט די לעצטע צייט די ביבעל אין העברעאיש, מיר אויפמערקזאם געמאכט אויף דער זעלבער שטעלע אין יהושע און האט מיך אויך ערמוטיגט אין דעם זעלבען זין. אבער, מיינע פריינד, איהר ברויכט צו פערשטעהן, אז יהושע האט מלחמה געהאלטען מיט זיין שווערד און דער אלמעכטיגער האט איהם גער האלפען. איך קען דאס ניט טהאן. מיין שווערד ליעגט פערזיעגעלט אין דעם פארלאמענט אין לאנדאן און די נאציאנען ליעג האט אויך א גרויסע דעה אויף איהם. ניט מיט דעם שווערד קענען מיר איצט בעקומען אונזער לאנד, נאר מיט פערנונפט, מיט וויסענשאפט און איבערהויפט מיט געדולד וועלען מיר בעקומען אונזער נאציאנאלע היים וועלכע די בריטישע רעגירונג האט אונז דורך באל־פור׳ען פערשפראכען.

„ווען מיר זאלען האבען זעקס הונדערט טויזענד אידען דא און אראבער בלויז הונדערט טויזענד, דאן וואלט די גאנצע סיטואציאן זיך געענדערט. אבער די זאך איז אומגעקעהרט. זיי, די מעהרצאהל האבען זייערע טענות און ארגו־מענטען פון זייער שטאנדפונקט, און אלעס מוז אויסגעהערט ווערען מיט געדולד. און דאס, ליידער, פעהלט אונזער פאלק”.

דער נציב האט פערלאזען דעם האטעל און איז בעגעגענט געווארען פון א עהרענוואך פון פאליציי. ער איז אוועק צופוס צו זיין פאלאץ אויף דעם הר הצופים.

איך האב פיעל נאכגעקלעהרט און נאכגעטראכט נאך דעם הערליכען מאמענט אין דער חורבה און נאך די רייד פון דעם נציב אין האטעל צום קידוש. איך בין די לעצטע איניגע טעג געווען פול מיט ספקות, אבער די טרעהרען אין די אויגען פון דעם נציב אין שוהל און די טיעפע דורכדרינגליכע רייד זיינע ביים קידוש האבען מיך איבערצייגט, אז מיר האבען אין דעם נציב איינעם פון די איבער־געבענסטע זיהן פון אונזער פאלק און איינעם פון די הייסעסטע אנהענגער פון אונזער צוקונפט. ער רופט צו געדולד, געדולד, אלס צו דעם איינציגען אנהאלטס פונקט אין דעם איצטיגען שווערען מאמענט. זיין פעראנטווארטליכקייט פון דעם פאסטען דיקטירט איהם אזוי. ער פיהלט שמערצליך, וואס ער געפינט ניט די נויטיגע געדולד ביי אונזער פאלק אין דעם מאמענט. ער וויל מיר זאלען האבען מיט איהם איינזעהעניש און בעגרייפען די שווערע סיטואציאן. און דאס דארפען מיר. אבער אויך ער, דער נציב, דארף פערשטעהן, דאס ווען דער גרעסטער טהייל פון אידישען פאלק געהט אפ מיט בלוט זיבען יאהר נאכאנאנד; ווען צעהנדליגע טויזענדער פון אונזערע קינדער וואלגערען זיך אויף אלע וועגען און שטעגען, געהען מיט בארפיסע פיס נאך דעם לאנד פון אונזערע האפנונגען און ווען זיי קו־מען צו די טויערען פון ארץ ישראל, זיינען זיי האלב פערשלאסען, און ווען איי־

www.libtool.com.cn

ניגע פון די גליקליכע אריינגעקומענע ווערען גע׳הרג׳עט אין מיטען העלען טאג פון ווילדע אראבער, ווי דאס איז געווען דער פאל אין יפו דעם ערשטען מאי — ווען ער נעהמט דאס אין בעטראכט, דאן דארף ער פערשטעהען, אז די גערולד ביי אונזער פאלק קען אין אזא מאמענט ניט אזוי געצוימט זיין ווי ער פערלאנגט און ווי עס וואלט טאקע, אפשר, נויטיג געווען פאר אונזערע אינ־טערעסען.

יא, גערולד מצד אונז איז נויטיג, אבער איינזעהעניש צו אונז איז אויך נויטיג, און א שטארקע האנד געגען די אראבישע רוצחים איז אודאי און אודאי נויטיג.

## 12. — די אנשטאלטען אין ירושלים.

מיטוואך, 15טער יוני.

מיר האבען באזוכט איבער צוואנציג אנשטאלטען אין ירושלים, אונטער זיי די אלע גרויסע ישיבות ווי „עץ חיים“, „תורת חיים“, „מאה שערים“ און „שערי שמים“.

די לעצטע איז אן אריגינעלע ישיבה און איך גלויב, אז זי האט צו זיך קיין גלייכען ניט אויף דעם גאנצען כדור הארץ. אין איהר ווערט געלערנט הויפט־זעכליך, „נסתר“, די חכמת הקבלה נאך דער שיטה פון דעם אר״י הקדוש.

די ישיבה שטעלט פאר מיט זיך א מערקווירדיג בילד. אן ענגער, פאנ־טאסטישער חצר איז כולל די גאנצע „שערי שמים“ מיט אלע איהרע אפטיי־לונגען. דא געפינט זיך די בית התפלה. דא איז די מקוה, וועלכע זיי געברויכען טעגליך, דא שלאפען זיי אין די ענגע פינסטערע מערות, אהן א ברעקעל ליכט און לופט. און דאך פיהלען זיך די מקובלים אלע מאהל מונטער, בעשטראהלט פון זייער אמונה, און זיי זיינען ממשיך די השפעה פון דעם קוואל, וואס דער הייליגער אר״י האט געעפענט. זיי האבען בקבלה, אז דער גרויסער אר״י הקדוש איז געבוירען געווארען אין יענעם קליינעם חצר און די מקוה איז די זעלבע, אין וועלכער ער האט זיך גע׳טובל׳ט.

איך און הרב זילבערסטאון זיינען איינגעלאדען געווארען צו זיי אויף א פשוט׳ע וואכעדיגע מנחה. גאט מיינערן זייער גערולד איז צו בעוואונדערען. די שמנה־עשרה בלחש האט געדויערט כמעט א שטונדע, ווייל יעדעס ווארט ווערט פון זיי ארויסגעשפראכען לאנגזאם ביז זיי זיינען מכון אלע סודות, צרופים און כונות נאך דעם אר״י׳ס לעהרע נאך. די תפלה בלחש האט זיך גע־

www.libtool.com.cn

ענדיגט און חזרת־הש״ץ האט זיך אנגעפאנגען פון רבי שמעון׳ען אליין, דעם רבי זייערען פון נסתר. דאן האבען מיר ערשט געזעהן, וואס הייסט דאווענען מיט כונה. יעדער שם ומלכות פון יעדער ברכה איז אויסגעצויגען געווארען אויף מינוטען לאנג, און ווען ער האט שוין ארויסגערעדט דעם שם, איז עס געווען אין אזא טאן, ווי א זיגער, וואס האט בעזיעגט א גרויסע פעסטונג.

אט אזוי לעבען די מקובלים המכונים, ווי זיי רופען זיך אליין. זיי לעבען אין טיפע מערות פון דער ערד און דערהויבען זיך מיט זייערע נשמות ביז אין די שערי שמים אריין. אמת, די גופים זיינען ביי זיי שוואך, די געזיכטער געל, ווי פארמעט, די רוקענס איינגעבויגען, די מוסקולען ווייך און ניט ענטוויקעלט. די יונגע־לייט זיינען אלט געווארען פאר דער צייט, אבער אין זייערע אויגען פלאקערט עפעס א מין בעזונדערער פייעריל, וואס מען געפינט עס זעלטען ביי אנדערע. ארימע הימעל־פליהער! אויף דער ערד האבען די קיין חלק ניט מעהר ווי די מקוה האר״י...

די אלע אנשטאלטען, וואס מיר האבען באזוכט, האבען אויף אונז געמאכט א גוטען איינדרוק. די האספיטאלס, די ישיבות, תלמוד־תורה׳ס, מושבי זקנים, די אינסטיטוציאנען פאר בלינדע און פאר וואהנזיניגע און אונהיילבארע, — זיי אלע זיינען הייליג און נוצבאר. אבער ווען זיי אלע זיינען קדש, זיינען די דריי בתי היתומים, וועלכע איך האב באזוכט, קדש קדשים. דאס זיינען „דיסקינ׳ס „בית היתומים״, אין וועלכע עס ווערט געלערנט אויסער די למודי קדש אויך פערשיעדענע ארבייט; די „בית היתומות״, אין וועלכע עס ווערט געלערנט האנד ארבייט, פערשיעדענע קינסטלערישע שטיקערייען, וואס זיינען צו באוואונדערען און דער „בית היתומים ציון״, אין וועלכען איך האב געטראפען א וואונדערבאר בילד, א קליינעם „קבוץ גליות״ פון קינדערלאך פון פערשיעדענע לענדער, אשכנזישע, ספרדישע, רוסישע, עסטרייכישע, פוילישע און רומענישע. עס גע־פינען זיך דא אויך איינינע אסופים, קינדער, וואס מען וויים ניט, ווער זייערע עלטערען זיינען. דיעזע אונגליקליכע שעפעלאך זיינען פון די גאסען אין ירושלים איופגעקליבען געווארען אין דער שרעקליכער צייט פון דער מלחמה.

דער גרינדער פון דיעזען וויכטיגען אנשטאלט איז דער בעוואוסטער כלל־טהוער, הרב אברהם יוחנן בלומענטהאל, וועלכער האט געווידמעט זיין גאנץ לעבען פאר דיזער אינסטיטוציאן. דער אנשטאלט געפינט זיך אין זעהר א שעהנער שכונה אין דעם בעריהמטען בוכארישען קווארטאל, די הויז זעהט אויס ווי א פאלאץ, מיט דעם נאמען חפצ׳עם הויז. הויך, גרוים און ריין זיינען די צימערען, די לופט איז פריש, די קינדערלאך זיינען געזונדטע און ריינע, פרישע און פרעהליכע. זיי האבען געזונגען זעהר שעהנע העברעאישע שירים אין דער ספרדישער הברה, די שפראך, וואס פארבינדט זיי איינער צום צווייטען, טראץ

www.libtool.com.cn

וואס זיי זיינען געבוירען געווארען ביי עלטערען, וועלכע ריידען פערשיעדענע שפראכען.

מיר האבען בעזוכט די אמעריקאנער „הדסה“ און זיינען ענטציקט געווארען פון דער ארדנונג אין איהר האספיטאל, וואס איז די געוועזענע ראטהשילד־האס־פיטאל. די ארבייט פון דער „הדסה“ איז אן אויסגעצייכענטע און זי ברייננט זעהר פיעל נוצען. מיר האבען געפונען דארטען הונדערטע מענשען, קראנקע, שטעהען אוןווארטען אויף מעדעצינישע הילף אין דעם קליניק. די דאקטוירים און די שוועסטערען בעהאנדלען זיי מיט ליעבע און איבערגעבענהייט. די „הדסה“ האט צווייגען פון איהר נאבעלער ארבייט אין צפת און אין טבריה, אין יפו און אין אלע קאלאניעס. אן דער שפיצע פון „הדסה“ שטעהט די נאבעלע הענריעטא סזאלד פון אמעריקא. ווי א מלאך פון הימעל וואכט זי איבער דעם אנשטאלט. מיט אידעאלער איבערגעבענהייט ארבייט זי זעהר שווער טאג און נאכט. הענריעטא סזאלד איז ווירקליך דער שטאלץ פון אמע־ריקאנער פרויען און איהר ארבייט אין „הדסה“ וועט מיט גאלדענע אותיות פארשריבען ווערען אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

איבער פיער טויזענד יתומים ווערען געשטיצט אין ארץ ישראל פון די אמעריקאנער אידען. דער גרעסטער טייל ווערט געהאלטען ביי זייערע מוטערס די אלמנות, אדער ביי זייערע קרובים.

מר. גאלדסמיט, א האלענדישער איד, און מיס בערגער, די פערוואלטערין פון די יתומים, האבען אונז אררייגעפיהרט אויך אין דעם „בית חינוך עורים“, וואו מרדכי לדרר איז דער סופעראינטענדענט. מיר האבען געפונען דארט צעהנדליגע בלינדע פון פערשיעדענעם עלטער, פון קליינע זעקס־יעהריגע קינ־דער ביז עלטערע מענער, וועלכע ארבייטען פערשיעדענע ארבייטען מיט א זעלטענעם סיסטעם. דער אנשטאלט איז ווירקליך לויבענס־ווערטה. אבער ליידער איז ער אין זעהר א שלעכטער לאגע, ווייל מען האט דעם אנשטאלט געלאזט וויסען פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, אז זיין הילף ענדיגט זיך דעם ערשטען יולי. די עקזיסטענץ פון דעם אנשטאלט איז אין געפאהר.

דער „בית החולים לחולי הרוח“, אונטער דער לייטונג פון מרת יעלין איז אנערקענט פון דער רעגירונג פאר א נאבעלע און נוצבארע אינסטיטוציאן. זעהר פיין און ערהאבען איז דער „בית היתומים דיסקין“. דער אלטער גאון זעהט מיט אלע זיינע קרעפטען, דאס עס זאל די צוויי הונדערט יתומים גארניט פעהלען.

דער „ועד הסיוע“, ווי זיי רופען אן די „דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע“, האט דורך דעם פערוואלטער דר. ד־סאלא פול בוכשטעבליך געראטעוועט דעם ישוב אין ירושלים אין דעם שרעקליכען קריזיס נאך דער מלחמה. אויסער די פיער טויזענד יתומים און יתומות און אויסער דעם „בית חינוך עורים“, וואס

www.libtool.com.cn

זיינען אין גאנצען אויסגעהאלטען געווארען פון דעם גרויסען הילפס קוואל פון אמעריקא, זיינען אויך געשטיצט געווארען טויזענדע און טויזענדע אידישע נפשות, וועלכע וואלטען זיכער געווען אויסגעגאנגען פון הונגער. ליידער אבער האט אויך דער גרויסער קוואל אנגעפאנגען אויסצוטריקענען און ביסלעכווייז הערט אויף די שטיצע. און איין גאט ווייס דעם שיקזאל פון דעם ירושלים׳ער ארימען ישוב.

דער „ועד הדתי“, וועלכער איז אויסגעהאלטען געווארען פון דער סענטראל קאמיטע אין ניו יארק מיט צעהן טויזענד דאלאר מאנאטליך, פון וואס מען האט געשטיצט די רבנים, מורים, מלמדים און לומדי תורה, האט זיך אויך בעקלאגט אז פון פסח אן האבען זיי זייער שטיצע ניט ערהאלטען. הרב קוק מיט דעם ועד הרבנים והישיבות האבען געקייבעלט נאך ניו יארק אין אונזער געגענווארט און מיר האבען אויך אונטערגעשריבען אויף דעם הילפס־געשריי.

## 13. — מיר געזעגענען זיך מיט ירושלים.

דאנערשטאג, 16טער יוני.

אין ירושלים איז מען שטארק אויפגעבראכט געגען דער גאנצער טעטיג־קייט פון דעם ועד הצירים. מען באשולדיגט איהם, אז ער האט גאר ניט אויפגעטאן זייט דער באלפור דעקלאראציע. מען זאגט, אז די פראזען און חגיגות האבען בלויז צורייצט די אראבער און פון דעם איז ארויסגעקומען די לעצטע געשעהענישען אין יפו און אין די קאלאניעס. מען בעשולדיגט די פיהרער, אז מען האט ניט פארשטאנען ווי צו באגעהן זיך מיט די אראבער און אז מען האט זיי אויפמערקזאם געמאכט, אז מיר מוזען זיך רעכענען מיט זייערע זעקס הונדערט טויזענד איינוואוינער געגען אונזערע קנאפע הונדערט טויזענד, האבען זיי גע־ענטפערט „הארץ לנו היא“ און מיט די אומשטענדען זיך ניט געוואלט רעכענען.

די קריטיק געגען ועד הצירים, וואס מיר קומט דא אויס צו הערען, שיינט צו זיין שטארק בארעכטיגט. אבער געהן אזוי ווייט ווי ארויפווארפען די גאנצע שולד פאר די שרעקליכע געשעהענישען אויף די חגיגות אדער ארויסרופענדע האלטונג פון פיעלע ציוניסטען איז שוין צופיעל. די שרעקליכע געשעהעניסען לעצטענס אין יפו און אין די קאלאניעס האבען פיעל טיעפערע פאליטישע טעמים און זיינען קענטיג געהעצט געווארען מעהר דורך אויסערליכע שונאים איידער דורך אראבישע אונצופרידענהייט.

די ראשי המזרחים, פראפעסאר פיק, דר. שעהנפעלד און אנדערע האבען געמאכט א באנקעט אין אמדורסקי׳ם האטעל פאר דעם נציב׳ם ברודער, סער

www.libtool.com.cn

סטוארט סעמיועל. אלע גרויסע רבנים, די ספרדישע און די אשכנזישע בראשם הרב קוק, זיינען געווען אנוועזענד, אלע האבען גערעדט לכבוד דעם גאסט. הרב קוק איז געווען דער הויפט רעדנער.

ווען איך בין אויפגערופען געווארען צו ריידען, האב איך גערעדט צו דער שטאדט ירושלים. איך האב דערמאהנט איהר גרויסקייט פון אמאל און גע־שילדערט איהרע אומגליקען זייט דער צייט, וואס דער רוימישער אדלער האט זיין שארפען שנאבעל אין איהר ברוסט אריינגעשטאכען, און ווי דארף זי זיך פרעהען, ירושלים יעצט, ווען זי האט דערלעבט צו זעהן ווי איהרע קינדער פון אלע וועלט טיילען קעהרן זיך אום צוריק צו איהר און, אז איינער פון איהרע גרעסטע זיהן, דעם גאסט׳ס ברודער, זיצט אין ווילהעלם׳ס פאלאץ אויף דעם הר הצופים אלס מושל אין איהר! א הארציגען דאנק האב איך אפגעגעבען צו סער סטוארט סעמיועל פאר זיין גוטער ארבייט פאר זיין פאלק, פאר זיין טעטיגקייט אין פוילען ניט לאנג צוריק און פאר זיין רעפארט צו דער בריטישער רעגירונג.

---

פרייטאג, 17טער יוני.

איך האב געהאט איינינגע זעהר אנגענעהמע וויזיטען. עס האבען מיך בעזוכט אין האטעל די לעהרער פון דעם סעמינאר, דר. מאהליווער, זוטא און בארוכאוו. יעדערער פון זיי איז גרויס אין זיין וויסענשאפטליכען געביט, יע־דער פון זיי טראגט אויף זיך א גרויסען טייל פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

איך האב אויך געהאט וויזיטען פון מיין יוגענד־פריינד ליב יפה, דער פאעט און רעדאקטאר פון „הארץ“, מיט זיין פרוי און אויך פון דר. קלויזנער און זיין פרוי. איך האב זיי צוריק בעצאהלט א וויזיט אין זייערע הייזער און מיר האבען פערבראכט אינטערעסאנטע שטונדען אין עראינערונגען פון יונגע יאהרען.

איך האב בייגעוואוינט אן אסיפה, צו וועלכער דער בעוואוסטער שריי־בער ר׳ בנימין רדלר האט מיך איינגעלאדען. די אסיפה איז פארגעקומען אין דער ספריה און עס האט זיך געהאנדעלט וועגען „הגנה עצמית“, זעלבסטשוץ. עס איז געווען זעהר און זעהר א שווערער מאמענט דאס בייצוואוינען. די שרעקליכע געשעהעניסע אין יפו און אין די קאלאניעס האבען שווער געווירקט אויף די ירושלים׳ער אידען און זיי זוכען מיטלען צו בעשיצען זיך פון די בעסטי־אלישע אראבער. די שטימונג איז געווען א ניעדערגעשלאגענע. עס זיינען גע־זעסען בעלי־בתים, סוחרים און מענשען מיט ליטעראַרישע נעמען, אלע מיט געבויגענע קעפ. איך האב זיך ענטזאגט צו ריידען. עס איז מיר געווען שווער. הגנה עצמית אין ירושלים!

---

www.libtool.com.cn

זונטאג, 19טער יוני.

זעהר א גרויסער עולם האט זיך אויפגעזאמעלט אין חורבת רבי יהודה החסיד, וואו דעם נציב׳ס ברודער האט געדאווענט. איך בין געווען איינגעלאדען צו קומען רעדען, אבער, ליידער, האט מיר מיין געזונד עס ניט ערלויבט. איך בין מיט מיין פרוי און הרב סילבערסטאון פון וואשינגטאן געגאנגען דאווענען צום כתל המערבי און זיך געזעגענען מיט דער הייליגער וואנד, דעם זכר פון אונזער גרויסקייט, דעם זכר פון אונזער חורבן.

מיר האבען דא געטראפען א קליינעם קבוץ גליות. אט שטעהען א גרופע תימנ׳ער אידען מיט זייערע פרויען און קינדער, אלע האלטען סדורים אין די הענד און זיינען מתפלל אויף זייער דיאלעקט מיט א געוואלטיגער השתפכות הנפש און שרייען אוים מיט מורא׳דיגער קראפט דעם „אור חדש על ציון תאיר“. ניט ווייט פון זיי שטעהען איינינע ספרדישע אידען און דאווענען הארציג מיט דעם ספרדישען חן און רוהיגקייט. איבער דעם קליינעם חצר געהן אום הין און צוריק א פאר צענדליג אשכנזישע אידען, אנגעטאן אין ירושלים׳ער טראכט אין די פערשיעדענע שרייענדיגע קאלירטע לאנגע זשופיטשעס, מיט שטריימלעך אויף זייערע קעפ, און ברעכען דאס הארץ מיט די מזמורי תהלים, וועלכע זיי זאגען ארוים מיט א מין מתיקות. ניט ווייט פון אונז איז געשטאנען אן אלטער בוכארער איד מיט זיין גאנצער פאמיליע, און דער אינגסטער זוהן זיינער, א אינגעל פון א יאהר צוועלף, האלט א סידור און גיסט זיינע הייסע יונגע טרעהרען איבער זיין שעהנעם פרישען פנים און מורמעלט „ותחזינה עינינו בשובך לציון“.

מיר זיינען צוגעצויגען געווארען צו דער הייליגער וואנד אזוי ווי צו אן אלטער ליעבער מוטער. מיר האבען זיך צוגעטוליעט צו די אורא[ל]טע שטיינער און האבען מיט געפיהל, מיט טרערען, מיט מתיקות געדאווענט. קיינמאל אין לעבען האב איך ניט געפיהלט דעם געשמאק פון א הייליגער תפלה, ווי אין דעם שבת.

מיר האבען געענדיגט דאווענען, און מיר האבען געפיהלט, אז דאס שטעהען מיר צום לעצטען מאהל דא ביי דער הייליגער וואנד. מיר זיינען מיט די געזיכטער צוגעפאלען צו דער קאלטער וואנד און אונזערע ליפען האבען זי באדעקט מיט הייסע קושען. א, קאלטע הייליגע שטיינער! וויפיעל מאָל הייסע טרעהרען האט איהר שוין ארויסבעקומען פון די אלע קינדער ישראל׳ס!

רוהיג, שטיל, מיט די הייליגסטע געפיהלען האבען מיר גענומען אפשייד פון דעם וואנד. פלוצלונג דערנעהנטערט זיך צו אונז א יונגע פרוי, און מיט פארוויינטע אויגען, און פרעגט אונז אין רוסיש אויב מיר פארשטעהען איהר שפראך. יא, מיר פארשטעהען, אבער ווער איז זי?

www.libtool.com.cn

„איך בין מיט איך פון איין פאלק און ניט פון איין פאלק“, ענטפערט די יונגע פרוי: „אבער דער אונגליק אונזערער און דער שיקזאל איז דער זעלבער. איך בין א „קראית“, א קאראאימקע. אונזערע עלטערן האבען זיך צוטיילט אין זייערע רעליגיעזע מיינונגען, אבער די שונאים אונזערע אין דער לעצטער צייט מיט זייערע רדיפות פעראייניגען אונז ווידער“.

זי האט אונז אוועקגעפירט אין דער קליינער אלטער קאראימסקער שוהל, ניט ווייט פון כתל המערבי. די שוהל איז שוין אלט איבער צוועלף הונדערט יאהר. א בראנזענער טאוועל לכבוד דעם „נשיא ענן“ זייערען איז איינגעמויערט אין וואנד. די שוהל איז לעער, וויסט און כמעט פערלאזען, ווייל פון דער גאנצער געמיינדע זייערער זיינען פערבליבען ניט מעהר ווי פינף פאמי־ליעס.

איך האב דעם היינטיגען טאג געווידמעט די שולען. איך האב בעזוכט דעם סעמינאר, וואו מר. דוד יעלין, דר. מאהליווער, בארוכאוו און זוטא זיינען די לעהרער. איך האב בייגעוואוינט ווי מען לערנט פיעלע געגענשטענדע, ווי תלמוד, תנ"ך, פיזיק, כעמיע און געאגראפיע, אלעס אין העברעאיש מיט א פאל־שטענדיגער טערמינאלאגיע ווי אין אלע לעבעדיגע שפראכען. פון דאנען בין איך מיט הער יעלין אוועק בעזוכען די לעמעל שולע. עס איז א פראכטפאלע געביידע, עס הערשט דארט א שעהנע ארדנונג. די קינדער זיינען פריש און מונטער. איך האב בייגעוואוינט א לעקציע אין אלגעמיינע געשיכטע, וואס די טאכטער פון מר. אוסישקין אונטעריכטעט מיט פיעל זאך־קענטניס.

מיר האבען בעזוכט דעם „בית הספר לבנות“ פון דער מזרחי, ווי אויך דעם „בית המדרש למורים“. זיי זיינען זעהר גוטע אינסטיטוציאנען, די קינדער לערנען דארט אויך פלייסיג האנד ארבייט, און דאס איז זעהר נויטיג. אויף א זעהר הויכער מדרגה שטעהט דער למוד פון תלמוד אין דעם לעהרער אינסטי־טוט. דער לעהרער פון תלמוד איז דא מר. ליפשיץ.

אין אבענד זיינען מיר איינגעלאדען געווארען פון דעם ראש ועד העיר, מר. דוד יעלין, צו דער אסיפה פון ועד הפועל, וואס איז ספעציעל לכבוד אונז גערופען געווארען. די אלע פערהאנדלונגען קומען, נאטירליך, פאר אין העב־רעאיש, מיט די אלע פארלאמענטארישע געזעצע, לעבעדיג אזוי ווי אין אלע לעבעדיגע שפראכען.

הערר יעלין האט מיך אויפגעפאדערט צו ערקלעהרען פאר דעם ועד אין וואס בעשטעהט די שפאלטונג צווישען די אמעריקאנער ציוניסטישע פיה־רער און די אלוועלטליכע. איך האב זיין פערלאנג ערפיהלט און ערקלעהרט, אז די גאנצע מחלוקת איז ניט קיין פערזענליכע, נאר א קאמפף פון צוויי שיטות, צוויי פערשיעדענע מעטאדען, וועלכע קענען ניט הארמאנירען איינע מיט די אנ־

www.libtool.com.cn

דערע. ציוניזם, וואס האט זיין יניקה אין חדר און אין חבת ציון, קאן ניט הארמאנירען מיט דעם נייעם קאלטען געשעפטמעסיגען ציוניזם, וועלכער איז באשאפען געווארען די לעצטע צייט.

---

מאנטאג, 20טען יוני.

עס איז געוועזן פינף אוהר אין דער פריה. איך בין נאך אמאל ארויף אויף דעם דאך פון אמדורסקי׳ס האטעל צו טאן נאך איין בליק, דעם לעצטען בליק, אויף אונזער הייליגער שטאדט. ווידער איז פאר מיר די שעהנע געטליכע פאנאראמע. אט זיינען די הייליגע בערג, דער הר הבית, הר הזיתים, הר הצופים; און אט אויף דער אנדערער זייט דער הר ציון מיט דעם מגדל דוד ביי דעם שער יפו. די ארץ ישראל׳דיגע זון האט שוין געשיינט אין פולער פראכט. זי האט ניט געקארגט איהרע גאלדענע שטראהלען צו בעלייכטען די אלע הייליגע פלעצער און זיי נאך מאכען הערליכער און רייצענדער אין דעם מאמענט, ווען א גלות־קינד נעהמט פון זיי אפשיעד אין טיעפען וועה און בייטקעניש.

זיי געזונד, הייליגע ירושלים. זאל גאט געבען, אז איך זאל נאך זוכה זיין אויף מיינע עלטערע טעג דיך צו זעהן אין א בעסערען און רוהיגערען צושטאנד, ווי איצט. ווער געבויט פון דיינע קינדער און זיי א געטרייע מוטער צו דיינע היימלאזע קינדער פון דער גאנצער וועלט.

זיי געזונד, דו מוטער ציון, איך קניע פאר דיר און קוש דיין ערד.

דער צוג טראגט מיך פון ירושלים נאך מצרים.

www.libtool.com.cn

# 14. — קאירא.

דיענסטאג, 21טען יוני.

מיר זיינען אויפגעשטאנען אין דער פריה אין קאירא, די עגיפטישע הויפטשטאדט. מיר האבען גענומען אונזער אראבישען בעגלייטער, אבדולאה, אן עלטערער מענש, אבער פול מיט לעבען און גלויבען אין זיין נביא. ער רעדט ניט קיין שלעכטען ענגליש און ערקלעהרט צו זיינע געפיהרטע אלעס מעשה פראפעסאר און היסטאריקער.

„אט איז גשן", גיט ער אונז א זאג פאהרענדיג פארביי א פארשטאדט אין קאירא; „דא האבען זיך בעזעצט יעקב מיט זיינע קינדער, ווען זיי זיינען געקומען צו יוסף'ן און אט איז דער „גשן גארטען", צייגט ער אונז אן אויף א פראכטפאלען גארטען, פול מיט אריענטאלישע בלומען און פערשיעדענע קאלירטע בוימער, וועלכע מיר האבען אין קיין לאנד ניט געזעהן.

נאך פינף מינוטען רייזע און מיר שטעהן שוין ביי דעם אנפאנג פון דעם מדבר זאהארא. מיר זיינען איבערראשט געווארען פון דעם וואונדער פון דער נאטור. פלוצלונג ענדיגט זיך די לעבעדיגע וועלט מיט איהרע אלע צייכענס פון לעבען, די פרוכטבארע ערד, די בוימער, די פאלמען, די דופטענדע שרייענדע קאלירטע בלומען ווערען פערשוואונדען פון הינטער אונז, און פאר אונזערע אויגען שפיגעלט זיך אפ דער טויט; מיר זעהן איהם אין די געלע הויכע זאמד בערג, אויף וועלכע די זון פלייצט איהרע שטראלען און ברענט זיי ווי אין א גיהנם. — הימעל און זאמד, קיין צייכען פון לעבען, קיין בוימעלע, קיין גרעזעלע, קיין פויגעלע און קיין ווערימעל. אזוי ווי דער ארכיטעקט פון דעם בעשאף, דער אלמעכטיגער לעבעדיגער גאט, האט דא געענדיגט זיין לעבענס פאבריק און דאס איבערגעבליבענע געלאזט פאר דעם שטן, דער מייסטער פון צערשטערונג און פערניכטונג, ער זאל עס פערענדיגען... איין טריט ווייטער און מיר האבען דאס לעבען פון הינטען און דעם טויט פאר זיך.

עס איז געווען אונמעגליך ארויפצוגעהן צו די פיראמידען בארג ארויף אין דעם ברענענדען זאמד. מיר האבען געמוזט ווערען אויף א ווילע בעדואינער און זיך זעצען אויף קעמלען, אלע דריי, דער וואשינגטאנער רב, מיין פרוי און איך. דער אראבער האט מקים געווען דעם פסוק פון „ויברך את הגמלים". ער האט זיי געהייסען פאלען כורעים, און מיר האבען זיך גוט א טרייסעל געטהאן, ווען זיי האבען זיך אויפגעשטעלט.

מיר זיינען פלוצלונג הויך געווארען און דערזעהן די פיראמידען. ניין

www.libtool.com.cn

אין צאַהל, און דעם ספינקס אויף דער לינקער זייט, אין זייער פולען גרויס. דער גרעסטער פיראַמיד איז איבער אכט הונדערט פוס הויך, און ווי דער ארַאבער אבדולאַה האַט אונז פערזיכערט, איז ער דער מאָנומענט פון רעמסס דעם ערש־טען. ער קוקט אראַפּ מיט שטאָלץ אויף די קלענערע פיראַמידען ווי אַ פאָטער אויף זיינע קינדער.

מיר זיינען ארונטער פון די קעמלען און צוגעגאַנגען צו די פיער טויזענד יעהריגע שטיינערנע בערג, וועלכע די אַלטע עגיפּטער האָבען געהאַט גענוג צייט און געדולד אויסצובויען. עס איז צו בעוואונדערען ווי אזוי די ריזיגע מאָנו־מענטען זיינען געבויט געוואָרען אָהן דער הילף פון מאַשינען, נאָר מיט בלויזע הענד. מיר קענען היינט ניט בעגרייפען, ווי אזוי זיי האָבען דאָס בעשאַפען. שטעהענדיג ביי די פיראַמידען האָט מען אַזוינע געפיהלען, דאָס עס איז אונ־מעגליך צו בעשרייבען. ניט אומזיסט האָט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארט, ווען ער האָט געוואָלט ערמונטערען זיינע סאָלדאַטען אויסגערופען, ווייזענדיג מיט דער האַנד אויף די פיראַמירען:

„פיער טויזענד יאָהר קוקען אויף אייך אראַפּ...“

עס כאַפּט ווירקליך אַן אַ געפיהל פון יראת הכבוד, פון עהרפורכט, שטעה־ענדיג ביי אַט די מאָנומענטען פון אונמענשליך־מענשליכער ארבייט, און צו גלייכער צייט אַ געפיהל פון שרעק, פון מורא. ניט ווילענדיג דערמאָהנען מיר זיך אָן אונזערע עלטערענס שקלאַפעריי אין מצרים, אָן די „עבודת פרך“, „חומר ולבנים“ און אָן דעם שרעקליכען זיפץ, וואָס הערט זיך ארויס פון דעם „ויאנחו בני ישראל“. ווי נידריג געבויגען דער רוקען און ווי טיעף דער זיפץ האָט געמוזט זיין פון די מענשען, וואָס האָבען אַט די ריזיגע מאָנומענטען פאַר זייערע טיראַנישע הערשער געבויט!

נאָך האַלבען טאָג האָבען מיר בעזוכט די אַלטע שטאָדט קאירא, וועלכע איז נאָך פול מיט רואינען פון דער רוימישער עפּאָכע. דאָרט האָבען מיר גע־זעהן די אַלטע שוהל, וועלכע טראָגט אויף זיך דעם נאָמען פון אבן עזרא.

אין מיטען דער שוהל שטעהט ארומגעצאַמט אַ קליינע בימה, און אויף אַ בראָנזענעם טאָוועל, וואָס איז איינגעפאַסט אין אַ מאַרמאָר שטיין, איז אויס־געקריצט, אַז אויף דעם פּלאַץ איז משה רבינו געשטאַנען און תפילה געטהאָן, ווען פרעה האָט איהם געשיקט בעטען צו גאָט, דאָס ער זאָל איהם און זיין פאָלק אויפהערען פּלאָגען.

דערנאָך האָבען מיר געזעהן פארשיעדענע אַלטע הייליגטימער פון די צוויי טעכטער רעליגיאָנען צו דער אידישער. מיר האָבען געזעהן דעם מאַכמאַדאַ־נישען גרויסען מאָשעע, אין וועלכען עס געפינען זיך דריי הונדערט און פינף און זעכציג זיילען לויט דער צאָהל טעג פון יאָהר, און אויך די קירכע מיט

www.libtool.com.cn

איהרע היילען, וואו, לויט א לעגענדע, האט זיך בעהאלטען מרים מיט איהר קינד, ווען זיי זיינען אנטלאפען פון הורדוס'ן, ווי עס שטעהט אין ברית־חדשה.

---

מיטוואך 22טען יוני.

דעם היינטיגען טאג האבען מיר געווידמעט דעם קאירא'ר מוזעאום, דא געפינען זיך בילדער, געטער, געטינען, מאנומענטען פון דער אלטער עגיפטישער קונסט, וועלכע אינטערעסירען אלע טוריסטען פון וועלכער נאציאן, אדער רעליגיאן זיי זאלען ניט זיין. אבער איין זאך איז דא פאראן, וואס אינטערעסירט א אידען מעהר פון אלץ, און בפרט נאך א אידען, וואס האט בעזוכט א חדר און האט נאך אין זיין פריהסטער יוגענד מיט זיין גאנצער קינדערשער פאנטאזיע זיך באקאנט מיט דעם שרעקליכען פרעה מלך מצרים, וועלכער האט זיך געבאדען אין די יונגע אידישע קינדערשע בלוט, וואס ער האט זיך געמאכט בעדער פון זיי און אין א בעשטימטער צייט האט ער געגעבען א בעפעהל אריינצואווארפען די אידישע קליינע קינדערלאך אין דעם טייך נילוס, וועלכער איז געווען פול מיט קראקאדילען. און איצט, אז אזא איד קומט אין מוזעאום אין קאירא און מען וויזט איהם פרעה'ס פגר, איינגעוויקעלט אין דעם לייוועגט פון יענע צייטען אלס פארבאלזאמירטע מומיע, און אויף זיין קאסטען שטעהט אויפגעשריבען: „דאס איז פרעה, וועלכער האט געפייניגט די איזראעליטען“, און ער באטראכט זיין שווארצען פנים, דאס פיער טויזענד יעהריגע פנים, און די צייהנער, וועלכע זיינען נאך גאנץ און וויים, — ווען מען בעטראכט עס, מוז זיך ניט ווילענדיג ארויסרייסען פון ברוסט אן אויסגעשריי:

„א, מערדער, דו ליעגסט אויף אן אויסשטעלונג פאר די קינדער פון דעם פאלק, וועמען דו האסט געוואלט פערניכטען. ליעג אין דיין שאנדע, דו מערדער!“

קאירא מיט איהרע צוויי שטאדט טהיילען, די אלטע און די נייע, שטעלט פאר א מיניאטור בילד פון די צוויי פערשיעדענע קולטורען. דער נייער טהייל שטאדט מיט איהר רעש פון די עלעקטרישע קארס, אטאמאבילס, די שעהנע פראכטפאלע פאלאצען, די גרויסע לאנגע גאסען, מיט אספאלט בעדעקט, די גראנדיעזע פארקס און גערטנער, — דאס אלץ עראינערט איינעם פאריז, בערלין, וויען, אדער לאנדאן, און מען קען זיך מיט רעכט פארשטעלען, אז מען געפינט זיך אין איינער פון די מאדערנע אייראפעאישע שטעדט.

אבער איין האלבע שטונדע פאהרען, ווען מען לאזט זיך ארונטער צו דער אלטע קאירא, דאן דערזעהט מען דעם אור־אלטען אריענט, מיט זיין שרעקליכער ארמוטה און אומריינקייט; די מענשען האלב נאקעטע, בארוויסע, פערשמוצטע, אהן שום מענשליכען שטאלץ שטרעקען זיי אויס זייערע דארע שווארצע

www.libtool.com.cn

הענד און לויפען דיר נאָך און שרייען מיט אַ ווילדע שטימע: „באַקשיש! באַקשיש!" דאָס דערמאָהנט אָן דער שטאָדט חברון אָדער אַנדערע קליינע אַראַבישע דערפער און שטעדטלאַך אין ארץ ישראל, וואו איך האָב עהנליכע בילדער געזעהן.

איך גלויב, אַז דאָס איז די איינציגע שטאָדט אין דער וועלט, וואָס זאָל אַרייננעהמען אין זיך אַזוי בולטביידע קאָנטראַסטען פון לעבעדיגען מערב און אָפּשטאַרבענדען אָריענט.

## 15. — אַלכסנדריא — טריעסט — וויען.

פרייטאָג, 24טער יוני.

פיער שטונדען מיט דעם שנעל־צוג זיינען מיר געפאָהרען פון קאַירא נאָך אַלכסנדריא. דער וועג לויפט דורך די עגיפּטישע פרוכטבאַרע פעלדער. קיינע בערג, קיין זאַמד, נאָר פעלדער און פעלדער, פערזעעטע מיט אַלערליי תבואות, טאַבאַק, בוימוואָל און צוקער ראָהר.

נאָך אַלס קינדער האָבען מיר געהערט פון דעם געבענשטען טייך נילוס, וועלכער טרינקט אָן די אַלע מצרים׳שע פעלדער, וועלכע ווערען ניט בעוואַסערט פון קיין רעגען. אָבער כל זמן מען זעהט עס אַליין ניט מיט די אייגענע אויגען קען מען עס ניט פאַרשטעהן. עס איז איינע פון די גרעסטע נאַטור וואונדער צו זעהן ווי דער נילוס צוצווייגט זיך אויף מיליאָנען קליינע קאַנאַלען און טרינקט אָן יעדען שטיקעלע פעלד, און דאָס גאַנצע לאַנד איז גרין, לעבעדיג און פריש.

און בעטראַכטענדיג אָט דאָס בליהענדע לאַנד געהט אויף אַ געדאַנק, אַז אפשר וואָלט בעסער געווען, ווען דער רבש"ע וואָלט די מצרים אַרויסגעשטויסען פון מצרים און זיי ערגעץ אַוועקגעשיקט און אונזערע עלטערען איבערגעלאָזען אויף דעם אָרט. אין דעם בליהענדען פרוכטבאַרען לאַנד?... נאָך דער געדאַנק פליהט שנעל אַוועק. מסתמא האָט גאָט געוואוסט, וואָס ער האָט געטאָן.

אין אַלכסנדריא האָב איך זיך געטראָפען מיט מיין יוגענד פריינד מר. בענענסאָן פון מינסק, איינער פון די איבערגעגעבענסטע חובבי ציון פון דר. פינסקער׳ס צייטען. דער אַלטער קעמפּפער פאַר אונזער אידעאַל איז שוין אַ זקן פון איבער שבעים, אָבער ער איז נאָך פול מיט יוגענד פייער און ענטוזיאַזם. עס איז געווען אַן אַנגענעהמער מאָמענט, ווען מיר האָבען זיך בעגעגענט. יעדער יוגענד־פריינד, וואָס איך טרעף אויף מיין רייזע, רופט אַרויס בעזונדערע זכרונות פון די יוגענד יאָהרען און יעדעס מאָהל לעב איך בעזונדערס איבער די אַלטע גוטע צייטען...

www.libtool.com.cn

מיר האבע היינט בעשטיעגען די איטאליעניש שיף „האלעוואן“, וועלכע דארף אונז ברענגען נאך טריעסט. מיר האבען זיך דא געטראפען מיט מר. בלום פון ירושלים, א קלוגער סוחר, א מיטגליעד פון דעם ירושלים׳ער ועד העיר און פארשטעהט גוט דאס לעבען פון אלטען ישוב מיט אלע זיינע פעהלערען. מיר האבען דא אויך געטראפען דעם אינזשענער ווילבושעוויץ, איינער פון די גרינדער פון דער אויל פאבריק אין ארץ ישראל, וואס טראגט דער נאמען „שמן“. ער איז א מערקווירדיגער מענש און מאכט א שטארקען איינדרוק. ער איז נאך פון די אמאליגע חובבי ציון, א תלמיד פון הערמאן כהן און א נאכפאלגער פון טאלסטאי; א טיעפער גלוביגער אין געטליכקייט אבער אויף א בעזונדערען פילאזאפישען שטייגער. דער מענש האט זיך זיין אייגענע דורכגעטראכטע וועלט.

---

מאנטאג, 27טען יוני.

טריעסט, די געוועזענע עסטרייכישע האפען שטאדט, וואס איז נאך דעם קריעג אריבער צוריק צו איטאליען, מאכט זעהר א שעהנעם איינדרוק. עס איז מערקווירדיג, אז עס איז קוים צו שפירען, דאס דיזע שטאדט האט דא ניט לאנג צוריק געהערט צו עסטרייך. ניטא כמעט קיין סמן פון דעם עסטרייכישען לע־בען און קולטור, טריעסט איז היינט איטאליעניש ווי זי וואלט גאר קיינמאל עפעס אנדערש ניט געווען, סיי אין שפראך, קולטור און אין אלע פארמען פון לעבען. עס איז זעהר א שעהנע שטאדט, מיט ברייטע גאסען און פיינע ארכיטעקטור געביידען. דער האפען גיט דער שטאדט דעם פולס פון לעבען און די גרויסע קולטורווירטע בערג ארום גיבען דעם פולס א בעזונדערען ריטם.

אין טריעסט לעבען א היבשע צאהל איטאליענישע אידען, וועלכע האבען א גרויסע שעהנע שוהל. אין גאס קאן מען קוים דערקענען איינעם אלס א אידען. שפראך, גאנג און אלע אויסערליכע מנהגים אין לעבען זיינען דורכאויס איטא־ליעניש. איך האב געזוכט א שפור פון דער גרויסקייט פון די אמאליגע אידישע געלעהרטע, מיט וואס דאס איטאליענישע אידענטהום האט שטאלצירט און האב ניט געפונען. דער נאציאנאלער אידישער גייסט איז כמעט אין גאנצען פאר־לאשען.

און דאך ווי ווייט די איטאליענישע אידען זיינען היינט פון אידישער געלעהרזאמקייט, זיינען זיי דאך פיעל בעסערע אידען פון די פראנצויזישע. ביי די איטאליענישע אידען זיינען געבליבען הייסע פונקען פון דער רעליגיאן, זיי זיינען תמימים, ניטא דא קיין אויסגעשפראכענע קעמפפער פון אסימילאציע ווי די ריינאכס און קאמפאני אין פראנקרייך. די איטאליענישע אידען קעמפפען ניט מיט דעם אידישען גאט, ניט אפען און ניט בעהאלטען; זיי זיינען שטילע,

www.libtool.com.cn

נאאיווע מענשען, זיינען ס׳רוב מקים די מצוות, און ווען זיי טוען היינט ניט אויף עפעס פאזיטיוועס אין אידענטהום, ערשיינען זיי אבער אויך ניט אלס אפע־נע צושטערער.

איייגע ארץ ישראל אידען, סוחרים פון דעם עלטערען ישוב, פאהרענדיג צוריק פון לאנדאן, זיינען זיך דא, אין א רעסטאראנט, צונויפגעקומען מיט א פאר ציוניסטישע פארשטעהער און באלד איז ענטשטאנען א ביטערער ויכוח. יעדערע האט געהאט אויסצוזעצען געגען צווייטען, יעדערער האט געהאט גע־רעכטע טענות און אלע צוזאמען האבען זיך ניט וועניג געהיצט.

---

דיענסטאג, 28טער יוני.

דער וועג מיט דער באהן פון טריעסט נאך וויען איז איינער פון די שעהנסטע וועגען, וואס א רייזענדער מאכט דורך אין זיין לעבען. מען פאהרט ווי אין א צויבער־לאנד. בערג און טאלען, וועלדער און וואסערען וועקסלען זיך אפ אין אזא צויבער־פראכט ווי דורך א כשוף. מען גלויבט ניט די אויגען, אז מען זעהט דאס אלץ אויפ׳ן וואהר.

די קליינע אלפען־בערג, ווי זיי הייסען דא אין געגענזאץ צו די גרויסע אלפען־בערג אין דער שווייץ, האבען זיך זייער בעזונדערען רייץ, וואס פאר־כשופען אייך מיט זייער סודות׳דיגקייט. די טהאלען זיינען ווי פערשפרייט מיט אריענטאלישע טעפיכע. א וואונדער שעהן בילד איז דער זונען־אונטערגאנג אין די אלפען. די שפיץ בערג הויבען זיך לאנגזאם אן אנצינדען פון די לעצטע זונען שטראהלען און אט־אט גליהען זיי אין זייער פלאמענדיגער רויטקייט, און עס דוכט זיך, אז דאס גאנצע לעבען אויף די בערג איז פערוואנדעלט געווארען אין פייערדיגע מאסען. ביסלעכווייז פארלעשען זיך די קלענערע בערג שפיצען און ראנגלען זיך נאך אין זייער פייער, ביז זיי גיעהען אויך ביסלעכווייז אויס... נור ערגיץ אויפ׳ן ברעג הימעל פינקעלט נאך אזוי ווי א רעגענבויגען...

די קליינע שטיינערנע הייזער און די טאלען פינקלען אנטקעגען דער פארגעהענדער זון און זיי זעהען אויס ווי שטערען פארזעעטע אויף דער ערד... דא און דארט שלענגלען זיך די קליינינקע טייכעלאך, שטראמעלאך, וועלכע פליי־סען ארויס פון די בערג.

---

פרייטאג, 1טער יולי.

אט דא, אין דער גרויסער שטאדט וויען, אין דער אמאליגער הויפט שטאדט פון דער עסטרייכישער און אונגארישער אימפעריע, זעהט מען ערשט דעם אמת׳ען חורבן פון דעם זיבען־יעהריגען וועלט קריעג. די שטאדט איז שעהן,

www.libtool.com.cn

פרעכטיג, אבער די איינוואוינער מאכען א שווערען איינדרוק אויף דעם פרעמדען צושויער. עס דרעהען זיך ארום מענשען מיט בלייכע, פארבלאזע געזיכטער, פארלאשענע אויגען, אבגעניצעוועטע קליידער, געבויגענע רוקענס, געבראכענעם שטאלץ, אהן מוטה און אהן ענערגיע.

איך האב געזעהען איבעראל די טרויעריגע סימנים פון דעם וועלט־קריעג, אבער אזא פארוויסטונג און בלוט פארלוסט ווי אין דער ארימער עסטרייך, האב איך ניט וואו געזעהן. זי האט געליטען און ליידט נאך מעהר היינט פון אלע אנדערע לענדער אין דער מלחמה. פון א גרויסער אימפעריע מיט פערציג מיליאן מענשען האט מען איהר איבערגעלאזען קוים זעקס מיליאן מענשען, מיט א שטיקעל ערד, ארומגעשניטען און ארומגעפוצט, אזוי ווי א פערלאזענער אינזעל.

און וויען, די גרויסע שעהנע פרעהליכע וויען, דער קרוין פון די האבסבורגער, זעהט איצט אוים ווי א מין קאריקאטור בילד, ווי א גרויסער קאפ, וואס שטעהט אויף אן איינגעדארטען קערפער מיט צוויי שטרויענע פים... אויף יעדען שריט און טריט פיהלט מען דאס אוננאטירליכע לעבען, דעם שרעקליכען בראך און דעם מורא׳דיגען קריזיס. אין די גאסען, אין די האטעלען, די שפייז געשעפטען, אין די באנק־הייזער, אין אלע געשעפטען פון קליין ביז גרוים זעהט מען דעם חורבן, פיהלט מען דעם יאמער.

אויך דאס אידישע לעבען אין וויען איז אזוי טרויעריג, ווי דאס גאנצע וויענער לעבען. איבעראל, וואו מען קומט, אין די שוהלען, טעמפלען, חברות און פעראיינען — איבעראל טרעפט דער דורכרייזענדער גאסט דעם אפגעקומענעם, געפאלענעם בעל־הבית, וואס האט קוים כוח אפילו די האנד אויסצושטרעקען.

יא, אויב די אמאליגע וויען פון פאר דער מלחמה האט ניט פארקערפערט מיט זיך דאס גאנצע עסטרייך, ווי צום ביישפיעל פאריז, וואס פערקערפערט אלע מאל פראנקרייך, אזוי איז די היינטיגע וויען זיכער דאס טרייע אפבילד פון דער איצטיגער עסטרייך. עס איז דער גרויסער שוואכער קאפ, וואס צאפעלט זיך אויף אן איינגעדארטען קערפער, ביי ועמען מען האט אפגעהאקט הענד און פים...

www.libtool.com.cn

# 16. — אין דער אידישער וויען.

זונטאג, 3טער יולי.

צעהנדליגע טויזענדע אידישע פליכטלינגע פון גאליציען־פוילען פילען אן די וויענער גאסען. זיי געהען געקליידעט אין דעם אלטען טראכט, מיט די לאנגע רעק, לאנגע פאות און קורצע הויזען. אט די איינגעוואנדערטע אידען ארדע־רען זיך איין צו ביסלעך און שלאגען זיך דורך זייער לעבען.

אבער שרעקליך טרויעריג איז די לאגע פון די הונדערטע ארימע חלוצים. די יוגענד, די בעסטע קרעפטען פון אונזער ארים פאלק, וועלכע האבען זיך מיט אן אידעאליסטישען פייער איבערגעגעבען צו דעם אויפלעבונגס אידעאל פון אונזער פאלק און האבען זיך געלאזט אונטער די שווערסטע בעדינגונגען אין וועג אריין, וואס זאל זיי דערפיהרען צו דעם לאנד פון זייערע האפנונג, — דיזע יוגענד, דיזע שעהנע קינדער אונזערע מוזען איצט זיך וואלגערען אין וויען, אהן אן אויסגאנג פאר זיך, צוליעב דעם, וואס די טויערען פון ארץ ישראל זיינען געשלאסען געווארען איבער די אראבישע אונרוהען אין יפו און אין די קאלאניעס.

דער עלענד פון די חלוצים איז שרעקליך גרויס. כמעט א טויזענד יונגע מענשען, צווישען זיי אויך איניגע פאמיליעס, מענער, פרויען און ברוסט־קינדער, וואלגערען זיך אין איינער פון די וויענער קאזארמען. די וויענער געמיינדע, בראש פון דר. חיות, טהוט פאר די אונגליקליכע זעהר פיעל. אבער די דער־שלאגענע האפנונג זייערע, דאס שלעפען זיך מאנאטען לאנג אין וועג, די ארימע שפייז, וואס זיי בעקומען איינמאל א טאג און דער מאנגעל אין לופט, — דאס אלעם שוואכט אפ זייערע קערפערס, ברעכט זייער גייסט, און זיי וואנדלען ארום ווי שאטענס אויף די גרויסע אומעדיגע וויענער גאסען.

---

מאנטאג, 4טער יולי.

דער נעכטיגער טאג, 3טער יולי — כ"ז סיון תרפ"א, וועט פערבלייבען ביי מיר אין דעם אוצר הזכרונות פון מיין לעבען ביז דעם לעצטען אטהעם צוג.

אין דעם ציוניסטישען ביורא האב איך זיך געטראפען מיט מרדכי בן הלל הכהן און מיט מר. אברהם לעווין און זיין פרוי פון מאנטרעאל, קענעדע, און צוזאמען מיט זיי, מיין פרוי און מר. בלום פון ירושלים, זיינען מיר געפאהרען צום וויענער פריעדענהאף — בית עולם — צו בעזוכען דעם קבר פון דעם אונ־שטערבליכען דר. הערצל.

www.libtool.com.cn

איך האב ניט זוכה געווען צו זעהן דעם אונגעקרוינטען אידישען פרינץ א לעבעדיגען. און אט שטעהען מיר אלע מיט אראפגעלאזטע קעפ, פולע אויגען מיט טרעהרען, הייליגע טרעהרען, ביי זיין יונגען קבר, וואס איז צוזאמען מיט דעם קבר פון זיינע עלטערען. דאס ווארט הערצל האט א בליץ געטאן פאר אונזערע אויגען פון דעם גרויסען מארמארשטיין, די קאלטע מצבה אויף דעם יונגען ברענענדיגען שטערן, דעם גרעסטען אידען פון אונזערע צייטען, וועלכער איז דורכגעפלויגען ווי א מעטעאר דורך די שווארצע אידישע הימלען און פאר־לאשען געווארען פאר דער צייט.

א מינוט צעהן זיינען מיר אלע געשטאנען ווי שטומע ביי דעם קבר. מיר זיינען דערהויבען געווארען אין א הייליגער שטימונג. מיר האבען זיך דערפיהלט אין אן אנדער, העכערער, ריינערער וועלט, א וועלט אהן שמוץ, אהן בעטרוג און בלוט פערגיסונג. ווי סטאטועס זיינען מיר געשטאנען ארום דעם הייליגען קבר; קיינער פון אונז האט מיט א גליעד ניט א ריהר געטאן. מיר האבען פאר זיך געזעהן די אידישע קרוין, פארבארגען אונטער די ד׳ אמות פון דעם וויענער בית־עולם.

איך האב זיך אויפגעכאפט ווי פון א טיעפען שלאף און האב עפעס געזאגט עטליכע ווערטער. דאן האט מרדכי בן הלל הכהן ארויסגערעדט אין א דראמא־טישען טאן:

„יא, מיר וועלען איהם אריבערנעהמען צו אונז, צו אונז אין ארץ־ישראל, אזוי ווי ער האט פערלאנגט. מיר וועלען היטען אונזער הבטחה“.

זעהר שווער איז געווען אפצושיידען זיך פון דעם קבר. מיר האבען געפיהלט אזא געבונדענקייט, אז די פיס האבען זיך ניט געוואלט הויבען. מיר זיינען געגאנגען היבשע עטליכע טריט הינטערוועדטס, מיט אונזער פנים צו דעם מאנומענט, ביז ער איז פון אונז פערשוואונדען געווארען.

מיר זיינען דערנאך צוזאמען מיט מר. לעווין געפאהרען אפשטאטען א וויזיט צו דר. קאמינקא, וועלכער האט מיך שוין געהאט בעזוכט א פאר מאל.

דר. קאמינקא האט שוין לאנג זיך געמאכט זיין נאמען אין דער העב־רעאישער ליטעראטור. זיין איבערזעצונג אין העברעאיש פון האמער, וואס האט זיך געדרוקט אין „כנסת ישראל“ פון שפ״ר, האט איהם געגעבען זיין פערדינטען פלאץ נאך מיט איבער דרייסיג יאהר צוריק. אלס קינד איז ער נאך געווען בעוואוסט אלס דער בערדיטשעווער עלוי. ער איז א גרויסער תלמודיסט און ער זאגט נאך זיין שיעור אין דעם וויענער אלטען בית המדרש, וואו די צוויי גדולי ישראל האבען די שטעלע פערטראטען: רבי אייזיק הירש וויים, דער מחבר פון „דור דור ודורשיו“ און רבי מאיר איש שלום.

www.libtool.com.cn

דר. קאמינקא איז נאך פול מיט ענערגיע ווי א יונגער מאן. ער איז דער סעקרעטער פון וויענער אפטיילונג פון דער חברה „כל ישראל חברים“. זיין לאגע אין עקאנאמישען לעבען איז די אייגענע, ווי די לאגע פון אלע פראפעסיאנעלע מענשען איצט אין דער אונגליקליכער וויען. מען לעבט זעהר אן ארים לעבען, קוים צו דערהאלטען די נשמה מיט׳ן גוף.

---

דאנערשטאג, 7טער יולי.

איך האב בעזוכט דעם גרויסען וויענער רב דר. חיות, אן אייניקעל פון דעם בעוואוסטען געלעהרטען גאון רבי צבי הירש חיות.

דער אייניקעל פערשעהמט ניט זיין זיידען. ער איז גרויס אין לערנען, גרויס אין כאראקטער און אין מעשים טובים. זיין גאנץ לעבען איז איבערגעגעבען צו צרכי הכלל. ער איז דער רוח החיה אין דער גאנצער וויענער געמיינדע. קיין זאך ווערט ניט געטאן אהן איהם, און אין וויען איז, ברוך השם, פאראן גענוג וואס צו טהאן. צרות פעהלט ניט. דא אין וויען איז, ברוך השם, צעהנדליגע טויזענדער פויליש־גאליציאנער פליכטלינגע, דא געפינען זיך אין וויען איבער טויזענד חלוצים און דא נאך עפעס עהנליכעס. דר. חיות ווערט ניט מיעד. ער ארבייט איבער זיינע קרעפטען, ענטפערט אלעמען און וואכט איבער אלעם.

היינט האט ער מיר דערצעהלט מיט א שמחה, אז מען האט געקויפט א גרויסע הויז מיט א גרויס שטיק פעלד, ניט ווייט פון דער שטאדט, וואו די חלוצים זאלען זיך אויפהאלטען פאר דער צייט, וואס זיי מוזען בלייבען אין וויען. דארטען וועלען זיי קאנען פאר דער זעלבער צייט פראקטיצירען די ארבייט פון אגריקולטור.

דר. חיות איז איינער פון די איבערגעגעבענסטע ציוניסטען פון אונזער צייט. אין אונזער געשפרעך וועגען די לעצטע צופעלע אין ארץ ישראל האט ער מיך ערמוטהיגט מיט זיין אפטימיסטישען בליק אויף דעם גאנצען צושטאנד. מיך האט אמת געפרעהט צו הערען די הערליכע ציוניסטישע געדאנקען פון דעם מאן, וועלכער זיצט אויף דעם שטוהל פון דר. גידעמאן, דעם בעקאנטען אנטי־ציוניסטישען אבער־ראבינער. ווען מיר וואלטען געהאט אזעלכע רבנים ווי דר. חיות אין אלע גרויסע אידישע צענטרען, וואלטען מיר זיכער אונזער לאנד א רעכט ביסעל גיכער דערגרייכט.

איך האב זיך בעקענט מיט דער טהעטיגקייט פון מאדאם אניוטא מילער און האב בעוואונדערט דיזע גרויסע אידישע פרוי, איהר ענערגיע, איהר היים אידיש הארץ און איהר אפפערוויליגקייט. מאדאם אניוטא מילער איז איינע

www.libtool.com.cn

פון די גרעסטע אידישע פרויען אין אונזער צייט. איהרע לייסטונגען אויף דעם וואהלטהעטיגען געביט אין דער צייט פון דער מלחמה און איצט — זיינען אונ־בעשרייבליך גרויס. איך קען ניט דעם נאָמען פון אַ צווייטער אידישער פרוי, וועלכע זאָל האָבען אזוי פיעל געטאָן פאַר די מלחמה קרבנות און בעזונדערס פאַר די אונגליקליכע יתומים, ווי דיזע, פון אַלעמען בעליעבטע, מאַדאַם אַניוטא מילער.

און מערקווירדיג, ווי גאָט שיקט עס צו „די רפואה פאַר דער מכה“. גראַד אין דעם אונגליקליכען עסטרייך, אין דער טרויעריגער וויען, דער זאַמעלפּלאַץ פון אַלע אידישע צרות און יסורים, דער עטאַפּען־פּונקט פון די פּוילישע, גאַ־ליציאַנער און אוקראַינער פליכטלינגע און יתומים, — גראַד דאָ איז אויסגע־וואקסען אַ אַניוטא מילער, וואָס, גיעב איהר גאָט כח און הילף און זי וועט די אַלע אונגליקליכע בעזאָרגען

---

זונטאַג, 10טער יולי.

צופעליג האָב איך זיך בעגעגענט מיט מיין פריינד דר. עפּשטיין פון ניו יאָרק, וועלכער נעהמט איצט קורסען אין וויען צו פּאַרפּאָלקאָמען זיך אין זיין פאַך. איך האָב צוזאַמען מיט איהם בעזוכט שבת דעם טשאָרטקאָווער רבי, וועלכער איז בעריהמט אין די חסידישער וועלט און האָט זיינע טויזענדע אַנ־הענגער איבער דער גאַנצער וועלט.

דער רבי האָט אונז זעהר פריינדליך מקבל פּנים געוועזן. מיר האָבען מיט איהם פערבראַכט אַ שטונדע צייט אין אַ געשפּרעך איבער פיעלע אידישע ענינים. ער איז אַ פּראַקטישער, קלוגער מענש, סימפּאַטיזירט מיט׳ן ישוב ארץ ישראל, אָבער איז אַ געגנער פון די ציוניסטען, אפילו אַ געגנער פון „מזרחי“, פּאַרוואָס זיי געהען צוזאַמען מיט די ציוניסטען, וועלכע זיינען, נאָך זיין מיינונג נאָך, ווייט פון אידענטהום, וויל זיי פערהאַלטען זיך נייטראַל צו רעליגיאָן. ער קאָן בשום אופן ניט שטימען מיט זיי. דערפאַר האָט ער זיך איבערגעגע־בען מיט זיין גאַנצען פייער פון זיין גרויסער אידישער נשמה צו דער „אגודת ישראל“, פון וועלכער ער האָפט, אַז זיי וועלען מעהר אויפטאָן פאַר ארץ ישראל ווי די ציוניסטען.

הלואי זאָל דאָס אמת זיין!

www.libtool.com.cn

## 17. — פון וויען ביז קאַרלסבאַד.

מאנטאג, 11טער יולי.

נעכטען האָב איך מיט דר. עפשטיין באזוכט דעם גרויסען אידיש דייטשען דראמאטורג ריכארד בער־האָפמאַן, דער מחבר פון דער באריהמטער דראמא „יעקב'ס חלום", און איצט ארבייט ער אויף זיין נייער דראמא „דוד ויהונתן".

עס איזווירקליך געוועזן פאַר אונז אַ גייסטיגער פאַרגעניגען צו פאַרברייגען צוויי שטונדען מיט דעם גייסטרייכען דראמאטורג. ווי שאַרף איז זיין שכל, ווי טיעף זיין בליק און ווי גרויס זיינע מיינונגען וועגען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם! ניט קענענדיג די העברעאישע שפּראַך, ניט האָבענדיג קיין אידישע ערציהונג, געבוירען און ערצויגען אין אַ פרעמדער אַטמאָספערע, און דאָך האָט ער פארמאָגט אַזוי טיעף אריינדרינגען אין דעם ביבלישען גייסט, פארשטעהן דאָס אידישע לעבען און אַזוי געניאַל פּערזאָניפיצירען די לאַגע פון „ישראל בעמים" און דעם ברידער־צווילינג יעקב און עשו.

דאָס האָט געקאָנט באווייזען אַ מאַן מיט אַ הערצל־נשמה, וועלכער בער־האָפמאַן פארמאָגט אין אַ פולער מאָס. ער איז ניט קיין אויסגעשפּראָכענער ציוניסט, ווייל ער איז אַ קינסטלער, וואָס שטעהט העכער פון פּארטייען. אָבער ווי ווייט איז דער אונטערשיעד פון דעם רבי'ס שטעלונג צום ציוניזם ביז האָפמאַנ'ס; אַזוי ווייט ווי פון טשאַרטקאָוו ביז וויען. דער ערשטער וויל, אַז די אידען זאָלען ווערען אַזעלכע ציוניסטען, ווי ער וויל, אַז זיי זאָלען זיין, און דער צווייטער פערלאַנגט, אַז אַלע אידען פון אַלע קלאַסען זאָלען זיך איבערגעבען צום ציוניזם, דאַן וועט ניט זיין קיין ציוניסטישע פּארטיי, נאָר אַ פאָלק באוועגונג, וואו דאָס גאַנצע פאָלק ישראל וועט שטרעבען צו ארץ ישראל.

אויך ביי דיזען גרויסען קינסטלער האָב איך געשפּירט די שרעקליכע ארמוט, וואָס הערשט אין גאַנץ וויען. ער וואוינט אין זיין אייגענעם פּאלאַץ, פארמאָגט נאָך איינינע הייזער, און דאָך איז זיין עקאָנאָמישע לאַגע אַ שווערע, ווייל די וויענער הייזער עסען זיך היינט צו טאָג אַליין אויף. מען טרעפט היינט אין וויען זעהר פיעל פּראָפעסיאָנעלע מענשען פון העכערען ראַנג און גרויסען טאַלאַנט, וואָס לעבען זיך אָן אָרימען שטילען און באַדירפטיגען לעבען.

שבת זיינען מיר געגאַנגען צום גרויסען טעמפּעל, אָבער מיר האָבען איהם געפונען פאַרשלאָסען. די געמיינדע פּאַרמאָגט ניט אויפצוהאַלטען דעם טעמפּעל אין גוטער אָרדנונג. דער באריהמטער קאַנטאָר מאַרגענשטערן האָט געדאַווענט אין אַ קליינער אָפּטיילונג פון דעם גרויסען טעמפּעל. איך האָב געהאַט גרויס

www.libtool.com.cn

פאַרגעניגען פון מאָרגענשטערן׳ס דאַוונען. אָבער נאָך מעהר האָב איך איהם באַוואונדערט, ווען איך האָב קענען געלערנט זיין כאַראַקטער און זיין געלעהר־זאַמקייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. עס איז ווירקליך אַ פּאַרדרוס, וואָס מענשען מיט אַזעלכע גרויסע טאַלאַנטען קומט אויס צו ליידען דורך דער גע־פאַלענער וואַליוטאַ.

אוי, די וואַליוטאַ! זי איז דאָס כשוף־וואָרט פון גאַנצען ווינער לעבען. מען שטעהט אויף מיט איהר, מען לעבט אַ גאַנצען טאָג מיט איהר און מען חלום׳ט ביי נאַכט נאָר פון איהר. די אָנגעלאָפענע גאַליציאַנער קליינע סוחרים לויפען אַרום אַזוי ווי די ביהנען אַרום דער בערזע, פילען אָן אַלע קאַפע הייזער, און קויפען און פערקויפען די דאָלאַרס און מאַרקס, פראַנקען און קראָנען. און יעדען טאָג קומט אַ נייער שטורם ווינד. עס דרעהען זיך די ווערטען פון די פערשיעדענע געלדער, און פון אַט דער דרעהעניש און בייטעניש, לערנענדיג דעם פּרק פון מחליף קראָנע במאַרק, דאָלאַר בפראַנק, שפּייזען זיך דערוויייל טויזענדער גלות קינדער. די טאַטעס לויפען אַרום מיט די שטעקעלאַך אין די הענד, מיט פאַרדרעהטע קעפּ פון איין גאַס אין דער צווייטער, זוכענדיג עפּעס צו קויפען און פערקויפען. און אַזוי מאַכען אייניגע אידען אַ לעבען, און אַנ־דערע ווייעדער בלייבען ביי דעם ווינד און רויך פון די סיגאַרעטלעך, וואָס זיי לאָזען פון מויל ניט אַרויס.

---

קאַרלסבאַד, דאָנערשטאָג, 14טער יולי.

ווי שנעל ער אַרבייט דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט! עס קוקט אויס ווי דער יאָהרהונדערט וואָלט זיך אַריינגעזעצט אין אַ לופט שיף און פליהט שנעל און אַרבייט פלינק און טוט אויף אין מאָנאַטען דאָס, וואָס די פריגע יאָהרהונדערטע האָבען אויפגעטאָן אין צעהנדליגע יאָהרען.

וואָס האָט זיך עס ניט אָפּגעטאָן אין די לעצטע זיבען יאָהר אויף דער זינדיגער קליינער וועלטעלע! לענדער רואינירט, קעניגע אַרונטערגעשליידערט פון זייערע טראָהנען, די טראָהנען אַליין צובראָכען, די קרוינען צושמאָלצען, מיליאָנען יונגע מענשען פערניכטעט, און אין דערזעלבער צייט נייע לענדער בעשאַפען, פרישע רעפּובליקען געגרינדעט, און אַ נייע, גאָר אַ שפּאָגעל נייע וועלט פאַר אונזערע אויגען געמאַכט. איך ווייס ניט אויב די אַלע ניינצעהן יאָהרהונדערט ביז דעם לעצטען האָבען אויפגעטאָן אין דער מענשליכער גע־שיכטע אַזוי פיעל ווי אין דעם ערשטען פיערטעל פון אונזער לעצטען שנעלען פערניכטער, צושטערער און אין דערזעלבער צייט בויער און בעשאַפער — דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט.

www.libtool.com.cn

אַט דאָ אין דעם קליינעם קאַרלסבאַד, אין דעם בעריהמט געוועזענעם עסטרייכישען קורפּלאַץ, זעהט מען אַ קליין מיניאַטור בילד פון דער גאַנצער שנעלער וועלט ארבייט. אין קאַרלסבאַד האָט פריער דער נאָמען פון פראַנץ יאָזעף דעם קייזער בעשיינט אויף אַלע געביידען, גערטנער און גאַסען; דער אַדלער פון דער האַבסבורגער דינאַסטיע האָט מעכטיג פאַרשפּרייט זיינע פליגלען איבער אַלע פּאַלאַצען און מינעראַל קוואַלען. און היינט איז פון דעם גאַנצען האַבסבורגער פראַכט און גלאַנץ קיין זכר ושארית ניט געבליעבען, אַזוי ווי עס וואָלטען גאָר קיינמאָל דאָ ניט געשיינט די אַדלערס און די קייזערליכע סימבאָלען. זיי זיינען אַלע פערשוואונדען. די אַלע נעמען פון די גאַסען און פון די קוועלען זיינען געביטען געוואָרען. די האַבסבורגער מאָנומענטען זיינען פאַרהילט אין שוואַרצען און פערדעקט, אַז קיין אויג זאָל זיי ניט זעהן.

און דער „עבד כי ימלוך“, די שפחה טשעכאָסלאָוואַקיא, די שפּאָגעל נייע רעפּובליק פיגורירט אַזוי ווי גאָר אַן אַלטע בעל הבית׳טע, מיט איהר אַרמיי, פּאָליציי, פּאָסט און שפּראַך, מיט די שרייענדע יוניפאָרמס, מיט איהר טראַכט און מאַנירען, אַזוי ווי זי וואָלט שוין געווען אַ רעגירענדע מלוכה פון ששת ימי בראשית אָן.

קומענדיג פון ארץ ישראל פון דעם פיער טויזענד יעהריגען לאַנד, וועלכע געהערט היסטאָריש און מאָראַליש צו דעם פיער טויזענט יעהריגען פאָלק ישראל, צו דעם שפּאָגעל נייעם לאַנד טשעכאָסלאָוואַקיא, ווערט דאָס האַרץ צוריסען אין שטיקער, ווען מען דערזעהט דעם אונטערשיעד פון אַן אונטערדריקט פאָלק, וואָס פערבלייבט זיצען אויף זיין באָדען ביז אַן אונגליקליכע נאַציאָן, וועלכע איז אויסגעריסען געוואָרען מיט איהרע וואָרצלען פון איהר לאַנד און איז צושפּרייט געוואָרען איבער אַלע וועלט טיילען.

---

זונטאַג, 17טער יולי.

אַ מערקווירדיג בילד איז צו בעאָבאַכטען צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פריה און פאַר זונען אונטערגאַנג, ווען די געסט ווערען פאַרמירט אין אַ לאַנגער ליניע פון דעם קורהויז ביז דעם שפּרודעל הויז און רעכטס ביז דעם שלאָס ברונען. צעהנדליגע טויזענדער מענער און פרויען פון אַלע לענדער אין דער וועלט, פון פערשיעדענע פעלקער, ראַסען, רעליגיאָנען און קאָלירען אַלטע און יונגע, הויכע און נידריגע, דיקע און דאַרע, שעהנע און העסליכע, טראַגען פאַרשיעדענע קליידער, ריידען אַלע מעגליכע שפּראַכען, — זיי אַלע ווערען פאַרמירט אין דער ליניע, מיט די גלעזער אָדער קריגלעך אין די הענד, און זיי געהן זיך געמיטליך איינער נאָך דעם צווייטען ביז זיי דערגרייכען צו די פערשיעדענע קוועלען, וואו צעהנדליגע קליינע מיידלאַך ארבייטען שנעל און סיסטעמאַטיש. די מיידלאַך

www.libtool.com.cn

נעהמען צו ביי יעדערען זיין לײדיגע גלאָז אָדער קריגעל און דאַן געהען זיך די געסט ווייטער ביז צו דער ענדע פון דעם קוואַל, וואו יעדער איינער בעקומט זיך זיין גלאָז אָנגעפילט, און עס טרעפט ניט, אַז די גלעזער זאָלען ווערען פאַרביטען. די אַלע טרינקערס מיט די פולע גלעזער פאַרמירען זיך ווידער אין אַ נייער ליניע אויף צוריק, און געהענדיג אַזוי זופּען זיי זיך ביסלעכווייס זייער וואַסער.

אַ שטילער זומזום הערט זיך פון די טרינקער מיט אַ ריטם נאָך די קלאַנגען פון דעם אָרקעסטער מוזיק, וואָס שפּיעלט צוויי מאָל אַ טאָג אין בעגלייטונג צו דער טרינק־פּראָצעסיע.

ווען מען קוקט זיך צו צו די גרימאַסען פון די טרינקענדע, דערקענט מען באַלד, ווער פון זיי איז אַ פרישער, נייער אָנגעקומענער און ווער פון זיי האָט שוין בעקומען ביי־גער רעכט אַלס קאַרלסבאַדער וואַסער טרינקער. דער נייער אָנגעקומענער גיט אַ זופּ פון גלאָז און פערקרימט זיין פּנים, קוקענדיג בייזליך אויף דער גלאָז, וועלכע האָט איהם מיט דעם געזאַלצענעם וואַסער קיין פערגע־ניגען ניט געגעבען. נאָר די אַלע צוגעוואוינטע טרינקער קוקען שוין אויף זייערע גלעזער מיט אַ געוויסער צופרידענהייט; זיי זופּען זיך בהרחבה׳דיג, פעסט איז זייער גלויבען, אַז דאָס וואַסער ברענגט זיי נוצען און היילונג.

## 18. — ביי דער טיר פון דעם ציוניסטישען קאָנגרעס.

פרייטאָג, 22טען יולי.

איך האָב די לעצט פּאָר טעג ניט געשריבען, ווייל דאָס שרייבען פאַלט מיר שווער. די שרעקליכע קראַנקהייט „נוריטיס" האָט אָנגעגריפען זעהר שטאַרק מיין רעכטע האַנד, מיין שרייבערין. די שמערצען זיינען זעהר גרויס. מיין גוטער דאָקטאָר קאָלער, אַגב זעהר אַן איבערגעגעבענער ציוניסט, דער פּרעזי־דענט פון די קאַרלסבאַדער ציוניסטען, אַרבייט אַרום מיר מיט פערשיעדענע מיטלען צו לינדערען מיינע שמערצען. בעדער, עלעקטריק, ראַדיום, מעדיצין און צו דעם נאָך אויך אָפט מאָרפיום איינשפּריצונגען צו בעטויבען מיינע נער־ווען אויף צו פערהיטען מיך פון שלאָפלאָזע נעכט.

יאָ, לײדער, מוז איך זיך היינט געזעגענען מיט מיין טאָגעבוך אויף אַן אונבעשטימטער צייט, ווייל מיר איז אונמעגליך צו קאָנצענטרירען מיינע גע־דאַנקען אונטער די שמערצען.

אָ, גאָט פון ציון! איך האָב דאָך אין מיין גאַנץ לעבען אַן ירושלים ניט פאַרגעסען, טאָ וואָרום זאָל לײדען מיין רעכטע האַנד?!

www.libtool.com.cn

זונטאג, 28טער אויגוסט.

מעהר ווי א מאנאט צייט איז אוועק ווי איך האב מפסיק געווען מיין טאגעבוך. די שרעקליכע קראנקהייט „נוריטים" האט צוגענומען ביי מיר מיין שרייב־אפאראט, די רעכטע האנד, אויף א מאנאט צייט, אבער מיט דער הילף פון די גאט געבענשטע קארלסבאדער בעדער, ראדיום און עלעקטריק זיינען מיינע שמערצען איינגעשטילט געווארען און איך בין ווידער בכח צו האלטען מיין פען און צו פארצייכענען מיינע טעגליכע איינדריקע.

קארלסבאד איז איצט צוליעב דעם צוועלפטען ציוניסטישען קאנגרעס אין א קליין ירושלים פערוואנדעלט געווארען. די געוועהנליכע קור־געסט האבען שוין כמעט אלע דורכגעמאכט זייער קור און פארלאזען קארלסבאד. די אייניגע איבערגעבליעבענע קור־געסט זעהן אויס ווי פערשפעטיגטע פויגעל. ווען ניט דער ציוניסטישער קאנגרעס וואלט שוין קארלסבאד געהאט אנגענומען איהר ענדע־סיזאן כאראקטער און וואלט אויסגעקוקט ווי א קליינע שעהנע טשע־כאסלאוואקישע שטעדטעל, מיט גרויסע פראכטפאלע פערשלאסענע האטעלס, פערמאכטע רעסטאראנס און פארלאזענע אלעען.

אבער דאס יאהר 1921 וועט קארלסבאד פערצייכענען אין איהר היס־טארישען מעמאראנדום אלס אן אויסנאהמס־יאהר. דעם ערשטען סעפטעמבער עפענט זיך דא דער צוועלפטער ציוניסטישער קאנגרעס, און צוליעב דעם האלט נאך אן די שטאדט איהר פולען לעבענס טעמפא. די האטעלס און די רעסטא־ראנס זיינען נאך באלעבט, די קוואלען בעלאגערט מיט פרישע טרינקער, די אלעען און די פארקס זיינען פול מיט שפאצירענדע, און די גאנצע שטאדט בכלל פיהלט זיך יום טוב'דיג, אין א הויכער שטימונג.

---

דיענסטאג, 30טער אויגוסט.

די קאנגרעס אטמאספערע ווערט פון מינוט צו מינוט זיכטבארער און ווירקזאמער. די גרויסע געסט, די נאציאנאלע פיגורען, זיינען שוין כמעט אלע דא, און די צאהל דעלעגאטען וואקסט און וואקסט. מען זאגט, אז עס האלט שוין ביי זעקס הונדערט.

די דעלעגאטען פון פוילען און פון דער געוועזענער גאליציען הויבען שוין אן דערפיהלען דעם טעם פון וואליוטא. זיי האבען מיטגעבראכט מיט זיך גאנצע זעק מיט פוילישע מארקען, וועלכע ווערען צורונען דורך די פינגער אויס־בייטענדיג אויף טשעכאסלאוואקישע קראנען אין ווערטה פון 12—15 פוילישע מארק פאר א קראנע, וועלכע אליין האט די ווערטה וויניגער פון אן אמעריקא־נעם סענט. און דאך איז די וואליוטא ניט קיין אפהאלט. זיי קומען די דעלע־

www.libtool.com.cn

גאטען פון פוילען און גאליציען מחנות־ווייז, פול מיט ברענענדער איבערגע־בענהייט צו דעם גרויסען ערלייזענדען פאלקס אידעאל.

צווישען די פולישע דעלעגאטען זעהט מען פיעלע רבנים און חסידישע אידען, וועלכע געהערען צו דעם מזרחי, אונטער דער לייטונג פון מר. פארבשטיין, דעם בעוואוסטען ווארשאווער מזרחיסט. אלע זיינען זיי אנגעטאן אין די לאנגע קליידער, און דער שעהנער בראנזענער מזרחי־צייכען שיינט אראפ פון זייערע לאצען.

די קאנגרעס לופט שטארקט זיך. מען ווערט אריינגעשלעפט אין איהר און מען הויבט אן צו שפירען א נשמה יתירה. פון אלע זייטען פערנעהמט דער אויער פערשיעדענע קלאנגען, וואס מאכען דיך פול מיט געדאנקען און בערוישט מיט שטימונגען. א, די קאנגרעס שטימונגען! וועלכער דעלעגאט האט זיי ניט?

מיינע אויערען האבען שוין צעהנדליגע יאהר ניט געהערט דעם קלאנג פון דער רוסישער שפראך. געהענדיג היינט אונטער דער קאלאנאדע ביי דעם מיל־ברויז ברונען, דערהער איך פלוצלונג אן אנגענעהמע בעקאנטע שטימע רעדט א שעהנעם קלינגענדען רוסיש. איך קעהר זיך אום און דערזעה א הויכען שעהנעם אלטען מאן, מיט א היבשען רוסישען בארד, געהט געארמט מיט מנחם מענדעל אוסישקין. נאך א בליק האב איך אין איהם דערקענט מיין אמאליגען פריינד, פון דרייסיג יאהר צוריק, דעם ראבינער פון יעליסאוועטגראד, הערר וולאדימיר טיאמקין, איינער פון די פארנעהמסטע חובבי ציון פון יענער צייט, אין די טעג פון פינסקער און ליליענבלום. מערקווירדיג, אין דעם זעלבען מאמענט האט ער מיך אויך דערקענט.

„טיאמקין! מאסליאנסקי!" האט זיך אין איין צייט דערהערט דער פריי־דיגער אויסרוף פון אונזערע הערצער. נאך א הארציגען שלום עליכם זיינען מיר געבליבען געארמט איינער מיט דעם אנדערען אייניגע מינוט, און שפאצי־רענדיג אזוי האבען מיר אויפגעפרישט זכרונות פון אונזער בעקאנטשאפט מיט דרייסיג יאהר צוריק, און ווידער האבען גענומען שטראמען פאר מיינע אויגען ווייטע־נאהענטע בילדער, הארציגע, ליעבע מאמענטען פון יענער בעגייסטערטער חיבת ציון פעריאדע.

א, די עראינערונגען, ווי גערן איך באגעגען זיי.

---

מיטוואך, 31טער אויגוסט.

די ציוניסטישע משפחה ווערט גרעסער פון מינוט צו מינוט. זיי קומען פון אלע עקען וועלט צו דעם צוועלפטען ציוניסטישען קאנגרעס, וועלכער דארף

www.libtool.com.cn

לייגען דעם פונדאַמענט פון אַ נייער פּראַקטישער טהעטיגקייט אין אונזער בעוועגונג. אַט געהט אַ קליינע גרופּע איטאַליענישע ציוניסטען־דעלעגאַטען, ריידענדיג זייער מוזיקאַלישע שפּראַך. מען זאָגט אַז זיי זיינען זעהר הייסע איבערגעבענע ציוניסטען. מיט זיי אין דער גרופּע געהט איינער פון אונזערע גדולי הדור, רעדט צו זיי זייער שפּראַך, איבערזעצט צו אַנדערע פאַר זיי, און דאָס איז דער פון אַלעמען בעליעבטער דר. חיות, דער רב הכולל פון וויען.

„אהא, די אַמעריקאַנער זיינען שוין דאָ!“ לאָזט זיך הערען פון איין לאַגער אין דעם צווייטען מיט גרויס שמחה. אַלע פרעהען זיך מיט דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, אַלע, אַלע, פון וועלכען לאַנד זיי זאָלען ניט קומען און צו וועלכען לאַגער זיי זאָלען ניט געהערען, אַלע זיינען מיט דער מיינונג, אַז די הילף פאַר ארץ ישראל קען קומען ניט פון פראַנק, קראָן, מאַרק אָדער ליע, נאָר פון דעם מעכטיגען דאָלאַר. מען קוקט מיט רעספּעקט אויף דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, וועלכע דאַרף בעזיצען דעם שליסעל צו אַט דעם מעכטיגען דאָלאַר, וואָס דאַרף אויפבויען ארץ ישראל פאַר דעם אידישען פאָלק.

דער שליסעל צום דאָלאַר... יאָ, מיר וואָלטען איהם געדאַרפט בעזיצען, נאָר איז עס אַזוי? ווער ווייס?...

„איהר האָט געהערט? ביאַליק איז שוין דאָ. איך האָב איהם אַליין געזעהן“, הער איך ווי אַ יונגערמאַן רופט זיך אָפּ צו אַ קאָמפּאַניע העברעער און העברעערינען, שטעהענדיג ביי דעם שוצען־הויז.

די בשורה האָט זיי דורכגענומען ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. אַ קוואַל פון פרייד האָט זיך פאַר זיי געעפענט, ווען זיי האָבען דערהערט, אַז זייער ליעבלינג־דיכטער, וועלכען מיר האָבען שוין אַלע געהאַט בעוויינט נאָך די פאַלשע קלאַנגען אין די צייטונגען, איז מיט זיי, מיט אונז אין קאַרלסבאַד. ער לעבט, ער שאַפט פאַר׳ן פאָלק!

און דאָס פאָלק האָט דאָך אַזוי ליעב זיין נאַציאָנאַלען דיכטער.

אַרום ביאַליק׳ן האָבען זיך גרופּירט פיעלע גרויסע משוררים, דיינקער, פּובליציסטען און בעלעטריסטען, ווי דר. קלאַצקין, שניאור, נאָמבערג, קליינמאַן און נאָך און נאָך, אַלע עהערען, אַלע פערגעטערען דעם גרויסען דיכטער חיים נחמן ביאַליק.

אָט געהען די אמת׳ע גדולים: פּראָפעסאָר ווייצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, דער קליינער קבוץ גליות, די אויסגעקליבענע פון פאָלק קוקען אויף זיי מיט יראת הכבוד און ערוואַרטען צו הערען עפּעס וויכטיגעס, גרויסעס ביי דער ערעפענונג מאָרגען פון דעם צוועלפטען ציוניסטישען קאָנגרעס, דער ערשטער נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע און סאַן רעמאָ.

www.libtool.com.cn

דאָנערשטאָג, 1טער סעפּטעמבער.

היינט האָט זיך געעפענט דער צוועלפטער ציוניסטישער קאָנגרעס.
עס איז א לאַנגע און שווערע רייזע פון ארץ ישראל...
אויף דיעזער רייזע וועל איך די לעזער ניט מיטנעהמען...

ע נ ד ע.

# רשימה

נעמען פון מענשען און שטעדט, וועלכע זיינען דערמאנט אין דיזען בוך.

www.libtool.com.cn


**א**

אבעל, שניאור ..... 207
אבראמאוויטש, שלום יעקב ..... 3
אדלער, ר'נפתלי ..... 184, 149-150
אדלער, ר' נתן ..... 149
אדעס ..... 3-7
אהרנסאהן, אהרן ..... 208-210
אהרנזאהן, מ. א. ..... 99
אהרנסאהן, ראובן ..... 207
אהרנשטאם, ר' מרדכי ..... 134-135
אומאן ..... 43-44
אוסישקין, מנחם מענדל ..... 363, 36-38, 3
איגנאטיעוו, גראף ..... 78, 2
איזמאאיל ..... 12-13
אייזענבערג, אהרן ..... 325
אייזענשטאדט, יצחק ..... 25
אימבער, נפתלי הירץ ..... 256
איסערלין, ר' איסר ..... 55
איסערלין, ר' שכנא ..... 53
אלכסנדראוו, שמואל ..... 116-117
אלכסנדר, דער צווייטער ..... 57, 40, 2
אלכסנדר, דער דריטער ..... 139, 119-123, 2
אלכסנדריא של מצרים ..... 310-314
אמשטערדאם ..... 176-182
אנטווערפען ..... 171-175
אפרת (שאוועל) ..... 135
אקסעלראד (לאדז) ..... 82
אקערמאן ..... 18
ארגענטינא ..... 8-11
ארלאזאראוו, ר' אברהם יחזקאל ..... 25
אשינסקי, ר' אהרן מרדכי ..... 262
אשכנזי, זלמן ..... 49

**ב**

באבושקין ..... 113
באברויסק ..... 115—119
באגראטשאוו, דר. ..... 318
באד עמס ..... 284—287
באדענהיימער, דר. ..... 289
באלטימאר ..... 207—210
באמבערגער, דר. ..... 139
בארדיטשעוו ..... 44-45
בארוכאוו, אהרן מיכל ..... 343, 98
באסטאן ..... 249—253
בוקאנסקי, מאקס, (בן פורת) ..... 245,
בורשטיין, (קליוולאנד) ..... 220
ביאליסטאק ..... 136, 70—74
ביאליק, חיים נחמן ..... 364, 48
ביסקינד, (קליוולאנד) ..... 220
ביעלא־צערקאוו ..... 41-42
בית המדרש הגדול ..... 194—196
בלושטיין, דר. דוד ..... 244, 239—240
בלומבערג, יונה דוב ..... 326
בלומענטהאל, ר' אברהם יוחנן ..... 340
בלומענפעלד, דר. ..... 11
בלום (ירושלים) ..... 354
בני משה, חברה ..... 26-33
בן־דוד, י. ..... 45-46
בענדערסקי, דר. ישראל ..... 40
בענענסאן, יהושע ..... 350, 62
בעסאראביע ..... 12, 7
בערכין, בן ציון ..... 46
בערליאנד, שלמה ..... 10
בערלין ..... 142—145
בערמאן, (קליוולאנד) ..... 220
בערנשטיין, ר' דוב ..... 46
בערנשטיין (יעליסאוועטגראד) ..... 20-22
בראמבערג, ר' העשל ..... 104
בראמסאן, משה ..... 99
ברוידא, יצחק ..... —.244
ברודנא, (קליוולאנד) ..... 220
ברוקלין ..... 190—191
בריטישער מוזעאום ..... 156—157
בריל, דר. י. ל. ..... 245
בריל, יוסף (איו"ב ממינסק) ..... 62
בריסק ..... 100—104
ברלין, ר' נפתלי צבי יהודה 101, 79—80
206—207
ברענער י. ח. ..... 313

**ג**

גאטלאבער, אברהם בער ..... 72
גאטעסמאן, (זשיטאמיר) ..... 47
גאלדבערג, ישראל (יכנה"ז) ..... 62
גארדאן, דר. (ווילנער ראבינער) ..... 67
גארדין, יעקב ..... 20

גביר ... 169
גינזבורג, אשר (אחד העם) ... 3
גיסין, (אדוואָקאַט) ... 322, 320
גלוסקין, זאב ... 324, 80
גראָדנער, ר' ישראל (בלינדער מגיד) ... 61—62
גראָזאָווסקי, יהודה ... 323
גרוזענבערג, (אדוואָקאַט) ... 305—306
גרינבוים, דזשאָרדזש שמואל ... 240


## ד


דזשייקאָבס, דזשאָזעף ... 245
דאווידסאָן, ל. ... 48
דאַליצקי, מ. מ. ... 245
דובנא ... 131, 48
דובינסקי, שלמה ... 19, 10
דוואָרסקי, מרת ... 268
דווינסק ... 104—109
דוקאס, יוליוס ... 269
דורשי תושיה, חברה ... 10
דייטש, פראָפ. גאָטהאלד ... 233, 224—225
דיינאָוו, ר' צבי הירש ... 58, 2
דע האאז, יעקב ... 245
דע סאלא, קלאַרענס ... 262
דעמבא, דר. יצחק ... 92—93
דרוזגעניק ... 91


## ה


האָמעל ... 111—114
האָפמאַן, ריכארד־בער ... 359
הוראָדנא ... 85—91
הוראָדנער, ר' נחום'קע ... 89—91
הורוויץ, (באלטימאָר) ... 207
הורעוויץ (שיקאגא) ... 219, 213
הורעוויטש, יוסף ... 62
הירש, באראָן מאַריץ ... 8—11
הערשבערג, א. ש. ... 71
הילדעסהיימער, דר. הירש ... 142
הילדעסהיימער, ר' עזריאל ... 142
הירש, דר. עמיל ג. ... 219—218
הערמאַלין, ד. מ. ... 245
הערצל, דר. טהעאָדאָר 355, 315, 292, 289
הררי, חיים ... 317


## ו


וואלרשטיין, דר. א. ש. ... 317, 252
וואָלף, ישראל ... 244
וואָלפסאָן, דוד ... 315, 289—292
ווארבורג, פעליקס ... 267
ווארשא ... 74—80
וויטענבערג, מ. ... 105
ווייס, דר. י. מ. ... 224—228
ווייסבערג, יצחק יעקב ... 40
וויצמאַן, דר. חיים ... 364
ווילבושעוויץ, (אינזשעניר) ... 351
ווילנא ... 65—69
וויען ... 352—359
וויערניק, פרץ ... 219, 212


## ז


זאקס, שלמה ... 105
זאַלאַטקאָף, לעאָן (זקף גדול) ... 245, 218
זאַנענטהאל ... 8
זוטאַ, ח. ל. ... 343
זייפערט, משה ... 245
זילבערסטאַן, ר' גדליה ... 332
זילבערמאַן, תנחום ... 208
זלאַטאָפאָלסקי, הלל ... 306
זעליאַני, גענעראל ... 5
זעליגמאַן, פראָפ. ... 240
זעליקאָוויץ, פראָפ. געציל ... 219
זשיטאָמיר ... 46—48


## ח


חאזאַנאָוויטש, דר. יוסף ... 72—73
חברון ... 332—333
חוואָלסאָן, פראָפ. דניאל ... 102
חיות, דר. צבי פרץ ... 356
חיים, הקדוש ר' ... 10
חנה'לעס, ר' אברהם ... 62
חריף, ר' יעקב יוסף (רב הכולל) 198-202
חרלפ (רחובות) ... 326


## ט


טאוויאָוו, ישראל חיים ... 129
טאנענבוים, אבנר ... 245
טאָרוטינא ... 15—16
טולסקי, יהושע ... 47


www.libtool.com.cn

טוקום ........ 130—131
טורבערג, פנחס ........ 244 ,245
טיאַמקין, וולאדימיר ........ 22 ,363
טיראדאַ, יעקב ........ 146 ,177
טערטאקאָוו, (טענאָר) ........ 286
טראכטמאן, יעקב שמואל הלוי ........ 18
טריעסט ........ 351
טשארטקאָווער רבי ........ 357
טשערניכאָווסקי, שאול ........ 39


## י


יהואש (ש. בלומגארדען) ........ 245
יהל״ל ........ 40
יחס, רעוו. שרגא פ. ........ 241
יעווזעראָוו, יהודה ליב ........ 5
יעלין, דוד ........ 345
יעליסאוועטגראד ........ 19
יעלסקי, דר. (לאָדז) ........ 85
יעקאטערינאָסלאוו ........ 3 ,33—38
יפה, בצלאל ........ 88 ,317
יפה, ר' דוב בער ........ 88
יפה, ליב ........ 88 ,343
יפה, ר' מרדכי גימפל ........ 8 ,88 ,324
ירושלים ........ 327—346


## כ


כאַרקאָוו ........ 24—25
כהן—בערנשטיין, דר. ........ 10
כהן, יוסף ה. ........ 263
כהן, לאזארוס ........ 262
כהן, ר' מאיר שמחה ........ 106
כהן, מרדכי בן הלל ........
112 ,317 ,319 ,354—355


## ל


לאנבערג, פ. ........ 15
לאנדא ........ 123
לאַנדאַו, הערמאן ........ 152-153
לאָנדאָן ........ 146—160
לאָדז ........ 80—85
לאָעב, (מאלער) ........ 276
לובאַזינסקי, דר. ........ 14
לובארסקי, אברהם אליהו ........ 5
לובעצקי, ר' יהודה ........ 185
לוי, דר. היינריך ........ 143
לופמאן (קליוולאנד) ........ 220

www.libtool.com.cn

לונץ ........ 129
ליאָווא ........ 17
ליבאווא ........ 125—128
ליווערפול ........ 167
ליטא ........ 7
ליליענבלום, משה ליב ........ 4 ,5
ליעדז ........ 162
ליפשיץ, יעקב ........ 98
לעוואנדא, וויטאל ........ 3 ,35—36
לעוואנדא, לייב ........ 35
לעוואנטין, ז. ד. ........ 317 ,319
לעווין, אברהם (מאָנטרעאָל) ........ 354
לעווין, אברהם (ריגא) ........ 273—275
לעווין, יהודה (יהל״ל) ........ 40
לעווענזאָהן, ר' יצחק בער ........ 50
לעווענטהאל, ר' דוב אריה ........ 254—255
לעסער, ר' ........ 212


## מ


מאגנעס, דר. יהודה ליב ........ 225
מאָהילעוו ........ 119-124
מאָהליווער, ר' שמואל 136. 5—93, 74— 70
מאָהליווער, יוסף ........ 343
מאיראוויץ (ראשון לציון) ........ 324
מאלאכאָווסקי, הלל ........ 257
מאָנטרעאָל ........ 258-262
מאָנטשעסטער ........ 165
מאסליאנסקי, ר' חיים ........ 58
מאסליאנסקי, ישראל ........ 53
מאסליאנסקי, פנחס ........ 59
מאַפּו, אברהם ........ 96
מאָרגענשטערן (חזן) ........ 358-359
מאָרייעס, ר' שבתי ........ 255
מארקוס, ראבינער (ביאליסטאָק) ........ 73
מאַרשאל, לואי ........ 240-243 ,244 ,264
מארשאק ........ 40
מזח, יהושע הלוי ........ 45—46
מזל, יוסף ........ 165
מחזיקי תלמוד תורה ........ 202-204
מידמאן־כהן, דר. ........ 317
מיטאווא ........ 130
מיידאנסקי, ר' מיכל ........ 3 ,34-35 ,87
מייזעל, ר' אליהו חיים ........ 83-85

www.libtool.com.cn


מיללער, אניוטא ... 356-357
מינסק ... 61—65
מינץ, בערנארד ... 278
מינץ, דר. מאָזעס ... 193
מירוויס, פּ. ... 207
מירער, ר' חיים ליב ... 84-85
מכבי, ר' חיים זונדל ... 158
מלמד, אלחנן ... 109
מעהער, פּנחס ... 322
מעמעל ... 141
מקוה ישראל ... 327
מרגליות, ר' חיים ... 49
מרגליות, יעקב ... 258
מרגליות, ר' משה זבולון ... 252, 253
משכיל-לאיתן, ר' נפתלי ... 62

נ

נאָמבערג, ח. ד. ... 364
נאראדיצקי, ישראל ... 46
נופך (מינסק) ... 64
נופך (תל אביב) ... 319
ניו יארק ... 190-191
ניידיטש, יצחק אשר ... 306
נייטהען (שיקאַגאָ) ... 213-214
נעטער, קאַרל ... 327

ס

סאָלאָווייטשיק, ר' חיים ... 101-104
סאָלאָווייטשיק, ר' יוסף בער ... 56-57, 60, 74, 106-107
סאַלאַנטער, ר' ישראל ... 141
סאפירשטיין, יעקב ... 248
סאָקאָלאָוו, נחום ... 77-78, 290, 364
סובאָוואָלסקי, דוד ... 62, 95
סולצבערגער, דזשאָדזש, מאיר ... 256
סולצבערגער, סיירוס ... 244
סזאָלד, דר. בנימין ... 208
סזאָלד, הענריעטא ... 208, 341
סטאַניסלאַווסקי, שמעון יהודה ... 3, 36
סימבאָוויץ, יונה ... 78
סימבאָוויץ, ר' שמואל ... 78
סינסינעטי ... 224-228
סירקין, יהושע ... 62, 95
סלאָבימסקי, חיים זעליג ... 76-77
סלוצק ... 41, 50-61

סלוצקי, אברהם יעקב ... 73, 95
סלוצקער, ר' מענדעלע ... 53-57
סלושץ, ר' דוד שלמה ... 4
סלושץ, פּראָפ. נחום ... 4
סמאָלענסקין, פּרץ ... 137, 215
סמילאנסקי ... 19
סמעליאַנאָוו, דוד ... 25
סעמועל, הערבערט ... 323, 326, 336-339
סעמועל, סטוארט ... 343
ספּעקטאָר, ר' יצחק אלחנן ... 96-99

ע

עדיוקיישאָנאַל אליויענס ... 236-243
עפּשטיין, ר' בנימין ... 46
עפּשטיין, דר. חיים יעקב ... 357

פּ

פּ., מאַדאַם ... 20-22
פּאַקס, דר. ... 207
פּאַרבשטיין, דר. צבי ... 363
פּ. ב. ... 206, 209
פּהילאַדעלפיא ... 254-258
פּיינבערג, דוד ... 8
פּיינבערג, ר' גבריאל ... 141
פּיינשטיין, ר' אהרן דוד ... 2
פּיינשטיין, ר' אריה ליב ... 104
פּליישמאַן, דר. העברי ... 239
פּלעקסער, בערטהא ... 46
פּלעקסער, חיים (וואָלינסקי) ... 47
פּעלזענטהאַל, דר. ברוך אריה ... 218
פּרוג, שמעון ... 39
פּרומקין, א. ... 245, 246
פּרידלאַנד (פּרידלאַנסקי) ... 105 174-175
פּרידמאַן, ר' דוד ... 3, 137
פּרידסאָן, ש. (שפ"ן הסופר) ... 252

פ

פ, דר. א. ... 12
פאַדווא (רחובות) ... 326
פאַליאַק, ר' צבי הירש ... 51
פאַליי, יונה ... 193, 232
פאַליי, סערגיי פאַוולאָוויטש ... 37-38
פאַליי, פּויטעל ... 37-38
פאַליקאָווסקי ... 41

פאמעראנץ, דר. מ. ... 6
פאריז ... 304-306, 183-186
פוחער, ר' שלמה ... 128
פיטסבורג ... 229-233
פיימער, ר' יאָסעלע ... 60, 56
פינסק ... 3, 2
פינסקער, דר. לעאָן ... 8, 4
פינעס, דר. ... 49
פיעסטון, ר' גרשון ... 124
פערעשטשעפאנא ... 23
פראָס, מ. מ. (איש יהודי ספרא) ... 78
פריוואַלסקי ... 41
פרילוצקי, צבי ... 49
פרץ, ר' (פון מירער ישיבה) ... 55
פתח תקוה ... 231-232

צ

ר' צדוק הכהן ... 184
צוקערמאַן ... 123
ציוני, ר' יצחק ... 109-111
ציוני, ישראל ... 245
ציטראָן, הרב ... 322
ציטלין, אהרן ... 40
צעדערבוים, אלכסנדר ... 108, 95

ק

קאבלענץ ... 287
קאהירא ... 347-350
קאָהען, ב. ... 301
קאָוונא ... 95-99
קאמייקא, ז. ב. ... 213
קאַמייקא, לעאָן ... 193
קאמינקא, דר. אהרן ... 355-356
קאמענדאר ... 16
קאַנטאָר, דר. יהודה ליב ... 126-127
קאַפלאַן (שיקאגאָ) ... 213
קאַץ, מ. ... 245
קאַצאָוויץ, ישראל איסר ... 23-24
קאַראַסיק, א. ש. ... 40
קארלסבאַד ... 359-365
קאָרנבליט, ז. ... 245
קוק, ר' אברהם יצחק ... 330-331
קיליא ... 13-14
קיעוו ... 39-40
קלאצקין, דר. ... 364
קלויזנער, דר. יוסף ... 343
קליוולאנד ... 220-223

www.libtool.com.cn

קלייבערג, ר' אלעזר ... 254
קעלמער מגיד, ר' משה יצחק ... 89
קעניגסבערג ... 138-140
קעשענעוו ... 8-11
קראניץ, ר' יעקב מדובנא ... 49
קראניץ, פיליפ ... 246, 245
קרוגער, אלבערט ... 268
קריטשעווסקי, פ. ... 317
קרעמענטשוג ... 23
קרעמעניץ ... 49

ר

ראבינאָוויץ, א. ז. ... 317
ראבינאָוויץ, יצחק איש קאָוונא ... 206
ראבינאָוויץ, מרדכי (בן־עמי) ... 95
ראבינאָוויץ, ר' צבי הירש ... 108, 97, 68
ראבינאָוויץ, שאול פנחס ... 78
ראדזינער רבי ר' גרשון העניך ... 92
ראדזינער רבי ר' יוסף ... 92
ראַדין, דר. אדאָלף ... 236-238
ראָוונאָ ... 49
ראָזען, ר' יוסף ... 322, 106-108
ראזענבאום, שמעון ... 62
ראָזענטהאל, יוסף ... 78
ראָזענטהאל, ליטמאַן ... 71
ראָזענפעלד, אבנר ... 20
ראָזענפעלד, מארים ... 245
ראָזענפעלד, שמואל ... 98
ראָזענצווייג, גרשון ... 232
ראקער יהושע ... 220-221
ראשון לציון ... 324
רובין, משה ... 233
רודניק ... 316
רומעניע ... 14
רוסאטא, ח. ... 19
רחובות ... 325
ריגא ... 128-130
רייזין, דר. ... 225
ריינהערץ, ברוך יצחק ... 252-253
רילף, דר. ... 141
רעדלער, בנימין (ר' בנימין) ... 343
רעזיצע ... 109-111

רעני ........................... 15
רפאל יוסף, ר' (סלוצק) .......... 60


## ש


שאַוועל .................... 131-135
שאַבעוויץ, משה ................ 25
שאַליט........................ 129
שאַלקע ..................... 52-53
שאפּירא, ר' רפאל ........ 115 ,118-119
שאפּער, דר. .................... 208
שדה-לבן ....................... 41
שווארץ-טומאה .................. 41
שולמאן, אלעזר ................ 41
שולמאן, קלמן ................66-67
שולמאן (שיקאַגאָ) .............. 213
שור, וואָלף..................... 219
שחור, ר' ...................... 252
שטערן, ר' יוסף זכריה ........132-133
שטראוס, איזידאָר .......... 239 ,240
שטראוס, דזשעסי ................ 239
שטראוס, פּראָפ. יוסף צבי......162-163
שיינקין, מ. מ. ................. 316
שייקעוויטש, נחום מאיר (ש"מ"ר) ..245
שיקאַגאָ .................... 211-219
שיף, יעקב .......269, 265-266, 240
ר' שלום מנשה..............103-104
שליאַפּעצניקאָוו, דר. ............ 25
שלמה נתן, ר' (סלוצק) .......... 55
ר' שמחה זעליג.................. 101
שמערלינג ..................... 123
שניאור, ז. ..................... 364
שניאורסאָן, ר' שמריה נח ..117-118, 115
שניטקינד, קאָוונער ראַבינער ....... 99
שפּירא, אלתר ................... 269
שפּירא, יעקב.................... 141
שפּירא, ר' יצחק מאיר ........... 44
שרהזאהן, אברהם חיים .......... 193
שרהזאהן, יחזקאל ............... 193
שרהזאן, כתריאל צבי ........264, 192


www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn